STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00394

DOS Z. VAYNPER-BUKH

Z. Weinper

Permanent preservation of this book was made possible
by Jack and Helen Cytryn
in memory of Feiga Mindel
and Avram Menachim Cytryn

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָס ז. ווײַנפּער־בוך

דאָס
ז. ווײנפּער־בוך

איקוף פֿאַרלאַג

1962

DOS Z. WEINPER BUCH
(The Z. Weinper Book)

Published by
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)
New York 3, N. Y.
1 9 6 2

א י נ ה אַ ל ט

נ. מ. — צו די לייענער 11

לידער פון ז. ווײנפּער

פונעם בוך „פון אונדזער לאַנד״:

צו דײַנע ברעגן 15
אַלץ נעענטער 16
בלוי־אויגיקע קינדער 16
אַ בלודנע שאָף 17
אַזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאַנד 18
נאָך שווערער איז דער וויי 19
וואָס קומט אַרויס 19
ער 20
ירושלים 24

פון בוך „ראַטמיאַ״:

ראַטמיאַ 35

פון בוך „בײַ דער גרעבליע״:

גוט און אומעטיק 42
בײַ דער גרעבליע 43
אַ מעשה מיט אַ קו 45
בײַ דער פּיאַנע 45
מײַן היים 46
נאָך אַלעמען 47
אַ דאָרף 47
די שיף גייט אָפּ 48
דורך ברויזנדיקע כוואַליעס 48

פון בוך „גאָלד און גרין״:

אַזוי פיל וועגן 50
גרויע פאַרלאָזענע שטיינער 51
נאָך גוט 51
אומרו מײַנער 52

איך וואַרט נאָך אַלץ . . . 94
פֿײַערדיקע פֿענער . . . 52
גאָטס צאָרן איז אַנטשוויגן . . . 53
און דינען דיר . . . 54
ניו־יאָרק . . . 56
זונשײַן . . . 56
זונטיק פֿאַרנאַכט . . . 57
אָ, ווי, האָ . . . 58
גאָס איין, גאָס אויס . . . 59
אַ שנײַיִקער פֿרימאָרגן . . . 60
דער מאַמעס ניגון און די קלויסטער־גלעקער . . . 60
אַ מענטש ווי איך . . . 62
אַביסל זונשײַן . . . 63
איבער גאַסן . . . 65

פֿון בוך „אײגנס“:

ייִדיש . . . 67
צו אַלדי גוטע יאָר . . . 68
מיר אַמעריקאַנער . . . 71
הייליקע ערד . . . 74
איוואַנציע מאַזעפּיך . . . 74
אונדזער טרייסט . . . 77
צום דיכטער מיט דער געגנדזענער פּען . . . 78
איכה . . . 79
דאָס אויג און קול פֿון גאָט . . . 79
אונדזערע שפּראַצן . . . 81
אַ טאָג איבער ניו־יאָרק . . . 82

פֿון בוך „געקליבענע לידער“:

דער באַרוועסער ברודער מײַנער . . . 86
נישט אַלץ . . . 88
רייד מיט משה לייבן . . . 88
נאָכן שניט . . . 89
בלעטער . . . 90
אין רויך פֿון ליולקע . . . 90
די קאַסע און דער סערף . . . 91
ניט אומעטיק איז מיר . . . 92
דורך מײַן פֿענצטער . . . 93
פֿײַערדיקע פֿייגל . . . 94

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן 95
אין גרויס ניו־יאָרק 98
מעדיטאַציע 99

פון בוך „דער גילדענער האָן":

דער גילדענער האָן 101
אין שול אַריין 102
מיין מיידעלע 103
אַ געזאַנגל 103
גרעזעלעך 104
חוה 104
סעמי דער שיכפוצער 104
דאָס נעגערל און דאָס שלעגערל 105
אַ פּאָסטוכל אַ טרוימער 106
גוטמאָרגן 106
טויבן 107
זינג, זינג צום גרויסן נס 107
אַ שטיבל 107
זומער 108
שניי־קערער 109
דער לערער דערציילט 109

פון ביכל „ביראָבידזשאַן":

אַרויס מיט די פּאַקלעך 113
פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק 114
בציבור 115
ניי־יידיש 115
די בריק צום צוריק 116

פון בוך „פּיניע":

פראַגמענטן 119
די ערשטע גרויע האָר 131

פון בוך „געזאַנג פונעם גלוּביקן":

מיינע לידער 134
אויטאָביאָגראַפיש 135
פּופּציק 137

א פּערטל יאָרהונדערט 141
אלה אזכרה — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען 143
פּאַר דער שנאה אין מיר 147
פּאַר אייער הייליקייט און לויטערקייט 150
איך קריך צוריק אויף אַלע מײַנע פיר 151
ווי אַ ברכה פון דער ערד 153
אײביק 155
אומעט שווערער, לאָז מיך אָפּ 155
גאָט און מענטש 156
ניט שטערט־זשע דעם גאַנג 157
און אויך מײַן יידיש וואָרט 158
ביים קבר פון דוד עדעלשטאַט 159

פון בוך „ביים גרענד קעניאָן״:

אָט איז עס דאָך דאָס ליד 163
מה גדלו מעשיך, אדוני! 163
דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל 164
גענאָד 165
עס איז דאָס 165
די אײביקייט 165
גרויזאַם רעטעניש 166
און אפשר בין איך נאָך נישט געבוירן 168
יענע מאַמע 169
צו יענער שוועל 173
וועלט איז נאָך אין וואַנדער 173
פּאַראויס, פּאָעט 174

פון בוך „לייד און פרייד״:

מיר, פרייע יידישע אַמעריקאַנער 175
מה טוב 178
אַזוי פיל וואונדער 180
כל דור הדור מיט זײַן שיר חדש 181
די ווײַסקייט פון ניט־באַשריבענעם פּאַפּיר 183
געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליד, וואָס ווייסט געניי 185
מענטשן 186
מײַן ליד — מײַן לאַמטערן 187
און גיין וועל איך אַזוי 188
גאָט פון מײַנע אָבות 190
צו זיטען 192

פון בוך „פּאַעמען וועגן די נביאים״:

אונדזער מלכּא קדישא 193
צו מיין טאַכטער נחמהלע 194
באַלאַדע פון בן־אָדם 195
משה 201
עמוס 208
ישעיה דער צווייטער 217

לעצטע לידער:

קאַנאַדע — אונדזער גוטער שכן 222
דאָס ליד פון איבערגאַנג 223
ווי שיין און ליב דאָס איז 224
מיין פריינט, דער אינזשענער 224
לעיק לואיז 226
לעיק עמעראַלד 229
אַ יום־טוב פון מנוחה 230
דרימל 231
דער פויגל, נעבעך 231
בין איך ווערט דאָ אַזאַ זכיה 233
צו זיטען פון זיסקען 234

אַרטיקלען וועגן ז. ווײַנפּער

אברהם רייזען — ז. ווײַנפּער — דער אָנהויבער 239
דוד בערגעלסאָן — ז. ווײַנפּער — דער זינגער פון פרייד 241
מ. אָלגין — ז. ווײַנפּער 244
ל. כּאַנוקאָוו — מיט אַ פּול האַרץ פון פרייד 251
דער קינדער־דיכטער 255
יעקב מעסטל — עטלעכע שטריכן פון ז. ווײַנפּער 259
ז. ווײַנפּערס „שרייבער און קינסטלער״ 263
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — ז. ווײַנפּער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע 273
פּעסיע כהנא — אויף ז. ווײַנפּערס דיכטערישן וועג 277
ש. ניגער — ז. ווײַנפּער און זיינע „געקליבענע לידער״ 283
נחמן מייזיל — ז. ווײַנפּערס ערשטע לידער־זאַמלונג „פון אונדזער לאַנד״ 288
דיכטערישער גאַנג פון ז. ווײַנפּער 300
ז. ווײַנפּערס שאַפונגס־וועג די לעצטע צוואַנציק יאָר 316
ז. ווײַנפּער — דער מענטש און דער דיכטער 328

ז. וויינפּערס טויט און לוויה

הספּדים:

נחמן מייזיל 341
ב. צ. גאָלדבערג 343
פרענק קירק 346
א. גאָלדבערג 346
פּ. נאָוויק 348
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי 349
בער האָראָוויץ 350

ז. וויינפּער — מענטש און דיכטער

פּ. נאָוויק — די קוואַלן פון דעם דיכטער זישע וויינפּער 351
א. גאָלדבערג — זישע וויינפּער — דער גלויביקער 355
זישע וויינפּער — דער קולטור־שליח 364
שלום שטערן — ז. וויינפּער — דער דיכטער און פּראָזע־שרייבער 369
מ. ירדני — ז. וויינפּער אין מוזיק 377
הויפּט־דאַטעס פון ז. וויינפּערס לעבן און שאַפן 380

צו די לייענער

מיר גיבן איצט איבער אין אייערע הענט דאָס לאַנג־דערוואַרטעטע ז. וויינפּער־בוך. מיר האָבן געוואָלט אַרויסגעבן דאָס בוך מיט אַ צוויי־דריי יאָר צו־ריק, אָבער צוליב טעכנישע סיבות דערשיינט עס ערשט איצט.

דאָס בוך באַשטייט פון צוויי טיילן.

אין דעם ערשטן, גרעסערן, טייל זיינען געבראַכט לידער פון ז. וויינפּערן, געקליבן פון זיין גרויסן שאַפונגס־אוצר. מיר האָבן זיך באַמיט אויסצוקלייבן פון זיינע אַרויסגעגעבענע לידער־זאַמלונגען לויט די יאָרן ווי זיי זיינען דערשינען, אָנגעהויבן פון זיין ערשטן לידער־ביכל „פון אונדזער לאַנד“, וואָס איז אַרויס אין 1920, ביז זיין לעצטן לידער־בוך „לייד און פרייד“, געדרוקט אין 1954. פון די הונדערטער לידער און פּאָעמעס האָבן מיר געבראַכט די, וואָס זיינען כאַראַק־טעריסטיש פאַר וויינפּערן. לסוף האָבן מיר צוגעגעבן אַ צאָל לידער, וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע צוויי־דריי יאָר, וועלכע זיינען אין בוך־פאָרם נישט אַריין.

די פאַרשיידענע לידער און פּאָעמעס, געשאַפן דורך וויינפּערן אין משך פון איבער פערציק יאָר, ווי זיי זיינען געגעבן איצט אינעם דאָזיקן בוך, ברענגען אַרויס אין פולן ליכט ז. וויינפּערן דעם מענטש און פּאָעט, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן באַמיט זיך צו ברענגען צום פולן אויסדרוק אַלע זיינע איבערלעבענישן, איבער־וואַנדלונגען, די זוכענישן און געפינענישן, ווי אויך די לייד און פרייד, וואָס ער האָט געשעפּט פון זיין אייגענעם וועזן און פון די אַרומיקע געשעענישן. ז. וויינפּער איז קיינמאָל נישט געווען קיין זייטיקער קאַלטער באַאָבאַכטער. ער האָט שאַרף רעאַגירט אויף די אַרומיקע געשעענישן און באַמיט זיך גלייך אַרויסצוברענגען זיי דורך זיינע ציטער־צאַפּלדיקע לידער. ער איז אַלעמאָל געווען וואַך און אַקטיוו אינעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און זיינע לידער זיינען אויך אָפּ־קלאַנגען־אָפּהילכן פון די פאַרשיידענע פּראָצעסן אין דער ווירקלעכקייט. טריסק, וואַרשע, ניו־יאָרק, ירושלים און ווידער — ניו־יאָרק ווערן אַרויסגעבראַכט דורך זיין וויזיע און פאַנטאַזיע. מיר פאָלגן נאָך לויט די לידער און פּאָעמעס דעם וואוקס, די אַנטוויקלונג און דאָס רייפער ווערן פון דעם דיכטער סיי אין אינהאַלט און סיי אין פאָרם, וואָס זיינען ביי אים ענג און אָרגאַניש געווען פאַרבונדן. ער איז איינער פון די יידישע דיכטער, וואָס האָט כסדר געלעבט מיט זיין שאַפן, און זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם קולטור־שאַפערישן לעבן בכלל. וויינפּער איז אויך געווען אַ זאָגער, אַ מאָנער, נישט נאָר אַ שייך־זינגער, און דאָס זעען מיר אין די לידער, וואָס זיינען פּאָעטישע אויסדרוקן פון זיין אויסטענהן זיך מיט זיך, מיט וועלט.

אין צווייטן טייל פונעם בוך ברענגען מיר אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען, כאַראַק־טעריסטיקעס וועגן ז. וויינפּערן דעם מענטש און דיכטער, געשריבן אין פאַרשיי־דענע צייטן דורך פאַרשיידענע דיכטער, פּראָזאַאיקער און קריטיקער. עס זיינען

אויך געבראַכט אָפּהאַנדלונגען וועגן ז. ווײַנפּערס אײנצעלנע ווערק, סײ אין פּאָ־עזיע אין סײ אין פּראָזע. מיר האָבן פון דער גרויסער צאָל אַרטיקלען וועגן ווײַנ־פּערן אַרויסגענומען בלויז אַ טייל. ס׳איז אַ שאָד, וואָס מיר האָבן נישט געקאָנט ברענגען קיין פולע ביבליאָגראַפיע פון די אַרטיקלען איבער ווײַנפּערן, וואָס זײַנען צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשיידענע צײַטונגען, צײַטשריפטן, זשורנאַלן און בי־כער. די געבראַכטע אין בוך אַרטיקלען, יעדער פאַר זיך און אַלע צוזאַמען, העלפן אונדז אַרויס צו זען אין דער פולער גרויס דעם שרײַבער אין דיכטער ווײַנפּער, וואָס איז אַזוי אײגנאַרטיק אין זײַן שאַפן, אין די פאַרשיידענע צווײַגן און געביטן פון זײַנע אַלערליי ליטעראַרישע טעטיקייטן. מיר זעען אין זיי די באַזונדערע ליבשאַפט און פאַרערונג, וואָס זײַנע פרײַנט און קאָלעגן האָבן געפילט צו ווײַנ־פּערן, דעם טרײַען און איבערגעגעבענעם מיטשאַפער־מיטבויער פון דער יידישער ליטעראַטור.

די לעצטע צוואַנציק יאָר פון זײַן אַקטיוו־שאַפערישן לעבן איז ווײַנפּער גע־ווען פאַרבונדן מיטן איקוף, מיט דער גרויסער קולטור־באַוועגונג, וואָס ער איז געווען איר וויזיאָנער און שליח. אים איז אויסגעקומען צו פאַרברענגען לאַנגע חדשים אין שטעט און לענדער, קומען אין לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט פיל קולטור־בויער און קולטור־שאַפער. און אוודאי וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו פאַרעפנט־לעכן אויך אַרטיקלען, וואָס זײַנען געשריבן געוואָרן פון זײַנע פרײַנט און פאַר־ערער פון די אַלע שטעט, וואָס ער האָט באַזוכט. אָבער צוליב מאַנגל אין אָרט, האָבן מיר אין דעם איצטיקן בוך זיי נישט געקאָנט אַרײַננעמען. מיר האָבן אויך נישט געקאָנט דרוקן בריוו פון ז. ווײַנפּערן צו זײַנע פרײַנט אין די אַלע שטעט.

מיר ווילן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די לייענער צו ז. ווײַנפּערס בוך „שרײַבער און קינסטלער״, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן אין 1958, צו זײַן ערשטן יאָרצײַט. אינעם בוך זײַנען אויפגעזאַמלט איבער פערציק אַרטיקלען פון ז. ווײַנ־פּערן, וואָס קומען אין פיר אָפּטיילן: 1) „ז. ווײַנפּער וועגן זיך און זײַן שאַפן״, 2) „יידישע שרײַבער״, 3) „יידישע קינסטלער״, 4) „מיטן גאַנג פון איקוף״. דאָס בוך, וואָס ווערט פאַרענדיקט מיט דער רירנדיקער שילדערונג פון זײַן טאָכטער, נחמה ווײַנפּער, גיט אונדז אַ אינטערעסאַנט בילד און וויקלט פאַנאַנדער פאַר אונדז די מגילה פון ווײַנפּערס גײַסטרייך לעבן, וואָס איז אומגעריכט איבערגעריסן גע־וואָרן, דעם 26טן יאַנואַר 1957.

זאָל דאָס איצטיקע ווײַנפּער־בוך ברענגען אונדזערע געפילן פון ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר ז. ווײַנפּערן דעם קאָלירפולן מענטש און דעם וואונדערבאַרן דיכ־טער, וואָס לעבט צווישן אונדז אויך די אַלע יאָרן נאָך זײַן פריצײַטיקן אַוועקגיין.

נ. מ.

אויגוסט, 1962

לידער פון ז. ווײַנפּער

בילד, געצייכנט פון בער האַראָוויץ

לידער פונעם בוך „פון אונדזער לאַנד״

צו דיינע ברעגן

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד
און ווי אַ קינד,
אַן ערשט געבוירענס און אַ ריינס פון זינד,
שטיי איך דאָ צווישן שוויגנדיקע מענטשן אויפן דעק
און הער, ווי יעדער בויג פון מאַסטבוימס ברענגט מיך צו דיין ברעג

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

אַ שיפל מיט אַ ווייסן לײַלעך פאַרן ווינט צעווייט
שווימט אויפן וואַסער, ווי אַ שוואַן די פליגל אויסגעשפּרייט.
און ביי דעם האָריזאָנט, ווי אומבאַמערקטערהייט,
זיך מיגיעגדיק אין פורפור און אין רויז
באַווייזט זיך עפּעס אַזאַ שווערס וואָס.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

שוויג שטיל מיין האַרץ, ניט רייס זיך פון מיין ברוסט אַרויס.
אויב אָפּגענאַרט וועסטו פון אַ מיראַזש איצט בלויז.
אַ שווערע שיף שניידט ציטעריק זיך אויס
און איבער איר דער כוואַליענדיקער רויך
בלייבט שטיקערווייז, ווי שווערע וואָלקנס, אין דער הויך.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

דאָס זאָגט מיר אָן דער שטילער ים אַצינד
און אויך דער לייכטער ווינט,
וואָס האָט זיך פלוצלינג, ווי אַ קינד
אַזוי־אַ שטיפעריש און מילד
פאַר טאַטע־מאַמעס הויז צעשפּילט.

צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.

פאַרלאַג „בצלאל״, 1920. 98 ז״ז.

אַלץ נעענטער

אַלץ נעענטער דערנעענט זיך די שיף צום ברעג.

שוין גרויען זיך די בערג ביים האָריזאָנט
און וואָלקנדלעך, זיך בייטנדיק פון פיאָלעט און בלאָנד,
פאַוואָליע ציען שורות־וויז זיך שטיל וואוהין אַוועק,
ווי סטאַדעס שאָף, וואָס ווייסן שוין אַהיים דעם וועג.

אַלץ נעענטער דערנעענט זיך די שיף צום ברעג.

אַ כוואַליע ציטערט אויף און פאַלט אַ רואיקע צוריק אַוועק
און שטייענדיק אַ שוויגנדיקער אויפן דעק
קוקט אויס פאַר מיר דער האַלבער־קרייז פון ים,
ווי שפיגל אין אַ פיאָלעט־באַזוימטן ראַם.

אַלץ נעענטער דערנעענט זיך די שיף צום ברעג.

אַ וואַסער־פויגל הויבט זיך אויף מיט רעש פון וואו
און גלייך נאָך אים אַ מחנה, שטערנדיק די רו.
איך הויב די אויגן אויף און, ווי מיך גריסנדיק מיט פרייד,
קרייזט איינער איבער מיר זיך הער און הין, די פליגל אויסגעשפּרייט.

אַלץ נעענטער דערנעענט זיך די שיף צום ברעג.

בלוי-אויגיקע קינדער

די הימלען:
בלוי־אויגיקע קינדער.
פאַרשפּיל איך מיין בליק אין די קינדער.
און טרעפט זיך:
מיין בליק שלאָגט זיך אָן אָן בערגיקע שפּיצן,
וואָס וויגן זיך אום אין די הויכן;
דערזע איך:
בלוי־אויגיקע קינדער,
מיט לאָקן צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאַמטע,
וואָס קוקן אויף מיר, ווי יתומים.

די הימלען:
בלוי־אויגיקע קינדער.
און בערגיקע שפּיצן,

ווי לאָקן צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאַמטע.
פאַרשפּיל איך מיין בליק אין די קינדער
און שפּילענדיק הער איך:
די ציטריקע טריט פון אַ מאַמען,
וואָס בלאָנדזשען
און קאָנען דעם וועג ניט געפינען.

און שפּילנדיק פיל איך,
אַז אָט־אָט און זי וועט אַ ווייסע
אַהער זיך באַווייזן,
אין איין האַנט אַ גאָלדענע קאַם וועט זי האַלטן,
די צווייטע געשטרעקט צו די קינדער,
און אָט־אָ־די לאָקן, צעוואָרפענע
און ניט אויסגעקאַמטע,
וועט זי אַזאַ גוטע
פאַרגלייכן, פאַרקאַמען.

אַ בלודנע שאָף

און אָט אַזוי איז דאָס געווען:
אַ בלודנע שאָף
האָט אויף אַ פעלד אַ וואָלף דערזען.

עס פאַלט דאָס בוך אַרויס פון מיינע הענט
און לייגט זיך אויף די קני,
און גלייך אַ כישוף־שטעקעלע
וואָלט זיך געטאָן פאַר מיר אַ צי
און מיינע אויגן פאַר מיר פאַרבלענדט.
איז מער נישטאָ פאַר מיר:
דאָס בוך, דער טיש און אויך דאָס הויז.
נאָר אַזאַ ווייסע־נאַכטיק־דרימלדיק לאַנד
שפּרייט כישופדיק פאַר מיר זיך אויס.
און כאָטש איך בין אין אָט־דעם לאַנד
דאָס ערשטע מאָל אַצינד
איז דאָך מיר אַלץ דאָ פיינלעך נאָענט און באַקאַנט.

און אָט אַזוי איז דאָס געווען:
אַ בלודנע שאָף
האָט אויף אַ פעלד אַ וואָלף דערזען.

איך ליג אַ שווייגנדיקער אויף דער ערד
און הער זיך איין
צו עפּעס אַזאַ אומעטיק געוויין,
וואָס הויבט זיך אויף פון טאָל
און ווערט צעגאַנגען אין דער נאַכט.
און הערנדיק,
צעווײנט זיך אויך אין מיר מײַן האַרץ.
עס דאַכט זיך אויס,
ווי אַלץ אַרום
וואָלט אימיצן באַקלאָגט,
און אָט־דער אימיצער
איז לאַנג, שוין לאַנג צוריק
אַמאָל,
אַמאָל
פון נאָך אַן אימיצן
געוואָרן, ווי אַ הונט פאַריאָגט
און ערגעץ אין אַ וויטן לאַנד
זיצט דער פאַריאָגטער וואו, ווי איך אַצינד
און טראַכט
פון עפּעס, וואָס איז ווען
אַמאָל,
אַמאָל
מיט אים געשען:

אַ בלודנע שאָף
האָט אויף אַ פעלד אַ וואָלף דערזען.

אַזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאַנד

אַזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאַנד
דורך טעג און נעכט געמאָלן.
און איצטער איז מיר אַלץ באַקאַנט:
די הויכע בערג, די טיפע טאָלן.

די טאָלן זײַנען דאָרט ווילדע,
די בערג מיט שאַרפע שפּיצן.
און מענטשן גייען אײַנגעהילט,
און שאַרפע מעסערס בליצן.

גאָר ווייסע זײַנען דאָרט די נעכט
און גרויסע דאָרט די שטערן.

וואָלט נאָר דאָס שטענדיקע געפעכט
דאָס שטילקייט ניט צעשטערן.

עס יאָגן רויבער זיך אויף פערד
מיט שאַרפע אײַזערנע כלי־זיין.
און ערגעץ צו דער האַרטער ערד
די מענטשן טוליען זיך אין רייען.

און עמיצנס אַ שווערע האַנט
האָלט בלויז אין איין צעשטערן.
און עמעץ צו אַ קאַלטער וואַנט
קלאַפּט מיט זײַן ברענענדיקן שטערן.

נאָך שווערער איז דער וויי

נאָך שווערער איז דער וויי,
נאָך טיפער איז די שאַנד.
אַ ביקס אַן אַנגעלאָדענע האַלטסטו אין האַנט
און שאַרף דער באַיאָנעט.
ווי שפיגל איז זיין גלאַנץ,
העי, שטן מיינער!
צעטראָטן פון דיין ווילדן וואקכאנאליע־טאַנץ
דריי איך זיך, ווי אַ שלאַנג
אַהין און הער
צעשניידנדיק דאָס לייב מיינס מיט מיין אייגענעם געווער.

נאָך שווערער איז דער וויי,
נאָך טיפער איז די שאַנד.

ווי וויי דעם וואָרעם טוט
דעם פערדיס אַ שווערער טראָט,
מערער וויי
טוט ער צום שלאַנג, וואָס האָט
אַ גיפט אַ מוטנדיקן אויפן צונג.
העי, שטן מיינער!
נאָר בלויז איין פלינקן שפרונג
און אין דיין גראָבן האַלדז
אַריינשטעכן אַזאַ־אַ ביס!
אַ שלאַנג אַ גיפטיקער בין איך אַצינד,
אַ שלאַנג אָן הענט, אָן פיס.

נאָך שווערער איז דער וויי,
נאָך טיפער איז די שאַנד.

וואָס קומט אַרויס?

וואָס קומט אַרויס?
דו פוצסט דיין ביקס היינט אויס
און גייסט, ווי יעדן טאָג אַרויס
און שטרענגסט דיין אויג אָן און דו צילסט:
פאַלט דען די קויל, וואוהין דו ווילסט?

וואָס קומט אַרויס?
דער צייכן אויפן ברעט איז שוואַרץ?
דאָס שוואַרץ איז אָבער ניט דאָס האַרץ
פון יענעם רויבערישן פיינט
נאָך וועמעס בלוט עס דורשט דיך היינט.

וואָס קומט אַרויס?
צי שיסטו שלעכט, צי שיסטו גוט.
אויף יעדן שטיין דיין אייגן בלוט,
און דו ביזט דאָ מיט דיין געווער
אַ ליאַלקע בלויז און גאָרניט מער.

ע ר

פינף אַזייגער פאַרנאַכט, די בערגיקע געגנט שפּילט זיך אין שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. פון הינטערגרונט ווייטלען זיך די הייזלעך פונעם דערפל „נס ציונה"; רעכטס ברוינלעכע הייזעלעך פון אַן אַראַביש דערפל. דאָ און דאָרטן אויסגעטראָטענע וועגן, אויף וועלכע עס בלאָנדזשען פאַרביי: אָט אַן אַראַבער אין זיין צעריסענער אַבאַיע, אָט אַן אויסטראַלישער סאָלדאַט אין זיין פאַרבויגענעם קאַפּעליוש אָנגעטאָן. אַ יידישער קאָלאָניסט הויבט זיך אויף אויף אַ בערגל און פאַרלירט זיך אויפן וועג קיין „נס ציונה." אַ מינוט שפּעטער קומט אָן אַ גרופּע יידישע אַרבעטער און זינגען:

ברוינלעכע בערגלעך
מיט ביימלעך באַזעצטע,
בלימלעך און גראָזן
מיט טויען באַנעצטע.
וויגן זיך צווייגן
אין זון־ליכט און גלאַנצן
און אויף די צווייגן
זיך גאָלדן מאַראַנצן,
דאָ און דאָרט הייזלעך
באַהנטע אַזוינע.
אָט אַזוי ליגט זיך
אין וועג נס ציונה.

און אַז די זון לאָזט
פאַרנאַכט זיך אַרונטער;
ווערן קאָלירן
דאָרט בונטער און בונטער.
פויגל אין גלייכע,
מושטירענדע רייען

טוען אַ הייב זיך
פון ווייט מיט געשרייען,
און ווי די פויגל
אין דאָרף: נס ציונה
שפּילן זיך קינדער
מיט פּנימלעך ברוינע.

פאָרט ווען אַ רייטער
פאַרביי אויף אַ פערדע
ווערן פון שיינקייט
פאַרכישופט זיי ביידע.
ער גלאָצט די אויגן
און זי קוים זי רירט זיך,
ביז אָט־דער ישוב
פון הינטן פאַרלירט זיך.
מאַכט ניט צי איז ער
אַ פריינד, צי אַ שונא;
יעדער מוז בענטשן
אין וועג: נס ציונה.

איינער טיילט זיך אָפּ פון דער גרופּע, פאַרנעמענדיק זיך אויף אַן אַנדער וועג.

דער איינער:
שלום, חברים.

די איבעריקע:
אויף מאָרגן אין כרם.

אַלע, אויסער דעם איינעם, פאַרלירן זיך. דער לאָזט זיך גיין לאַנגזאַם, ברומענדיק פאַר זיך:

פאָרט ווען אַ רייטער
פאַרביי אויף אַ פערדע
ווערן פון שיינקייט
פאַרכישופט זיי ביידע.

אַ גרופּע יידישע לעגיאָנערן גייען פאַרביי אין געמאָסטענעם טראָט, אָנגעטאָן אין קריגס־אויס־שטאַטונג און זינגען:

אין אַ צייט פון בלוט און אייזן
האָט זיך אונדזער זון צעגליט,
גאָט וועט גרויסע וואונדער ווייזן
אויפן וועג דעם יונגן ייד.

גייען מיר דורך בלוט און אייזן
מוטיקע אויף אונדזער ערד —
שפּעטער וועט אין אַקעראייזן
איבערשמידן זיך די שווערד.

אויף די בערג און אין די טאָלן
האָט די וועלט דאָס ליכט דערזען.
אויף די בערג און אָט־די טאָלן
איז דאָך אונדזער היים געווען.

אין אַ צייט פון בלוט און אייזן
האָט זיך אונדזער זון צעגליט.
גאָט האָט גרויסע וואונדער וויזן
אויפן וועג דעם יונגן ייד.

איצטער זייַנען מיר דאָ ווידער
ניט צו גיין שוין מער צוריק.
מוטיק מיט געווער און לידער
קעמפן מיר פאַר אונדזער גליק.

און נאָך העלער זיך צעגליען
וועט די זון אויף באַרג און טאָל
און דאָס לאַנד וועט ווידער בליען
פאַר דעם יידן, ווי אַמאָל.

פאַר דער צייט, וואָס זיי גייען און זינגען שטייט דער אַרבעטער אין אַ פּאָזע פון שטאָלץ, און ווען זיי פאַרלירן זיך אינגאַנצן, פאַרנעמט ער זיך אויף אַן אַנדער וועג. די בערגלעך הויבן זיך אָן צו שאָטענען פונעם זונען־אונטערגאַנג, נאָר „נס ציונה" באָדט זיך נאָך אַלץ אין ליכט. אויף אַ בערגל הויבט זיך אויף אַ לעגיאָנער, אומבאַוואָפנט, דעם גאַרטל נאָכלעסיק פאַרוואָרפן איבערן אַקסל און דעם טוניק צעשפיליעט. קוקט אַ רגע אויף דער געגנט און לאָזט זיך אַרונטער לאַנגזאַם, זינגענדיק פאַר זיך אַליין :

אויף די בערג, און אין די טאָלן
האָט די וועלט דאָס ליכט דערזען.

אַ גרופּע אַראַבער גייען פאַרביי און באַגריסן אים : סאַהידאַ.

לעגיאָנער : כולה יהוד קוויז־קאַטיר.
סאַהידאַ. לעגיאָנער : פאַרוואונדערט)
אַראַבער : (נויגנדיק זיך) כולה יהוד קוויז־קאַטיר ?

די אַראַבער גייען אַוועק. בויגענדיק זיך ער שטייט אַ רגע פאַרטראַכט, דערנאָך צעזינגט ער זיך, פריער שטיל און שפּעטער מיט מער עקסטאַז.

ווי רוישיקע כוואַליעס
אין ים זיך פאַרלוירן
זייַנען מיר איצט דאָ
אין מחנות צעשפּרייט.
אַ ריז ווערט דאָ ערגעץ
ווידער געבוירן.
אימיצער ברעכט דאָ
פון קנעכטשאַפט די קייט.

עס שפּילן די בערג זיך
אין ליכט און אין שאָטן,
ציענדיק שטום זיך
פאַרביי אונדזער וועג.
אַמאָל און אַמאָל האָט
אַ ריז דאָ געטראָטן
איז ער פון דאַנען
אויף וועגן אַוועק.

פאַרשטויבטע די קליידער
דורך בלוט און דורך אייזן
זייַנען מיר אַלע
פון וועגן שוין מיד.
ווער אפשר פון וואַנען
דער ריז זיך באַווייַזן
פירן אונדז מוטיקע
נאָך זייַנע טריט ?

ווי רוישיקע כוואַליעס
אין ים זיך פאַרלוירן
זייַנען מיר איצט דאָ
אין מחנות צעשפּרייט.
אַ ריז ווערט דאָ ערגעץ
ווידער־געבוירן.
עמיצער ברעכט דאָ
פון קנעכטשאַפט די קייט.

אַ רגע שטייט ער אַ באַגייסטערטער פון דער געגנט און זיין געזאַנג, און דערנאָך הויבט ער אָן לאַנגזאַם אַוועקצוגיין. אין דעם מאָמענט, ווען ער האַלט שוין אין פאַרלאָזן דאָס אָרט דערהערט זיך פלוצלינג אַ געזאַנג פון אַ ווייכער מיידלשער שטימע:

בלויע נעכט און ווייסע טעג
רייטער, רייטער אויפן פערד,
פאַרט אַ רייטער אויפן וועג.
האָסטו זיך פון מיר פאַרקלערט?

נאָכגעלאָזט פון האַנט די צוים
בלויע נעכט און ווייסע טעג
און דאָס פערד עס רירט זיך קוים.
קוק איך אויס דיך אויפן וועג!

לעגיאָנער הייבט־אויף די רעכטע האַנט צו די אויגן און קוקט אין דער ווייט, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן כאַפּן מיטן אויג, וואו עס זינגט. נאָר באַלד לאָזט ער זי אַרונטער.

לעגיאָנער: (פאַרטראַכט)

בלויע נעכט און ווייסע טעג
קוק איך אויס דיך אויפן וועג.

אַ רגע שטייט ער אין אַ פאַרטראַכטער פּאָזע און פלוצלינג אויפגערעגט:

דאָך ניין!
נאָר מידע שלעפּט ער זיינע טריט
ניט בלויע זיינען נאָך די נעכט.
און אויף אַ שטעקן איז ער אָנגעלענט.
ניט ווייסע נאָך די טעג.
און שטרעקן מיר אַמאָל אין שוויגנדן געבעט
און ווייזט זיך עמיצער
צו אים די הענט
צו אונדז פון וועג
איז ער קיין רייטער ניט.
איז פאַלן זיי מיט ליידיקן צוריק...

אין דעם מאָמענט באַווייזט זיך דאָס מיידל, אַ צוואַנציק־יאָריקע ברונעטין מיט אַ ווייסן טיכל אַרומגעבונדן אַרום איר שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ־האָר. אין איין האַנט האַלט זי אַ קראַנץ פון רויטע בערג־בלימלעך.

לעגיאָנער: (ניט זעענדיק זי, זעצט־פאָר אין עקסטאַז)

נאָר קומען וועט ער דאָך!
אָט זע איך זיין געשטאַלט
זיך נויגנדיק אַלץ נעענטער אַהער
און שאַ.
מיר דאַכט זיך, אַז איך הער,
ווי ריטמיש און גאַרצירנדיק עס טרעט
זיין שיינער, ווייסער פערד
דאָ ערגעץ אינעם טאָל.

דאָס מיידל: (צושפּרינגענדיק צו אים)

יאָ, יאָ,
ער מוז דאָך זיין דאָ נאָך אַמאָל!

לעגיאָנער:

און דאָס מאָל מער שוין ניט אַוועק.
דען פול מיט דערנער איז דער וועג.
און כאָטש זיין זיג
איז אויף אַ הויכן ווייסן פערד
איז דאָך זיין לייב

צעשטאָכן און פאַרצערט.

דאָס מיידל: (ווייִמוטיק)

אָ, לאָזט,

איך ווײס ווערלכן ווע̇ג האָט איר אים דען

אַזאַ פאַרמאַטערטן געזען?

לעגיאָנער:

צי איך האָב אים אין וועג

אַן אויסגעמאַטערטן געזען?

(צו זיך)

נו, ווי־זשע דען,

נו, ווי־זשע דען.

לעגיאָנער: (צו איר, אָנצייגנדיק אויף זיינע קליידער)

ווען ניט,

וואָלט איך דען אָט־די קליידער אָנגעקליידט?

דאָס מיידל·

וואָס מיינט ער,

איך פאַרשטיי ניט זיינע רייד!

פון ווייטן דערטראָגן זיך שטימען אין אַ כאָראַלישן געזאַנג.

טעג נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט

אין דעם בלוטיקן געפעכט.

טעג נאָך טעג און נעכט נאָך נעכט

פאַר די קליינע פעלקער־רעכט.

לעגיאָנער:

דאָס זיינען די קינדער פון אויסטראַליע,

וואָס האָבן רוישיק, ווי אַ כוואַליע

אַ לאָז געטאָן זיך פונעם ים אַהער.

דאָס מיידעל: (אויפגעציטערט)

און צווישן זיי איז ער! דאָך ער.

פונווייטן זעען זיך אַ גרופּע אויסטראַליער אויף פערד. איינער פון זיי טיילט זיך אָפּ און לאָזט זיך אויפן וועג קיין נס־ציונה. ער זינגט:

העי, פערד מיינס, העי, פערד מיינס,

דו פריינד, מיין געטרייער!

אַזוי ווי דער ווינט דאָ

אויף זאַמדן אַ פרייער,

אַ טראָג טו מיט מיר זיך

צום דאָרף נס־ציונה.

עס זיינען די מאַנדלען

דאָרט זיסע און ברוינע,

נאָר ברוינער די בעקלעך

און זיסער דער קוש, פון מיין חנה׳ן! —

דאָס מיידל: (פּאָכענדיק אין לופט מיט די בלומען)

האַ־הו! האַ־הו!!

(צו זיך פאַרדריסלעך)

ער קאָן מיך ניט זעען פון דאַנען.

וואַרפט אַ בליק צום לעגיאָנער און גייט אַוועק מיט שנעלע טריט. פון ווייטן הערט זיך אַ געזאַנג:

אויף די בערג און אַט־די טאָלן
האָט די וועלט דאָס ליכט דערזען.

לעגיאָנער: (צעבראָכן)

אויף די בערג און אַט־די טאָלן
איז דאָך אונדזער היים געווען.

ירושלים

א.

דער לעצטער באַרג. — עס שלענגלט זיך די באַן פאַרביי אים, —
אַט־אַט און אויפהויבן וועט זיך פאַר מיר ירושלים.
עס קלאַפּט מיין האַרץ און ברייט צעעפן איך די אויגן, —
אַ קעמל־קאַראַוואַן, — די העלדזער אויסגעצויגן,
לאָזט וויגנדיק זיך פונעם באַרג אַרונטער
און איבער זיי אין גאָלדיק־רויטן צונטער
דער באַרג און הימל נעמען זיך צעגליען
און ווי אַן אייביקייט די רגע׳ס ציען זיך און ציען.

דער לעצטער באַרג. — זיין שפּיץ נעמט רויטער זיך צעצינדן, —
גייט זון ערשט אויף, צי נעמט זי שוין פאַרשווינדן?
איך ווייס נישט און איך וויל דאָס גאָרנישט וויסן, —
עס לויפט די באַן און, ווי אַ חיה פון אַ שלאַנג געביסן,
הויבט זי זיך אָן מיט ווילד־צעברילנדע געשרייען
אַרויף צום באַרג אין זיגזאַגן צו דרייען.
און פּלוצלינג, — אַ כוואַליע פון קופּאָלן און פון שפּיצן
אין רויטקייט פון דער זון נעמט זיך צעבליצן.

דער לעצטער באַרג, — עס שלענגלט זיך די באַן פאַרביי אים, —
אַט־אַט און פאַר די אויגן מיינע, — ירושלים!

ב.

באַלד וועלן דורך די געסלעך דיינע פאַלן מיינע טריט.
די זון האָט הויך אין הימל זיך צעגליט
און אין איר גלי האָט פּלוצלינג אַזוי ברייט
דער קדרון־טאָל זיך פאַר מיין בליק געטאָן אַ שפּרייט.

די לידער קומען לויט דער באַאַרבעטונג פון ז. ווײַנפּער, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין „מעקליי בענע לידער“, פאַרלאַג „אויפקום“, ניו־יאָרק, 1934.

איך נידער שווייַגנדיק אַראָפּ
און עפּעס טוט אַ מיש זיך אין מייַן קאָפּ, —
פאַר די אויגן מייַנע וואַקסט אַרויס
אַ ווינטערדיקער אָוונט אין אַ הויז, —
דער פראָסט קוקט דורך די שויבן אַזוי ווייס אַרייַן
און ביי דעם אויוון אין דעם שטילן לאָמפּנשייַן
אין מאַמעס שויס פאַרוויגט אין רו,
ליג איך אַ שווייַגנדיקער און איך הער זיך צו:

— „און פאַר דעם קעניג דודס בעט
די הענט פאַרבראָכן אין געבעט
האָט פרום בת שבע זיך געקניט".

עס רייסט די מאַמע איבער דאָס דערציילן אין דער מיט
און איך פון מאַמעס הענט פאַרוויגט, פאַרגלעט,
זע לעבעדיק בת שבען ביי דעם קעניגס בעט
און ער? —
פאַרוואָס דערציילט די מאַמע שוין נישט מער?
עס טוט אין שויס מייַן קאָפּ זיך לייכט אַ ריר
און ווידער נעמט איר קול זיך וויגן איבער מיר.

— „און ליגנדיק אַ מידער אויף זייַן בעט
האָט צו בת שבעס פרום געבעט
דער קעניג דוד צוגעהערט.
— שפּאַנט־איין דאָס קיניגלעכע פערד! —
געוועזן איז נאָכדעם זייַן באַפעל.
און ווי אַ פייל פון בויגן, יאָגנדיק זיך שנעל,
באַגלייט פון כהן און פון מענטשן ווינציקע אין צאָל,
איז שלמה אָפּגעריטן אינעם קדרון־טאָל".

אָט באַלד און דורך די געסלעך דייַנע וועלן פאַלן מייַנע טריט, —
איך וואַקל זיך אויף שטיינער און איך פיל זיי ניט.
פאַמעלעך ווערט פאַרשוואונדן הינטער מיר דער טאָל
און פאַר די אויגן מייַנע טוט זיך מיטאַמאָל
אַ הויב אַ טויער גרויס און שווער
און ווי אַן אומרו וויגט מייַן האַרץ זיך הין און הער, —
אַ זקן מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד
פאַלט צו דער ערד און קושנדיק דאָס אָרט,
טוט ער אַ צייט זיך נישט קיין ריר
און ווי אַן אומרו וויגט דאָס האַרץ זיך אום אין מיר.

איך שטיי.
אַרויף אַ באַרג טוט עפּעס אַ קאַליר זיך און אַ וויי.
גאַרצירנדיק קומט אָן אַ רייטער אויף אַ פערד
און דורכן שטויב, וואָס הויבט זיך אויף פון דר׳ערד
גלאַנצט זיין אָפּגעפּוצט געווער.
— העי, רייטער דו, ווי יענער גרייז קום איך אַהער
אַ היים צו בויען זיך אין רו.
— העי, רייטער דו!
דער רייטער פאָרט אַ רואיקער פאַרביי
און אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ און פריי
גיי איך אַ וואַקלדיקער אויף די שטיינער און איך פיל זיי ניט, —
אַט באַלד און דורך די געסלעך דיינע וועלן פאַלן מיינע טריט.

ג.

אַ וואַלד מיט חורבות און צעגרויטן מויער, —
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער
און שווער זיך נעמען מיינע טריט באַוועגן.
אַט שפּרייטן זיך מיר שוין אַנטקעגן,
ווי קעלערס אונטערערדישע, פאַרשפאַרטע,
די שמאָלע געסעלעך, די לאַנג־געגאַרטע.

אַ ברוינער אַראַבער מיט אַ האַלדז אַ דאַרן
קומט, ווי אַ קאַץ זיך שטיל צושאַרן.
— האַוואַדזשי, — זאָגט ער און מיט בעטנדיקע אויגן
הויבט ער זיך אָן צו נויגן און פאַרנויגן.
איך שפּאַן דורך חורבות און צעגרויטן מויער,
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער.

אַ ייד אין אַ געוועלב, זיך פאַרנדיק מיט סחורה,
הייבט־אויף אויף מיר זיין בליק מיט מורא.
— שלום! — באַרואיק איך אים מיט אַ טאָן, אַ ווייכן
און זעענדיק אויף מיר דעם ברודער צייכן,
הויבט ער פאַר נחת אָן די באָרד צו גלעטן
און פריינדלעך מיך אין זיין געוועלב פאַרבעטן.

צוויי פּיאותדיקע יינגעלעך מיט שוואַרצע אויגן
פון ערגעץ זיינען לייכט, ווי פויגל אָנגעפלויגן:
— חיל עברי! חיל עברי! — אָט דאָרטן גייט ער!
און איבער געסלעך איינס פון צווייטן נאָך צעדרייטער
גיי איך אַ וואַקלענדיקער אום צווישן גרויען מויער, —
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער.

ד.

איבער געסלעך גיי איך אום שפּאַצירן.
שפּילט די זון זיך מיט קאָלירן
אויף אַבייעס, באַלאַכאַנען,
שטריימלען, קאַפּעשאַנען
און קאַפּאָטעס גלאַנציקע מיט קווייטן,
בלאַנקנדיק זיך, ווי די וועלן אין אַ ים אַ ברייטן.

איבער געסלעך גיי איך אום שפּאַצירן, —
געטער הערן דאָ נישט אויף צו קאָנקורירן,
יעזוס־קריסטוס מיט מאַכמעדן
רופן פון די קלויסטערס און מעטשעטן
און פון אַלע אַלטע שטיינער
שרייט יעהאָווע: — איך בין איינער!

איבער געסלעך גיי איך אום שפּאַצירן,
טרינקענדיק זיך אין קאָלירן.

ה.

דיינע שטיינערדיקע חורבות
נאַקעטע און אומבאַוועגט,
ווי די אויפגעדעקטע ערוות
אומפאַרשעמט זיך אויסגעלייגט
אין גאַנצע הורבעס.

אַט־די שפּיציק־שאַרפע שטיינער
און דער גרוילעכער גראַניט, —
ערגעץ לעבט דאָך וואו נאָך איינער,
וואָס האָט מיט זיין בלוט געהיט
אַט־די שפּיציק־שאַרפע שטיינער.

וואו־זשע איז ער אַט־דער איינער
איצטער אין אַט־דער מינוט?
איינגעביסן מיט די ציינער
אין זיין אייגן לייב ביז בלוט,
שלעפּט ער מיד זיך איבער שטיינער.

שמאָלע געסלעך גרוי און גרויער,
טונקל אָן אַ טראָפּן ליכט, —
ביי אַן אַלט־פאַרגרויטן טויער
איינגעדעקט זיך דאָס געזיכט
וויינט אַ נביא אין זיין טרויער.

ו.

אַלץ נידעריקער, נידעריקער פירט אַהין דער וועג
און דורך אַ לאַבירינט פון געסלעך לאָז איך זיך אַוועק.
מינוטן דאַכט זיך אויס,
אַז קיינמאָל וועל איך שוין פון דאַנען נישט אַרויס
און ווי אין שפּינגעוועבס, — אַ שפּין,
וואָס רייסט זיך אין פאַרצווייפלונג הער און הין
און בלייבט דאָך מאַכטלאָז שטעקן דאָרט,
וועל איך פאַרבלייבן דאָ אין אַט דעם כישופדיקן אָרט.

די זון שפּאַרט דאָ און דאָרט אַריין
אַביסל פון איר שיין
און אַלץ איז אין אַ שלייער איינגעהילט
און אין דעם שלייער ווערט מיין האַרץ נישט איינגעשטילט.
אַט לאָזט אַ געסל זיך מיט טרעפּ אַראָפּ
און מיט אַן אַלטער, רויטער פּעסקע אויפן קאָפּ
און לייב מיט שמאַטעס איינגעדעקט און פויל
אַ נזיר שפּאַנט און מורמלט עפּעס מיטן ציינלאָז מויל.
פון וואַנען אַזאַ איינגעהאַלטן, שטיל געוויין?

איך בלייב אַן אומרואיקער אויף אַ טרעפּל שטיין
און הער זיך צו דעם ווייַנען איין, —
אַ בערדלדיקער ייד לאָזט אין דעם געסל זיך אַריין
און וואַרפנדיק אַ בליק אַהער און הין
פאַרשווינדט ער איילנדיק וואוהין,
און צווישן שטיין און גרוילעכן גראַניט
גיי איך אום אַן אומרואיקער און פיל נישט מיינע טריט.

ז.

די וואַנט? — אַט איז זי דאָך פון ריזנשטיינער אויפגעלייגט:
און לעבן איר, אַ ייד פאַרגליווערט אומבאַוועגט,
ווי ער וואָלט דאָ אַ שטומער טייל געווען פון איר, —
אַ מחנה בעטלער טוט זיך ווילד אַ וואָרף צו מיר
און ווי אַ טשאַטע הינט זיך רייסנדיק דאָ פאַר אַ ביין
און יעדער אויסגעשריי פאַלט אויף מיין האַרצן, ווי אַ שטיין.

די וואַנט? — אַרום איין מויער אויפן אַנדערן אַ שווער, אַ גרוי,
עס שפּרייט דער טאָג אויף זיי זיין טאָג־ליכט אויך אַזוי.
אַן אַלטע פרוי לאָזט וויגנדיק אויפן לעצטן טרעפּל זיך אַראָפּ
און גיט, ווי איך, דאָס לעצטע קליינגעלט צו די בעטלערס אָפּ
און זשעדנע בלאָנדזשען מיינע בליקן אויפן גרוילעכן גראַניט
און רגע׳סוויז בלייבט שטיין מיין האַרץ און רירט זיך ניט, —

אַט איז זי דאָך די וואַנט, — איך פיל דאָס קאַלטקייט פון איר שטיין
און פאַר די אויגן הויבט אַ בילד אַן אויפצוגיין: —
אַ קייט פון מאַרמאָרדיקע בערג און לעבן זיי עפּעס אַ גיגאַנט,
וואָס הויבט אין לופטן יעדע רגע אויף אַ מוסקוליאַרנע האַנט
און הויבנדיק זי, פאַלט זי יעדע רגע אויף אַן אַנדער שפּיץ
און שטיין נאָך שטיין טוט, פאַלנדיק צו דר׳ערד מיט זון אַ בליץ

און אונטן אינעם טאָל, אַן אַנדערער די גרויס, ווי ער,

כאַפּט אויף די שטיינער, וואַרפנדיק זיי הין און הער
צו וועלדער אויסגעשטרעקטע ברוינע מוסקל־הענט
און העכער הויבן זיך אַרויף די ווייסע מאַרמאָר־ווענט
ביז איין מאָל אין אַ טאָג גאָר אומבאַמערקטערהייט
אַ טעמפּל, ווי אַ נייער מאַרמאָר־באַרג אין זונליכט שטייט.

און דאָן אין שיינע, ליכטיקע פאַר יום־טוב טעג
אויף יעדן בערגיקן און טאָלנדיקן וועג
פון ברענענדיקער זון צעגליט, —
דאָס גאַנצע פאָלק אַהער נאָך ליכטיקייט זיך ציט
און דאָ דער כהן גדול אין זיינע קליידער אָנגעקליידט
און אַלע טירן פאַרן פאָלק צעעפנט אין דער ברייט.

אָט איז זי דאָך, די וואַנט, — עס קוקן מיינע אויגן צום גראַניט
און רגעסווייז בלייבט שטיין מיין האַרץ און רירט זיך ניט.
פון הינטער מיר הערט שטאַרקער זיך דאָס בעטלעריש געשריי, —
אַוודאי ווער, ווי איך אַריינגעפאַלן דאָרט צו זיי
און ביי דער צווייטער זייט פון וואַנט, — דער ייד
שטייט פונקט, ווי פריער און ער רירט זיך ניט.

וואָס טראַכט ער דאָרט, דער ייד, אַ וויינענדיקער שטיל אין זיך?
פילט ער די שטויביקייט אַצינד, ווי איך
אַן אָנגעשפאַרטער אָן דעם גרויסן, אַלטן שטיין?
איך הויב זיך אויף אַ פּאַרטיקער אַוועקצוגיין
און ווידער גרילצט דאָס בעטלעריש געשריי,
נאָר איצטער אַרט מיך ניט, — איך בין אַ בעטלער צווישן זיי.

ח.

איין טרעפּל בלויז אַרויף און זוניקייט צעשיינט זיך מיטאַמאָל, —
אַרום אַ רינג פון בערג און מיט אַ גלאַנציקן קופּאָל
אַמאַרס מעטשעטע גיגאַנטיש שטייט דאָ אין דערמיט.
איך גיי אַ שוויגנדיקער און איך פיל נישט מיינע טריט, —
אָט איז דער שער הזהב שווער און אומבאַוועגט
און איבער אים דער הר־הזיתים מיט די קברים אויסגעלייגט,
וואָס בלענדן אין דעם גליענדיקן ליכט.
אַ וועכטער מיט אַ ברוין, פאַרטראַכט געזיכט
לאָזט שוויגנדיק פון ערגעץ זיך אַרונטערגיין
און זעענדיק אַ פרעמדן בלייבט ער אויף אַ טרעפּל שטיין.

אַ פויגל הויבט פון ערגעץ מיט אַ רעש זיך אויף
און דרייענדיק זיך איבער אונדז אַראָפּ, אַרויף,

טוט ער זיך מיט אַ שוואונג אַ הויב אין העלן ליכט.
וואָס קוקט אַזוי דער וועכטער מיט זיין ערנסטן געזיכט?
איך שטיי אַ שווייגנדער, ווי ער, און לאָז די אויגן שטום פאַר זיך
און אין מיין האַרצן וויגט זיך עפּעס: — ווער בין איך?

אַ זון, וואָס טרעפט דעם טאַטנס הויז אין פרעמדע הענט?
פאַרוואָס־זשע פאַלט מיין קאָפּ נישט צו צו אָט־די ווענט?
און מיט אַ כליפּנדיקן געוויין
פאַרנעץ איך נישט מיט טרערן יעדן שטיין?

דער וועכטער מיטן ברוין געזיכט קוקט שטום אויף מיר
און פונקט, ווי ער, שטיי איך און גיב זיך נישט קיין ריר
און קוק מיט אויגן אָפענע אַזוי פאַר זיך,
אַ רגע פאַלט מיר איין, אַז איך בין מער נישט איך,
אַ מענטש פון פליש און בלוט,
נאָר שטיין בין איך ווי אַלץ אַרום, וואָס רוט
דורך דורות אין דעם גליענדיקן ליכט
און אָט דער וועכטער מיט דעם ערנסטן געזיכט,
וואָס שטייט און טוט זיך נישט קיין ריר
איז אויך אַ וועכטער איבער מיר.

ט.

מיט אויסגעטאָגענע שיך
און עפּעס אַזאַ היילִיקייט אין זיך
טרעט איך די שוועל אַריבער פון מעטשעט, —
אַ טונקלקייט אַרום און אויפן דיל אַן אויסגעטראָטענער טאַפּעט.
אַראָבער דאָ און דאָרטן אויף די קני
און טועינדיק זיך אין פאַראויס אַ צי,
פאַרגליווערט בלייבן זיי מיט שטום פאַרלייגטע הענט.
איך קוק אַ שווייגנדיקער אויף די ווענט
און אומעטום וואוהין איך טו זיך נאָר אַ קער —
מאָזאַאיק, שניצעריי און גאָרנישט מער.

די הענט געפּרעסט צום האַרץ
און אָנגעטאָן אין שוואַרץ
פאַרנייגט אַן אַנדער וועכטער זיך פאַר מיר?
— דו זעסט אָט יענע טיר?
דאָרט רוט דער גייסט פון הייליקן מאָכמעד
און אָט דאָס אָרט וואו איך טרעט,
דאָס איז פון ריינעם מאַרמאָר־שטיין, —
אַ סברה, אַז אַלאַ אַליין

האָט אײן מאָל אין אַ נאַכטיק־שפּעטער שעה
באַוויזן זיך אָט דאָ.

אַ צאָם פון רויטן האָלץ און אין דערמיט
אַ מאַרמאָר ריזנדיקע שטיק גראַניט
ליגט אָפּגעזונדערט שטום פֿאַר זיך אַליין, —
איך לאָז מיט ווייכע טריט צום אָרט זיך גיין
און הינטער מיר גייט ער אַ פֿלאַפּלדיקער נאָך: —
אָט־אָ־דער שטײן איז די עקדה דאָך,
וואו יצחק איז צום טאַטנס מעסער גרייט
געלעגן, ווי אַ שעפּסל שווייגנדיקערהייט
און ווען אַלאַ וואָלט נישט געשיקט פון הימל דעם באַראַן,
וואָס וואָלט פון יצחקן געוואָרן דאַן?

מיט אויסגעטאָנענע שיך
און עפּעס אַזאַ ליידיקייט אין זיך,
דריי איך אַרום זיך איבערן מעטשעט
און אומעטום אַהוא איך טרעט
מאַכט ענג דער וועכטער מיר מיט זיינע רייד, —
אַ דאַמע פון אַן הויכגעשטעלטן הער באַגלייט
באַווייזט זיך פלוצלינג ביי דער טיר
און ווי אַ קנעכט איז ער שוין לעבן איר
זיך בויגנדיק און בויגנדיק צום דיל,
וואו אירע פיס אַן שיכלעך פאַלן אין דער שטיל.

י.

דינג־דאנג!... דינג־דאנג!
פון וואַנען קומט דער גלאָקנקלאַנג?
איך בלאָנדזשע ווידער דורך די געסלעך אום
און מיט אַ ציטערדיקן געברום,
אַ שווערער בלאָנדזשעט אויך דער קלאַנג:
דינג־דאנג!... דינג־דאנג!

גלאַן־גלין!... גלאַן־גלין:
עס וויגט דער קלאַנג זיך אום אָט שווער, אָט דין, —
אַ גלח אין אַ שוואַרצן באַלאַכאָן
קומט איילנדיק פון ערגעץ אָן
און פונקט, ווי ווער וואָלט זיך געיאָגט נאָך זיינע טריט
פאַרקערט ער זיך וואוהין און בלייבט באַלד ניט.

דינג־דאַנג!... דינג־דאָנג!
עס וויגט און שלענגלט זיך דער קלאַנג. —
מיט שאַרנדיקע, שטילע טריט
אַן וועגט פון שטיינער און גראַניט
און מיט אַ צלם אויפן האַרצן
קומט אַן אַ פרוי געקליידעט אין שוואַרצן.

דינג־דאנג!... גלאַן־גלין!
עס ציען מענטשן זיך וואוהין,
גיי איך מיט אַלעמען אויך מיט.
צו וואָס? צו ווען? עס אַרט מיך ניט, —
דורך שמאָלע געסלעך פירט מיין גאַנג: —
גלין־גלאַן! דינג־דאַנג!...

יא.

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר־שטיין,
אַן אויסגעוואַשענער און ריין
ליגט ביים אַריינגאַנג אויפן דיל, —
איך גיי פאַרביי אים ציטעריק און שטיל.
אַ פרוי פאַרשלייערט אין אַ שוואַרצן קלייד,
קניט פרום אַנידער שוויגנדיקערהייט
און מיט די ליפּן טוענדיק אַ ריר דעם שטיין
הויבט זי זיך אויף אַוועקצוגיין.

אַרום אַ טונקעלער און לאַנגער קאָרידאָר
און מענטשן מיט צעפלאָסענע און לאַנגע האָר
געקליידעט אין באַלאַכאָנען פון אַ שוואַרצן קרעפּ.
באַווייזן זיך און שווינדן פון די טרעפּ.
איך שטיי און טו זיך נישט קיין ריר
און פלוצלינג פון עפּעס אַזאַ סודותדיקע טיר,
באַוויזט זיך עמיצער מיט שטילע טריט
און בלייבט אַ רגע שטיין ווי צוגעשמידט.

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר־שטיין
איך לאָז צו אים זיך גיין
און פונקט, ווי יעדערער אין פיבערדיקן גלי,
פאַל איך אַנידער אויף די קני
און אויף אַ צלם אינעם טונקעלן קאָרידאָר
מיט נאַכלעסיקע צעפלאָסטע האָר
און פנים אויסגעבלייכט פון פּיין און לייד
הענגט יעזוס מיט די הענט צעעפנט אין דער ברייט.

יב.

אַ לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן
און אַלץ איז אײַנגעוויקלט אין וואָלן
עס בײַטן זיך פאַר מײַנע אויגן איצט די בילדער
און איך דערפיל, ווי מײַן בליק ווערט מילד און מילדער, —
אַ פּריסט מיט שטאַרע אויגן
שטייט אויסגעצויגן
און לעבן אים אַן עמוד מיט אַ גילדענער איקאָנע
פון מרים מאַגדאַלענע, —
אַ מאַמע מיט אַ קינד אויף אירע קניען
און איבער זיי מלאכימלעך זיך ציען.

וואוהין? וואוהין? און פון וואַנען?
פון דאָרטן און דאָרטן און ביז דאַנען,
און דערנאָך?
אַ גלח טוט מיט עלנבויגן מיר אַ שטאָך
און ווײַזט מיר אויף אַ שיסל,
נו, וואַרף איך אויך אַרײַן אַביסל.

אַ לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן,
צוביסלעך נעמען דאָ פאַרשווינדן די וואָלן
און קלאָרער נעמען זען מײַנע אויגן: —
אַ וואַלד פון גאָלד מיט דיקן שטויב פאַרצויגן
און אומעטום איז יעזוס אויסגעמאָלן: —
אָט ווי אַ פּאַסטוך צווישן בערג און טאָלן,
די שעפּסן בלאָנדזשען צווישן דאַרע גראָזן
און ער אַליין, — די האָר פון ווינט צעבלאָזן,
אַ בלאַסער און אַן אָפּגעצערטער,
זיצט אויף אַ שטיין אַ טיף פאַרקלערטער.
און אָט אַן אַנדער בילד: — די ליפּן אײַנגעביסן
און אין די הענט אַ רימען הויך פאַררי‌סן
אַנטקעגן די, וואָס האָבן טעמפּל אין אַ מאַרק פאַרוואַנדלט,
וואו פערד און שעפּסן ווערן אויסגעהאַנדלט.

אַ לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן. —
דער וואַלד פון גאָלד איז שווער אויף מיר געפאַלן
און קוים, וואָס מײַנע גלידער זיך באַוועגן, —
אַ הויכגעשטעלטער הער קומט מיר אַנטקעגן, —
איך הער זײַן חוצפּהדיקן טרעטן
און זע דעם גלאַנץ פון זײַנע עפּאָלעטן

און אַ מינוט הויבט אָן מײַן האַרץ צו פילן,
אַז אָט פון אַ ווינקעלע אַ שטילן
וועט יעזוס זיך באַווײַזן: — די ליפּן אײַנגעביסן
און אין האַנט דעם רימען אין דער לופט פאַררּיסן.

יג.

אַ מאַרמאָרנער קאַכטן צווישן מאַרמאָרנע ווענט,
אַ ליכט אין אַ גאָלדענעם רעדל צאַנקנדיק ברענט
און לעבן דעם צאַנקנדיקן ליכט
אַ הויכער מאָנאַך מיט אַ ברוינעם געזיכט.
און מענטשן פון אַלערליי פאַרב און קאָליר
גאָטס־פּאָרכטיקע בייטן זיך בליקן מיט מיר, —
ווער קניענדיק פרום מיט די אָרעמס פאַרלייגט
און ווער אַ פאַרטראַכטער, ווי איך אומבאַוועגט.
אַ מאַרמאָרנער קאַסטן צווישן מאַרמאָרנע ווענט, —
איך פיר אויפן מאַרמאָר אַרום מײַנע הענט
און פיל, ווי בײַ יעדערן ריר,
טוט עפּעס אַ צאַפּל זיך צוריק אין מיר.
און ער, דער מאָנאַך מיט דעם ברוינעם געזיכט,
באַשײַנט פון דעם צאַנקנדן ליכט
קוקט צו אָן אַ ריר פון אַ גליד,
ווי אויסגעהאַקט וואָלט ער געווען פון גראַניט.



פון רעכטס: א. ניסענזאָן, נפתלי גראָס, ז. ווײַנפּער, י. אלקאָן.

פון לידער־בוך „ראטמיא"

ר א ט מ י א

א.

דיין בליק, — אַ זילבער־שטראַל פון דער לבנה,
וואָס הויבט דעם שלאָפלאָזן פון בעט אַרויס
און ברענגט אים צו דעם פענצטער צו
און איך ? — איך בין דער שלאָפלאָזער,
וואָס איז צום פענצטער צוגעגאַנגען.

דיינע אויגן, — צוויי לויכטנדיקע שויבן,
וואָס לויכטן דורך דער שוואַרצער נאַכט
צום וויסטן, פוסטן טאָל אַראָפּ
און איך ? — איך בין דער מידער וואַנדערער,
וואָס האָט פון טאָל די טריט געלאָזט
צו דיינע לויכטנדיקע שויבן.

דיינע הענט, — צוויי האַלבע טויערן
צעעפנט פאַר דעם וואַנדערער,
וואָס גייט אַט דאָ פאַרביי.
און איך ? — איך בין דער וואַנדערער,
וואָס בין אַט דאָ פאַרבייגעגאַנגען,
איך בין דער וואַנדערער, וואָס איז
אין דיינע טויערן אַריין.

דיין שויס, — אַ קאָרנפעלד,
וואָס כוואַליעט זיך אין ליכט פון טאָג
און מאַכט דעם דורכגייער אויף ברייטן וועג
פאַרגעסן אָן די צילן פון זיין גאַנג, —
בין איך דער דורכגייער פון דעם ברייטן וועג,
וואָס האָב די צילן פון מיין גאַנג פאַרגעסן.

דיין קאָפּ אין מיינע הענט פאַרוויגט
און איבער דיר מיין בליק
אַן אויסגעצערטער פון באַגער.

פאַרלאַג „קונסט און בוך", פילאַדעלפיע, 1921. 76 ז"ז.

אָרום, — בלויע זילבערנע אָטאָמען
וויגן אום זיך זינגענדיקע אינעם רוים,
בין איך אַצינד אַ בלויער זילבערנער אַטאָם,
וואָס פּילט זיך קוים, —
פלאַטעריק און זינגענדיק,
וויג איך אום זיך אינעם רוים.

די ווייך־געקרויזטע לאָקן אויף דיין קאָפּ
זיינען ציטערדיקע וועלן אויפן ים,
וואָס ווערן פון אַ לייכטן ווינט געגלעט
אין בלויען שיין פון דער לבנה, —
בין איך דאָס שיפל אויפן ים,
וואָס ציטערט אום פון ווינט געגלעט
אין בלויען שיין פון דער לבנה.

ראַטמיא,
צו וועלכן כישופדיקן לאַנד
וועט היינט דער ווינט אונדז ברענגען?

ב.

דאָס שאָרכען אויפן זאַמד
איז ניט פון אַ כמעדס הינקענדיקע פיס, —
ער האָט די קוליעס היינט פאַרלוירן אין די בערג
און איצטער וואַלגערט ער זיך הילפלאָז דאָרט אַרום.

ראַטמיא, דו הערסט דאָס וואויען פון שאַקאַלן?
דאָס שאָרכען זיי דאָ אויפן זאַמד.
און אפשר פרעסן זיי דאָס פלייש
פון אַ כמעדס גוף דאָ אין די בערג?

דעק אויף דעם שלייער פון דיין פנים, —
די בלויע זילבער לבנה
באַזילבערט אַלץ דאָ אינעם טאָל
און אין דער בלויקייט
זיינען דיינע אויגן גרעסער נאָך
און שוואַרצער נאָך.

ג.

ווי נאָכגעלאָזטע פליגל פון אַ געל־געפלעקטער הון,
וואָס האָט זיך נאָר וואָס פונעם צודרינגלעכן האָן באַפרייט,
אַזוי קוקן איצט די ברעגן פון דיין געל־געבלומטער שאַל,
ראַטמיאַ.

דער ברויזנדיקער ים־וואַל, וואָס האָט אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט
דאָס פייער פון דער זון פאַרלאָשן
האָט ערשט אָט דאָ געלאָזט זיך הערן
און אין דיין אומרואיקן בליק אַ גלענצנדיקער ציטער
פון פייערן געלאָשענע
און נישט דערלאָשענע.

ראַטמיאַ,
אַן וועלכן ברעג האָט היינט דער ברויזנדיקער ים־וואַל
אויף טויזנט זילבער־פיצלעך זיך צעשמעטערט?

ד.

צוויי הענגלעך זאַפטיק־פולע טרויבן
פון צווישן שאָטנדיקע צווייגלעך
און איבער זיי אין גליענדע קאָנוואולסיעס
הענגט מיין גליק

ווי גליענדיק און קאָנוואולסיוו
עס קוקט אין הייסן מחבר דער אויסגעמאַטערטער פון דורשט
אויף פלוצלינגדיקן וואַסער־שטראָם:
אַזוי־אָ קוק איך איצט אויף דיר,
ראַטמיאַ.

צוויי הענגלעך זאַפטיק־פולע טרויבן,
און איך אַן אויסגעמאַטערטער פון הייסן טאָג,
צעבלוטיקט מיינע פינגער אַן דיינע שאַרפע ציין,
וואָס שטערן מיר די טרויבן צו פאַרזוכן.

ה.

אַ טרויב
און נאָך אַ טרויב, —
עס ציען זיך די ליפּן דורשטיק נאָך די טרויבן.
אַ שאָרך צווישן צווייגלעך, —
דער ווינט?
דער וועכטער פונעם כרם?
אָדער אַ שאַקאַל פון הונגער דאָ פאַרבלאָנדזשעט?
אונדז אַרט דאָס נישט. —
אַ טרויב,
און נאָך אַ טרויב, —
עס ציען זיך די ליפּן דורשטיק נאָך די טרויבן.

ו.

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיא
מיט לבנה־שיין אַן אָפּגעגאָסענע, —
אָט אַזוי.
אַלע ברעגן פון איר שלייער,
אויפגעהויבענע,
צעפלאָסענע
אָט אַזוי.
הייבן זיך די נעפלען פון דער ערד,
ציען זיך,
צעפליסן זיך
און די בערג ביים האָריזאָנט —
מישן זיך,
פאַרלירן זיך.

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיא
מיט לבנה־שיין אַן אָפּגעגאָסענע
אָט אַזוי,
הענט און בריסט פאַראויס געשטרעקט
און גאַר פלוצלינג צו דער ערד אַ פאַל,

ווי אַ חיה אַ געשאָסענע.
אָט אַזוי, —
בייט די נאַכט איר אויסזען, —
בלוי און ווייס, ווייס און בלוי
אין די טרויבן־צווייגלעך
פרעסן טיפער זיך אין זאַמד אַריין
און דער טרויבן־ריח
ברייט זיך,
שפּרייט זיך,
העכער,
ברייטער
אינעם רוים אַריין
און מיין האַרץ איז אָנגעשיכורט,
ווי פון ווין.

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיא
מיט לבנה־שיין אַן אָפּגעגאָסענע, —
אַלע ברעגן פון איר שלייער
אויפגעהויבענע,
צעפלאָסענע!

ז.

זינגט פאַר מיר ראַטמיא,
איז איר ליד, — אַ הללויה
צו דעם, וואָס דאָ
אין אָט־אָ דער שעה: —

אָוונט, שטערן און לבנה,
מענער־אָרעמס אין סכנה

נאָענט ציט אַ קאַראַוואַן, —
אוי, אפשר קומט איר מאַן!

זינגט פאַר מיר ראַטמיא.
איז איר ליד, — אַ הללויה
צום קילן טוי און קאָכיק לייב,
די ליבע צווישן מאַן און ווייב.

ח.

אַ שעיך איז געקומען
קיין אַל־אַריש,
קיין אַל־אַריש,
ווען די טרויב האָט געגרינט,
זיין פנים און הענט
פון זון אָפּגעברענט
אײנגעגאַנצן צעביסן פון ווינט.

דער שעיך איז געבליבן
אין אַל־אַריש,
אין אַל־אַריש,
ביז די טרויב האָט געבליט.
פאַרטריקנט די צונג,
נו, בעט ער אַ טרונק, —
די טרויב אָבער גיט נאָך נישט.

דער שעיך איז געשטארבן
אין אל־אריש,
אין אל־אריש
פון דורשט אויסגעצערט.

איצט ליגט אינעם שטויב
די זאפטיקע טרויב
ביי יעדערנס פיס אויף דער ערד.

ט.

די זשומענדע, גיפטיקע בין
האט איין מאל געקושט מיינע פינגער,
אגעקושט מיינע פינגער.
די ערד איז געווען דאן באוואקסן און
גרין,
באוואקסן און גרין
און איך פון א שמעטערלינג גרינגער.

די זשומענדע, גיפטיקע בין
האט נאכדעם געקושט מיינע אויגן,
געקושט מיינע אויגן.
האב איך זיך געווארפן אהער און אהין,
אהער און אהין,
ווי ווער וואלט מיין בלוט אויסגעזויגן.

די זשומענדע, גיפטיקע בין
האט ווילד אין מיין לייב זיך געביסן,
אין לייב זיך געביסן
האב איך זיך געווארפן אהער און אהין,
אהער און אהין
און ווילד מיינע קליידער געריסן.

דערנאך איז די גיפטיקע בין
שפורלאז פארשוואונדן ביים שייך פון
די וועגן,
ביים שייך פון די וועגן, —
איצט בין איך אליין שוין א גיפטיקע בין,
א גיפטיקע בין
פאר יעדן, וואס קומט מיר אנטקעגן.

י.

אזוי־א ליגן
און שווייגן, שווייגן,
ווי שווייגנדיק עס ליגן די ווייסע בערג
ביים האריזאנט,
דער הימל איבער זיי
און אויך די נאכט.

פון קאלטן ווינטער־לאנד
נעמט פלוצלינג זיך א ווייסער בער
באווייזן,

און מיט זיין ברייט־צעעפנט מויל צום
הימל
פארשלינגט ער די לבנה.

אזוי־א ליגן
און שווייגן, שווייגן,
ווי שווייגנדיק ליגט די נאכט.
און מיינע מידע גלידער
ניורען אין פארניורען
אין די ווייסע ברעגן פון דיין שאל,
ראטמיא.

יא.

ווייסקייט...
ווייסע בערג
און ווייסע שוימענדיקע וואלקנס, —
עמיצער א ווייסער

האט זיך איבער אונדז פארצויגן
און מיר שוועבן
אין א וועלט
פון ווייסקייט.

יב.

פון וואַנען אַט דער ווייסער פּאַלאַץ
און די ווייסע בלענדנדע קאָלאָנען ?
פון וואַנען אַט־די ווייסע דעקעס
און די ווייסע בלענדנדע קאָלאָנען ?
ראַטמיאַ ?

אַרום די ווייסע בלענדנדע קאָלאָנען
דרייען זיך אין קרייזן
ווייסע פרויען לייבער, —
ווי ווייסע שוואַנען
מיט העלדזער אויסגעשטרעקטע
און פלאַטערן.

נאָר פלוצלינג האָט אויך דאָ
פון קאַלטן לאַנד דער ווייסער בער
גענומען זיך באַווייזן

און שטום געוואָרן איז די פרייד
פון די זיך פרייענדיקע.
די ווייסע פרויען־לייבער
האָבן זיך גענומען קאָרטשען,
ווי עס קאָרטשעט זיך דער אויבערפלאַך פון ים,
דערפילנדיק דעם אָנקום פון אַ שטורעם.

קום לאָמיר גיין פון אָט־דעם אָרט,
ראַטמיאַ.

דער פּאַלאַץ איז דאָך סיי־ווי שוין פאַרשוואונדן
און פונקט, ווי די לבנה,
האָט אויך דער ווייסער בער
די ווייסע בלענדנדע קאָלאָנען
שוין פאַרשלונגען.

יג.

וואָס האָט דער אויער־האָן
זיך אין די בערג אַזוי צעשריגן ? —
עס וויגן זיינע אויסגעשרייען זיך
אָט יאָמערדיק און וויידּ,
ווי פינעם באַרג אַרונטער,
אָט יאָמערדיק פאַרשטיקט,
ווי פונעם טאָל אַרויס.

— קאָ־קאָ !
האָט אים אין דרימל

אַ בייזער חלום זיך באַוויזן ?
צי האָט זיין ווייב
זיך אין אַ פרעמדער נעסט
פאַרקליבן ?

— קאָ־קאָ !
עס וויגן זיינע אויסגעשרייען זיך
און פאַלן אויף מיין האַרץ,
ווי דונער־קלעפּ,
ראַטמיאַ.

יד.

— גריב־גראַב !
— גריב־גראַב !
ווי אַכמעדס קוליעס אינעם זאַמד אַריין
אַזוי־אָ גראָבן זיך אַצינד
די שאַרפע נעגל פונעם אויער־האָן
אין מיין לייב אַריין,
ראַטמיאַ.

אכמעדס גוף איז פון די שאקאלן אויפּ־פאַרלוירן ?
אכמעדס גוף איז פון די שאקאלן אויפּ־געפרעסן,
אכמעד איז שוין טויט ?
יאָ, יאָ, ראטמיא איז גערעכט, —
אכמעדס גוף איז פון שאקאלן

אויפגעפרעסן,
אָבער נישט פאַרלוירן
האָט דער אויער־האָן
די שאַרפע נעגל זיינע
און נישט אויפגעפרעסן
איז דער אויער־האָן
פון די שאַקאלן
אין די בערג,
ראַטמיאַ.

— גריב־גראַב!
— גריב־גראַב!

דו זעסט די שוואַרצע פלעקן,
וואָס קאַפּען, קאַפּען
און שפרייטן זיך
אָט דאָ־אָ אינעם זאַמד? —
דאָס זיינען פלעקן
פון מיין בלוט,
וואָס קאַפּען
טראָפּנווייז
און שפרייטן זיך
און שוואַרצן זיך
אין טונקלקייט פון נאַכט,
ראַטמיאַ.

טו.

אויף מיין האַרץ, —
אַ שרייענדיקער
גראַבלט זיך דער אויער־האָן.
און איבער מיר, —
שפּאַנט מיט שווערע טריט
דער ווייסער בער...

— קאַ־קאַ!
אין וועלכער פרעמדער נעסט
האָט זיך מיין ווייב פאַרקליבן?
אונטער וועמענס פליגל רוט איר קאָפּ
אַצינד?

— מו־הו!
מרוקעט שווער
דער ווייסער בער
און וואַרפט מיט ווייסן שניי פון מויל,
וואָס שפּרייט אַ קעלט דאָ
אַרום אונדז,
ראַטמיאַ.

קום לאָמיר גיין פון אָט דעם אָרט, —
דער זילבער־ווייסער נעפל,
וואָס ציט זיך פון די בערג
הויבט גאַסטפריינטלעך זיין שלייער אויף
און רופט אונדז אונטער אים זיך צו
באַשיצן.

קום לאָמיר גיין פון אָרט צום אָרט, —
אוי, אפשר וועט דער אויער־האָן
דאָרט אויפהערן מיין האַרץ צו גראַבלען.
אוי, אפשר וועט דער ווייסער בער
אונדז אויפן וועג פאַרלירן,
ראַטמיאַ.

פון בוך „ביי דער גרעבליע"

גוט און אומעטיק

עס האָט אַ לייכטע האַנט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד
און אויפגעזעצט אויף אַ פלינקן, ווייסן פערד,
וואָס האָט אַוועקגעטראָגן מיך אַזוי געשווינד,
אַז טראָגנדיק האָב איך געהערט דאָס קרעכצן פונעם ווינט,
וואָס האָט אין אַ געיעג
פאַרמעסטן זיך געוואָלט מיט מיר.
און פּלוצים האָט געענדיקט זיך דער וועג,
און פאַר די אויגן מיינע שטייט אַ הויז
מיט אַ באַקאַנטער טיר.
די לאָדנס אויף די קליינע פענצטער צוגעמאַכט,
און קוקן אויס,
ווי דרימלענדיקע אויגן אין דער נאַכט.
איך נעם די קליאַמקע פון דער טיר
און גיי דאָך ניט אַריין.
ווער ווייס צי וועל איך אויך אַצינד
אַ גוטער גאַסט דאָרט זיין?
נאָר פון דער בודקע רייסט דער הונט צו מיר זיך פון דער קייט,
און ניט ער בילט. נאָר קוויטשעט מיט אַזוי פיל פרייד,
און לעקט די ברעגעס פון מיין קלייד,
און מיינע הענט.
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז אומעטיק אַזוי,
וואָס האָט דער הונט מיך כאָטש דערקענט.

פאַרלאַג „קולטור", ניו־יאָרק, 1922. 128 ז"ז.

דאָס בוך באַשטייט פון 3 טיילן: „אַרום שטעטל", אַרום האָרף", „אויפקום". דאָס בוך איז געווידמעט: „דעם זכר פון מיין יונג־פאַרשטאָרבענעם פאָטער יצחק לייב און מיין נאָך יינגער־פאַרשטאָרבענעם ברודער משה".

בײַ דער גרעבליע

א.

בײַ דער גרעבליע
איז פֿאַרצייכנט אויף אַ ברעטל,
אַז עס וואוינען אינעם שטעטל
הונדערט נײַנציק מאַנספּאַרשוינען.
שטייען שטיבער אָן אַ סדר,
לײַם די ווענט און שטרוי די דעכער,
נאָר די שול איז מיט אַ גדר
און פֿון אַלע הייזער העכער.
און אין מאַרק אַ צענדליק קלייטן
און צוויי ברונימער מיט קייטן.

און פֿון שטעטל גאַנץ באַזונדער
פּונקט ווי גאָטס אַ גרויסער וואונדער,
שטייט אַ הויף מיט אַלטע דירות,
האַלטן אַלע זיי פֿאַר שמירות,
אַז דער ברייטער טײַך טוריע,
וועלכער ציט זיך זיי אַהינטער
ביז צו אַלע גרויסע ימים
און דער פּויליש־אַלטער צווינטער
מיט דער שווענטער יעזוס־מאַמען
זאָלן ניט קיין שליטה האָבן,
ווען מען דאַרף אַ מת באַגראָבן.

ווײַל עס טוען זיך די זקנים
איינס דאָס אַנדערע דערציילן,
אַז אין אַלע טונקלע היילן
פֿון דעם פּויליש־אַלטן צווינטער
האַלטן אויף זיך לצים, שדים.
אָנגעטאָן אין רויטע מיצלעך,
מיט געזאַנג און צימבל־קלאַנגען
לאָזן זיי זיך אָפּט אינאיינעם
אויף די יידישע לוויות.
שרייען, ליאַרמען, שפּילן, בלאָזן
מיט אַזעלכע העויות.
מיט אַזעלכע הויות.
אַלץ כּדי נאָר די נשמה
אין דעם צווינטעריין צו פֿאַנגען.

ב.

הייצט דער הויף דעם גרויסן אויוון,
נעמט זיך פֿילן אין די קלייטן,
אַז עס קומען די יום־טובים
און מען נעמט מיט אַלעם־גוטן
פֿאַר די קונים זיך פֿאַרגרייטן.
דאַרף אַ ייד נאָך סחורה פֿאָרן
זוכט ער געלט אויף אויסצוצאָלן;
האָט אַ גוי אַ פֿורל־קאָרן
זוכט ער וואו עס אָפּצעמאָלן,
און די ווײַבער נעמען קלערן,
ווי די שטוב זאָל גרעסער ווערן.

אייך אכסניה אַלע שטיבער
אויף די בוידימער פֿאַרנומען,
יידן צאַפּלען זיך, ווי אין פֿיבער,
ווען עס נעמען פֿורן קומען
אָנגעפּאַקט מיט חסידים.
אַלע שטייען אויף די שוועלן.
יעדער וויל, אַז די נגידים
זאָלן זיך בײַ אים אָפּשטעלן.
מאַכט זיך אָפּט דערפֿאַר געשלעגן,
פֿאַלן קללות, ווי אַ רעגן.

ג.

בענקט דאָס שטעטל נאָכן חודש,
ווען עס נעמען בלעטער פֿאַלן
און די פּני און די כּלי־קודש,
נעמען אין די שופרות שאַלן.
איז דער חודש דאָך דער שענסטער,
שענער נאָך פֿון חודש תּמוז.
אויסגעוואַשן טיר און פֿענצטער,
און רב חיימל דער שמש
דאַרף שוין ניט צו תּהילים וועקן
מיט זײַן גראָבן באַרן־שטעקן.
יידן לייגן זיך ניט שלאָפֿן,
ליכטיק איז אין אַלע געסלעך.
אַלע קלייטן זײַנען אָפֿן,

גאָז פאַרקויפט זיך גאַנצע פעסלעך.
און אויף אַלע נאָענטע וועגן,
טעג און נעכט גאָר אָן אַ סדר,
קומען ייִדן זיך אַנטקעגן
מיט פאַרשטויבטע גרויע קליידער,
ווער עס פאָרט אויף אָן עגלה,
ווער צופוס על פּי קבלה.

ד.

און דער הויף אָן אָפּגעצאַמטער
פונעם שטעטל מיט שטאַכעטן
קוקט דאָן אויס אָן אויפגעראַמטער.
אויפגעהויבן די ראָלעטן
זעט זיך דורך די גרויסע שויבן
שטריימלעך סייבלענע מיט שפּיצן,
אויסגעפּוצטע שנורן, טעכטער,
שוויגנדיקע ווי די טויבן
און קאָלירטע שטיינער בליצן,
ווי די פאַרב פון רעגנבויגן,
ווי דאָס ליכט פון קינדער־אויגן.

אויפגעריגלטע די ריגלען,
אויפגעפּראַלטע אַלע טירן,
גרויסע גאָלד־באַזוימטע־שפּיגלען
אַלע ווינקעלעך באַצירן.
דרייען מאַנסבילן זיך און ווייבער,
קוקן מונטער אַלע אויגן
און רב משהלע דער שרייבער
זיצט צום טיש צוגעבויגן,
ווישט די פעדער אָן דעם היטל,
שרייבט אַ קוויטל נאָך אַ קוויטל.

קומט רב יצחקל דער גבאי —
שוואַרץ די באָרד און ברייט די פּלייצעס,
הויבן אַלע אָן דעם גבאי
חנפענען און פרעגן עצות,
ווי אַזוי זיך צו דערשלאָגן
אינעם רבינס יחוד שטיבל.
אייגער פּרוואוט אַ סוד אים זאָגן,
אַז ער גיט דערפאַר אַ רובל.
ברומט רב יצחקל דער גבאי:

— שוטה, שוטה,
דאַרפסט אַ תיקון, ביזט אַ חוטא!

ה.

און אין העלע סאַמעט־קליידער
זיצט זיך אין זיין יחוד־שטיבל
ער אַליין, זאָל לעבן,
און דער עולם מיט אַ סדר
גייט פאַרביי מיט גרויס דרך־ארץ.
האָט ניט ווער פון וואָס צו לעבן
בעט אין קוויטל ער פרנסה,
אייגער האָט אַ פאַכט מיט בהמות
איז אים ווינציק די הכנסה,
און אַ דריטער האָט די שמות
פון אַ ספר ניט באַגראָבן
וויל ער דאָ אַ תיקון האָבן.

מאַכט זיך אויך עס קומט אַ גויע
מיט אַ קוויטל צו דעם „ראַבין“,
ווייסט שוין דאָרטן יעדע גויע,
אַז עס פּאַסט ניט שטיין צום „ראַבין“
פונקט אַנטקעגן אין די אויגן.
שטייט און ציטערט זי אינגאַנצן
און דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
נאָר די בליקן טאַנצן, טאַנצן
אויף די הענט פון אים, זאָל לעבן,
ווען זי דאַרף דאָס קוויטל געבן.

אַז עס מאַכט זיך אין אַ רעגן
פאָרט אַ מענטש פאַרביי איר כאַטע,
איז די טיר פאַר יעדן אָפן.
פלאַץ איז דאָ פאַר פערד און וואָגן
און אַ בוידים אויף צום שלאָפן.
דאַרף ניט, אַז מען זאָל איר זאָגן,
נעמט אַליין קאַרטאָפליעס בראָטן.
סיי פאַר גוים, סיי פאַר יידן,
אַלע זייַנען אונטערוועגן
גלייכע מענטשן.
וויל זי, אַז דער „שוועגטע ראַבין“
זאָל איר פּראַצע בענטשן,
אַז דאָס פעלד זאָל איר געראָטן.

און פּאַר אַלע, אַלע מענטשן
האָט דער רבי גלײַך אַ ברכה.
טוט ער אויך דער גויע בענטשן
אויף איר פעלד מיט גרויס הצלחה.
און אַזוי, אַזוי כּסדר.

גוים, ייִדן גלײַך אינאײנעם
גייען פונעם רבינס חדר
און עס פּילט זיך יעדן אײנעם,
אַז זײַן האַרץ איז לײַכטער, רײנער
און אַז גאָט איז אײנער, אײנער.

אַ מעשה מיט אַ קו

יצחק משה יאָסלס
האָט אַ קו געקויפט,
בענקט די קו צום דערפל
נעמט זי און אַנטלויפט.

הויבט אַ ייִד אָן שרײַען —
ראַטעוועט, סע ברענט!
נעמען ווײַבער קוויטשען,
ברעכן מיט די הענט.

מאַכט רב יצחק קולות,
ווערט אַ ווילד געלויף,
איז די גרעבליע זאַמדיק
הויבט אַ שטויב זיך אויף.

שלעפּט שוין ווער אַ קופּערט
פון זײַן שטוב אַרויס.
אײנער כאַפּט אַ תורה
פון דער אַלטער קלויז.

וויקלט ער דאָס שטעטל,
דאַכט זיך, אַז ס׳אַ רויך
טרובען די פּאַזשאַרנעס
מיטן גאַנצן כּוח.

און דעם עק פאַררײסן,
לויפט די קו און לויפט —
יצחק משה יאָסלס
האָט אַ קו געקויפט.

בײַ דער פּיאַנע

און שעה׳ן לאַנגע זיצט זי בײַ דער פּיאַנע.
די האָר — אַמאָל אויף גלאַט פאַרקאַמט,
נאָר אָפּטער ביז די שולטערן צעלאָזן
און ווי אַ ווינטל,
שפּילנדיק זיך אויף די גראָזן
לאָזט זי אירע פינגער לויפן
הער און הין אַזוי זיך
אויף די בײגדלעך פון דער פּיאַנע.
און זיך איך דעמאָלט איר אַנטקעגן
אין אַ פאַרנאַכט,
צי אין אַ גרוילעכן באַגינען
און דורך די טוליענע גאַרדינען
שלאָגט זיך דורך פאַרטראַכט
אַ נעפּלענדיק ליכט
און לײגט זיך אויף איר קלײנעם מאַט געזיכט

דערמאָנט זי מיר די פּוילישע שטאָלצע פּאַנע,
וואָס פלעגט מיך ייִנגלווייז אי שרעקן און אי ציען.

און שעה׳ן לאַנגע זיצט זי ביי דער פּיאַנע —
אַ ווייס און אָפּגעפאַרבט הויז
מיט הילצערנע שטאַכעטן,
די לאָדנס בלוי געפאַרבט,
די פענצטער מיט ראָלעטן,
און פרילינג איז,
עס בליען אַלע בוימער
און גאָלדיק נעמט די זון פאַרלאָזן:
דעם ברייטן מאַרק,
דעם ברונען
און די שטיבער
און איז שוין באַלד אויך יענע הויז אַריבער
שטייט דעמאָלסט זיך ביים פענצטער שטיל
די פּוילישע, שטאָלצע פּאַנע
און קוקט אַרויס אַזוי זיך שעה׳נווייז כסדר
און אויף דער גרעבליע קעגנאיבער
גייט אַ ייִדיש ייִנגעלע פון חדר,
דאָס היטל אויף אַ זייט פאַרדרייט,
די פּיאהלעך צעפלאָסן
און חלומט שטילערהייט פון אַ פּרינצעסין,
וואָס בענקט נאָך אים און קאָן אים ניט פאַרגעסן.
און קוקט אויס, ווי די פּוילישע, שטאָלצע פּאַנע.

מיין היים

מיין היים.
אין ווייטע לענדער בלאָנדזשענדיק אַליין,
גייט־אויס מיין האַרץ נאָך דיינע ווענט פון ליים
און איװועלע פון רויטן אָפּגעבערענטן שטיין.

די סטעליע דורך און דורך מיט געלן אויסגעפלעקט
פון רעגענען, וואָס נעצט דורך איר אַריין,
די שויבן דאָ און דאָרט מיט וואָס פאַרשטעקט,
עס שיינט גאַנץ אָפט דורך זיי ניט דורך קיין שיין.

און קומט די נאַכט — די שאָטנס אויף די ווענט,
די מאַמע מאַכט צורעכט ביים לאָמפּ אַ העמד

און אויפן בעט — מײן שוועסטערל מיט אײנגעשמירטע הענט
די בלאָנדע לאָקן אירע ניט פאַרקעמט.

אַ מויז שאַרט ציטעריק זיך אויפן דיל,
די מאַמע לאָזט דאָס נײען אָפּ פאַרטראַכט
און אויף אַ בענקל זיץ איך אין דער שטיל
און שרעק זיך פאַר דער מויז און פאַר דער נאַכט.

נאָך אַלעמען

נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי שלעכט צו לעבן.
שטײסט אויף פרימאָרגן דערפילסטו ווי עמען אָפּצוגעבן
אַ לויב דערפאַר, וואָס דורך די שויבן
שיקט ווער דיר אַזאַ ליכטיקײט פון אויבן.
און מאַכט זיך ווען ניט ווען
אַ טאָג פאַרוואָלקנט אין טומאַנען
איז אויך אין דעם קײן אומגליק ניט פאַראַנען.
צינד אָן דאָס אויוועלע
און לאָז זיך עס צעברענען
און דו וועסט קעגן פלאָם אַלײן זיך ניט דערקענען.
וועסט זיצן אויף אַ שטול
דעם אויוועלע אַנטקעגן
און חלומען פון ווײטע גרין־באַגראָזטע וועגן,
וואו שטיבלעך אין העל־פאַרביקע קאָלירן
צעוואָרפן ליגן דאָ און דאָרטן אָן אַ סדר,
און פאַר די ברײט־צעפּראָלטע טירן
די מײדלעך אין די ליוונטענע קלײדער
פאַרטראַכטע קוקן, ווי די זון לאָזט גאָלדיק זיך אַרונטער
און מיט דעם אײזן שאַרן די קוילן אַלע ווײלע אונטער,
אַז רויטער זאָלן זײ זיך איבעם אויוועלע צעצינדן
און די טומאַנען וועלן ווײט פון דיר פאַרשווינדן.

אַ דאָרף

אַ דאָרף.
באַזונדער ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן.
אַ קלויסטער שטײט אינמיטן פון אַ גרויסן, גרינעם גאָרטן.
די זון גײט אויף און אויפן קלויסטער שפּיגלען זיך די שטראַלן,
און פון די גרויע מיט מאָך באַדעקטע שטאַלן,
צעפירן אין די טשערעדעס די פעטע שאָף און רינדער.

די גײַסט פֿאַרבײַ,
און שטויביק־גרויע זײַנען דײַנע קלײדער.
אַ פֿויער גריסט דיך. באַלד אַ צווייטער און אַזוי כסדר.
אַ גויע מיט אַ קריגל־וואַסער קומט דיר אַן אַנטקעגן
באַגריסט דיך גוטמוטיק און נעמט דיך פֿרעגן: —
וואוהין דו גייסט און אויב דו ווילסט זיך אָפּרוען, דו מידער;
אין שטוב איז ברויט גענוג פֿאַראַן און אַלע זײַנען ברידער.

די שיף גייט אָפּ

די שיף גייט אָפּ
און ווײַט און ווײַטער ווערט פֿון מיר דער ברעג.
אָט זע איך נאָך אַ פּאַס
און אָט נאָר בלויז אַ גרויען פֿלעק
און באַלד זע איך דעם פֿלעק שוין אויך ניט מער.
עס פֿליִען וואַסער־פֿויגלען אום אַהין און הער.
אָט הויבן זיי זיך וואָלקן הויך
און אָט אַראָפּ,
און נעבן מיר
אַ מיידל מיט אַ שוואַרץ־געלאָקטן קאָפּ,
קוקט ערגעץ אין דער ווײַטער־ווײַטקייט שטומערהייט —
אַן אײנזאַמע, ווי איך, פֿון קיינעם ניט באַגלייט.

און אויסגעשפּרייט
ליגט שטיל דער ים אי ברייט, אי ווײַט.
און וואו איך טו זיך נאָר אַ ריר,
אין וועלכער זײַט,
איז בלויער הימלרוים און וואַסער־שפּיגל בלויז.
עס קלינגט אַ גלאָק,
און עמיץ רופֿט צו מיטאָג אויס,
נאָר קיינער הערט דאָס קלינגען און דאָס רופֿן ניט
דער ים איז שטיל.
עס גייט די שיף זיך אין דער מיט,
און האַרטער דריקט דאָס מיידל צום פֿאַרענטש איר קאָפּ —
עס גייט די זון צו מערב שוין אַראָפּ, אַראָפּ.

דורך בראָנדיקע כוואַליעס

דורך בראָנדיקע כוואַליעס,
ווי ווילדע האָרדעס פֿערד

אין ווילדעסטן גאַלאָפּ,
שניידט אונדזער שיף איר שווערן וועג.
און אין די ענגע קאַמערן
און אויפן דעק
די מענטשן קופּעסווייז
די דאַרע הענט געפלאָכטן איינע אינעם צווייטנס לייב.

דורך ברויזנדיקע כוואַליעס,
עס כאַפּט דער ים דעם הימל ביי דעם האַלדז
און שטיקנדיק אים מיט אַ ווילדן כעס
צעברילט ער זיך אויף אונדזער שיף:
— כאַ־כאַ!
— כאַ־כאַ!
נאָר אָט באַווייזט אַ מענטש זיך אויפן דעק,
אַ הויכער מיט אַ שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ
שפּאַנט ער צו אונדז מיט לייכטע טריט.
פון וואו? פון וואַן?
איז ער אַ רייזנדער, ווי מיר,
צי גאָר דער קאַפּיטאַן?
קיינער ווייסט דאָס ניט.
און לאַזנדיק זיין פלינקע האַנט צום ראָד
צעשיינט פאַר אונדז זיך זיין געזיכט,
ווי אין אַ טיפער פינצטערניש אַ צינדנדיקעס ליכט.
און זע,
עס הויבן מענטשן זיך פון קופּעס אויף
און הענט און אויגן הויבן זיך צו אים אַרויף:
— העי, קאַפּיטאַן!
— העי, קאַפּיטאַן!

דורך ברויזנדיקע כוואַליעס,
ווי ווילדע האַרדעס פערד
אין ווילדעסטן גאַלאָפּ,
עס גייט די שיף
אַרויף, אַראָפּ,
אין כוואַליענדיק געדראַנג
און אין דער לופט אַרום
מישט אויס זיך דאָס געבריל פון ים מיט מענטשלעכן געזאַנג,
— כאַ־כאַ!
— העי, קאַפּיטאַן!

פון בוך „גאָלד און גרין"

אַזוי פּיל וועגן

אַזוי פּיל וועגן אויסגעשפּרייט
און יעדער וועג באַגילדט, באַגרינט —
איך שטיי אַליין דאָ אויפן שייד
און הער זיך צו צום ליד פון ווינט,
וואָס קרייזט זיך איבער זיי אַרום
און רופט מיך: — קום!

דורך גרוי און שוואַרץ, דורך גאָלד און גרין
און שטייגער אויף אַיעדן וועג,
דער גייט אַהער, דער גייט אַהין
און אַלע גרייכן צו אַ ברעג —
דער ברעג איז אויף אַ באַרג אַרויף,
דאָרט קומען אַלע זיך צונויף.

געלייטערטע פון שווערן גאַנג
באַגעגנט מען מיט פרייד זיך דאָרט.
עס וואַרט שוין צווישן זיי פון לאַנג
פאַר דיר אַ שטול און רואיק אָרט —
דער טרויער, אומרו דאָ ביים שייד
און דאָרט די רו, די פרייד.

קום־קום! — נו גוט, נו גוט, איך גיי.
איך ציטער אויף און לאָז מיין טראָט
זיך אויסקלייבן אַ וועג פון זיי —
עס איז מיין טראָט געפירט פון גאָט
און ווייסט, וואָס גוט און ווייסט, וואָס שלעכט,
וואָס אומרעכט און וואָס רעכט.

פאַרלאַג „די פעדער", ניו־יאָרק, 1925. 188 ז"ז.

אַזוי פֿיל וועגן אויסגעשפּרייט
און אַלע צו דעם זעלבן ברעג
און איך, פֿאַרלאָזנדיק דעם שייד,
האָב אויסגעקליבן זיך מײַן וועג.
דורך גרוי און שוואַרץ, דורך גאָלד און גרין
דערפֿירן וועט ער מיך אַהין.

גרויע פֿאַרלאָזענע שטיינער

גרויע, פֿאַרלאָזענע שטיינער צעשטעלטע אין רייען —
אומצײַליקע, בײַנערנע הענט פֿון סקעלעטן
רייסן פֿון דר׳ערד זיך און בעטן און בעטן
עס זאָל זיי די מדבר מיט זאַמד ניט פֿאַרווייען.

גרויע, פֿאַרלאָזענע שטיינער — עס האָבן פּאָעטן,
ווי איך, לעבן אײַך איצט, פֿאַרחלומט געזעצן
אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל מיט אײַך ניט געשען
און רייך איז די וועלט מיט באַלאַדן, סאָנעטן.

אַ שטיין אינעם זאַמד — אַ שיינע באַלאַדע —
אָט דאָ איז אַ פּאַלאַץ געשטאַנען אַוודאי,
אַרום איז גאָרטן מיט בליענדע בוימער.

עס שלאָפֿט די פּרינצעסן באַוואַכט פֿון אַ שומר
און דאָרטן אויף יענער זייט ביי די שטאַכעטן
קרעכצט אויס אַ ריטער זײַן שמערץ אין סאָנעטן.

נ אָ ך ג ו ט

אַ סאָפּענדיקער אָקס
אין שווערן יאָך,
און איך אַ שטויביקער
שלעפּ מיך זיך נאָך.

אַ דינער שטויב הויבט שווער
פֿון דר׳ערד זיך אויף,
דער אָקס אין שווערן יאָך
שלעפּט מיך זיך באַרג אַרויף.

נאָך גוט, וואָס דאָ און דאָרט
אַביסל גאָלד און גרין —
עס הענגט מײַן בליק אויף דעם,
ווי אויף אַ בלום — די בין.

נאָך גוט וואָס אין מײַן פֿלאַש
איז דאָ אַביסל ווײַן.
בײַטאָג אַ שטראַל פֿון זון,
בײַנאַכט לבנה־שײַן.

אַ פֿויגל הויבט זיך אויף
און פֿליט און פֿליט,
עס מאַכט דער מידער אָקס
פֿאַמעלעכדיקע טריט.

עס זעט דער שפּיץ פֿון באַרג
פֿון דאַנען קוים זיך אָן —
מען זאָגט, אַז אין דער הויך
וואַרט לאַנג אויף מיר אַ טראָן.

נאָר צו דעם שפּיץ פון באַרג
איז ווייט ווייט נאָך ווייט.
לײדיק וועט דער טראָן
נאָך שטיין אַ לאַנגע צייט.

העי, אָקס! דו הערסט? אַ טראָן!
עס אַרט אים גאָרנישט ניט.
ער שלעפּט זיך מיד אַרויף,
פּאַמעלעך זיינע טריט.

וואָס גייט דעם אָקס אין יאָך
דען אָן טראָן?

און איך אַ שטויביקער,
וואָס זאָל איך טאָן?

נאָך גוט וואָס אין דער פלאַש
איז דאָ אַביסל ווייַן.
געבענטשט זאָל זיין די זון
און די לבנה־שיין.

דער וועג איז גרוי און שווער
און ציט זיך אָן אַ זין,
נאָך גוט וואָס דאָ און דאָרט
אַביסל גאָלד און גרין.

אומרו מיינע

צעווילדעוועטע אומרו מיינע,
איך זינג צו דיר אַ ליד: —

אומרו מיינע!
אומרו מיינע!
דורך פלאַם און בלוט און רויך
קומט שטורעמדיק אַ יונגער כוח.

פּאַלט זיין בליק
אויף טיר און טויער,
צעריגלען זיך די ריגל.
פּאַלט זיין בליק
אויף שווערן מויער,
צעפּאַלן זיך די ציגל.

הינער, געענדז און וואַסער־פייגל
הויבן זיך מיט אָדלער־פליגל.

אומרו מיינע!
אומרו מיינע!
עס הערט מיין ליד
די ווייטע טריט,
וואָס רייסן זיך
דורך פלאַם און בלוט און רויך.

זינג־זשע דו,
מיט מיר אויך מיט
צו דעם שטורעמדיקן כוח,
אומרו מיינע!
אומרו מיינע!

פייערדיקע פענער

אַראָפּוואַרפן פון זיך דאָס שווער געפּעק,
זיך זעצן דאָ ביי דעם צעגליטן פייער.
געבענטשט זאָל זיין דער וואַנדערער אין וועג,
וואָס האָט פון אונדזערטוועגן אָנגעצונדן פייער.

פון הינטער אונדז די גרויסע שרייענדיקע שטאָט —
אַ מאָנסטער אַ צעגליטער, אַ צערייצטער.

מיט פונקען גליט זיין שווערער טראָט
און וואָס ער זעט מיט פייערן פאַרפלייצט ער.

און מיר, אָט דאָ, וואָס זיינען קויל צעברענט
פון זיין צעגליטן פייער.
מיר וועלן דאָך מיט מויל און מידע הענט
צעבלאָזן דאָ דאָס פייער.

האָט טיטוס אונדזער הייליק הויז פאַרברענט
איז פלאַמענדיקן פייער.
נו, האָבן מיר דאָך אונדזער גאָט דערקענט
דורך אָט־דעם זעלבן פייער.

און ער, וואָס האָט אויף אונדזער שווערן וועג
דאָס פייער אָנגעצונדן,
איז דאָך פון ברייטן וועג
אינגאַנצן ניט פאַרשוואונדן.

אָט דאָ ניט ווייט אין טיפן וואַלד
געבויגן זוכט ער דאָרע שפּענער,
און דורך דער נאַכט אָט באַלד, אָט באַלד, —
אַ קייט פון רויטע פייערדיקע פּענער.

גאָטס צאָרן איז אַנטשוויגן

אַ דרימלדיקער גאָט
האָט אויפגעוואַכט מיט צאָרן.
די לעדער־פּאַסן אויף דער ראָד —
פאַרגלי־ווערטע געוואָרן.
און קיל געוואָרן איז דער דראָט,
וואָס טרייבט די שטאָט־מאָטאָרן.

אַ פייערדיקער בליץ
אַ בלענד געטאָן האָט פאַר די אויגן.
די לופט איז שווער געווען מיט היץ,
ווי לאַווס וואָלטן זיך אַהער געצויגן.
און מענטשן מיט עקשנותדיקן ציין־געקרייץ
און פלאַמנדיקע אויגן.

דער אומרו האָט זיך ווילד צעשפּאַנט
אויף גאַסן און אויף סקווערן.
אַן יעדער האַרטער וואַנט

אַ נביא האָט געקלאַפּט זײַן שטערן.
געוואָלט האָט גאָט דאַן מיט זײַן האַנט
די וועלט צעשטערן.

צעקנוילט זיך האָבן מענטשן אין אַ רויך,
געקלונגען האָבן מעסערס און געקלונגען.
און פּלוצלינג האָט זיך אין דער הויך
אַ קול, אַ גלעטנדיקס צעזונגען.
און באַלד נאָכדעם אַ ברייט, אַ הויך
האָט זיך אַ גלאָק צעקלונגען.

קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
ניט אויפגעהערט האָט זיך צו וויגן;
צעמישט זיך האָט דער קלאַנג
מיט שטילן, זינגנדיקן ניגון.
און אין דעם וויגנדיקן קלאַנג
גאָטס צאָרן איז אַנטשוויגן.

און דינען דיר

קאָלירטע לעמפּלעך האָבן זיך געוויגט
און וויגנדיק דײַן ברעג באַוואַכט.
און איבער זיי אַ שווײַגנדע
האָט זיך געבלויט די נאַכט.

און דו, דער ריז דער אויסגעמאַטערטער,
האָסט שטום זיך אין דער נאַכט אַרײַנגעבלייכט
און ניט געהערט, ווי אונדזער שיף
האָט סאָפּענדיק דעם ברעג דערגרייכט.

און אינדערפרי, ווען אויף דײַן ערד
האָט זיך געשטעלט מײַן טראָט,
האָט איבער מיר דײַן האַנט זיך אויסגעשפּרייט
מיט רחמים און גענאָד.

מײַן קאַסטן האָב איך אויף דער ערד געשטעלט,
מיט ציטערניש דאָס רעקל אויפגעמאַכט
און אַלץ, וואָס דאָרט איז נאָר געווען,
האָב איך אַ קרבן שטילערהייט צו דיר געבראַכט.

דעם שבת־קודש און דעם יום־טוב
געהילט אין סאַמעט און אין זייד,

די טעג און נעכט געהייליקטע
פון גרויער אַלטער צייט.

די תפילין און דאָס תפילין־זעקל
דעם טלית און דעם רייזע־טאַש.
געזען האָב איך, ווי אַלץ און אַלץ
פאַרוואַנדלט זיך אין אַש.

געזאָגט האָב איך צו דיר אַזוי: —
אַט זע, דאָס האָב איך אָנגעזאַמלט דורך אַזוי פיל טעג
און איצטער האָב איך ברייט מיין קאָסטן אויפגעעפנט
און גיב דיר אַלץ אַוועק.

און דינען דיר, האָב איך אַ פריידיקער
אַ צי־געטאָן צו דיר די הענט
און צווישן די קאַלירטע לעמפלעך
האָט נאָך אַ לעמפל זיך צעברענט.

און שטענדיק בענטש איך דאָך דעם אויסבייט —
עס הענגט דיין האַנט אַריבער מיר ניט שווער —
דאָס גראַשנדיקע קרעמל פון אַמאָל
האָב איך פאַרביטן אויף אַ נאָדל און אַ שער.

און ליב איז מיר די שנײַדנדיקע שער,
מיין נאָדל נייט און נייט
און נייענדיק און שנײַדנדיק
גייט אויף אין מיר אַ ליד פון גרויסער פרייד.

אין גאַסן־טומל און איז בראַזגעריי,
אין מענטשלעכן געלויף און דראַנג,
האָב איך צו דיר מיין ליד געשיקט,
האָט זיך עס אויסגעמישט אין דיין געזאַנג.

און דו, פון אייזן־אויסגעשמידטער,
שטאָל־געגאָסענער און שטיין־געהאַקטער כוח,
דו שפאַנסט אויף בריקן און פאַבריקן
און קנוילסט זיך אינעם קוימען־רויך.

כאַפּסט אויף דעם ווידערקלאַנג פון רוישיקער מאַשין,
פאַרנעמסט דאָס ליד פון האַמער־קלאַפּ אין האַנט פון שמיד
און אינעם אַלגעמיינעם כאָר־געזאַנג
פאַרנעמסטו אויך די טענער פון מיין ליד.

יאָ, יאָ, איך ווייס, אַז דו פאַרנעמסט
און ווען דיין האַנט צעעפנט זיך, פאַרגעסטו ניט אָן מיר.
עס וויגן זיך קאָלירטע לעמפלעך אום
און צווישן זיי אַ לעמפל אויך מיט מיין קאָליר.

און ווען דיין גרויסער מאַרמאָר־טעמפל
איז אָנגעפילט מיט לאָמפּן־שיין,
גיי איך מיט אַלעמען צוגלייך
אין אים אַריין.

די טירן פון דיין טעמפל
צעעפנט זיינען ברייט
און ביי דיין טיש מיט אַלדאָס גוטס געדעקט
איז אויך פאַר מיר אַ שטול געגרייט.

ניו-יאָרק

ניט קיין גראַנד־דאַמע, וועמעס שלעפּ פון קלייד
עס צערטלט זיך אויף טעפּיכער פון אָריענט
ביזטו פאַר מיר, ניו־יאָרק.
און רוט אַמאָל אויף מיר דיין בליק
איז ער ניט דורך קיין גאָלדענעם לאָרנעט,
וואָס שפּילט זיך אום אין לאַנגע, דינע הענט
מיט פינגער אויסגעשניצט און מאַניקירט.
און איך —
אַליין אַ טאָן אין דיין צעווילדעטן גערויש,
און אָפטמאָל דיין פּאָעט,
בין אויך, ווי דו, קיין אויסגעשניצטער ניט
און ניט פּאָלירט.
און כאָטש עס וויגט זיך שווער
דאָס רוישן פון דיין אויבער און דיין אונטערבאַן,
האָב איך דיך ליב אַזוי, ניו־יאָרק,
ווי ליב איך האָב דעם כוואַליעדיקן ים,
וואָס וויגט זיך אום מיט כוחות פון אַ ריז
און קינדיש שפּילנדן קאַפּריז.

זונשיין

אויף די גאַסן האָט פּלוצלינג די זון זיך צעגליט
אין גאָלדיקן, רויטן קאָליר.
דרינגט דער קאָליר אַזאַ רויטער אין מיר.

זינגען אין לופטן איצט אַלעמענס טריט,
זינגט אויך מיין האַרץ איצט אין מיר.

וועבט זיך אַ קראַנץ פון קאַליריקע קעפּ,
איך צווישן זיי אינדערמיט.
איך גיי און איך הער דאָס געזאַנג פון די טריט.
אויף סאַמעט־געבעטע און מאַרמאָרנע טרעפּ
גייט אויף אַ לויטערס מיין ליד.

קומט אָן אין גליענדן גאָלד אַן עקספּרעס
און גלייך הינטער אים — אַן אויטאָמאָביל —
אַ קלינגיק־קאַליריקער שפּיל!
צעזינגט זיך צו מיר, ווי אַ גאָלדענער נס
מיין ליד אין דער שטיל.

עס האָט אַ מכשף פון ערגעץ אַ לאַנד
מיט אונדז זיך אַ שפּאַס טאָן געוואָלט
און האָט מיט קאַליריקן גאָלד דאָ באַמאָלט
אַ שפּיץ פון אַ הויז, אַ שטיין פון אַ וואַנט,
אַ פענצטער צעגליט זיך אין זוניקן גאָלד.

טוט זיך אַ קינדערשע מחנה אַ יאָג —
אַ באָל טוט אַ ציטער ביי מיינע טריט,
די זון האָט נאָך רויטער מיט גאָלד זיך צעגליט.
אָ, טו מיך אַ נעם און פאַרטראָג מיך, פאַרטראָג,
מיין שיינענדיק, זינגענדיק ליד.

זונטיק פאַרנאַכט

זונטיק פאַרנאַכט —
אַלע קראָמען אויף דער גאַס פאַרמאַכט.
שיינט דערפאַר אַן אָנגעזעצטער
דאָ און דאָרט אַ רעסטאָראַן
און ווי אַ ווייטער אָפּקלאַנג
גרייכט צו מיר דאָס רוישן פון דער אונטערבאַן,
וואָס לייזט זיך אויף אין דעם געהילך פון לויפנדיקן „על".
נאָר די מענטשן גייען היינט ניט אַזוי שנעל,
ווי אין די מיטוואָכנדיקע טעג.
נו, גיי איך אויך זיך מיט געאיילט

אויפן טראָטואַר מײַן וועג
און האָב אפילו צײַט
דאָ און דאָרט צו בלײַבן שטײן,
און קוקן אויף דעם זונפאַרגאַנג,
וואָס האָט זיך דורך די שווערע אײַזן־שטאַנגען
אין ראָזעווען צעגליט,
און האָב אפילו צײַט
צו פלאַפּלען שטיל מיט זיך אַליין
פון וואונדער־שײנעם זון־פאַרגאַנג,
וואָס גוססט ערגעץ איצטער אויס
אַזוי אומעטיק און באַנג,
אַזוי אומעטיק און באַנג,
דערפאַר, וואָס קײנער אויף דער גאַס אָט דאָ
זעט אים ניט,
באַמערקט אים ניט.

או, ווײ, האָ!

די בענק אין סאָבוועי — לײדיקע און לאַנגע.
אַ כראָפּענדיקער נעגער און איך, — די פּאַסאַזשירן.
פײַערדיקע אויגן בליצן דורך די שויבן
און ער, דעם קאָפּ אַרויפגעהויבן,
שנאָרכעט אונטער.

די ברייטע ליפּן אויפגעמאַכטע,
ווי ברוינע ציטערדיקע בלעטער,
און צווישן זיי זײַן צונג —
אַ רויטער פּאָמידאָר.
ציטערן צוויי ברוינע בלעטער
אַרום אָ רויטן פּאָמידאָר.

די בענק אין סאָבוועי — לײדיקע און לאַנגע
און איך, אַן אויסגעמאַטערטער,
פאַרשפּיל זיך מיטן ליד פון לויפנדיקע רעדער —
כלאָ־כלאָ־האָ! או, ווײ, האָ! —
אַ וועלט פון ברוינע בלעטער
און רויטע פּאָמידאָרן.
און טאַנצנדיקע נעגערס
צעזינגען זיך אין כאָרן —
כלאָ־כלאָ־האָ! או, ווײ, האָ!

גאַס אײַן, גאַס אויס

גאַס אײַן, גאַס אויס,
גאַס אײַן, גאַס אויס,
וואָס טרײַב איך זיך דורך גאַסן אום ?
דאָ און דאָרט אַ פֿענצטער צימעריק און שטום
וואָרפֿט אַ מאַטע שײַן.
וואָס זאָל עס זײַן ?

אַ קינד האָט פֿונעם שלאָף די אויגלעך אויפֿגעמאַכט
און איצטער וועט אַ גאַנצע נאַכט
אַ מידע מאַמע, זינגענדיק,
דאָס קינד פֿאַרשלעפֿערן צוריק.

אַ נערוועזער פּאָעט
מיט קרײַזלדיקע האָר ? —
האָט אומרואיק זיך וואו אַ הויב געטאָן פֿון בעט
און איצטער שרײַבט ער דאָרט אַ ליד
פֿון מײַנע אײַנזאַם־שטילע טריט,
וואָס קלינגען בײַ זײַן פֿענצטער אָפּ.

גאַס אײַן, גאַס אויס,
גאַס אײַן, גאַס אויס,
עס איז דער אומרו פֿונעם קינד אין וויג,
און פֿונעם נערוועזן פּאָעט,
וואָס טרײַבן מיך דורך די גאַסן אום.

און דו, מײַן שטורמיקער פּאָעט,
וואָס האָסט אינמיטן נאַכט פֿאַרלאָזט דײַן בעט —
צי הערסטו כאָטש דורך מײַנע טריט
דעם אומרו פֿונעם קינד אין וויג ?

גאַס אײַן, גאַס אויס,
גאַס אײַן, גאַס אויס.
דורך אַן אָפֿן פֿענצטער, אויף די הענט
דעם שווערן בוזעם אָנגעלענט
קוקט שטום אַ יונגע פֿרוי אין גאַס אַרויס.
פֿאַר מיר ?
פֿאַר דיר ?
צי פֿאַר איר מאַן, וואָס איז גאַנץ פֿרי אַוועק פֿון הויז ?

אַן אויסגעלייענטע צייטונג לעבן מיינע טריט
טוט אומרואיק זיך פון דער ערד אַ הויב
און ווי די פליגל פון אַ טויב
צעבלאָזט זי זיך און ווערט באַלד ניט.

אַ שנייאיקער פרימאָרגן

גאָט פירט מיט ליבע און מיט רחמים אונדזער וועלט.
אין שטאָט האָט דורך דער גאַנצער נאַכט געשנייט, געשנייט
און איצטער זינגט אַ ליד אין לופטן אויס די פרייד —
דאָס גרויקייט פון דער וועלט האָט זיך צעהעלט, צעהעלט!

און אין איר שנייאיק־בלענדנדיקן קלייד
ליגט שמייכלענדיק די שטאָט און קוועלט —
גאָט האָט מיט ליבע און מיט רחמים אויף דער וועלט
אַ וויי־געטאָן מיט שנייאיק־בלענדנדיקער פרייד.

פון ערגעץ שלעפּט אַ קלינגענדיקער אָן זיך אַ טראַמוויי —
אַ קלונג, אַ ריר, אַ קלונג, אַ ריר. און ווידער זיך געשטעלט.
אַ שטימע ציטערט אויף אין דער לופטן און באַפעלט.

און מיט אַ זינגעדיקן, פריילעכן געמיט
צעזינגען זיך די רידלען און די לאָמען אין אַ ליד
און פון דער הויך צעשיט אַ שניי זיך פון דאָס ניי.

דער מאַמעס ניגון און די קלויסטער־גלעקער

דער מאַמעס ניגון און די קלינגענדיקע קלויסטער־גלעקער
איר זייט געווען פאַר מיר די איבערשרעקער
פאַר בוצעבאָס אין גרויען און אין שוואַרצן.
איר זייט געווען פאַר מיר די ערשטע וועקער
פון לויטערע באַגערן אין מיין האַרצן.

און איצטער, ווען מיין פאַרהאַנג איז פאַר אייך פאַרהאַנגען,
זייט איר פאַר מיר אינגאַנצן ניט פאַרגאַנגען.
אין רויש פון גרויסע שטעט, און צווישן פייערדיקע ליכטער
דערפיל איך פלוצלינג זיך פון אייך געפאַנגען,
דערזע איך פלוצלינג זיך ביי אייך אַן אומגעריכטער.

אין שטוב — די פנימער געהייליקטע אין לויטערקייט פון שכינה,
די מאַמע לייענט פרום אַ תחינה

און פלוצלינג הויבן קלויסטער־גלעקער אָן זיך וויגן —
די קלאַנגען ברייט צעגאָסענע און אָפּטמאָל דינע
צעמישן זיך מיט מאַמעס וויינענדיקן ניגון.

אַ זון־שטראַל אויפן דיל און מערער אויף די בעטן
און אויף די ווענט רבנישע פּאָרטרעטן;
די מאַמע זיצט פאַרחלומט מיט אַ פרומער מינע
און דורכן פענצטער זון־באַלויכטענע טאָפּעטן
פון קאָלירן גאָלדענע און גרינע.

אַ בוהיי האָט זיך ערגעץ־וואו צעשריגן
און פון זיין שרייען נעמט די לופט זיך וויגן
און ברענגט צום פענצטער צו דעם דופט פון קאָנעשינע —
די מאַמע כאַפּט זיך אויף און הויבט אָן מיטן ניגון
דערלייענען די תחינה: —

— און זאָלן בייזע וועלף זיך איינס דאָס אַנדערע פאַרצערן
און זאָלן שפעלעך זיך מערן און פאַרמערן —
דער שאַרפשטיין זאָל בלויז וועלן שאַרפן,
די סערפּן און די קאָסעס און די שערן
און שווערדן, שפיזן זאָל ער ווייט פון זיך פאַרוואַרפן.

די קאַץ צונויפגעדרייט זיך אין אַ ווינקל, ווי אַ בייגל,
מאַכט אויף פאַמעלעכדיק און פויל אַן אייגל
און הערט זיך איין אַ שווייגנדיקע צו דער מאַמעס זאָגן.
די קלויסטער־קלאַנגען שרעקן איבער דרימלענדיקע פייגל
און מיט אַ ליאַרעם נעמען זיי זיך אין דער לופטן יאָגן.

דער מאַמעס ניגון און די קלינגענדיקע קלויסטער־גלעקער:
איר זייט געוועזן פאַר מיר די איבערשרעקער
פאַר בוצעבאָס אין גרויען און אין שוואַרצן;
איר זייט געווען פאַר מיר די ערשטע וועקער
פון לויטערע באַגערן אין מיין האַרצן.

און איצטער אויף די זאַמדיק־ברייטע וועגן
קומט איר מיר אָן אַנטקעגן.
אַמאָל, ווי בוצעבאָס מיך צו דערשרעקן,
און אָפט, ווי מאָרגן־זונען, גלייך אין פּנים מיר אַנטקעגן,
פון טיפן שלאָף מיך אויפצואוועקן.

אַ מענטש, ווי איך

אַ מענטש, וואָס איז פֿאַרליבט אין שפּילעוודיקן שיין
פֿון בלוי־לבֿנהדיקע נעכט
און גאָלדיק־זונענדיקע טעג
און טרייבט זיך אום פֿון וועג צו וועג
און זינגט דאָס ליד פֿון פֿרייד און פּיין,
ווי קאָן עס אַנדערש זיין,
ווי הערשער און ווי קנעכט ?

אַ הערשער איבער גאָלדיק־זונענדיקע טעג
און בלוי־לבֿנהדיקע נעכט.
אַ קנעכט צו גאָלדיק־זונענדיקע טעג
און בלוי־לבֿנהדיקע נעכט.

אָט זע, עס מיניעט זיך אין פֿלאַש דער ווין
און דו, וואָס האָסט מיך ערשט דערקענט
אינמיטן פֿון אַ טאַנצנדיקן וואַלץ,
און פּלאַפּלסט שוין צו מיר פֿון זיך און אַלץ,
פֿאַרמאָגסט אַזעלכע ווייסע, שיינע הענט
און אויגן — ליכטיקערע, ווי דער לאָמפּן־שיין
און שפּילעוודיקערע, ווי אין פֿלאַש דער ווין.

אָט באַלד, און עמיצנס אַ פֿרעמדע האַנט
וועט גראָב און פֿאַמיליאַר, ווי אַ טאָן פֿון דזשעז,
דיין ווייסן אָרעם טאָן אַ נעם.
און דו וועסט גראַציעז
די האָר זיך טאָן אַ גלעט
און אַ פֿאַרקעם —
אַ שטומער נויג —
און איבער דיינס אַן אויג
וועט אויפֿציטערן צום לעצטן מאָל דיין ברעם —
אַדיע, פֿאָעט ! —

אַ שיף
וועט דעמאָלסט אויפֿהייבן דעם אַנקער פֿון דער טיף
און טאָן זיך אַ פֿאַרנעם
צו עפּעס אַזאַ וויטן, קאַלטן לאַנד,
אַ קעניג איבער גאָלדיק־זונענדיקע טעג
און בלוי־לבֿנהדיקע נעכט
וועט אומבאַמערקט פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קנעכט.

אַביסל זונשײַן

פרימאָרגן האָט הײַנט מיר געבראַכט אַביסל זונשײַן צום בעט
און ווען איך האָב די אויגן אָן עפן געטאָן
האָט זיך דער זונשײַן צעוויגט און צעבלומט און צעגליט
אויף אַ ברוינעם טאָפּעט.
נאָר דאָרט קעגנאיבער מײַן פענצטער אין ציגאַרן־פאַבריק,
אין הער אַרבעט פּאַרטאָן,
האָבן שאָטנס זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט
געוויגט זיך אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.

דער זייגער איז אינגאַנצן געווען אַרום ניין.
און מאָרגנדיק־פריש האָט געוואונקען צו מיר פון טאָפּעט דער געבלימלטער שײַן
און דאָרט אין ציגאַרן־פאַבריק
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זיך וויגנדיק הין און צוריק,
אַהין און צוריק
האָבן מענטשעלעכע הענט געוויקלט אַ בלאַט אין אַ בלאַט,
אַ בלאַט אין אַ בלאַט.

אַ וויקל, אַ קײַקל, אַ דריי
און פון זיך אַ שאַר
אַ ציגאַר אויף אַ ציגאַר,
אַ ציגאַר אויף אַ ציגאַר —
עס וואַקסן די בערגלעך־ציגאַרן אַרויף אין דער הויך.
און ווייט איבער זיי,
אַזוי ווי אָן אויג דורך אַ גרוילעכן רויך,
אַן עלעקטרישער לאָמפּ אײַנגעהילט אין אַ קאָלפּאַק פון בלויען קאָליר
האָט געקוקט מיט אַ פאָרוואורף צו מיר.

געווען איז שוין שפּעטער פון ניין,
אויפן ברוינעם טאָפּעט האָט נאָך אַלץ זיך געבלימלט דער זוניקער שײַן
און איך האָב אַ צונד געטאָן פאַר זיך אַ ציגאַר
און שלינגענדיק דורשטיק דעם רויך,
האָט אויפגעוואַכט טיף אין מײַן האַרצן דער צער
פאַר שאָטנס געבויגענע זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט.
וואָס וויגן זיך אַהין און צוריק,

אַהין און צוריק,
און איך — סאַראַ נאַר, וואָס איך בין, סאַראַ נאַר —
האָב איך מאָל אין מײַנעם אַ ליד
פֿאַרגליכן מײַן אײגענעם צער
צום רויך פֿון ציגאַר,
וואָס הויבט זיך אַרויס פֿון מײַן מויל און צעגײט אין דער הויך.
סאַראַ נאַר, וואָס איך בין, סאַראַ נאַר!

און געבויגענע שאָטנס זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט
בלויז מײַן אײגענער צער?
כאַ־כאַ! — האָב איך זיך צעלאַכט אין דער הויך —
צום טײַפֿל מיט אַט אַזאַ ליד!

דער זוניקער פֿלעק האָט אַלץ נאָך געגליט
אויף מײַן ברוינעם טאָפּעט —
מײַן האַנט האָט אַ צי זיך געטאָן צו אַ בוך פֿון אַ יונגן פּאָעט
און איך האָב געלייענט אַ ליד: —

אין פּאַרק ליגט די נאַכט,
ווי אַ חלום צעלייגט —
עס זיצן זיך שטיל,
אומבאַוועגט,
אַן ער
און אַ זי.

אַזוי ווי די ביימער
פֿון ווינט ניט באַרירט,
ניט געגלעט,
זיצן זיך שטיל,
אומבאַוועגט,
אַן ער
און אַ זי.

אַן ער
און אַ זי?
עס טוט אין מײַן האַרץ וואָס פּלוצלינג אַ ברי —
אַן ער
און אַ זי?
צום טײַפֿל מיט אַט אַזאַ ליד!

דער זונשײַן אויף מײַן בוזינעם טאַפּעט
פֿאַרװאַנדלט זיך שוין אין אַ געלבלעכן פֿלעק,
אַט באַלד און ער װעט פֿון מײַן בעט
אײַנגאַנצן אַװעק,
נאָר בלײַבן װעט דאָרט קעגנאיבער אין ציגאַרן־פֿאַבריק
די שאָטנס געבױגענע זאַלבעצװײט, זאַלבעדריט,
זאַלבעצװײט, זאַלבעדריט
און װיגן זיך װעלן זײ אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.

איבער גאַסן

אויף יעדער גאַס און געסעלע באַזונדער
שװעבט אום אַ ליכטיק־כּישופֿדיקער װאונדער —
די װעגעלעך מיט פּרוכטן אָנגעשװאָלן
און װי צעעפֿנטע זיך דרײַענדיקע פּאַראַסאָלן,
צעבלאָזענע, קאָלירנדיקע קלײדלעך,
פֿון יונגע טאַנצנדיקע מײדלעך,
צו שרײַענדיקע קאַטערינקע־קלאַנגען,
און איבער זײ אויף שטריק צעהאַנגען,
װי װײַסע פֿאָכענדיקע פֿענער,
דאָס אונטערװעש פֿון ייִדן, אירלענדער און איטאַליענער.

און אויף אַן אַנדער געסל, צװישן רױשיקע עקספּרעסן,
אַ בלינדער זינגט אַ ליד פֿון אַ פּרינצעסין,
פֿאַרגײענדיק זיך אין אַ דינעם ציקל.
און פֿון די פֿענצטער — אַט אַ פּעני, אַט אַ ניקל
צעקלינגען זיך, צעקײַקלען זיך אויף טראָטואַרן,
זײַן העלפֿער אײלט זיך זײ צונױפֿצושאַרן
און שאַרנדיק באַהאַלט ער עפּעס צװישן זײַנע פֿינגער.
און לעבן אַט־דעם בלינדן זינגער
אַ קעצל אין אַ מיסטקאַסטן הערט ניט אויף זיך צו באַלעקן,
אַ שמײכלענדער פּאָליטמאַן שפּילט זיך מיט זײַן שטעקן.

פֿאַראַנען אויך אַזעלכע מאָדנע שטילע גאַסן —
דאָרט לױפֿן נאָך אַלטמאָדישע קאָליאַסן,
מיט װײכע גומי־רעדער, קוים צו הערן,
די שטײפֿע דאַמען, עלעגאַנטע הערן,
די העלדן פֿון אַ קינדער־מעשה —
דער קוטשער, מיט די הענטשעקעס — די װײַסע,

זיצט אָנגעצויגן, ערנסט, אָן אַ שמייכל —
אַזאַ־אָ גאַס איז ווי אַן אויסגעצירטער היכל —
די מענטשן איינגעהאַלטענע און שטילע,
אויף יעדנס ליפּן צאַפּלט זיך אַ תּפילה.

גאָר אויך אפילו אויף יענע שרייענדיקע גאַסן,
וואו ס׳לעבן שפּאַנט און לויפט, ווי אַ צעררייצטער כעסן,
פון די עלעקטרישע שילדן, וועלכע שרייען
נאָך העכער, ווי די קלינגענדע טראַמווייען
און פון די אומצייליקע קאָלירנדיקע אויטאָמאָבילן,
וואָס רוישן, ווי די רעדער פון אומצייליקע וואַסער־מילן,
אָן אַן אויפהער, מאַנאַטאָנע, אָן אַ זינען
און קוקן אויס צווישן די הויכע מויערן, ווי בינען —
אפילו דאָרטן, זאָג איך, שפּאַנט אויך אום דער וואונדער
אויף אַלץ און יעדערן באַזונדער.

בייטאָג בין איך געגאַנגען איבער אַט־די גאַסן,
געגאַנגען זיך אַזוי־אָ גאַנץ געלאַסן,
זיך צוגעקוקט צו אַלץ און עפּעס וואָס אַזוינס באַנומען,
וואָס איז פון גרויסן וואונדער צו מיין האַרץ געקומען —
אַ טרעמפּ מיט שיכרות אין די אויגן
האָט שטום צו מיר זיין האַנט געצויגן.
האָב איך אַ ניקל אים געגעבן
און הינטער אים געגאַנגען איז וואוהין דאָס לעבן
מיט מיר צוזאַמען איבער אַט די גאַסן
אַפּט שטורעמדיק און אָפּט, ווי איך, זיך גאַנץ געלאַסן.



ז. ווייַנפּער

פון בוך „אייגנס״

י י ד י ש

אַ טשוועקל פון גאָס און פון מאַרק
און אונדז איז אַ פּאַלאַץ געבליבן.

די שטיינדלעך פון טאָל און פון באַרג,
די טשוועקלעך פון גאָס און פון מאַרק, —
ווער קאָן זיי דען איצטער דערקאָנען!
גיגאַנטיש הויבט אונדזער סטרוקטור
איר קאָפּ צו דעם בלויען לאַזור
און בלענדט מיט די הויכע קאָלאָנען.

דאָך הענגט ניט קיין שלאָס אויף קיין טיר,
עס זיינען פּאַר דיר, ווי פּאַר מיר
די טירן פאַנאַנדערגעפּראַלטע.
פון דילן, פון באַלקנס און ווענט,
אין אייביקן זונליכט צעבלענדט,
באַגריסן אונדז דורות צעשטראַלטע.
דו טוסט מיך אַ פרעג מיט אַ לאַך:
— איז יידיש אַ שפּראַך?
און איך? אָ, וואָס זאָל איך זאָגן!
איך בלעטער אַ בוך אויף מיין קני,
און פּלוצלינג, איך בין שוין ניט הי,
איך ווער, ווי אויף פליגל געטראָגן.

אַ שורה פון אונדזער אַמאָל, —
עס האָבן די דורות אָן צאָל
דאָ שטיינדלעך און טשוועקלעך געקליבן!
אַ שטיינדל פון טאָל און פון באַרג,

פאַרלאַג „אויפקום״, ניו־יאָרק, 1929. 160 ז״ז.
דאָס ליד איז אַ פאָררעדע צום בוך.

און וואויל איז אונדז קינדער פון הייַנט,
וואָס פלאַקערט אויף אונדז און עס שייַנט
דאָס ליכט פון די זיידעס און טאַטעס.
צום מאָרגן איז לייַכטער דער גאַנג,
ווען הינטער אונדז הערט זיך אַ קלאַנג, —
דער עכאָ פון זיידעס און טאַטעס.

עס גליטשט זיך דאָס בוך פון מייַן קני
און אָט בין איך ווידער שוין הי, —
דאָס צימער מיט זונליכט באַגאָסן.
אַ פליג מיט אַ שטילן זשום־זשום
וויגט אום זיך אין לופטן אַרום
און דו האַלטסט די אויגן פאַרשלאָסן.

זשום־זשום און זשום־זשום,
דייַן פּנים פאַרחלומט און פרום
פון פליגעשן ניגון.
— איז יידיש אַ שפּראַך?
איך קוק אויף דייַן פּנים און לאַך
און בין איצט מקנא די פליגן.

צו אַלדי גוטע יאָר!

איך בין אַ מענטש, וואָס עלטערט זיך פון יאָר צו יאָר.
איך האָב שוין זילבער־פעדים אין די בלאָנדע האָר
און קנייטשלעך ביי די שלייפן אויך מסתמא.
געלויבט איז גאָט, — עס רופט מיך נאָך מייַן מאַמע
אין אירע בריוולעך: „זון, מייַן ליבער",
און איך, וואָס קוק דורך ווייטקייטן צו איר אַריבער,
נעם אָן פאַר ליב, ווי זי, דעם זונשייַן און די שאָטנס,
דאַנק גאָט פאַר טרוקן ברויט, ווי פאַר געבראָטנס.

איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר
און לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדי גוטע יאָר.
איך גיי זיך מיר מייַן וועג, און טרעפט אַ גרוב, שפּרינג איך אַריבער.
דאָס נעכטיקע איז קיינמאָל מיר פון הייַנט ניט ליבער.
איך האָב מייַן מאַמעס בלויע, ווייכע אויגן פול מיט זאָרגן,
וואָס זאָגן פרייַנטלעך יעדערן: גוטמאָרגן.

— גוטמאָרגן יעדערן, וואָס קומט צו מייַנע טירן, שוועלן, —
קומט, קומט! איך וועל פאַר אַלעמען באַשטעלן

אַ צוקערלעקעכל, און יאַכעלעך פון טויבן,
אַ פלוימען־צימעס און אַ פלעשל ווײַן פון טרויבן.

גוטמאָרגן צו די אַלע טעג,
וואָס שלעפּן זיך צו מיר אויף זייער וועג.
די ליכטיקע וועל איך מיט דאַנק אויפנעמען
און אויך די גרויע וועל איך ניט פאַרשעמען.
די לעצטע, ווי די ערשטע וועל איך אַ גוטמאָרגן זאָגן,
דען, ווי די ערשטע, גיבן אויך די לעצטע אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן.

די טעג צעטיילן זיי אויף שעה'ן און שעה'ן אויף מינוטן,
אין יעדער שעה איז עפּעס דאָ פאַר מיר צום גוטן,
און אַז קומט אַמאָל אַ שעה, אַ טריבע,
דערוואַרעם איך זי מיט מײַן ליבע.
און ליכטיק ווערט און גוט.
איך זאָג: דער שלעכטער ווייסט ניט, וואָס ער טוט,
ווי אָפּטמאָל ווייסט ניט מיט זײַן גוטסקייט אויך דער גוטער.
דער מענטש איז מענטש, און וואָס עס טוט זיך אים, דאָס טוט ער.

איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר
איך לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדי גוטע יאָר.
אַמאָל בין איך אַ בוים מיט זאַפטיק־פרישע פרוכט,
וואָס ווינקט צו יעדערן: — קומט, נעמט, פאַרזוכט!
אַמאָל בין איך, ווי אויפן פעלד דאָס גראָז,
וואָס לעבט זיך אין דער נידעריק, ניט פרעגנדיק צו וואָס.
איך ווייס, אַז אָט־די גליענדיקע שעה,
וואָס איז מיט מיר איצט דאָ,
געווען איז דאָ פון אייביק אָן, און זײַן וועט זי אויך אייביק.
דאָס ליד פון דעם פּאָעט ה. לייוויק,
וואָס פרעגט, און שטראָפט און מאָנט
איז צו מײַן האַרצן נאָענט
בלויז ווײַל עס איז אַ ליד אַזאַ פון לייוויקן דעם דיכטער,
און ניט קיין שטראָפליד פון אַ ריכטער!

עס זיינען אַלע מינים שטראָפלידער צו מיר פרעמד,
נאָר אייגן איז מיר לייוויקס ליד, ווי אייגן איז מײַן העמד
צום לײַב פון מײַנע גלידער.
איך זינג ווי ער, אויך לידער.
נאָר מײַנע מאָנען ניט.
דערמאָנען ניט,
ווי קלינגענדיקע קלויסטער־גלעקער.

עס איז מײַן ליד אויך ניט קײן וועקער
און ניט קײן איבערשרעקער.
נאָר שטיל אַזוי זיך שפּילט עס
און ווען עמען שפּיל איז ליב, פֿאַרשפּילט עס.

איך וואַרף זיך אום מיט קלאַנגען פֿון די הענט,
ווי קינדער וואַרפֿן לופֿט־באַלאָנען אין דעם זונידיקן בלענד
און הלוואי זאָל איך זיי אַזוי ווײַטער וואַרפֿן
און זאָלן נעמען אַלע וואָס באַדאַרפֿן
אויף יעדן וועג און שטעג,
דורך אַלע מײַנע טעג.

אַ וועג, אַ שטעג, — די וועגן,
זיי שמייכלען פֿרײַנטלעכע צו מיר אַנטקעגן,
ווי קינדערלעך אין זייער ריינקייט.
אויף יעדן וועג אַן אַנדער שיינקייט!
און מאַכט זיך, אַז עס קלאָגט זיך פֿאַר מיר איינער,
ווײַל אויף זײַן רוקן זײַנען בערגלעך זאַמד, און שטיינער.
נו, העלף איך זײַנע זאַמדן אויסצוקעמען
און זײַנע שטיינער צו פֿאַרנעמען.
דער שוויס, וואָס רינט מיר פֿונעם שטערן —
מײַן פֿרייד, וואָס אים וועט גרינגער ווערן.
און אַז עס טרעפֿט זיך וואו אַ וועג שוין אויסגעטראָטן,
און אַז אַ בוים לאַדט איין מיך אין זײַן שאָטן,
נעם איך זיך אָן און לייג זיך שטיל אַנידער
און וויג זיך אײַן מיט לידער.

דאָס ליד, וואָס זינגט זיך גלאַט אַזוי,
איז דאָך קײן ליד ניט גלאַט אַזוי.
דאָס ליד איז ליד פֿאַר זיך אַליין,
ווי זון איז זון, ביים אויפֿגיין און פֿאַרגיין,
ווי בלאַסע, זילבערנע לבֿנה,
ווײַל אונטער זיי איז ערד מיט זאַפֿטן אָנגעשוואָלן.
ווי אויפֿשפּראָץ איבער בערג און טאָלן,
ווײַל אונטער זיי איז ערד מיט זאַפֿטן אָנגעשוואָלן.
ווי בחורעשער אויפֿברויז צו דעם לייב פֿון מיידל,
ווי פֿערד, וואָס פּאַטשט זיך גלאַט אַזוי אום מיטן ווידל.
ווי טאַנץ, געזאַנג און שפּיל,
וואָס איז פֿאַר זיך אַליין אַ ציל.

איך בין אַ מענטש, וואָס עלטערט זיך מיט יעדן יאָר,
און בין פֿאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר.

און כאָטש איך ווייס, ווי דו און ער,
אַז שרעקלעך איז דער בער
מיט דיינע שווערע לאַפּעס אויף דער ערד
פאַר ווערעמל, וואָס דעם איז פויזן בלויז באַשערט,
דאָך ווייס איך, אַז ווי דעם ווערעמל איז שווער,
איז שווער דעם בער.

אַזוי איז דאָס געווען, אַזוי וועט זיין.
צוזאַמען מיט דער פרייד, איז דאָ די פּיין.
פון זעלבער ערד גייט אויף דער סם, דער וויין
און ביידע זינגען אויס דאָס ליד פון זיין.

מיר אַמעריקאַנער

.1

אין דיינע שטעט יאַרידישע
מיר קינדער, יידישע,
יונג־יעריקע.

אין דיינע גאַסן וואַכיקע,
מיר קינדער, לאַכיקע
און טרעריקע.

אין דיינע לידער גאַסיקע,
דאָס ליד אויך אונדזער ראַסיקע
צו אַמעריקע.

.2

אין דיינע רעווענדיקע שיפן
איבער האַדסאָן־מיסיסיפּיס טיפן
זיינען מיר אויך ביי דער ראָד.

אין דיינע איילענדיקע באַנען,
אין דיינע פליענדיקע עראָפּלאַנען
זיינען מיר אויך ביי דער ראָד.

אין דיינע טאָלן, אויף דיינע בערג,
אויף אַלע דיינע רוישנדיקע מערק,
דער עכאָ אויך פון אונדזער טראָט.

.3

דורך אייזן און גראַניט
געשטאַרקט איז אונדזער ליד
און שטאָליק.

אונדזער יידיש וואָרט
שלאָגט דאָ אויף יעדן אָרט
וואָרצלען טיף, אומצאָליק.

פאַר יעדן ווער עס שטערט
איז אונדזער וואָרט אַ שווערד,
גלאַנצנדיק און שטאָליק.

.4

אויף אינעם היגן רוים
וויגט אום זיך אונדזער טרוים, —
אַ שיינענדיקער שטערן.

עס וועט דער שטאָטיקער געשריי
מיט קולות אַלערליי
אים נישט פאַרצערן.

דורך שאַפ גערויש און קוימען רויך
וועט אונדזער ליד מיט נייעם כוח
זיך דאָ דערהערן.

5.

דער שטיין און דער גראַניט
וועט אונדזער ייִדיש ליד
מיט נייעם קלאַנג אָט דאָ באַשערן.

פון קלאַנג און קלאַנג, און קלאַנג
אַ שטאַרק און ברייט געזאַנג
וועט זיך דערהערן.

און פאַר איעדער שויב
וועט זיך עס טאָן אַ הויב
און אומעטום זיך הערן.

6.

און איר, פאַרוואָרפענע אַהער,
וואָס קומען מער און מער
דורך אַלע ימען.

אויף יעדן באַרג און טאָל
לאָזט הערן אייער קול,
איר זין פון אַלע שטאַמען.

אויף שטיין און אויף גראַניט,
פון יעדן שטאַם — זיין ליד
און אַלע דאָך צוזאַמען.

7.

יעדער מיט זיין קול, זיין טאָן,
די פידל, דער טראָמבאָן,
אַלע אין אָרקעסטער.

אַ קליינע איז די פלייט,
אַ גרויסער — דער טרומפייט,
צוזאַמען קלענסטער, גרעסטער!

די שווערע פויק: — בום־בום!
דער דיקער באַס: — זום־זום.
יעדער איז דער בעסטער!

8.

אַ זוניקע איז מאַרגאַרעט,
אַ פלאַמיקע — זשאַנעט,
און חנעוודיק איז אסתר.

אַ בויגזאַמער איז דזשאַן,
אַ ברייטער איז סטעפאַן,
און זיגפריד איז דער גרעסטער.

און יעדערער פאַר זיך, מיט זיך,
אין שטיוול, צי אין שיך,
און אַלע ברידער, שוועסטער.

9.

שיינע זיינען אַלע פּענער,
נאָר פון זיי נאָך שענער
ביסטו און איך.

דו אַזוינער און אַזוינער, —
ווייסער, שוואַרצער, ברוינער,
אין שטיוול, צי אין שיך.

אין עקסטאַזידיקן טאַנץ,
יעדער מיט זיין שיין, זיין גלאַנץ
און צווישן זיי אויך איך.

10.

די שווערע פויק: — בום־בום!
דער דיקער באַס: — זום זום!
אַרויף און אין דער נידער.

שטרעק אויס דיין האַנט מיר, דזשאַן,
און דו אויך זיגפריד און סטעפאַן,
עס איז אַ טאַנץ פון ברידער.

אין טאַנצנדיקן קאַראַהאָד,
פאַראייניקט מענטש און גאָט
זיך ווידער.

.11

מיר קומען, גייען דורכן זעלבן טויער,
פאַרשידן בלויז איז אונדזער טרויער
און די פרייד.

די זעלבע שפייז, פאַרשידן בלויז די קעכער,
דער זעלבער וויין, פאַרשידן בלויז די בעכער,
דער זעלבער גאָט האָט זיי פאַרגרייט.

און יעדערער פאַר זיך באַזונדער,
ברענגט מיט אַהער צו אונדז זיין וואונדער
פון טרויער און פון פרייד.

.12

אין דער זעלביקער אכסניא,
ענגלאַנד, אידנלאַנד און שפאַניע, —
באַזונדער בלויז די טיר.

גוטע און געטרייע שכנים —
זיצט מען אָפט אינאיינעם,
דו ביי מיר און איך ביי דיר.

צונויפרוקן די טישן ?
מהיכי תיתי, אָבער נישט צעמישן
דאָס געשיר.

.13

אין גרויסן מאַרש פון נאַציאָנען,
אין פלאַטער פון קאָלירנדיקע פאָנען
איז אויך מיין טראָט, מיין פאָן.

אין ווידערקלאַנג פון האַמערס, רידלען,
אין פויקן פון דער פויק, אין שפיל פון פידלען
איז אויך מיין קלאַנג, מיין טאָן.

אין שפיל פון די זיך ביימנדיקע פאַרבן
פון קאַמף און אויפלעבונג, פון אונטערגאַנג און שטאַרבן
בין איך מיט אַלעמען אין קאָן.

.14

מיר אַלע דאָ אינאיינעם,
גוטע און געטרייע שכנים
אויף דער זעלבער ערד.

מיר דאָ אַזוינע און אַזוינע,
ווייסע, שוואַרצע און די ברוינע
אויף דער זעלבער ערד.

פון יעדער טיר, פון יעדן פענצטער,
די שענסטע און דער שענסטער
צו דער זעלבער ערד.

הייליקע זייער

אַ מתּנה די שול־טוער.

טרוקענע פעלדער און וועגן,
שטיינער און שטעכיקע דערנער,
קומען מיר דאָ זיך אַנטקעגן
הייליקע זייער מיט קערנער.

זײַנען מיר נישט קיין געבאַרטע,
טוען מיר וואָס מיר באַדאַרפן;
איבער דער ערד, דער פאַרהאַרטער
גראָבן זיך רידלישע שאַרפן.

זײַנען די פיס פול מיט וואונדן?
ווער האָט דען צייט זיך צו פילן!

העל האָט די זון זיך צעצונדן,
גילדענע שטראַלן זיך שפּילן.

רידל און לאָם פאַר די דערנער!
ערד ווערט מיט שווייס דאָ גערייניקט,
הייליקע זייער מיט קערנער
גייען און זייען פאַראייניקט.

שטיינער און דערנער דערלעבן?
גראָבן מיר, זייען מיר היי־יאָר?
איבעראַיאָר מ'עט דערלעבן —
הו׳פּנס מיט תּבֿואה אין שייער!

איוואַנציע מאָזעפּיך

אַ גאַנצן נאָכמיטיק האָט זון זיך געשפּילט אויף מיין טעפּיך
און איך מיט אַ בוך וועגן טויט פון איוואַנציע מאָזעפּיך.
דאָס גאָלד פון דער זון אין אַ שפּיל מיט די טעפּיך־אוזאָרן,
אין שפּיל פון דער זון איז איוואַנציע מיר אייגן געוואָרן.

געווען איז איוואַנציע אַ שייגעץ קוים באַגענט צו צוואַנציק,
קאַשקעטל אַריבער די אויגן, דאָס דאַשיקל גלאַנציק.
זיין פּנים מיט קלייענדלעך ברוינע, די האָר קוטשעראַווע
און צווישן די כלאַפּצעס אום זונטיק אַ קאַכיק שטיק לאַווע.

אין זומער פּרימאָרגנס, ווען גראָז איז נאָך נאַס פון דער ראָסע,
פלעגט הערן פון וויט זיך דער קלאַנג פון זיין שאַרפשטיין און קאָסע.
און שפּעטער, אַז ער פלעגט די קאָסע נאָר נעמען באַוועגן
איז גראָז זיך צעפאַלן מיט שנעלקייט פון ווינט אים אַנטקעגן.

און צווישן די שקצים און שיקסעס אַ שפּילער, אַ זינגער,
די פיס צו אַ טענצל, פון ווינטל נאָך פלינקער און גרינגער,
אַז ער פלעגט אַ נעם טאָן אין אָוונט צום מויל די האַרמאָנקע,
פלעגט יונגטלעך פרייד זיך צעוויגן, ווי גראָז אויף דער לאָנקע.

געווען איז די וועלט פאַר איוואַנציען אַ לידל, אַ מעשה
פון וועלדער און פעלדער צעגרינטע און כאַטקעלעך ווייסע.

די שקצים און שיקסעס — אַ שפּיל פון סערמיאַגעס — קימאָנקעס
און אַלץ האָט געדרייט זיך אין טאַנץ צו דעם שפּיל פון האַרמאָנקעס.

און פּלוצלינג, ווער איז מיט אַ מעסער אויף וועלט אָנגעפאַלן?
עס זיינען די טעג, ווי די וועלף אויפגערייצטע איר רוקן באַפאַלן.
עס ציען זיך בלוט־רויטע שנירלעך פון אַלע פיר עקן,
די וועלט איז צעוואונדעט געוואָרן און הינקט אויף אַ שטעקן.

אויך איצט איז אַ זומער־פרימאָרגן, די זון און די ראָסע,
נאָר שאַרפשטיין צעקלינגט זיך נישט מער אין דער לופט פון דער קאָסע,
די קאָסע? צי וועט ער אַמאָל זי דען נאָך אַמאָל שאַרפן?
די קאָסע? צי וועט דען דער מענטש זי אַמאָל נאָך באַדאַרפן?

זיין אַקער פאַרזשאַווערט מסתמא אין ווינקל פון שייער,—
ווער ווייסט, צי ער איז ניט אינגאַנצן אַוועק מיטן פייער!
די פעלדער אויף מיילן אַרום ניט פאַרזייט, ניט געשניטן,
ווער האָט עס די קלינגענדע קאָסעס אויף ביקסן פאַרביטן?

ווער האָט עס דאָס גראָזיקע פעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען?
עס שפּאַנען אַרמייען פאַרמאַטערט אַנטקעגן אַרמייען.
פון דער זייט איוואַנציעס מיט לייבער צעפוילטע, פאַרשוויצטע,
פון יענער זייט פריצעס מיט וואָנצעס און היטלען פאַרשפּיצטע.

די פריצעס? ערשט נעכטן האָט ער דאָ אַ פריצל געפאַנגען,
איז יענער נאָך אים אַזאַ שטילער און מידער געגאַנגען.
געגאַנגען? אָ, ניין! ווי אַ שעפּסל איז ער דאָך געקראָכן, —
ווי גוט, וואָס ער האָט אים פון ברויט אויך אַ שטיק אָפּגעבראָכן!

געזעסן אויף דר׳ערד און געגעסן — אַ פּנים צו פּנים,
געזעסן, געגעסן צוזאַמען און גאָרנישט. ווי שונאים, —
פאַרוואָס איז דאָס פעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען?
צו וואָס אָט די בלוטיקע פלעקן? צו וואָס די אַרמייען?

די זון האָט מיט גאָלד איבער נאָענטן וואַלד זיך געהויבן,
צעגלאַנצט האָבן ריטשקעס פון ווייט זיך, ווי ליכטיקע שויבן.
ווי ליב איז געווען אים אַמאָל אויף דער לאָנקע, די ראָסע,
ער קוקט אויף זיין ביקס און צעבענקט זיך מיט פיין נאָך דער קאָסע.

און בענקענדיק שלעפּט ער פון שטיוול אַרויס די האַרמאָנקע
און זע נאָר, עס שמייכלט דאָך פריץ און עס שמייכלט די לאָנקע
און טעג, ווי די פערדלעך נאָך קיינמאָל אין שפּאַן נישט געשפּאַנטע,
צעשמייכלען זיך פריידיק און ליכטיק מיט שמייכלען באַקאַנטע.

דער אָוונט נעמט לעיזן צוביסלעך דאָס גאָלד אויף מיין טעפּיך,
נאָר זוניקער ווערט אַלץ פאַר מיר איצט איוואַנציע מאַזעפּיך.
ער ווייסט שוין פאַרוואָס איז דאָס פעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען,
ער ווייסט, ווער עס טרייבט די אַרמייען אַנטקעגן אַרמייען.

און ווען אין אַ נאַכט האָט אַ ליכט זיך גענומען צעבלייכן
האָט פּלוצלינג איוואַנציע מאַזעפּיך פאַרשטאַנען דעם צייכן.
און ווען איבער אים איז דער מאָרגן מיט רויט אויפגעגאַנגען,
איז ער אים מיט ביקס און האַרמאָנקע אַנטקעגן געגאַנגען.

עס האָבן זיך אַלע איוואַנציעס פאַראייניקט צוזאַמען,
אַ ווייל האָט דאָס פעלד און דער וואַלד זיך געוויקלט אין פלאַמען,
אַ ווייל האָט אַ קול זיך געטראָגן אין לופטן מיט צאָרן,
נאָר גיך איז דאָס פייער און צאָרן אַנטשוויגן געוואָרן.

איוואַנציע מאַזעפּיד אין קרייז פון אַ יונג־רויטער מענגע.
אין מויל די האַרמאָנקע, אין לעצל אַ בלוט־רויטע סטענגע.
און ביקסל? ער וועט אָט דאָס ביקסל שוין מער ניט באַדאַרפן,
עס בענקט שוין אין שייער דער שאַרפשטיין די קאָסע צו שאַרפן.

און ווייַ־ווייַ, צו פרי איז געווען נאָך די ביקס צו פאַרוואַרפן
צו פרי איז געווען נאָך מיט שאַרפשטיין די קאָסע צו שאַרפן.
עס האָבן אין הימל זיך פּלוצלינג די פאַרבן געביטן.
פאַרנאַכט זיינען רייטער פון וועלדער אויף גיך אָנגעריטן.

נאָך רויטן פרימאָרגן איז אָוונט אין שוואַרצן געקומען
און אונטער די טונקעלע פאָלעס דאָס רויטקייט פאַרנומען.
עס האָבן די שוואַרצע מיט פייער די רויטע פאַרטריבן,
אין פעלד איז איוואַנציע בלויז איינער אַ רויטער פאַרבליבן.

נאָר רויטקייט בלייבט רויטקייט, אויך אונטער די טונקעלע פאָלעס, —
עס שוואַרצט אין די אויגן דאָס שוואַרצקייט? — נו, זאָל עס!
און ווען אויף זיין האַלדז האָט אַ שוואַרצער דאָס שטריקל פאַרצויגן,
געקוקט האָט איוואַנציע מאַזעפּיך מיט שטראַליקע אויגן.

עס האָט זיך די שוואַרצקייט געוואונדערט — פון וואַנען די שטראַלן?
און פּלוצלינג אַ פינצטערע מורא אויף זיי איז געפאַלן, —
צעגליט האָט דאָס רויט זיך אויף יענער זייט טייכל און בריקל
און אויפגעשיינט גילדיק און רויט האָט איוואַנציע אין שטריקל.

אונדזער טרייסט

(סאַקאָ און וואַנזעטי, אומגעבראַכט דעם 22טן אויגוסט, 1927)

דער ווייזער אויפן טורעם־זייגער — צוק און רוק, —
אָ, ווייזער, ווייזער, זאָל שוין זיין געננג!
דיין יעדער צוק און רוק דערנעענטערט זייער סוף,
דיין יעדער צוק און רוק דערנעענטערט אונדזער שטראָף.
ער הערט מיך ניט און רוקט זיך גלייכגילטיק צום צוועלף,
און עמיצער צעשרייט זיך אין דער נאַכט: אָ, העלף!

אָ, העלף! עס האָט דער אַלטער ביינערדיקער גער
צעעפנט ברייט דאָס פאַרמעטענע בוך: — געזעץ.
זיין פנים, ווי דאָס בוך איז אַלט, צעקנייטשט, פאַרגעלט,
זיצט ער און טייטשט די פסוקים פונעם בוך, ווי אים געפעלט.
זיין גוף פון אַלטקייט איז געבויגן און צונויפגעדרייט,
זיצט ער און משפט און פאַרמשפט אונדזער פרייד.

אָ, העלף! עס ווערט אין אָט־דער פייגלעך־שווערער נאַכט
די פרייד פון אונדזער לעבן פאַר אַ קרבן דאָ געבראַכט.
די פרייד פון זיין כאַטש אויף געציילטע יאָר אָט דאָ,
גייט אויף מיט רויך פון געצ׳ס מזבח און — נישטאָ.
און מיר, פאַרלוירענע און מאַכטלאָזע, וואָס זאָלן טאָן?
עס הערשט דער ביינערדיקער געץ נאָך אויפן טראָן!

דער ביינערדיקער געץ! געביילטע דראָענדיקע הענט
און צאָרנדיקע אויגן זיינען איצט צו אים געווענדט!
נאָר גיי דערשרעק דעם געץ, וואָס איז פון האַרטן ביין געמאַכט!
דעם לעצטן שאָטן פון דער שוואַרצער צאַנקענדיקער נאַכט
איז אומעטיק אַליין אַוועקצוגיין פון אונדזער ערד.
דער לעצטער שאָטן פאַכעט נאָך עקשנותדיק זיין שווערד!

נו, פאַכע, פאַכע שאָטן שוואַרצער, ס׳איז דיין לעצטער פאָך!
דער מענטש אויף אונדזער ערד איז ניט קיין אָקס אין יאָך,
וואָס נעמט די בייטשן־קנאַלן צו און שפאַנט און שווייגט.
דער מענטש וואָס ווערט געבייטשט פון בייטשן, פאַלט און שטייגט.
די שווערד, וואָס פלעקט, באַפלעקט מיט בלוט די ערד,
ווערט אין איר זשאַווער סוף כל סוף אַליין פאַרצערט.
דער זייגער אויף דער גרויסער טורעמדיקער וואַנט, —
דער ווייזער דאָרט! — צי פילט ער ניט די בראַנד,
וואָס צינדט אין אונדזער בלוט זיין יעדער צוק און רוק?

עס ווערט אין האַלדז פאַרשטיקט דאָס וואָרט: גענוג.
צו שפּעט. ער איז שוין אויפן ציפער: צוועלף.
אומזיסט איז איצט שוין דאָס געשריי: אָ, העלף!

אָ, העלף! אָ, העלף! צו וועמען? און צו וואָס?
ווי נעכטן, טויאיק איז אַרום אַט דאָ דאָס גראָז,
און איבער אונדז — די שטערן מיטן זעלבן זילבערדיקן בלענד.
נאָר מיר אַט דאָ אַרום דעם גען — די פיס, די הענט
צענאָגלטע, צעבלוטיקטע, באַטריבט, פאַרקלעמט,
ווי יעזוס אויפן צלם דאָ ניט ווייט, פאַרשעמט.

נאָר שעמענדיק זיך, הענגען מיר דאָך ניט די קעפּ אַראָפּ.
דער ווינט, וואָס וויגט דאָס העמד אויף אונדזער לייב אַרויף, אַראָפּ,
טראָגט אויך פאַר אונדזער וואונדיק לייב אַ היילונג אין זיין בלאָז.
דאָס רויטע בלוט, וואָס קאַפּעט איצט אַראָפּ דאָ אויפן גראָז
מאַכט זאַפטיקער די האַרטע ערד און פון איר טיפער איינגעווייד
גייט אויף אַריבער אונדז די טרייסט פון גאָר אַ נייער פרייד.

צום דיכטער מיט דער געגדזענער פּען

צעשטערט און צעבראָכן איז אַלץ, וואָס געווען ביז אַהער,
כאָטש נעם פונעם ווינקל דעם בעזים און קער און פאַרקער.
די נעכטיקע גאַנצקייט איז ברוכוואַרג אַצינד אויפן מאַרק,
קויפט, קונים, — אַ פּעני אַ הויפן, אַ ניקל אַ באַרג!

עס ראַנגלט אין לופט זיך דער אָפּהילך פון נעכטיקן ליד
און שטאַרבט אָפּ צוביסלעך, ווי ווייטע דערווייטערטע טריט,
פאַרנעמט־זשע דעם אָפּהילך, ווייל באַלד איז ניטאָ שוין אויך ער, —
איז שיינקייט פון נעכטיקן ליד שוין קיין שיינקייט ניט מער?

פאַרשעמט און פאַרלאָזט איז דער דיכטער מיט געגדזענער פּען,
אַזוי ווי ער וואָלט אויך אַליין אַ שטיק ברוכוואַרג געווען.
דער לאָרבערקראַנץ זיינער אויף דר'ערד אונטער איילינקע פיס,
דער לאָרבערקראַנץ זיינער, ווי געל און פאַרוועלקט שוין ער איז!

און מיר, מיט די קוואַל־פּענס פון ביין און פון גלאַנציקן גאָלד,
מיר ווען, ווי ער, מיטן זעלבן אויך ווערן באַצאָלט.
די גאַנצקייט פון נעכטן ווערט היינט דאָ צעבראָכן, צעשטערט,
דער שיינקייט פון היינט איז אויף מאָרגן, דאָס זעלבע באַשערט.

אַ בעטלער האָט היינט ביי מיין פענצטער געזונגען, געשפּילט,
האָב איך, אין זיין זינגען און שפּילן, דערהערט און דערפילט

דאָס וויינען פון ברוכוואַרג, וואָס איז אָט ערשט גאַנצקייט געווען,
דאָס שטילע געוויין פונעם דיכטער מיט געגנדזענער פען.

אָ, דיכטער פון נעכטן, אָ, דיכטער מיט פען פון דער גאַנדז!
איך הויב אויף פון דר׳ערד דיין פאַרוועלקטן, צעטראָטענעם קראַנץ.
און לייג אים מיט מיינעם, וואָס האָט זיך אָט ערשט היינט צעבליט,
דער טראָט פונעם היינט איז צום נעכטן מיט קייטן געשמידט.

עס פאַקט שוין דער היינט צו דעם נעכטן די פעקלעך אין וועג,
דער מאָרגן וועט אויך, ווי דער היינט צו דעם נעכטן אַוועק.
עס ציטערט מיין גילדענע קוואַל־פען אין האַנט אויף מיט צער —
אָט לעבט זי, אין באַלד — אַן אַנטיקל פאַר דעם אַנטיקוואַר!

א י כ ה

ווי אומעטיק עס איז די שטילע, אָוונטיקע שעה! —
די לאַכנדיקע פרייד האָט אויסגעלאַכט זיך ביז׳ן דנאָ
און איצטער ליגט די ליידיקייט צונויפגעדרייט
און היט דעם קבר פון דער פרייד.

די פרייד, וואָס האָט אָט דאָ אין טאָג־ליכט זיך צעבליט, —
געווען איז זי אַ שורה פון אַ ניט פאַרענדיקט ליד,
וואָס ערגעץ האָט אַ גוססדיקער טרוימער, אַ פאָעט
אַרויסגעמורמלט אויף זיין טויטן בעט.

און איצטער איז די שורה אויך שוין מער ניטאָ,
זיך אויפגעלייזט האָט זי אין דעם אַרומעדיקן גראָ.
דער אָוונט בויגט זיך צו דער שלאָפנדיקער פרייד און שפּרייט
אַריבער איר, די פאַלדן פון זיין גרויען קלייד.

דאָס אויג און קול פון גאָט

דוד בערגעלסאָנען

א.

אינמיטן פון דער גרויסער, רוישנדיקער שטאָט,
דערפיל איך אָפט אויף זיך דאָס אויג פון גאָט.
און ניט דאָס אויג פון בערדלדיקן קריסטוס־גאָט, —
אַזעלכע, ווי ער, באַגעגנט מען אויף יעדן טראָט,
אַזאַ, ווי ער, בין איך דאָך היינט אַליין, —
קומט אַלע נויטבאַדערפטיקע צו מיר צוגיין!

ב.

אַמאָל האָב איך געהערט גאָטס קול אין אַ פֿאַבריק,
געדרעדט האָט עס צו מיר דורך האַמער־קלאַפּ און וואַלצנוויג,
דורך דעם עלעקטרישן מאָטאָר און קוימענדיקן ברום,
דורך לעדער־פּאַס צעיאָגטן, זשומעדיקן זום.
פֿאַר ווענען אָט דאָס קול געמיינט האָט גאָלד געקלאַנג,
פֿאַר מיר איז קול פֿון גאָט געווען אין ראָדס געזאַנג.

ג.

גאָטס אויג בייט אָפּטמאָל דעם קאָליר,
גאָטס קול רעדט אַנדעריש אַלע מאָל צו מיר.
זיין אויג, זיין קול אין טאָלן און אויף בערג,
אויף שטילער גאַס, אויף רוישנדיקע מערק.
ער האָט ווי איך אויך ליב דאָס שפּיל
פֿון ווינטל־בלאָז און שטאָטיקן געבריל.

ד.

היינט פֿרי האָט ער אַריינגעקוקט צו מיר דורך שויב
און פֿון געלעגער מיך געטאָן צו זיך אַ הויב.
פֿון אונטן האָט מיט דזשאַזעדיקן ווילדן טראָט
געשפּאַנט אַ שיכורע די רוישנדיקע שטאָט
און ביט געזען, ווי איבער איר איז אויסגעשפּרייט
גאָטס אויג מיט שטילער, שטראַלנדיקער פֿרייד.

ה.

און איצט איז ער אין ציטערדיקן שטראַל אויף מיין דיל,
און איך קאָן בעטן אַלצדינג וואָס איך וויל.
נאָר וואָס־זשע מערער וויל איך דען,
ווי אים צו הערן, פֿילן אים און זען?
גאָטס אויג, גאָטס קול מיט מיר איז דאָ
און גוט און וואויל איז מיר אין אָט־דער שעה.

דורות

אויף וועגן פֿון נעכטן צעטראָטן
באַשערט איז מיר איצטער צו טרעטן,
און טייג פֿון אַ האַנט שוין צעקנאָטן,
באַשערט איז מיר איצטער צו קנעטן.

איז וואָס־זשע? איך בענטש אין מײַן האַרצן
די לאַנג שױן פאַרגאַנגענע דורות.
אויף באַכטיקן װעג, אויף דעם שוואַרצן —
באַגילדטע, צעשײַנטע מנורות.

אין לויטערן שײַן פונעם אַלטן,
דערזע איך דאָס נײַקייט פאַרבאָרגן,
איך קלײַב אויף בלויז דאָס, וואָס באַהאַלטן
האָט נעכטיקער טאָג פאַרן מאָרגן.

אויף וועגן פון דורות צעטראָטן
בין איך דאָ ניט מער, ווי אַ שאָטן
פון נעכטיקע ברידער פּאָעטן.

האָט נעכטיקער ברודער געלאָזן
אַן אמת נאָך ניט קײן אַנטפּלעקטן,
פּרוּוו איך מיט די ליפּן צעבלאָזן
דעם שטויב איבער אים, דעם פאַרדעקטן.

צעקנאָטענעם טײג פון די דורות
צעקנעט און פאַרקנעט איך דאָ איבער,
אין שײַן פון באַגילדטע מנורות
צעשײַנט זיך מײַן שײַן דאָ בציבור.

אונדזערע שפּראַכן

ייִדישע דיכטער בײַ אַלעמענס ברעגן.
ווער בײַ דער װײַסל, און װער בײַ דעם האָדסאָן.
אונטער דעם שנײ און דעם האָגל און רעגן
וואַקסן צום הימל צעבליטע אַנטקעגן
אונדזערע שפּראַכן.

אונדזערע אויגן צו זוניקע הויכן.
אונדזערע הענט בײַ דעם רידל, בײַם אַקער.
דורך די פאַרשידנקאָלירקע רויכן
אין אונדזער פלאַקער.

פלאַקער־זשע, פלאַקער־זשע העלער, מײַן פײַער,
דו אונדזער אײנציקער צײכן אַנטקעגן!
וואָס נישט דערוואַקסן, דערוואַקסן וועט הײַ־יאָר,
מערן וועט זיך אינעם אײגענעם שײַער
אונדזער פאַרמעגן.

ווער ביי דער ניעווע, און ווער ביי דער טוריע,
איך זינג מיין ליד ביי דעם פּליסיקן האָדסאָן,
פון דער כנרת און די חמי־טבריה
ביז צו די טייכן פון ווייטער מאַנדזשוריע
אונדזערע שפּראַצן.

אַ טאָג איבער ניו־יאָרק

אַ יונג מיט בלויע אויגן און מיט בלאָנדע קוטשעראַווע האָר,
וואָס טראָגט נאָך גרינג אויף זיך די דורכגעלעבטע יאָר,
איז היינט אַרויס אויף גאַסן פון ניו־יאָרק מיט טאַנצנדיקע טריט.
דער אָטעם פון דער שטאָט האָט זיך געוואָרגן צווישן אייזן און גראַניט.
אָט האָט ער זיך צעקרעכצט, ווי אינעם ים אַן אויפגעפּוישטער וואַל
און אָט צעצאַפּלט זיך, ווי חיות פון אַ פּלוצלינגדיקן איבערפאַל.
געדאַכט האָט זיך דעם יונג, אַז נאָענט אַרום אים, גייט אַן אַ שלאַכט,
עס קעמפן ריזן צווישן זיך, פאַר הערשאַפט און פאַר מאַכט.
און ער, וואָס איז, אָט ערשט אַרויס פון הויז, מיט טאַנצנדיקע טריט,
איז צווישן באַמבע־וואַרפערס דאָ, אַ צילברעט אין דער מיט.
אויף טורעמס און אויף פענצטער האָט די זון געציטערט מיט איר שיין —
אוי, ווער וועט וועמען אין דער גרויסער שלאַכט דאָ מנצח זיין?

נאָר אָט זעצט ער זיך אויף אַ באַנק אינמיטן ברייטן און באַבוימטן סקווער,
וואָס האָט געגלאַנצט מיט זון. דער ליאַרעם האָט דערגרייכט אַהער
בלויז, ווי אַ דורכגעזיפּטער עכאָ פון אַ טומלדיקער ווייט.
אַ כאָפּטע יונגוואַרג האָט זיך אומגעיאָגט מיט פנימלעך פאַרשויט, —
ווער שלאַכט! וואָס שלאַכט! — דאָס טאַנצט דער מוסקולאַרנער גאַט
זיין אימפּעטדיקן טאַנץ אויף עוועניוס און גאַסן פון דער שטאָט.
אָט דזשיגעט ער צום ברויז פון דזשאַז. אָט וויגט ער אום זיך אין אַ וואַלץ,
און טאַנצנדיק, וואַרפט ער מיט געטלעכקייט אויף אַלעמען און אַלץ: —
די שאָטנס פאַר די גערסלעך און דעם זונשיין פאַרן סקווער,
דעם אימפּעט פאַר די מענטשעלעך, וואָס איילן הין און הער,
דעם טומל פאַר די אויטאָס, טראַמוואַיס, סאָבוועיס, און דעם „על",
די איינזאַמקייט פאַר בעטלער, וואָס שנאָרכעט אויף אַ פרעמדער שוועל.

געוואָרן איז דאָס האַרץ פון יונג, ווי פידל אונטער סמיק,
צעצאַפּלט האָט עס זיך פון יעדן פרעמדנס אַ באַריר און בליק.
די בליקן און באַרירן! — ווי לייכטע ווינטלעך יאָגן זיי פאַרביי, —
וועט איינער כאָטש פון זיי זיך אומקערן צו אים אויפסניי?
אַ טראָט קלינגט אויף, דער טראָט פאַרביי און באַלד נאָך אים אַן אַנדער טראָט,

אַזוי־אַ וועט זיך אײביק אומטרייבן דער אימפּעט פון דער שטאָט.
און ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס ער איז ווידער אויף די פיס?
דער אימפּעט האָט אים פלוצלינג פון דער באַנק געטאָן אַ ריס
און ווידער עווענױס און גאַסן, אײַזנשטאַנגען און גראַניט.
דער טומל וויגט זיך. וואַרגט זיך. נאָר ער אַרט אים מער שוין ניט.
ער איז אַ שפּילצייג איצט פון מוסקוליאַרנעם טאַנצנדיקן גאַט,
וואָס שאַרט אים אום מיט זיין צעוויגטן טראָט אויף גאַסן פון דער שטאָט.

אויף פייערלייטערס הענגען פרויען אויס דאָס וועש און אונטערוועש,
און אויף די טראָטואַרן, וועגעלעך מיט ברוכוואַרג — זילבער, קופּער, מעש,
אַ קטורת־לעמפּל פון אַ קלויסטער און אַ מנורה פון אַ שול צוזאַמען זייט בײַ זייט,
אַ נעגער דזשיגעט פרײַלעך אויס אַ טענצל אויפן מיטן גאַס פאַרשייט: —
„אַ מאַן איז ווי אין וואַלד דער יעגער! אַ פרוי איז ווי אין פעלד דער האָז!"...
און זינגענדיק צעפּלעצלט זיך אויף אים זיין ברוינע, גלאַנצנדיקע נאָז.
אַ ברוינער, וואַנצלדיקער איטאַליענער בײַ אַ שטופּ־וועגעלע מיט פיש
צעבייזערט זיך אויף עמיצן: — „אַ סעניאָריטאַ, יו נאָ אינגעליש קאַביש?"
אַ כאַפּטע קינדער שפּילן „דייס" און אין די אַפּפאַל־קענדלעך רויען זיך די קעץ,
אַ שוויגנדיקער קערט דער גאַסנקערער מיט זיין בעזעם אין קאַנאַל אַריין די נעץ.
די לופט איז אָנגעפּילט מיט זויער־ראָסל, גרינצייג און מיט פּרוכט.
אַ שיכור שלעפּט זיך אום אַ וואַקלענדיקער, רעדט צו זיך און פלוכט.

און אָט איז אָרטשאַרד סטריט. ער בלייבט אַ רגע צוגעשמידט צום אָרט, —
אַ זקן מיט צווײ פּיאות און אַ ברייטע לאַנגע ווייסע באָרד, —
אַזוי־אַ קוקט זיין זיידע אויס אויף וואַנט אין גאָלדן ראַמל אײַנגעראַמט, —
די בליקן וואַרעמע, די ברייטע לאַנגע ווייסע באָרד צעקאַמט.
אַ רגע פילט ער, ווי אַ פרעג טאָן: — זיידעשי, ווי קומט איר דאָס אַהער?
נאָר אָט צעשאָקלט זיך דער זקן בײַ זיין וועגעלע מיט פּרוכט אַהין, אַהער
און שאָקלענדיק צעזינגט ער זיך מיט דאַוונדיקן קול: „פּרוכטן פרישינקע,
פאַרזוכט!"
האָט ער ביים זקן פאַרן לעצטן געלט געקויפט פאַר זיך אַ פּרוכט.
און קויפנדיק אַ ווייצל זיך געטאָן: — ווען ווערן מיר פון גלות אויסגעלייזט?
נאָר, ווען דער זקן האָט זיך שטיל באַקלאָגט: „נאָך גאָר קיין געלט היינט ניט געלייזט",
האָט ער פאַרגעסן אָן דער פּרוכט אין האַנט, און ווייטער זיך צעשפּאַנט
ביז אויף אַן אַנדער גאַס האָט אים אַ טרעמפּ אָן איר דערמאָנט.
— אַ יונג אַזאַ... כע־כע... מיט באַר אין האַנט גייט אום פאַרטראַכט...
האָט ער אַ קול דערהערט און באַלד האָט זיך דאָס קול צעלאַכט
און דאָס געלעכטערל האָט זיך אַ שאָט געטאָן, ווי האָגל אויף זיין לייב: —
— אַ יונג אַזאַ... כע־כע... מסתמא צרות פון דער ווייב...
נאָר פלוצלינג האָט דער טרעמפּ פאַר אים זיך טיף פאַרנויגט: —
— איך ווייס, מיין האַר... איך האָב אַמאָל צו בעסערס אויך געטויגט...

געהאַט אַ ווײַב... אַ קינד... אַ היים... און איבער קאָפּ אַ דאַך...—
פון אויבן האָט זיך אָנגעיאָגט דער „על" מיט אַזאַ דונערדיקן קראַך
און אַ פאַרשלונג געטאָן אין זיך די שטילע רייד פון טרעמפּ.
אַ רגע האָט דער יונג געקוקט אויף אים מיט פּנים קאַלט און טעמפּ,
נאָר, אַז ער האָט דערהערט פון אים אויפסניי: — מײַן האַר, מײַן האַר, —
האָט ער אויף גיך אַרײַנגעלייגט צו אים אין האַנט אַרײַן די באַר.

דער מוסקוליאַרנער גאָט האָט נאָך זײַן אימפּעט איבער שטאָט ניט אויסגעטאַנצט,
די פּיס, ווי פון מאָטאָרן אומגעטריבן, דער קאָפּ באַקראַנצט
מיט אײַזנשטאַנגען, עלעקטריק־לעמפּלעך, שטיינער און צעמענט
און ער, דער יונג, וואָס האָט געשפּאַנט איצט אַן דער באַר אין זײַנע הענט
האָט צו דעם גאָט פון שטאָט דעם אומרו פון זײַן בלוט אַרויפגעשיקט.
דער טאָג האָט זיך גערוקט. דער ליאַרעם האָט נאָך שווערער זיך צעוויגט
אויף עוועניוס און גאַסן צווישן שווערע שטיינערדיקע ווענט.
אַ ברודער האָט אין אימפּעטיק געיעג זײַן ברודער ניט דערקענט.
ווי כוואַליעס רויך פון קוימענס אויסגעשפּיגעגנע צום אונטערגאַנג פון טאָג,
צעכוואַליעט האָט די מענטשנמאַסע זיך אויף יעדער גאַס און ראָג.
מיט אײַזנשטאַנגען, עלעקטריק־לעמפּלעך, שטיינער און צעמענט,
נאָר אויף די טורעם־שפּיצן האָט איר גאָלד ניט אויסגעברענט נאָך ביז צום לעצט.

און ווי אַזוי איז דאָס דער יונג אַרײַנגעפאַלן אויף אַן עוועניו פון פּוסט און פּאַס?
די עוועניו האָט, ווי אַן אויסגעפּוצטע, צעלאָזענע מרשעת
אַ צי געטאָן צו אים די הענט.
אויף טורעמשפּיצן האָט די זון נאָך אומגעבלענדט
און אויפגעוועקט אין אים אַ שאַרפן, ברויזנדיקן רוף,
וואָס האָט אַ דורשטיקער צעוועקט זיך אין זײַן גוף,
האָט ער צוזאַמען מיטן פּוסט און פּאַס
געלאָזט זיך גיין ביים זײַט פון דער מרשעת:
— מײַן האַרנטע, — האָט ער הכנעהדיק אין איר אַנטבלויזטן אויערל געזאָגט:
— מײַן האַרנטע, אַ גאַנצן טאָג, אַז איבער אָט־די רוישנדיקע גאַסן טראָגט
דײַן קנעכט אַרום פאַר דײַנעט וועגן זײַן געזונטן גוף און קוטשעראַווע האָר,
האָט זי זיך פרעך צעלאַכט און בייז אַ קוק געטאָן אויף אים: — דאָס גאָר?

דאָס גאָר? דאָס גאָר? דאָס גאָר? געלאַכט האָט יעדער איינער פונעם פּוסט און פּאַס
און ער, דער יונג? — — אַ, פרעכע, אָנגעפּודערטע, צעלאָזענע מרשעת,
וואָס האָסטו צום געזונטן יונג מיט קוטשעראַווע האָר געטאָן?
גאַנצפרי האָט ער די קלײדער זײַנע, זינגענדיק זיך אָנגעטאָן —
די שיך פאַרשנורעוועט, זיך אויסגעבונדן גלאַט און נעט דעם שניפּס,
גערופן פונעם העלן מאָרגנס פּיפּידיקן פּיפּס

האָט ער דורך גאַסן זיך געלאָזט, ווי אַ טענצער צו אַ טאַנץ.
זײַן אויסקוק איז געווען אַ פרײדיק בלאַט צום גרויסן קראַנץ
פון מוסקוליאַרנעם טאַנצנדיקן גאַט אַריבער טורעמס פון דער שטאָט.
און איצט ?... אַזוי־אַ גראַבלט זיך אין אונטערערדישקייט דער קראָט,
אַזוי־אַ צאַפּלט זיך אַ מענטש געטראָפן פון אַ הפקר־יונגס אַ שטיין.
אַזוי־אַ גוססט דאָך די זון, וואָס האַלט שוין ביי דעם אונטערגיין.

דער גאַנג האָט ברייט געמאַכט אויף זײַנע מידע פיס, די שיך.
דער אָוונט האָט אים אָנגעטראָפן אויף אַ געסל, ריידנדיק צו זיך.
ווי עפּל איבערצייטיקטע, וואָס פאַלן צו דער ערד פון צווייג,
ווי פייגל פון אַ פּלוצלינג אויפגעפּראַלטער שטייג,
געפאַלן און געהויבן האָבן זײַנע ווערטער זיך פון צונג.
עס האָבן מענטשן אים באַטראַכט, נאָר ניט געאַרט האָט עס דעם יונג.
געשפּאַנט האָט ער מיט ראַשע טריט אַ שיכורער פון פּיין,
פון פענצטער און פון ווענט האָט זון שוין אָפּגעטאָן דאָס לעצטע ביסל שיין.
און מיט קאַלירנדיקע אויגן האָט דער אָוונט שוין אויפגעבליט
און הייס די מידע טריט פון יונג געברענט, געבריט,
און איבער טורעם־שפּיצן פון דער אָוונטדיקער שטאָט
האָט אַלץ צעטאַנצט זיך צו דעם מוסקוליעזער גאָט.

ז. ווײַנפּער

פון בוך „געקליבענע לידער"

דער באָרוועסער ברודער מיינער

געקומען איז דער באָרוועסער פון טיפער, שוואַרצער נאַכט
און כאָטש אַ באָרוועסער, האָט ער דאָך מיטגעבראַכט
אַ שווער געפּעק אויף זיך און אין דער האַנט אַ פאָן, —
העי, באָרוועסער, — האָב איך געפרעגט, — וואָס זאָגסטו אָן?
אַ שׂרפה פאַר דער וועלט, צי ליכט אויף טאָג?
העי, באָרוועסער ברודער מיינער, זאָג מיר, זאָג!

האָט ער אויף מיר אַ בליק געטאָן און האַרט געזאָגט: —
אַ מענטש, וואָס קומט פון אַזאַ וועג, ווי איך, פאַרמאָגט
אי שׂרפה־פלאַם, אי זונאויפגאַנג אין זיין געפּעק, —
דעם שׂרפה־פלאַם פאַר די וואָס שטייען מיר אין וועג
און זונאויפגאַנג פאַר די, — נאָר דאָ האָט זיך געטאָן אַ שפּרייט
אַ פּיין אַזאַ אויף מיר פון זיינע האַרטע רייד.

פאַרוואָס־זשע אָט־די פּיין, העי, ברודער מיינער, באָרוועסער
איז אויף דיין שווערן וועג דיר דאָס געפּעק צו שווער?
נעם פּאַק עס אויס, צעטייל אויף פּעקלעך צוויי
און ביידע וועלן מיר אויף אַלע וועגן אונטער זיי
צעשפּאַנען זיך מיט אָט־דער רויטער פאָן פאָראויס, —
עס בענקט נאָך ליכטיקייט דאָך יעדן מענטשנס הויז!

אַזוי האָב איך צום באָרוועסן גערעדט, גערעדט,
דערציילט אים, אַז איך בין אַ ייִדישער פּאָעט,
וואָס כּישופט פעדעם גילדענע אַרויס פון גרויע יאָר,
ווייל חלום מוז דאָך האָבן אונדזער וויסטע וואָר.
אַזוי האָב איך גערעדט, נאָר ער האָט חוזקדיק געלאַכט: —
אַ ייִדישער פּאָעט, וואָס וויגט מיט חלום איין די נאַכט!

העי, באָרוועסער, העי, באָרוועסער, עס האָט די וועלט
פאַרטיילט דיך יאָרן לאַנג מיט נאַכטלעגער און אַ געצעלט,

פאַרלאַג „אויפקום", ניו־יאָרק, 1932. 304 ז"ז.

מיט ברויט, מיט מלבוש אויפן לייב און אַ פּאָר שיך.
נאַ, נעם־זשע אַלץ דיר, וואָס איך האָב אַצינד אויף זיך
און נעם אויך מיך. איך האָב אין מיין פּאַרמעג אַ וואָרט,
וואָס כישופט פּעדעם גילדענע אַרויס פון יעדן אָרט.

אַזוי האָב איך גערעדט און ער האָט אַלץ פון מיר געלאַכט
און לאַכנדיק געזאָגט צו מיר: דו ביסט די וויסטע נאַכט
און נאַכטיק־וויסט איז אויך דיין יעדעס וואָרט;
עס פאַלט ווי אַפּיום סמ׳יקער אויף יעדן אָרט.
אַזוי האָט מיר געזאָגט, דער ברודער מיינער, באַרוועסער, —
בלויז אַפּיום איז מיין וואָרט, בלויז אַפּיום און ניט מער.

העי, באַרוועסער, נו, וואָס־זשע מער קאָן איך דען טאָן?
האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און אָנגעוויזן אויף דער פאָן: —
דו זעסט? — האָט ער אַ צאַרנדיקער אויסגערופן, — זעסט, ווי רויט?
דאָס איז דאָס בלוט פון אונדזער לייב, פון אונדזער הויט!
די האַנט, וואָס האָט די פאָן געפאַרבט מיט אונדזער בלוט,
באַשטראָפט מוז ווערן ניט מיט וואָרט, נאָר מיט אַ שאַרפער רוט!

אַ שאַרפע, שטראָפנדיקע רוט אויף מענטשנס לייב! — און איך?
אַ, גורל מיינער! ווי־זשע קאָן איך נעמען אַזאַ שווערן יאָך אויף זיך!
אַ מענטש, ווי איך, וואָס האָט פון אייביק אָן געטראַכט, אַז האַנט
וואָס שלאָגט און שטראָפט, באַוויינט אַליין זיך און איר שאַנד!
אַ מענטש, ווי איך, וואָס הערט דאָס וויינען פון דער רוט,
בשעת זי קאַטעוועט אַ מענטשלעך לייב, אַ מענטשנס הויט ביז בלוט!

אַבי איך האָב געמיינט, — עס זאָגט דער באַרוועסער מיר אָן אַ זין־אויפגאַנג
און רופט מיך אים באַגעגענען מיט פרייד און מיט געזאַנג.
אַבי איך האָב געמיינט! — איך נעם מיין בלוט און שרייב, פאַרשרייב,
אַז הייליקער פון אַלץ אויף דר׳ערד איז מענטשנס לייב,
אַז הייליקער פון אַלץ אויף דר׳ערד איז מענטשנס הויט,
נאָך הייליקער פון פאָן אפילו, וואָס איז רויט!

געקומען איז דער באַרוועסער און קומען וועט ער נאָך אַמאָל.
איך ווייס, אַז הערן וועל איך דורך די טעג און נעכט זיין קול,
וואָס וועט זיך איינעסן אין מיר, ווי אין אַ מענטשנס לייב, די רוט,
נאָר געבן קאָן איך אים נישט מער, ווי בלויז מיין אייגן בלוט, —
מיין אייגן בלוט און מערער גאָרניט, גאָרנישט ניט.
מיין אייגן בלוט, — מיין אייגן ליד.

נישט אַלץ

נישט אַלץ, וואָס דאָ איז דאָ
האָב איך באַנומען,
די לויטערסטע, די שענסטע שעה,
זי וועט ערשט קומען.

אין אַלע אמתן האָב איך געגלויבט
און מער נאָך וועל איך גלויבן,
כאָטש אַ סך זײַנען שוין צעשטויבט
און מער נאָך וועלן זיך צעשטויבן.

דאָס גרעזל שפּראָצט און גרינט און בליט
און ווערט פון האַרבסט פאַרשניטן,
נאָר אין דער ערד איז אָפּגעהיט
דער זאַמט פאַר נײַע בליטן.

דאָס לעבן, ווי אַ רעטעניש, אַ נס
גייט אויף פאַר מיר פון אַלע ערטער, —
בלויז אינעם שווײַגן פון אַ מת
דערהער איך קלאָרע ווערטער.

רייד מיט משה לייבן

דאָס הייליק לעמפּל הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו ברענען.
איז אויס מיט יעזוסן, איז דאָ וולאַדימיר אילייטש לענין.
ערגעץ אין אַ דערפל קרעכצט אַ פּויער, „אָך און ווי איז!“
ער האָט קיין שטיוול נישט אויף אויפצוגיין צו לענינס מאַוזאָלעאום.

ווער עס ציט זיך צו דעם „כותל“, ווער צו פאָן מיט מגן דוד,
ווער עס דינט בלב ונפש צו דעם אייגן ביטל כבוד, —
פאַראַנען אויך ביי אונדז אַזוינע און אַזעלכע,
וואָס זוכן געטער אום און ווייסן נישט אַליין אַ וועלכע.

ווער עס וועקט זיך צו די מאַרצעפּאַנעס, ווער צום קריי פון העגדלעך,
נאָר אַלע שפּרינגען קדוש, קדוש צו די געטשקעלעך מיט פענדלעך, —
שלעכט איז נאָר, וואָס נאָך די פענדלעך שלעפּן זיך האַרמאַטן,
פאַרלירט אַ כלה אָפּט דעם חתן און אַ קינד דעם טאַטן.

דער מענטש איז קינד און קינד וועט ער שוין אַלע מאָל פאַרבלייבן,
שאָף און רינדער מוז מען אין דער טשערעדע מיט בייטשן טרייבן,
און אַז מען טרייבט נישט, שטייען זיי אין מאַרק און מעלה־גרהן,
קייען טאַמעוואַטע און זיי מרוקען אין דעם רוים, דעם לערן.

פון שטענדיק אָן איז מיר דערווידער דאָס געקראַקעריי פון ראָבן,
אַזוי דערווידער איז מיר אויך דאָס אויגגלאַצעניש פון לאַמעד־וואָוון, —
די ערשטע שרעקן איבער און די צווייטע, נאָר זיי מאָנען,
אַזוי־אָ טוען דאָך די יעזואיטן, אין די לאַנגע באַלאַכאָנען.

פאָעט, מיינסט אמת זיין און זיך אַליין דורך יועלט דערקענען.
פאָעט, מיינט זיך אַליין און אַלע פייערפאַנען ברענען,

און ער, — דער כישוף־מאַכער פון געפּיילטע און צעגליטע ווערטער,
זיין גורל צווישן אונדז איז זיין, — אַ נישט־דערהערטער.

נאָר נישט דערהערט זיין, מיינט נאָך נישט קיין אַש אויף זיך אין טרויער,
אַז וואויל איז דעם, וואָס זינגט די וואָרהייט אויס ביים טויער.
נעכטן האָט אַ בלינדער איר געשפּילט ביי מיינע שויבן
און וואויל איז אים, וואָס נישט געזען האָט ער די ניקלס אויפצוקלויבן.

וויטמאַן, פּרץ, ווײַלד, יהואָש, — ביכער אין פאַרשטויבטע שאַפעס,
מענטשן האָבן ליב צו קוקן אויף די זשעסטן פון די אַפּעס, —
קליין איז נישט דער וואונדער צו זען אַ קלאָון אין אַ ראָד זיך דרייען,
גרעסער איז דער וואונדער צו זען אַ מענטשן מיט צוויי פיס, וואָס גייען.

נ אָ כ ן ש נ י ט

נאָכן שניט פירט מען זעקלעך ווייץ און קאָרן אין די מילן, —
דרייענדיקע פליגל פון אַ ווינט־מיל אין אַ ווינטער־טאָג, אַ שטילן
גיבן רו דעם מענטשנס אויגן, — זון פון בלענדנדיקע שנייען,
שמייכלט צו די פליגל פון דער ווינט־מיל דורך זאַווייען.

פויערישע פערדלעך מיט די מאָרדעס אין די האָבער־טאָרבעס
פירקען אין דער לופט און ווייסע זעקלעך מעל, ווי האָרבעס
איבער פויערישע פּלייצעס וויגן זיך פון מיל אַרונטער צו דעם שליטן, —
פּאַר פייגעלעך פאַרבליבענע צוביסלעך דאָ און האָרטן זיך צעשיטן.

דער מילנער־יונג אין מעליק־ווייסן פעלצל שמייכלט אַ דערפרייטער, —
אַ שיקסע קלעטערט אויף דער צווייטער זייט אַרויף צו אים, — דער לייטער
טרייסלט זיך, — „באַטקאַ" אין קאַנטאָר מיט מאָס און וואָג פאַרנומען,
וועט ער נישט באַמערקן, וואו זיין מאַנקע איז אַהינגעקומען.

שטיל און שאַ, — שניי און מעל גיסן זיך אין ווייסן בלענד צוזאַמען,
פליגל דרייען זיך פאַמעלעך, — וועלן גאָרנישט ניט פאַרזאַמען,
ווינטער קומט ערשט אָן, — אַ פרישער שניי נעמט זיך צעשיטן,
בלענדן שנייעלעך, ווי אָנהייב פרילינג אויף אַ בוים, די צוויטן.

מילן אויף די בערגלעך זיינען, ווי די קוימענס איבער כאַטעס,
קוימענגרויך און פליגלדיק געדריי לייגן גרויע לאַטעס
איבער ווייס־צעבלענדטן שניי און איבער רוים, דעם בלויען,
נאָר דאָס ביסל גרויקייט קאָן די ווייסקייט נישט פאַרגרויען.

ווייס און שטיל, — די שיקסע איילט זיך פון לייטער שוין אַרונטער,
דער שניי עסט אייך זיך אין איר שאַל — איר פּנים רויט, ווי צונטער, —

מילנער־יונג איז שטאַרק, — די הענט ביי אים, ווי זשאַרנע־שטיינער, —
מאַנקע בייסט די רויטע ליפּ זיך איין מיט אירע ווייסע ציינער.

נאָכן שניט פירט מען זעקלעך ווייץ און קאָרן אין די מילן, —
קינדער אין די באַטעס שטיקלעך פרישן פּלעצל ווילן.
„מאַטקאָ" הייצט מיט שטיקלעך האָלץ דעם איוון, — מיט ווייץ און קאָרן
זיינען מאַנקע מיטן „באַטקאָ" לאַנג צוריק אין מיל אַריין געפאָרן.

„מאַטקאָ" גרייט שוין פּלעצלעך פאַר דעם איוון, דעם צעגליטן, —
שפּעט נאָכמיטיק גליטשט אַ פּריילעכער צום טיר זיך צו דער שליטן, —
„באַטקאָ" רעדט, — ער האָט אַזוי פיל צו דערציילן און צו זאָגן,
נאָר מאַנקע שוויגט, — זי וועט פון היינט אַ סוד אין האַרצן טראָגן.

בלעטער

בלעטער פונעם ווינט צעבלאָזטע
שאַרן זיך אויף הר׳ערד און ווייען.
פייגעלעך אויף הפקר דאָ געלאָזטע
פליען, פליען מיט געשרייען.

גרויע וואָלקנס ציען, ציען. —
באַלד וועט זיין אַ שטורעם.
אייגעלעך פון קינד צעגליען.
עס צעוויינט זיך פון יסורים.

פייגעלעך און דאַרע בלעטער,
זאָגט פון וואַנען און צו וועמען?
גאָט אין הימל, — וואַכט ער, וועט ער
אייער עלנט דאָ פאַרנעמען

אויף די גאַסיקע קאַנאַלן
קערט און קערט אַ גאַסן־קערער, —
פייגעלעך ווי בלעטער פאַלן,
שרייען שוין נישט מערער.

אין רויך פון ליולקע

אין רויך פון ליולקע קומען אָפטמאָל זאַכן דיר אין זינען,
זון פאַרוואָרפט אַמאָל אַ שטראַל אויך אויף רואינען. —
ווער־זשע האָט עס דאָ צעטיילט די וועלט אויף קאָנטינענטן?
אָט זע איך גאַנדין פון די ווייטסטע ווייטן לעבן מיר איצט אַ צעבלענדטן.

אַ פאַרענדיקטער אַקאָרד איז מער נישט, ווי אַ שטריך פון אַ קאַפּיטל,
דער צוועק ווערט דערנסטמאָל שיין, ווען שיין איז אויך צו אים דאָס מיטל.
אַ קלינגענדיקער גלאָק איז אָפטמאָל נישט אין האַנט פון וועקער,
אַ ליגן צוליב אמת מאַכט דעם אמת אויך פאַר שקר.

די שווערד, דער סערפּ, — זיי ביידע אין דעם זעלבן פלאַם געגליטע,
די שווערד, דער סערפּ, — זיי ביידע פון דעם זעלבן שטאָל געשמידטע, —
די שאַרף פון סערפּ ברענגט ברויט און חלה אין די שטיבער,
די שאַרף פון שווערד ברענגט טויטע פאַר די גריבער.

דער הונט בינדט דיר אויס דעם שניפּס און גלעט דיר אויס די קלאַפּן,
נאָר אײדער ער פאַרלאָזט דיך, שאַדט נישט זאָלסט די טאַשן זיך באַטאַפּן, —
פאַר גנב איז דער שלאָס, פאַר גזלן — פויסט, און פאַר די היפּאָקריטן, —
זיי האָט דער קלוגער מלך שלמה נישט דערקענט און נישט פאַרמיטן.

אַן ענגלישער פּאָעט האָט זיך באַקלאָגט: „דער ים איז פול, צו טרינקען נישט אַביסל!"
די בעסטע יויך ברענגט איבל דיר פון אַ פאַרשמוצטער שיסל, —
שוין בעסער דריבלדיק געקלאַפּערײַ אויף פּויק פון פּראָסטע פינגער,
איידער די מוזיק פון בעטהאָווען אין מויל פון פאַלשן זינגער.

ווער עס באָדט זיך אינעם ים, ווער עס וואַשט זיך אין אַ וואַנע, —
אַ מענטש, וואָס איז נישט, וואָס ער איז, איז ווי אַ באַס, וואָס רעדט אויף אַ סאָפּראַנע.
אויבן מילך און אונטן מילך, נאָר די אויבערשטע איז בעסער,
ווער עס גלוסט נאָך מאַרצעפּאַנעס איז נאָך נישט קיין פרעסער.

טריסק טרינקט וואַסער פון די קוואַלן און ניו־יאָרק פון קראַנען,
ווערים פויזען אויף דער ערד און פייגל פליען אין די רוימען, —
אין רויך פון ליולקע קומען מאָדנע זאַכן דיר אין זינען, —
ווער ס'האָט גאַרנישט נישט פאַרלוירן, וועט גאַרנישט נישט געפינען.

שטיי נישט דאָ און גיי נישט דאָרט, — שילדן זאָגן אָן, — „פאַרבאָטן", —
ווערים ווייסן נישט דערפון און אַזוי די קראָטן.
ווערים פויזען אויף דער ערד און פויגל פליען אין די רוימען, —
איך האָב ליב אַ רויך, וואָס שלענגלט זיך פון קוימען.

קליינע שטיבער, גרויסע שטיבער, — אַ רויך גייט אויף פון די פאַבריקן, —
די מאַמע בעט מיך אין אַ בריוו, כ'זאָל אויף פסח געלט איר שיקן, —
איך האָב געוויינט, און האָב געשניטן, איצטער קוק איך אויף די סטויגן, —
אין רויך פון ליולקע זעט מען מאָדנע זאַכן פאַר די אויגן!

די קאַסע און דער סערפּ

די קאַסע בליצט און שווינגט,
דער סערפּ פון זון צעגליט.
מיט שטילע, לײַכטע טריט
קומט אָן די פרייד און זינגט
אַ נײַ און מוטיק ליד.

אַ ליכטיקייט אויף אַלץ
און אַלעמען צעשפּרייט.
דער שניטער איבער פעלדער גייט
און ברויט און פרוכט און זאַלץ
פאַר אַלעמען פאַרגרייט.

די קאַסע און דער סערפּ —
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
מיט הילכיקן געזאַנג
אַרום די פולע קערב, —
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!

ביסט הונגעריק, קום עס!
דו האָסט דאָך עס פאַרזייט, —
גיי אויף, מײַן גרויסע פרייד,
און זינג צום גרויסן נס,
וואָס איבער אונדז געשייט.

נישט אומעטיק איז מיר

נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן איצט מיט זיך אַליין דאָ אויף מײַן שוועל, —
שטיקלעך פון פאַרגאַנגענהייטן טראָגן זיך פאַרביי, ווי קינדער אויף אַ קאַרוסעל.
זיי פּאָכען אין עם לויפיקן געדריי מיט די יונגע, קליינע הענט צו מיר, —
אַ זומערדיקער אָוונט אין מײַן שטעטל, — איך שטיי מיט ביילקע יונהס ביי דער טיר
פון אַן אָפּגעווייסטער שטוב, וואָס קוקט מיט שטילקייט צום מאַרק און וועג,
אַ גרויסע זילבערנע לבנה זילבערט פון דער הויך און זאָגט: מע מעג!
נאָר מיר ביידע באַהאַלטן זיך אין שאָטן און שרעקן זיך פאַר דער לבנה,
מיר ווינטשן, אַז אַ וואָלקן זאָל זי איבערדעקן, — עס איז דאָך אַ סכנה
צו שטיין דאָ אָט־אַזוי־אָ, ווי מיר שטייען, — דעם גבאיס מיידל און דעם חזנס זון, —
מאָרגן וועט דאָס גאַנצע שטעטל נישט אויפהערן צו רייִדן שוין דערפון!

עך, ביילקע יונהס! — וואו איז זי אַצינד? אויף לאַנגן וועג איז זי אַהינטער מיר געבליבן, —
אַנומלטן האָט מיר אַ חבר מײַנער אַ פּאָר שורות וועגן איר אין אַ בריוו געשריבן:
„אַ גרוס צו דיר פון ביילקען, זי איז די זעלבע ווי געוועזן און וואוינט מיט אונדז דאָ הי,
זי איז נאָך יונג און שיין און דאָס פּיערל צו דיר איז אַלץ אין זעלבן גלי". —
נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן דאָ אויף מײַן שוועל, —
דער פרילינג איז אַוועק, נאָר זומערדיקע זון שײַנט איבער מיר נאָך העל.
עך, ביילקע יונהס! — אָט שטייט זי מיט דעם בליטשקען שאַלאַכל אויף אירע אַקסל שמאָלע
און ווי אַ שווישפּילערין, אַן אומדערפּאַרענע אין אַ נײַער, שווערער ראָלע
רעדט זי צו מיר אויף רוסיש פון אַננאַ יורביצקאַיאַס אַ „גראַאינע", —
די נאַכט איז זומערדיק און הייס, — עס שמעקט די לופט מיט קאָנעשינע.

די שויבן פון די שכנהדיקע שטיבער זײַנען אויסגעלאָשענע און בלינדע,
נאָר שטויב פון מאַרק דערזעט און זאָגט אויס סודות, — אויף מאָרגן איז די אַלטע הינדע
געזעסן ביי דער שוועל פון איר לערן קלייטל און געקרעכצט: „אַז ווי די יאָרן,
דעם חזנס זון און גבאיס מיידל, — נו, סאַראַ ווייסטע וועלט עס איז געוואָרן!"
אַזוי האָט זי געקרעכצט, און עמיצער האָט אויף בית־מדרש טיר אַ צעטל אויפגעהאַנגען
און ביילקע יונהס מיט דעם חזנס זינדל זײַנען שוין נאָך דעם געוועזן געפאַנגען,
ווי פייגל אין די שטייגן, — עך, טריסק! עס קלינגט מיר, ווי אַ בייקע שיין דײַן נאָמען.
נאָר טיף אין מיר לעבט נאָך אַלץ דײַן פרומער זאָג: „ברוך הוא וברוך שמו, אמן"
פאַר יעדן ביסל צער און פרייד, וואָס ווערט מיר דאָ אין גרויס ניו־יאָרק געגעבן, —
די אויגן מײַנע צו דעם הײַנט, די פיס נאָך אַלץ אין נעכטיקע געוועבן!

ווי לאַנג, אַז איך האָב שטעטל אויף דער גרויסשטאָט אויסגעביטן?
אויך דאָ אין גרויס־ניו־יאָרק האָבן בײלקעס מײַנע טירנשוועלן נישט געמיטן, —
זומער־אָונטן אין צענטראַל־פּאַרק און ווינטער אין די שמאָלערע קאָרידאָרן,
עס ציען פינגלעכע און פרײדיקע, ווי קינדער אויף אַ קאַרוסעל, די דורכגעלעבטע יאָרן,
נאָר העל, צעהעלט איז בײלקע, אַ בליטשקען שאַלאַכל אויף אירע אַקסל שמאָלע, —
אָט שטײט זי און זי רעדט, ווי אַ שוישפּילערין אין אַ נײער שווערער ראָלע,
די ווערטער רוסישע, נאָר וואָס אַרויסגעלײענט פון עפּעס אַ ראָמאַן, צי אַ נאָוועלע,
זײ גײען אויף אין זילבערדיקן אָונט אַזעלכע געלײטערטע און העלע.
עך, בײלקע יונהס! עך, שטיבלעך אײַנגעפאַלענע מיט שײַבלעך אויסגעלאָשענע
און בלינדע! —
מײַן חבר האָט מיר אין אַ בריוו געשריבן, אַז עס לעבט נישט מער די אַלטע הינדע.

נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן איצט מיט זיך אַלײן דאָ אויף מײַן שוועל, —
שטיקלעך פון פאַרגאַנגענהײטן טראָגן זיך פאַרבײַ, ווי קינדער אויף אַ קאַרוסעל.
זײ פאָכען אינעם לויפיקן געדרײ מיט יונגע קלײנע הענט צו מיר,
אַמאָל, אַמאָל איז דאָ געווען אַ זינגענדיקער פרילינג און איצט איז זומער בײ מײַן טיר.
ערגעץ זײַנען ברײטע פעלדער אויסגעשפּרײט מיט זאַנגען נאָך נישט קײן געשניטענע,
סטאַיעס פייגל פליען אום פון הונגער נאָך נישט קײן געליטענע.
קערנער אין די זאַנגען זײַנען דאָ גענוג, וועלן שפּעטער מילן מעל פון זײ צעמאָלן
און באַנען וועלן זיך צעיאָגן פאַרבײַ הויכע בערג און דורך די טיפסטע טאָלן
צעפירן מעל און באַקן וועט מען ברויט און חלה און אויך פלאָדן,
עס איז די ערד מיט אַלדאָס גוטס פאַר אַלעמען באַלאָדן.
פרילינג, זומער, — פאַר הערבסט און ווינטער וועט גענוג אין שײַער בלײַבן, —
איך וועל קײן טריסק צו בײלקע יונהס הײַנט אַזוי פיל אין בריוול שרײַבן!

דורך מײַן פענצטער

דורך מײַן פענצטער, —
רויטע, בלויע פײַערן.
שויבן צינדן זיך, צעגליען זיך
דורך מײַן פענצטער
צו אַ פרײַנט אַ טײַערן
שטרעקן מײַנע הענט און ציען זיך.

דורך מײַן פענצטער —
רײַען, רײַען, רײַענווײַז
מענטשן אײַלנדיקע, גײענדיק.
דורך מײַן פענצטער —
שעה'ן, שעה'ן, שעה'נווײַז
דיך אַלײן נאָר זעענדיק.

פײַערדיקע פײגל

אַ סטײַע פײַערדיקע פײגל
אויף אַ שפּיציק־הויכן מויער, —
אַ דאַמע וואַרפט אַ שעלמיש אייגל
בײַ אַ ברייט צעפּראַלטן טויער, —
העי, גרויסע פײַערדיקע פײגל,
וואַך איז הײַנט מײַן טרויער!

די פײגל רײַסן זיך צו פליען,
נאָר בלײַבן אויפן מויער,
דער דאַמעס בליקן ציען, ציען
צו דעם ברייט־צעפּראַלטן טויער, —
העי, פײגל, — מײַנע קניען
ציטערן פון טרויער.

פײגל, אַוונטשײַן און דאַמען,
טראָטואַר איז אַ צעגליטער,
אַן אָפּגאָט שפּילט זיך דאָ מיט פלאַמען,
ווי אַ קלאַון, אַ געניטער, —
אַוודאי איז אין שויס בײַ מאַמען
זיכערער, געהיטער.

פון הינטער ברייט־צעפּראַלטן טויער
ריגלען זיך די ריגל,
די פײגל רײַסן זיך פון מויער,
פּאַטשן מיט די פליגל, —
אַ מענטש וועט הײַנט זײַן טרויער
פאַרטרינקען בײַ אַ קריגל.

די דאַמע מיטן ווינקענדיקן אייגל
איז פאַרשוואונדן פונעם טויער,
אַ הונט צונויפגעדרייט זיך, ווי אַ בייגל
קוקט אָן מיך מיט באַדויער, —
העי, גרויסע פײַערדיקע פײגל,
וואַך איז הײַנט מײַן טרויער!

דער ברייט־צעפּראַלטער טויער
האָט זיך שוין פאַרריגלט,
די פײגל צוגעשמידט צום מויער
כאָטש זיי זײַנען ברייט באַפליגלט, —
דער מענטש צום וואַכעדיקן טרויער
איז אויף אייביק שוין פאַרזיגלט.

איך וואַרט נאָך אַלץ

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דײַנע פאָכענדיקע פליגל, —
עס זײַנען אויף די טירן מײַנע אויפגעריגלטע די ריגל,
און ווען סטו קומען וועל איך דיר אַנטקעגן לויפן, —
דאָס קלײנגעלט, וואָס איך האָב אויף שיך צו קויפן
איז נישט אין פײַער־קאַסע הינטער שווערע שלעסער,
און דאָס געווער, וואָס איך פאַרמאָג, איז בלויז אַ מעסער
אויף שנײַדן שטיקלעך פון מײַן ברויט און חלה
פאַר דיר און אים, פאַר זיך אַלײן און אויך פאַר אַלע, —
וואָס טוען הונגעריקע מײַנע שוועלן איבערטרעטן, —
איך האָב אין שטוב צוויי אויסגעבעטע בעטן,
איז אַרט מיך נישט, אַז שלאָפן וועלן מערער,
איך האָב סײַ־ווי נישט ליב צו שלאָפן אין אַ שטוב אַ לערער.

איך וואַרט נאָך אַלץ און אייביק וועל איך וואַרטן, —
דער בעטלער אויף דער גאַס מיט שטיקל ברויט פאַרדאַרטן

וואַרט נישט גיריקער פון מיר, — איז ווען־זשע וועסטו קומען?
דאָס גאַנצע האָב און גוטס האָבן זשעדנע הענט פאַרנומען
און היטן דאָס דורך טאָג און נעכט הינטער אײַזנשטאַנגען, —
די זשעדנע הענט' — ווען זיי וואָלטן געקאָנט, וואָלטן זיי פאַרהאַנגען
אַ פאַרהאַנג איבער זון, לבנה און די שטערן, —
עס איז זיי נישט גענוג פון שאָף די וואָל צו שערן,
זיי נעמען מיט דער וואָל די שער און שאָף צוזאַמען, —
איך האָב אַמאָל געהערט אַ מעשה פון מײַן מאַמען
און נישט פון מלך מיט דער מלכה און אויך נישט פון הער ציג, דער ווײַסע,
ביז הײַנט געדענק איך גוט אָט יענע מעשה.
פון דעם ווײַטסטן, ווײַטסטן לאַנד נאָך ווײַטער, ווײַטער
געקומען איז אויף אַ באַפליגלט פערד אַ רײַטער.
זײַן פּנים יונג און אַרום שטערן רעגנבויגן־קרײַזן
און האָט געטיילט פאַר הונגעריקע אַלע בעסטע שפּײַזן.
עס זײַנען זײַנע קלומקעס אָנגעפּאַקט געווען און שווער באַלאָדן
מיט קאָרן־ברויט, מיט ווײַסע חלה און מיט פלאָדן
און אין זײַן גוטסקייט האָט ער געטיילט אַ גלײַכן חלק יעדן אײנעם,
אַ ברויט צו דעם, אַ ברויט צו יענעם, פאַרטיילט האָט ער נישט קײנעם.
און ווען דער רײַטער איז צוריק אַוועקגעריטן
האָבן אַלע נאָך פאַר יאָרן לאַנג פון ברויט פאַר זיך געשניטן, —
אָט מיט אַזאַ מין מעשה האָט מײַן מאַמע מיך פאַרוויגט אין וויגל —
איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דײַנע ווײַסע פאָכענדיקע פליגל.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פאַר די לידער מײַנע וועגן!
ביז איצטער זײַנען זיי געוואַקסן איבער אַלע מײַנע וועגן, שטעגן
און איך האָב זיי געקליבן, געצערטלט און געפּיילט און אָפּגעהיט, —
אַ, וויפל ווײַסן דען בײַ אונדז, וואָס עס מיינט אַזוינס אַ ליד!
אַ גראָז, אַ שטראָם, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, — וואָס קאָנען ווערטער געבן?
איך לעב דורך אין די לידער מײַנע דאָס שאַרפסטע פון מײַן לעבן.

אַ פּויער, אַז ער זאַמלט אײַן דעם שניט צו זיך אין שײַער,
ציילעמט ער זיך און ער ווינטשט זיך, אַז אַזוי ווי היי־יאָר
זאָל אויך דער קומענדיקער זומער באַשערן אים זײַן שטיקל ערד
ברויט פאַר דער משפּחה און היי פאַר זײַנע קי און פערד,
ציילעמט ער זיך און ער ווינטשט זיך, אַז אַזוי ווי היי־יאָר
פאַר אַלע הייליקע, וואָס האָבן נישט פאַרשעמט אים מיט קײן גאָב.

דערנאָך זעצט ער זיך אויף דער פּריזבע פֿון זײַן כאַטע
און לאָזט די אויגן זײַנע פֿאַלן שטום און טאַמעוואַטע
צום פֿעלד, דעם אָפּגעשניטענעם, — די זון איז קיל אַצינד,
די ביימער שאָקלען זיך און רוישן, — אַ פּייכטער ווינט
רײַסט אָפּ די לעצטע געל־פֿאַרוועלקטע בלעטער פֿון די צווייגן, —
דער פּויער קוקט אויף אַלץ מיט טאַמעוואַטן שווייגן.

דער האַרבסט? וואָס אַרט אים דען דער האַרבסט! אַז פֿול דער שייער,
האָלץ איז דאָ גענוג, וועט אינעם אויוון פֿלאַקערן אַ פֿייער
און וואַרעם מאַכן אויפֿן פּעקעלאַק די שטײַנער, —
דער פֿרילינג און דער זומער האָבן אויסגעמאַטערט זײַנע ביינער,
וועט ער אין ווינטער־צײַט זיך אויסרוען די גלידער, —
דאָס ווײַב וועט פֿלעצלעך באַקן און זינגען שיינע לידער.

אַזוי־אָן טראַכט אַ פּויער נאָכן אײַנזאַמלען דעם שניט אין שייער, —
עס טרעפֿט זיך אויך אַמאָל, אַז אויפֿן זין קומט אים אַ פֿייער,
וואָס צינדט דאָס שטרוי אָן אויף אַ דאַך און צערט, פֿאַרצערט,
וואָס דורך אַזוי פֿיל מאַטערניש עס גיט פֿון זיך אַרויס די ערד;
איז דענסטמאָל כאַפּט אים אָן אַ שרעק, — ער צײַלעמט פֿרום זיך פֿאַרן בורא
און מיטן צײַלעמען זיך שווינדט צעביסלעכווײַז פֿון אים די מורא.

אַ קרעמעניצע איז דאָ און דאָ איז אויך אַ שטיקל היפּקע,
זיצט דער פּויער אויף דער פּריזבע און ער רויכערט זיך די פּיפּקע,
און אינעם רויך הויבט ער אָן דעם טשאַפּרעדיקן קאָפּ צו וויגן
אויף דעם וואונדער פֿון דער ערד, וואו אַזוי פֿיל זאַפּטן ליגן
פֿאַר קאָרן אין פֿאַר ווייץ, — גענוג פֿאַר פֿייגל צו פֿאַרצערן,
גענוג פֿאַר אים און ווײַב און קינדער צו דערנערן.

דער פֿרילינג און דער זומער מער נישטאָ און האַרבסט איז שוין פֿון הינטן,
נאָך האַרבסט קומט ווינטער אָן מיט פֿרעסט און קאַלטע ווינטן,
נאָר ווען מען אַרט עס! — עס איז דער שנייאיק־ווײַסער אַלטער
אויך שיין, ווען ער איז נאָר מיט זונשײַן אַ צעשטראַלטער, —
אַזוי־אָ פֿילט ביים אײַנזאַמלען דעם שניט פֿון פֿעלד, דער פּויער, —
כל־זמן דער שייער פֿול, ווייסט דער פּויער נישט קיין טרויער.

און איך? — מײַן זומער איז דאָך נאָך אײַנגאַנצן נישט פֿאַרגאַנגען,
אויף מײַנע פֿעלדער וויגן זיך אין זונשײַן נאָך אַזוי פֿיל זאַנגען, —
זיי וואַרטן ערשט אויף שניט, ווי וואָל פֿון שאָף אויף שערער,
איך וועל נאָך אין שייער מײַנעם ברענגען מער און מערער,
און דאָס וואָס איצט? — עס איז אַ חלק בלויז פֿון מײַנע בליטן,
דאָס רייפֿסטע פֿון מײַן פֿעלד האָט מײַן קאָסע נאָך נישט אָפּגעשניטן.

נאָך ציען זיך פאַר מיר די וועגן, פאַר מײַנע אויגן, — נײַע האָריזאָנטן.
עס ציט נאָך אַלץ מײַן זעגל־שיף פון דעם באַקאַנטן צו דעם אומבאַקאַנטן,
דער טראָט נאָך יונג, דער אָרעם שטאַרק און גיריקע די בליקן, —
עס וועט נאָך גאָט אַ פרישן שפּריי איבער מײַנע פעלדער שיקן
און וואַקסן וועט נאָך ווײַסער ווײץ און זאַפטיק ברוינער קאָרן, —
דאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס איך האָב אויפגעזאַמלט פון דער ערד.

פאַרוואָס־זשע אַזאַ אומעט אין מײַן האַרצן? — עס ציטערן די פינגער,
איך האָב אַ שווערן קאָרב אַראָפּגעלאָזט און אויף מײַן רוקן איז נישט גרינגער.
איך האָב דעם ערשטן טייל, ווי אויפגאַב היינט געבראַכט צו מיר אין שייער,
נאָר פאַר די אויגן מײַנע צעטויכט זיך אַזאַ ווילד־צעברויזט פלאַם־פײַער,
וואָס יאָגט פון דאַך צו דאַך אַריבער און צערט, פאַרצערט,
דדאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס איך האָב אויפגעזאַמלט פון דער ערד.

איך צײַלעם זיך נישט פאַר קיין הײליקע, ווי עס טוט דער פויער,
שווינדט הערפאַר פון מיר נישט, ווי בײַ אים, אַוועק דער טרויער, —
מײַן האָב און גוטס? — איך צאַפּל איבער דעם און ציטער. —
אַ בוים אין פעלד אַליין בײַם אָנקום פון אַ שווער געוויטער
ציטערט אויך, כאָטש זײַנע וואָרצלען טיף אין גרונט אַרײַנגעשלאָגן, —
זאָל נאָר דער פלאַם זיך אויף מײַן שייער נישט דערטראָגן.

איך ווייס, עס זײַנען מײַנע קערב פון זייד נישט אויסגענייט,
קיין פייגעלעך קיין גאָלדענע האַלטן נישט אויף זיי די פליגל אויסגעשפּרייט
און פיפּטשען נישט מיט דינע קולעכלעך קיין ראַפּינירטע טענדלעך, —
עס ווייען אויך נישט איבער מײַנע קערב קיין פלאַטערדיקע פענדלעך,
מיט לאָזונגען, וואָס זאָגן אָן, דערציילן און צעקלינגען,
דערפאַר איז פרוכט אין זיי, וואָס אַז מען עסט זיי, מוז מען זינגען.

פון עסן מיט געזאַנג וואַקסן מענטשן אויס געזונטע, רויטע,
פייגל האָב איך שטענדיק ליב געהאַט, נאָר נישט קיין טויטע, —
שוין בעסער פייגל אומעטיקע אין אײַזערנע פאַרמאַכטע שטײַגן
איידער פייגל גילדענע אויף קערב די זײַדענע אין שווײַגן, —
נעכטן האָט אַ פויגל אָפּגעשטעלט זיך אויף מײַן קוימען,
פאַרגרויט פון רויך, נאָר ליד האָט זיך צעטראָגן אין די רוימען.

איך צײַלעם זיך נישט פאַר די הײליקע, ווי עס צײַלעמט זיך דער פויער,
שווינדט דערפאַר פון מיר נישט, ווי בײַ אים, אַוועק דער טרויער, —
אַ קרעמעניע פאַרמאָג איך אויך און אויך אַ שטיקל היפּקע,
איך צינד מיט ברענענדיקע פונקען אָן מײַן פּיפּקע
און אינעם רויך הער איך אויך דעם קאָפּ נישט אויף צו וויגן
אויף דעם וואונדער פון דער ערד, וואו אַזוי פיל זאַפטן ליגן.

די זאַפטן פון דער ערד? — צי וועל איך זיי נאָך אויפנעמען, פאַרדייען?
מאָרגן וועל איך נייע קערנער איבער ברייטן פעלד פאַרזייען, —
איך האָב זיי אַזוי פיל, איך הער זיי אין מיין בלוט נאָך יערן, —
אוי, דער וואָס האָט באַשערט, וועט ווייטער נאָך באַשערן, —
מאָרגן וועל איך מיט אַ ניי געזאַנג אַרויס דעם האָריזאָנט אַנטקעגן, —
גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פאַר די קליינע, נייע לידער מיינע וועגן!

אין גרויס ניו־יאָרק

אין גרויס־ניו־יאָרק פאַרבליבן זיינען מיר פּראָווינציאַלן.
אין שכנות מיט די וואָלקנקראַצערס ווערן ביסלעכוויז צעפאַלן
די היימען אונדזערע. שוין איצטער זיינען מיר דאָ, ווי די פלעקן
אויף וועמענס אויבערפלאַכן מעקערס שאַרן זיך און מעקן.

דער טייל, וואָס האָט אויף ברייטע, רייכע גאַסן זיך פאַרקליבן,
צערינט זיך אין דער פרעמד, שוין באַלד קיין סימן נישט געבליבן.
און דער, וואָס איז נאָך דאָ, צעלייגט איז אינעם הינטער־געסל
און אַוועק, ווי דאָס מיסט פאַר יעדנס הויז, אין פעסל.

איז וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס וואָרט איז דאָ נישט קיין געלייטערטס?
אַז טרעפט אַמאָל אַזוינס, איז דאָס אַזאַ דערוווייטערטס! —
די הינטער־געסלעך קאָנען אונדזער וואָרט קיין רעזאָנאַנס נישט געבן,
איז גייט עס אויס נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן לעבן.

נישט איין מאָל האָבן מיר געפּרוּווט דאָ ווערן גאַסנקערער,
נאָר פיל מען קערט — דאָס מיסט ווערט מער, דער בעזים שווערער.
אַזאַ שפּע דאָ אויף שטויב! אַ מידקייט נעמט אַרום די גלידער!
דער בעזים פאַלט פון גאַסנקערערס האַנט צו דר'ערד אַנידער.

און דאָרט ביי די אַנטלאָפענע? אָ, דאָרטן איז מען דאָך לאַקייען!
מען שפּיגלט זיך אין אָפּשיין פון די קנעפּ אויף די ליווריייען,
וואָס בלויז אַ דינער ווייסט זיי, ווי אַזוי צו טראָגן.
אַביסל האָב און גוטס? — צו דעם האָט מען זיך נישט דערשלאָגן!

אין פרעמדקייט דאָרט, און דאָ ביי אונדז איז מיסטיק, קוויטיק,
און אָט אַזעלכע, ווי מיר, זיינען קיינעם דאָ נישט נויטיק, —
דאָס גרויס־ניו־יאָרק, וואָס שטופּט זיך מיטן קאָפּ אַזש צו די כמאַרעס,
איז אָפּט פאַר אונדז אַ תפיסה בלויז מיט האַרטע נאַרעס.

איז וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס מיר שפּאַנען אום צעשטויבטע,
ווי מענטשן פון אייגן האָב און גוטס באַנומענע, באַרויבטע, —

מיר נערן זיך מיט האַס צו די, וואָס האָבן ערגעץ אַנדערש זיך פֿאַרקליבן,
מיר נערן זיך מיט שטויב פון די, וואָס זיינען דאָ פֿאַרבליבן.

און דאָך ווערט אונדזער קול נאָך אַלץ דאָ נישט אַנטשוויגן,
צווישן פרעמדן גלאַנץ און אייגן מיסט גייט אויף דאָ אונדזער ניגון,
וואָס ציקלט זיך מיט צער און אָפּטמאָל מיט דערהויבונג, —
צווישן פרעמדן גלאַנץ און אייגן מיסט זינגען מיר דאָ גלויביק.

אין וואָס? און ווען? מיר ווייסן נישט אַליין. — מיר זינגען!
אין אונדזערע טיפע טיפעניש הערן מיר אָפּט גלעקער קלינגען,
וואָס זאָגן אָן אַ בשורה פון אַ נס, וואָס וועט געשען
און אויף די טורעמס איבער גרויס־ניו־יאָרק וועט מען אונדז דערזען.

מעדיטאַציע

לאָמפּן האַלב שוין אויסגעברענטע שיינען דאָך נאָך אַלץ.
אַז נישטאָ קיין מאַרצעפּאַנעס, עסט מען ברויט מיט זאַלץ.
אָבער, אַז קיין ברויט מיט זאַלץ איז אויך נישטאָ,
איז וואָס־זשע טוט מיט זיך אַ מענטש אָט דאָ?
ער שפּאַנט אום איבער גאַסן און ער שטרעקט אַ האַנט
און אָפּטמאָל שיינט די זון נאָך שענער אויף אַ ראַנד.

פֿאַר פלאַטערל אַביסל זון פֿאַר וואָרעם זאַפּט פון דר׳ערד,
פֿאַר הערש און העלעפאַנט — וואָס איז אין וואַלד באַשערט,
און מענטש? — ער איינער בלויז מוז האָבן אָפּט אַביסל יויך,
נאָר פֿאַר ברייטן, בלויען, אויסגעשפּרייטן הויך, —
דער וואָרעם און דער העלפאַנט, ווי דו און איך און ער,
בלויז פינטעלעך באַוועגלעכע, — נישט מער.

היינט פרי האָט מיך אַן עלעוועיטער געטאָן אַ טראָג
און איצטער קוק איך דורך אַ פענצטער פון אַ הויכן שטאָק
אויף אויסגעשפּרייטער שטאָט, וואָס הייסט ניו־יאָרק, —
דער קרייזלער־טורעם וויגט זיך, ווי אַ מיידל אויפן קאָרק
און אונטער אים ביים זייט אַ הויז, ווי אַ קאַרליק אָן אַ האַלדז, —
אַז נישטאָ קיין מאַרצעפּאַנעס, עסט מען ברויט מיט זאַלץ.

אָבער, אַז קיין ברויט מיט זאַלץ איז אויך נישטאָ, איז אָך און ווײ,
פון אונטן רייסט זיך אין דער לופט אַ ווילד געשריי,
פינטעלעך באַוועגלעכע יאָגן הין און הער זיך אום
און אַנדערע שטרעקן צו פֿאַרבייגייער די הענט אויס שטום, —

אַ מענטש האָט היינט אַ נייעם דימענט אין זיין רינג אַריינגעזעצט,
אַ מענטש האָט היינט זיין האַלדז נאָך נישט באַנעצט.

לאָמפּן האַלב שוין אויסגעברענטע, שיינען דאָך נאָך אַלץ,
אויך אַלטע פּיס צעוויגן זיך צו שטראַוסעס אַ וואַלץ
און עסן מוז דאָס מינדסטע ווערעמל דאָך אויך, —
איך שטיי און קוק אויף שטאָט — צעשפּרייטער פון דער הויך, —
טורעם־שפּיצן פון די מויערן שפּיגלען אום זיך אין דער זון, —
נאָר וואָס־זשע האָבן אונטן דען די פּינטעלעך באַוועגלעכע דערפון ?

אַ מיידל האָט היינט אין טראַמוואַי מיר געשענקט אַ בליק,
האָב איך דעם בליק פאַרגעסן אָפּצוגעבן אויף צוריק,
הענגט ער, אָט־דער בליק אויף מיר איצט, ווי אַ חוב, —
פון אונטן פּינטעלעך באַוועגלעכע אין אַ ווילד געלויף,
רייסט אַן איינגעשפּאַרטער ווילן זיך צו הויכער הויך, —
לאָמפּן ווילן שיינען, ווען צו ברענען איז נישטאָ קיין כוח.



קלמן מרמר און ז. ווייַנפּער

פון בוך „דער גילדענער האָן"

דער גילדענער האָן

פלאַמענדיק, ציטערדיק ציט זיך דאָס פייער
איבער דעם שטרויענעם דאַך פונעם שייער.
דרייט זיך און ציט זיך אַרויף אין דער הויך,
ציט זיך און ציטערט דורך גרויליכן רויך.
ציטערט און ציט זיך אַלץ העכער און העכער,
אָט, ווי אַ רויטלעכער, גילדענער פעכער,
אָט, ווי אַ רייע צעפלאַטערטע פענער
און אינעם שייער, — די הינער, די הענער.
זעען זיי, הערן זיי, וואָס דאָ קומט פאָר?
עס הענגט זייער לעבן דאָך אויף אַ האָר!
באַלד, באַלד, און דאָס פלאַמענדיק פייער
פאַרצערט דאָך דעם גאַנצענעם שייער!

נאָר די הינדעלעך, הענדעלעך זיינען פאַרטאָן,
ווייל עס זיצט דאָך מיט זיי דער גילדענער האָן
מיט אויגן פאַרשלאָסענע צו אַלצדינג אַרום,
איז מען, ווי ער, אויך שוין שווייגנדיק, שטום.

אינעם צעכוואַליעטן, רויטלעכן פלאַם
רויטלט זיך רויטער זיין רויטלעכער קאַם.
פייערלעך, פלעמעלעך פיל, אָ, ווי פיל,
מיינט מען, אַז דאָס איז גישט מער ווי אַ שפיל
לכבוד דעם שיינעם, דעם גילדענעם האָן.
באַלד אָבער צינדט זיך דאָס פייער נאָך רויטער זיך אָן
און עס צעצאַפלען זיך קראָקוועס פון דאַך,
פאַלן פאַנאַנדער מיט שרעקלעכן קראַך, —
גילדנקייט נעמט זיך מיט פייער צעמישן,
גילדנקייט נעמט זיך דורך פייער פאַרווישן,
און אַרום אים, — די הענער, די הינער, —
זיינע געטרייע, געהאָרכזאַמע דינער,
עקן און פליגל פאַרוויכערט צעבלאָזן,

קאָנען דעם שײַער שוין מער נישט פאַרלאָזן,
פליען זיי, יאָגן זיי און עס טראָגט זיך פון זיי
אַ שרעקלעכער יאָמער, אַ מוראדיק געשריי:
— גילדענער האָן! אָ, גילדענער האָן!
זע, וואָס דו האָסט מיט דײַנע דינער געטאָן!
אין אַזאַ העלישן, פלאַמיקן פײַער
איז איצט דער גאַנצענער שײַער,
און וואָס איז צו טאָן? און וואָס איז צו טאָן?
פלוצלינג, זע, זע, דער גילדענער האָן
טוט צו דער נידער אַ דומפּיקן פאַל, —
דער האָן פון באַגילדעטן מעטאַל
אַ צעשמאָלצענער וועדט
אויף דער רויכיקער ערד.

אין שול אַרײַן!

אין שול אַרײַן!
אין שול אַרײַן!
וואו איר זאָלט נישט זײַן, —
אין לאַנד פון פײַן,
אין לאַנד פון שײַן.
זאָל אונדזער שול
זײַן פול
מיט איציקלעך און ברכהלעך,
מיט יאַנקעלעך און רחלעך.

אין שול אַרײַן!
אין שול אַרײַן!
אויף גאָרער ערד
פון דאָ ביז דאָרט
גייט אויף, דערהערט
זיך אונדזער יידיש וואָרט.
וואו קרעכצנדיק, וואו מונטער, —
אויף אונדזער יידיש גייט די זון נישט
אונטער!

קינדערלעך, ווי שוואָמעלעך, —
נחמהלעך,
שולמיתלעך,
עמוסלעך

און מיכעלעך,
נעמט זיך צו די ביכעלעך
און לערנט אַלף, בית און גימל,
אַלעמענס — די ערד, דער הימל.
הערט, ווי אונדזער יידיש וואָרט
גייט אויף פון דאָ און דאָרט,
פירט אַ גרוס,
ברענגט אַ גרוס, —
אַזאַ גענוס
אין אונדזער יידיש, —
ער איז דאָך אומעטום אויף חידוש!

אין שול אַרײַן!
אין שול אַרײַן!
אונדזער וואָרט, —
אַ פּראָסטע קוואָרט,
נאָר די געטראַנקען
זײַנען ליכטיקע געדאַנקען!

זאַפּט פון זיידעס און פון באָבעס,
טרינקט זיך אָן און האָב עס!
זאַפּט פון טאַטן און דער מאַמען, —
וואָרצלדיקע שטאַמען!

טרינקט און ווערט
אָנגעפילט, הערנערט
פון דער גאַנצער ערד
מיט אונדזער פאָלק, צעזייטן
און צעשפרייטן.

אין שול אַריין!
אין שול אַריין!
וואו מען זאָל נישט זיין —
ביים בירא, ירדן און ביים האָדסאָן,
ביים סענא, ווייסל און ביים לא־פלאטא
וואַקסן מיר און שפּראָצן —
פון אַ מיידעלע — אַ מאַמע, פון אַ
יינגעלע — אַ טאַטע.

אין שול אַריין!
אין שול אַריין!
עקשנותדיקער כוח
וועט דעם שווערן רויך
פאַרבלאָזן און פאַרטרייבן, —
מיר זיינען און מיר וועלן בלייבן!

אין שול אַריין!
אין שול אַריין!
דורך העלן שיין,
דורך שווערן רעגן, —
מיר גייען זיך אַנטקעגן
און האַלטן זיך צוזאַמען
ביי אַלע ברעגן פון די ימען!

מיין מיידעלע

איך האָב אַ קליינטשיק מיידעלע
מיט ראָזע, וויכע בעקעלעך.
די הערעלעך צעפלאָסענע,
זיי הענגען ווי די גלעקעלעך.

צעווייַנט זיך ווען מיין מיידעלע
און טרערט מיט אירע אייגעלעך,

דערצייל איך איר אַ מעשהלע
פון בלויע, ווייסע פייגעלעך.

אַנטשוויגן ווערט מיין מיידעלע
אוןווישט זיך אויס די אייגעלעך, —
זי וואַרט, אַז קומען זאָלן באַלד
די בלויע, ווייסע פייגעלעך.

אַ גע זאַנג ל

קאָנט איר יאָ, צי קאָנט איר ניט,
זינגט מיט מיר דאָס לידל מיט.
טריי־ליי־ליי!

מיט אַ גראַם, צי אָן אַ גראַם,
זינגען דאַרף מען מיט אַ טעם.
טריי־ליי־ליי!

ווערט אייך נמאס טריי־ליי־ליי,
זוכט אָן אַנדער וואָרט דערביי.

קידוש,
יידיש,
און יאַרידיש

גראַמען זיך אין אונדזער יידיש:
תמוז,
שמש
און שולמית
גראַמען זיך מיט ליבע מאַמעס!

אפשר ווילט איר — טרעם־בעם־בעם,
גראַמט־זשע דאָס מיט מירצעשעם.
טרעם־בעם־בעם!

מירצעשעם אין אַ וואָך
ווערן מיר אַלע עלטער דאָך!
טרעם־בעם־בעם!

גרעזעלעך

ווײַנען גרעזעלעך אין וואַלד, —
אויס דער זומער, האַרבסט שוין באַלד.
ווײנט נישט, ווײנט נישט גרעזעלעך,
זומערס זײנען דאָ אַ סך!

ווײַנען גרעזעלעך אין וואַלד, —
האַרבסט און ווינטער זײנען קאַלט, —
ווײנט נישט, ווײנט נישט גרעזעלעך,
זון און הימל אויף דער וואַך.

ווײַנען גרעזעלעך אין וואַלד,
זון אום ווינטער איז דאָך קאַלט, —
ווײנט־זשע, ווײנט־זשע גרעזעלעך,
לײכטער ווערט פון טרערעלעך!

חוה

זיבן יאָר מיט צווײ חדשים
אַלט איז אונדזער חוה,
און אַ מײדעלע, אַ ברען,
ממש אַ שטיק לאַווע.

וואו אַ טומל איז איר נעזל,
אומעטום — אַ בראַווע.
יעדע זאַך, וואָס איז אַרום איר
איז פאַר איר טשיקאַווע.

לײדט פון איר אין שטוב די מאַמע,
און אין שול דער לערער,
און די קינדער אינעם דרויסן
לײדן דאָך נאָך מערער.

נעמט מען אויף איר שרײַען,
קוקט זי אומגעדולדיק,
האָט אויף אַלצדינג גלײך אַן ענטפער:
— וואָס בין איך דען שולדיק!

טאַקע, טאַקע, — אַ רחמנות, —
אומגליקלעכע חוה, —
קאָן אַ מײדעלע זיך העלפן,
אַז איר בלוט איז לאַווע?

סעמי דער שיכפוצער

די אַלטינקע הײַזער אין געסל,
ווי קראַנקע פאַרקאַטערטע נעז, —
עס זוכט וואָס אַ קאַץ אין אַ פּעסל,
עס שמעקט מיט פאַרזויערטן קעז.

דאָך איז אינעם געסל אַ קעלער,
וואו אַפּטמאָל ווערט העלער פון העל, —
עס איז נישט דאָס ליכט פון קײן בעלער,
נישט ליכט פון זונשטראַל אויף שוועל.

דאָס איז, ווען דאָס עלטערע יאַטל
טוט פּלוצלינג די טיר אַ צעפּראַל,
און איבער זײַן קלײנעם וואַרשטאַטל
עס טוט די משפּחה אַ פאַל.

— העי, חברה! — שרײַט ער פרײלעך
און לאָזט דאָס וואַרשטאַטל אַראָפּ,
„ווער גוט איז געווען דעם טײל איך
אַ גילדענע קרוין אויפן קאָפּ".

אַזוי־אַ טוט ער זיך אַ ווײצל,
און פּאַקט אויס אַ ברויטל מיט קעז,
ער שנײַדט אָפּ פאַר יעדן אַ פּיצל
און ווישט זײ דערבײַ אָפּ די נעז.

און שוועסטערלעך, ברידערלעך פאַלן
מיט ליבשאַפט אַרויף אויף זײַן האַרץ.
— העי, סעמי! — די אײגעלעך שטראַלן,
כאָטש נעזעלעך, בעקעלעך שוואַרץ.

נאַר שוואַרצקייט איז נישט קיין חסרון,
ביי סעמין איז דאָס גאַר אַ גליק, —
ער איז דאָך שוין פון פאַראַיאָרן
אַ שיכפּוצער גאַר אַן אַנטיק.

די מאַמע אין קעלער איז זעלטן,
דער טאַטע אַ צייט איז שוין טויט,
און ער, דורך די היצן און קעלטן,
העלפט מאַמען פאַרדינען אויף ברויט.

די אייגענע שטוב אַ פאַרלאָזטע,
די קינדערלעך זיינען פאַרשמאַכט,
די מאַמע אויף אַרבעט גאַר פּראָסטע
ביי פרעמדע פון פרי ביז ביינאַכט.

און ער מיטן קעסטל אויף סקווערן
לאָזט הערן זיין קול וועגן זיך:
— אַ ניקעלע בלויז, און עס ווערן,
ווי נייע, דאָך אייערע שיך!

די שיכפּוצעריי אויף אַ שטריקל,
דאָס שטריקל פאַרוואָרפן אויף זיך,
וואַרשטאַטל איז גאַר אַן אַנטיקל
— עס זאָלן נאַר זיין היינט די שיך!

ער טוט זיך אַ לאָז פון די טרעפּלעך,
פּיף־פּאַף! און אַרויס פון דער שטוב.
דורך פענצטערל קינדערשע קעפּלעך,
ווי חיהלעך קוקן פון גרוב.

די שוועסטערלעך, ברידערלעך קוקן
מיט בענקשאַפט און ליבשאַפט אים נאָך,
און סעמעלעס אַקסלען זיך צוקן, —
אַ שווערע געווען איז די וואָך!

אַ רעגן אָן אויפהער גערעגנט,
דער הימל פאַרכמורעט געוועזן,
און ווען ער האָט נישט באַגעגנט,
האָט יענער אים גאָרנישט געזען.

נו, טאַקע, אין רעגנדיקן וועטער,
ווער קוקט עס דען אום אַרום זיך!
אַ מענטש אין אַ רעגנדיקן וועטער,
זיך שטעלן אין פּוצן די שיך?

נאַר היינט איז דאָך טרוקן, אַ פרעסטל,
כאָטש קאַלט איז אים היפּשלעך דאָס לייב,
ער טאַפּט אָן מיט האָפענונג דאָס קעסטל,
און טוט צו דעם סקווער זיך אַ טרייב.

און סעמעלעס קול טוט אַ ציקל,
טוט הילכיק אַ ריס זיך גיך־גיך:
— העי, מיסטער, אַ „שו שיין״ אַ ניקל!
אַ ניקל אַ „שיין״ אויף די שיך!

ער פּוצט שוין אַ שוך מיט שוואַרצן,
די הענטלעך אויף זיי אין דער גיך,
ער פילט אַזאַ גרינגקייט אין האַרצן —
אָט קומט אויך אַ געלע פּאָר שיך.

דער סקווער אַזאַ ליכטיקער, העלער,
די זון, כאָטש אַ קאַלטע, דאָך שיינט, —
עס וועט איבעם טונקעלן קעלער
מיט ברויט זיך צעשמעקן שוין היינט!

דאָס נעגערל און דאָס שלעגערל

אַמאָל איז געווען אַ נעגערל
מיט שוואַרצע, טרויעריקע אויגן.
אַמאָל איז געווען אַ שלעגערל
מיט אַ שאַרפן עלנבויגן.

האָט ליב געהאַט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
אַ שטורכע טאָן דעם נעגערל
אין די טרויעריקע אויגן.

וואָס־זשע האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום שטילן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן?

גאָרנישט האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום שטילן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן ?

די הויט פון נעגערל
אַ שוואַרצע, און אַ ווייסע
ביי דעם שלעגערל.
אַ טרויעריקע איז די מעשה
פונעם נעגערל
און שלעגערל.

אַ פּאַסטוכל, אַ טרוימער

האָט אַ פּאַסטוכל, אַ טרוימער,
ליב געהאַט צום הימל קוקן,
האָבן זיך פון אונטערביימער
וועלף גענומען רוקן.
האָבן שעפסעלעך געבעקעט,
האָבן ציגעלעך געמעקעט,
און דעם פּאַסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערוועקן.

ווען דאָס פּאַסטוכל, דער טרוימער,
האָט צום הימל זיך פאַרקוקט,
האָבן וועלף פון הינטער ביימער
טשערעדע פאַרצוקט.

האָבן שעפּעלעך געבעקעט,
האָבן ציגעלעך געמעקעט
און דעם פּאַסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערוועקן.

און ווען דאָס פּאַסטוכל, דער טרוימער
האָט אַהיים זיך שוין געקליבן,
זיינען אונטער אַלע ביימער
ביינדלעך בלויז געבליבן.
קיינער האָט שוין נישט געבעקעט,
קיינער האָט שוין נישט געמעקעט —
אַזאַ פּאַסטוך מיט אַ שטעקן
מעג די ערד פאַרדעקן !

גוטמאָרגן

די זון גייט פון וואַלד אויף
אַלץ רויטער און רויטער,
די ראָסע צעגייט זיך,
אַרום אַזוי לויטער.

צווי אָקסן — די הערנער
אַרונטערגעבויגן,
אין וואָגן אַ פויער
פאַרזשמורעט די אויגן.

דערפילסטו, ווי וועמען
גוטמאָרגן צו זאָגן
און וואַרפסט אים אַריין
צום פויער אין וואָגן.

נו, פרעגט ער אַזוי זיך
פון פריינטלעכקייט וועגן : —
וואוהין גייט עס איצטער
אַ יונג אויף די וועגן ?

און ערגעץ צעציט זיך
אַ רוף פון אַ האָרן, —
אַ פויגל לאָזט ראַש זיך
אַרונטער צום קאָרן.

טויבן

טויבן שטײען בײַ מײַן פענצטער,
ווײסע טויבן צווײ, —
עפענען וועל איך דאָס פענצטער,
עפענען פאַר זײ.

אין מײַן שטילן צימער
וואוינען וועלן זײ, —
וואָרקען וועלן אין מײַן צימער
ווײסע טויבן צווײ.

אין די נעכט פון שטילן אומעט
וואָרקען וועלן זײ, —
אין די נעכט פון דײַנעם אומעט, —
ווײסע טויבן צווײ.

זינג, זינג צום גרויסן נס!

דער האַמער בליצט און שווינגט,
דאָס אײַזן רויט צעגליט.
מיט העל־צעהעלטע טריט
קומט אָן די פרייד און זינגט
אַ נײַ און מוטיק ליד.

דער ריטער האָט זײַן שווערד
און אויסגעמאָלטן הערב
פאַרביטן אויף אַ סערפּ,
און פרוכטן פון דער ערד
אין אַלע, אַלע קערב.

אַ ליכטיקייט אויף אַלץ, אויף אַלץ
און אַלעמען זיך שפּרייט.
די זון גייט אויף, פאַרגייט
און ברויט און ווײַן און זאַלץ
פאַר אַלעמען פאַרגרייט.

דער שפּיגלדיקער סערפּ
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
מיט הילכיקן געזאַנג
אַרום די פולע קערב, —
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!

דער האַמער שווינגט און בליצט
אַראָפּ, אַרויף אין האַנט פון שמיד.
דאָס אײַזן רויט צעגליט
מיט פײַער־פונקען שפּריצט
צום טאַקט פון נײַעם ליד.

ביסט הונגעריק, קום עס,
דו האָסט דאָך דאָס פאַרדינט!
גיי אויף, אָ, העלע פרייד,
און זינג צום גרויסן נס,
וואָס איבער אונדז זיך שפּרייט.

אַ שטיבל

צווישן בערג און צווישן טאָלן אָפּגעזונדערט און אַלײן,
שטייט אַ שטיבל האַלב פון האָלץ און האַלב פון שטײן.
זעלטן פאָרט פאַרבײַ אַ וואָגן, זעלטענער נאָך בלײַבט ער שטײן,
וואוינט אין שטיבל זיך אַ פּאָרל אָפּגעזונדערט און אַלײן.
ער אין טאָל מיט אַקעראײַזן, זי אין שטיבל גרייט צו אַלץ, —
קומט דער אָוונט — גאָט צו דאַנקען פאַרן ברויט און זאַלץ.
ברויט און זאַלץ און פרישע וואַסער, — וואָס־זשע דאַרף מען נאָך?

רוט די שבת־רו אין שטוב יעדן אָוונט פון דער וואָך.
מאַכט זיך, עמעצער פאַרבלאָנדזשעט אַזש פון ברייטן וועג אַראָפּ,
שנײַדט מען פונעם ברויט אַ שטיקל אויך פאַר אים דאָך אָפּ.
אָפט מאָל איז מען אויך מכבד מיט אַ טעלער באָרשט,
און דער מענטש באַרואיקט דאָרט זיין הונגער און זיין דאָרשט.
— אפשר אויסרוען די ביינער ? — פרעגט ביי אים די פרוי,
און זי בעט אים אויפן דיל אויס מיט אַ בינטל שטרוי.
רוט דער אורח אויס די ביינער ביז ער רוט זיך א״יס,
און דערנאָכדעם פירט דער מאַן אים ביזן וועג אַרויס.
— גוטן טאָג, אַ דאַנק אייך... — פאָרט געזונט, נישטאָ פאַרוואָס...
מישן ווערטער זיך אין לופטן מיטן פרישן ווינטל־בלאָז,
ציט דער וועג זיך ברייט און זיכער צו דעם האָריזאָנט אַוועק
און אַ מענטש איז ברייט צעשמייכלט, בענטשט דאָס שטיבל אויפן וועג.

זומער

זומער, זומער, נישט געווען איז גאָר אַזוינער, —
שפּאַנט אַרום מיט שווערע טריט אַזאַ גאָלדיק ברוינער!

שלאַבעריק זיין יעדער גליד, מידע זיינע בליקן,
הענגט אַ שווערקייט אויף דער שטאָט, ממש צו דערשטיקן!

גוט איז נאָך, וואָס אין דער שטאָט זיינען גאָרטנס פול מיט שאָטן,
און דער בריענדיקער היץ איז אַהין פאַרבאָטן.

שפּילן קינדער זיך אום דאָרטן אונטער שאָטנדיקע ביימער,
וואַכט דאָרט יעדער בוים אויף זיי, ווי אַ גוטער שומר.

זשושו־זשושו, — קינדערלעך, קריכט נישט אין די היצן!
זשושו־זשושו, — אוי, ווי גוט איז אינעם שאָטן זיצן!

פאָלגן קינדער דעם זשושו, רוען אין די גראָזן,
און אַ ווינט זוייך און מילד הערט נישט אויף צו בלאָזן.

נאָר די טאַטעס קאָנען נישט זיך אַזוינס פאַרגינען,
מוזן פאַר די קינדערלעך דאָך אויף ברויט פאַרדינען.

פויזען זיי אין שטאָט אַרום, זיצן אין פאַבריקן,
איז אין אָוונט אין דער היים מיד ביי זיי די בליקן.

שניי-קערער

רב משה מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד
און דזשאָן מיט קיי־טאַבעקאָ אין זיין מויל,
מאַרקאָני, קייענדיק אַ שטיקל טאָרט,
וואַסילי, ציענדיק די גלידער פויל.

זיי אַלע מיט די רידלען אין די הענט,
און בערגלעך שניי צעוואַקסן זיך אין ריי, —
די רידלען האָבן זיי אַט דאָ באַקענט
און ברודערשאַפט געשאַפן צווישן זיי.

די רידלען בייטן זיך אויף שאָפּלס באַלד
און שפּעטער, בעזעמער פון שטאָל, —
דער קאַלטער טאָג איז קלינגענדיק צעשאַלט
מיט ריטמיש, שטאָלנדיקן קול.

עס פאָרן אָן צוויי ברוינע פערד
און בלייבן מיטן וואָגן צוגעשמידט צום אָרט, —
די בערגלעך שניי פון דאָ און דאָרט
ווערן ביסלעכווייז פאַרצערט.

— דו, מאָזעס, ביסט אַ בראַווער מאַן, —
צעשמייכלט זיך מאַרקאָני אין דער ברייט.
וואַסילי שמייכלט אויך און דזשאָן
איז מיט זיין קיי־טאַבעקאָ זיך צו טיילן גרייט.

און אַז די זון פאַרגייט שוין איבער זיי,
צעזעגנט מען זיך אַלע מיט אַ גוטע נאַכט.
געבליבן איז גאָט — עס האָבן מענטשן ביי דעם שניי
אַ טאָג אין ברודערשאַפט פאַרבראַכט.

דער לערער דערציילט

אַז קינדער קומען ווינטער אין קלאַס
אין קליידער, אין שיכלעך צעריסענע,
קוקן זיי אויס, ווי פייגעלעך פון גאַס
מיט פליגעלעך האַלב אָפּגעביסענע.

זיי טומלען נישט און שפּרינגען נישט אום,
פאַרגעסן אינגאַנצן צו ליאַרעמען.

זיי זעצן זיך אויס פּאַרמאַטערט און שטום
און זייַנען אויסן זיך בלויז צו דערוואַרעמען.

איז גוט, אַז אין שול איז אַ ראַדיאַטאָר דאָ,
וואָס וואַרעמט, ווי אין הייזער בגידישע,
אָבער, וואָס טוט מען, אַז אַזוינס איז נישטאָ,
ווי עס טרעפט אין די שולן, די יידישע?

דענסטמאָל ציטערן די קינדער פון קעלט,
און דער לערער רויטלט זיך פאַר בושה,
ער טרייסט זיי מיט אַ נייער וועלט,
וואָס וועט צעטיילן דער אַלטערס ירושה.

דער אַלטערס ירושה? אָ, גרויס איז זי גרויס,
נאָר זי איז נישט קיין גלייך אויסגעטיילטע,
אַז די נייע וועט קומען, וועט זי ברענגען אַ שויס
מיט מאַנדלען און ניסלעך געשיילטע.

און נישט נאָר מאַנדלען און ניסלעך, נאָר ראָזשינקעס אויך,
פאַר יעדערן, ווער סע וועט וועלן,
אין אַ וואָכיקן טאָג וועט אַ גילדענע יויך
זיך יעדערער קענען באַשטעלן.

אַ גילדענע יויך מוז זיין זייער גוט און געשמאַק,
נאָר בעסער פון איר זייַנען מאַרציפּאַנעס;
די נייע וועלט וועט ברענגען אַ פולן זאַק
און קיינער וועט צו איר נישט האָבן קיין טענות.

קינדערשע מאַנטעלעך, היטעלעך, שיך? —
אָך, מיטן גרעסטן און שענסטן פאַרגעניגן!
דערוואַקסענע וועלן האָבן בעטן פאַר זיך
און קינדער וועלן שלאָפן אין זילבערנע וויגן.

אין קלאַס איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז דאָס קול
פונעם לערער איז ווי אַ צודעק פון פעדערן,
אויף דער ערד איז דאָ פון אַלצדינג אָן אַ צאָל
פאַר דיר און פאַר אים און פאַר יעדערן.

נישט מער, ס'איז די נאַרישע האַנט, וואָס טיילט נישט אַזוי,
ווי זי וואָלט געקאָנט און געדאַרפט דאָ צעטיילן, —
דער טאָג קוקט אַריין דורך די פענצטער אין גרוי,
און דער לערער הערט נישט אויף צו דערציילן.

און אַז ער דערציילט, איז זיין פּנים אַזאַ,
וואָס ווערט צו די קינדהער ליב און נאָך ליבער, —
זיי זיצן און הערן און שטיל און שאַ,
זיי ווינקען אפילו זיך איינס מיטן צווייטן ניִשט איבער.

דער ווינטער־טאָג מיט זיין שניי און זיין פראָסט, —
ער קוקט דורכן פענצטער און ער הערט אויך די מעשה,
וואָס איז אַזוי קלאָר, אַזוי שיין, אַזוי פּראָסט,
נאָך פראָסטער און שענער פון דער ציג, פון דער ווייסער.

געווען איז אַ ציגעלע, ציגעלע־ציג — אַזאַ ווייסע, איז וואָס?
עס איז אויף דער שוואַרצער דאָך אויך אַ רחמנות! —
אַז נישטאָ איז קיין וואַסער, קיין בלעטער, קיין גראָז,
זייגען אַלע ציגן דאָך גלייך אין סכנות.

אין קלאַס אַזוי שטיל, אַזוי שטיל און דאָס קול
פונעם לערער הערט אויף נישט צו ציטערן, ציטערן, —
עס וואַקסט האָך געגנוג אויפן באַרג און אין טאָל
פאַר אים און פאַר דיר און פאַר פי אויף צו פיטערן.

אַז די נייע וועלט וועט קומען צו רייטן אַהער,
וועט זי זיין ווי אַ זון אַ צעשטראַלטע,
און ווי אַ מויז פון אַ הויז דורך אַ טונקעלער רער
וועט אַנטלויפן, פאַרשווינדן די אַלטע.

מיר ווילן נישט טרויערן, נישט בענקען נאָך איר,
ווייל נישט ליב איז זי אונדז און ניִשט טייער, —
מיר ווילן בלויז מעשיות דערציילן פון איר
ביים ליכטיקן, וואַרעמען שיין פון פייער.

די מעשיות, ווי לידער, וואָס זינגען זיך אויס
פון דעם, וואָס געווען און איז שוין פאַרשוואונדן, —
אַמאָל האָט די קעלט פאַרפרוירן אַ קינד אין אַ הויז
בשעת אין אַ צווייטן האָט אַ קאַמין זיך געצונדן.

אַמאָל האָבן מענטשן שווערדן און שפּיזן געשאַרפט
און איינער דעם צווייטן געקוילעט, געשאָכטן,
איין מאַמע האָט פאַרן קינד אַ שטיקל חלה געדאַרפט,
בשעת די אַנדערע האָט קוילעטשן ווייסע געפלאָכטן.

אַז די נייע וועט קומען, וועט נישט זיין מער קיין רויב
און פרייע און ברייטע וועלן זיין אַלע וועגן, —

דער אָדלער וועט מער נישט פאַרצוקן קיין טויב
און דער לייב מיט דער ציג וועלן זיך טאַנצן אַנטקעגן.

אפילו דער ווינטער מיטן פראָסט און דעם שניי
וועט מער נישט רייטן אויף שטורעמס קיין ווילדער,
די קינדער אין רינג און ער צווישן זיי
וועט שטיפן, ווי אַ זיידע אַ גוטער, אַ מילדער.

אין קלאַס אַזוי שטיל, אַזוי שטיל און דאָס קול
פונעם לערער איז ווייך, ווי זיינע צעעפנטע אויגן, —
די אַלטע וועלט איז, ווי אַ מעשה פון אַמאָל,
וואָס געווען און איז לאַנג שוין פאַרפלויגן.

פאַרפלויגן אַהין וואו דאָס פעפערל וואַקסט
פונעם בוכטש, וואָס די נייע האָט איר געגעבן, —
נישט אין לופט, נישט אויף וואָגן באַרעדערט, באַאַקסט
וועלן מיר זיך אומקערן צום אַמאָליקן לעבן.

סיידן אַמאָל אין אַ בוך, צי גאָר אין אַ בילד,
דורך כישוף פון וואָרט און דורך שפּיל פון קאָלירן
וועלן מיר, ווי דורך שלייערן דינע געהילט
זיך לאָזן צו דער וועלט צו דער אַלטער פאַרפירן.

כדי דערנאָכדעם דערציילן אַ מעשה פון איר
פאַר קינדערלעך גרויסע און קינדערלעך קליינע, —
עס שמייכלט דער לערער: נו, קינדער, זאָגט מיר,
איז אפשר די מעשה אָט די נישט קיין שיינע?

די פלעקלעך אַרויס און אַריין און דער האַמער טוט זיינס, —
ער שלאָגט פלעקלעך און טשוועקלעך איבער די קנאַפּל!
העי, קינדער, נאָך אַ מעשהלע שיינס און אַ פיינס,
ווער שרייבט איצט אַ זאַץ אויפן טאָוול?

עס זיצן די קינדער נאָך שטילער פון שטיל אינעם קלאַס
און וואַרטן אויף מעשהלעך מערער און מערער,
און אַז זיי גייען דערנאָכדעם אַרויס אויפן גאַס,
קוקן אויגעלעך דערוואַרעמט אין לופטן, צום לערער.

פון ביכל „בירא̇בידזשא̇ן‟

אַרויס מיט די פאַקלען

ניט איצט איז די צייט אויף צו וואַקלען,
ניט איצט איז די צייט פאַר קיין ספיקות, —
עס איז דאָך אַן אומזין צו מאַכן סך־הכלען,
ווען וואָגן מיט מאַסע ביים אָנהייב פון וועג איז.

דער וועג איז אַ האַרטער, דער וועג איז אַ שווערער,
נאָר ער וועט פון רייד דאָך לייכטער ניט ווערן, —
דאָס פינגער־געדריי אין דער לופט אין דער לערער
איז גוט פאַרן בטלן צו ציילן די שטערן.

אַז אונדז איז אַ ערד דאָ געגעבן געוואָרן,
באַדאַרף מען פאַרדינען די ווערט זי צו האָבן, —
עס איז נאָך ניט קיינמאָל קיין ווייץ און קיין קאָרן
געוואָקסן אָן אַקערן, זייען און גראָבן.

פאַרשטיינערט דאָס אָרט? מיט די נעגל צעקראַץ עס,
מיט אייגענעם שווייס מאַך עס ווייכער און האָב עס, —
עס האָבן ניט איין מאָל פאַרטריקנטע מצות
געגעסן אין וועג אונדזערע זיידעס און באָבעס.

מען דאַרף איצט צעמענט פאַר אַן אויוון צו באַקן,
מען דאַרף איצט אַ האַק אויף צו בויען אַ שייער.
מען דאַרף איצט אַן עמער צו שעפּן אַ טרונק אַ געשמאַקן
און מוטיקע לידער פאַרן אָוונט ביים פייער.

מען דאַרף איצט אַן אַקסל, אַ האַנט און אַ שולטער,
מען דאַרף איצט דאָ איטלעכע טריט אויף צו טרעטן,
עס יערט אַזוי לאַנג אונדזער טייג אין דער מולטער,
און וואַרט אַלץ אויף הענט, וואָס זאָלן צעקנעטן.

ניט איצט איז די צייט אויף צו וואַקלען,
ניט איצט איז די צייט פאַר רייד־רעדערייען, —
אַרויס אויף די וועגן און צינדט אָן די פאַקלען
אַנטקעגן דעם לעבן, דעם נייעם, דעם פרייען!

פאַרלאַג „קולטור־צוזייג‟ ביים איקאָר, ניו־יאָרק, 1935. 64 ז"ז.

פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק

פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק און נאָך ווייטער
צעטראָגט זיך די בשורה און רופט אויפן קול, —
ביז אַהער, אַ פּונק אין יעדערנס שייטער
און איצט איגענער פלאַם אויף באַרג און טאָל.

דער אייביקער, ווינטיקער וואַנדערער
אויף אַלע וועגן, וואָס זיינען פאַראַן, —
ער שפּאַנט איצט באַנייט, גאָר אַן אַנדערער
אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן.

פון ווינטיקן, ציללאָזן וויכער
צו אַרבעט און אויפבוי אויף לאַנד, —
דער וועג איז אַ שווערער, נאָר זיכער,
ער ווערט געפירט דורך סאָוועטנפאַרבאַנד.

פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק איז נאָך ווייטער,
מען הערט און מען שטוינט, נאָר מען גלויבט, —
דער יידישער מענטש אַ באַנייטער
פאַרריכט, וואָס געווען איז צעשטויבט.

דער ייד אויף דער ערד די צעאַקערטע,
דער ייד אונטער אייגענעם דאַך
מיט לידער ביי שייטערס צעפלאַקערטע,
דער ייד אויף זיין אייגענער שפּראַך.

דאָס איצטיקע דייטשלאַנד נאַציסטישע
אין פאַרגאַפונג דעם אויער שטעלט אָן, —
די סאָוועטנמאַכט, די קאָמוניסטישע,
זי האָט דאָס באַוויזן, געטאָן.

דער אייביקער, ווינטיקער וואַנדערער
צופוס און אויף שיף און אויף באַן, —
ער ווערט איצט אַ נייער, אַן אַנדערער
אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן.

בציבור

מען בויעט בציבור
שטאַלן פאַר רינדער,
ליכטיקע שטיבער
און שולן פאַר קינדער.

מען בויעט אויך מילן
אין אַלע קאָלווירטן, —
עס לייכטן אויף צילן
אין לאַנד ערשט־באַרירטן.

און כמאַרעט מיט פליגן
די ריזיקע טייגע? —
מען וועט זיי באַזיגן,
האָט כאַטש קיין דאגה.

דער דור וועט פאַרזייען,
דער זעלבער וועט אַרבן, —
ער וועט זיך נאָך פרייען
ביים בינדן די גאַרבן.

בלויז מיד נאָר נישט ווערן,
זיך שלאָפן נישט לייגן, —
זיי וועלן אונדז ווערן,
זיי זייַנען שוין אייגן.

עס טראָגן זיך בשורות
פון לאַנד ערשט באַרירטן
פון אַקערס אין שורות
אין נייע קאָלווירטן.

עס הײלט אויס דעם צווייפל
די ערד דאָרט, די רויע, —
אַ פּאַס דאָרן אַ רייפל,
עס גרינט שוין די סויע.

ניי-יידיש

מיינע טריט האָבן נאָך נישט געטראָטן
נישט אינעם ליכט און נישט אינעם שאָטן
פון דיינע פלאַכן, טאָלן און דיינע בערג.
ווי גוט וואָס עס וועלן נישט זיין קיין מערק
און קיין יאַרידן
פאַר יידן
אויף צו האַנדלען
און וואַנדלען
אין דיינע דערפער און שטעט.
אין סאָצגעוועט
אויף אויפרייסן ערד
איז אונדז ביי דיר באַשערט.
מיר וועלן מיט האַמערס, רידלען אין די
העגט
אַוועקלייגן אַ פונדאַמענט
פאַר נאָך אַ לאַנד
אין דעם פאַרבאַנד
פון די סאָוועטן.

בלויז דינינקע שטאַכעטן
וועלן אָפּטיילן אונדז פון זיי.
אין קאַרוזעל־געדריי
איבער ריזיק גרויסן קאָלעקטיוו.
אין גרויסע שיף
און ווי גוט איז,
וואָס באַזונדער די קאַיוטעס.

נישט געזעען האָבן דיך מיינע בליקן,
נאָר איך בוי מיט ליבשאַפט בריקן
צו דיר פאַר מיינע טריט.
נעם צו דערהווייל פון ווייט מיין ליד
און וועסטו מיינע הענט באַדאַרפן,
וועלן זיי, ווי שאַרפן
פון רידלען, העק און זעגן
זיך רייסן איבער דיינע וועגן
צו בויען דיינע דערפער, דיינע שטעט.
אין סאָצגעוועט

אויף שנעלערן פּאַרזיי,
אויף שניידן היי,
קאָרן און ווייץ
איז אַזאַ רייץ
פּאַראַן.
ביראָבידזשאַן.
איך זע דעם ערשטן איבערוואַנדערער,
וואָס איז שוין איצט ביי דיר אַן אַנדערער.
אַמאָל אַ הילפלאָזער אויף די וועגן
האָט ער געזוכט פון קעלט און רעגן
אַן אָפּדאַך, וואו סע נישט איז
און איצט, — צוויי ברייט־צעשפּאַנטע פּיס
אויף דיין ערד,
וואָס ווערט
אים נאָענט, ווי צום קינד דער מאַמעס
ברוסט.
דו ביסט
אין שטח ווייט פון מיר,
נאָר זינגען, זינגען שוין צו דיר
מיינע טריט
דאָס ליד
פון אייגנס,
וואָס איך האָב אונטערוועגנס
אין דיר דערקענט.
עקשנותדיקע הענט
וועלן באַזיגן
אַלע זלידנע פליגן
אויף דיין ערד.
אַזוי ליכטיק ווערט
פון קאָסע־קלאַנג
אויף זאַנג
און פון דעם וואַלצנוויג
אין דער פאַבריק.

סאָווכאָז,
קאָלכאָז,
קאָלווירט און קאָלעקטיוו, —
אַ חבר האָט מיר אין אַ בריוו
אָט־די נייע ווערטער צוגעשיקט, —
האָבן זיי זיך פרייליכע פאַר מיר צעוויגט
מיט חידוש
און ניי־יידיש,
ווי פּאַטשעריי פון יונגע פייגל־פליגל, —
איך ריגל
אויף די ריגלען איבער מיינע טירן
און לאָז זיך פירן
פון זיי
צו נייעם פּאַרזיי,
צו נייעם פּאַרמעסט
מיט היצן און מיט פרעסט
און ווען מען דאַרפן
מעסערס שאַרפן
דעם נעכטן
צו פעכטן
איז דאָס כדאי,
ווייל פרי
און אָן זאָרגן
ווינקט דער מאָרגן
פון ביראָבידזשאַן
צו אונדזער קלאַן.

די בריק צום צוריק

ווען הימל און וואָלקנס שווער און
געדיכט, —
וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס חלבע ליכט
און אויך די הבדלה.
אַ וועלט וואָס שפּילט שלעכט איר ראָלע
באַדאַרף מען מאַכן „אל מלא
רחמים וחנון“.
און דערנאָך צי צופוס, צי אויף באַנען,
זיך יאָגן
און טראָגן
אויף וועגן און שטעגן
דער נייער אַנטקעגן.

די אַלטע מנורה,
דעם ווילנער גאונס תורה,
דער הייליקער רבי,
וואָס האָט אַ קוגל געמאַכט פון קאַבעבע,
דעם קאָזשניצערס בערדל,
משיח אויפן פערדל!

אַמאָל איז געשען! —
מען האָט שוין געהערט און געזען! —
ויידעס און באָבעס
האָבן אויף שבת
געקוילעט קאַטשקעס און גענדזלעך,
ויידענע פרענדזלעך
אויף אַן אַלטן פּרוכת,
יידן מיט כוחות
זיינען להכעיס דעם סאַמעך־מעם
אויף קידוש־השם
געגאַנגען.
אויף אַלעביימער איז מען געהאַנגען
און די פאַרבליבענע,
צעטריבענע,
האָבן אויף אַלע וועגן
און שטעגן
געלויבט זיין הייליקן נאָמען, —
ברוך הוא ושמו, אמן ואמן
און דערנאָך? —
די אָקסן אין יאָך
שפּאַנען מיט די הערנער אַרונטער
אפילו ווען די זון איז צערויטלט ווי
צונטער.

שלמה מולכו האָט געוואָלט,
דער מהר״ל האָט געזאָלט
און דער עולם, —
דער גולם
איז אויפן בוידעם געלעגן.
דער בעל־שם האָט א ניגון
געזונגען, געזונגען, געזונגען
און קלויסטערס האָבן געקלונגען
איבער מערק און יאַרידן
און ווידער האָט מען יידן
געפּייניקט, געשאָכטן, —
די מאַמע, די צנועה האָט געפלאָכטן
זאַפרענדיקע חלה
און די טאָכטער, די כלה,
האָט אין איר חתונה־נאַכט
אַ מתנה געבראַכט
זיך אַליין,
יונג און ריין
מיט די געפילטע פיש פון דער פאַן
צו דעם שיכורן פאַן.

די זיידעס און באָבעס, —
הייליקע, צעריסענע שקראַבעס,
וואָס האָבן די בלאָטע געקנאָטן
און צו דער מקוה געטראָטן.
אייזיקע צעפּלעך,
ווי ביינערנע קנעפּלעך
אויף זייערע שאַלן און בערדלעך
און פאַרמעסט
מיט די ווינטערדיקע פרעסט.
מיט פערדלעך
איז בלויז דער פריץ געפאָרן, —
איך געדענק נאָך די קאָטש אויף רעסאָרן,
די פערדלעך מיט פאַרבונדענע עקלעך
און די מעשענע גלעקלעך.

אַמאָל איז געווען!
אַמאָל איז געשען! —
אָבער איצטער געשעט דאָך נאָך מערער!
די שאָף כאַפּט אויס ביי דעם שערער
די שער פון די הענט.
און זע סאַראַ פייער עס ברענט
און פאַרלענדט דעם פונדאַמענט
אויף וואָס דער נעכטן איז געשטאַנען.
באַנען, עראָפּלאַנען
אין אייליקן וואַנדער
טראָגן פאַנאַנדער
דעם ריח פון יערן,
געבערן

און ווערן
אין דער איצטיקער מינוט.
בלויט
רינט.
ווינט
בלאָזט
און לאָזט
הינטער זיך הורבעס
פון חורבות,
וואָס האָבן חרוב געדאַרפט זיין שוין לאַנג.
דער קלאַנג פון פאַרגאַנג
קלינגט מער נישט מיט טרויער
צום אויער, —
סיידן ביי אַ פאַרלאָזענעם מויער
אַ פאַרלוירענער שומר ביים טויער,
וואָס קראַצט מיט באַדויער
דעם אייגענעם אויער.

ליד,
צי טריט,
וואָס שפּאַנען צום מאָרגן איז שענער
פון אַלערליי פּענער,
וואָס האָבן דעם נעכטן באַצירט
און צו גאָרנישט געפירט.

לידער
פון שוועסטער און ברידער,
וואָס זיינען דאָ
אין דער איצטיקער שעה,
ווערן געזונגען בציבור
און קלינגען אַריבער
דאָס ליד פונעם קאָזשניצערס בערדל
און דאָס ליד פון משיחן אויפן פערדל,
וואָס רייט אויף דער בריק
צום צוריק.

אוי, ליקערדיק,
שיכורדיק
איז דער קלאַנג,
דאָס געזאַנג
אינעם קול
צום אַמאָל
און אַמאָל
און אַמאָל.
אָבער די בריק
צום צוריק
הענגט אויף פּאַפּירענע שטריק,
זי וועט זיך צעפאַלן!
זי איז שוין צעפאַלן!

פון רעכטס:
א. טייטלבוים, זיטע ווײַנפּער, נ. מייזיל, ז. ווײַנפּער.

פון דער פּאָעמע „פּיניע״

— — — — — — — — — — — — — — —

אויך איצט, אַז ער ליגט אַמאָל אין קאָני־אײלאַנד בײַם ברעג,
וואַקסט נישט אײן מאָל אויס פאַר זײַנע אויגן דער וועג,
וואָס האָט אים צום טײַך אין זײַן שטעטל געפירט.
יענע ערד איז געווען, ווי דאָס ברויט מיטן פּוטער באַשמירט,
וואָס די מאַמע פלעגט אים מיטגעבן אין חדר אַרײַן,
און די זון איז געווען, ווי דער ראָזשינקע־ווײַן
אין זײַן טאַטנס שבתדיקער קאַראַפינקע,
די ווינטלעך, — שטיפערישע און פלינקע
האָבן זיך געקוליעט איבערן גראָז פון דער לאָנקע
און פון ווײַטנס האָט זיך קאַלירט אַ ציצענע קימאָנקע, —
דאָס האָט מאַרוסיע דאָרט געטריבן אירע גענדז מיט אַ ריטל
און אים איז דעמאָלט שווער געווען אויפן קעפּל דאָס היטל,
ווײַל מאַרוסיעס פיס זײַנען געווען ברוינע און די גענדז ווײַסע.

אַמאָל און אַמאָל געווען איז אַ מעשה, —
אַ מעשה פון אַ טרוים,
וואָס איז געווען, ווי אַ בוים,
אַזוי וואָר.

מאַרוסיע האָט געהאַט פלאַקסענע האָר,
אַ רויט פאַרטשײַלקעלע אויפן קעפּל,
און בריסטלעך, ווי עפּל,
און דאָ אויפן קאָני־אײלאַנדער ברעג,
ליגן ניו־יאָרקישע ווײַבער, ווי זעק
אויסגענעצטע פון רעגן.
דער ים זיי אַנטקעגן
איז בײַז נישט אומזיסט, —
נישט געגנוג איז דאָס מיסט,
וואָס ניו־יאָרק שטאָפּט אין זײַנע געדערים,
פויזען נאָך דאָ די מענטשן, ווי ווערים
אויף זײַנע זאַמדיקע ברעגן.

פאַרלאַג „אויפקום״, ניו־יאָרק, 1939. 128 ז״ז.

פּיניען קומט זײַן יינגלשאַפט אַנטקעגן, —
ער איז אַ געוויקסיקער, אַ ברייטער,
און ער קוקט שטענדיק אַ דערפרייטער
אויף יעדן ווינטל־בלאָז,
וואָס צעוויגט זיך איבערן גראָז
אין די זומערדיקע טעג.
אַ ליבער גאַסט פון ווייטן וועג
איז אים געווען יעדע מינוט.
ווי גרינג און ווי גוט
איז אים דעמאָלט געווען צו קוקן, ווי אַ פויגל פליט אין דער הויך,
און דערבײַ צו פילן אין זיך דעם אייגענעם כוח,
אַזוי־אָ צו פליען,
אַזוי־אָ צו ציען
אין די ווייטקייטן אַרײַן...

— — — — — — — — — — — — — — —

אויך איצט טרעפט זיך אַמאָל, אַז עס צעפלעמלט
זיך פאַר אים דעם טאַטנס בליק, —
נעכטן איז ער שעה׳ן־ווײַז געשטאַנען אויף אַ בריק,
וואָס בינדט ברוקלין מיט ניו־יאָרק צונויף.
אַרום אים אין ראַשיקן געלויף
די אויטאָס און די באַנען,
און שטום געקוקט אויף שטיין און שטאָל.
פּלוצלינג הערט ער טאַטנס קול:
— פּוסט־און־פּאַסניק, וואָס דו ביסט!
פּטרסט שעה׳ן אויף אַ בריק אומזיסט
אין מיטן טאָג, — צו וואָס, צו וועמן?
משטיינס געזאָגט, וואָס ער האָט דאָ דערזען!
הויז פון הויז איז העכער,
פלאַכע דעכער,
קוקן אויס, ווי טרעפּ,
נאָר זיי אַ בריה און דערשלעפּ
זיך איבער זיי צו גאָט!
ברייטע טרעפּ, נאָר קליין דער טראָט,
איז וואָס־זשע קומט אַרויס?

— טאַטע, זע, ווי גרויס
עס איז די שטאָט ניו־יאָרק!

— נו, יאָ, אָבער װיפל יאָרג
איז דאָ אין אָט־דער שטאָט!

עס טרעפט אין דעם ניו־יאָרקישן געטומל, דעם צעגליטן,
װערט ער אױסגעטראָגן, װי אויף אַ װאָלקנדל געריטן
צו דעם, װאָס איז פאַר אים שוין אַזוי װײט,
װי אַ מעשה פון פאַרצייט.

ערשט נעכטן האָט זיך אים אָט דאָס געטראָפן,
געדאַכט האָט זיך אים, אַז ער איז געשלאָפן
מיט אויגן אָפענע,
אָבער טעג שוין לאַנג אַנטלאָפענע
זײַנען געקומען צוריק, װי געסט פון אַ װײַטן לאַנד.
און װען ער האָט שפּעטער אין זײַן האַנט
די פען גענומען
איז אָט װאָס אונטער איר אַרױסגעקומען:

„װאָס פינטל איך איצט אויפן װײַס פּאַפּיר?
מײַן פעלד, אַ זומערדיקס, אַ צײַטיקס,
און אויף די זאַנגען אַ װינטעלע, אַ צפונזײַטיקס
מאָנט דעם סערפּ פאַר שניט בײַ מיר.

עס גײען אין זכרון אויף קינדערישע פרײַטיקס,
דער פלאָם אין אױװן איז פון גילדענעם קאָליר, —
די מאַמע באַקט אַ װײַצנפלעצל אױס פאַר מיר, —
אָ, לעבן מײַנס! פאַרגאַנגענס און פאַרצײַטיקס!

דער פעטער נחום מיט אַ פּנים שװימענדיק, װי ביר,
גײט פון מרחץ מיט אַ שמײכעלע, אַ פיל באַדײַטיקס, —
נעכטן מיט דער מומען זיך געקריגט און הײַנט װעט שלום זײַן מיט איר.

װאָס פינטל איך עס איצט אויפן װײַס פּאַפּיר,
מען קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס לעבן מײַן פאַרצײַטיקס
שװימט נישט אום אין בלוט בײַ מיר!"

אָט אַזוי האָט ער געשריבן, נישט מער
פון אַ פאָר שעה נאָכדעם, װי ער
האָט איבער רױשיקן בראָדװײ געשפּאַנט.
װי לאַנג איז ער שוין דאָ אין לאַנד?
געקומען יונג און בלאָנד,
װי אַ פרילינג־פרימאָרגנדיקער האָריזאָנט,
און איצט איז דאָך שוין גרוי אין זײַנע האָר.
נאָר נאָכמיטיק טראָגט פון דעם קאַיאָר

נאָך אַלץ דאָס בלענדנדיקע ליכט.
דאָס לעבן זײַנס איז, ווי אַ שווער געוויכט,
נאָר אַז עס טרעפט,
ער ווערט געפּלעפט
פון עפּעס, וואָס איז העל צעגליט,
ווערט זינגעוודיק אין אים באַלד דאָס געמיט,
און טאַנצנדיקע ווערן זײַנע טריט,
און אַזאַ ליכטיק וואָרט גייט אויף ביי אים פון ליד.

בראָדוועי, —
פעלקער אין געדריי
אַהין און הער,
און קיינער ווייסט נישט ווער איז ווער.
פאָלק מיט פאָלק איז אויסגעמישט,
היט און רעק פון זעלבן שניט האָבן אָפּגעווישט
די צייכנס פון די שטאַמען.
אפילו אויך די צאַמען,
וואָס טיילן קלאַסן אומעטום פאַנאַנדער
זײַנען דאָ נישטאָ. אין זעלבן וואַנדער
סיי הערשער און באַהערשטער,
סיי אָפּגעפּוצטער און סיי בערשטער.
און זעסטו איינעם זיך דרייען אויפן קאָריק,
און אַ צווייטן מיט אַ פּנים פול מיט זאָרג,
ווייסטו אַלץ נישט ווער איז ווער.
עס איז, ווי די זעלבע שער
וואָלט זיי אַלעמען אַרומגעשוירן,
ווי די זעלבע הייוון וואָלט זיי אַלעמען געוירן,
און איין האַנט וואָלט זיי פאַרקנאָטן, —
זיי זײַנען אַלע דאָ איינס אין אַנדערן געראָטן
אין אָונטיק־געדריי.

נאָך איצט, אַז פּיניע טוט זיך אַ דערמאָן
אָן יענעם פרימאָרגן, ווען
ער האָט צום ערשטן מאָל ניו־יאָרק דערזען,
עפנט ער די אויגן ברייט פאַנאַנדער:
— יידן יאָרטויזנטער אין וואַנדער,
ער האָט אויך פאַרזוכט דעם טעם.
און אַז הינטער אים האָט דער ים
געצויגן זיך שוין שטיל,
און פאַר די אויגן האָט געזען זיך שוין דער ציל,

איז פּיניע אויפן דעק געשטאַנען, ווי פאַרטויבט,
און די אויגן אייגענע קוים געגלייבט.

עס ציט די שיף זיך פּאַמעלעך צום ברעג
נאָך פערצן נעכט און דרייַצן טעג.
עס וואַקסט פאַר זייַנע אויגן אויס מיטאַמאָל
די פרייהייט־סטאַטוע מיט דעם אָרעאָל
פון גרויסן שטאָל,
און לאָמפּ אין האַנט,
וואָס ווייַזט דעם וועג צום נייַעם לאַנד.
און הינטער איר,
ווי דורך אַ כּישופדיקן ריר, —
טורעמס איינער פון דעם צווייטן העכער.
פרימאָרגנדיקע זון צעשפּיגלט איז אויף דעכער,
אויף גלאַנצנדיקע שפּיצן און קאַרניזן.
ווי אויסגעשפּרייטע הענט פון ריזן,
וואַקסן אויס די הענגענדיקע בריקן,
און די קוימענס פון פאַבריקן.
נאָך פערצן נעכט און דרייַצן טעג
פאַלן מענטשן אויף די קני צום דעק
און שעפּטשען תּפילות פול מיט דאַנק.
אַ פריידיקן שטיל געזאַנג
וויקלט דעם אָרום,
און ווער עס פינטלט מיט די אויגן שטום,
און ווער עס שטייט געפּלעפּט
פון וואונדערלעכער גרויסשטאָט, וואָס ליגט, ווי אויסגעהעפּט
ביים האָריזאָנט.

און דער ים, ווי אַ רעמאַנט
וואָלט איבער אים געמאַכט געוואָרן,
האָט אָפּגעווישט פון זיך דעם פריערדיקן צאָרן.
עס איז געווען, ווי ער אַליין וואָלט מיד געוואָרן
רציחהדיק צו זיין דורך פערצן נעכט און דרייַצן טעג,
און אויף אָפּרו זיך צעלייגט פון שווערן וועג.
איצט האָט דער ים שטיל און ווייך זיך אויסגעצויגן, —
אַ סטייע מעוועס זייַנען אָנגעפלויגן,
גריסנדיק די שיף מיט פאַכעריי פון פליגל,
און פּיניע האָט דערפילט זיך, ווי אַ קינד אין וויגל,
וואָס ווערט געוויגט און איינגעוויגט אין דרימל.

שפּעטער, אַז צעהעלט האָט זיך דער הימל,
און ניו־יאָרק האָט אין איר גאַנצער גרויסקייט זיך באַוויזן,
האָט פּיניעס האַרץ זיך אָפּגעשטעלט. אַ שטאָט פון ריזן,
האָט זיך אים אויסגעדאַכט,
האָט טיר און טויער אויפגעמאַכט,
און מיט גוטסקייט אין דעם בליק,
און הכנסת־אורחימדיק
איז זי אויפגעשטאַנען אים בלויז צו באַגעגענען.

ביז איצט, אַז עס טרעפט, — עס נעמט רעגענען
מיט שווערע זאָרג
איבער דער שטאָט ניו־יאָרק, —
טעג
אָן אַ קלאָרן וועג,
און נעכט
אין אַ שווער'ן געפּעכט
מיט נעגל און מיט ציין,
און ער פילט זיך פאַרלאָזן און אַליין
מיט זיין וואָרט און זיין ליד,
דערמאָנט ער זיך די ערשטע טריט
איבער דעם ניו־יאָרקישן אַספאַלט.

אַ בלעטל פון אַ בוים אין וואַלד
פאַלט אומבאַמערקט אַרונטער, —
די זון גייט אויף און אונטער,
און באַמערקט דאָס בלעטל נישט.
אָבער ער איז נישט פאַרווישט
דורך אָט־די אַלע יאָרן
אין ניו־יאָרק געוואָרן.

היינט, אַז פּיניע האָט ענדלעך אַן אייגן ווינקל פאַר זיך,
דערפילט ער נישט איין מאָל, ווי אויסצוטאָן די שיך,
ווען ער שפּאַנט צו דעם די שוועל אַריבער,
די זון ווערט אים ליבער,
ווען זי שיינט אַריין דורך זיין אייגענער שויב.
זיין מאַמע האָט זעלטן מער ווי דרויב
אויף שבת זיך פאַרגינט,
אָבער שטענדיק האָבן געגרינט
ביי די פענצטער די וואַזאָנעס,
און די מעשענע טאַצן האָבן געשיינט ווי לבנות,

אַזוי אויך די לײַכטער, דאָס שטויסל און דאָס חנוכּה־לעמפּל.
אויף אַלצדינג אין שטוב איז געלעגן דער שטעמפּל
פון ליבשאַפט צו דעם אייגן ביסל פאַרמעגנס.
פּיניע, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען אונטערוועגנס,
האָט איצט אַזוי ליב די קליאַמקע פון זײַן טיר.
יעדעס מאָל, ווען ער טוט זי אַ באַריר,
ווייסט ער, אַז באַלד וועט האָדל, זײַן ווײַב, אים קומען אַנטקעגן,
און ווי ער וואָלט געקומען, גאָט ווייסט, פון וואָס פאַר אַ ווײַטע וועגן,
וועט זי בײַ אים פרעגן און פרעגן,
און דערבײַ גרינג מאַכן די שווערסטע מאַסע אויף זײַנע פּלייצעס.

פּיניע מאַכט אַמאָל צו די טיר פון זײַן זכרון,
און דאָס פענצטער צו דעם איצט, וואָס איז אַרום אים.
ער זעצט זיך אין אַ שיפל, און זאָגט צו זיך: — שווים,
צו דעם ווינקל, וואָס איך האָב איצט פאַר זיך.

צוויי צימערלעך מיט אַ קיך,
און פענצטער צו אַ גראָזיקן שטח.
אויף אַ ווײַל איז אים זיס אפילו דער רעטעך,
וואָס זײַן ווײַבל גרייט פאַר אים צו.
אָוונט זינגט אַמאָל אויף די רו
מיטן ליכט פון בורשטין,
וואָס דער עלעקטרישער קאַמין
פונעם ווינקל פאַרשפּרייט.
האָדל, דאָס ווײַב זײַנס, באַשטייט,
אַז אָט־דער קאָליר
מאַכט גרינגער, סײַ בײַ איר
און סײַ בײַ אים, דאָס געמיט,
און טרעפט זיך, — ער שרײַבט אויף אַ ליד,
וואָס איז דורכזיכטיק און דין,
זאָגט זי, אַז דאָס האָט דער בורשטין
פונעם קאַמין
גורם געווען.

ווי אַזוי־זשע איז דאָס טאַקע געשען,
אַז פּיניע זאָל האָבן אַ ווינקל, און דאָס ליב האָבן אויך?
נישט איין מאָל, אַז ער זיצט און קוקט אויפן רויך
פון זײַן לולקע, וואָס צעשלענגלט זיך אין דער הויך,
און אין דער ברייט,
דערזעט ער, ווי אויף לײַוונט צעשפּרייט,

די נעכט און די טעג
פון זיין ביז איצטיקן וועג.
און, ווי קוקן זיי אויס
אין העם ליכט פון בורשטין,
וואָס גייט אויף פון דעם קאַמין ?
ניו־יאָרק, ווי דער ים אין געברויז,
און ער, ווי אַ שפּענדל אויף כוואַליעס, געוואָרפן אַהין און צוריק.
ער זעט זיך אין אַ הילצערנער וויג,
וואָס הענגט אויף אַ שטריק
ביי אַ פאַרראָסטעטער, שטיינערנער ניו־יאָרקישער וואַנט,
וואָס האָט איבער זיך נאָך דעם סימן פון אַמאָליקן גרין.
פּלוצלינג, ווי אונטער אַ פאַרכישופטער האַנט,
וואַקסט אויס פאַר אים אַ לאָנקע אין וואַלין —
איוואַנציע מאַזעפּיך אַהער, און אַהין
מיט דער גלאַנציקער קאָסע,
און עס צעשניידט זיך די ראָסע
אונטער זיין פאָך.
פיניען ווערט אַן אומגעהויערער יאָך
דער שאָבער אין האַנט.

נו, טאַקע, איז דאָס אַן ענין
פאַר אַ פיניען
צו שאָבן דעם ראָסט אין ניו־יאָרק פון אַ וואַנט
ווען אויף די לאָנקעס אין זיין וואָלין
איז איצט אַזוי גרין ?
אי דאָ אין ניו־יאָרק ?
נו, וועט ער כאַפּן אויף באָרג
אַ ביסל גרינס פון אַ פּאַרק,
און וועט דאָס זיין קאָרג,
וועט ער דערמיט
פאַרטראַכטן אַ ליד,
וואָס וועט אים ברענגען וואָלין פון דער ווייט.

אָונט אין ניו־יאָרק פון דער וויטנס, ווי אַ גילדענער פעכער,
וואָס פאָכעט און גלעט.
און ווער האָט אויסגעבויט אָט־די שטאָט פון אַלע שטעט ?
פאַר פיני־ען איבער דעם האָדסאָן אויף דער שיף ביים פאַרענטש
וואַקסט אויס אַזוי ריזיק דער מענטש
פון די היינטיקע טעג, —
דער מענטש, מיטן האַמער, דער לאָם און די זעג

פון וועלכן עס שלאָגט אַזאַ כּוח,
דער מענטש מיטן מוח,
וואָס פירט מיטן כּוח
דאָ אָן.
פיניעס האָרץ פלאָטערט אויף, ווי אַ פאָן,
און ווען ער שפּאַנט שפּעטער איבערן אַספאַלט פון דער שטאָט
דערפילט ער, ווי דער אַספאַלט אונטער זײַן טראָט
ווערט אים אייגן און נאָענט.

אין יענע טעג האָט פיניע מיט ניו־יאָרק זיך נעענטער באַקאַנט,
און אָנגעהויבן צו רעדן אויף „דו"
מיט די גאַסן און סקווערן אין איר.
ער האָט אָנגעהויבן זען, ווי די רו
זיצט אַמאָל אויף אַ שוועל בײַ אַ טיר
אויך דאָ.
אין יענע טעג האָט יעדע פרישע שעה
אים אַ נײַ ביסל אייגנס געבראַכט,
און ער האָט ביסלעכווײַז זיך צעוואַכט
צו דעם נײַעם לעבן אַרום, — צו דער וואָר,
וואָס האָט אויפגעוועקט יעדן קאַיאָר
די אָנגעלאָפענע.
האַלב ברוגזע, פאַרשלאָפענע,
האָט מען זיך געיאָגט אין איילעניש.

נישט געווען איז נאָך קיין בעט און קיין טיש,
און די שטוב, ווי אַ בויד צופעליק אַוועקגעשטעלט,
אָבער ביסלעכווײַז האָט זיך באַוויזן אַ הויז באַטירט און באַשוועלט
מיט מעבל אין דעם, און אַ גאָרטן אַרום.
עס האָט זיך באַוויזן אַ בלום
פאַרזעצט דורך דער אייגענער האַנט,
און אייגענער האָט אָנגעהויבן צו ווערן דאָס לאַנד
צו דעם טראָט,
אייגן די שטאָט,
די גאַס און די שוועל,
וואָס געווען ביז אַהער נישט מער, ווי האָטעל.

אויך דאָס לעבן, דאָס ייִדישע,
דאָס קאָכיקע, יאַרידישע,
איז אומגעגאַנגען נישט פאַרקעמט,
און אין אַ קויטיקן העמד.
מען האָט אין אַ קאַם זיך געבויטיקט.

אָט ערשט פונעם וועג, איז געווען פּאַרקוויטיקט
דאָס וועש, און מען האָט געדאַרפט אויסשלאָגן לויג.
דאָס אויג,
וואָס האָט אַ צייט געקוקט אויף צוריק,
האָט אָנגעהויבן זען, ווי די בריק
הינטער זיך צום צוריק
ווערט צעפאַלן אויף שטיק.

שפּעטער ביים אַלצדינג אין צימער זיך איבער, —
האָדלס פּנים ווערט ווייכער און ליבער,
און פון קיכל גייט אויף אַ שאַרפער ריח פון קאַווע.
איצט איז פּיניע אַן אָדם און האָדל אַ חוה, —
זי לייענט זיין ליד, און פאַרבייסט מיט אַ קוש אויף זיין שטערן,
און די שעה׳ן, — אַזעלעכע גרינגע, און ציטריקע ווערן.

אָנהייב אָוונט איז אַהיים זי געקומען אַ מידע,
און געווען איז ווי אַ שווערע ירידה,
וואָלט זי מיטגעבראַכט מיט זיך אין די טריט,
און איצט? — אָט לייענט זי זיין אויפגעלויכטן ליד,
און איר פּנים איז לויטער און פריש,
ווי דער לאָמפּ, דער צעבלענדטער, איבערן טיש.

איר בליק? וואָס זעט ער אין אים עס אַצינד?
פריער האָט געיאָגט פון אים אַ פּראָסטיקער ווינט, —
אָ, ניין, נישט קיין ווינט, נאָר מהנות מיט ווינטן!
אָבער איצט — אויף אַ פעלד, איבער גראָז, דעם צעגרינטן,
שפּרינגט אַ מיידל מיט יונגע און בויגיקע גלידער,
און זינגט פריילעכע און ליכטיקע לידער.

לידער פון פרייד און פון שיין צו אים, און צו אַלץ, —
די ערד גיט דאָס ברויט, און דער ים גיט די זאַלץ,
און זי גיט די ליבשאַפט, ווי די זון גיט די שטראַלן.
אויף אַ ווייל איז דער הימל צו דער ערד צוגעפאַלן,
אָבער באַלד האָבן אירע הענט אים צוריק אויפגעהאַנגען
מיט לויטערער ליבשאַפט, און העלע געזאַנגען.

לידער פון לעבן, — פון דער ליכטיקער וואָר,
און זילבערט אויף קעפּ זיך אַ זילבערנע האָר,
איז ער נישט פון יאָרן, — זיי זיינען נאָך ווייניק.
געזאָגט האָט דער נביא: — גיי אַרויס און פאַראייניק!
נו, האָט מען געפאָלגט, נו, איז מען געגאַנגען
מיט ליבשאַפט און גלויבן און העלע געזאַנגען.

ניש̣ט פלוצלינג איז דאָס געשען.
פלוצלינג געשעט נישט קיין זאַך.
פיניע האָט אָנגעהויבן צו זען,
ווי די ווענט און דער דאַך
זײַנען נישט גענוג,
אַז דער ווײַן אין דער קרוג
זאָל זיך נישט זעצן צום דנאָ.
דאָס קראַקערײַ פון דער קראָ
האָט אויך נישט אָנגעהויבן
מיט איין מאָל בײַ זײַנע שויבן.
ער האָט אויך פריער געהערט
דאָס געוויין פון דער ערד.
נישט מער, פלוצלינג זײַנען אָנגעקומען יאָרן,
אין וועלכע עס איז אַ בושה געוואָרן
פאַר די אייגענע שיך
צו שטעלן דעם אייגענעם „איך"
אינעם צענטער פון לעבן.

וואָס האָט ביז דעמאָלט פיניע געגעבן ?
אָ, יאָ, ער איז אויך דעמאָלט אַ דיכטער געווען !
אָבער נישט מער ווי אַ דיכטער, וואָס האָט געזען
אַן אילוזיע רייטן
אויף אַ וואָלקנדל פון ווייטן
פון ערגעץ נישט
קיין ערגעץ נישט,
אָט אַזוי,
גלאַט אַזוי
פאַר שיינקייט וועגן.
דעמאָלט איז גענוג געווען פאַר זײַנעטוועגן,
אַז עס זאָל אים קומען אַנטקעגן
אַביסל קאָליר,
אָדער אַ באַריר
פון אַ פרוי
מיט אויגן בלוי,
אָדער שוואַרץ,
אַז איבערשוימט זאָל ווערן זײַן האַרץ.
און אין זײַן זינגעוודיק געמיט
איז באַלד אַ ליד
געבוירן געוואָרן.

יענע יאָרן!
פּיניע בענקט נישט נאָך זיי,
כאָטש, ווי פריש געפאַלענער שניי,
קומען זיי אַמאָל צוגאַסט צו זיינע שויבן,
און צעוואַרקען זיך ווי טויבן.

„טויבן שטייען ביי מיין פענצטער,
ווייסע טויבן צוויי,
עפענען וועל איך דאָס פענצטער,
עפענען פאַר זיי.

„אין מיין שטילן איינזאַם צימער
וואַרקען וועלן זיי,
וואַרקען וועלן אין מיין צימער
ווייסע טויבן צוויי.

„אין די נעכט פון שווערן אומעט
וואַרקען וועלן זיי,
אין די נעכט פון שוואַרצן אומעט, —
ווייסע טויבן צוויי“.

ווי לאַנג איז דאָס, אַז ער האָט אַזוי געזונגען?
שפּעטער האָבן זיך צעקלונגען
נייע גלעקער,
און ווי וועקער,
האָבן זיי גענומען וועקן
איבער אַלע עקן
פון דער ערד.

פּיניע איז צופרידן, וואָס דערהערט
האָט ער דעם נייעם רוף פון לעבן אויף דער ערד,
און איז דעם נאָכגעגאַנגען.
עס איז געווען, ווי די זון, אַן אויסגעלאָשענע, איז אויפגעגאַנגען
אויף צוריק.
זע, אַ נייע בריק,
אַ נייער וועג,
און זיינע נעכט און טעג,
און זיינע יאָרן
זיינען פולערע געוואָרן...

די ערשטע גרויע האָר

עס איז געווען,
ווען פּיניע האָט דערזען
אויף זײַן קאָפּ די ערשטע גרויע האָר,
און זיך דערמאָנט, אַז דער פֿינפֿטער צענדליק יאָר
שאַרט זיך אין זײַן לעבן ביסלעכווײַז אַרײַן.

וואָלט דעמאָלט אין זײַן הויז געווען אַ פֿלעשל ווײַן,
וואָלט ער אָנגעגאָסן אַ פֿולע גלאָז,
און געטרונקען צום גראָז,
וואָס איז דעמאָלט מיט שניי געווען פֿאַרדעקט,
וואָלט ער געטרונקען צו דער יוגנטלעכקייט,
וואָס אָפּגעמעקט
האָט פֿון אים די צײַט,
צו דעם צוויט
פֿון זײַן ליד,
ווען עס האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אים, ווי אַ פֿויגל פֿון בוים,
צום ערשטן טרוים,
וואָס געדענקט זיך אים קוים,
אָבער פֿון וועלכן ער ווערט שטענדיק אומגעטריבן,
און וועלכער איז נאָך ביז איצט טיף אין אים פֿאַרבליבן.
און אפֿשר וואָלט ער געטרונקען צום גרינס אויף דעם בילד איבערן וואַנט,
וואָס דערציילט פֿון אייביקן פֿרילינג אין עפּעס אַ לאַנד.
אַזוי ווײַט, אַזוי ווײַט
אויף יענער זײַט גרענעץ פֿון צײַט,
און דערנאָך וואָלט ער געטרונקען צו די גרינגע טריט,
און נאָך גרינגערן געמיט
פֿון האָדלען זײַן ווײַב, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפּאַרעט אין קיך.

די גילדענע ליניע

אַ פֿערד, אַ פֿאַרמאַטערטס, אין וועג
ווערט געקערעוועט דורך לייצעס,
און פּיניען קערעוועט דאָס געפּעק,
וואָס ער טראָגט אויף די פּלייצעס.

ער טראָגט האַרטן דורות באַהאַלטן,
ער טראָגט דאָרט זײַן שטאַם,

אויך דעם הייַנטיקן דור, דעם צעשטראַלטן,
וואָס ברויזט ווי אַ ים.

ער טראָגט אין געפּעק זיך אַליין,
זיין בלוט, דאָס צעזאָטנס, —
ער ווערט נישט מיד פון צו גיין
אויף לאַנד, נישט באַטראָטנס.

ער איז לאַנג שוין נישט מער אונטערוועגנס,
זיין היים איז געוואָרן דער וועג, —
ער טראָגט אומעטום זיין פאַרמעגנס
אין זיין שווערן געפּעק.

זיין פאַרמעגנס, — די גילדענע ליניע
פאַר מענטשן אין וועג, —
עס טראָגט זי מיט ליבשאַפט איצט פיניע
אין זיין שווערן געפּעק.

ער טראָגט זי, ווי מענטש און ווי ייִד
מיט דערפאַרונג פון דורות, —
ער איז, ווי זיין זיידעס געניט
צו צינדן ליכט אין מנורות.

ער טראָגט דאָרטן טריסק און ניו־יאָרק,
און אַנדערע שטעטלעך און שטעט, —
זייער פרייד, און אויך זייער זאָרג
זייַנען אָפּטמאָל אין אים דאָך צערעדט.

ער טראָגט דעם געראַנגל פון קלאַסן און ראַסן, —
דעם עול פון זיין אייגענער ראַסע און קלאַס,
און נישט איין מאָל צעהילכט זיך אויף גאַסן
זיין ברויזיקער צאָרן און האַס.

און טרעפט זיך אַמאָל אין זיין וואַנדער,
ער בלייבט אַ מידער וואו שטיין אויף אַן אָרט,
פּאַקט ער אַ פּעקל פאַנאַנדער,
און שעפּט דערפרישונג פון דאָרט.

ער האָט דאָרט סיי שטילקייט, סיי צאָרן,
ער האָט דאָרט אי פּיין און אי פרייד, —
זיין קאָפּ איז שוין גרוילעך געוואָרן,
אָבער ער גייט און ער גייט.

דער וועג איז אַ שווערער, אַ לאַנגער,
ער איז אָפּטמאָל פֿאַרדרייט,
און אַלצדינג אַרום איז שוואַנגער,
און אַלצדינג צו געבערן זיך גרייט.

און יעדעס געבורט קומט דורך ווייען,
אַזוי פֿיל צער ביז עפּעס צעבליט,
נאָר די זייער גייען און זייען,
און וואַרטן געדולדיק אויף שניט.

נחמן מייזיל און ז. ווײַנפּער

פון בוך „געזאַנג פונעם גלויביקן״

מיינע לידער

איך האָב ליב צו לייענען מיינע לידער
אָבער און ווידער
און נאָך אַמאָל ווידער,
ווייל יעדע שורה פון מיינס אַ ליד
איז אַ טראָט פון מיינע טריט, —
געזאַנג
פון מיין גאַנג,
איך ברען פון די שריפות,
און קראַנק בין איך אין די מגפות, —
פון אַלע געשעענישן בין איך געפאַנגען.

געגאַנגען
בין איך
אין מיינע אייגענע שיך
מיט מיין אייגענעם טראָט.
און האָב איך אויסגעפּאָלגט געבאָט,
האָט מיך קיינער הערצו נישט געצוואונגען,
און האָב איך צו זיי אויך געזונגען
איז דאָס שטענדיק מיט שמחה געווען,
ווייל אין זיי האָב איך געהערט און געזען
די דערלייזונג פאַר זיך און דער וועלט.

געווען זונשיין און אויך רעגן און קעלט, —
מיין גאַנג האָט הינטער זיך שוין אַ היפּשן מהלך!
נישט מלאך,
נישט ריח
נישט רוח,
און נישט קיין משיח,
נאָר אַ פּשוטער מענטש און אַ ייד.
אַמאָל דערהויבן, צעגליט,

פאַרלאַג „איקוף״, ניו־יאָרק, 1943. 320 ז״ז.

אַמאָל מיט צעבראָכן געמיט,
נאָר שטענדיק מיט צוטרוי צו זיך און צו יענעם.
עס האָט נישט קיין פייער פון קיין שום גיהינום
צעקאָשט אין מיין האַרצן דעם גלויבן!

פון פייגל זיינען מיינע ליבלינגען די טויבן, —
איך האָב נישט איין מאָל געזונגען פון זיי!
פון קאָלירן, — די ווייסקייט און ריינקייט פון שניי,
דאָס הימלשע בלוי און דאָס גראָזיקע גרין,
און פון לידער דער טאָן, וואָס איז דין,
אָבער אַז לעבן אַרום איז שווער און איז גרוי,
איז ליד מיינס אַמאָל אויך אַזוי.

אויטאָביאָגראַפיש

היינט האָט זיך מיין זכרון,
ווי אַ טעפּיך אויסגעשפּרייט.
דורכגעלעבטע יאָרן
צעזייטע,
צעשפּרייטע,
האָבן, ווי אוזאָרן
זיך אין טעפּיך איינגעוועבט.

אַ פויגל, אַז ער שוועבט,
לאָזט ער נישט קיין צייכנס אויפן וועג,
אָבער מיינע דורכגעלעבטע טעג
זיינען דאָך צופוס געגאַנגען.
אפילו מיינע פאַרלאַנגען
צו פליען אין דער הויך
זיינען דאָך אויך
צופוס געגאַנגען.

אַ מענטש מוז האָבן גרינוואַרג אין דער
יויך,
און גרינצייג וואַקסט נאָר אויף דער ערד.
אָ, וואָס פאַר אַ ווערט
האָט דעמאָלט געהאַט
דאָס נישט עסן צו זאַט,
און נישט האָבן אויף זיך
קיין בגד, קיין שיך?

נאָר וואָס־זשע דען?
אַז מען האָט געזען
ביי יענעם אין שטוב לעבערלעך מיט
שמאַלץ,
בשעת ביי דיר איז נישט געווען קיין
ברויט מיט זאַלץ,
איז געוואָרן ענג דער האָריזאָנט,
און מען האָט געטראַכט, אַז אפשר וואָלט
מען געקאָנט
לעבן אַנדערש אונטער אַן אַנדערן,
און אַזוי איז געבוירן געוואָרן די לוסט
צו וואַנדערן.

איז מען געפאָרן פון טריסק
אַזש קיין בריסק
אויף אַ באַן אונטער דער באַנק.
דעמאָלט האָב איך דאָס ריטמיש־געזאַנג
דערהערט צום ערשטן מאָל פון רעדער
שטאָליקע.
אָ, טעג און נעכט, אַמאָליקע! —
אמר רבא און אָמר אביי, אוי, אָמר:
דער פשט איז אַזוי, אָבער ואם תאמר,
און עס ווערט שוין גאָרנישט גלאַט
מיטן פשט.

קינדיש געשריי,
און פינגער־געדריי
וועגן אַ הון, וואָס געלייגט האָט אַן איי,
און וועגן אַן אָקס, וואָס האָט געשטויסן
אַ קו.
איך זאָג, און דער רבי וואַרפט צו
דאָ און דאָרטן אַ וואָרט,
און גלעט דערביי די באָרד,
די גרויע, געדיכטע.

ווי געסט אומגעריכטע
פון ווייטן וועג,
קומען טעג
ביי פרעמדע טישן,
און זיך מישן,
ווי בלעטלעך פון ביכער, —
אָט פאַמעלעך, און אָט גיכער.
פון בריסק איז מען געפאָרן קיין ראַוונע,
און דאָרט האָט מען געחלומט פון קאָוונע
און דער ווייטער ליטע,
וואו דאָס לערנען איז גאָר פון אַן אַנדער
שיטה,
אָבער קיין קאָוונע איז מען שוין ניט
דערפאָרן.
עס זיינען אויפגעשטאַנען אַנדערע יאָרן,
און זיי האָבן געבראַכט גאָר נייע
פאַרלאַנגען.

ווען פאַלן צו דער ערד די רייפע זאַנגען?
זיי פאַלן אונטער דער קאָסע אין די
האַרבסטיקע טעג!
אָבער איך בין דאָך דעמאָלט ערשט אַרויס
אויפן וועג, —
אַ וועג, וואָס ציט זיך אַלץ ווייטער און
ווייטער.
וואַרשע איז געווען דער ערשטער שייטער,
וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין מיין וואָרט.
עס געדענקט זיך מיר, ווי דאָרט
אויף אַ בוידעם־שטיבל פון דער
ברייטער מילע
איז אויפגעגאַנגען ערשטער חלום פון
אַ הילע
איבער מיינס אַן אייגן בוך.
געוועזן אַ שטילער צאַפּלדיקער פאַרזוך
פון וואָרט, וואָס האָט אויפגעיערט,
אָבער רייף געוואָרן, און געבערט
האָט דאָס שפּעטער ערשט אין ניו־יאָרק.

אָ, וויפל זאָרג,
און וויפל פרייד,
און די צייט, — זי גייט און גייט.
פריילעכע, און אומעטיקע טעג, —
איך קוק אַרונטער אויפן וועג,
און זע אים אין זיין גאַנצער ברייט, און
לענג.
אָבער אומעטום געווען איז ענג
פאַר אָט אַזאַ, ווי איך.

באַקלאָג איך זיך?
אָ, ניין!
וואונדער־שיין
איז דאָס לעבן סיי־ווי דאָך.
אויך דער אָקס אין יאָך
האָט פון צייט צו צייט זיין פרייד.

שפּרייט, שפּרייט,
זכרון מיינער, איצט זיך פאַר מיין בליק!
סאַראַ גליק
צו וויסן, אַז מען איז נאָך דאָ!
אָט זע, עס קומט אַ נייע שעה,
וואָס אַזאַ איז דאָך נישט געווען,
וואָס אַזאַ האָסטו נישט געזען!

פ ו פ צ י ק

וואָס איז פופציק? — נישט מער ווי אַ נומער!
דאָך ווילט זיך מיר זינגען: ברוך שאָמר,
געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס איז אַ זינגענדיקער געגאַנגען
און גייט מיט געזאַנג אויך איצט.
עס האָבן זיינע געזאַנגען
זיך איינגעקריצט
אינעם האַרץ פון דער וועלט, —
זינגט אויך די קעלט,
זינגט אויך דער שטיין,
און ער איז נישט אַליין.

פופציק יאָר —
חלום אין גאַנג צו דער וואָר,
וואָס שטעלט זיך אויך איצט נאָך נישט אָפּ,
און זיינען גרויליק די האָר
שוין איצט אויף מיין קאָפּ,
איז מילא, נו.

דו, אַ דו,
לעבן פאַרגאַנגענס!
דאָס נעכטיקע געזאַנג איז
אין ליד פון דעם היינט.
זעט, זעט ווי עס שיינט
און הערט, ווי עס רעדט,
דערציילט, און מאָנט, און בעט.
עס שיינען די צעזוניקטע ווערטער
אויף אַלע פאַרוואָלקנטע ערטער, —
אומעטום, וואו עס רעגנט, האָגלט און שנייט!
וואָס דו האָסט פאַרזייט
איז אויפגעגאַנגען,
און זיינען פאַר די זאַנגען
ווייניק שניטער דאָ
אין דער איצטיקער שעה,
איז טאַקע שלעכט.

אומרו מיינער דורך די נעכט,
אומרו מיינער דורך די טעג,
גיי ווייטער אויף דעם וועג

בײַ דעם אַקערדיקן שאַרף!
אַמאָל האָב איך געשפּילט אויף דער האַרף,
אויף דעם קאָרנעט,
דעם קלאַרנעט,
דער פלייט און די פידל, —
היינט שפּיל איך אויף דעם אַקער און דעם רידל!

אָ, לעבן פון פּאָעט!
דו ביזט צערעדט
פון דעם, וואָס געווען,
דערציילסט וואָס האָסט געזען,
דו מאָנסט אַ בײַשפּיל זיך צו נעמען,
כּדי דעם מאָרגן נישט פאַרשעמען,
דו בעטסט מיט אַזאַ מין ציטערדיק געמיט
אַ נײַ און לויטער ליד,
וואָס זאָל דיך פירן
צו אויפגעפּראַלטע טירן,
וואו עס לעבן צעלויכטענע מענטשן,
ווײַל דו באַגערסט צו בענטשן
מיט זיי אַ מזומן.

זיי וועלן קומען, קומען, —
אָט די נײַע, לײַכטנדיקע טעג,
און אויפגרינען אויפסניי וועט אונדזער וועג,
און גאַנץ ווערן וועט אויך די בריק,
וואָס איז אַהינטער אונדז צעפאַלן.
זע, זע, — אָט קוקסטו אויף צוריק,
און אַזוי פיל שטראַלן פאַלן
פון דײַן בליק, —
דו זעסט דאָך אַזוי קלאָר
אַלע דײַנע פּופּציק יאָר
אין אָט־דער שעה, —
זיי זײַנען אַלע דאָ,
ווי אויף פּאַראַד.

— העי, קום אַהער, דו יאַט
פון אַ יאָר אַכט!
וואָס ביזטו עס אַזוי פאַרטראַכט?
איז דאָס דער „שור שנגח את הפרה“,
וואָס דער רבי לערנט איצט מיט דיר אין דער גמרא?

און דו, בלאָנד־האָריקער,
צוועלף־יאָריקער,
מיט די פּאהלעך ביז אַרונטער די אויערן!
זע, זע, ווי בלייך דו קוקסט אויס
אין דיין יינגלשן טרויערן
נאָך דעם שכנהשן, פּריציישן הויז,
פון וועלכן די יונגע, בלאָנדע פאַנע
שיקט קלאַנגען פון איר פּאָרטעפּיאַנע
צו דיר דורך די גרינלעכע שטאַכעטן.

זאָלן דיינע תפילות איבערבעטן
דעם בורא־עולם פאַר דיינע זינדיקע מחשבות,
און זאָלן דיינע הייליקע אָבות, —
דיין יונג־געשטאָרבענער טאַטע, דיינע זיידעס און באָבעס, —
פאַר דיר אין הימל זיך מיען,
אַז דיך זאָל מער נישט ציען
צו דער בלאָנדער פאַנע
ביי דער פּאָרטעפּיאַנע,
ווייל אַ יידיש יינגעלע, ווי דו,
וואָס פּאָרט אין דער ישיבה אַוועק,
דאַרף האָבן רו
אויף זיין וועג.

פון טריסק
קיין בריסק
אויף דער באַן אונטער דער באַנק.
איך הער נאָך איצט דאָס געזאַנג
פון די לויפנדע שטאָלענע רעדער.
געענדיקט דעם חדר,
און איצט די ישיבה, —
אַזוי האָט געטאָן אויך רבי עקיבא.
צוערשט בריסק און ראָוונע דערנאָך, —
אַן אָקסעלע אין יאָך
פון בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא, —
די מאַמע האָט געחלומט פון אַ מרא־דאתרא,
און פון אַ שנור אַ יפת־תואר.
און ווי גרויס איז געווען איר טרויער,
ווען איר זינדל פון אַ יאָר צוואַנציק
האָט זיך שפּעטער אומגעקערט צו איר מיט אַ דאַשיקל גלאַנציק.
אַנשטאָט יורה־דעה געווען איז פּושקין, טורגעניעוו, טאָלסטאָי, —

דאָס שטעטל האָט געפּלאַקערט, ווי פּייער אויף שטרוי,
די משפּחה אין היסטעריקע,
און איך פֿאָר קיין אַמעריקע.

— איסט בראָדוועי,
אַז ווינד און ווי,
נאָר ליכטיקער און העלער
געוואָרן איז אינעם קעלער
צווישן די דעמאָלטדיקע יונגע פּאָעטן.
דאָס לעבן האָט נישט אויפגעהערט צו טרעטן
איבער אונדז מיט שווערע טריט,
און איך האָב זיך פּאַרוויגט מיט אַ ליד
נישט וועגן די שטעפּער
אין די שעפּער
אַרום מיר,
נאָר וועגן עפּעס אַ קאָליר
פֿון גאָלד און גרין.
געוואוינט אין ניו־יאָרק, אָבער געלעבט מיט וואָלין
מאַרוסיעס רויטלעכע קימאָנקע
אויף דער צעגרינטער לאָנקע
געוועזן פֿאַר מיר די צויבערלעכסטע מעשה,
און אירע געגנדזעלעך די ווייסע
זיינען געוואָרן לידער אויסגעוועבטע, דינע.
איך יאָג זיך קיין פּאַלעסטינע
מיט אַ ביקס אין די הענט,
ווייל אויך דעמאָלט האָט די ערד געברענט
מיט קריג צווישן לאַנד און לאַנד.

שפּעטער האָב איך געקושט די אַלטע, הייליקע וואַנט,
און זיך אומגעקערט צוריק.
נאָך אַ בריק
ביזטו, לעבן מיינס, דורכגעגאַנגען.
הינטער דיר רייפע, צייטיקע זאַנגען,
נאָר ווילדע פייגל האָבן אויסגעפּיקט די קערנער.
געוועזן איז דער אַרום אַ באַק מיט שטעכיקע הערנער,
וואָס האָט נישט אויפגעהערט בוכטשען פֿון הינטן.

געבענטשט זאָלן זיין די שטורעמדיקע ווינטן,
וואָס האָבן ענדלעך געבראַכט אין מיין שויס אַריין דעם עיקר, —
ער האָט צעריסן די וואָלקנס אויף שטיקער

און אַזוי פיל ליכט האָט זיך אַ גאַס געטאָן אין מיין ליד!
הערט, הערט, ווי אָנגעלאָדן עס איז איצט מיין געמיט,
און זעט ווי זיכער עס שפּאַנען מיינע טריט, —
אָט דער עיקר ברענט און גליט
סיי דיך,
סיי מיך, —
יעדן איינעם, וואָס דערזעט אים נאָר!
ער איז די וואָר
פון מענטש געפּייניקטן סיי דאָרט, סיי דאָ, —
ער איז דאָס געראַנגל פון דער שעה!

פּופציק יאָר, —
חלום אין גאַנג צו דער וואָר!
אַ שווערער איז דער גאַנג,
נאָר מיר וועלן מיד דאָך נישט ווערן, —
מיר וועלן שניידן מיט געזאַנג,
וואָס מיר זייען איצט דורך טרערן!

אַ פערטל יאָרהונדערט

מיין ליד, מיין ליד,
גייסט אויף פון מיין געמיט
אויך היינט פאַרגאַפּט און פאַרוואונדערט,
ווי צוריק מיט אַ פערטל יאָרהונדערט,
ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל
געלאָזט הערן דיין קול.

דו ווערסט ביז היינט
צעלויכטן און צעשיינט
פון יעדער שיינקייט באַזונדער,
וואָס גייט אויף ווי אַ וואונדער
און צעהעלט
אונדזער וועלט.

דו צאַפּלסט זיך נאָך אַלץ,
ווי שטראַוסעס אַ וואַלץ
ציטעריק, אויפגעלעבט, דערהויבן,
ווען דאָס שטילע וואָרקען פון טויבן
אויף אַ דאַך, צי אויף אַ סקוועד
דערגרייכט דיין געהער.

אַ רויטע רויז,
אַ קינד אויף אַ שויס,
אַ וואַרעמער בליק פון אַ מענטשן,
און דו ביסט אויף צו בענטשן
שוין אַלצדינג דאָך גרייט
מיט אַזוי פיל פרייד.

אַ ווינטל־בלאָז,
אַ שטראַל אויפן גראָז,
אַ בליק פון שיינע פרויען־אויגן,
און די קאָלירן פונעם רעגנבויגן
זיינען ביז היינט אויך פאַר דיר
ווי אַ שוועל צו אַ טיר.

נאָר וואָס־זשע דען?
האָסט נאָך עפּעס דערזען,
און דערהערט דורך די יאָרן
און דו ביסט אָנגעפּילט געוואָרן
אויך מיטן צער פון דער ערד,
און דו האָסט אויפגעיערט.

איצט שלאָגט שוין דאָך אויך
פון דיר מיט קנויליקן רויך
און מיט פלאַמיקער לאַווע.
ביסט מער נישט מקבל באהבה
דעם שטויס פון געקאָוועטע טריט, —
אָ, מײַן ברויזנדיק ליד!

ברויז, ברויז, און גיי אויף
פונעם דנאָ ביז אַרויף,
ווי ראָסטשינעט ברויט פון אַ דייזשע,
און ביסטו נישט איידל שוין מער, טאָ
ווייס־זשע,
אַז נישט איידל קאָן זײַן דער פּאָעט,
דורך וועמען לעבן איז צערעדט.

מײַן ליד, מײַן ליד
אויסדרוק פון אַ פּשוטן ייִד,
וואָס איז אַ פּעדעמל אין די געוועבן
פונעם פּשוטן, וואָכעדיקן לעבן —
אַ פּעדעמל פאַרוועבט,
אַ פּעדעמל, וואָס לעבט.

געקומען ביסטו
אַזוי פלוצלינג פון ערגעצוואו,
ווי אַ געוויקס פון אַן ערד, אַ געזונטער,
און צעזונגען זיך מונטער
פון וועג צו וועג
דורך נעכט און טעג.

געטראָגן דעם יאָך
פון דער גרויער וואָך
מיט שבת־יום־טובדיקע געזאַנגען,
און דאָס גרוי איז זיך צעגאַנגען,
ווי פראָסט אונטער זוניקן שטראַל,
ווי שניי אַרום שלאָגיקן קוואַל.

אויך רעגן געווען אויפן וועג.
נישט איין מאָל האָט אַ זעג
געפּרואווט דעם שטאַם אונטערזעגן,
און דאָך ביסטו געגאַנגען אַנטקעגן
דער זון אויף יענער זײַט באַרג
דורך געסל און גאַס און דורך מאַרק.

נישט איין מאָל דעב שניי און דעם פראָסט
מיטן אייגענעם אָטעם צעלאָזט,
און דעמאָלט זײַנען דײַנע וואָכנדיקע
שקראַבעס
אויפגעגאַנגען מיטן גלאַנץ פון יום־טוב
און שבת
איבער דעם שווערן יאָך
פון דער גרויער וואָך.

און אַזוי־אָ אויך איצט,
ווען עס דונערט און בליצט,
און ווען ווינטן טרייסלען דײַנע שויבן,
איז נישט געמינערט דײַן לויטערער גלויבן
אין דײַן גאַנג
און געזאַנג.

מײַן ליד, מײַן ליד,
עס האָט דיך געשמידט
אַ גאַנצער פערטל יאָרהונדערט.
גיי ווײַטער פאַרגאַפט און פאַרוואונדערט
צו אַלץ, וואָס איז שיין,
צו אַלץ, וואָס איז ריין.

און איך וועל מיט דיר
דערגרייכן די טיר
פון גאָר אַן אַנדער מין לעבן,
וואו וואונדערלעכע האַרמאָנישע געוועבן
וועלן אין פרידלעכן שפּיל
זיך שפּילן גליקלעך און שטיל.

אלה אזכרה — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען

חודש אלול איז ווינטיק און חודש תשרי זאָגט אָן, אַז עס קומט אָן דער ווינטער.
זעט, זעט, ווי אונדזער הימל איז שוואַרצער, ווי דער טינט אין מיין טינטער!
אַ ווינט, אַזאַ בייזער רייסט די ראַם פון מיין פענצטער אָן אויפהער, —
אַזוי פלעגט אַמאָל אין אָט־אָ־די טעג צעררייסן מיין האַרץ דער פאָרכטיקער שופר!

אַז דער אָוונט פאַלט צו נאָך אַ שווערן טאָג, וואָס איז אין שפּאַן מיט דיר געגאַנגען,
באַדאַרף ער דיר קומען אַנטקעגן מיט רחבותדיקע, שטילע און וואַרעמע געזאַנגען,
ער באַדאַרף דיר אויסטאָן די שיך, און שמייכלען צו דיר מיט אַ פולן סך־הכּל.
אָבער אונדזערער איז, ווי אַ הימלאָזער שיכור, וואָס שטייט קוים אין זיין וואַקל.
זעט, זעט, — די שאַרף פון אונדזער קאָסע האָט דערגרייכן אונדזער ערד נישט
באַוויזן,
און אונדזער שיף אויפן ים וואַרפט זיך אום, ווי אַ קינד מיט ווילדע קאַפּריזן.
נישטאָ איז די רו, אַז די נאַכט זאָל בשלום אַריבער און אַז קיין חזיר, חלילה,
זאָל נישט אונדזערע סוכות צעוואַליען. פאַר וועמען אָוונט איז, ווי אַ תפילה,
וואָס צערטלט, באַרואיקט, און אונדזערער איז צעכמאַרעט, צעווינטיקט און ברויזיק.
דער טאָג שטעכט מיט גליאיקע שפּיזן, און די נאַכט מאַכט פון אונדז חוזק.
גיי האָב טענות צו זיך און צו יענעם, אַז דאָס לעבן רעדט מיט אַ בייזווייליק לשון.
געאַקערט, געזייט, — מיט שווייס אונדזער אייגן לעבן געפלעגט און געדראָשן,
און איצט? — עס רויען חזירים צעברוקעטע זיך אין דעם מיט די מאָרדעס, —
חזירים צעסוואַהטיקטע, — צעברוקעטע, קרעציקע היטלערשע האָרדעס!
— תקיעה! — שטייט אויף! אָ, שטייט אויף און נעמט חשבון פאַר דעם נעכטן!
— שברים! — דער נאַצישער שעכטער ווערט נישט מיד אונדז צו שעכטן!
— תרועה — צום געווער! צום געווער! אומעטום און מיר אַלע צוזאַמען, צוזאַמען!
— תקיעה־גדולה! — אונדזער לעבן גייט אויף איצט אין העלישע פלאַמען!

און טאָמער איז נישט גענוג אָט־די נאַכט, באַדאַרף נאָך גיסן אַ רעגן!
רציחהדיקע, חיהשע בליקן לאָקערן אויף אונדז איבער אַלע טונקעלע וועגן!
אונדזער הימל פאַרוואָלקנט, און יעדער וואָלקן ווערט געדיכטער און שווערער
איבער דעם לויטערן ליכט פונעם לעבן זיצט דער וויסטער נאַצי־פאַרצערער,
און וויפל ער פרעסט נישט און זויפט נישט, קאָן ער דעם אַפּעטיט נישט פאַרשטילן.
זעט, זעט, — עס שטייען פאַרגליווערטע אַזוי פיל פליגל איבער אונדזערע מילן,
און טאָמער באַוועגן זיך נאָך דאָ און דאָרט אין אַ זשאָרנע די שטיינער,
זיינען זיי צעבלוטיקט דאָך פון אונדזערע לייבער, פון אונדזערע ביינער

אלה אזכרה — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען, איז ווײ צו די ביינער!
כאַטש נעם אין די אייגענע הענט איצט דיין קאָפּ און וואַרף אים אויף שטיינער!
נעכטן אָוונט האָבן בייטשיקע ליכט־וואַרפערס איבער אונדזערע דעכער
דאָס האַרץ פונעם הימל געשטאָכן, און מיר, ווי די מייז אין די לעכער

האָבן מיט אויערן פאַרשפּיצטע און אויגן צעשראָקענע, געפלעפּטע
זיך דערפילט מיט אַמאָל אײנע צו די אַנדערע פאַרקניפּטע, באַהעפטע.
איין קרעכץ פון איין האַרץ און איין גערטאַנגל אַן אויפהער.
און היינט פרי, ווען דער ווינט האָט געבראַכט צו מיין ישועל דאָס קול פונעם שופר,
האָט אַט־אָ דאָס קול דורכגענומען ביז די טיפעניש מיין יעדן אבר.
ערגעץ־וואו, אונטער נאַציש מעסער, גראָבט אַ ייד פאַר זיך איצט אַ קבר, —
דער ווינט צעיאָגט זיינע פּיאות, און צעיאָגט איז דאָס וויסטע געלעכטער,
וואָס טריפט, ווי פלאַמיקע סמאָלע, דורך די מיילער פון נאַצישע שעכטער.

— תקיעה! — דער רוף איז אַ גרויליקער, — ער איז אויף מיילן צעצויגן, —
אָ, וואָס דערציילן, און וואָס זאָגן יענעם ייִדנס צעשראָקענע אויגן?
דערציילן זיי די פאַרכטיקע מעשה פון די עשרה הרוגי מלכות אונטער די רוימער?
אָדער זיי זאָגן איצט אָן, אַז ווי המנס משפחה, וועלן די נאַציס אויף ביימער
אויך הענגען און ראָבן וועלן פּיקן דאָס פלייש פון זייערע פאַרשטונקענע לייבער?
— גראָב טיפער! גראָב טיפער! — איז צעכאָרכלט דאָס קול פונעם טרייבער, —
באַלד, באַלד, וועלן אַט־אָ־די יידישע אויגן אויף אייביק זיך שליסן, — תקיעה!
שברים!
אויף פעלדער, ביי וועלדער גראָבן אַנדערע יידן פאַר זיך אויך די קברים,
און מיר, אַט־אָ־דאָ פונדערווייטנס, זיינען אַלץ מיט חשבונות פאַרנומען, —
מיר חשבונען, חשבונען און קאָנען צום סך־הכל נישט קומען!

אַזאַ רעגנדיקער אָוונט היינט! יעדער טראָפּן, וואָס פאַלט אויף מיינע שויבן
צעפליסט זיך, ווי אַ טרער פון אַ קינד. וועמ־זשע גיסט עס פון אויבן
מיט אַזוי פיל טרערן אַציגד? און וויינען וויינט ער עס דאָרט אויף וועמען,
און אויף וואָס? און ווער, יאָ, ווער וועט אַט־אָ־די טרערן פאַרנעמען?
אָפּוויישן אַן אויג? זאָגן אַ טרייסט־וואָרט? אָנצינדן אַ האָפענונג, אַ נייע?
זעט, זעט, — מיר שלעפּן זיך אַלע מיט מידע טריט, ווי פון אַ לוויה,
און לוויות יעדע שעה, יעדע מינוט, יעדע רגע, — עס גוסט אונדזער לעבן,
און מיר האָבן אַלץ נישט דעם מוט ברידערלעך די הענט זיך צו געבן, —
פאַרקניפּן זיך, באַהעפטן זיך אין אַט־אָ־דער שעה פון גערטאַנגל, דעם גרויסן.
אַזאַ רעגנדיקער אָוונט היינט! עס שלאָגט מיט חושך צו אונדז פונעם דרויסן,
און פינצטער איז אינווייניק אויך, כאָטש מיט אַזוי פיל בראַנדיקע פלאַמען
איז צעצונדן די ערד, און די לופט און דער הימל. אפילו די ימען
זיינען איצט דאָך צעברויזטע מיט פלאַמיקן, לאַוויקן, ברויזיקן געוויטער, —
עס זיינען איצט מוראדיקע, פאַרכטיקע טעג, — מיר אַלע אין ציטער.
— תקיעה! שברים! תרועה! און תקיעה־גדולה! עס רופט אָן אָן אויפהער
צו אונדז אַלעמען, אַלעמען דער פאַרכטיקער רוף פון אונדזער אייביקן שופר —
ער רופט און זאָגט אָן, אַז אפשר זוכט ער אונדז אויך עפּעס גאָר צו דערמאָנען, —
אלה אזכרה, — די ווערטער גייען אויף ווי שוואַרצע, טרויעריקע פאָנען!

אַז איך טו זיך טאָן הײנט דערמאָנען, ווערט מײן האַרץ פון יסורים צעגאַנגען.
פון דער טיפסטער טיפעניש גײען אויף אַזעלכע שטילע, װײנענדיקע געזאַנגען.
געזאַנג און געװײן און געזאַנג, — אַזאַ שטילער, טרויעריקער ניגון!
ער וויגט זיך און ברענגט אין זכרון דעם אַלטן בית־מדרש. עטרה־דיקע קעפּ זיך וויגן
צוזאַמען מיטן קאָפּ פונעם חזן בײם עמוד אינעם שײן פון די פלאַמיקע קנויטן,
וואָס וויגן זיך אויך. און וואַרפן פון זיך הײסע, טרעריקע, וואַקסענע צויטן
אויף גליאיקע שטענדערס. אב הרחמים, שוכן מרומים, — דו ביסט אונדזער שומר!
געווען איז דאָך דײן הײליקער ווילן, אַז דורך די הענט פון די ו׳שעות־דיקע רוימער
זאָלן אויפגײן צו דיר די גופים פון רבי ישמעאל כהן גדול און רבי שמעון
בן גמליאל, —

דו אַלײן האָסט געלאָזט דאָך דאָס וויסן דורך דײן הײליקן מלאך גבריאל!
ווי אין פּסוק שטײט, — „בדמיך חיי״ — דורך דײן פאַרגאָסענעם בלוט זאָלסטו לעבן.
זע, זע, — מיר זײנען גרײט פאַר דײן הײליקער גרויסקײט אויך אונדזערע גופים
צו געבן,

נאָר וואָס־זשע דען? אַז מיר טוען זיך טאָן אין יענער גרויל איצט דערמאָנען,
קוואַלן אויף זיך די טרערן. וואָרום, וואו זײנען עס די ריזן, וואָס זאָלן קאָנען
אײנהאַלטן דעם ווײטיק, ווען זײ הערן, ווי מען האָט פון רבי ישמעאלן געצויגן
די הויט? עס האָבן דאָך די שרפים אין הימל געוױשט מיט זײערע פליגל די אויגן,
און געשריגן האָבן זײ מיט צעווײטיקטע קולות, — די וועלט צו צעשטערן,
האָסטו גאָט אַלײן דאָך געדראָעט פונעם אײגענעם ווײטיק, דעם שווערן, —
נו, ווײנען מיר אויך אויפן בראָך, — בפרט, ווען ער ציט זיך איצט ווײטער!
זע, זע, — אויך דאָס לעבן, אונדזער איצטיקס, גײט אויף אויפן שײטער!

עס גײט אויף אין זכרון דער אַלטער בית־מדרש. די עדה איז צעוויגט, ווי גראָז
אין געוויטער, —

אפילו די מעשענע הענגלײכטער וו״גן זיך אין פאַרכטיקן פחד, — אין ציטער,
אלה אזכרה, — עס ווײנט יעדערער פאַר זיך בלחש, נאָר די לופט איז צעשריגן!
אַ רעגנדיקער אָוונט הײנט. יעדער טראָפּן אויף מײן שויב איז אַ טאָן פון יענעם
ניגון.

וואָס איז צעווײנט אַזוי שטיל איצט אין מיר. און ווי קאָן מען דען פאַרגעסן,
אַז פיל שווערער נאָך און וויסטער נאָך זײנען אונדזערע איצטיקע מעת־לעתן!
די ראַדיאָ מורמלט אין כאַרכלדיקן טרויער, — זי שפּײט מיט גרוילן נאָך גרוילן, —
עס קרעכצן אונדזערע שוועסטער און ברידער הינטער די געטאָ־ווענט פון פוילן!
דער דאָן איז צעדרויטלט. בײ דער וואָלגע זײנען הײליקע מענטשן מקדש
דעם נאָמען פון מענטש. ווער מורמלט עס איצט אין דער שטיל „יתגדל ויתקדש״
אויף אונדזערע קבֿריב? זאָגט עס איצט אינעם בית־מדרש, דעם אַלטן,
דער חזן אַ קדיש אויף די עשרה הרוגי מלכות, וואָס האָבן אײסגעהאַלטן
דעם נסיון פון גאָט? אָדער דאָס זײנען מײנע אײגענע ליפּן צעציטערט
פאַר אונדזערע קדושים בײ סטאַלינגראַד? — די שלאַכט איז צעוויטערט!
— תקיעה! — די פײנימער פאַראויס צו דעם שונא, און נישט צום הינטער!

— שברים! — עס גייט אויף די נאַצישע פּגרים אונדזער בראַנדיקער ווינטער!
— תרועה! — עס איז טויט, אָדער לעבן, ווי בר־כוכבא אויף די פּאַסאַדן פון ביתר!
אויב חלילה דער טויט, איז צום אַלעם ערשטן דער וויסטער פאַררעטער!
די ראַדיאָ איז צעכאַרכלט, — איך הער פון בית־מדרש דאָס געוויין פון דער עדה, —
אָ, ווער פון אונדז איז הייַנט נישט גרייט צו זיין אַ קרבן אויף אונדזער עקדה?

אַז מען האָט געקעמט דאָס לייב פון רבי עקיבאן האָבן געוויינט די אותיות פון דער תורה,
רבי חנינא בן תרדיון איז אויסגעגאַנגען אין די פלאַמען אינגאַנצן אָן מורא,
נאָר געקלאָגט האָבן אונטער זיין לייב אינעם שייטער די פלאַמיקע צווייגן.
אויפן מאָרד פון די קדושים האָבן געוויינט די חיות אין די רוימישע שטייגן.
אלה אזכרה, — געציטערט האָט דאָס קול פון מיין פאָטער ביי אָטאָ די ווערטער,
און דאָס ציטערניש איז אויפגעגאַנגען אין בית־מדרש פון אַלעמענס ערטער.
— קלאָגט און וויינט, אַלע זין פון פונעם פאָלק, — באַוויינט די שענסטע פון דער עדה, —
יצחק איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס איז געגאַנגען אויף דער עקדה,
עס גייען אַנדערע אויך, און גיין וועט מען ביז מען וועט באַדאַרפן!
אַ רעגנדיקער אָוונט הייַנט, — עס בליצן פאַר די אויגן די מעסערשע שאַרפן
אין נאַצישע לאַפּעס. אָ, וויפל זייַנען איצט אין יענעם בית־מדרש געבליבן?
עס איז דאָך אויך איצט, ווי עס איז אינעם אַלטן מחזור פאַרשריבן!
אָ, רבי חנינא בן הכינאי! רבי ישבב הסופר! און דו, רבי יהודה בן דמה!
אַז מיר טוען זיך טאָן אַ דערמאָן, צעגייט פון צער אין אונדז די נשמה, —
אָ, לעמבערג און קערטש! טריסק און בריסק, בערדיטשעוו, זשיטאָמיר!
און מיר פונדערווייטנס האַלטן אין חשבון ביים אָנהויב, — נאָך פאַר „ברוך שאמר“! —
— תקיעה! — עס רופן אונדזערע שוועסטער און ברידער צו אונדז, — שברים! —
עס שרייען די לעבעדיק־באַגראָבענע פון אונטער די הייליקע קברים!

אלה אזכרה, — זאָלן די קומענדיקע דורות אָט־די פאַרכטיקע ווערטער געדענקען!
נישט אייביק וועט די ערד אין אונדזער פאַרגאָסענעם בלוט זיך דאָך שווענקען!
איצט רעגנט די נאַכט, אָבער נישט געמינערט אין אונדז איז דער גלויבן,
אַז סוף כל סוף וועט אויפגיין די זון און דערגרייכן אויך אונדזערע שויבן.
און דעמאָלט? — יאָ, איך הער שוין דאָס יובל־געזאַנג פון פעלקער אויף וועגן,
וואָס גייען זיך איינע די אַנדערע, ווי שוועסטער און ברידער אַנטקעגן,
און מיין פאָלק איז אויך צווישן זיי מיט אַלעמען, אַלעמען צוזאַמען.
איך זע שווימענדיקע שיפן איבער אַלע שטילע, און פרידלעכע ימען,
און יאָגט אַן עראָפּלאַן אין דער הויך, איז ער אַ גרוס פון די הויכן,
און פרואָון קליינע זילבער־שיפעלעך אין די אָפּגרונטן זיך טויכן,
איז דאָס, כדי נייע, פריידיקע דערגרייכונגען צו ברענגען פאַר מענטשן.
סוף כל סוף וועט דאָך קומען דער טאָג און מענטש מיט מענטש וועט זיך בענטשן,
אָבער דעם „אלה אזכרה“ וועלן מיר דאָך נישט פאַרגעסן. ער וועט אונדז דערמאָנען

עד סוף כל הדורות. ער וועט פלאָטערן אויף אַלע אונדזערע פּאַנען,
ווי אַן אייביקער זכר אויף אונדזערע געפאַלענע שוועסטער און ברידער.
עס וועלן זייערע ליכטיקע נעמען אָפּקלינגען אין אַלע אונדזערע לידער, —
אַזאַ גרויליקע איז די תּקיעה און אַ צעבראָכענער איז דער שברים.
אָבער תּורה איז שאַליק, און תּקיעה־גדולה איבער היטלערישע קברים!

פאַר דער שנאה אין מיר!

זיי פאַרשאָלטן ביזן סוף פון די דורות פאַר דער שנאה אין מיר,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן מיט דיין רשעות. זי זוכט איצט דיין טיר
מיט דיין אייגענעם פאַרצערנדיקן פייער, וואָס דו האָסט מיר איבערגעגעבן,
און וועט זי דערגרייכן צו איר, וועט אויפגיין דיין לעבן
אין זשאַריקן אַש, וואָס דער ווינט וועט צעטראָגן, צעווייען!
הער, הער, — עס שאַרן זיך טריט, — זיי קומען, זיי גייען
מיט ברוייזיקער שנאה. און גרויזאַמער נקמה צו דיין שוועל.
עס קרעכצט פון הונגער דער שאַרף פון מיין מעסער נאָך דיין פעל,
און ווײנט פון דורשט נאָכן בלוט פון דיין גיפטיקן פלייש.
זע, זע, — עס פלאַקערט מיין שנאה צו דיר, ווי אַן עמוד־האש,
וואָס ווייזט מיר דעם וועג צו דיין טיר, און מעגסטו, ווי חושכדיק זיין,
וועט אויסזוכן דיך דאָס שנאהדיקע פייער אין מיר מיט איר שיין,
ווי אויסגעזוכט האָט דער עמוד־האש פאַר מיינע אבות דעם וועג
אין פינצטערע נעכט דורך דער מדבר. די גזלה אין דיינע זעק
וועט אומגעקערט ווערן צו די באַגזלטע דורך דיינע ברודיקע הענט.
און דאָס בלוט פון דיין צעכאַליעטן האַלדז וועט איבער אַלע ווענט,
און שטיינער אויפן ברוך זיך צערויטלען פאַר חזירים צו לעקן, —
אַ שאָד באַר, וואָס אויך אַזוינעם, ווי דו, וועט אויך פאַרדעקן
די ערד, ווי זי האָט דיינע קרבנות ביז איצט שוין פאַרדעקט, —
אַזוינעם, ווי דו מיט אַ מעקער, וואָס מעקט און אויף אייביק פאַרמעקט,
אַז נישט בלייבן זאָל קיין זכר, קיין סימן פון דיר אין דער ערד.
ווען דער אויפבוי וועט קומען פון דעם, וואָס דו האָסט צעשטערט.

זע, זע, — מיין שנאה צו דיר שפיגלט זיך אָפּ אין אַלץ, וואָס איך טו.
היינט אָוונט בין איך געזעסן ביים ים־ברעג אין בענקשאַפט נאָך רו, —
אין בענקשאַפט נאָך רו פון מיין ברויזיקער, זודיקער שנאה צו דיר.
דער אָוונט האָט געקילט מיין געמיט מיטן טעם פון אַ קילער גלאָז־ביר, —
געקילט און גערעגט, ווי אַ שטילער, ציטערדיקער אומרו אין דרימל, —
ווי גליאיקע, רויטלעכע שטראַלן פון דער זון ביים פאַרלאָזן דעם הימל.
נאָר פלוצלינג האָב איך דערפילט טיף אין זיך, אַז אין אַזעלכע טעג,

ווען דו מיט דײַן גרויזאַמער רשעות ביסט נאָך אַלץ אויף אונדזער וועג,
איז דער אָפּרו אַ לוקסוס, אַ זינד, וואָס מען קאָן זיך איצט נישט פאַרגינען.
מײַן געמיט האָט ווידער אָנגעהויבן צו הערן די קולות פון רואינען,
געליאַרעמט האָט דער ים אַרום מיר,— געשלאָגן האָבן זיך די כוואַליעס צו די ברעגן.
נאָר דאָס האַרץ מײַנס האָט נאָך שטאַרקער געשלאָגן זייער ליאַרעם אַנטקעגן.
געשלאָגן מיט ווייטיק צעשריגענעם האָבן אין מיר אַלע גלידער, —
דער ווייטיק פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס, פון אונדזערע שוועסטער און ברידער
אויף יענע זײַטן פון די געטאָ־ווענט אין טשעכיע, פראַנקרײַך און פּוילן.
פאַר מײַנע אויגן זײַנען אויפגעגאַנגען די גרויזאַמע בלוטיקע גרוילן,
וואָס דײַנע רשעותדיקע זין האָבן אין די סאָוועטישע ישובים באַוויזן,
און דעמאָלט האָבן די שטערן פון דער הויך מיך געשטאָכן מיט שפּיזן,
און יעדער שטאָך האָט אָנגעפילט מײַן לײַב מיט אַזאַ בלוטיקער שנאה.
דאָס האַרץ מײַנס, וואָס פלעגט וואַכיק זײַן צו טענער בלויז דײַנע,
איז איצט דינאַמיט אויף אויפצורײַסן אַלצדינג, וואָס איז דײַטשיש, —
אַ קללה אויפן קאָפּ פון אַ פאָלק, וואָס איז אַזוי גרויזאַם און בײַטשיש, —
אַ פאָלק, וואָס האָט באַוויזן אויסצוברײען אַזאַ היטלערן אין זיך,
האָט דאָך נישט די ווערט אויף די גלידער קיין מלבוש, קיין שיך!

אַזאַ פאָלק אין דעם אורוואַלד צוריק! אָדער אין זו הינטער גראַטעס!
קומט, לאָמיר זיך צונייען אויף אונדזערע קליידער די געלע לאַטעס, —
עס איז אונדזער זכיה! — נישט געלע זײַנען זיי, נאָר גאָלדענע זונען
פון דײַטשן פאַרשעמטע! איצט זײַנען מיר די אײנציקע בלענדן צווישן די הונען!
די אײנציקע בלענדן, וואָס שנײַדן דעם חושך מיט צעלויכטענע שטראַלן, —
די אײנציקע, וואָס שיקן אַריבער אין ווײַטקייטן צעשטראַלטע סיגנאַלן, —
און מיר אין די ווײַטקייטן זעען זיי, פילן זיי, און מיר גייען אַנטקעגן!
מיט אַטאַ דער לאַטע דער געלער האָבן מיר נישט איין מאָל געמאָסטן די וועגן
אונטער בײַטשן צעקנאַלטע, און גייען מיר איצט אונטער זיי ווידער,
און לאָזן נאָך זיך אַזוי פיל הײליקע קברים פון שוועסטער און ברידער.
איז אונדזער טרייסט, וואָס די קברים פון אונדזערע רוצחים זײַנען פיל מערער!
עס קלאַפּט איצט די שאָף מיט איר קלאַ אַרויס די שער פונעם שערער,
און לאָזט שוין די וואָל אירע איצט ליבערשט מיט די ווינטן אַוועק.
אויב פרירן און אומקומען פון קעלטן איבערן פּראַסטיקן וועג,
איז ווי שמשון הגבור אין טעמפּל מיט די פּלישתּים צוזאַמען, —
אויב אומקומען אין פײַער, איז אויך דעם רוצח מיט זיך אין די פלאַמען.
נישט מער קיין הכנעה, — נישט מער קיין געבויגענע קעפּ אונטער בײַטשן, —
עס איז אונדזער „קדוש־השם" פונעם הײַנט, — דער קאַמף מיט די דײַטשן.
די ראַדיאָ חשבונט: אַ טויזנט בײַ רזשעוו, און מער בײַ מאָזדאָק,
און מיך טוט פונעם בענקל לעבן איר אַ וואָרף און אַ טראָג, —
וואָס מער? און ווען מער? איך מוז געניי די צאָל פון די פּגרים דאָך וויסן.

פאַרשאָלטן זײַ, דײַטש, וואָס האָסט באַוויזן אין מײַן געמיט אָנצוגיסן
אַזוי פיל שנאה צו דיר: — אַ שנאה, וואָס איז ווי אַ וואונד צעיאָטערט, —
אַ שנאה, וואָס איז, ווי אַ הונגער, וואָס פײַניקט און מאַטערט.
מײַן הונגער איז די שנאה צו דיר, — דיך ביזן גרונט צו פאַרצוקן!
זע, זע, — סאַראַ תאווה נאָך דײַן בלוט עס רײַט אויף מײַן געפּײַניקטן רוקן,
און ווי שווער אַט־די תאווה איז מיר, וועל איך זי פון זיך נישט פאַרלירן,
ווײַל מיט אַט אָ דער תאווה, וועל איך דיך צו דעם אָפּגרונט דערפירן!

דער אָפּגרונט, — בלויז ער איז דײַן אָרט, — מיט די ווייסטע רשעים פון סדום.
געבענטשט זײַ, סאָוועטישער העלד, אונדזער ליכטיקער גואל־הדם!
איך גיי נאָך דײַנע טריט פאָרויס און צוריק און ווידער פאָרויס.
אין דײַן שווערן געראַנגל וואַקסטו אויס אַזוי ליכטיק און גרויס,
אַז איך מוז פאַררײַסן מײַן קאָפּ, כדי צו דערזען דײַנע קני.
געבענטשט זײַ, אַמעריקע, מײַן לאַנד, מײַן באַליבטס, און אַלע די,
וואָס פאַרוואַנדלען זייער בלוט איצט אין גאַז און אין אויל פאַר דעם פייער
אויף יעדן דאַך פון אַ דײַטשישער שטוב און אַ דײַטשישן שייער,
און פאַרשאָלטן זײַ, דײַטש, פאַר אָט־דעם באַגער, וואָס דו אַליין
האָסט אין מײַן האַרץ אָנגעצונדן, — אַ באַגער, וואָס איז דאָך געמיין!
אַ באַגער, וואָס באַדעקט נישט איין מאָל מײַן פּנים מיט בושה!
אָבער איז ער דען נישט דײַנער? איז ער נישט דײַן ווייסטע ירושה? —
זע, זע, — אין יעדער שטוב דײַנער אַ רוצח, און אין יעדן שייער דײַנעם גזלה, —
דאָס בלוט פון מײַנע שוועסטער און ברידער אין יעדער דײַטשישער כּלי,
און זעט, ווי איר זשליאָקעט דאָס מיט אײַערע מאָרדעס צעליאַפּעטע, נאַסע!
אַ קלאָג צו וואָטאַנען, — אײַער גאָט מיט זײַן העכערער אַרישער, ראַסע!
דער חזיר, וואָס כראָמטשעט ביי יעדן אָפּטרעט דאָס פּסולת
איז אויך זיכער ביי זיך, אַז ער איז צווישן ברואים דאָס סולת!
אָ, ניין! איך בעט נישט קיין מחילה פאַר דער ברוזיקער שנאה אין מיר!
און וואָלט איך געקאָנט דען אין די איצטיקע שעה׳ן לעבן אָן איר?
דערציילט יעדן אַנדערן, אַז אויך טעלמאַן איז דײַטש, און אַז ער, —
איך ווייס דאָס! איך ווייס דאָס! — עס איז נישט טויב מײַן געהער!
עס זײַנען דאָ, אויך די טעלמאַנס, וואָס זײַנען פאַרפּײַניקט, ווי מיר, —
נאָר קאָנען די עטלעכע צעלן געזונטע מכפּר זײַן אויפן גאַנצן געשוויר,
וואָס רופט זיך דײַטשלאַנד? אָ, פאַרשאָלטן אויף אייביק זײַ, דײַטש,
וואָס האָסט מיט דײַן רשעות פאַרוואַנדלט מײַן געמיט אין אַ בײַטש,
וואָס האָט איין האַגער איצט צו צעפּאַסעווען דײַן ווייסט געביין.
זע, זע, — איך בין דורכאויס איצט נעגל, דורכאויס איצט ציין
דיך צו רײַסן און בײַסן אָן אויפהער. זע, זע, ווי דער שאַרף
פון מײַן מעסער איז צעבענקט נאָך דײַן האַלדז. אַזוי בענקט דאָך די האַרף
נאָך פינגער אויף אירע סטרונעס, כדי צו געבן אויסדרוק פון זיך!
און אַז עס טרעפט, — איך צעטראַכט זיך, אַז מיט אָט אָ דער שנאה בין איך

נישט בעסער פון דיר, שיק איך אַ קללה צום אייגענעם טרפהנעם בלוט,
אָבער אַ טרייסט איז אויך דאָ, וואָס אַט אָ די טרפה (טאַרפע) מאַכט קרעפטיק מיין רוט,
וואָס וועט סוף כל סוף קומען אויף דיר מיט דער בראַנדיקסטער נקמה,
און, אַז איך טראַכט אַט אַזוי, איז דיין טרפה (טאַרפע) אין מיר מיין נחמה.

פאַר אייער הייליקייט און לויטערקייט

קדושים אונדזערע, פון דער וואַרשעווער געטאָ,
איר וועט בלייבן אין געדעכעניש צעהעלטע און צערעדטע.
איר וועט פאַר אַלע אונדזערע קומענדיקע דורות
דאָס ליכט זיין פון אונדזער איצטיקן חושך, — די מנורות
צעלויכטענע, צו וועלכע מען וועט אויפגיין און קוקן, —
פאַר וועלכע מען וועט אויסטאָן די שיך און זיך בוקן.

בר־כוכבאס אויף די נאַליעווקעס און דזשיקע־גאַס,
און מאַקאַבייער איבער די רוקנס פון צעגליטן האַס
אויף נאָוואָליפיע, שווענטאָ־יורסקאָ און פשעיאַזד, —
וואָס איז געבליבן נאָך פון אונטער שווערסטער לאַסט
האָט זיך אויפגעהויבן. עס קוקט די זון און שטוינט,
ווי עס ווערט דאָס פאָלק אונדזערס באַקרוינט.

עס האָט די גבורה פון שמשונען איצט ווידער אויפגעלעבט.
דער העלער גייסט פון עקיבאן האָט אויפגעשוועבט, —
און טרינקט אויף וואַרשעווער גאַסן יעדן יידן אָן.
זעט, זעט, — עס פלאַטערט אַזאַ שטאָלצע אונדזער פאָן!
און כאָטש עס פאַרשטעלט זי דער רויך אין דער לופט,
זעט מען זי דאָך, און מען הערט, ווי זי רופט.

זי רופט אין שלאַכט אַריין פאַר לעבן און פאַר חשיבות.
דער קבר אונדזערער, ווי שוואַרץ איז און ווי טיף איז,
איז ער דאָך ליכטיקער פון פנים אויפן נאַצי־דייטש.
און גרינגער איז ער, ווי די שטענדיק שלאָגנדיקע בייטש.
אויב אונדזער גורל איז פאַר זיך אַליין אַ קבר גראָבן,
איז לאָמיר אויך די שונאים אין אים האָבן!

אָ, יידן פון הינטער די וואַרשעווער געטאָ־ווענט!
פאַרפייניקטע, פאַרמאַטערטע און מיט הוילע הענט,
זייט איר אין שלאַכט איצט אַנטקעגן די באַצווינגער!
עס וועט ערשט דאַרפן געבוירן ווערן דער זינגער,

וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרמעסטן מיט זיין געזאַנג
צו אייער הייליקן און גרויסן אונטערגאַנג!

עס וויינט אַזוי דאָס האַרץ אויף אייער הייליק בלוט,
און זינגט דערביי אויך שטאָלץ צו אייער גרויסן מוט,
וואָס פון אַזוינעם האָט מען קיינמאָל נישט געהערט!
דאָס חלה־מעסערל אַנטקעגן שאַרף פון שווערד,
און זע, — עס ליגן טויזנט נאַצי־דייטשן טויט!
און זע, — עס וואַלגערט זיך די סוואַסטיקע אין קויט!

עס פלעמלט אינעם חושך, — עס ליכטיקט זיך, — עס שיינט, —
אַזוי פיל דורות וועלן קומען דאָך צו אונדזער היינט,
און שעפּן וועלן זיי פון אים אַזוי פיל ליכט.
נאָך נישט געווען קיין וואָלקן דאָך אַזוי געדיכט, —
אַ דונער, אָט אַזאַ, אַ בליץ אַזוי צעבליצט,
און אויך אַ טרייסט אַזאַ ביי אונדז, ווי איצט!

קדושים אונדזערע, — מיר שטייען אויף די קני
געפלעפּטע פון דעם הערלעכסטן און שענסטן גלי,
וואָס אייער בלוט פאַרגאָסנס שטראַלט אַרויס פון זיך.
מיר בייגן איין די קעפּ און טוען אויס די שיך
פאַר אייער הייליקייט, וואָס אַזאַ איז נישט געווען,
פאַר אייער לויטערקייט, וואָס אַזאַ האָט מען נישט געזען!

איך קריך צוריק אויף אַלע מיינע פיר

אַזוי פּלוצלינג איז דאָס געשען, ווען איך האָב אָנגערירט די טיר צו יענער זייט,
וואו עס וואוינט די רו, און זי אַליין ווייסט גאָרנישט, ווי רואיק זי איז.
די גאָלדענע פּאַווע, וואָס איך בין געוואוינט געווען צו זען פליען פאַרשייט,
איז געשטאַנען אויפן שוועל ביי יענער טיר אַ דערפרוירענע אויף אירע פיס.

— פּאַווע, פּאַווע, גאָלדענע, דו מיין, — וואָס־זשע איז אַזוינס מיט דיר געשען?
געשוויגן האָט די פּאַווע מיט אַזאַ טיפער שוויגעניש, וואָס האָט צו מיר געזאָגט
פיל מער, ווי רייד, וואָס איך האָב ווען געהערט. מיט איין מאָל האָב איך זיך דערזען
אין אַן אויסטערלישער וועלט, וואָס נישט זי מאָנט און נישט זי קלאָגט.

גלייכגילט? ניין, נישט דאָס, נישט דאָס! נאָר עפּעס, עפּעס אַנדערש גאָר,
וואָס לאָזט זיך נישט באַצייכענען מיט וואָרט, מיט פאַרב, מיט קלאַנג און טאָן.
— פּאַווע, פּאַווע, דערפרוירענע, דו מיין, — עפּעס איז מיר דאָ נישט קלאָר,
און נישט קלאָר איז מיר מיין אויסלאָז און אויך אָט דאָס, וואָס הייבט זיך אָן.

נישט קיין רשע, נישט קיין צדיק, קיין העכערס, קיין קלענערס, קיין דאָרן, קיין בלום.
אַ ליכט, וואָס ליכטיקט נישט, אַ פֿינצטערניש, וואָס פֿינצטערט נישט, דער הימל
און די ערד
צונויפֿגעגאָסן אין איין אָטעמלאָזן איינס, נישט קיין גלײַך און נישט קיין קרום,
און איך בײַ דער טיר פֿון אָט־דער בײַער וועלט בין געשטאַנען און זיך צוגעהערט.

אַפּנים געוואָלט אויפֿכאַפּן די טריט פֿון אַלגאַ שלום עליכם, שמולעוויטש
און גליצנשטיין,
ווײַל געהערט האָב איך, ווי דורך אַ טראַנס, אַז זיי האָבן זיך געלאָזט אַהער.
איז דאָס געווען אין מיר די געוואוינשאַפֿט נישט צו גיין מיט זיך אַליין?
און אפֿשר איז די טיר צו עפֿענען געווען פֿאַר מײַנע שוואַכע פֿינגער שווער?

ווי גוט, וואָס ווען איך בין אַזוי געשטאַנען בײַ דער טיר פֿון יענער זײַט,
איז פּלוצלינג אויפֿגעגאַנגען הינטער מיר אַזאַ אויפֿגעציטערט קרעפֿטיק קול,
אַז אפֿילו איצט, שוין קריכנדיק אויף אַלע פֿיר צוריק, הער איך, ווי עס שרײַט,
און רופֿט נאָך הענט און אַקסל צו העלפֿן טראָגן אויף דער ערד דעם שווערן עול.

דער עול, ווי שווער ער איז, איז ער דער סימן פֿון אונדזער לעבן, אונדזער זײַן, —
מיר וועלן אים דערטראָגן דורך אַלע רשעותן צו ליבשאַפֿט צווישן מענטש און מענטש
ווי גוט עס איז דורך קעלט צו פֿילן איבער זיך אַביסל זון — דעם בלענד
פֿון שײַן, —
איך פֿאַל־צו צו דער אויסגעווייקטער ערד מיט בלוט, איך קוש זי און איך בענטש.

איך וואונדער זיך, ווי אַזוי איך האָב פֿאַרגינען זיך געקאָנט צו עפֿענען די טיר
אַהין, וואו מען ווייסט נישט פֿון קיין עול און וואו אַלץ איז אײַנגעוויגט אין רו.
זעט, זעט — אָט קריך איך איצט צום לעבן אונדזערן צוריק אויף אַלע מײַנע פֿיר
און נעם דעם שווערן עול אויף מײַנע פּלייצעס, ווי ער, און זי, און דו.

דו, מײַן ליבע פֿרוי, מיט אויגן אויפֿגעציטערטע, ווי אין וואַלד בײַ אַ גאַזעל,
און זי און ער — די קינדער פֿון מײַן פֿאָלק און אַלע קינדער אויף דער וועלט,
וואָס פֿאַלן אונטער בייטשן און שטייען אויף געלייטערטע צוריק אויף יעדער שוועל
די בייטשן צו צעברעכן, כדי מענטש זאָל קאָנען לעבן אין זײַן וואָרעמען געצעלט.

זעט, זעט, — איך קריך צו אונדזער לעבן אויף דער ערד צוריק אויף אַלע מײַנע פֿיר,
איך נעם דעם עול אויף מײַנע פּלייצעס, דעם שווערן עול, וואָס איז בײַ אונדז נאָך דאָ,
געבענטשט זײַ, האָפֿענונג אויף אונדזער ערד, — איך זע זי שוועבן איבער מיר,
און זעט נאָר, זעט, די פֿאַווע מײַנע גאָלדענע פֿליט ווידער אין אַ גוטער שעה:

ווי אַ ברכה פון דער ערד

האָסט אויגן, זע! האָסט אויערן, הער! און מיט דיין האַרצן פיל!
נישט אייביק וועלן מיר זיין אונטער דער ראָד פון דער מיל.
עס וועט קומען אַ צייט, און מיר וועלן אויפגיין, ווי אַ ברכה פון דער ערד
נאָך אַ רעגן. דער שטורעם, וואָס צעשטערט, און פאַרצערט,
רייניקט אויך אָפּ, וואַשט איבער, שווענקט אויס און מאַכט קלאָר.
מיר האָבן צו לאַנג געחלומט און פאַרזען די וואָר,
וואָס האָט געשפּאַנט איבער אונדז מיט אירע ברירישע טריט.
נאָך יעדן שטורעם ווערט די זון טאָפּלדיק העל און צעגליט,
און מיר, וואָס ליידן פון איצטיקן שטורעם טאָפּלדיק שווער,
מוזן זוכן אַנדערע וואָפן קעגן אים, ווי אַ קרעכץ און אַ טרער.

פיר אָן, פיר אָן, אָ, ליכטיקער גלויבן, אין מיין געמיט!
און זאָל נישט פאַרשטומט ווערן אונדזער זיגענדיק ליד!
אַ שטורעם, אַ שווערער אויף אונדז, — דעם שטורעם באַנעם,
אַז שטורעמדיק זאָל ווערן אַלץ אַרום דעם
אין ווייטקייט, אין הויכקייט ביז וואַנען עס וועט
זיך צעשפּליטערן אויף שפּליטערס, ווי אַ ראַקעט
פאַר אַלעמענס אויגן, — פאַר אים און פאַר דיר און פאַר מיר.
אַ שטוב האָט אַ שוועל, אַ פענצטער, אַ דאַך און אַ טיר,
און מיר, וואָס פאַרמאָגן בלויז אַ לייוונט געצעלט,
האָבן געלעבט מיטן קאָסמאָס און מיטן זין פון דער וועלט.

דער קאָסמאָס איז גרויס און איז אייביק, און אייביקייט איז
דער שווערער שטויב אויף אונדזערע וואונדיקע פיס,
וואָס גייען און גייען שוין דורות, און וועלן דערגיין.
דאָס וואַסער, וואָס משה האָט פאַר אונדז געצויגן פון שטיין,
האָט אונדז גלויבן געגעבן נאָך אין אַ גרעסערן נס,
אָבער ביז איצט זיינען מיר נאָך אַלץ דאָס ערדענע געפעס,
אין וועלכן אַלע רוצחים וואַשן די בלוטיקע הענט.
מיר זיינען דורך דורות דער דורשט, וואָס ברענט
אין אַלע רוצחישע העלדזער און ווערט נישט געשטילט,
און איבער אונדז אַ שנאהדיקער פלאַם, וואָס ווערט נישט פאַרקילט.

דאָך לאָמיר נישט אָפּלאָזן דעם שטרוי איבעם כוואַליע־געיעג!
ער וועט אונדז סוף כל סוף דערטראָגן צו אַ ברעג,
וואָס וועט אונדז אויפנעמען מיט רחמים און ליבשאַפט אויף זיך.
די צייט טראָגט זיך איצט איבער אונדז, ווי אַ ווינט אין דער גיך,

און רייסט מיט זיך מיט אַלע אונדזערע דעכלעך פון סכך,
אָבער מיר, וואָס האָבן געלעבט אַזוי לאַנג אָן אַן אמתן דאַך,
און האָבן נישט איין מאָל געריטן שוין אויף אַ ווינטיקער צייט,
וועלן אין אונדזער גלויבן אויך איצט דערלעבן דעם איבערבייט
פון ביקס אויף אַ האַמער, פון באַיאָנעט אויף אַ סערפּ.
פון טאַנקען אויף טראַקטאָרס, פון וואָפנקעסטלעך אויף קערב.

פיר אָן, פיר אָן אין מיין מוח, אָ, ליכטיקער געדאַנק!
זיך צו האַלטן ביים זוים פונעם לעבן איז אַ געשאַנק,
וואָס מוז ווערן מיט הערצאַישער ליבשאַפט אָפּגעהיט.
און מיר, וואָס זיינען שוין דורך דורות און דורות געניט
צו דערהאַלטן דאָס לעבן אויף שאַרף פון אַ שווערד,
וועלן נאָך אַמאָל אויפגיין, ווי אַ ברכה פון דער ערד,
וואָס קומט דורך אָרנטלעכער פראַצע פון אייגענע הענט.
און לאָמיר זיך נישט שרעקן, וואָס עס צעפאַלט אַ פונדאַמענט, —
כאָטש צעפייניקט דאָס האַרץ אויף דעם וואָס איז געווען, —
מיר וועלן נאָך מיט אונדזערע אויגן אַ נייעם דערזען!

איצט איז שווער, אָ, ווי שווער! דער שטורעם איז שטאַרק,
אָבער פון זעמדל און זעמדל ווערט אַ מעכטיקער באַרג.
עס טרייבט זיי דער שטורעם פאַנאַנדער אַהער און אַהין,
אָבער זעמדעלעך ווייסן דעם וועג אויף צוריק שוין וואוהין.
אַ זעמדל ביסטו, אַ זעמדל בין איך, און מיר אַלע אין וועג
געיאָגט פונעם שטורעם דורך די נעכט און די טעג,
וואָס אונדזער אָנהאַלט איז נישט מער, ווי אַ שטרוי.
דער רעגן אין גאַס, דער ווינט אין אַ ווילדן געוואוי,
אָבער מיר לאָזן נישט אָפּ, מיר האַלטן זיך אין דעם ברויזיקן קאָך,
און שלעפּן ווייטער די פיס אונטער שרעקלעכן יאָך.

פיר אָן, פיר אָן, אין מיין מוח, אָ, ליכטיקער געדאַנק!
דאָס לעבן, וואָס אונדז איז געגעבן געוואָרן, איז אַ געשאַנק,
וואָס מיר וועלן דורכפירן דורך אַלע אומגליקן אויף דער ערד.
מיר וועלן נאָך זען און ווערן דערהזען, הערן און ווערן דערהערט!
מיר וועלן נאָך אויפגיין, ווי אַ ברכה, פאַר יעדן געהער און בליק!
איצט זיינען מיר די צעבראָכענע ברעטלעך אויף דער בריק
איבער וועלכער די צייט טרייבט זיך מיט ברויזיקן האַס,
אָבער ערגעץ פיקט זיך אַ פויגל, וואָס וועט זינגען אויף אונדזער גאַס!
פיר אָן, פיר אָן, אָ, ליכטיקער גלויבן אין מיין געמיט,
און זאָל נישט פאַרשטומט ווערן אונדזער זינגענדיק ליד!

אייביק

דאָס פּאַפּיר איז ווייס און ריין,
און פּאָעט אויף דעם שרייבט:
— דער וואָס לעבט מוז פאַרגיין,
אָבער אויסשטראַלונג בלייבט.
ווייל אַלץ, וואָס איז שיין
ווערט באַלעבט און באַלייבט,
און בלייבט
אייביק.

שוין גרוי דיינע האָר,
נאָר דער טוי פון דיין בליק,
וואָס האָט, ווי אַ זילבערנע וואָר
אַ שפּרייט געטאָן גליק

פּאַר פּאָעטיש געמיט,
וועט בלייבן אין ליד
אייביק.

קאַיאָר האָט געבראַכט
די שיינקייט צו מיר,
און כאָטש סע שוין נאַכט,
איז ליכטיק דאָך מיר, —
מיין פּען איז צעוואַכט
אויף ווייסן פּאַפּיר, —
וואָס איך האָב געבראַכט
וועט בלייבן נאָך מיר
אייביק.

אומעט שווערער, לאָז מיך אָפּ!

אומעט שווערער, לאָז מיך אָפּ, לאָז מיך אָפּ!
נישטאָ קיין צייט מיט דיר זיך צו שפּילן!
זע, זע, ווי קעגן זיין ווילן
פאַלט אַ שטערן אַראָפּ,
און אַזוי פיל שטראַלן
ווערן צעפאַלן!

אומעט שווערער מיט די אויגן פאַרטרוימטע!
אונדזערע שעה'ן זיינען אַזעלכע צעשוימטע,
און צעוויגטע!
אַזוי פיל פעלקער באַזיגטע
פון חיה'שע ציין און נעגל,
איז ווער־זשע איז דאָס דער ייד מיטן העקל און זעגל,
וואָס זעגט און שלאָגט צונויף אָט־דעם פּאַלאַץ אויף חידוש?
פעלט טאַקע מער גאָרנישט אונדזערע טאַטעס און קינדער,
ווי נאָר, אַ ביכל אויף יידיש?
יעקב, אונדזער טאַטע, האָט געהאַט שאָף און רינדער, —
אַזוי שטייט בפירוש אין חומש געשריבן,
און דער חומש וועט דאָך קיין ליגן נישט זאָגן!
אָבער די ירושה, וואָס איז פאַר אונדז געבליבן
איז נישט מער, ווי די פּוסט על־הטא זיך צו שלאָגן

פאַר זינד, וואָס נישט מיר זײַנען באַגאַנגען!
יוסף, ווען מען די ברידער האָבן געפאַנגען,
און אים אין אַ גרוב געוואָרפן מיט עקדישן און שלאַנגען,
איז דערנאָך געוואָרן אַ שני־למלך,
אָבער אונדז, זײַנע קינדער, איז נישט פריילעך
פון אָט דער מעשה, דער שיינער.
זע, ווי יעדער איינער
שעלט דעם אַנדערן
אין אונדזער וואַנדערן.

און דאָך גייט מען ווייטער און ווייטער
נישט איין מאָל טרעפט מען זיך ביי אַ צעלויכטענעם שייטער,
און דעמאָלט צעגלאַנצן זיך אונדזערע העק און די זעגן,
הערצײַלנדיק פון חורבות אויף אונדזערע וועגן,
וואָס וואַרטן אויף אויפבוי דורך אונדזערע הענט.
איצט איז דער שייטער צעבלענדט,
די פּנימער צעבריט,
די הערצער צעגליט, —
איז לאָמיר, שוועסטער און ברידער,
איצט אויפזינגען לידער
פון אויפבוי און ווילן
צו צילן!
צו צילן!
און מיט קיין אומעט זיך נישט שפּילן!

גאָט און מענטש

פאַר גאָט אַזוי פיל קלויסטערס, שולן און מעטשעטן,
און פאַרן מענטשן אָפטמאָל נישט קיין דאַך אין קאַלטער נאַכט.
מיט וואָס וואָלט גאָט געקאָנט דעם מענטשן איבערבעטן,
ווען ער ווערט צו אַ מענטשן־געריכט געבראַכט.

באַשאַפענער טרעט אויף אַנטקעגן זײַן באַשעפער!
באַשאַפענער רעדט קלאָרע רייד אין שאַרפן טאָן, —
אָ, ווער איז צווישן אונדז אַזאַ מין טרעפער
צו טרעפן וואָס סע וואָלט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן!

וואָס וואָלט דען גאָט געהאַט אויף דעם צו זאָגן? —
אָ, גאָרנישט וואָלט ער דאָך אויף דעם געזאָגט!

קאָן זיין, אַז ער וואָלט גאָר זיין קאָפּ געגומען שלאָג
אין וואַנט פון אוניווערז און זיך צעקלאַגט.

— אַ שולדיקער בין איך אַנטקעגן מיינע קינדער, —
אַ שולדיקער אַנטקעגן אַלץ, וואָס אויף דער ערד!
— איך בין געווען אַ טויבער און אַ בלינדער, —
גאָרנישט נישט געזען און גאָרנישט נישט געהערט!

אַ ווינענדיקער גאָט וואָלט פאַר אונדז געזעסן, —
איר קאָנט זיך פאָרשטעלן אַ ווינענדיקן גאָט?
דער מענטש וואָלט אַלע עוולות באַלד פאַרגעסן,
און פאַרגעבן זיין באַשעפער מיט רחמים און גענאָד!

נישט שטערט-זשע דעם גאַנג!

עס שלאָגט מיט אַזאַ פייערלעכקייט פון אונדז אַלע
אין אָט־דער שעה פון די גרויזאַמסטע גרוילן.
מיר ווערן אין אָטאָ דער פייערלעכקייט נתעלה,
און מיר באַנעמען, וואָס געווען איז פאַרהוילן.

זעט, זעט, ווי אַנטפּלעקט עס איז אַזוי פיל געוואָרן,
וואָס מיר האָבן געזען און דאָך נישט באַנומען, —
עס איז, ווי מיר וואָלטן גאָר פּלוצלינג די שטאָרן
פון אונדזערע פענצטער און טירן אַרונטערגענומען.

נישט שטערט־זשע די פייערלעכקייט איצט אין דער עדה, —
מיר וועלן אין איר איצט דערגיין, וואוהין נאָך נישט דערגאַנגען!
זעט, זעט, ווי יעדערער דאָ איז גרייט אויף עקדה, —
ווי אַלע אָט דאָ דערהויבן זיך צו העכערע ראַנגען!

די נעכטיקע קאַרליקעס צעוואַקסן היינט זיך אין ריזן,
עס שלאָגט מיט מוטיקן כוח פון אונדזערע גלידער.
זעט, זעט, אָט־די בליקן צעשאַרפטע, ווי שפּיצן פון שפּיזן, —
מיט בליקן אַזעלכע גייט מען אויף צו דעם באַרג פון דער נידער.

נישט שטערט־זשע דעם גאַנג, — איר וועט ווערן צעטראָטן
ווי ווערעם פון אונטער געקאָוועטע, עקשנותדיקע זוילן!
עס איז אָט־דער גאַנג פון די איצטיקע שעה׳ן געבאָטן, —
די שעה׳ן פון גרויזאַמע נאַצישע גרוילן!

און אויך מײַן ייִדיש וואָרט

דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז דאָך לאַנג, שוין לאַנג מײַן שטאָט,
און אַלע שטעט און דערפֿער זײַנען איצט דאָך מײַנע גאַסן, —
עס טראָגט זיך היימישלעך און פֿרײַ אַרום אין זיי מײַן טראָט
באַשיצט פֿון פֿאָן באַליבטער מיט די שטערן און די פּאַסן.

און אויך מײַן ייִדיש וואָרט איז נישט אינגאַנצן אין דער פֿרעמד,
עס כאַפּט דעם וואו נישט וואו נאָך אַלץ דאָ אויף אַן אויער!
און ווערט עס דאָ און דאָרט אַמאָל פֿון עמיצן פֿאַרשעמט,
פֿאַרלירט דאָס נישט דעם מוט און וויינט נישט פֿון קיין טרויער.

עס נעמט מיט וויטיק די ביטערע פֿאַרשעמטקייט אין זיך אויף,
און דורכן וויטיק ווערט דאָס נאָך געשטאַרקט מיט מער דערפֿאַרונג, —
עס ווייסט מײַן וואָרט, אַז אינעם שווערן גאַנג צום באַרג אַרויף,
איז אָפֿט דער צאָרן גיפֿטיקער די שטאַרקסטע נאַרונג.

נישט מער, אַז עס טרעפֿט זיך די פֿאַרשעמטקייט קומט פֿון אייגן בלוט
ווערט דעמאָלט רויט דײַן פּנים פֿון אייגענעם בזיון,
נאָר ווען מען גאַנג עס איז צום ציל, איז אויך די רויט
נישט מער, ווי בלויז געוויינלעכער, טאָג־טעגלעכער נסיון.

און צו נסיונות שווערע בין איך דאָך געוואוינט שוין לאַנג, —
איך עס זיי מיטן טרוקן ברויט טאָג־טעגלעכן צוזאַמען,
און ווי דאָס ברויט, זײַנען זיי אויך טרייב־קראַפֿט אינעם גאַנג,
דער אָטעם, אַז דער זשאַר זאָל העלער זיך צעפֿלאַמען!

דאָס גאַנצע לאַנד געוואָרן איז מײַן ברייטער האָריזאָנט,
מײַן בליק צעוואַכט איז איבער אַלע בערג און אַלע טאָלן.
און איז מיר עפּעס דאָ אַרום נאָך נישט גענוי באַקאַנט,
איז איצט דאָס גרינגער דאָך פֿאַר מיר זיך אויסצומאָלן.

אָט פֿירט די שנעל־באַן איצט מיך צו אַ הויכן באַרג אַרויף,
און מאָרגן וועט זי פֿירן מיך צו אַ טיפֿן טאָל אַרונטער,
און איז נישט וואונדערלעך אָט־דאָס, וואָס ביידע גייען אויף
פֿאַר מײַן געמיט, מיט יוגנטלעכן, זינגענדיקן טראָט און מונטער.

עס זינגט דער טאָל צום באַרג אַרויף מיט זילבערדיקן טײַך,
דער באַרג כאַפּט אויף דאָס ליד מיט שווײַגנדיקן פֿאַרגעניגן, —
מײַן לאַנד איז נישט נאָר בלויז מיט שטעט און דערפֿער רײַך,
עס האָט אויך פֿיש און אָדלערס, הירשן, פֿערד און ציגן.

די מינעסאָטער ייִדן כאַפּן אין די שײנע טײַכן גרויסע פיש,
און די קענטאַקער האַנדלען מערסטנס בלויז מיט אַלטע הויזן,
און אַז עס לאַדט אַ ייִד אין קאַליפאָרניע דיך צום טיש,
צעשמעקט זיך דאָרט מיט אײגענע געפלעגטע, פרישע רויזן.

אין מיטל־מערב איז דער ייִד פאַרשמײעט און פאַריאָגט
כאָטש יאָגן יאָגט ער זיך אויף גוטע אויטאָ־רעדער,
און אויפן צפון זיצט פאַרוואָרפן וואו אַ ייִד און קלאָגט,
אַז ער האָט פאַר זײנע קינדער נעבעך נישט קײן חדר.

אין די ווירדזשיניעס איז שטאָלץ דער ייִד מיט הײמישדיקן פּאַפּיראָס,
און אין פלאָרידע שטאָלצירט ער מיטן גרעיפּ־פרוכט, דעם געשמאַקן,
נאָר אין דזשאָרדזשיע באַקלאָגט ער זיך הלמאי אָן אַ פאַרוואָס
דערלאַנגט מען דאָרט דעם נעגער־מענטשן אינעם האַלדז און נאַקן.

— און מישט מען זיך אַרײן אַמאָל און מען טוט אַ פרעג נאַאיוו:
— איז דען דער האַלדז און נאַקן אַנדערש ביי די שוואַרצע, ווי ביי ווײסע?
איז מען ביי יענעם דאָך, ווי מען וואָלט אָט ערשט אַרונטער פון דער שיף,
און מיטגעבראַכט מיט זיך אַ פרעמדע, אויסטערלישע מעשה.

איז דאָס אַ וואונדער דאָך אויפן לײב פון אונדזער שײנעם לאַנד, —
אַ וואונדער, וואָס לינקאָלן האָט געשניטן, און נישט באַוויזן צו פאַרהײלן.
נו, זאָל די נײע צײַט אונדז אויסשטרעקן אַ הײלנדיקע האַנט,
אַז שפּעטער זאָלן מיר אין נחת און אין פרײדן דאָס דערצײלן!

בײם קבר פון דוד עדעלשטאַט

א.

וואָלקנס וויקלען זיך אַרום שפּיצן פון בערג, ווי וואָלענע שאַרפן
אַרום די העלדזער פון זקנים, פאַרקילטע.
די זון פּרובירט בעצן פאַרוואָרפן
מיט שטראַלן געצילטע
צו מײנע טריט.
עס שפּילן זיך צעגליט
גאָלד און וויאָלעט
איבער אַ מצבה פון אַ פּאָעט,
און זײ פאַנגען מײן געמיט.
עס ווילט זיך אויפזינגען אַ ליד
צו דער שפּילעוודיקער שײנקײט אַרום מיר,

אָבער נישט קלאָר,
און אפילו נישט דער קלאַנג
פון דעם אַרומיקן פויגל־געזאַנג
זיינען איצט אין מיר צערעדט.
איך שטיי פאַר דעם פנים פון אַ יידישן פּאָעט,
וואָס איז אַריינגעקריצט אינעם קאַלטן שטיין פון אַ מצבה,
און איך פיל זיך, ווי די טויב פון נחס תיבה,
וואָס האָט זיך פון דער מבולדיקער ערד
מיט אַ גרינעם צווייגל אומגעקערט, —
אַ סימן, אַז אונדזער לעבן איז נאָך אַלץ נישט פאַרצערט.

און עס וואונדערן זיך אוודאי
די ריזיקע בערג פון קאָלאָראַדע, —
עס איז זיי שווער צו באַנעמען
אויף וואָס און אויף וועמען
עס קוקט אזוי דער מענטש, וואָס איז אַהער פון ווייטן געקומען.
אַנשטאָט מיט זייער גראַנדיעזקייט, איז זיין בליק פאַרנומען
מיט עפּעס אַ שטיינדל אינעם טאָל.
זיי הערן נישט אַפנים דאָס לויטערע קול,
וואָס אַט דאָס שטיינדל פאַרמאָגט, —
אַ קול, וואָס זינגט און זאָגט,
וועקט און רופט,
און פילט אָן די לופט
מיט דינאַמיט.

אַט שטיי איך און לייען שטיל פאַר זיך אַ ליד, —
דוד עדעלשטאַטס צוואה,
און לייענענדיק נעם איך אַ הלוואה
פון זיין לויטערן גלויבן,
און די זון פון אויבן
ווערט גליענדיקער,
בריענדיקער
פון יעדן וואָרט, וואָס זי דערהערט, —
אַט באַלד, און אויפגעפלאַקערט איז די גאַנצע ערד!

„אָ, גוטער פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָג צו מיין קבר די רויטע פאָן!" —
אָ, דוד עדעלשטאַט, נישט אַלע רויטע פאַרבן
זאָגן היינט די זעלבע בשורה אָן!
נישט אַלע בינדן גאַרבן

אויף די פעלדער!
פאַראַנען אַזעלכע איצט, וואָס פאַרדאַרבן,
ווי רוצחים פון אוראַלטע וועלדער
אַלצדינג, וואָס איז אויפן וועג
צו אַ ליכטיקן ברעג! —
די סוואַסטיקאַ, וואָס טראָגט פאַרניכטונג און טויט
איז אויך אײַנגעראַמט הײַנט אין רויט!

איז עס נישט דער קאָליר
פון דער פאָן,
וואָס זאָגט די בשורה אָן,
נאָר דאָס, וואָס געצייכנט אויף איר!
עס איז דער הערב
פונעם האַמער און סערפּ,
וואָס איז צעפּלאָטערט איבער דעם אַרבעטסמאַן
פון בּיראָבּידזשאַן
ביז לענינגראַד.
אָ, דוד עדעלשטאַט,
וואָלסטו איצט געלעבט, וואָלסטו אויך זי צעווייט
מיט האָפענונג און פרייד!

ב.

איצט זײַנען די בערג, ווי טורעמס צוגעמאַכטע,
די וואָלקנס איבער זיי ציִען זיך פאַרטראַכטע, —
האָבן זיי דערהערט דאָס קול
פונעם שטיינדל אינעם טאָל,
און טראָגן איצט פאַנאַנדער
אַ נײַעם אָנזאָג אין זייער וואַנדער?
אָדער זיי ציִען זיך גלאַט אַזוי אַוועק,
ווי מענטשן אָן געפּעק,
וואָס בלאָנדזשען אום אין וועג,
און טראָגן מיט מיט זיך
בלויז די פּיס, וואָס זײַנען אין די שיך?

אָט שטיי איך און קוק אויף אַ פּנים, אַ פאַרטראַכטס,
וואָס נישט אָפּגעמעקט האָט די צייט פונעם גראַניט,
און איך פיל זיך, ווי אַ שבת־צו־נאַכטס,
וואָס ווענדט שוין די טריט
צו דער גרויקייט פון דער וואָך.
איך פיל אַ האַרץ, וואָס האָט געפּלאַצט אונטערן יאָך

אויף די פּלײצעס פון אַ געפּײניקטער עדה,
איך זע פאַר זיך דעם מענטשן, וואָס איז אויף דער עקדה
פאַר אונדז אַלעמען געגאַנגען
אין עלטער פון זיבן־און־צוואַנציק יאָר.

איך שטיי געפאַנגען
צווישן חלום און וואָר.
איך קוק אויף דער מצבה אַרויף
און איך הער אַ וואָרט, — עס הויבט זיך אויף,
צעטראָגט זיך העכער פון די בערג, —
עס לאָזט זיך הערן
איבער מערק,
איבער סקווערן,
עס גייט אַנטקעגן
די געפּײניקטע איבער אַלע וועגן.
די זון איז העל צעשײַנט
— אָ, גוטער פרײַנט,
ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָג צו מײַן קבר די רויטע פאָן!

אַזוינע ווערטער אַרבן,
סיגנאַלן איבער דערפער און שטעט, —
איך שטיי בײַ דער מצבה פון אַ יידישן פּאָעט,
וואָס האָט געקעמפט מיטן הונגעריקן קעגן זאַטן, —
איך בויג מײַן קאָפּ צום קבר פון דוד עדעלשטאַטן!

ז. ווײַנפּער בײַ דער
דוד עדעלשטאַט־מצבה
אין דענווער

פון בוך „ביים גרענד־קעניאָן"

אָט איז עס דאָך דאָס ליד

אָט איז דאָך דאָס געזאַנג,
וואָס האָט אַזוי לאַנג
געגליט
אין מײַן געמיט
און איז קיין ליד
נישט געוואָרן.
זע, זע, דער צעעפנטער אָרון
בלענדט און גליט.
אָט איז עס דאָך דאָס ליד,
וואָס איז אַזוי לאַנג
קיין געזאַנג
נישט געוואָרן.
זע, זע, עס צעעפנט זיך ברייטער דער אָרון
און וואָס געווען איז פאַרבאָרגן
פאַר עפּעס אַ מאָרגן
גייט אויף און צעשײַנט
זיך שוין הײַנט.

זע, זע, ווי עס גליט
זיך דאָס ליד
איצט פאַנאַנדער
און לאָזט זיך אין וואַנדער.
אַזאַ געזאַנג
איז איצט אין גאַנג
אַהין!
אַהין!
וואוהין
עס ציען זיך אַלע אונדזערע טריט.
אָט איז עס דאָך דאָס ליד! —
אַזאַ קאָלירִיקער רעגנבויגן
גייט אויף פאַר די אויגן,
און וואָס געווען איז נעכטן אַזוי שווער
איז איצט פאַר דעם געהער
אַזוי גרינג, —
זינג! זינג!

מה גדלו מעשיך, אדוני!

מה גדלו מעשיך, אדוני!
צי ווייסטו, גאָט, געניו
צו וואָס אַזוינס דו צילסט
און וואָס אַזוינס דו ווילסט
מיט אָט־אָ דעם, וואָס איז?
צי איז דאָס בלויז קאַפּריז, —
אַ שפּיל, — אַזאַ באַגער
צו ווײַלן דאָס געהער,
דעם בליק און גאַרנישט מער?

סײַ־ווי טוט אויס די שיך
אַ מענטש אַזאַ, ווי איך,
און בוקט זיך צו דער ערד
פאַר אַלצדינג, וואָס ער זעט.
זע, זע, ווי מילד עס גלעט
מײַן בליק איצט דײַן באַשאַף.
איך קוק און זע און גאַף
און בין פון אַלץ אַ טייל.
נאָר גיי באַזינג, דערצייל.

איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947. 144 ז״ז.

אַז גאָרנישט איז דיר קלאָר,
דו זעסט פאַר זיך אַ וואָר,

וואָס קוקט אויס, ווי אַ טרוים,
און אויך דער טרוים, איז קוים,
וואָס איך באַנעם אים דאָ.
און דאָך איז אָט־די שעה
אַזוי געבענטשט אין מיר.
איך בין דורכאויס אין איר,
ווי פאָדעם אין געוועב.
אָט דאַכט זיך, אַז איך שוועב,
און אָט בין איך געשמידט
צום גליאיקן גראַניט,
נאָר אַלץ איז איצט אַ ליד
עקסטאַזעדיק אַזוי, —
מה גדלו מעשיך, אדוני!

דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל

אויף יעדן באַרג, אין יעדן טאָל, —
אומעטום, אומעטום, אומעטום
איז דאָס הייליקע לאַנד פון ישראל.
וואו יידישער צונג איז נישט שטום,
וואו יידישער טראָט איז אין גאַנג,
וואו עס הערט זיך אַ יידנס אַ קול, —
צי איז דאָס געוויין, צי איז דאָס געזאַנג —
דאָרט איז הייליק לאַנד פון ישראל.

די זעלבע זון, די זעלבע לבנה,
די זעלבע שטערן אומעטום, אומעטום —
אַזוי ווי אין יהודה אַזוי אין אַריזאָנאַ
דער יידישער צונג איז נישט שטום.
דאָס פאַרוואָרפנסטע אָרט
אויף דער ערד
ווערט דורך יידישן וואָרט
דערהערט
און דערזען.
וואָס נאָך
קאָן געשען,
ווי דער בראָך,
וואָס איז געשען
אין אונדזערע טעג, —
דאָך ציט זיך און ציט
אַ וועג נאָך אַ וועג
פאַר אונדזערע טריט
אַלץ ווייטער און ווייטער,
און יידיש ליד, —
אונדזער שייטער!
נישט סתם
איז דער גאַנג!
דורך רויך און פלאַם
איז מיט געזאַנג
אונדזער טראָט באַגלייט.
מיר זיינען דער סוד,
און אויך דער באַשייד
פון דעם אחד.

הערט, הערט,
ווי עס ווערט
דער גראַניט
דורך אונדזער ליד
צערעדט.

אומעטום, אומעטום, אומעטום
איז יידישער פּאָעט
נישט שטום!
וויפל מאָל האָט מיט ציטער און חידוש
אונדזער קול שוין מקדש געווען די ערד
אויף יידיש?
הערט, הערט,
ווי דער שטומער גראַניט
איז צעברומט און צערעדט
אינעם ליד
פון אַ יידישן פּאָעט
אויפן קול! —
אויך דאָ איז הייליק לאַנד פון ישראל!

גענאָד

זיי שטיל, אָ, זיי שטיל איצט מיין וואָרט,
ווי שטיל עס איז דאָס אָרט
אַרום מיר איצט אָט־דאָ.
אין שטילקייט פון דער שעה
איז יעדע רגע אַ גאַנג
מיט לויטער געזאַנג
און גענאָד.
איך פיל איצט אויף זיך די גוטסקייט
פון גאָט,
און אַזוי פאַרגיביק זיינען זיינע געבאָט,
וואָס איך האָב נישט אויסגעפירט.
זע, זע, ווי באַטירט
און באַשוועלט
עס איז איצט די וועלט,
און אַזוי גאַסטפריינטלעך איז יעדע פון
זיי,
כאָטש נעם און גיי
צו גאַסט אין יעדן הויז.
די ערד — אַ וויכער, וואָרעמער שויס
פאַר אַלצדינג אויף איר.
ווי ווייך עס איז דער באַריר
פון ווינטל, וואָס איז צעווייט.
אַזאַ שטראַלנדיקייט גייט
איצט שפּאַצירן דאָ אום.
ווער זאָגט, אַז שטום
איז גראַניט?
הער, הער, סאַראַ ליד
ער זינגט איצט צעגליט
אָטאָ־דאָ.
אין שטילקייט פון דער שעה
איז דאָ
אַזוי פיל גענאָד.
עס איז, ווי דער חסד פון גאָט
וואָלט איצט פאַר מיין טראָט
אַ טעפּיך געשפּרייט
צו רו און צו פרייד
אויף אָטאָ־דעם אָרט, —
זיי שטיל, אָ, זיי שטיל איצט מיין וואָרט!

עס איז דאָס

גראַניט איז אין דרימל,
אַזוי אויך דער הימל,
און איך צווישן זיי.
וואָס איז ווייסער פון שניי?
וואָס איז גרינער פון גראָז?
וואָס איז דורכזיכטיקער פון גלאָז?
וואָס איז פלינקער פון ווינט?
וואָס איז אומשולדיקער פון קינד?
עס איז דאָס, וואָס איך
טראָג איצט אין זיך!

די אייביקייט

בראשית און סוף און נאָך אַמאָל בראשית.
אויך די אייביקייט בלוט און פלייש איז.
זי קאָרטשעט זיך פון פיין
און פרייט זיך מיט שיין,
און ווערט זי מיד —
איז זי אַ דרימלדיק ליד.
ווי דאָ דער גראַניט,
וואָס איז פאַרזונקען אין שלאָף.
נישט קיין שטראָף
איז די שטיינערדיקע שטומקייט אַרום
מיר, —
דאָס רוט די אייביקייט אין איר.

גרויזאַם רעטעניש

ווי האַרט און קאַלט און אײנגעשמידט
עס איז דאָ דער גראַניט
אין זיך.
און איך?
אָ, לעבן מײנס, — יאָגעניש, אײלעניש, כסדרדיק וואַנדערן!
ווילסט צונויפבינדן אײנס דאָ מיטן אַנדערן,
ווײל טיף אין דיר איז אַ וואָיענדיק געיאָמער.
זוכסט און טאַפּסט: — אפשר? טאָמער?
ווער קאָן וויסן?
שטורעמדיקע כוואַליעס גיסן
אַלע ברעגן דאָ אַריבער
און פאַרטרינקען אונדז די שטיבער
מיט געברויז.
באַלד באַלד איז אויס,
און דער מענטש איז אומעטום דאָך נישט קײן אַנדערער, —
אַנדערש אויך נישט איך — דער וואַנדערער!

אומרו מײנער! — ווינט פּאַר פליגל אויף פאַרשעמטע מילן!
זע, אפילו אינעם גאַנג צו קלאָרע צילן
קאָן איך דיך נישט קערעווען, פאַרהשטילן, —
שטילקײט איז, אַפנים, דיר דערווידער!
נעכטן האָב איך דיך פאַרשפּילט מיט לידער
פון זילבערנער לבֿנה
און געדאַוונט האָב איך זײ מיט גרויס כוונה
און מיט דבֿקות.
געמײנט, אַז אַלע ספקות
זײנען אײנגעשלאָפן.
נאָר אָט איז ווידער שטורעם אָנגעלאָפן
אין זײן אימפּעטיק געיעג.
און ווידער בין איך שוין מיט אים אין וועג!

אומרו! אומרו! — מײנע יאָגנדיקע טריט, —
פויקנדיקע שטעקלעך און די פויק איז מײן געמיט!
וואָס־זשע ווילסטו?
וואָס־זשע צילסטו?
זעסט אַ רמז
פון אַן אמת.

יאָגט עס דיך פון דאַנען צו דעם דאָרטן, —
גאָט, ווי צעוואָלגערט איז דאָ אונדזער גאָרטן!

געוועזן!
געזען!
און שוין פאַרגאַנגען!
ברויט פון דייטשע איז נישט אויפגעגאַנגען, —
דאָס פאַרזייטע איז צעטראָטן!
לעבן אונדזערס אין דער שטאָט פון לוט׳ן,
און דו טראָגסט זיך,
און דו יאָגסט זיך,
ווילסט געפינען
בלימעלעך אין שטויביקע רואינען,
אויפגעלויכטן און באַרואיקט ליד
אויף פאַרגליווערטן גראַניט,
און ווינסט דערפאַר מיט דעם פאַרוויאַנעט בלימל
צו דער גלייכגילטיקייט פון הימל,
טרויערסט מיט דעם טרויער
ביים פאַרמאַכטן טויער,
גוססט מיט דעם לעבן אינעם ברויז פון ימען,
ביסט דאָס אַש פון אַלע פלאַמען, —
ביסט האָפענונג און רעזיגנאַציע צוזאַמען!

כמורנע נעכט און טעג
אויף אונדזער וועג.
דאָ, ווי דאָרטן
איז צעראָיעט אונדזער גאָרטן
פונעם גרויסן שטורעם.
אונדזער אויפגעבויטער טורעם
פאַלט איצט צו דער נידער!
שוועסטער מיינע, מיינע ברידער, —
שטיקער
פון מיין עיקר
אָפגעפאַלן און צעפאַלן!
לויטערקייט פון שטראַלן, —
ערקשט געלויכטן, שוין פאַרלאָשן,
און מיט אָפגענומען לשון
הער איך זיך נישט אויף צו טראָגן, —
וואָס איז דאָ צו זאָגן?
וואָס איז דאָ צו ריידן, —

גרויזאַם רעטעניש, — עס לאָזט זיך נישט באַשיידן,
ווי נישט באַשיידנדיק עס איז דער גלי, וואָס גליט
אויף אָט־דעם האַרטן, קאַלטן, שווײַגיקן גראַניט.

און אפשר בין איך נאָך נישט געבוירן

אַ וועלט אין קילער, שטאַרקער פאַרגליווערונג,
און איבער איר אַ ציטערדיקע שימערונג
פון בלענדנדיקן ליכט און שווײַגנדיקן שאָטן.
איז וואו־זשע איז עס איצט זישע בן רב יצחק לייב הקטן?...
בין איך אין סדום, — די שטאָט פון פעטער לוט'ן,
איידער נאָך עס איז פון איר אַ הויפן זאַלץ געוואָרן?
דער פעטער זשליאָקעט ווײַן פון אַ הירשן־האָרן
און רעדט דערבײַ מיט זײַן צונג, דעם גלאַטן,
רכילות אויף מײַן גוטן טאַטן
און אָרנטלעכן זיידן, —
וואָס האָט דער פעטער לוט, דער שיכור, צו זיי ביידן?
נו, יאָ, אַזוי איז שוין דער מענטש, ווי גאָר ער ווערט פאַרמעגלעך
ווערט אים דער צווייטער אומדערטרעגלעך,
און ער מוז אים שוין באַריידן.
און פּלוצלינג בין איך גאָר דער זיידע אָדם אין גן־עדן!
אַ וואַלד מיט ביימער, נאָר איך וויל דווקא נאָר זיך קליידן
אין די שענסטע פײַגנבלעטער — טשיקאַווע,
וואו איז ערגעץ איצט מײַן ווײַבל חוה?
זי זוכט אַוודאי אום אַ פײַגנבוים און שווער איז צו געפינען,
ווײַל אַלץ אַרום איז אין רואינען.
ווער־זשע האָט דאָס אַלץ געטאָן? וועלכער בייזער כוח?
עפּעס טונקלט זיך אין מיר, — אַזאַ שווערקייט אין מײַן מוח
און אין מײַן געמיט,
ווי אַלע בערג דאָ פון גראַניט,
וואָלטן מיך אין זיך פאַרשמידט.
שפּעטער דאַכט זיך מיר, אַז איך בין גאָר נאָך נישט געבוירן, —
נשמה מײַנע בלאָנדזשעט אום פאַרלוירן
צווישן עפּעסן, וואָס האַלטן ערשט אין יערן,
כדי שפּעטער, שפּעטער עפּעס דאָ צו ווערן.
אָ, גאָט, זאָל כאָטש אַ גוטע מאַמע מיך געבערן!
אַ מאַמע, אָט אַזאַ, ווי איך האָב ערגעצוואו באַגעגנט,
און באַלד מיט איר זיך שטיל געזעגנט.

וואו איז זי געווען?
וואו האָב איך זי געזען?
און ווען?
מסתמא
איז זי געווען די גוטע מאַמע,
וואָס האָט מיך אין אַ פריערדיקן דור דערצויגן.
געהאַט האָט זי אַזעלכע בלויע, ווייכע אויגן
און פינגער
גרינגער
פונעם ווינטל איצט אויף מיינע האָר.
איך וועק זיך אויף, — די וואָר
אַן אויסטערלישע שווייגיקייט אַרום, —
זי קוקט אויף מיר אַזוי שווייגנדיק און שטום,
כאָטש זאָגן, זאָגט זי עפּעס דווקא יאָ.
איך הער די רייד, כאָטש נישטאָ
קיין סימן פון אַ קול
נישט פון באַרג און נישט פון טאָל.
די לופט אפילו
איז ווי אַ שטילע
תפילה,
וואָס האַלט דעם אָטעם איינגעהאַלטן
פון שרעק פאַר דעם, וואָס ליגט אָט דאָ באַהאַלטן
און לויערט פון די שטיינערדיקע שפּאַלטן.

יענע מאַמע

יענע מאַמע! — וואו רוט איצט איר הייליק און טייער געביין?
אָט זיץ איך דאָ אַ גליווערדיקער אויף אַ שפּיץ פון אַ שטיין
אינמיטן פונעם שווייגנדיקן, גליווערדיקן גרענד־קעניאָן,
און טראַכט פון דער גוטער מומע עניען,
וואָס איז די איינציקע ביים לעבן דאָ געבליבן.
וויפל מאָל האָב איך צו איר שוין בריוו געשריבן,
און הער פון איר קיין אָפּרוף נישט, ווי פון אַ קבר.
אָט זע איך פאַר די אויגן דעם ציטער פון מיין מאַמעס יעדן אבר,
און דאָס וואַקלעניש פון אירע טריט,
ווען איך האָב צו איר גערעדט וועגן אַ מצבה פון גראַניט
אויף טאַטנס קבר לזכרון.
ווי בלייך עס איז געוואָרן

איר אײדל פּנים:
— מײנע שונאים, מײנע שונאים, —
האָט זיך צעמורמלט די גרויל
פון איר מויל, —
— ווי אַזוי וועט ער אויפשטיין צום שופר של משיח? —
האָט זי ציטערדיק געפרעגט, און איך
האָב שוין געשמעלט אַ „ציון" פון האָלץ מיט אַ בלעכן דעכל:
— דאָס וועט זיין פאַר אים אַ שטילער, רואיקער היכל
ביז משיח וועט אים אויפוועקן מיט אַלע יידן אינאיינעם, —
האָט זי געזאָגט און דערביי אויפן הימל, דעם ריינעם
געקוקט אַזוי פאַרטראַכט.
ווען זיסיע דער חזן האָט „אל מלא" געמאַכט
און איך האָב קדיש געזאָגט, האָט זי די אויגן פאַרמאַכט,
געמורמלט פאַר זיך מיט ווערטער שטילע,
וואָס איז דעמאָלט געווען איר תפילה?
ווי רואיק און פאַרטראַכט און צעגליט
עס איז איצט דער גראַניט
פונעם קעניאָן!
גאַנץ אַנדערש אי געווען דאָס פּנים ביי דער מומע עניען,
וואָס האָט געווישט מיט די שפּיצן פונעם קאָפּ־טיכל די אויגן,
ווען די מאַמע איז געשטאַנען געבויגן
איבערן טאַטנס מצבה.
עס איז דאָך גאָרנישט געווען איר טבע
צו רעדן אַזעלכע רייד, ווי זי האָט דעמאָלט גערעדט,
און איך, איר זון, דער פּאָעט,
וואָס איז פון מרחקים געקומען,
האָב דאָך באַנומען
און געשלונגען אירע רייד.
שפּעטער האָט אַזאַ שווייגנדיקייט אונדז באַלייט
אַרויס פון בית־עולם.
איך האָב, ווי אַ גולם
צו עניים צדקה געטיילט,
און זיי האָבן מיר וועגן טאַטנס לויטערקייט דערציילט.

וואוהין איז פאַרוואָלגערט געוואָרן דער מאַמעס טייערער גוף?
איך רוף און איך רוף און איך רוף,
און קיינער ענטפערט נישט.
פאַרווישט,
פאַרמעקט,
פאַרדעקט

און פֿאַרשטומט,
און דאַך, ווי צעברומט
עס איז איצט מײַן האַרץ אַט דאָ בײַם שווײַגיקן קעניאָן!
הײַנט אָוונט וועל איך ווידער שרײַבן צו דער מומע עניען
אויפֿן אַדרעס פֿון אוזבעקיסטאַן,
אָדער אפֿשר איז זי איצט אין ביראָבידזשאַן?
צי גאָר אויפֿן וועג אינעם לאַנד פֿון די אָבות,
וואָס ענגלאַנד האָט אונדז צוגעזאָגט אויף קאַטאָוועס
און איצט ווערט זי אַ געפּאַנגענע, געפֿירט קיין ציפּערן?
סײַ־ווי וועל איך שרײַבן, — אפֿשר וועט זי פֿאָרט דערהערן?
איך וועל פֿרעגן אויף דער שוועסטער אויך,
וואָס איז אַוועק מיטן רויך
אין דער אוקראַיִנע.
— אָ, שוועסטער מײַנע!
דער מאַמעס בת־יחידה כאַנקע!
אוי, האָט דאָס אַ וואַקכאַנאַליעדיקע הוליאַנקע
די רשעות זיך געמאַכט פֿון אונדזער בלוט!
געדאַרפֿט וואָלט זיך אין אַ בײַטשנדיקער רוט
פֿאַרוואַנדלען איצט מײַן ליד,
נאָר מיד בין איך, מיד אַזוי מיד,
ווי עס איז איצט יעדער צעבראָכענער ייִד
אומעטום, אומעטום, אומעטום.
אַזוי האַרט און קאַלט און שטום
קוקט איצט אויף מיר אַ וועלט פֿון שטיין, —
וואָס גייט איר אָן, דאָס געוויין
פֿון אַ מענטשלעך געמיט?
די וועלט איז גראַניט!

איז האָב־זשע, מאַמע, נישט קיין פּאַראיבל,
וואָס איבער דיר איז נישטאָ קיין שטיבל
מיט אַ בלעכן דעכל.
דו ביסט אינעם היכל
פֿון מײַן וואָרט.
וואָלט איך געוווּסט דאָס אָרט,
וואו דײַן קבר איז,
וואָלט איך געקומען באַשטויבן די פֿיס
פֿון מרחקים מיטן שטויב איבער דיר.
זע, זע, — עפּעס אַן אויסטערלישער קאָליר
האָט זיך אַ שפּרייט געטאָן פֿון ערגעץ־וואו —
— אָ, מאַמע, איז עס דו?

ווער דען איז עס אַזוי צעבלענדט און צעגליט
איבערן גראַניט ?
איך וואָלט געשוואוירן — טריט !
איך וואָלט געשוואוירן — אַ קול
גייט אויף פֿונעם טאָל
און רעדט
אַזוי ווייך, ווי אַ געבעט,
און עס זאָגט אַזוי צו זאָגן :
— מען דאַרף איבערטראָגן,
וואָרום גאָט ברוך הוא ווייסט, וואָס ער טוט.
אַז אים איז ניחא געווען די רוט,
איז נישט שייך קיין טענות צו האָבן.
מי באש ומי במים און ווער עמען לעבעדיק באַגראָבן.
אויב אים, וואָס די הענט נישט געוואַשן,
איז ניחא געווען, אַז דײַטש זאָל צעאַשן
דאָס לײַב, דאָס געביין,
איז ניטע־זשע וויין.
זון מײַן ליבער :
טראָג איבער,
טראָג איבער,
און נעם אָן פֿאַר ליב.

ליב !
ליב !
ליב !
אָ, מאַמע, פֿאַרגיב !
זע, זע, עס ציטערט מײַן לײַב,
מײַן יעדער אבר,
ווען איך הער פֿון דײַן קבר
די זעלבע הכנעה אין קול,
ווי אַמאָל,
און אַמאָל,
און אַמאָל !

ווער ניחא ?
וואָס ניחא ?
אַ גאָט פֿון רציחה ?
ווען מײַנע קינדערשע טריט
זײַנען אויפֿגעגאַנגען, ווי צוויט,
אונטערן שוץ פֿון דײַנע הענט
האָט דײַן הכנעה געבלענדט

אין מײַנע אויגן,
ווי די זון אויף די סטויגן
אין פֿעלד.
אַזוי פֿיל ליכט האָט געקוועלט
פֿון דײַנע לויטערע רייד,
זיי האָבן רחמים געשפּרייט,
און אויף מײַן האַרץ זיך געקריצט,
אָבער איצט,
איצט ?
איצט ?

איך קאָן נישט מער !
אַ גאָט מיט געווער ?
אַ גאָט מיט אַ בײַטש ?
אַ גאָט מיט אַ דײַטש ?
אָ, מאַמע, פֿאַרגיב,
איך נעם נישט פֿאַר ליב,
אפֿילו נישט גאָט צוליב,
אפֿילו נישט דיר צוליב, —

אַ קללה אויפֿן לעבן,
וואָס וועט דאָס פֿאַרגעבן ?

דער אויסטערלישער קאָליר
האָט שטיל אַרום מיר

געציטערט, געציטערט.
מיין האַרץ האָט געוויטערט
און ווי זשאַר זיך צעגליט
צווישן ווענט פון גראַניט.

צו יענער שוועל

זיטאָן און נחמהלען

זילבערדיקער גלי,
ווי דו, בין איך צעגליט.
אויך איך בין נישט פון הי,
נישט צוגעוואוינט נאָך מיינע טריט
צו אָט דער רואיקייט אַרום,
איז אַזאַ ציטער איצט אין זיי דערפֿאַר.
און ווייל עס איז אַלץ אַזוי שטום,
איז אַזאַ בענקענדיקער צער
צערעדט אין מיר.
עס איז די בענקשאַפט נאָך אַ שוועל
ביי אַ היימישדיקער טיר.
אַזוי העל
איז זי
און מיט אַזוי פיל רו,
איר גלי
צעליכטיקט איז, ווי דו.

ווי קוקט מיין בענקשאַפט אויס ?
אַ מוטער מיט אַ קינד, וואָס קוקן זיך די
אויגן אויס.
די מוטער — אַן אָליוונבוים,
דאָס קינד — אַ טרוים,
וואָס בליט,
ווי צווייט,
און וואַרט
אויף מיר צעגליט.
ווי גוט, וואָס נישט געוואָרן האַרט
בין איך דאָ ביים גראַניט.
אַזאַ בענקשאַפט איז צעווייט
אין מיין געמיט.
הער, אַ פרייד !
הער, אַ ליד !
אַזוי העל
די בענקשאַפט איצט אין מיר
צו יענער שוועל,
צו יענער טיר.

וועלט איז נאָך אין וואַנדער

דער וועג, נאָך נישט ביים סוף און טראָט שוין אויף אַן אַנדער ! —
וועלט איז נאָך אין וואַנדער !
מענטש איז נאָך אין וואַנדער !
אָוונטיקע שעה׳ן האָבן שטיל פֿאַרצויגן
טונקעלע וואָלן אויף די אויגן,
נאָר פֿאַווע איז אַלץ נאָך נישט אַוועקגעפלויגן.
אַזעלכע זעענדיקע, הערנדיקע און דערפינדערישע

זײַנען איצט דאָך אַלע מײַנע גלידער,
ליכטיקע, צינדערישע,
ייִדישע לידער
װעלן זיך פֿאַרמערן
און דערהערן
און דערזען, —
עפּעס אויסטערלישס איז הײַנט געשען, —
אַזאַ גרױסע זכיה!
דער ייִד פֿון שטריק אויף תּליה
איז איצט אין עליה,
ער הויבט זיך צו די הויכן.
הינטער אונדז אַ װעלט אין רויכן,
נאָר פֿאַראויס דער מענטש מיט האַמער אין די הענט
בויט נײַעם פֿונדאַמענט, —
הערט, הערט,
עס יערט
עפּעס בײַס אויף אונדזער ערד!
גאָט װעט געבן
אויך דאָס לעבן
צום פֿאַרגליװערטן גראַניט!
זעט, זעט, װי שײַן עס גליט
אונטערדיקער שטערן זיך פֿאַנאַנדער, —
װעלט איז נאָך אין װאַנדער!
מענטש איז נאָך אין װאַנדער!
דער װעג איז נאָך נישט בײַם סוף און טראָט שוין אויף אַן אַנדער!

פֿאַראויס, פּאָעט!

אויף גאָטס־באַראַט
איז שווער צו גיין, —
טרעט, טרעט, מײַן טראָט,
און בלײַב נישט שטיין.

אַ גרויס געזאַנג
און פֿול מיט ברויז
איז דאָך דער גאַנג
צו דעם פֿאַראויס!

דורך שטיין, גראַניט
צום גרינעם פֿעלד, —
הער, הער, אַ ליד
גייט אויף צעהעלט.

אויב נישט דער הײַנט,
װעט מאָרגן דאָך
צעבלענדט, צעשײַנט
אַרויס פֿון יאָך.

און זינגען װעט
ער פֿראַנק און פֿרײַ, —
פֿאַראויס, פּאָעט,
עס איז כּדאַי!

פון בוך „לייד און פרייד״

מיר, פרייע יידישע אַמעריקאַנער

מיין ליבשאַפט זינגט צו דיר פון שטערן און פון שטרייפן איבער אונדזער באַגער,
און שטאָלץ איז דאָס געזאַנג, — מיר פרייע און געטרייע, יידישע אַמעריקאַנער.

מיין ליבשאַפט זינגט אויך איצט אפילו אין דער מיט פון ווינטן אויפגעבראַוזטע.
און זינגען יועט זי אַט אַזוי צו דיר אפילו אונטער הענט געביילטע און צעפויסטע.

איך זע און הער, און אַזוי שווער, איז דאָס געזעענע, דערהערטע צו באַנעמען, —
אַזוי פיל שנאה, און אַזוי פיל רשעות, און וואָלקנס שווערע איבער יעדנס ברעמען.

נאָר ליבשאַפט אָט אַזאַ ווי מיינע איז געזונטער בוים, וואָס ווערט פון ווינטן נישט צעבראָכן.
זי טראָגט אַריבער מיט געדולד, — זי האָפט, זי האָפט, און וואַרט, — זי האָט בטחון.

ווייל נישט דער ווינט, און נישט די פויסט ביסטו, און דו ביסט אויך נישט די היסטעריקע.
איך קוק און קוק, און שטויך, און הערקאָן דאָך נישט דאָס פנים פון מיין לאַנד אַמעריקע!

זע, זע, פאַרכמאַרעט איז מיין האַרץ, מיין פנים איז צערויטלט איצט דאָך פון בזיון,
נאָר ליבשאַפט מיינע איז צעהעלט, און ביישטיין וועט זי אויך אָט דעם נסיון.

און העל זיין וועט זי ווייטער, — דער ווינט צעבראַוזטער וועט זי נישט פאַרצערן,
און זינגען וועט זי העלער נאָך דאָס ליד צום באַנער פון די שטרייפן און די שטערן.

פון וואַנען אָט־די ליבשאַפט, וואָס זינגט צו דיר צעהעלט אפילו אין איר צאָרן?
זי קומט פון דיין בראשית, וואָס איז אין ליכט פון צדק אויסגעשמידט געוואָרן.

ווי פיינלעך איז צו זען אַזאַ ווי דו, אין קראַמפּן שווערע פון היסטערישע חולאתן, —
זע, זע, דער פחד שאַרט זיך אום ביי אַלע וועגט אויף דיינע ליבע גאַסן.

איך זע, און הער, און אַזאַ שווערער אומרו איז אין מיר היינט פאַר דעם גורל דיינעם, —
געבענטשט זאָל זיין די ליבשאַפט און די האָפענונג אין דעם וואָרט צעגליטן מיינעם!

הער, הער, עס זינגט דאָך איצט פון מיר אַרויס נאָך העלער און צעגליטער
צו דיינע האַמערער און רידלער, צו דיינע אַקערער און זייער און די שניטער.

פון פעלקער־ברודערשאַפט, וואָס כאָטש פאַרשידן זיינען די קאָלירן פון די הויטן,
איז דער קאָליר דער זעלביקער ביי דיר, ביי אים און מיר אינעם בלוט דעם רויטן.

דערשינען ביים איקוף־פאַרלאַג, 1954.

אַ פעדעמל — אַ ווייס, אַ שוואַרץ, אַ ברוינס, אַ געלס, און פאַרביק ווערן די געוועבן.
אַ טאָן אַזאַ, אַ טאָן אַן אַנדערער, אוןביידע זינגען דעם באַגער אין זיך צום לעבן.

די ליבע ערד דאָ אונדזערע האָט אויפגענומען װאָגלענדיקע וואָרצלען פון אַזוי פיל שיפן,
און ווי אַ מאַמע־ברוסט, האָט זי זיי אָנגעטרונקען מיט די זאַפטן פון די שפעדיקע טיפן.

איצט זינגט די בליאונג אויפגעגאַנגענע, געזאַנג אויף אייגן קול שוין צו די הויכן,
און ווי דאָס קול, איז אייגן דער קאָליר, און אייגן איז דאָ אויך שוין אונדזער תוכן.

אויך וואָרצל מיינער איז שוין איינגעהיימישט, — די בליאונג זיינע — רחבותדיק־נגידיש, —
הערט, הערט, איך זינג די רחבות פון אַמעריקע אויף אונדזער היימיש לשון יידיש!

אַ פרייד אַזאַ, אַ שטאָלץ אַזאַ, — דאָס האַרץ צעהעלט איז פון דער גרויסער זכיה,
וואָס אין דעם אויפבלי דאָ ביי אונדז אין לאַנד איז פאַראַן אויך אונדזער זריעה.

אין אַלע וואונדערלעכע וואונדער איז אויך אונדזער וואונדער דאָ באַוואונדערט,
און אין די עכאָס פון די נעכטנס איז אונדזערער צעעכאָט יאָרן גאַנצענע דריי הונדערט.

נישטאָ דאָ אַזאַ וועג, וואָס אונדזער טראָט האָט איבער אים נאָך נישט געטראָטן, —
געבענטשט זאָל זיין אַמעריקע, וואָס האָט דעם גאַנג פון אונדזער טראָט דאָ נישט פאַרבאָטן.

נישטאָ דאָ אַזאַ בליאונג, וואו אונדזער חלק איז אין איר אינגאַנצן גאָר נישטאָאיק,
פון דעם אַטלאַנטיק ביז צו דעם פאַסיפיק איז אונדזער העלער צייכן דאָאיק.

זעט, זעט, אין ליכט פון אונדזער היכל, ווי אין דעם האָב און גוטס פון אונדזער שייער
אויך אונדזער לויטערער און בלענדיקער און פרייִדיקער צושטייער.

אין שיין פון דעם סאָלדאַט, דעם אומבאַקאַנטן — אויך שיין פון אונדזערע אבדות,
און די קרבנות צו דעם בייזן גאָט פון קריג — אויך אונדזערע אויף די עקדות.

אין קלאַנג פון שער און אייזן, אין נאָדל־שטעפ און אין גערויש פון די מאַשינען,
אין גאַנג נאָך אונדזער זיסן האָניק געווען איז אויך דער סם פון שטעכעדיקע בינען.

געווען, געווען, נאָך דאָ אויך איצט אפילו, — דער גאַנג איז נאָך אינמיטן, —
דריי הונדערט יאָר, — געאַקערט און געזייט מיט טרערן און מיט פרייד געשניטן.

די ציכטיק־צניעותדיקע עמאַ לאַזאַרוס מיט איר געזאַנג — נביאיש און העראָאיש,
און עדעלשטאַט און באָוושאָווער, ווי ראָזענפעלד, ווינטשעווסקי, ליעסין און יהואָש.

צי הערט מען נישט דורך זייער ליד — דאָס ברויזיקע, דאָס בלענדיקע, דאָס טרעריקע,
דעם זעלבן רוף, ווי אינעם ליד פון לאָנגפעלאָ, און פאָו און וויטמאַן, צו אַמעריקע?

פאַראַן אַזוי פיל צו דערציילן און דערציילן פון אָט־די מענטשן, וואונדערלעכע אַלע, —
אין זייער זכות דעם לויטערן, דעם ליכטיקן, זיינען מיר דאָך היינט נתעלה!

אָט וויקלט זיך פאַנאַנדער אין זכרון איצט מיין אייגענער ניו־יאָרק אין ווינטיקע זאַווייען,
ווען איך, אַ הימלאָזער, האָב מיין ברויט געגעסן אינעם דרויסן ביים רייניקן די שנייען.

די וויליאַמסבורגער בריק, וואָס צווישן ברוקלין און דעם אינדזל אונדזערן מאַנהעטן,
גיי פרעג די בענק דאָרט איבער איר, — זיי זײַנען אָפט דורך נעכט געווען דאָך מײַנע בעטן.

גיי פרעג די זוילן פון די שיף צעלעכערטע דעם טעם פון אַ פּאָליסמאַנס שטעקן,
וואָס צווינגט די מידע, שלאָפנדיקע פּיס, פון ווייטיק און פון שרעק זיך אויפצואויעקן.

און דווקא דעמאָלט, ווען ווינטן פראָסטיקע געגנאָדלט האָבן איבער מײַנע פינגער,
האָט אויפגעהעלט אין מיר די ליבשאַפט און די פרייד און געוואָרן בין איך זייער זינגער.

אין יענע טעג פון אײַנזאַמקייט און הונגער, — ווי מאָדנע, מאָדנע, וואָס דווקא דעמאָלט
האָט אַזוי העל די ליבשאַפט אין מײַן האַרצן צו ניו־יאָרקער גאַסן אויפגעפלעמלט.

אַן אָנגעפילטער מיט „איב“ לינקאָלן און זײַן „געטיסבורג“ — „אַ רעגירונג פון די מענטשן,
דורך מענטשן און פאַר די מענטשן!“ און איך האָב אים נישט אויפגעהערט צו בענטשן.

דאָס האַרץ האָט זיך געריסן צו דער הויך, אויף די פליגל רוישיקע פון פעיגען,
און אָפּגערוט זיך אין צעהעלטער וואַרעמקייט אין ווייכן שויס פון טווײַנען.

און דזשעפערסאָן, און עמערסאָן און טאָרא, און אויך די יורשים זייערע, די דעבסעס, דאראָס, —
עס האָט געליכטיקט זיך פון זיי אפילו ווען דער הימל איז געווען אין כמאַרעס.

די גרינע האָבן זיך געגעלט אין זייער שווייס ביי די מאַשינען אין די שעפּער,
און מאָריס ראָזענפעלד באַזונגען האָט די פרייהייט פאַר די פּרעסער און די שטעפּער.

און איצט — אָ, האַרץ, מײַן האַרץ, נישט ברויז, און שטורעם נישט וואולקאַניש, —
מען קאָן נאָך אויסטראַכטן אַ בלבול גאָר אויף דיר, אַז ביסט, חלילה, אומאַמעריקאַניש!

און דורך אַ בלבול אָט אַזאַ אויף דיר, וועט ווי און ווינד זײַן דאָך צו דײַנע ביינער, —
עס איז דאָך איצט קיין נײַעס נישט, אַז אַ מסור זאָל אויף דיר אַ שאַרף טאָן זײַנע ציינער.

בלבולים־פאַבריקאַנטן און ווערעמדיקע מוסרים שווינבלען איצט און גריבלען, —
אַז דו דערמאָנסט זיך בלויז אָן אָט אַזאַ, הויבט האַרץ דײַנס אָן צו איבלען.

אַ נס, די ליבשאַפט, וואָס איז נאָך אין דיר, — זי טרייסט דיך, אַז די בלאָזער פון היסטעריקע,
די מוסרים, און די שנאה־שפּרייטער זײַנען נישט די לעגיטימע קינדער פון אַמעריקע.

הער, הער, די ליבשאַפט רעדט, — זי טרייסט דיך, און זאָגט צו דיר: — און וויסן זאָלסטו וויסן,
אַמעריקע איז וואָרט, דאָס פרייע, געדאַנק, דער פרייער, די ריינקייט פון געוויסן.

די שטערן און די שטרייפן, — זיי זײַנען דאָך די ליבשאַפט איבער אונדזער באַנער, —
דריי הונדערט יאָר, — מיר זײַנען שטאָלצע, פרייע, ייִדישע אַמעריקאַנער.

מה טוב!

מה טוב, — ווי גוט עס איז זיך אויפצולייזן אין דעם גלי פון דער גרויסער וועלט,
און נישט צו זיין אַ וועלטעלע פאַר זיך, וואָס איז נישט מערער ווי אַ ווינקל.
אַ ליכט וואָס גיסט זיך מיט אַנדער ליכט צונויף, ווערט אַליין דאָך מער צעהעלט,
און שפּרייט זיך איבער ווייטן, ווען שטערנדל פאַר זיך איז בלויז אַ פּינקל,
ווי צאַנקענדיקער קנויט פון לעמפּל אויפן טיש פון ענגן אייגענעם געצעלט.

מיין אומרו אין געמיט אין זיין טיפער בענקשאַפט נאָך לויטערקייט, נאָך רו
ווערט אומרואיקער, ווען איך קום אין ווייטע לענדער מיט אַנדערע באַוואוינער.
מסתמא איז דאָס, ווייל דער חלום, פון אַן אויסטערלישן „ערגעצוואו"
איז פאַר די אויגן אויף דער וואָר נישט אַקוראַט אַזוינער,
ווי האָסט געחלומט אין דיין טיפער בענקשאַפט נאָך דער רו.

דער „ערגעצוואו" אין אַנדערש, — אַנדערשדיק דאָס לשון, אַנדערש דער מאַניער,
קלימאַט אויך אַנדערער, נאָר מענטש איז אומעטום אַ גוטער און אַ שלעכטער.
די גוטסקייט, ווערט געבייטשט פון רשעות און פאַרגיסט פאַר זיך אַ שטילע טרער,
אויף תליה־שטריק וויגט אום זיך אַ פאַרשטומטער דער גערעכטער,
און ווילדע אומגערעכטיקייט אַרום אים בושעוועט אַלץ מער און מער.

איז וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס דער אומרו מיינער איז אין אַ געיעג?
אַזוי פיל שוין געזען, אַזוי פיל שוין געהערט, און דאָס געזעענע, געהערטע
פאַרוואַנדלען זיך אין אַנגעשאַרפטע און פאַרשפּיצטע ציין אויף זעג,
וואָס זעגן, זעגן און אָפּטמאָל רייצן זיי זיך אויך, אַז דאָס באַגערטע
איז בלויז אַ ווינט, וואָס יאָגט זיך אום צעשויבערט, ווילד פון וועג צו וועג.

אָ, יאָ, עס טרעפט אַזוינס, און דעמאָלט בלייבט מען זיצן שטום און שטאַר.
די גאַנצע וועלט, וואָס איז אַרום, ווערט פרעמד דיר און דערווייטערט,
און דו ביסט פרעמד אויך זיך אַליין, כאָטש נעם און טו זיך אַ פאַרשאַר,
ווי ווינט פאַרשאַרט אַ בלעטל אַ פאַרדאַרטס. דו ביסט אַ רייטער נישט דעררייטערט
וואוהין דו האָסט געצילט, ווייל איבערוועלטיקט האָט אין וועג דיך די געפאַר.

דו ביסט דער צער פון אויסגעוואַרצלטקייט און נישט באַהעפט שוין מיט דער וועלט,
וואָס שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט, כדי אַ בעסערע און שענערע צו ווערן.
דו ביסט די שרעק פון קרא, וואָס שטייט אויף ברוכוואַרג און זי שעלט.
דו ביסט דער ווי־געשריי פון נזיר, וואָס לאָזט זיך קיינמאָל נישט דערהערן,
ווייל אָפּגעשיידט ביסטו אין דיין ווייטן, מדברדיקן, איינזאַמען געצעלט.
די איינזאַמקייט, — זי האָט דאָך אַ פאַרגליווערט פּנים און אַ שטאַרן בליק,
איר טראָט איז שטיל און וואַקלענדיק, ווי ביי עגונות און פאַרעלטערטע אלמנות.

איז אומעטיק מיט אָט־דער איינזאַמקייט, ווי אומעטיק עס איז דער בריק,
וואָס קיינער גייט נישט איבער איר. אין אָט אַזאַ מין שעה דערפילסטו אַ רחמנות

אויף זיך אַליין, וואָס איז דאָך דיר בזיונדיק, און דער בזיון פירט דיך צו דער וועלט צוריק.
און אַז דו קומסט צוריק, איז גוט דיר זיין אַ פלאַם אַנצוואוואַרעמען יענעמס הענט,
אַ שיין פון אַ לאַמטערן, אַז גייער אויפן וועג זאָל נישט פאַלן איבער שטיינער.
דערפילסט זיך פלוצלינג שטאַרק. דו ביסט ווי האַרטער צעמענטירטער פונדאַמענט,
אויף וואָס עס הויערט אין דער העכסטער הויך אַ פּאַלאַץ אַזאַ שיינער.
און ביסט דאָס ליכט פון טורעם איבער אים, וואָס איז צעשיינט, צעבלענדט.

מיין אומרו אין געמיט און מיין טיפע בענקשאַפט נאָך לויטערקייט, נאָך רו, —
ער איז דאָך נישט קיין טויבער, און ער איז דאָך נישט קיין בלינדער.
ער זעט, ער הערט און שרייט אויף קולי־קולות, וויל ער ווייסט גענוי אַוואו
מען גנבעט פון די פרעמדע שטאָלן שאָף און רינדער,
און וועד עס דעקט אָט־די גנבות מיט אַ פרומער אומשולד צו.

איז עמיצער אַ טייל פון לעבן, און פון זיין אומרו אַנגערירט, איז ער צעגליט
אפילו אין זיין פאַלן. ער איז, ווי וואַסערפאַל פון הויכן באַרג אַרונטער,
וואָס פאַלט און פאַלט, נאָר פאַלנדיק איז ער צעזונגען אין דער הויך מיט ליד,
צעברויזט, צערוישט, און יעדער טאָן איז פלאַטערדיק און שטענדיק מונטער,
וויל אויך אין נידער פונעם טאָל דערזעט ער ליכטיקייט צעגליט.

ער ווייסט, ער ווייסט, דער וואַסערפאַל, אַז זיין פאַלן איז נישט סתם,
כדי זיך אויפצולייזן און נישט ווערן אין דער טיפעניש פון נידער.
ער ווייסט, ער ווייסט, אַז דורכן טאָל וועט ער אַ פליייץ־טאָן אינעם ים,
און אַז פון דאָרטן וועט ער זיך דערהויבן צו די הויכן ווידער,
און אויפגיין צו די וואָלקנס, ווי עס גייט פון זשאַר אַרויף דער פלאַם.

ער ווייסט, אַז אין זיין פאַלעניש וועט ער זיך אויסמישן מיט נאָך אַזעלכע, ווי ער,
און אַז אינאיינעם וועט מען זיך דערוואַרעמען, דערמוטיקן, דערהויבן.
ער ווייסט, ער ווייסט, אַז פאַלעניש פון הויכן באַרג אַראָפּ איז שווער,
נאָר אין זיין פאַלעניש, צעפאַלט זיך נישט אין אים זיין העלער גלויבן,
אַז גאַנג, וואָס גייט אַהין, מוז קומען שפּעטער נאָך אַמאָל אַהער.

דער גאַנג פון הויכן באַרג צום טיפן טאָל אַראָפּ גייט דאָך צוריק אַרויף
אַהין און אָפּטמאָל טרעפט זיך, אַז אפילו העכער און נאָך העכער.
מיין אומרו זוכט אום די דערלייזונג אין אַ נייעם אָנהויב נאָכן סוף,
און זינגט הערביי אין כאָר מיט אַלץ און אַלעמען: — מה טוב! מה טוב!
צו טרינקען לויטערע מנוחה אינעם לעבן פון די ריינסטע בעכער.

מה טוב! — ווי גוט און וואויל איז מיר, וואָס מיין טראָט איז אין כסדרדיקן גאַנג!
אַ גאַנג, וואָס איז נישט בלויז צו גיין, נאָר גאַנג אויף אויסצוטרעטן וועגן.
און טרעפט זיך וועג נישט ווען — אַ בויג, אַ פאַל, איז דעמאָלט אויך געזאַנג
צו אַלצדינג, וואָס עס וואַקסט, גייט אויך דורך מי, דעם בליק אַנטקעגן, —
די האָפענונג אויף מאָרגנדיקן דערפרישנדיקן געטראַנק!

אַזוי פיל וואונדער

אַזוי פיל וואונדער אין דער פּשוטקייט, וואָס גייסט געווײנלעך גלײַכגילטיק פאַרביי.
דער סוד איז נישט נאָר אין די הויכן, — ער איז אויך דאָ, דערביי.
אָ, וויפל וואונדער אויפן אָרט אַוואו דו שטייסט,
און גייסט!

אַ מענטש קומט אָן, און פרעגט דיך פרײַנטלעך, וואָס דו מאַכסט.
אַ צווייטער גליטשט זיך אויס און פאַלט, — איז קאָמיש דיר, דו לאַכסט.
דו שפּאַנסט און שפּאַנסט, און פּלוצלינג האָסטו אַ באַגער צו רוען אויף אַ ווײַל.
וואָס איז אַזוינס די לענגקייט און די ברייטקייט פון אַ מײַל?
עס איז אַזוי פיל און אַזוי פיל, ווי דאָס אָרט, וואָס אונטער דיר.
דער וואָלקן אין דער הויך בײַט זיך אין קאָליר,
אַזוי דאָס גראָז, אַזוי דער בוים,
אַזוי דײַן טרוים.

אַ מענטש קומט אָן און רעדט צו דיר אַזוינע פּראָסטע רייד,
דערציילט דיר, אַז דער זייגער זײַנער שטייט,
און ער וויל וויסן אַקוראַט די צײַט.
אַ ייִנגל לויפט פאַרביי און שרײַט,
אַ פויגל טאַנצט אין גראָז,
אַ ווינטל טוט אַ בלאָז.
די זון פאַרגייט,
און שפּרייט
די אָוונטיקע שטילקייט אויס,
און דיר דערמאָנט זיך פּלוצלינג גאָר דער מאַמעס שויס,
וואָס איז אַ ווײַכער און אַ וואַרעמער געווען,
און דיר דערמאָנט זיך נאָך און נאָך, וואָס איז אַמאָל געשען,
און וואונדערסט זיך, וואָס נאָך אַזאַ געשעענעם זאָלסטו
פאַרגינען זיך אַט דאָ אַביסל רו.
און פּלוצלינג וואונדערסטו זיך אויפן וואונדערן אין דיר, —
פון וואַנען קומט ער אַט דער וואונדער? דורך וועלכער טיר?
אַט זיץ איך שוין אַ שעה
אין גאָרטן אויף אַ באַנק אַט דאָ,
ווײַל אָפּרו דאַרף אַמאָל דער מענטש.
איך מאַך די אויגן צו, און זע זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּאַרענטש
פון עפּעס אַזאַ שיינער, וואונדערלעכער שיף,
וואָס שניידט די שטילע, זילבער וועלן פון אַ וואַסער־טיף, —
פון וואַנען? און וואוהין? אַ הינטער טיר אַ חושכדיקע כמאַרע,

און פאַראויס זינגען קינדער יונגע: — מאַכט אַ וואַרע! מאַכט אַ וואַרע!
אַ גאַסט קומט אָן צו האָריזאָנטן ליכטיקע און ווייסע!

אַ, מאַמע מיינע, אַ דאַנק דיר פאַר דער וואונדערלעכער מעשה,
פון ווייסע טויבן
און זון אויף שויבן,
ווען איך בין נאָך געווען דיין קינד אין וויגל.
נישטאָ גאָר אַזאַ שלאָס און אַזאַ ריגל,
וואָס זאָלן קאָנען צושליסן און פאַרריגלען טיר און טויער,
דיך צו פאַרשטעלן פאַר מיין אויג, דיך צו פאַרטויבן פאַר מיין אויער
אויף גאַנצער ערד דער רונדער.

אַזוי פיל וואונדער
אין מיר און אַרום מיר אַט דאָ!

אַט זיץ איך אין דער אָוונט־שעה
אין גאָרטן אויף אַ באַנק מיט צוגעמאַכטע אויגן,
און זע פאַר זיך אַזאַ מין שלומדיקן און קאָלירנדיקן רעגנבויגן.

כל דור ודור מיט זיין שיר־חדש

דער שאָטן מורמלט אויס זיין שאָטנדיקייט אָפטמאָל אַזוי בילדעריש, מעלאָדיש.
עס טרעפט, אַז אויך אַזאַ, ווי דו, נעמסט אויף. עס דאַכט זיך דיר — אַ שיר־חדש
טויכט אויף אין דיר מיט ווערטער צאַפּלדיקע, שטילע.
אַ רגע, דאַכט זיך דיר — אַ תפילה
אַזוינע ביחידות
דאָס שטילע, שאָטנדיקע ליד איז,
וואָס גייט איצט אויף אין דיר אין שעה דער שווערער,
און פילסט שוין נישט, ווי ביסט מתפלל מער און מערער
צו בלייבן אָט אַזוי, ווי ער, מיט זיך, אין זיך, אַליין.

דעם שאָטן אָבער איז אַפּנים ווייניק
דער חושך, וואָס ער האָט געבראַכט צו דיר אין זיינע פאַלעס.
ער וויל אויך קללות
אויף יעדן ביסל ליכט, וואָס איז נאָך נישט פאַרלאָשן.
ער שפּרייט זיך איבער דיר. הער, הער, — דיין לשון
איז פלוצלינג זיך מתיהד
מיט גרוילנדיקן פּחד,
און ציטערט אויף פון שווער געוויטער.
די ווערטער דיינע ווערן — דינע, מוזיקאַלישע,
פאַרשלייערטע, וואוּאַלישע,

ווי שיינע, יונגינקע אלמנות אין זייער טרויער,
וואָס מורמלען שטיל פאַר זיך דעם וויטיק פון דער וואונד, דער רויער,
אויף זייערע געמיטער.

געבענטשט זאָל זיין מיין לאָמפּ דער אָנגעצונדענער, וואָס שיינט אַזאַ צעגליטער!
זע, זע, אָט שיינט ער אויף און רייסט שוין פונעם שאָטן זיינע גלידער,
און פּלוצלינג הער, — קאַנוואולסנדיקע ווערן זיינע לידער.
וואָס האָבן ערשט געקלונגען איינער פון דעם צווייטן שענער.
איז וואָס־זשע איז געוואָרן פון די טענער, —
מעלאָדישע און מוזיקאַלישע?
צעדריבלט ווערן פאַר דיין אויג די שלייערן, וואַלישע,
און וואָס געדאַכט האָט זיך —אימאַזשן
איז גאָר אַ וועלט, אַ וואונדיקע, וואָס דאַרף באַנדאַזשן,
און ווערטער אויפגעהייטערטע.

אַ, זייט געבענטשט, איר ווערטער, העל־צעשייטערטע
אין מיר איצט, זישע הקטן!
פון אייער שיין אַנטלויפט פון מיר דער שאָטן,
און איך בין אין כסדרדיקער, ליכטיקער עליה.
הערט, הערט, עס זינגט אין מיר אַזאַ צעלויכטענע די זכיה,
וואָס, ווי דער שחרית מיינער איז געווען בציבור,
איז אויך מיין מנחה־מעריב־תפילה נישט אריבער
צו ביחידות.
מיין ליד איז
אויך היינט ביים זעלבן אויפגעשיינטן עמוד.

איצט ווינטלט אַזאַ ווינט אַרום נר־תמיד,
נאָר אים להכעיס לעשן זיך נישט די מנורות.
עס איז דאָס ליכט פון דורות,
און הייליק איז אונדז די ירושה.
דאָס וואָרט געירשנטע נעמט אונדזערס אויף אין זיך אויך מיט קדושה,
און הערט, ווי אויפגעלויכטן, און דערהויבן,
עס זינגט בציבור אונדזער גלויבן:
— כל דור ודור מיט זיין שיר־חדש, —
אויך אונדזער ליד, דאָס פּשוטע, איז קדוש, קדוש!

די ווייסקייט פון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר

א.

די ווייסקייט פון נישט באַשריבענעם פּאַפּיר ביים לאָמפּשיין
איז פרויענגלייב, וואָס וואַרט אין פריידיק־צאַפּלענדיקער פּיין
אויף דעם באַגערטן מאַנס באַריר.
די פּען — אַ דרימלענדיקער הונט ביים טיר.
האַלט דעם אויער וואַכיק צו פאַרבייגייענדיקע טריט,
און דער פּאָעט איז שווייגנדיק און מיד.

ב.

דער חושך פון דער נאַכט ווישט די טרערן
מיט לאַפּעס, ווי ביי בערן,
פון מיינע שויבן.
האָט ערגעצוואו אַ העלער גלויבן
זיך אין וועג פאַרלוירן?
האָט ערגעצוואו אַ טייג געוירן,
און קיינער האָט דאָס נישט פאַרקנאָטן?
ליגט ערגעצוואו אַ האַרץ צעטראָטן,
און אָטעמט שוין נישט מערער?
האָט אין דער לופט, דער לערער
אַ קול זיך אויפגעלייזט אין ברויזנדיקן צאָרן,
און איז שטום געוואָרן?

ג.

אַן אָפּגעשניטן פעלד איז איצט צעבענקט נאָך אירע זאַנגען.
פּאָעט איז פול מיט צער, וואָס זיינע אייגענע געזאַנגען
זיך לאָזן מער נישט איבערזינגען.
אַ קייט אַ גאָלדענע צעפּאַלט זיך, און אירע רינגען
צעקייקלען זיך, — יעדער פּאָר זיך באַזונדער.
אַן אויסטערלישער וואונדער
ווערט אויפגעלייזט אין ליכט פון קאַלטן ציפער.
געדאַנק, — אָט ערשט געווען אַ טיפער
און שוין איז ער אַ פלאַכער, אַ שאַבלאָנער.
ווי אומעטיק עס איז דעם מאָנער און דערמאָנער,
ווען מאָנונג זיינע,
און דערמאָנונג זיינע
זיינען איצט שוין פּשוט ברויט אין אַלע מיילער.

אָט ערשט געווען אַ שײַנענדיקער זײַל ער, —
אַ טורעם אַ צעשטראַלטער דורך די רויכן
צו ווײַטן און צו הויכן,
און שוין איז ער געוואָרן
אַ נאָמען בלויז אין דעם זכרון.

ד.

פּאָעט איז אָדלער אין אַ שטײַג, וואָס רײַסט זיך צו באַפרײַאונג.
פּאָעט איז גאַנג צו אײביקער באַנײַאונג,
און וואויל איז דעם פֿאַר וועמען ווײַסקייט פֿון פּאַפּיר
איז אַ צעפּראַלטע טיר
צום שײַער פֿון זײַן אײגענעם פֿאַרמעגן.
בײַ אָט אַזוינעם גײט די פּען אויף וועגן,
וואוהין זי ווערט געפֿירט,
און זי פֿאַרלירט
זיך נישט אין לאַבירינט
פֿון טינט.

ה.

די פּען אין דער שליחותדיקער האַנט
איז תּושב אין איר לאַנד,
און קלאָר איז איר דער וועג.
זי איז די האַק, דאָס רידל און די זעג,
אַ מעסער־שאַרף,
און אויך אַ האַרף,
ווען נויטיק איז.
עס טרעפֿט, זי ווערט אויך דאָס געביס
פֿון שאַרפֿע צײן
אויף דעם, וואָס איז געמײן.

ו.

די ווײַסקייט פֿון דעם נישט פֿאַרשריבענעם פּאַפּיר!
הײַנט איז זי דאָך אַ פֿעלד אָן אויסגעשפּרייטס פֿאַר מיר,
וואָס איז פֿאַר זריעה גרייט.
אָ, פּען, שליח פֿון מײַן צער און פֿרייד,
נישט לאָז זיך גלאַט אַזוי אין וואַנדער,
און שפּרייט נישט, ווי דער ווינט אין וואַנדער
קײן שטויבעלעך אַהער, אַהין,
נאָר ווײַס פֿון וואַנען און וואוהין.

ז.

דאָס ווייס פּאַפּיר, ווי פרוי, וואָס וואַרט אויף מאַן אין צאַפּלדיקן גליק,
נאָר פּען דערביי ליגט שווייגנדיק.
אַפנים, אַז דער צאַפּל איז פאַר איר היינט נישט גענוג.
מיין פּען איז קלוג.
זע, זע, ווי שטיל,
און קיל,
און שווייגנדיק זי ליגט, —
זי ווייסט, אַז ציטער, צאַפּל, וואָס צעוויגט
דעם אומרו און געמיט
פאַרפירט נישט איין מאָל פונעם וועג דאָס ליד.

ח.

די נאַכט איז שוואַרץ און בלינד.
די טינט
אין טינטער אויך אַזוי.
פאַרפאַלן, — אַפנים, אַז די פרוי
וועט זיך שוין נישט דערוואַרטן איצט דאָ אויף קיין גלעט, —
אַ שווייגנדיקער איז היינט דער פּאָעט,
און שווער איז אים, ווען אָט אַזאַ מין שעה
מיט אים איז דאָ.

געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד, וואָס ווייסט גענוי

אַזאַ נעפּלדיקע כמאַריקייט איז דאָ אַרום, — זע, זע, ווי גרוי.
געבענטשט זאָל זיין דאָס ליד, וואָס ווייסט גענוי
פון וואַנען און וואוהין און אויך צו וואָס.
אַזוינס איז נישט קיין ווינט־געבלאָז,
וואָס יאָגט זיך הין און הער.

הער, הער, —
אָט יערט זיך עפּעס איצט אין מיין געמיט,
מסתמא איז היינט אויפן וועג אַ ליד,
וואָס זוכט די טיר
דורך מיר
צום לעבן אויף דער ערד.
און ווי־זשע ווערט
אַ ליד דערהערט
אויב נישט דורך וואָרט?

זעט, זעט, — פון דאָ און דאָרט
אַ ווערטער־שלל.
עס וויגט זיך דורך אַ וואָרט — אַ שטראַל, —
אַוודאי קומט דאָס פון
דער זון.
און אָט איז דיר אַ דורכזיכטיקס, ווי טוי, —
מסתמא פון אַ לאַנד וואָס איז אַזוי,
דערבײַ אַזוינס, וואָס איז פאַרשטויבט פון וועג,
און שלעפט אויף זיך אַ שווער געפעק.
זע, זע, אָט קומט אַזאַ, וואָס נישט געוואַשן, נישט פאַרקעמט,
דערבײַ אַן אַנדערס, טרייסלט זיך און קוקט פאַרשעמט.
עס שלאָגט זיך דורך אַן עזותדיקס, וואָס שרייט און ברומט,
און לעבן דעם אַן אַנגעפּודערטס און פאַרפיומט,
וואָס חנדלט זיך, און וואַרפט די אויגלעך, ווי אַ גאַסן־פרוי.
געבענטשט זאָל זײַן דאָס ליד, וואָס ווייסט געניי,
און נעמט נישט גלאַט אַזוי
נאָר קלויבט און קלויבט, און קלויבט.
אַזאַ מין ליד איז נישט צעשויבערט און פאַרשטויבט,
און בײַ דעם ערשטן טראָט אויף אונדזער ערד אין גאַנג,
דערהערט דער מענטש געזאַנג.

מענטשן

איך זינג דאָס געזאַנג פון דעם מענטשן,
וואָס האָט זיך מיט וואָס דאָ צו בענטשן,
און פילט זיך נישט קיינמאָל אַליינ־ק.
איך ברויז מיט געברויז אויף דעם מענטשן,
וואָס שעלט, ווען געדאַרפט וואָלט ער בענטשן,
ווײַל אַלץ, וואָס ער האָט, איז אים ווייניק.

איך שטורעם דעם שטורעם פון מענטשן,
וואָס זוכן, אין בענקען אַ מזומן צו בענטשן,
און קאָנען אַזוינס נישט געפינען.
איך וויין דאָס געוויין פון די מענטשן,
וואָס האָבן נישט וואָס דאָ צו בענטשן,
ווײַל אַלץ דאָ אַרום אין רואינען.

איך חלום דעם חלום פון מענטשן,
וואָס זאָגט צו אַ צײַט, זיך צו בענטשן,

ווײַל זײַן וועט מיט וואָס און מיט ווען.
מײַן גאַנג איז דער גאַנג פון די מענטשן,
וואָס גלויבן און טוען און בענטשן,
אַז קיינער זאָל קיינעם נישט דאַרפן פאַרשעמען.

נישט ליב אָבער זײַנען מיר מענטשן,
וואָס האָבן אין זיך קיין באַגער נישט צו בענטשן,
און אויך קיין באַגער נישט צו שעלטן, —
זיי זײַנען פאַרבלאָנדזשעטע מענטשן,
און פרעגט זיי בחרם, וואָס שעלטן, וואָס בענטשן,
אַז זייערע השגות זײַנען נישט אונדזערע וועלטן.

מײַן ליד — מײַן לאַמטערן

אַפּנים, אַז דער לויטערסטער און שענסטער חלום
קומט זעלטן אָן בשלום
פון וואַנדער זײַנעם.
אַט קוק איך איצט אויף מײַנעם,
וואָס האָט געזוכט זיך צו באַקערן
צום פינקלעניש פון שטערן
און פינצטערניש פון נאַכט,
און ער האָט גאָרנישט נישט געטראַכט,
אַז אויך די שטערן לעשן זיך און פאַלן.

וואו זײַנען איצט דאָ יענע שטראַלן,
וואָס האָבן מיך
צו זיך
געצויגן ?
אַט טאַפּן ווידער מײַנע זוכנדיקע אויגן
דעם חושך דאָ אַנטקעגן,
און אַזאַ ווינטיק־שווערער רעגן
איז אין מײַן גאַנצן אײַנגעווייקט.

געאַקערט און פאַרזייט,
און שנייד־מעסער געשאַרפט פאַר טעג פון שניט,
און וואָס איז מיר געבליבן ? — אָ, ליד, מײַן ליד,
נישט צאַפּל און נישט ציטער !

אין צײַט פון שטורעמדיק געוויטער
ביסטו מײַן אײנציקער לאַמטערן.

פֿאַרלאָשענע די שטערן?
און כמאַרע אויף לבנה?
נו, יאָ, אַוודאי לויערט די סכנה
אין נעכט אַזוינע שוואַרצע פֿאַר די טריט.
נאָר גלי צעגליטער אין מיין ליד. —
ער גליט נאָך, גליט נאָך
און ער באַהיט נאָך,
אַז איך זאָל נישט אַ פֿאַל טאָן צו דער נידער.
אַפֿנים, אַז אין מײַנע לידער,
האָט אין די שווערע שעה׳ן
פֿון קראַקענדיקע, שעלטנדיקע קראָען
פֿאַרקליבן זיך מיין חלום.
אַ סימן? — ער זינגט דאָס ליד פֿון האָפֿענונג און שלום,
אפילו אין דער שוואַרצקייט פֿון דער נאַכט דאָ איצט,
ווען הימל איז צעדונערט און צעבליצט.

און גיין וועל איך אַזוי

אַז ווי און ווינד איז צו דעם שומר, וואָס
דערשרעקט זיך פֿאַר אַ ווינטנבלאָז,
און לאָזט די הענט אַרונטער רעזיגנירט.
אַ נאַר איז דער, וואָס ווערט געפֿירט,
און וויל נישט וויסן אַקוראַט וואוהין
אפילו, ווען דער וועג איז גלייך און גרין.
וואָס טויג מיר שטוב מיט גאָלד אין איר,
אַז דאָרטן איז נישטאָ קיין אָרט פֿאַר מיר?
און וואַרפֿט מיר נישט אין פּנים, אַז
איך בין פֿאַרפֿירט פֿון שווערן האַס
צו מענטשן אַנדערע, און טראַכט נאָר בלויז פֿון זיך, —
חלילה! יענער אויך, נאָר וואו בין איך?

צי איז מיין טראָט אין שווערן גאַנג
דען נישט געגאַנגען מיט אַ העל געזאַנג
צו אונדזער אויסגעבענקטער שעה?
וואָס הייסט, אַזאַ ווי איך בין מער נישטאָ?
וואָס הייסט אַזאַ ווי איך בין גאָרנישט־נישט?
און אַז אַ שטורעם האָט געמישט, צעמישט,
און אָפּגעריסן דאָ און דאָרט אַ בלעטל פֿון דער רויז
איז דען די שיינקייט אירע שוין געוואָרן אויס?

זעט, זעט, װי בליענדיק און שײן זי גײט
אױף װידער פֿאַרן אױג איצט פֿון דער בײט,
און גרין צעגרײנט איז אַרום איר דאָס גראָז
להכעיס יעדן, שװערן װינט־געבלאָז.

און אַז קײן אײגן לאַנד איז נישט געװען,
האָב איך דען נישט דערהערט, דערזען
די װאונדער אױף דער װעלט פֿון יעדן אָרט ?
צי האָט מײן ערלעך, יידיש װאָרט
נישט אומגעטראָגן איבער יעדן שװערן װעג
אױף אירע פּלײצעס דאָס געפּעק ?
דורך אַלע װעטערן האָב איך פֿאַרהיט
די רײנקײט פֿון מײן לױטער יידיש ליד,
און היטן װעל איך װײטער דאָס
אַנטקעגן יעדן, שװערן װינט־געבלאָז,
און זינגען װעט דאָס לױטער און
זיך װײטער ציען, ציען צו דער זון.

צי איז מײן יידיש ליד דען נישט אין כאָר
מיט אַלע אױסדערװײלטע פֿון מײן דור
צו יעדן אױפֿגאַנג מיט געזאַנג ?
צי איז מײן טראָט דען נישט אין גאַנג
דעם װינט אַנטקעגן איבער שװערן װעג ?
און איז דען מײן פֿאַרהאָרעװעט פֿאַרמעג
נישט דאָס פֿאַרמעג פֿון אַלעמען אָט־דאָ ?
װאָס הײסט, אַזאַ װי איך בין מער נישטאָ ?
קאָן אָט אַזױנס, װאָס איז נישטאָ שױן מער,
קאָן דער, װאָס איז נישטאָ, דען פֿילן אַזױ טיף פּײן,
װען עמיצער פֿאַרשטעלט פֿאַר אים די שײן ?

נײן, נײן, איך נעם נישט אָן אַזאַ מין דין
אפֿילו, װען מען מאַכט מיר קלאָר דעם זין,
װײל דאָס, װאָס מענטשן טראָגן טיף אין זיך,
איז נישט קײן אַלטע, אָפּגענוצטע שיך
אַרױפֿצואיזװאַרפֿן אױפֿן בערגל מיסט.
נײן, נײן, איך נעם נישט אָן! אומזיסט
די טיפֿע רײד פֿון דעם און יענעם, אַז
בית־עולם איז שױן אצט מײן גאַס.
זעט, זעט, זי בליענדט נאָך אין מײן װאָרט.
נישטאָ איז נאָך אַזאַ מין זיסער טראָט,

וואָס זאָל פֿאַרבייטן מיר מיין טעגלעך ברויט.
כל זמן עס זעטיקט מיך, בין איך נישט טויט!

איז דען דאָס ערשטע מאָל, אַז גליענדיקע שפּיז
טוט זיך פֿון דאָ און דאָרט אויף מיר אַ ריס,
און זוכט צו טרעפֿן מיך אין מיין געביין?
דאָך הער איך אַלץ נישט אויף צו גיין
פֿאָראויס, פֿאָראויס אין שווערן יאָך.
זעט, זעט, — אָט גיי איך אַלץ דאָ נאָך,
און גיין וועל איך אַזוי פֿאָראויס
דורך יעדן, שווערן, בייזן ווינט־געבראַויז.
און גיין וועל איך אַזוי כל זמן
עס איז דאָס ליכט אין מיר פֿאַראַן, —
דאָס ליכט, וואָס שיינט פֿאַר מיינע טריט, —
דאָס ליכט, וואָס העלט זיך אין מיין ליד!

זעט, זעט, ווי העל עס איז צעהעלט
אַפֿילו איצט, ווען קראָ מיך שעלט,
און בייזע הינט דורך נעכט און טעג
באַפֿאַלן מיך אויף יעדן וועג.
די קראַקענדיקע קראָ, די בילנדיקע הינט,
און ווי אַ צוגאָב אויך דער ווינט
אין פּנים מיינעם מיט געבראַויז.
בסיון איז אַוודאי שווער און גרויס,
נאָר ווער עס טראָגט אַזאַ פֿאַרמעג,
ווי איך דאָ אין מיין שווער געפּעק,
איז אַ שליח זכיהדיקער אין זיין גאַנג,
און זינגט דורך אַלע שוועריקייטן העל געזאַנג.

גאָט פֿון מיינע אָבות

גאָט פֿון מיינע אָבות,
דו ביסט אַ יודע מחשבות,
איז זאָג, ווי אַנדערש זאָל זיך טראַכטן
דעם אָפּגעבאַרטן, דעם אויסגעלאַכטן, —
דעם פֿאָלק דיינעם, וואָס באָדט זיך אין יסורים.
אין פּרס איז געשען אַ נס־פּורים,
האָבן מיר דורך דורות געפּורימט,
דיין נאָמען באַטורעמט
אויף שלח־מנות־לעקעכלעך און פלאָדן.

מיר האָבן אָפּגעהיט דײַן גס, ווי אַ פּקדון,
און זיך געטרײסט, אַז מיר זײַנען באַשיצט.
און איצט?

גאָט פון מײַנע אָבות,
דו ביסט אַ יודע מחשבות,
איז זאָג, ווי אַנדערש זאָל זיך טראַכטן
דעם אָפּגעשפּאָטן, דעם אָפּגעלאַכטן, —
דעם פֿאָלק דײַנעם, וואָס באָדט זיך אין בזיון.
איז דאָס געווען בלויז אַ נסיון
אונדז ווידער און אָבער אויסצופּרובירן,
כּדי דערנאָך ערשט צו דײַן חסד דערפֿירן?
איז הער־זשע, מיר ווילן נישט מער אַזעלכע נסיונות!
מיר ווילן נישט מער אַזעלכע בזיונות!
נישטאָ אַזאַ שׂכר
פֿאַר אונדזער צער.

גאָט פון מײַנע אָבות,
לאָז גריסן דעם מלאך־המות.
זאָג אים, אַז מיט זײַנע שרעקנדיקע אויגן,
איז ער, ווי אַ ליבער, מילדער רעגנבויגן
אַנטקעגן די, וואָס האָבן לעצטנס געטאָן זײַן מלאכה.
אָ, גאָט, וואו איז דײַן הבטחה?
באַלד, באַלד וועט שוין נישט זײַן ווער עס זאָל מאָנען!
טראָגן צווישן די פֿעלקער דײַן הייליקן נאָמען,
און זאָגן וועגן דיר: ברוך הוא וברוך שמו, אָמן,
און דעמאָלט: עס איז אַזאַ ווייטיק אין מיר
פֿאַר דיר.

גאָט פון מײַנע אָבות,
יעדער שׂכר דײַנער איז אַ קאַטאָוועס
אַנטקעגן די מוראדיקע גרוילן
מיט די קינדער דײַנע אין פּוילן.
וואָס מײַנען די חסדים דײַנע
פֿאַר די קדושים אין אוקראַינע?
נישטאָ אַזאַ פּסוק, וואָס זאָל מיר פֿאַרטײַטשן
אַ גאָט, וואָס גנעדיק איז צו נאַצי־דײַטשן.
און וועט עמיצער אַזאַ פּסוק זוכן צו געפֿינען
זאָל דער מוח אים נישט דינען,

זיין האָנט זאָל ווערן אַ ביין,
אַ שטיין!

גאָט פון מיינע אבות,
אפילו גיין אויף קבר־אבות
ווילסטו אונדז נישט פאַרגינען.
זע, זע, איך קאָן דאָך נישט געפינען
דעם קבר פון מיין ליכטיקער מאַמען.
האָסט געשונדן אונדזער הויט מיט אײַזערנע קאַמען,
כדי נאַצי־דייטשקעס זאָלן מאַכן לאָמפּן־אַבאַזשורן.
איצט זיצן זיי, די הורן,
ביים שטילן, מאַטאָווין לאָמפּנשיין,
און צעהירזשעטע פון אונדזער בלוט, ווי פון ווייַן,
כיכיקען זיי איבער דער פּיין
פון דיינע קינדער, וואָס זיינען געגאַנגען אין דיין טראָט, —
אָ, גאָט! אָ, גאָט!

צו זיטען

פאַרוואָס איז מיר דאָ אַזוי גוט אין אָט־דער שפּעטער אָוונט־שעה?
איך ווייס, איך ווייס געגוי און אַקוראַט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי.
עס איז דערפאַר, ווייל אָט אַזאַ, ווי דו, מיט מיר ביסט דאָ.
אָט זיצסטו קעגן מיר, און פאַרבסט דעם שווערסטן גרוי אויף בלוי,
און זינגסט דערביי אַ ליד פון אַזאַ ליכטיקן קאַיאָר
אין גאַנג אַהער צום שוועל פון אונדזער טיר.
אַזאַ וואונדערלעכער חלום איז מיר איצט די וואָר,
און אַלצדינג איז איצט אַזוי גרינג אין מיר!
מיין הארץ איז ווי דאָס קעפּל פון אַ קינד אונטער צאַרטן גלעט, —
די טאָכטער אונדזערע האָט אַזוי ליב געזאָגט: — אַ גוטע נאַכט,
און איינגעדעקט און איינגעקושט איז זי איצט אין איר בעט.
אַ ליבע שטילקייט אונדז אַרום, און דאָך אַזוי צעוואַכט
ביסטו צו מיר, און איך צו דיר. דער לאָמפּ איז ווייך צעגליט,
און אויף מיין טיש — אַ שורה פון אַן אָנגעהויבן ליד.

אונדזער מלכא קדישא

העברעיִש איז אונדזערס און אונדזערס איז יידיש.
איןביידע צעגליט און צעשטראַלט איז אונדזער ירושה.
צוויי גאָלדענע בעכער מיט שוימיקע ווײַנען אויף קידוש,
אין ביידע דער שבת — אונדזער מלכא קדישא!

די ערשטע איז שטאָם — אַ צווײַג אַ צעבליטע, די צווייטע,
גיי טייל זיי פּאַנאַנדער אויף צווייען, באַזונדער;
אַט יובלען מיר איצט דאָך אויף ביידע דערפרייטע
אויף גאַנצענער ערד אונדזער רונדער.

אויך איציק, ווי יצחק, איז געגאַנגען אין טראָט פונעם טאַטן,
אויך יאַנקל, ווי יעקב, פּיטערט די שאָף דורך די דורות, —
זיי אַלע אויף וועגן דורך די שווערסטע קלימאַטן
געהיט און באַהיט האָבן דעם ריח פון אונדזער קטורת.

משה, ישעיה, עקיבא, דער בעש"ט, ביאַליק און ברענער,
עס ציט זיך די קייט אַלץ ווייטער און ווייטער און ווייטער!
ווער פון וועמען איז גרעסער, ווער פון וועמען איז שענער?
זיי אַלע — דער פּלאַם אין אונדזער נאַכטיקן שייטער!

יהודה הלוי, דער רמב"ם, מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ, —
ווער פון וועמען איז ליבער? ווער פון וועמען איז העכער?
זיי אַלע דער שטאָלץ, — דעם פאָלקס דרך־ארץ,
זיי אַלע דער ווײַן פון קידוש אין אונדזערע בעכער.

אַ בלאַט דאָ און דאָרטן פאַרשוואונדן, אַ צווײַג וואו צעבראָכן,
נאָר שטאָם פון דעם בוים — די ווינטן אַנטקעגן, —
פון אונטער אַלערליי שווערע און פּודיקע יאָכן
געבליבן מיט אונדז איז אַ פאַרביק פאַרמעגן.

און בלענדנדיק איז דאָס, ווי פייער דורך רויכן אויף ביידע,
פאַר אַלעמענס אויגן — אַ ליכטיקער חידוש, —
די מלכא קדישא — דער גייסט פון דער יידישער עדה, —
העברעיִש איז אונדזערס און אונדזערס איז יידיש!

איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951. 220 ז"ז.

צו מײַן טאַטעס נחמהלע

אבות מײַנע, — זײ לעבן אין מײַן יעדן קער און ריר.
שטראַליקע, בלענדיקע, — זײ לעשן זיך נישט אויס.
הער דאָס וואָרט מײַנס, — עס איז אין צאַפּלדיקן ברויז, —
הײַנט איז דאָס געווענדט צו דיר.

טאַטער מײַנע, המשך פֿון מײַן זין און זײַן,
הארץ מײַנס איז צערעדט צו דיר הײַנט אַט אַזוי!
ווער אַן אויפֿגעלויכטענער עס ווערט פֿון ווײַן,
איך בין אויפֿגעלויכטן פֿון דײַן בלאָנד און בלוי,
און פֿון דעם העלן מאָרגנשײַן.

יידיש וואָרט ווערט ליבער נאָך אין טאַטערס מויל!
— טאַטע, מאַמע, זאָג מיר, וואָס אַזוינס אַ נביא מײנט?
עפֿן איך תנ״כל, און איך לײען אַ קאַפּיטל „יואל“.
זיצט זי אַ פֿאַרטראַכטע, — פּלוצלינג, הער, זי װײנט
— הונגעריקע קינדער אין די גאַסן, סאַראַ גרויל!

נעם איך, און דערצייל איר פֿונעם נביא אליהו
מיטן שטעקן אין זײַן האַנט און אין מלבושל פֿון פֿעל, —
הערט זי, און אויף איר איז אַזאַ ליבע, שטילע רו,
אָבער פּלוצלינג איז זי ביי דער טיר, שטעלט זיך אויפֿן שוועל:
— אליהו, אָ, אליהו! וואו־זשע ביסטו, אליהו?

טאַכטער מײַנע, ביסט צו מיר געקומען אין דער אָונט־שעה,
און מיר נאָכאַמאָל דעם פֿרימאָרגן מיטגעבראַכט, —
וואַרקענדיקע טויב האָט באַזינגט די קראַקענדיקע קראָ,
דרעמלדיקער הירש האָט צום לעבן ווידער אויפֿגעוואַכט
אין דער שפּעטער אָוונט־שעה.

מאַמע זיטאַ זאָגט, — איך צעפּיעשטשע איר דאָס קינד,
און דערביי איז זי אַזוי מאַמעדיק צעהעלט, צעקוועלט.
טאַכטער מײַנע, זע, איך רײַט אויפֿן רוקן פֿונעם ווינט
אויפֿצוזוכן גאָר אַ נײַע, שײנע, שטראַלנדיקע וועלט.
און זי ברענגען אַ מתנה פֿאַר מײַן קינד.

נײַע וועלט, — מען זוכט זי שוין פֿון לאַנג צוריק!
טאַכטער מײַנע, לאָמיר בײדע אויך דאָ זוכער זײַן!
זע, עס ציט זיך, ציט זיך אַזאַ וואונדערלעכע בריק,
און אויף איר דורך העלער פֿרייד, און שווערער פּײַן,
זוכנדיקע זוכער זוכן אום דאָס גליק.

גליק פֿאַר דיר און מיר און פֿאַר אַלעמען, וואָס לעבן דאָ!
קיינער, קיינער קאָן נישט גליקלעך זיין מיט זיך אַליין!
טאַכטער מיינע, דו מיט דיין קאַיאַר באַלייכסט מיין אוונט־שעה,
איז מיר לייכטער אויפֿן וועג צו גיין
אין מיין שפּעטער אָוונט־שעה.

באַלאַדע פון בן־אָדם

א.

בן־אָדם — און אָדם וועמעס?
דער זון פון חסד און פון אמת.
און אַז מען טראָגט אַ יחוס, איז
שליחות אין די פיס.

נו, יאָ, אַוודאי און אַוודאי!
נאָר וועגן זיינען נישט קיין גראַדע,
און שטיינער פעלן נישט אין וועג,
איז שווער מיט דעם געפּעק.

אַזוי פיל שנאה אויף די וועגן,
און ער? נישט איין מאָל אין געיעגן!
אַהינטער אים אַ ווירבלדיקער ווינט,
און פאָראויס בילנדיקע הינט!

דאָס יאָגעניש שעפּט אויס, פאַרמאַטערט
אויף האַרץ פון ריז, וואָס איז צעפּלאַטערט.
בפרט נאָך מיט אַזאַ מין שווער געפּעק
אויף אַט־דעם לאַנגן וועג.

ב.

זעט, זעט, אָט זיצט ער, דער בן־אָדם!
אַוודאי איז אַ גרויסער שאָד אים
דאָס זיצעניש אַט־דאָ מיט זיך אַליין,
ווען אַזאַ גאַנג איז דאָ צו גיין!

און גיין, ער מוז! — אַ קלייניקייט, שליחות
פון אַזאַ גרויסן, וואונדערלעכן יחוס!
עס בייזערט זיך דער זיידע אמת, און
עס שמייכלט באָבע חסד, ווי די זון.

נאָר אַז אַ מידקייט אין די גלידער,
בויגט קאָפּ אַליין זיך צו דער נידער,
און אַרום אים ווערט גאַנצע וועלט,
ווי פלוצלינג אָפּגעשטעלט.

און אויב נישט אָפּגעשטעלט אפילו,
איז זי אַ לעצטע פּרעפּלדיקע תפילה,
וואָס נישט זי בעט און נישט זי פירט,
נאָר לעשט זיך רעזיגנירט.

אַ תפילה, גלאַט אַזוי אַ תפילה,
די ווערטער שטילע, קילע, —
אין אָט אַזאַ מין שטאַרער זיצעניש,
ווערט וועלט אַ פלאָנטערדיק געמיש.

זעט, זעט, עס זיצט בן־אָדם קאָפּ געבויגן,
ער קוקט און קוקט מיט צוגעמאַכטע אויגן
טיף, טיף אין מדברדיקער זיך אַריין
און זעט אַזוי פיל פּיין!

ער זעט דעם למדן האַנדלען מיט זיין תורה,
ווי סוחר האַנדלט מיט זיין סחורה.
ער זעט דעם בור זיך גוידערן און בלאָזן אַראָגאַנט,
דעם שקר אומעטום ביי מזרח־וואַנט!

ער זעט דעם מענטשנס גריזעדיקע שנאה,
דעם מענטשנס פרעסעדיקע קנאה,
איז וואָס־זשע, וואָס־זשע לוינט זיך, האַ?
אַ לעבן אָט אַזאַ?

ער טראַכט, אַז אפשר טאַקע בלייבן זיצן,
דאָס מויל פאַרשליסן, צײַן פאַרקריצן,
און אויפגעבן דאָס שווער געפּעק
אָט דאָ אינמיטן וועג?

צי ווערט ער נישט, ווי יעדער, יעדער
געמאָלן צווישן שווערע רעדער?
יאָ, יאָ, ער איז, ווי יעדער דאָ,
און באַלד נישטאָ.

ג.

בן־אדם ציטערט איצט, אַזוינער איז ער?
האָט אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן דאָ ביזהער
דען גאָרנישט, גאָרנישט נישט געבערט
אויף אונדזער ערד?

געבערט, געבערט, נאָר דאָס איז דאָרטן,
און ער איז איצט אין גאָר אַן אַנדער גאָרטן,

וואו ערד איז האַרט, ווי קיזלשטיין,
און שווער איז אים צו גיין.

אין ברויזיק־ווינטיקע ווירוואַרן
מישט אויס זיך מיט די שווערע צער'ן
דאָס ביסל פרייד, וואָס ווען נישט ווען
איז דאָ מיט אים געווען.

דאָס ביסל פרייד, וואָס האָט געמוטיקט,
ליגט איצט ביי זיינע פיס צעבלוטיקט,
עס ווישט די וואונד מיט אירע הענט
פון זשאַר צעברענט.

אין ברויזיק שנאהקע געברויזן,
האָט ביסל פרייד נישט, וואו צו הויזן,
איז וואָס־זשע, וואָס־זשע טוט מען, האַ?
אַז לעבן איז אַזאַ?

אַ לעבן, וואָס איז שווער פאַרטשאַדעט,
שפּאַנט אום און פרעסט און יאַדעט,
פאַרקאַנסערט שווער דאָס אייגענע געביין,
איז ווי־זשע זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

עס זיצט בן־אָדם שווער פאַרלוירן,
באַדויערט וואָס ער איז געבוירן,
ווייל שווער איז אים ביז גאַר,
מיט אַט אַזאַ מין וואַר.

אַ וואַר, וואָס הענגט, ווי שווערע לאַפּע,
אַ ליאַדע וואָס, טוט זי דיין ליב אַ דראַפּע,
און אָפּטמאָל אין איר שנאה אויפגעברויזט,
פאַרוואַנדלט זי זיך אין אַ פּויסט.

אַ פּויסט, וואָס וואַרפט דיך צו דער נידער,
און פּרוּאוּסטו אויפשטיין, פאַלסטו ווידער,
און בלייבסט שוין, וואו דו ביסט,
אַ הויפן מיסט.

פון קנאה און פון שנאה אומגעטריבן,
האָט זיך בן־אָדם שטיל אַהער פאַרקליבן,
געמיינט די אָפּגעזונדערטקייט אָט־דאָ
וועט געבן אַ מנוחהדיקע שעה.

זעט אויס, אַז אויף דער ערד, דער רונדער,

נישטאָ, נישטאָ איז קיין באַזונדער.
אַלץ, אַלץ איז טייל פון נאָך און נאָך
און אַלץ צוזאַמען איז איין יאָך.

אַלץ, אַלץ איז טייל פון גרויסן גאַנצן,
און זעסטו עמעצן באַזונדער גלאַנצן,
איז ער אַ גלאַנציקער שליח בלויז
פון גאַנצן גרויס.

דאָס זעלבע ליכט ווערט דאָך אויף אַלעמען געפאַלן,
און זעסטו עמעצן באַזונדער שטראַלן,
איז אין זיין שטראַליקייט אויך דו,
ווייל אין זיך ליכט ביסטו.

אַלץ, אַלץ איז טייל פון עפּעס, וואָס איז גרעסער,
די שליסל זיינען טיילן פון די שלעסער,
און זעסטו אַ פאַרפייניקטן, וואָס שלעפּט די טריט,
איז פיין דאָך אויך אין דיין געמיט.

אַ סימן? אומרו דיינער, דער צעיאָגטער!
אַזוי פיל שווערע משא טראָגט ער,
און וואַרפט זי דאָך פון מידקייט נישט אַוועק
אין מיטן וועג.

דער אומרו, ער איז דאָך דיינער, מיינער, זיינער, אירער,
דער אומרו, ער איז דאָך אונדזער גרעסטער פירער,
ער איז די זריזה, ער איז די מיל,
אָן אים געוועזן וואָלט שאַ און שטיל.

דער אומרו? בן־אָדם קאָן אים, קאָן אים,
דער אומרו האָט אַ האַרעפּאַשנע פּנים,
און הענט, וואָס האָרעווען ביז גאָר
אין יעדן דור.

ד.

עס ברומט בן־אָדם: אַלץ, אַלץ איז דאָאיק!
נישטאָ אַזוינס, וואָס איז נישטאָאיק!
אויך די נישטאָאיקייט איז טיף פאַרוועבט
אין אַלץ, וואָס לעבט.

די איביקייט איז גאַנג אויף שווערע רעדער,
דאָס לעבן איז דיר נישט קיין פעדער,

וואָס איז אין הוילער לופט צעשוועבט,
און דאָך מען לעבט! מען לעבט!

זעט, זעט, מען לעבט אין שווערע קייטן אויך אפילו!
נו, יאָ, די טומלער רייטן אויף די שטילע,
נאָר אָבער אויך די לעצטע מיט אונדז דאָ
זיך ראַנגלען מיט דער שעה!

אַ שווער געראַנגל אָפטמאָל מיט אַ גאָרנישט,
מען טראַכט נישט, אַז מען טאָר נישט
אַ גיי טאָן איבער אַלעמען און אַלץ
פאָר שטיקל ברויט מיט זאַלץ.

מען טראַכט נישט, אַז מען טרעט אויף יענעם,
מען ווערט אַ שותף מיט דעם שר הגיהנום,
דאָס פלייש און ביין פון זיך אַליין
פאַרוואַנדלט מען אין שטיין.

נו, יאָ, נו, יאָ, אַזוי איז דאָס אַוודאי!
די וועגן זיינען נישט קיין גראַדע,
און מענטש? נו, יאָ, אַז ווי איז אים און ווינד,
ער איז דאָך שטענדיק קעגן ווינט!

עס זיצט און מורמלט ווייטיקלעך צו זיך בן־אָדם:
נעם, רייס פאַנאַנדער איצט דיין לעצטן פאָדעם,
און לאָז דאָס שפינדל בלייבן שטיין,
עלעהיי אַ שטיין.

אַ שטיין, אַ שטיין, — עס ציטערט דער בן־אָדם,
עס איז אַזאַ מין גרויסער שאָד אים
דעם זיידע־באָבעס וואונדערלעך געפּעק
צו לאָזן, ווי אַ שטיין אין וועג.

אַ שטיין? אַ שטיין? בן־אָדם טוט אַ ציטער,
זיין בליק ווערט העלער און צעגליטער,
און פלוצלינג זעט נאָר, זעט,
וואָס מיט בן־אָדמען געשעט!

אַ שטיין? אַ שטיין? — נאָר זיינען שטיינער
אויף ברעכן בלויז די קעפּ און ביינער?
אַ שטיין קאָן זיין אַ פונדאַמענט,
פון שטיינער מאַכט מען ווענט!

אויך שטיין איז נישט פאַר זיך אַליינִיק!
נעם, לייג צונויף אַ שטיין אויף שטיין, פאַראייניק,
און דו וועסט מיט דיין בליק דערזען
וואָס וועט געשען!

אַ שטיין אויף שטיין דורך שווערקייט און יסורים,
און פלוצלינג זע, — עס שטייט אַ טורעם,
וואָס שיינט, באַשיינט דעם וויטסטן וועג,
און פירט דיך צו אַ ברעג!

ה.

בן־אָדם עפנט ברייט פאַנאַנדער זיינע אויגן,
און פלוצלינג, זע, אַ וואונדערשיינער רעגנבויגן.
קאָלירן וואונדערלעכע און אַלערליי,
און ער אַליין איז צווישן זיי!

קאָליר געמיש, און נישט צעמישט זיך,
אַ פאַרב מיט אַ פאַרב, און נישט פאַרווישט זיך,
אָט שווער געוויכטיק, טונקל־גרוי,
און באַלד שוין גרינג און בלוי.

דער צער? נו, יאָ, ער איז פאַראַנען,
גאַר אַנדערש ווערט ער איצט פאַרשטאַנען,
עס איז אַ צער, וואָס גייט און גייט
צו ווערן גרויסע פרייד.

צו גרויסער פרייד און צו באַנייאונג,
צו העלן יום־טוב פון באַפרייאונג,
צו העלער זון, וואָס גייט און גייט,
און נישט פאַרגייט.

און פלוצלינג זע, עס ציט אַ פריידיקער בן־אָדם
אַרויס פון טאַש אַ נאָדל־פאָדעם,
און הויבט אָן ריסן צו פאַרנייען גיכער, גיך,
און שמייכלט גליקלעך שטיל צו זיך.

איז וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ שמייכל?
בן־אָדם איז איצט אינעם גרויסן היכל
פון איבעררשאַפונג אַלץ, וואָס איז כדאי
אויפסניי! אויפסניי!

ער גייט און גייט און הערט נישט אויף צו ברומען,
אַז גאָר אַ נייע, נייע וועלט וועט קומען,

אַ וועלט, וואָס זיין וועט זי
אַן אַנדערע, ווי די.

ו.

בן־אָדם שמייכלט פריידיק זיך פאַנאַנדער,
און נעמט זיך גרייטן צו אַ נייעם וואַנדער,
זעט, זעט, ווי פלינק ער בינדט צונויף שוין זיין געפּעק,
זיך גרייטנדיק צו נייעם וועג.

בן־אָדם איז שוין אויף די וועגן ווייטער,
פון ווייטן העלט נאָך העלער איצט דער שייטער,
און שיינט, באַשיינט זיין שווערן און עקשנותדיקן גאַנג,
און פון זיין בלוט גייט אויף אַ ניי און פריש געזאַנג.

געזאַנג פון אַלע לויטערסטע געזאַנגען,
געזאַנג פון גאַנג דעם הימל צו דערלאַנגען,
און אים אַרונטערברענגען צו דער ערד,
וואָס איז פון חושך נאָך באַשווערט.

געזאַנג פון מענטש צו מענטשן,
וואָס גריסן און זיך בענטשן
איבער יעדן שטעג און וועג
דורך די נעכט און טעג.

געזאַנג, וואָס קאָן זיך שוין פאַרגינען
צו וועבן און צו שפּינען
אַ טאָן מיט טאָן, אַ קלאַנג מיט קלאַנג
צוליב אַ שיין געזאַנג.

אַ שיין געזאַנג — עס זינגען דורות
צעשיינטע, ווי מנורות,
און דו ביסט צווישן זיי, —
בן־אָדם, זינג מיט — און גיי!

מ ש ה

א.

וועלכער קעניג אין זיין גרויסער קעניגרייך
איז צו משהס ריזן־גרויסקייט גליַיך?

אַזוי בלענדנדיק איז זיין געשטאַלט,
שטייסט און קוקסט און ווערסט באַשטראַלט.

נישט געווען אַזאַ, ווי משה, און נישטאָ,
אָבער ער אַליין איז דאָ, איז דאָ!

פילסטו דען נישט זײַן באַריר?
זע, אָט איז ער דאָך איר דיר, אין מיר!

דורות, דורות, און זײַן פּנים איז צעהעלט,
משה איז דער זין און תוך פון וועלט!

זין און תוך פון האַרטן, שטאָלענעם געבאָט
איבער דעם יסוד — גאַנצקייט פון אחד!

שפּאַנסטו, און דו ווייסט נישט, הער צי היך,
איז ער דער. וואָס ווײַזט דיר אָן וואוהין!

דורות, דורות — גלי פון אייביקייט צעגליט, —
משה איז דאָס ריינסטע און דאָס העלסטע ליד!

ליד שליחידיקס, פאַראויס אין פולן גאַנג
איז ווי שוועסטער משהס — מרימס אַ געזאַנג!

ב.

משה האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער עדה און
מיט זײַן תלמיד יהושע בן־נון,
און אין דורכן טאָל מואב אויפגעגאַנגען אויפן באַרג נבו.
שווער געווען איז די צעשיידונג, ווייטיקדיק אַזוי.
שטיל האָט אין זכרון זײַנעם דורכגעשפּאַנט
דער שווערער גאַנג צו אָט־דעם לאַנד.
משה האָט געקוקט פון ווײַטער הויך אויף לאַנד כנען,
און געטרייסט זיך, וואָס עס איז פאַראַן
אַ יהושע, וואָס וועט ממשיך זײַן דעם גאַנג.
דעמאָלט איז אַ וואונדערלעך געזאַנג
אויפגעגאַנגען פון דער נידער אינעם טאָל.
משה האָט אין דעם געזאַנג דערהערט זײַן עדהס קול,
און אויף דעם די הענט געשפּרייט,
בענטשנדיק דאָס פאָלק מיט אייביקייט.
ניט קיין חידוש, וואָס דער נאָמען איז אויך היינט צעגליט,
משה איז דער נאָמען פונעם ליד.

ג.

פונעם סיני ביז דעם באַרג נבו,
פאָלקס־געבורט, אַ נייער, איז

אויפגעגאַנגען, ווי די זון אויף טוי,
ווי עס גייט צום ציל אַ ריז.

פּאַלק אין קנעכטשאַפט אונטער פויסט
האָט זיך אויפגעהויבן און, —
איצט איז דאָס פון פרייד צעברויזט,
און צעליכטיקט, ווי די זון.

שווערער גאַנג, נאָר גאַנג אין טראָט
צו אַן אויפגעשיינטער וועלט,
און אין גייענדיקן טראָט איז דער אחד
טיף צעליכטיקט און צעהעלט.

און אַז משה האָט דערזען, דערפילט,
אַז ער איז אין פּאָלק פאַרוועבט,
האָט ער זיך אין שטילקייט איינגעהילט
און אין לעבן זיך צעשוועבט.

דורך די דורות איז ער אומעטום,
שוועבט דורך נעכט און דורך די טעג, —
זאָגט דיין קול דיר: — גיי, און קום,
ביסטו משה אויפן שווערן וועג.

ווער אַן אויג האָט, דער דערזעט,
ווער אַן אויער, — דער דערהערט, —
משה איז דאָס ליד פון דעם פּאָעט,
משה איז יסוד פון אונדזער ערד.

נישט פאַרשוואונדן, — איז ער דאָ
אומעטום מיט אונדז אויך היינט, —
זע, עס גייט פאַראויס די שעה,
און אין איר איז ער צעשיינט!

פונעם סיני ביז דעם באַרג נבו,
און אַלץ ווייטער, ווייטער נאָך, —
גרינגער, גרינגער ווערט אַזוי
מיט זיין שיין אין וועג דער יאָך.

ד.

שטיל האָט דער מאָרגן זיך געשפּרייט איבערן זאַמד, דעם צעגילדטן,
נאָר נישט שטיל געווען איז משהס האַרץ איבער שטח, דעם פאַרשטילטן.
ליב איז אים געווען זיין ווייב צפורה, ליב אויך זיינע יונגע קינדער,
און נישט שווער געווען איז צוליב זיי היטן יתרוס שאָף און רינדער,

אָבער עפּעס האָט זײַן האַרץ גענאַגט, און זײַן בלוט געזויגן.
הינטער אים, אין געבורט־לאַנד זײַנס מצרים איז זײַן פֿאָלק געבויגן,
און פֿאַרקנעכט אונטער בײַטש אין שווערער לאַפּע פֿון באַצווינגער.
ליב איז אים זײַן ווײַב געווען, ליב אויך זײַנע קינדער, נאָר נישט גרינגער
ווערט צוליב זיי גורל שווערער פֿון די שוועסטער און די ברידער.
טרעפֿט נישט איין מאָל, אַז אַ משה בויגט זײַן קאָפּ אײַן צו דער נידער,
און אַז דעמאָלט הויבן אין דער טשערעדע אָן מעקען זײַנע שאָף און ציגן,
הערט ער ווײ־געשרײ פֿון טאַטע־מאַמעס, זעט ער קינדער שלעפּן פֿון די וויגן
דורך באַצווינגערישע הענט פֿאַר די קאַלטע וואַסערן פֿון נילוס.
גרינגער איז נישט, ווען די טשערעדע אפֿילו שטיל איז!
קולות, קולות, — אָט־אָ שרײַען זיי צו אים אויך איצט אין פֿיבער,
איז קיין חידוש נישט, וואָס עס טרעפֿט, ער לאָזט די טשערעדע אויף הפקר איבער.
זע, אָט פּיסלט זי זיך אויפֿן זאַמד, און קיין סימן נישט פֿון גראָזן.
בלויז אַ דאָרן אויסגעדאַרטער שטייט פֿאַרגעסן און פֿאַרלאָזן.
משה דעכלט מיט די פֿינגער איבער זײַנע אָנגעשטרענגטע אויגן,
מדבר ליגט אָן אָנגעגליטע אין דעם גאַנצן קײַלעך אויסגעצויגן,
פֿעלזנדיקער חורב — אַ פֿאַרטריקנטער געשוויר, וואָס שײלט זיך,
ווינטל שפּילט זיך מילד אום, ווי אַ קינד, ציגעלע פֿאַרגייט, און טײלט זיך
אָפּ פֿון טשערעדע, הויבנדיק דאָס קעפּל צו דעם בלויען הימל.
פּלוצלינג זע, — אַ חלום אפֿשר? — איז ער דאָך נישט אין קיין דרימל!
פֿײַער־פֿלאַם צעציט זיך און צעברענט זיך פֿונעם דאָרן,
אָט אַ קנוילנדיקער און אָט אַן אויפֿגעברויזטער פֿול מיט צאָרן,
און אַ קול גייט אויף פֿון דאָרן — דאָס קול צערופֿן איז צו וועמען?
משה פֿילט דעם אָפּשײַן פֿונעם פֿײַער־פֿלאַם אויף זײַנע ברעמען,
און ער בויגט דעם קאָפּ, און זײַנע קניען פֿאַלן צו דער נידער, —
און דאָס קול אַלץ קלאָרער, העלער דרינגט אין זײַנע גלידער.
ווער בין איך? און וואָס בין איך? און וואָס איז דען מײַן יחוס
זוכה זײַן צו נעמען אויף די פּלייצעס אָט אַזאַ שליחות?
משהס גלידער אויפֿגעברויזטע, צאַפּלען זיך קאַנוואָלסעדיק אין ציטער,
און דאָס קול אין אים דרינגט טיפֿער, העלער און צעגליטער.

ה.

קול

— משה, צי אַראָפּ די שיך,
ווײַל אַ הייליקס איז דאָס אָרט!

קול

— וואָרט איז דײַנס, עס איז אין דיר,
אין דער טיפֿעניש פֿאַרזייט!

משה

— ווער און וואָס בין איך,
וואָס איז זוכה צו דײַן וואָרט?

משה

— אומרו יאָגט זיך אום אין מיר,
ווי אַ ווינט אין פֿעלד צעוויט.

קול

— פאָלק דיינס טראָגט אויף זיך
אין מצרים עול, וואָס דריקט.

משה

— פאָלק מיינס האָט פאַרטריבן מיך,
איז מיט מיר צעקריגט.

קול

— נישט דאָס פאָלק, נאָר קראַנקער גליד,
וואָס צעפוילט איז אויף זיין גוף!

משה

— ווער וועט שטאַרקן מיינע טריט
אינעם גאַנג צו אָט־דעם רוף?

קול

— רוף וועט שטאַרקן דיך אין גאַנג,
און באַהיטן דיינע טריט.

משה

— מיינט עס, איך בין דאָס געפאַנג
אין מיין אייגענעם געמיט?

קול

— גוט איז דיר, און וואויל איז דיר
מיט אַזאַ מיין העל פאַרמעג!

משה

— ערד און הימל, זייט מיט מיר
אויף מיין גרויסן שווערן וועג!

ו.

משהס דראָענדיקע ווערטער דורך זיין ברודער אהרנס מויל.
פּרעה אויפן טראָן איז האַרטנעקיק אויך אין פּנים פון דעם גרויל.
זע, ער וואַרפט זיך, שיפּעט גיפטיק, ווי צעהאַקטע קלאַפּער־שלאַנג,
נאָר אַ הילפלאָזער איז ער אַנטקעגן משהס ברויזנדיקן דראַנג.
משה קייטלט צו זייך גורל צו זיין שווער־געדריקטן דור.
איז מיט אים געדולדיק אין דער מדבר גאַנצע פערציק יאָר.
פאָלק האָט זיך באַפרייט פון יאָך, אָבער איז נישט פריי אין זיך אַליין.
ים געשפּאָלטענער און קוואַליק וואַסער פון אַ האַרטן שטיין,
נעם אַן עמער אין די הענט, און שעפּ און שעפּ.
וויפל מאָל האָט דאָס געבענקט נאָך די מצרימדיקע טעפּ,
כאָטש פון הימל איז געפאַלן זיסער, האָניקדיקער מן.
טעגלעך — עמוד־ענן, נאַכטלעך — עמוד־אש פאָראויס, ווי אַ פלאַטערדיקע פאָן.
אָבער נסים ונפלאות זיינען נישט סימנים פון אַ פאָלקס־דערוואַקסנקייט.
אויך דאָס קול פון סיני האָט דאָס גאַנצע פאָלק נאָך נישט באַפרייט.
גאָלדן קאַלב און קורחס אויפשטאַנד. — וויפל שווערע פּיין, —
איבערטראָגן אָט אַזוינס האָט מען נאָר געדאַרפט אַ משה זיין!

ז.

בליצן, דונערן און קרייזלדיקע רויכן,
סיני צווישן זיי אינמיטן, —
קול צעברויזט פון הויכע הויכן
אויפן האַרץ פון פאָלק צעגליטן.

אַזאַ ברויזנדיקער, שווערער ציטער
האָט דעם פאָלק אַרומגענומען, —
וואָרט פון אויפגעלויכטענעם געביטער,
און דאָס פאָלק האָט אָנגענומען!

וואו איז משה? הויך פון אויבן!
זע, אַן אויפגעלויכטענער, צעשטראַלטער
האַלט ער זיינע הענט געהויבן
איבער וועלט צעיובלטער, צעשאַלטער.

קרייזלדיקע רויכן, דונערן און בליצן,
נאָר דאָס קול איז העכער און צעגליטער,—
ווערטער — שאַרפע שפּיזן — קריצן
זיך אין אַלעמענס געמיטער.

טאָג האָט אויפגעמאַכט די אויגן
מיט קדושה און מיט יראה,
און דאָס פאָלק האָט קאָפּ געבויגן,
און געזונגען שירה.

קדוש, קדוש, — אַלץ אין אונדז קדושה!
דור וועט דור דאָך איבערגעבן
אָט־די ליכטיקע ירושה
פאַר דערהויבנקייט פון לעבן.

ח.

מיט די לוחות אין די אָרעמס האָט ער פון באַרג סיני צום מדבר־זאַמד גענידערט.
אָוונט־שעה האָט זיך געשפּרייט, און ווי מאַמע־האַנט געגלעט און צונויפגעגלידערט
אַלע טיילן אין דער וואונדערלעכער און אין־סופיקער יצירה.
משה איז געגאַנגען אין אַ קרייז פון אויפגעלויכטענער און זינגענדיקער שירה,
געטראָגן די פרוכט פון זיין התבודדות צו דער אויסגעבענקטער עדה.
הימל האָט זיך צו דער ערד געבויגן, ערד צום הימל זיך געהויבן, און זיי ביידע
האָבן זיך באַהאַפטן מיט די אותיות אויף די לוחות פאַר די קומענדיקע דורות.
העל געפינקלט האָבן דעמאָלט אַלע שטערן, ווי די פלעמלעך אין די רערלעך פון מנורות,
און לבנה האָט געשפּרייט פאַר משהס טריט מיט טעפּיכער פון זילבערנע געוועבן,
משה איז געגאַנגען און געטראָגן אין די אָרעמס די אַנטפּלעקונג פונעם לעבן,
וואָס האָט זיך אין דער איינזאַמקייט פון סיני־שפּאַלטן
אַזוי לאַנג פון זיין פאָלק ישראל אויסבאַהאַלטן.
אָבער, ווען ער איז דערגאַנגען און געקומען, איז אַנטפּלעקונג זיך צעפאַלן.
בליצן האָבן זיך צעבליצט און דונערן האָבן אָנגעהויבן קנאַלן,
דראָענדיק דעם קיום פון דער וועלט, — אים צעוואַלגערן, צעשטויבן.
משה האָט די לוחות צו דעם גרויסן, צאָרנדיקן כוח אויפגעהויבן,
און אַ וואָרף געטאָן זיי, — שטיקער זיינען זיך צעפאַלן פאַרן פּנים פון דער עדה, —
עגל־הזהב — טמא קרבן אויף מזבח, און קדושה איז אַרויף אויף דער עקדה!

ט.

ווי דעם זייער, וואָס פאַרזייט אין ליבשאַפט בלומען־קערנער,
און עס וואַקסן אויף להכעיס שטעכעדיקע דערנער!
אַזאַ זייער רייסט די וואָרצלען פון די בייטן
און ער שיקט זיי צו דעם ווינט, צעזווייטן!

משה מיט די לוחות אין די אָרעמס איז געשטאַנען,
צוגעזען, ווי קטורת פון די פייער־פאַנען
רויכערט זיך צום עגל גאָלדענעם אויף דעם מזבח, —
איבלדיק און ביטער איז געוואָרן פאַר אים דער ריח!

איבלדיק און שטיקנדיק און אַזאַ בזיון!
שווער געווען איז משהן דער נסיון,
און זיין קאָפּ האָט זיך געבויגן,
און פאַרמאַכט האָט ער די אויגן.

אַזאַ ברענענדיקער צאָרן האָט זיין האַרץ אַרומגענומען!
משה איז געגאַנגען, משה איז געקומען,
און אָנשטאָט אַן עדה פון קדושה
האָט באַגעגנט אים די בושה.

מי לה'! — קול צעגליטס, און פייער אין די אויגן, —
שבט לוי נישט געשטרויכלטער האָט די שווערד געצויגן
אין געררירטקייט פון משהס ווערטער, די טיף צעגליטע,
און דאָס מדבר־זאַמד האָט זיך צערויטלט פון דער שחיטה.

י.

משה האָט זיך אָפּגעשיידט, דערווייטערט פון דער עדה.
אין זיין גרויסן צאָרן האָט ער אויפן פייער פון עקדה
זיין דערקענטעניש געוואָרפן. שטילע, קילע סיני־שפּאַלטן
האָבן אין פאַרבאָרגענישן אים געהאַלטן,
און דאָס פאָלק, וואָס איז געבליבן,
האָט, ווי טשערעדע אָן פּאַסטוך, עלנט און אַליין זיך אומגעטריבן.
בושה און חרטה האָבן, ווי די שאַרפסטע ריטער
שווער געשלאָגן די געמיטער.
— משה, משה, אונדזער לעבן נאַקעט, הויל איז!
משה! משה! — האָט דאָס פאָלק גערופן אויף די העכסטע קולות.
אויסגעלייזדיקטע, פאַרלאָזטע, זיינען מיר, ווי וואָרצלען איינגעדאַרטע!
נאָר די קולות האָבן זיך צעשלאָגן אויף די סיני־פעלזן שווייגנדיקע, האַרטע,
און קיין ענטפער איז אַלץ נישט געווען צו הערן.
משה האָט זיין האַרץ פאַרגליווערט אין אַ שטיין אַ האַרטן און אַ שווערן
צו דעם פאָלקס געוויינען און געשרייען:
— עם קשה עורף! — זאָל דער ווינט אין מדבר דעם צעווייען! —
האָט ער בייז געברומט אין שווערן צאָרן.

***

און איצט, אויפן באַרג נבו, האָט משה אויפגעמישט אין זיין זכרון
יענע שווערע טעג און נעכט אין די שפּאַלטן פונעם סיני קילע, שטילע,
און אַ פריידן איז אויפגעגאַנגען טיף אין אים פאַר דער זכיה פון מחילה,
וואָס איז סוף־כל־סוף צו אים געקומען,
און נישט מער קיין ברומען

זיינען פון זיין מויל געוועזן שוין אָט־די ווערטער,
נאָר פון פירער גרויסן, וואָס איז אַ דערזעענער, דערהערטער.
קולות האָבן זיך הילכיק צעזונגען:
פון דער ווייטסטער ווייטקייט האָבן גלעקער זיך צעקלונגען,
— קדוש! קדוש! קדוש!
און אַזאַ שיר חדש
האָט אַ קלונג געטאָן איבער אַלע וועלטן
צו די שוועלן פון די ערשטע פֿאָלקס־געצעלטן.

יא.

פון דעם מדבר־סיני דורך די מואב־טאָלן ביז דעם באַרג נבו.
משה האָט פון באַרג געקוקט דורך דעם אָוונטיקן טוי
איבער פליסנדיקן ירדן צו דער ווייטער־ווייט.
זע, ער קוקט נאָך איצט. עס האָט די צייט
נישט אָפּגעווישט זיין שטראַלנדיק געשטאַלט.
הילכיק איז זיין קול צעשאַלט,
צעהעלט, צעשיינט
אויך היינט!

ע מ ו ס

פול מיט ציגן־מעקעניש איז געווען די פֿרימאָרגנדיקע לופֿט,
און צווישן דעם אַ מענטשנס קול הילכעדיק צערופֿט:
— דריי מאָל געזינדיקט, און איצט צום פערטן מאָל?
די פּאַסטוכער אין דעם אויסגעשפּרייטן טאָל
האָבן די אַקסלען געצוקט
און זיך איבערגעקוקט.
און דאָס קול האָט זיך געטראָגן,
און ווי אַ רוט געשלאָגן:
— און די געצעלטן פון די פּאַסטוכער וועלן טרויערן אין ציטער,
און דער שפּיץ פונעם כרמל וועט זיך ברעקלען פון געוויטער.
איינער פון די פּאַסטוכער איז געבליבן שטיין,
און אַ קריץ געטאָן די ציין:
— נו, אַ יונג,
אַז אָפּדאָרן זאָל די צונג
ביי אים אין מויל!
עס שלאָגט מיט אַזאַ שווערן גרויל
פון זיין געשריי!

און דאָס קול האָט זיך געוויגט: — אַז ווינד און ווײ
צו דיר, דמשק!
— געהערט אַ חשק
זיך בײַיערן אויף אַ פֿאָלק, וואָס וויט און פֿרעמד! —
האָט נאָך עמיצער געברומט, און עמוס אין זיין גרויען העמד
אַ הינטער זיינע אויסגעדאַרטע ציגן
האָט זיך באַוויזן, און קול זיינס האָט נישט אויפֿגעהערט די לופֿט צו וויגן:
— פֿאַר זילבער־געלט קויפֿט מען די גערעכטיקייט פֿאַר זיך,
און דעם אָרעמאַן פֿאַרקויפֿט מען פֿאַר אַ פֿאָר שיך!
אַלץ, אַלץ האָב איך געטאָן, — געוואָרנט און גערעדט צו דיר,
און דו האָסט זיך נישט אומגעקערט צו מיר!
— דריי מאָל האָט איר שוין געזינדיקט, און צום פֿערטן מאָל?
אָ, הערט, איר קינדער פֿון ישראל,
גאָטס קול רעדט שווער אַנטקעגן אײַך, —
ער האָט אַרויסגעצויגן אײַך פֿון דער קיניגרייך
אין לאַנד מצרים,
און געבראַכט קיין ירושלים,
און איר?
די זון האָט מיט אַ גילדענעם קאָליר
אויף עמוסן געקוקט,
און די פּאַסטוכער האָבן מיט די אַקסלען אומרואיק געצוקט,
עמיצער האָט בייז אַ פּאָך געטאָן אין לופֿטן מיט זיין רוט:
— נישט גוט! נישט גוט
מיט אָט דעם יונג!
— נו, אַ צונג! אַ צונג! —
האָט ער אַ ברום געטאָן,
און געפֿרעגט מיט חוזק אין זיין טאָן:
— העי, עמוס, עמוס,
וואָס אַזוינס איז דיין צאָרן היינט מרמז?
איז דאָס דמשק, צי
מיר דאָ־הי?
— כאַ! כאַ! כאַ! — האָבן זיך די פּאַסטוכער צעלאַכט,
און עמוס האָט געקוקט פֿאַר זיך פֿאַרטראַכט,
און גאָרנישט נישט געזאָגט.
ערגעץ האָט אַן אייזל זיך צעקלאָגט,
און אַ ציג האָט זיך צעציקלט,
און אויפֿן באַרג האָט זיך געוויקלט
דאָס דערפֿעלע תקוע
אין אַ טויאיק, דינעם שלייער.

ב.

שפּעטער איז ער געלעגן אינעם קילן שאָטן פון אַ שיקאַמאָרן־בוים,
און די אויגן זײַנע האָבן זיך געשפּילט אינעם רוים
פון צעליכטיקטן קאַיאָר.
אַ ווינטל האָט געקרייזלט זײַנע האָר,
און געקעמט זיי מיט די שטראַלן פון דער זון.
ער איז געלעגן און געטראַכט פון יהושע בן נון,
וואָס האָט אָפּגעשטעלט די זון אין פאַרנאַכטיקער שעה,
און צער געהאַט הלמאי עס איז נישטאָ
אויך היינט אַזאַ, ווי יהושע איז געווען.
פּלוצלינג אַ רעש. — איז עפּעס מיט זײַן ציגן־סטאַדע געשען?
קלאַנען זײַנען אין געיעג, — אַוודאי אַ חיה רעה
ערגעץ נאָענט דאָ!
און שוין איז ער געווען אויף די פיס,
און ווי אַ ווינט אין אַ ריס,
האָט ער זיך איבער די גרויליקע שטיינער צעיאָגט.
ערשט, ער זעט, אַביסל גרינס בלויז איז דאָס געווען, וואָס האָט געלאָקט
די ציגן צום געיעג,
און איצט צחפּן זיי דאָס מיט גיריקייט, ווייל שוין טעג,
אַז זיי האָבן אַזוינס נישט געהאַט,
און נישט געגעסן צו זאַט.
און עמוס איז געבליבן שטיין,
און געפרעגט ביי זיך אַליין:
— צי מעג אַ פּאַסטוך זיצן אונטער אַ בוים,
און זיך פאַרשפּילן מיטן רוים,
ווען עס וואַקסט נישט פאַר קיין הונגעריקע ציגן קיין גראָז?
און אַז ער האָט געפרעגט, איז שוין געקומען נאָך און נאָך אַ פאַרוואָס?
— פאַרוואָס איז דער טאָל מיט גראָז אַזוי קאַרג?
— פאַרוואָס איז אַזאַ האַרטער דער באַרג?
— פאַרוואָס איז אַט־דאָ אַזאַ טריקעניש?
פון אַט־די פאַרוואָסן איז דער גאַנצער אַרום געוואָרן אַ געמיש
און אַ שווערקייט איז געפאַלן אויף זײַן געמיט.
די זון האָט געגליט,
ווי גליאיקער זשאַר,
און ער האָט אין זײַן גרויסן צער
זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין.
ער האָט זיך דערפילט אַזוי קליין,
און הילפלאָז, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע רינד,
ווי אַ בלעטל אַן אָפּגעריסנס פון אַ בוים אין ווינט,

וואָס טראָגט זיך אַהער און אַהין,
און ווייסט נישט וואוהין?

ג.

— גאָט פון מײַנע אבות!
ביסט אַ יודע מחשבות,
און וואָס ביסטו נישט?
אַ ווינטל האָט אים דעפרישט,
און ער האָט ווידער
דערפילט זײַנע גלידער.
ער האָט זיך געשטעלט און אויף זײַן שטעקן אָנגעשפּאַרט,
האָט ער געקוקט אין דער ווייט, ווי ער וואָלט אויף עמיצן געוואַרט.

ד.

די דרעמלענדיקע געצעלטן פון תקוע
האָבן זיך געוויקלט אין אַ שלייער
פון דינעם, גרוילעכן שטויב אין דער לופט.
— איז ערגעץ אַ קול צערופט?
די פּאַסטוכער אַרום זײַנען געלעגן אין שאָטנס פון שטיינער פאַרהילט,
און יעדער פון זיי איז געווען אין אַ דרימל פאַרשטילט,
איז פון וואַנען דאָס קול?
עמוס האָט אויפגעהויבן זײַן בליק פונעם טאָל
צום שפּיץ פונעם באַרג, צו תקוע, — זײַן היים.
די געצעלטן פונעם ווייכן, קרישלדיקן ליים
האָבן זיך געפינטלט איבערן שפּיץ פונעם באַרג,
און אויסגעזען האָבן זיי, ווי אָפּגעריסענע קינדער אויפן קאַרק
פון אַ דרעמלענדיקן ריז,
וואָס רוט אויף זײַן שווערד און זײַן שפּיז,
און באַלד, באַלד וועט ער זיך טאָן אַ צעוועק,
און ווידער זיך לאָזן אין וועג.
— וואוהין? אָ, וואוהין?
— אַהין! אַהין!
צום ווייטן פאַראויס! —
האָט געענטפערט אַ קול אין געברויז,
און געקלונגען האָט דאָס, ווי אַ שטרענגער באַפעל.
און כאָטש דער טאָג איז געווען שוין ליכטיק און העל,
האָט עמוס אויפגעציטערט פון גרויל.
אַלץ אַרום אַזוי נאַקעט און הויל,
די פאַסטוכער רוען צונויפגעקנוילט,

די ציגן זײַנען צעמוילט
מיט די וואָרצלען, וואָס צווישן די שטײנער,
צעוואַכט איז דאָ חוץ אים נישט קײנער,
איז פון וואַנען דאָס קול?
שווײַגנדיק איז געלעגן דער טאָל
אין דער ברײט און דער ווײט.
— עמוס, עמוס, עס איז געקומען דײַן צײַט! —
האָט ווידער אַ שלאָג געטאָן אין זײַן געהער.
— ווער רופט עס מיך, ווער?
און וואָס וויל ער פון מיר?
— עס רופט צו דיר
דער באַשעפער פון יצירה!
— האָסטו זיך פאַרבענקט נאָך אַביסל שירה?
נאָך חניפהדיק געזאַנג
פון לויב און פון דאַנק?
איז הער־זשע, אויב יאָ,
איז בײַ עמוסן אַזױנס נישטאָ! —
האָט ער אַ ברום געטאָן מיט צאָרן.
אָבער דאָס קול איז נאָך ברויזיקער געוואָרן:
— נישט שירה, נאָר שליחות!
— און וואָס איז מײַן יחוס,
אַז איך זאָל זײַן דער?
— הער, הער,
עס רעדט צו דיר דער אחד!
— פאַר מיר ביסטו אַלץ נאָך אַ סוד!
— דער סוד וויל מער קײן סוד פאַר דיר נישט זײַן!
— איז וואו־זשע איז די שײַן,
וואָס זאָל מיך פירן צו דײַן טיר?
— די שײַן איז אין דיר!
— אין מיר. דעם ציגן־טרײַבער
דעם שיקמאָרן־קלײַבער
— אויך משה איז אַ פאַסטוך געווען!
און ער האָט דערזען,
און ער האָט דערהערט!
עמוס איז געפאַלן צו דער ערד
אַן אויפגעציטערטער מיטן פּנים אַראָפּ,
און די זון האָט זיך צעשפּילט אויף זײַן קאָפּ.

ה.

יעדער אָוונט איז געווען אַ טונקעלער און אַ קילער.

דער הימל האָט געקוקט אַזאַ שטילער
אויף די פּאַסטוכער, וואָס האָבן זיך אַרום אַ רויִקן שייטער פּאַרקליבן.
אַ ווינטל האָט געקרייזלט דעם רויך און אים צו דער טונקלקייט געטריבן,
פון יענער זייט בערגל האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּן פון ציגן
און עמוס איז געזעסן מיט די פּאַסטוכער און געשוויגן.
— אַ, עמוס! אַ, עמוס!
אויף וואָס איז דײַן שוויגעניש הײַנט דאָ מרמז? —
האָט איינער געפרעגט, און אַ צווייטער
האָט אונטערגעכאַפּט אַ שטעכיקער און אַ דערפרייטער:
— מסתמא מקנא דעם שבט לוי, וואָס קריגט דעם בעסטן ביסן!
הם, יאָ, אַביסל וואַסער גיסן
אויף כוהנימשע פינגער
און אין מקדש זײַן אַ שפּילער און אַ זינגער
איז אַוודאי גרינגער,
ווי ביי ציגן זײַן אַ שטענדיקער עבד!
— און די כוהנים? — זיי זײַנען אויך פון דעם זעלביקן שבט! —
האָט אַן אַנדערער אָנגעהויבן ברומען.
— דו פּרוּאוו נאָר קומען
צו אָט די כוהנים מיט אַ תקוער ציג, אַן אויסגעדאַרטע!
— וואָס דאַרפן זיי ביינער האַרטע,
וואָס זעטיקן נישט קיינעם,
אַז פאַר יעדן איינעם
איז אָנגעגרייט דער פעטסטער חלק?
— בושה! חרפּה! — כוהנים און לוִיִים זײַנען הייליק! —
האָט אַ זקן פון דער מסיבה זיך צעבייזערט מיט אַ שטרענגער מינע.
אָבער דאָס געבייזער האָט נישט אָפּגעווישט די שווערע קנאה,
וואָס האָט געוואָרצלט ביי די אָרעמע פּאַסטוכער אַרום תקוע.
אַ ווייל איז שטיל געווען. דער רויִקער שלייער
פונעם שייטער האָט זיך געוויקלט אַרום דער מסיבה.
עמיצער האָט אַ שיר פאַרצויגן וועגן זײַן ליבע
צו אַ בתולה, וואָס איז שענער פון אבישג־השונמית.
— וואָס־זשע שוויגט הײַנט טאַקע אַזוי עמוס?
מסתמא פאַרבענקט נאָך די בתולות פון די רײַכע האַרן
אין וועמענס היימען ער קומט אין ירושלים מיט זײַנע שיקאָמאָרן.

דורכגעוואונקען האָבן זיך די פּאַסטוכער, און גוטמוטיק געשמייכלט.
— זאָג נאָר, עמוס, וועדסטו כאָטש אַמאָל געקעכלט
מיט דעם פעטן געבראָטנס פון זייערע פייערפאַנען!
— נישקשה, ביי די האַרן פון ירושלים איז אַזוינס געווען פאַראַנען! —
און ווידער האָט די שנאה, אַ צעברויזטע זיך גענומען טראָגן.

ערגעץ האָט אַן אייזל אָנגעהויבן אויפן קול צו קלאָגן,
און אָפּגעענטפערט האָט דעם באַלד אַ מעקעניש פון ציגן.
עמוס איז געזעסן און געשוויגן,
קוקנדיק פאַרטראַכט
אין דער טונקלקייט פון נאַכט.
— איז וואָס־זשע טאָקע אַזאַ שווייגעניש היינט, עמוס?
ביסטו איצט אויף עפּעס מרמז,
צי שוויגסטו, ווייל האָסט נישט וואָס צו זאָגן?
— מאָרגן וועט ער זיינע שיקאַמאָרן טראָגן,
פאַר די האַרנטעס — די אָנגעבלאָזענע,
די צעלאָזענע,
און אַ ציג אויך מיטפירן אין שטאָט אַריין!
— — נו, יאָ, נישט יעדער קאָן אַן עמוס זיין! —
האָט עמיצער געחוזקט מיט שאַרפער קנאה,
און צעוויגט האָט זיך די שנאה:
— ציגן־טרייבער!
שיקאַמאָרן־קלייבער!
און אַ נביא אויך ביי יידן, —
און מיינט איר, אַז ער איז צופרידן?
— זאָג נאָר, עמוס, וויפל שקלים־זילבער האָסטו אָנגעקליבן?
פלוצלינג האָט דער ווינט זיך בייז צעטריבן,
און אַ יאָג געטאָן דעם רויך אין ווינצלערס אויגן.
עמוס האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
צוגעדעקט דאָס פנים מיט דער האַנט:
— עמוס, עמוס! ביסט קיין נביא נישט אין אייגן לאַנד!

ו.

אויף מאָרגן האָט זיך עמוס מיט זיין אָרעמען געפּעק
געלאָזט אין ווייטן שווערן וועג
דורך באַרג און טאָל
פון יהודה קיין ישראל.

און אַז ער איז אָנגעקומען,
און באַנומען,
אַז נאָך זינדיקער איז אפרים
פון ירושלים,
אַז מענטשן זיינען דאָ אויך איינגעטיילטע, —
אויף נאָמענלאָזע און אויף אויסדערווײלטע,
איז ער פון יסורים
אויפגעגאַנגען, ווי אַ שטורעם:

— געשריי פון לייב, — ווער וועט זיך נישט דערשרעקן?
גאָטס וואָרט צעברויזט, — עס רייסט זיך צו אַנטפּלעקן!
— פּאַלש איז דאָ דער שופט, לינגנעריש דער כּוהן!
און די גרויסע האַרן בויען
זיך פּאַלאַצן פון גינגאָלד און פון העלפאַנט־ביינער!
פּלוצלינג האָבן ווערטער זיך ווי שווערע שטיינער
אין לופט פון לאַנד גענומען וויגן:
— ווער איז דער, וואָס איז אַזוי צעשריגן,
לעכערט מיט זיין קול די ווענט, און דעכער,
סמט דעם וויין אונדז אין די בעכער, —
וואָס איז זיין געשריי מרמז?
— אַ שלעפּער פון יהודה, — מען זאָגט, ער רופט זיך עמוס! —
— צוצוהערן זיך צו אים איז אַ בזיון!
אָפּגעענטפערט האָט אַ פּאַלשער כּוהן.

ז.

בית־אל האָט געאָטעמט מיט דעמפּע, שווערע ריחות
פון פעטע קעלבער אָפּגעבראָטענע אויף די מזבחות,
און שמעקנדיקער בוימל אויף אויסגעצירטע ווייבער.
כּוהנים האָבן אומגעוויגט די פעטע לייבער
צו די רייצנדיק־פאַרשייטע כּנור־קלאַנגען,
און די רייכע האַרן זיינען אומגעגאַנגען
זיך בלאָזנדיק פון פוסטער גאווה.
רויע, אויפגעברויזטע תּאווה
האָט אויף אַלע גאַסן הויך געשריגן.
נאָר דאָס קול האָט נישט אויפגעהערט אין דער לופט זיך וויגן:
— קומען וועט אַ שטורעם,
און ער וועט דעם שטאַרקסטן טורעם
פאַנאַנדערוואַרפן!
שונא מיט אַ שווערד אַ שאַרפן
שניידן וועט, פאַרשניידן!
נישט פאַרמיידן
וועט קיינעם דאָ זיין צאָרן!
— ווי, וואָס פון ישראל איז געוואָרן!
יתום איז פאַרלאָזט, אַ פאַרשעמטע די אלמנה.
אַבי מען ברענגט אַ קאַלב, אַ פעטע, אַ מתּנה
צום מזבח פאַרן כּוהן,
מעג מען זיך אין זינד שוין ראַיען! —
האָט דאָס קול, ווי אַ מעסער געשניטן,

און קיינעם נישט פֿאַרמיטן.
— זעט, די ווייבער אויסגעפּאַשעטע, ווי קי פֿון בשן פֿאַר מזבח,
און די כּהנים שפּרייטן דעם געדעמפּטן ריח
פֿון פֿליישן און פֿון ווײַנען פֿאַר די זויפֿער, און די פֿרעסער!
שווער האָט זיך דאָס קול געטראָגן און געשניטן, ווי אַ מעסער:
— ווער איז ער? און וואָס איז ער דאָ אונדז מרמז?
— אַ שלעפּער פֿון יהודה, — מען זאָגט ער רופֿט זיך עמוס!

ח.

שווער האָט זיך דאָס קול געוויגט אין די אָונטיקע שעה'ן.
— וואָס וויל ער מיט זיין שעלטן, און זיין דראָען? —
האָט אמציה, דער אָנגעפּרעסענער כּהן, געצאָרנט,
און נישט איין מאָל עמוסן געוואָרנט
צו פֿאַרלאָזן די מדינה.
— גיי צוריק אין דיין יהודה מיט דיין שיפּענדיקער שנאה!
האָט ער צאָרנדיק אויף אים געשריגן.
אָבער קול פֿון עמוסן האָט נישט געשוויגן,
אָפּגעענטפֿערט האָט דאָס שאַרפֿער און צעגליטער,
און געשלאָגן האָט דאָס ווי מיט ריטער:
— נישט קיין נביא, און נישט קיין זון פֿון אַט אָזוינעם,
וואָס זאָגן זייערע נביאותן אויף געמאַרקן פֿאַר די קונים,
איז דיר עמוס!
— הער, איך בין דיר איצט מרמז,
אַז שטורעם־ווינט וועט אַלץ אַט דאָ פֿאַרדאַרבן,
אַז נאָך היי־יאָר וועסטו שטאַרבן!
— אומעטום, וואו רוצחים זיינען,
וועט אַ פֿייער זיך צעברענען,
און נישט בלייבן וועט דאָ קיינער
אין די פּאַלאַצן פֿון די העלפֿאַנט־ביינער!
עס וועט נישט שוינען
אפֿילו די מלכים אין די קרוינען.
— הייזער וועט איר בויען, און אין זיי נישט וואוינען!
גאָרטנס וועט איר פֿלאַנצן, און די פּירות דאָך נישט עסן!
אָפּגעווישט, פֿאַרמעקט, פֿאַרגעסן
וועט איר ווערן פֿאַר די קומענדיקע דורות!
אַנדערע וועלן, ווי מנורות
זיך צעשיינען און צעהעלן,
און פֿאַר זיי וועט ליבשאַפֿט זינגען ביי די שוועלן!

און פאַר זיי וועט ריגנען ווייך פון יעדן באַרג אַרונטער!
אַ נײַער דור קומט אָן, און זינגען וועט ער מונטער,
רחבותדיק, צעהעלט און פול מיט גלויבן,
און איר אין שטויב וועט זיך צעשטויבן!
אַט אַזוי האָט ער געוואָרנט,
און די הערן האָבן צאָרנדיק געצאָרנט:
— ווער איז ער, אַט דער שעלטער, און וואָס איז ער מרמז?
— אַ שלעפּער פון יהודה, — מען זאָגט, ער רופט זיך עמוס!

ישעיה דער צווייטער

מאַנטל פון ערשטן איז אויף צווייטן געפאַלן,
איז צווייטער, ווי דער ערשטער געוואָרן, —
פליסיקע פרישקייט פון לויטערע קוואַלן,
ליכטיקער טאָן פון אַ גאָלדענעם האָרן!

המשך מיינט אָנהויב, וואָס ציט זיך אַלץ ווייטער,
איז דאָך אין המשך דער אָנהויב פאַראַנען, —
זע, ווי דער העלער, צעלויכטענער ישייטער
פירט אונדז אַלץ ווייטער און ווייטער פון דאַנען.

המשך זיך קייטלט צום אָנהייב דורך דורות,
איז נישט פאַר זיך און מיט זיך קיין באַזונדער, —
גיסן זיך פלאַמען צונויף פון מנורות,
ווערן איין־איינציקער ליכטיקער וואונדער.

פאָלק האָט זיי ביידן גענומען, ווי איינעם,
ביידן אין זעלביקן ספר געדרוקט און געבונדן, —
ערשטער און צווייטער האָבן אינאיינעם
זעלביקן שיין בײַם פאָלק אָנגעצונדן.

ביידע ישעיהס צוזאַמען געשמידטע,
קול און אַ קול, — איין קול איז געוואָרן, —
שײַטערס אין חושך צעברויזטע, צעגליטע,
זוניק־צעלויכטענע טרייסט, גליאיקער צאָרן!

רופנדיק קול דורך די דורות און צײַטן
עכאָט אין הערצער פון דורות די נײַע, —
נעענטער ווערן אונדז אַלע הויכן און ווײַטן
דורך דער נביאות פון צווילינג ישעיה.

ב.

זײַנע אויגן האָבן דורשטיק געטרונקען די ווערטער פון אַן אַלטער פאַרמעט־מגילה.
מויל זײַנס האָט געמורמלט צו זיך די געכתיבהטע ווערטער, ווי מען מורמלט אַ תפילה.
יעדעס וואָרט, ווי אַ גליאיקער שטאָפּל אויף אַ פײַערדיקן לײַטער
העכער, אַלץ העכער, ברייטער, אַלץ ברייטער,
און ער האָט, ווי יעקב אבינו געקלעטערט, געקלעטערט אַרויף צו די הויכן.
בבל האָט זיך געקרישלט אונטערן האַמער פון פרס, פײַערן און קנוילקיקע רויכן
האָבן זיך געשפּרייט, און ער, ביים שײַן פון אַ קנויטל אין אויל אײַנגעטונקען,
האָט אַלץ נאָך אַ דורשטיקער די ווערטער געטרונקען, געטרונקען
אַ דערהויבענער, צעגליטער,
אַ צעצאַפּלטער, אין ציטער:
— הויז צו הויז... פעלד צו פעלד... גאָט וויל נישט קיין קרבנות
פון די, וואָס פּײַניקן יתומים און אלמנות,
און דערפאַר איז דער משפּט אַזאַ שווערער.
ער האָט אַ זיפץ געטאָן, פאַרקוקט זיך אין דער לופט דער לערער,
און שטיל געמורמלט: — געקומען איז די שווערע שטראָף אויף יהודה און בנימין!
פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מען רופט אים מיט דעם זעלבן נאָמען:
— מײַנער אויך ישעיה, נאָר וואו נעמט מען יענעמס ווערטער, די צעגליטע?
שטראָפער, טרייסטער, וואָרט זײַנס — לאַווע אַ צעזידטע,
דראָענדיקע פויסט,
ווען דאָס האַרץ איז אויפגעברויזט,
אָבער, ווען עס שטילט זיך אײַן,
איז זײַן וואָרט, ווי ווײַן,
וואָס גלעט דעם גומען:
— און טעג וועלן קומען,
ווען אַלע פעלקער וועלן ציען
צו דעם באַרג פון ציון,
ווײַל שײַנען וועט דאָס ליכט פון בורא
דורך זײַן תורה.
— און עס וועלן קומען טעג, ווען מענטשן וועלן איבערשמידן
זייערע שווערדן אויף אַקער־אײַזנס, און עס וועלן מער נישט זידן
אין די בלוטן פון די מענטשן קיין נקמה,
אַ פאָלק אַנטקעגן פאָלק וועט מער נישט פירן קיין מלחמה.
פלעמל האָט געפלעמלט, און ער האָט געטרונקען די ווערטער, ווי ווײַן פון בעכער,
און געקלעטערט איבער זיי האָט ער אַרויף, אַרויף, אַלץ העכער און העכער.
פּלוצלינג זע, — עס פירט אים עמיצער, ווי אברהם יצחקן, צום פײַער אויף עקדה:
— פאַרכט נישט, — הערט ער אין זײַן אויער, — מיר קלעטערן דאָך ביידע!
און דאָס פײַער האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיך צעהעלטע פלאַמען
און גוט איז אים געוואָרן פונעם קלעטערן צוזאַמען!

ג.

זיצט זיך ישעיה דער צווייטער ערגעצוואו אין אַ שטיבל פון בבל דעם קאָפּ איינגעבויגן,
ווייסט נישט צי טאָג איז, צי נאַכט איז, אָנגעצונדענע לאָמפּן זיינען זיינע אויגן,
זוכנדיק דעם יוצר אין אַלע ווינקלען פון דער יצירה,
און אַז ער געפינט אים, זינגט ער נישט קיין שירה
גלאַט אַזוי פאַר זיין כבוד וועגן, נאָר רעדט צו אים פשוטע ווערטער, ווי צו אַ גלייכן,
און ער זאָגט צו אים אַזוי צו זאָגן: — יוצר פון יצירה, הערשער פון אַלע קיניגרייכן,
אמת, אַז זינדיק איז געווען ישראל, זינדיק אויך יהודה און בנימין, —
זיך פאַרגעסן אָן דעם אייגענעם און אַוועקגעלאָזט זיך מיט די פרעמדע שטראָמען
און אין זיי זיך געלאָזט מישן און צעמישן,
אָבער האָבן זיי שוין נישט גענוג געצאָלט? איז נישט צייט די טרערן אָפּצואווישן
אויף די פנימער פון די באַשטראָפטע? איז נישט צייט זיי אויפצוהייבן ווידער
פון דער טיפער, חושכדיקער נידער?
זע, עס ווערט פאַרצערט דאָס פאָלק דיינס פון די שטענדיקע נסיונות,
און פאַרשעמט איז דאָס פון כסדרדיקע שנאָהקע בזיונות!
איז די שטראָפנדיקע האַנט אויף דעם רוקן פון דיין פאָלק דען בעסער?
יעדן טאָג ווערט דאָך די רציחה אין דער האַנט פון שונא שווערער, גרעסער, —
איז נישט צייט שוין פאַר מחילה?
און דער יוצר פון יצירה האָט דערהערט דעם נביאס ווייטיקדיקע תפילה,
און געזאָגט אַזוי צו זאָגן: — גיי זאָג דעם פאָלק ישראל,
אַז עס ברעכט זיך שוין זיין עול, —
— הער, עס קומט אַ גואל אָן פון פרס,
טראָגט אין זיינע אָרעמס כרת
פאַר באַצווינגער פון יהודה און בנימין
אין מיין נאָמען.
— גיי און זאָג, רוף אויס אויף הויכן קול
איבער באַרג און טאָל,
אַז בבל
ווערט אַן אבל!

ד.

און אויפגעשטאַנען איז ישעיה דער צווייטער
אַ געטרייסטער, אַ דערהויבענער, דערפרייטער,
און געזען, ווי הויכער בבלדיקער טורעם
קרישלט זיך פון שטורעם,
און ווי שונאס שטראָפנדיקע ריטער
ברעכן זיך אין דעם געוויטער.
— פאָלק מיינס, זע, ווי דיינע שניטער

װערן איצט אַלײן פֿאַרשניטן!
זע, דער שטראָפֿער איז אויף רוקן פֿונעם שטורעם אָנגעריטן
און ער װאַלגערט און צעװאַלגערט אין זײַן צאָרן, דעם צעבריטן
אונדזער שונאס אַלע גלידער,
און ער װאַרפֿט זײ אין דער נידער.
— אָ! בבל, בבל!
װערסט אַן אבל!
װערסט צעשמעטערט!
יאָרן, יאָרן, אַז דו האָסט געקלעטערט
העכער, העכער אין די הויכן,
איצטער קנוילסטו זיך אין רויכן,
ביסט איצט, װי דער װינט אין װאַנדער,
און דו פֿאַלסט פֿאַנאַנדער!
האָסט געמײנט אין גדלות דײַנעם, אַז ביסט העכער פֿון די שטערן,
אַז נישטאָ איז אַזאַ כּוח, װאָס זאָל דיך פֿאַרצערן, —
זע, עס טראָגט זיך צו דײַן שװעל דער כּרת
פֿונעם װײַטן לאַנד אין פּרס!
מלך כּורש
װערט דער יורש
פֿון דײַן כּוח, און מיט כּבֿוד
װעט ער אויפֿבויען אויפֿסנײ דאָס הויז פֿון דוד!

ה.

— טרײסט מײַן פֿאָלק זיך, טרײסט זיך!
גאָט אַלײן איצט הײסט דיך
טרײסטן זיך, און פֿרײען!
נײַע כּוחות גײען
אויף פֿון פּרס,
און זײ ברענגען כּרת
צום באַצװינגער פֿון יהודה און בנימין.
— הערט זײ יאָגן זיך, זײ שטראָמען, —
ציטערט, ציטערט, איר בבֿלים,
פֿרײ זיך, פֿרײ זיך, ירושלים!

— טראָג זיך, יאָג זיך, זינגענדיקע בשׂורה!
זע, צעשלאָגן איז די גבֿורה
פֿון דעם שונא, אונדזער שװערן!
— טראָג זיך בשׂורה, לאָז זיך הערן
אין די װײַטן, אין די הויכן, —

בבל קנוילט זיך אין געדיכטע רויכן,
בבלס שייער
איז אין פייער!

— טרייסט זיך פאָלק מיינס, טרייסט זיך!
גאָט אַליין איצט הייסט דיך
טרייסטן זיך און פרייען!
— זע, די ווינטן וויען און צעווייען,
ראַיען און צעוואָרפן אַלץ פאַנאַנדער
און באַצווינגער איז אין וואַנדער!
— פריי זיך ציון און אויך דו ירושלים!
פוצט זיך אויס אין נייעם,
גייט אַרויס צעשאַלטע
און צעשטראַלטע,
ווי דער שם המפורש,
קעגן מלך כורש,
כורש גאָטס שליח, —
כורש המשיח!

ז.

און ישעיה האָט געיובלט און געמוטיקט, גערופן האָט ער צו עליה,
און דערלעבט האָט ער די גרויסע זכיה
זען אַ טייל פון פאָלק אין גאַנג זיך צו באַפרייען,
און באַנייען.

בבל׳ס רוט געלעגן איז צעבראָכן, שונא אָפּגעווישט, פאַרשוואונדן,
און די הערשאַפט פון דעם מלך כורש האָט מיט האָפענונג געצונדן.
פאָלק איז אויפגעגאַנגען,
זינגענדיק געזאַנגען
פון דער זכיה
צו עליה.
און ישעיה האָט באַגלייט די עולים קיין יהודה מיט אויפגעלויכטנקייט און טרערן,
און אַליין איז ער געבליבן, ווייל געדאַרפט האָט ער באַקערן
די פאַרבליבענע אין פרעמדן לאַנד צו זייער תוכן.
אים האָט זיך געדאַכט, אַז אונטער כורשס הערשאַפט וועלן אין די רויכן
אויפגיין אַלע געצן און זיי וועלן פון דער ערד פאַרשווינדן,
אַז אַ ליכט אַ נייס וועט זיך צעצינדן,
און צעהעלן
איבער אַלע שוועלן.
ישעיה איז געבליבן און מיט וואָרט זיינס דעם צעשטראַלטן,
האָט ער די פאַרבליבענע געגערט און ביים תוכן זיין דערהאַלטן.
— מענטשן־קינדער, נישט אין פאַסטן און אין תפילות ליגט דער עיקר,
נאָר אין דער דערקענטעניש פון דעם אחד, — צעברעכט זיך נישט אויף שטיקער, —
זעט, דער תוכן אונדזערער איז אומעטום דאָך אַ צעבלענדטער.
אַזוי האָט ער גערעדט, און כאָטש זיין בליק געווען איז צו יהודה אַ געווענדטער,
האָט ער גערופן אין דער ריינקייט פון דער גאַנצענער יצירה זיך צו בענטשן, —
האַרץ זיינס האָט געגליט מיט ליבשאַפט לויטערער צו אַלע מענטשן!

לעצטע לידער

קאַנאַדע — אונדזער גוטער שכן

דער האַדסאָן אין מיין לאַנד, — דער טייך באַליבטער,
וואָס ציט זיך, ווי אַ גייער, אַ געאיבטער
פון שיינקייטן צו שיינקייטן ביי אַלע זיינע ברעגן;
נישט איין מאָל האָב איך איבער מיינע וועגן
געלאָזט אויף אים מיין בליק זיך שפּילן.
מען דאַרף נישט אָנטאָן אויף די אויגן קיין קאָלירטע ברילן
די שיינקייטן, קאָלירקע אויך ביים מיסיסיפּי־טייך צו זען!

— צי, צי זיך מיסיסיפּי! — נישט איין מאָל שוין געוועזן
אין אָנגעפילטער אין געמיט
מיט זינגענדיקן ליד
ביים מיסיסיפּי ראַנד!

אַזוי פיל שיינקייטן אין מיין לאַנד,
און אַזוי רחבותדיק!

אַמעריקע — קאָלירנדיקע און צערוישטע בריק,
וואָס ציט זיך צווישן די אַטלאַנטיק און פּאַסיפיק־ברעגן!
אַזוי פיל שיינקייט גייט דעם אויג אַנטקעגן
פון מאַסאַטשוזעטס און ניו־יאָרק ביז אַריזאָנאַ, קאַליפאָרניע, נעוואַדע.

נאָר איצט בין איך אַ גאַסט דאָך אין קאַנאַדע —
ביים גוטן שכן אונדזערן, וואָס ציט זיך פריי און אָפן
פון מזרח, מערב, דרום, צפון
מיט שיינקייט אייגענער פון דומם און פון מענטשן —
איז ווי־זשע זאָל מיין ליד נישט בענטשן
דעם שכן אונדזערן, וואָס קומט מיט שיינקייט מיר אַנטקעגן?

אַז וואויל איז צו דעם גייער איבער וועגן,
וואָס זינגט דאָס ליד פון ליבע

די סעריע לידער, געווידמעט קאַנאַדע, האָט ז. וויינפּער געשריבן די לעצטע וואָכן פון יאָר 1956. ער האָט אייניקע פון זיי געשריבן אין קאַנאַדע, און ווי זיין שטייגער, מיט ברען און פיבער. ער האָט, לויט דער בקשה פון די קאַנאַדער פריינט, געהאַט בדעה אַרויסגעבן אַ ביכל לידער איבער קאַנאַדע.

אין דער מסיבה
פון גוטער שכנות.

ווי והאונדערלעך, ווי שיין איז
דאָס זינגען אַט־אַזוי אינאיינעם
מיט גוטע שכנים,
וואָס נעמען,
און געבן.

אַזוינע וועלן קיינמאָל נישט פאַרשעמען
די ברכה פונעם לעבן,
וואָס איז עליה,
און זכיה.

קאַנאַדע, — אונדזער גוטער שכן,
אין דיינע אָרעמס ליכטיקט דער בטחון,
אַז מענטש מיט מענטשן
קאָן אומעטום מזומן בענטשן.

טאָראָנטאָ, דעצעמבער, 1956.

דאָס ליד פון איבערגאַנג

ער איז דאָך אַזוי שיין איצט אין זיין
אונטערגאַנג,
אַז אונטערגיין הערט אויף אַ שרעק צו זיין.
איך קוק אויף אים און זע דעם איבערגאַנג
פון זוניק העלער בלענדנדיקער שיין
אין אַ לבנהדיקן זילבער־בלוי.

איך ווייס נישט אַקוראַט,
גענוי
צי זאַט
געוואָרן איז ער דאָ אין זון צו זיין,
און גייט דערפאַר אַוועק
צו דער לבנה־שיין,
נאָר סיי ווי איז ער דאָך אַ גרויס פאַרמעג,
וואָס קאָן נישט אונטערגיין
אפילו אין זיין בייטעניש.

ווי שיין,
ווי פריש
עס איז דער איבערבייט,
וואָס איז איצט דאָ אין גאַנג.

הער, הער! באַגייט
ווערט דאָס געזאַנג
פון זעלבן ליד.

אַ המשך אייביקער, —
ער ציט זיך, ציט זיך, ציט
פון דאָרט אַהער,
כדי צו ציען זיך צוריק
אַהין.

אַ, ווייפל גליק
איז אין באַנעמען אַט אַזוי דעם זין
פון אונדזער אייביקייט.

זע, זע, די אָוונט־שעה
אין איר לבנהדיקן קלייד
איז איצט מיט אונדז אַט דאָ,
און זי פאַרטרעט
די זון.

פּאָעט,
זינג, זינג דערפון, —
עס איז דאָס אייביקע געזאַנג
פון איבערגאַנג.

ווי שײן און ליב דאָס איז

אַ וואַסערל אַ קילס בײַ מײַנע פיס,
ווי ליב, ווי ריין דאָס איז!
נאָר ציגעלע דערבײַ
זיך פילט נישט פרײַ
מיט מיר דאָ בײַם ברעג.
עס דרייט אין ציטערניש דעם עק,
און בליקלט פון אַ זײַט
און פלוצלינג שרײַט
דאָס גאָר: מע־ע!

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע,
נישט שטיי אַזוי.
קאַיאַר גייט אויף אין בלוי
באַזוימט מיט גאָלד און וויאָלעט,
און איך, אַ יידישער פּאָעט,
מיט שווער געפּעק
פון וועג צו וועג
דאַרף אויך אַ וואַסערל אַזאַ.

דאָס ציגעלע ווערט שטיל און שאַ,
עס פילט, אַפּנים, מער שוין נישט קיין שרעק
מיט מיר אינאײנעם בײַ דעם ברעג.
אַ סימן? זע, זע, — עס טרינקט
אַ דורשטיקס, און שלינגט
דאָס וואַסערל בײַ מײַנע פיס.

ווי שײן, ווי ליב עס איז
דאָס ציגעלע אָט דאָ בײַם ברעג.
זע, זע, — עס דרייט דעם עק
נישט מער אין ציטערניש.

די לופט ווערט אָנגעפילט מיט אַ געמיש
פון פריידיק פויגלדיק געזאַנג
און איך בין אין געפאַנג
פון וואַסער, פון ציגעלע און פון קאַיאַר,
וואָס איז ווי אַ חלום, און דאָך וואָר.

מײַן פרײַנט, דער אינזשעניר

אַ באַן, — זי שלענגלט זיך און לויפט פאַראויס, פאַראויס
מיט געפּילדער און געברויז,
און לאָזט אַהינטער זיך אַ ציטער אין דער לופט.
עס טרעפט אַמאָל, — זי רופט,
איז אָט דער רוף אַ גרוס צו מיר.

וואָס מאַכט מײַן גוטער פרײַנט, דער אינזשעניר
צו וועמענס האַנט־באַריר,
עס איז הכנעהדיק דער שטאָלענער מאָטאָר
אַזוי פיל יאָר?

איך הער, — ער טרײַבט נאָך אַלץ די באַן אַריבער די אַלבערטער בערג,
און זינגט דערבײַ אַ לויב, אַ דאַנק צום ווערק
פון מענטשנס הענט צו לעכערן גראַניט
מיט דינאַמיט,
אַז לאָקאָמאָטיוו
זאָל קאָנען גרונטעווען די טיף
פון בערגעדיקן אײַנגעווייד.

און דאָך, ווי גרויס עס ווערט זײַן פרייד,
ווען אויסגעשפּיגן ווערט ער פון אַ טונקעלן טונעל,
און העל
און פריי
טוט זיך אויפסנײ
פּאַר אָנגעשטרענגטן בליק
אַ בויג, אַ וויג
דער בלענד צעבלענדטער פון
דער העלער זון
אויף קאַרק
פון באַרג
אין צעגרינטן טאָל.

קיין חידוש נישט, — ער איז דאָך נישט פון שטאָל,
ווי דער מאָטאָר פון זײַן צעכאָרכלטער מאַשין,
נאָר מענטשלעך האַרץ, וואָס איז פאַרליבט אין גרין
געמישט אין גאָלדיקן קאָליר פון זון צעגליט.
ווי קלוג, און ווי געניט
עס שפּילן זײַנע פינגער אויף די שרײַפעלעך און שרויפן פון מאָטאָר.
עס טרעפט מינאָרנע, נאָר מערסטנס — אין מאַזשאָר,
און רעדער שטאָלענע באַוועגן זיך און יאָגן זיך פאָראויס.

ווייסט עמעצער, ווי מעכטיק גרויס
און שטאַרק
עס איז אַ באַרג
אין דעם אַלבערטער־לאַנד?
נאָר שטאַרקער נאָך איז די געניטע האַנט
פון אינזשעניר.
זע, זע — קוים אַ ריר
אויף שרײַפעלע און שרויף
און שוין איז אַ געלויף
און שוין אַ געאײַל.
פאַרשלונגען ווערן מײַל נאָך מײַל
אויף ליניעס אָנגעצויגענע, ווי סטרונעס אויף אַ האַרף.

ווי אָנגעשטרענגט און שאַרף
איז מענטשנס אויג דורך נעפּל און דורך רויך?
גיי פרעג דעם אָדלער אין דער הייך,
וואָס טראָגט זיך צו דער ווײַט.

זע, זע, ווי יעדער אויגנבליק באַנײַט

און איז
סורפּריז.

כאָטש נישט דאָס ערשטע מאָל
דער זעלבער באַרג, דער זעלבער טאָל,
דער זעלבער וועג.

אין רעגנדיקע טעג,
אין נעפּלדיקע נעכט,
איז ער אין אַ געפּעכט
מיט ווינטן אַלערליי,
און שטענדיק זיגער איבער זיי.

קיין חידוש נישט, וואָס הכנעהדיק
איז צו זיין בליק
דער קאַרק
פון יעדן באַרג,
און וואָס דער טיפסטער טאָל
כאַפּט אויף און עכאָט אָפּ זיין קול
צו הייך, צו ווייט, צו טיף, צו ברייט
און טראָגט מיט גרויסער פרייד
די בשורה פון
זיין קלעטער צו דער זון.

לעיק לואיז

אָפּנים, אַז אַפּאָלאָ האָט זיך דאָ פאַרליבט אין עפּעס אַ לואיז,
וואָס איז אַ צעפּיעשטשעטער קאַפּריז
מיט שיינקייטן פאַרשיידענע דאָ אין פאַרמעסט.

זע, זע, ווי קנאהדיק זי פרעסט
דאָ אויף איצט יעדע שיינע
שכנה
און וויל אַלץ נאָך און נאָך.

אַ פליגלדיק געפּאָך
איז אין דער וויכער, העל־צעזונטער לופט,
און יעדער פליגל רופט
מיט זיינע פאַרביקע קאָלירן.

אַזוי פיל טירן
צעפּראַלטע,

צעשטראַלטע —
זײ גיסן זיך צונויף און גײען זיך פֿאַנאַנדער.

אַזוי פֿיל פֿייגל, און קײנער גישט אין וואַנדער —
זײ וויגן זיך אויף זעלבן שטח אין דער לופֿט.
ווער רופֿט
איצט מיך
צו זיך?

אַזוי פֿיל רופֿן, און יעדער מיט אַן אַנדער טאָן —
איך וואָלט זײ אַלעמען צוליב געטאָן,
ווען איך וואָלט נאָר געוואוסט דעם וועג צו זײ.

אַ באַרג אין פֿוכיק־ווײסן שנײ
האַלט אין די אָרעמס זײַנע
די הײס־געליבטע מײַנע,
וואָס איז אין גאָלד און גרין געלאָקט.
די זון, אַן אָנגעגליטע, שלאָגט
דעם פֿוכיק־ווײסן קאָרק
פֿון אָט־דעם באַרג
מיט שטיפֿערישער ליבשאַפֿט פֿון באַגער,
און ער —
שלאָגט לאַכנדיק די זון צוריק.
דער טײך — אַ זילבער שײַנענדיקע וויג —
איז אויסגעבעט מיט קישעלעך פֿון זײד
פֿאַר הויך און ווײט,
וואָס זײַנען באַלד שוין אויסגעמאַטערטע
פֿון אָט־די שײנקײטן צעפֿלאַטערטע,
ווי איך, דאָ, בײַן זײַן ברעג.

אַ הירש איז אין געיעג.
זײַן הערנער־קרוין אין רוים —
קוים, קוים
עס האַלט איר נאָך מײַן בליק.
איז ער מיט עמעצן אין קריג
פֿאַר הירשעכע, זײַן ווײַב, צי פֿאַר אַביסל גראָז?

און וואָס איז דאָס,
וואָס קוקט איצט אַזוי ליב פֿון הויכער הויך אויף מיר?
אַ וואָלקן בײַט זיך אין קאָליר —
אָט גרוי,

באַלד בלוי,
און שוין איז ער גאָר וויאָלעט.

פּאָעט, פּאָעט,
אַ ליד
גייט אויף אין דיין געמיט —
צי איז
אַזוינס פאַר דיר דען אַ סורפּריז?
איז ווער־זשע פּאָרט איז די לואיז
מיט אַזאַ שיינענדיקן מזל אין דעם וועלט־באַשאַף?

איך קוק און גאַף,
און בין ווי אויפגעלייזט —
האָט אויך אַפּאָלאָ אָט אַזוי געפּילט? וועד ווייסט?

לעיק עמעראַלד

דאָס לעבן דאָ איז אין מנוחה אויף שפּאַציר
פון טיר צו טיר,
וואָס זיינען נישט אויף שלאָס און ריגל,
די שיינקייט וויגט זיך אום דאָ אין אַ וויגל
און זינגט בלחשדיק דאָס ליד
צו וויכע טריט
אויף עמעראַלד
וואָס שטראַלט
מיט גרין.

די לופט איז ווי בורשטין,
און דין.
דער הימל האַלט אין זיין געפאַנג
דעם זון־פאַרגאַנג,
און וויל נישט שיידן זיך מיט אים.
אַ פייגל — אַן אַקטיאָר אין גרים
זיך גוידערט אויף אַ בוים
צום רוים,
ווי ער וואָלט פאַר אַן אויפטריט רעפּעטירט
אַ צווייטער קעגנאיבער רעזשיסירט
מיט פליגל פּאַטשעריי און פּיפּטשען אויפן קול,
און מיט אַמאָל
פון אַלע זייטן אַ פויגלדיקער כאָר,
אַפּנים אויפן אָנוויז פונעם רעזשיסאָר.

די שעה — זי ציט זיך און איר יעדער צי
איז מיט אַן אַנדער גלי
פון הינטער אַ וואַל,
אַ האָרן מיט אַ שאַל,
אַ גרילצנדיקן ברום,
און ווערט באַלד שטום,
ווי ער וואָלט פאַר דער שײנקײט זיך פאַרשעמט.
אַ ווינטל קעמט
דאָס ווייכע גראָז
מיט גלעטנדיקן בלאָז
ביי מיינע פיס,
און ווער איז אָט דער ריז
וואָס שטייט ביים ברעג פון טייך ?

אַ בער באַטראַכט זיין קעניגרייך
פון טייך אויף ברעג און וואַלד,
וואָס שפיגלען זיך אין שפיגלדיקן עמעראַלד
און זיינען פון דער שיינקייט אייגענער געפּלעפט.

ווי אויסגעהעפט
פון דינע כלה־פינגער אויף קאָלירנדיקן זייד
קוקט פון דער יוייט
דער האָריזאָנט.
אָט בלאָנד,
באַלד בלוי,
און אָט איז ער גאָר פּערלמוטער־גרוי
באַזוימט מיט פּורפּור און אויך וויאָלעט,
דער חתן גלעט
די כלה, און
זי רויטלט זיך דערפון,
נאָר פלוצלינג, זע, — קאָליר קאָליר פאַרמישט,
און אַלץ ווערט אַזוי דורך כישוף אָפּגעווישט.

אפנים, אַז דער הימל האָט דעם זון־פאַרגאַנג
שוין ענדלעך איצט באַפרייט פון זיין געפאַנג, —
ווייל אַלץ איז איצט אין איילִיקן פאַרגיין.
אַן אויסגעבליכטע, און דאָך מלא חן
גייט אויף איצט די לבנה אויף דעם הינטערגרונט פון בלוי,
און אַרום איר די שטערן אויך אַזוי,
זע, זע, דער אָוונט קומט און פאַלט
איצט כורעים צו דעם טייך, וואָס גלאַנצט ווי עמעראַלד.

אַ יום-טוב פון מנוחה

אַ יום־טוב פון מנוחהדיקן שווייגן.
די בערג צונויפגעטוליעטע שטייגן
איינער איבער אַנדערן,
און איבער זיי וואַנדערן
די וואָלקנדלעך פּאַרטראַכטע.

אַזוי פיל טירן אויפגעמאַכטע
און דו ביסט פריי אין זיי אַריינצושפּאַנען,
נאָר ווייל אַזוי פיל דאָ פאַראַנען
שטייסטו אַ געפּלעפטער.

דער טאָל — אַ טישטוך אויסגעהעפטער
פון וועמענס וואונדערלעכע פינגער?
אַ הערש, פון ווינט נאָך גרינגער,
שוועבט דורך די גאַנצע ברייט פון שטח, —
אָ, זאָגט, איך בעט אייך,
ווער בין איך דאָ?

ווי לאַנג איז אַ שעה?
די אייביקייט, ווי לאַנג?

אַזוי פיל געזאַנג
אין מיין געמיט,
אַזוי פיל ליד
מיט טענער
איינער פון דעם צווייטן שענער, —
אַזוי פיל וואונדערלעכע קלאַנגען!

ווער האַלט מיך דאָ געפאַנגען,
און גוט איז מיר אין דעם געפענקעניש צו לעבן.

ווער זאָגט, אַז שוועבן
קאָן בלויז אַ וואָלקן און אַ פויגל אויף די פליגל?
זע, זע, — דער קאָסמאָס ריגלט דאָ פאַנאַנדער אַלע ריגל,
און אויפגעפּראַלטע ווערן טיר און טויער.
איך בין דורכאויס איצט אויער,
איך בין דורכאויס איצט אויג.
די אייביקייט אין לויג
אַן אויסגעוואַשענע, צעשטראַלטע
און אַזאַ צעפּראַלטע,
און דו אין איר
פון טיר צו טיר
וואו אַלץ איז אַזוי קלאָר,
און וואָר.

דרימל

מיד געוואָרן שוין פון דעם, וואָס דאָ,
פרעגסטו צי עס איז נישטאָ
ערגעץ־וואו אַן אַנדער הימל.

פרעג, נו, פרעג ביים דרימל
פונעם שטילן, ציענדיקן טייך,
וואָס איז דאָך אַ קעניגרייך
פון אַזוי פיל הימלען.

זע, ווי אַלע דרימלען
אין דער קעניגרייך
פונעם טייך
מיט דעם זעלבן דרימל,
ווי דער הימל
איבער דיר.

גאָט האָט צוגעמאַכט איצט הינטער זיך
די טיר,
און ער דרימלט אויך.

בלויז דער פייגל אין דער הויך
ווייסט, אפֿנים, נישט דערפון.

זע, ער איז איצט צו דער זון
אין גערעג.

פויגל אין זיין וועג
וויגט זיך, וויגט זיך הער און הין, —
ווייסט ער נישט, ווי איך, וואוהין?

זע, ער קרייזט און קרייזט און קרייזט,
און די זון אים נישט באַווייזט
איצט דעם וועג צום הימל?

אָט, אַפֿנים, אַז אין דרימל
איז די זון איצט אויך אפילו.
סימן? — תפילה
מיינע גישט באַנעמט זי,
און דעם פויגל אין דער הויך פאַרשעמט זי,
כאָטש ער זינגט צו איר אַזוי דערהויבן.
נישט קיין הידוש, וואָס די רויבער רויבן
אויס די ערד, — אַז די הימלען
דרימלען,
און די זון
מאַכט זיך גאָרנישט וויסנדיק דערפון.

דער פויגל, נעבעך

אַ פויגל, נעבעך — אַפֿנים נישט פון הי.
די פליגל אויסגעשפרייט,
דער האַלדז אין צי.
דאָ איז אַ באַרג פאַרשנייט,
און אַזוי בלענדיק ווייס,
דערביי אַן אַנדערער — אין פרישן גרין,
און ער אין אַ פאַרכישופדיקן קרייז
אַהער, אַהין,
אין בלויער הויך דאָ צווישן ביידן
זוכט אום דעם טויער צום גן־עדן,
און קאָן אים נישט געפינען.

אינמיטן דרינען
אַ בלענד, אַ בליץ, —

אַ שפּיץ
פֿון אַ פֿאַרשנייטן באַרג
כאַפּט אויף זײַן קאַרק
די זון,
און
ער וויל מיט איר זיך נישט צעשיידן.
דער פֿויגל זוכט נאָך אַלץ אַרום דעם טויער פֿון גן־עדן, —
וועט ער אים סוף כּל סוף געפֿינען?
אַ סטייע בינען
אין זשומענדיקן זשומען, —
אַזוי פֿיל בלומען
מיט בלעטעלעך צעעפֿנטע, אַז מען קאָן אַ פֿרײַ טאָן זיך פֿאַרגינען.

אינמיטן דרינען
צעקרייט זיך גאָר אַ האָן, —
וואָס זאָגט ער אָן?
קאַיאָר איז דאָך שוין לאַנג צוריק געקומען!

אַ האָן, אַ נאַרישער, קאָן ער נישט פֿאַרשטומען,
איז קרייט ער, און ער קרייט.

אַפֿנים יענעמס פֿרייד
איז אים אַ דאָרן,
און אפֿשר איז ער גאָר אין צאָרן,
פֿאַרוואָס דער קאַרק
פֿון באַרג
בלויז איינעם
האָט אויסגעכאַפּט די זון פֿון זײַנע שכנים,
און לאָזט זיי אַלע אין אַ שאָטן שווערן?

זאָל זײַן, אַז דאָס איז וואָס ער לאָזט אונדז הערן?
קאָן זײַן, קאָן זײַן, —
אַ סימן? — אָט הער איך טאַקע פֿײַן
איצט אין זײַן קריי.
אַז ווינד און ווײ, —
פֿאַר איינעם נעקטאַר פֿאַרן האַלדז,
און פֿאַרן צווייטן נישט קיין ברויט מיט זאַלץ.

זײַ מוחל, ליבער האָן,
איך וואָלט אַ קרוין
דיר אָנגעטאָן

פאַר קריי איצט אָט אַזאַ,
נאָר דעמאָלט וואָלסטו דאָך געמיינט, אַז שוין
אר־וואַ, ביסט שענער
פון אַלע זענער,
און דאָס וואָלט נישט געווען באַשיידן.

ווען טויער פון גן־עדן
זיך ענדלעך פאַרן פויגל אין דער לופט
דאָך ערגעץ־וואו באַווייזן,
הער, הער, — ער ליאַרעמט איצט, און רופט,
און הערט נישט אויף זיך קרייזן
אַהער, אַהין, אַהער, אַהין.
אַזוי פיל גרין,
אַזוי פיל שנייאיק־ווייסער בלענד
און דאָך אַזוי פיל שטומע ווענט
ביים טויער אויפגעפראַלטן,
צעהעלטן און צעשטראַלטן,
וואָס זאָל אַ סימן געבן.

דער פויגל, נעבעך, — ער מוז שוין מיד זיין פון זיין שוועבן.

בין איך ווערט דאָ אַזאַ זכיה

בלויער פויגל האָט דעם שלאַנקן האַלדז צום מערב אויסגעצויגן,
און די פליגל אויסגעשפּרייט — איז ער שוין אַוועקגעפלויגן?
קילע, וויכע טויאידיקע טראָפּנס
פון די ביימער קילן מיין צוקאָפּנס,
און איך שמייכל.

בלויער, שווייגנדיקער היכל
הויבט אָן זיך צעהעלן,
און צדיקים ביי די שוועלן
און מלבושים גאָלדיקע, צעשטראַלטע
שטייען ביי די טירן אויפגעפּראַלטע,
און זיי פרעגן,
צי זיי מעגן
שוין אַריינגיין צו דער מאָרגן־תּפילה.

די צדיקים זיינען שטילע, —
רייִדן פון די ערמער
הייליקע ווערטער, —

קוים צו הערן,
ווענס טרערן
פּאַלן, פּאַלן איבער מײַן צוקאָפּנס?
קילע, ווייכע טויאיִדיקע טראָפּנס
פון די ביימער.
ווער איז דאָ דער שומר?
פרעג איך און איך שמייכל.
אָט אפּנים פרעמדן היכל
האָב איך דאָ פאַרנומען!

די צדיקים זײַנען אָנגעקומען,
מיט אַ שטילע
תפילה
דאָ צו וועמען?
גאָלדענער קאַיאַר הענגט אויף מײַנע ברעמען,

און איך שמייכל, —
היכל
אָנגעפּילטער ווערט נאָך שענער, ליבער, —
מיט צדיקים דאַווענען בציבור
איז די שטילע
תפילה
אין עליה, —
בין איך ווערט דאָ אַזאַ זכיה?



ווײַנפּער און זיטא

צו זיטען פון זיסקען

(צו דער געלעגנהייט פון יאָרטאָג פון דער חתונה)

האָסט דורכגעפירט מיך דורך אַלע סכנות,
און בראָוו מיט מיר זיי דורכגעגאַנגען.
די יאָרן מיינע ביי דיין זייט — הייליקע מתנות, —
מיר זיינען איינער ביי דעם צווייטן נישט געפאַנגען.

די טיר ביי אונדז — אָן אָפענע, אַ ברייט־צעפּראַלטע.
מיר גייען און מיר קומען, ווען מיר ווילן,
אַמאָל פאַרשטילטע און אַמאָל צעשאַלטע
דעם הונגער און דעם דורשט אין אונדז צו שטילן.

די ליבשאַפט אונדזערע איז קלאָר און ניכטער,
און ווייל אַזוי — איז זי פאַר אונדז באַ׳טעמ׳טער.
ביסט חלק אין דעם לעבן פון אַ דיכטער,
וואָס איז נישט איין מאָל שטורעם אומגעצאַמטער.

עס טרעפט אַמאָל, נו, יאָ, עס טרעפט, — עס רעגנט,
דאָס לעבן ווערט באַשווערטער און באַיאָכטער.
געבענטשטע שעה, ווען איך האָב דיך באַגעגנט, —
אַט העלפט אונדז איצט שוין אונדזער טאָכטער.

ווי זכיהדיק עס איז צו זען זי און צו הערן, —
זי איז פאַר אונדז דאָס ליכט פון גאָלדענע קאַיאָרן.
אַ קינד, וואָס האָלט ערשט איצט אין ווערן,
איז שוין פאַר אונדז אַזוי פיל דאָך געוואָרן.

איך קוק אויף איר און דיר איצט און איך שמייכל.
בראשית אונדזערער — אַ סוכה קעגן ווינט צעבלאָזן,
און איצט אַ וואונדער־שיינער, ליבער היכל
מיט גאָרטן אַ באַבוימטן, אַ באַגראָזטן.

און פייגל זינגען, שפרינגען פריי און מונטער
אפילו, ווען אַ כמאַרע איבער זיי פון אויבן, —
די טאָכטער אונדזערע, — זי העלפט זיי אונטער,
און דו און איך, — מיר פילן זיך דערהויבן.

דער פרילינג שוין אַוועק, אויך זומער באַלד אַהינטער,
נאָר אונדזער האַרבסט פאַרשעמט אונדז נישט, חלילה.
זאָל ערגער נאָך נישט זיין פאַר אונדז דער ווינטער,
איז הינט אין מיר אַ צעציטערטע מיין תפילה.

(פון מאַנוסקריפּט 23טן נאָוועמבער, 1955, ניו־יאָרק.

[illegible]

אַרטיקלען וועגן
ז. ווײַנפּער

אברהם רייזען

ז. וויינפּער — דער אָנהויבער

איך געדענק ניט אַקוראַט דאָס יאָר, אָבער ביי די דעמאָלטדיקע סאַמע יונגע איז געווען אַ צייטשריפט „אָנהויב“.

און דעם „אָנהויב“ האָט טאַקע געשאַפן ז. וויינפּער. עס איז געווען אַ מאָנאַט־שריפט אין קליינעם אין שיינעם, און אפילו מוגטערן פאָרמאַט.

מיט לידלעך און אַרטיקלען — אַ מחיהניש!

האָט מען דאָך געדאַרפט האָבן העזה, צי גאָר, חלילה, חוצפה אין יענער צייט — אַרום 1916־1917, דאַכט זיך, ווען די ריכטיקע יונגע, די מאַני לייבס און די משה לייבס האָבן שוין געהערשט, אויב ניט „ביד רמה“ איז „בקול רם“ — מיט הילכיקן געזאַנג, יעדער לויט זיין כוח — דעמאָלט אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַט־שריפט. אָבער ס'איז ניט געווען קיין העזה און חוצפה אַוודאי ניט. ס'איז געווען גוטסקייט און ליבשאַפט, און אפילו רחמים אי צום יידישן יונגן וואָרט, אי צום יידישן יוגנט־לעכן דיכטער, צו די גאָר יונגע קאָלעגן ז. וויינפּערס, וואָס האָבן צווישן די דע־מאָלטדיקע צווייַ לייבן און דעם טעאָרעטיקער פון די דעמאָלטדיקע „יונגע“, — דעם טאַלאַנטפולן פּאָעט זישע לאַנדוי, — ניט געקאָנט געפינען קיין פּלאַץ.

האָבן אַלע, אפילו די עלטערע דיכטער, און איך ווייס ניט, פאַרוואָס איך בין געווען דעמאָלט צוגערעכנט צווישן די עלטערע — ניט נאָר ליב געהאַט דעם ליכטיקן „אָנהויב“, נאָר אפילו דעם אָנהויבער אַליין — ז. וויינפּערן.

אָנהויב און אָנהויבער איז בלויז געזאָגט צוליב היסטאָרישער פּינקטלעכקייט.

עס איז, טיפער אַריינגעדרונגען, געווען נאָך, — לויט א. לוצקיס פילאָזאָפיש־פּאָעטישער טעאָריע — אַן איידער־איידער. ס'איז געווען אַן א. ניסענזאָן, אַ ב. י. ביאַלאָסטאָצקי און אַנדערע. זיי האָבן זיך דאַן אַלע געטוליעט צום „אָנהויב“ און צום אָנהויבער — ז. וויינפּער. אַליין אַ יונג ליב ברודערל, איז וויינפּער גע־וואָרן זייער באַשיצער.

און גוט האָט ער שוין — ז. וויינפּער — געלעבט מיט אַלעמען. און ליב געהאַט האָבן אים אַלע, און ניט נאָר אים אַליין, נאָר אויך זיינע לידער. פריש־אוקראַיניש, אידיליש און דאָך מיט טעמפּעראַמענט. און אָפט מיט אַ געלונגענעם „פּאָינט“, שוין מעשה־ווייסרוס, צי גאָר ליטוואַק, חלילה...

האָט מען שוין געוואוסט, אַז ז. וויינפּער איז און וועט זיין אַ דיכטער ביי יידן.

מובטחני שתהיה משורר בישראל (איך בין זיכער, אַז דו וועסט זיין אַ דיכ־טער ביי יידן) — דעם „מאמר“ האָט מען שוין פאַראויסגעזאָגט מיט זיכערקייט.

און עס איז מקוים געוואָרן! ז. וויינפּער איז פון אַ אידילישן דיכטער, גע־וואָרן אַ דיכטער פון קאַמף, פון נייער צייט און פון נייעם יידן.

אָבער דער גוטער, דער גוטמוטיקער אין ליד און אין לעבן איז ער נאָך אַלץ געבליבן.

מען האָט אים ליב אויך איצט ווי ביים אַנהויב.

ער איז רײַפער געוואָרן אַלס מענטש און אַלס דיכטער אין דער ליטעראַטור.

און איז געבליבן ביי זיין אויפריכטיקייט — סיי אין ליד סיי אין לעבן.

ס'איז היינט זייער שווער אַזוינס צו באַווייזן. ס'איז, קאָן מען זאָגן — אַ קונץ.

ביי ז. ווײַנפּערן איז עס אָבער — אַ קונסט. ער איז ניט נאָר אַ קינסטלער אין ליד, אין זיינע „פּאָרטרעטן פון יידישע שריפטשטעלער", וואָס ער מאָלט, נאָר אויך אין לעבן.

און קונסט — מיינט פרידן, ליבע און אויך רחמים.

דערפאַר קען ער זיך דערלויבן האָבן אַזוי פיל פריינט און חברים. ער פאַר־ראָט ניט זיך, ניט קיינעם וואו און מיט וועמען ער זאָל ניט זיין.

ער איז מיט לידער אַליין ניט יוצא — ער איז טעטיק ניט נאָר מיט דער פען, נאָר אויך מיט זיין גרויסער ענערגיע, מיט זיין ליכטיקן אָפּטימיזם.

וואָס זאָל איך דאָ לייקענען? — איך האָב ז. ווײַנפּערן ליב, ווי אַ ייִנגערן קאָלעגע און ווי אַ טייערן פריינט.

פון „אויפקום" (יולי־אויגוסט, 1936)

דניאל טשאַרני, ז. ווײַנפּער, דוד בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָן

ז. ווײַנפּער — דער זינגער פון פרייד

אַ גרויסער גענוס איז צו באַגעגענען אין לעבן אַ געזונטן מענטשן — אַ געזונטן אין אַלע מענטשלעכע פונקציעס און באַרופן.

נאָך אַ גרעסערער גענוס איז צו באַגעגענען אין דער ליטעראַטור אַן אמתן געבענטשטן דיכטער, וואָס זײַנע שאַפונג־אימפּולסן קומען נישט אַדאַנק דער אַט־ראָפירונג פון אַיין הויש און היפּערטראָפירונג פון צווייטן, נאָר זיי קומען, ווי אַן אײַבערפלוס פון געזונטן, כוחות־פולן דאָזיין.

אַזאַ איינער איז דער דיכטער ז. ווײַנפּער.

איך וויל זאָגן: ז. ווײַנפּערס שאַפן איז אַ רעזולטאַט פון מאָדנע געזונטע אײַנעוויייניקסטע גערעטעניש.

„איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר
און לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדע גוטע יאָר,
איך גיי זיך מיר מײַן וועג, און טרעפט אַ גרוב, שפּרינג איך אַריבער.
דאָס נעכטיקע איז קיינמאָל מיר פון הײַנט נישט ליבער.
איך האָב מײַן מאַמעס בלויע, ווייכע אויגן,
וואָט זאָגן פרײַנטלעך יעדערן : גוטמאָרגן !"

אַזוי אַטעסטירט ז. ווײַנפּער זיך אַליין אין זײַן ליד „צו אַלדע גוטע יאָר":

„אַמאָל בין איך אַ בוים מיט זאַפטיק־פרישע פרוכט,
וואָס ווינקט צו יעדערן : — קומט, נעמט, פאַרזוכט !
אַמאָל בין איך, ווי אויפן פעלד דאָס גראָז,
וואָס לעבט זיך אין דער נידעריק, נישט פרעגנדיק צו וואָס..."

אַזוי זאָגט ז. ווײַנפּער וועגן זיך אַליין.

נאָר אפילו ווען ער זאָל דאָס נישט געווען טאָן, וואָלטן מיר עס אויך, אָן זײַן הילף, זייער לײַכט געקאָנט אַנטפּלעקן כמעט אין יעדן פערז זײַנעם, אָנהויבנדיק מיט זײַנע ערשטע אוקראַינישע לידער און אויסלאָזנדיק מיט זײַן לעצטן בוך „אייגנס" —

אַ בוך פון זונשײַן, פון גרין־פײַכטע אַראָמאַט־גראָזן, פון קינדערשע מענין ביי וואַסערפאַלן, פון קאָלירנדיקע זייפן־בלאָזן, וואָס :

„אַ קינד האָט פון אַ לאַנגן דינעם שטרוי
געלאָזן אין דער לופטן גלאַט אַזוי".

הער דאָזיקער אַרטיקל פון דוד בערגעלסאָן איז אָנגעשריבן זומער 1929, ווען ז. ווײַנפּער האָט זיך באַקאַנט מיט דוד בערגעלסאָן, — באַקאַנטשאַפט, וואָס איז אַריבער אין אַ פרײַנדשאַפט און קעגנזײַטיקער ליבשאַפט. ווײַנפּערס לידער־בוך „אייגנס" איז דערשינען אין 1929.

און דער עיקר: אַ בוך מוז זיין פאַרליבט ביז גאָר, זיין פאַרליבט אין דער נאַטור, אין מענטשן פונקט ווי אין זיך אַליין, פונקט ווי אין דער נאַטור, זיין פאַר־ליבט אין די אייגענע בלויע אויגן, וואָס זיינען געירשנט פון דער מאַמען, זיין פאַרליבט אין דער אייגענער יידישער שפּראַך גישט מערער, ווי אין „איוואַנציע מאַזעפּיך:

„געוועז איז איוואַנציע אַ שייגעץ קוים נאָענט צו צוואַנציק,
קאַשקעטל אַריבער די אויגן, דאָס דאַשיקל גלאַנציק.
זיין פּנים מיט קלייענדלעך ברוינע, די האָר קוטשעראַווע,
און צווישן די כלאַפּצעס אום זונטיק — אַ קאָביק שטיק לאַווע".

און ווייטער:

„געווען איז די וועלט פאַר איוואַנציען אַ לידל, — אַ מעשה
פון וועלדער און פעלדער צעגרינטע און כאַטקעלעך ווייסע.
די שקצים און שיקסעס — אַ שפּיל פון סערמיאַגעס, קימאַנקעס
און אַלץ האָט געדרייט זיך אין טאַנץ צו דער שפּיל פון הארמאָנקעס".

פון צווישן אַט־די שורות הער איך, דאַכט זיך, ווייַנפּערס קול:

— מיר זאָל זיין פאַר איוואַנציעס קלייענדלעך!...

פאַראַן מוטערס, וואָס זייער פאַרליבטקייט אין אייגענע קינדער רופט אַרויס אַ ווידער־געפיל שוין מיט דעם אַליין, וואָס זי שליסט אויס זייער ליבע צו קינדער פון אַ צווייטער מאַמע.

ווייַנפּערס ליבע איז אַן אַנדערע, זיין ליבע צום „אייגענעם יקדיש" ווערט אָנ־גענומען און באַרעכטיקט דורך זיין נישט־קלענערער ליבע צו איוואַנציע מאַזעפּיך, און אויב איר ווילט, אפילו צום זשומען פון אַ פליג, אָדער צום שטומען ווינקען פון:

„אַ שטערן גליט אין הימל, גליט און שטראַלט
און פלוצלינג בליצט ער אויף און פאַלט —
און ווערט נישט".

ווייַנפּערס ליבע צו האָזיין איז אין גרעסטן טייל אַן עפּישע, איך וואָלט זאָגן אפילו: אַ מאַזשאָרישע (וואָס אין דער היפּער־לירישער פּאָעזיע איז זי ניט גאָר בנמצא):

„סיון־צייט רופט גרינע ערד דיך, ווי אַ מיידלש אויגנפינטל,
טראָגט זיך איבער איר אַ לייכטער, ווי אַריבער ערד, דאָס ווינטל,
הוליע־קוליע, אָן אַ סיבה, גלאָט אַזוי דאָס האַרץ דערפרייט זיך,
אויג אין אויג פאַרשלינגט זיך, בליק מיט בליק אויף שטום פאַרשטייט זיך,
שפּילט די סיון־זון זיך איבער אויסגעשפּרייטע אַקוואַרעלן,
וועקן זיך די שלעפּערדיקע טעג אויף, ווי פון צאַרטער האַנט אַ טאַרקע,
ציען זיך די שעה'ן מיטן וואַסערפאַל־געוואַגג אין שטילן טויבן־וואָרקע".

בלויז אין אייגיקע, בלויז אין זיינע לעצטע לידער, הויבן זיך אָן אַדורכוואָרפן טענער פון מינאָרישער פאַרטראַכטקייט:

„ערד ? — איך פיל זי איצטער, ווי אַ שאַרפן אָפּקלאַנג פון אַ מעשה, —
ערגעץ איז אַ שטאָט פאַראַן מיט גאַסן העל־צעצונדענע און וויסטע,
שאָטנט זיך מיין שאָטן דאָרט און אויף טראָטואַר — צייכנס נאָך פון מיינע זוילן,
קאָן די לערקייט דאָרטיקע, די שטאָט פון מיינע אויגן נישט פאַרהוילן".

ווײַנפּער זינדיקט אַקעגן זיך אַליין, אויב אין זיין ליד „דער פּאָעט" („אייגנס", ניו־יאָרק, 1929, ז' 79), שיקט ער אָפּ דעם פּיל־ליידנדיקן וואָגלענדיקן דיכטער צו „זיך אַליין", צו „אַ ליד צו זיינע לידער":

„און איבער אַלץ און אַלעמען אַ ליד צו זיך אַליין —
אָט דורך געזאַנג און אָט דורך אַ געוויין, —
אַ ליד צו זיינע לידער".

ער, ז. ווײַנפּער אַליין, וואָס איז אין זיין דיכטונג „אַ ליד צו אַלץ און אַלעמען", שטעלט דאָ פאַר מיט זיך אַליין די גרעסטע סתירה, פונקט אַזוי סתירהדיק צו זיך אַליין איז ער אין זיין פּרואוו צו פאַרראַטן זיינע פריידיקע אייגנשאַפטן דורך זיינע צוויי לידער „טרויער" און „איכה".

ער פּרואווט און עס געלינגט אים נישט:

אין „איכה" פילט זיך, ווי די באַגראָבענע פרייד וועט זיך באַלד אויפכאַפּן פון איר קבר, און עס ווערט דערפון... פריילעך.

און אין „טרויער", וואו ער אַליין שרייט אָן אויפן צעבילטן הונט: „רואיק... ס'איז דאָך בלויז מיין טרויער", — פילט זיך ממש. ווי ער אַליין וויל זאָגן: — מה רעש?... וואָס נעמסטו עס אַזוי ערנסט? — איך טרויער דאָך בלויז אויף אַ רגעלע, בלויז אויף קאַטאָוועס...

ז. ווײַנפּערס סטיכיע איז פרייד און גליק פון לעבן.

אין דעם זינען איז ער, שיינט מיר, פּראָלעטאַריש (ווייל די פּראָלעטאַרישע דיכטונג האָט אַ שטרעבונג צו באַזינגען דאָס זעלבע היגוועלטיקע לעבן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט אַ טענדענץ דאָס צו פאַרשוואַרצן). אין דעם זינען איז ווײַנפּער אין אונדזער יידישער ליטעראַטור ביז גאָר ניי און פריש.

זיינע לידער גיבן ערטערווייז דאָס זעלבע געווס, וואָס מוזיק.

עס דרייט זיך די ערד אַרום דער זון און זינגט איר ערד־ליד.

עס דרייען זיך טיסטעמען־שטערן אַרום זיך אַליין און זינגען טאָג־איין טאָג־אויס.

ער איז אַליין מיט זיינע לידער אַ טייל פון אָט־דעם געזאַנג.

1929

מ. אָלגין

ז. ווײַנפּער

1.

ז. ווײַנפּער איז אַן אָנגעזעענער ייִדישער דיכטער. ער האָט שוין אויף זײַן חשבון אַ צאָל ביכער און צוויי בענד פּראָזע — „פּאָרטרעטן פון ייִדישע שרײַבער". דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך „פּיניע" האָט אין זיך אַלע כאַראַקטער־שטריכן פון זײַן פּאָעזיע: מוזיקאַלישקייט, ריטמישקייט, לויטערקייט, אַ געפיל פאַר ליכטיקע קאָלירן.

אָבער דאָס בוך איז פיל מער, — עס איז אַ פּאָעטישע אויטאָביאָגראַפיע און אַן אני מאמין.

דאָס דערשײַנען פון „פּיניע" איז דערפאַר אַ געשעעניש פון גרויסער באַדײַטונג אין אונדזער ייִדישער, שיינער ליטעראַטור.

ז. ווײַנפּער פאַרמאָגט בלויע אויגן, אַ גוטמוטיק, קיילעכדיק פּנים, און אַ גליקלעך געמיט. עס אי זדאָ זוניקײַט אין ז. ווײַנפּערס באַנעמען די וועלט. עס הענגט איבער אים אַ שטענדיקער שמייכל. זײַן באַציִאונג צו מענטשן איז אַן אויפריכטיקע. אוודאי איז ער סענסיטיוו, אָבער ער פאַרגעסט זייער גרינג דאָס אומאָנגענעמע צוליב דער גוטסקייט. עטר געפינט גוטס, וואו אַנדערע זעען בלויז מרה שחורה. ער איז פאַרליבט אין לעבן; דאָס פּשוטע, ווי אויך אין דעם קאָמפּליצירטן. ער איז אַ מענטש פון גייסט, — וואָרום ווי אַנדערש זאָל זײַן אַ פירנדיקער דיכטער? אָבער אַ גלאָז ווײַן און אַ שפּילעוודיקער שטראַל איבער זײַן פענצטער זײַנען פאַר אים ביז גאָר וויכטיקע ווערטן.

אַ לאַנגע צײַט איז ער געווען אַ פּאָעט, ווי פּאָעטן זײַנען בכלל. אַ גוטער פּאָעט, געוויס — אַ באַזאָנדערן סטיל אין זײַנע דורכזיכטיקע לירישע לידער, שפּילעוודיק, אומעטיק, אײַנדרוקספול, ליכטיק און פול מיט טאָן.

עס זײַנען דאָ בײַ אים לידער, וואָס זײַנען ווי סימפאָניעס, אַנדערע — ווי קאַמער־מוזיק.

אָט־דאָס אַלץ איז אוודאי געווען גוט, און דאָס האָט צוגעצויגן דעם ייִדישן לייענער. זײַן דעמאָלטיקער גאַנג איז געווען דער אַקצעפּטירטער גאַנג פון דער ייִדישער דיכטונג. עס איז געווען אַ צײַט, ווי ז. ווײַנפּער דערציילט אונדז אין זײַן בוך „פּיניע":

ווען דער גאַנצער אוניווערז
איז באַשטאַנען פון אַ פּערז,
און מער גאָרנישט נישט.
דאָס לעבן האָט געמישט
די בלעטער פון אַ לידער־באַנד
מיט דער האַנט.

דאָס אויער האָט געהערט
בלויז דאָס געזאַנג פון דער ערד,
וואָס האָט זיך געשפּרייט
אין זינגעוודיקער פרייד.
און אין זינגעוודיקן טרויער...

ער איז אין יענע יאָרן געווען אַ יידישער דיכטער, וואָס האָט געזען: „אַן אי־לוזיע רייטן אויף אַ וואָלקנדל פון ערגעצנישט צו ערגעצנישט". גלאַט אַזוי, פון שיינקייט וועגן.

עס איז אמת, אַז אפילו אין יענע יאָרן איז ז. ווינפּער געווען באַוואוסטזיניק וועגן דער סאָציאַלער לאַגע, אין וועלכער דער גרעסטער מערהייט פון דער מענטש־הייט קומט אויס צו מוטשען זיך. אין זיין בוך „אונטערוועגנס" לייענען מיר אַט אַזעלכע שורות:

עסטעטן און פּאָעטן, אַלע וואו איר זענט,
איז דען אַ בושה אויסצוקערן אַן אייגן הויז?
עס איז די וועלט אויך אייגנס, נו, מוט מען אויס
די שניפּסן אויף אַ וויל און מען קערט
פאַרקערט מיט בעזעמער דעם ברוד פון אונדזער ערד.
עס איז דאָך נישט עסטעטיש און פּאָעטיש, ווי עס איז אַזוי...

אַזוינע לידער טרעפט מען ביי אים פון צייט צו צייט אין זיין פריערדיקן פעריאָד, אָבער די מערסטע לידער פון זיינע פריערדיקע דיכטונגען האָבן נישט צו טאָן מיטן קיין סאָציאַלע פּראָבלעמען.

וואוהין? צי ווייסן דען שטורעמס דערפון?

ביסלעכווייז איז אָבער געקומען אַן איבערבייט אין דעם פּאָעט ז. ווינפּער.

ער האָט אָנגעהויבן באַנעמען, אַז אַ פּאָעט דאַרף דינען דעם פאָלק, און אַז פּאָעזיע האָט אַ סאָציאַלע שליחות: צו העלפן די אונטערדריקטע, אַרונטערצו־וואַרפן פון זיך די קייטן.

ז. ווינפּערס שאַפן איז דורך דעם נישט געוואָרן פאַרמרה־שחורהט און שווער. פונקט פאַרקערט. ער איז אין זיין נייעם באַנעם געוואָרן נאָך גליקלעכער, ווייל ער האָט דערפילט, אַז זיי פּאָעזיע קריגט אַ גרעסערן זין.

זיין בוך „פּיניע" איז די מעשה, ווי אַזוי דאָס איז מיט אים געשען.

דער מענטש „פּיניע" איז דעם דיכטערס צווילינג־ברודער. דאָס בוך איז אויטאָביאָגראַפישע, אין דער דריטער פערזאָן. נישטאָ קיין באַזונדערע סענסאַ־ציעס אין דעם גאַנג פון די געשעענישן. פּיניעס קינדהייט אין אַן אָרעמער יידי־שער משפּחה פון אַ קליין שטעטל אין דער וואָלין, יוגנט אין וואַרשע, איבער־וואַנדערונג קיין ניו־יאָרק, אַרבעט אין שעפּער און שפּעטער אַ לערער אין די וועלטלעכע יידישע שולן, אָרעמקייט, שאַפן פּאָעזיע, טרעפן זיך מיט פּאָעטן. די שטאַרקסטע פּאַסירונג אין פּיניעס לעבן איז, אַפּנים, געווען זיין אָנשליסן זיך אין יידישן לעגיאָן בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, צו באַפרייען פּאַלעסטינע פון די טערקן.

אָבער דער עיקר זיינען דאָ נישט די פאַקטישע פּאַסירונגען, נאָר דער גייסט פון אָט־דעם אויטאָביאָגראַפישן בוך, דורך וועלכן עס גייט אויף אַ מענטש, וואָס האָט ענדלעך געפונען זיין וועג, און אַ ציל פאַר זיין אַרבעט.

דאָס איז די מעשה, ווי אַזוי פּיניע האָט אָנגעהויבן צו דערפילן דעם „צי־טער פון אַן אויפגעהויבענעם וואולקאַן אין אים". דאָס איז דער רעקאָרד, ווי אַזוי

אַ מענטש, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט מיט זיך אַליין, הייבט אָן דערפילן, אַז ער איז נישט מער אַליין. ער האָט דערהערט די טריט „פון מאַרשירנדיקע מענטשן" און זיין ליד האָט זיך אַ צי־געטאָן צו זיי, ווי נאָך אַ טראַט צווישן די מאַרשירנדיקע טריט. דאָס איז די מעשה פון אַ פּאָעט, וואָס האָט זיך ענדלעך דער־פילט פאַרמעגלעך און האָט אַ היים געפונען פאַר זיך.

נישט מער גלאַט אַ וואַנדערער,
נישט מער אַליין!

ער איז אַ טייל פון דער גרויסער עשירות, וואָס איז אַלעמענס און געהערט צו די, וואָס אַרבעטן און באַשאַפן דאָס, און קעמפן פאַר דעם.

ז. ווײנפּער האָט דערפאָלגרייך באַזיגט די שוועריקייטן, וואָס זיינען אומפאַר־מיידלעך ביי אַזאַ איבערבראָך אינעם אייגענעם געמיט.

אין אָט־דער אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע איז נישטאָ נישט קיין דערנידע־רונג און נישט קיין גדלות. עס ווערן דערמאָנט טעותן און באַדויער. עס ווערן דערמאָנט דערגרייכונגען אָן איבערנעמען זיך מיט זיי. עס ווערט דערציילט וועגן ליבעס מיט פרויען אויף אַ מענטשלעכן אופן. עס קומען צום אויסדרוק די אי־בערבייטענישן אין אַ מענטשנס לעבן און עס ווערן נישט געמאַכט קיין טראַגע־דיעס וועגן זיי. עס ווערט אָפּגעשפּיגלט אינערלעכע דערפאַרונגען און ס'איז דאָ אַ סך טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיק פון מענטשן (באַזונדערס איז ווערט זיך אָפּצו־שטעלן אויף דער אויסגעצייכנטער פּאָרטרעטירונג פון פיניעס פריינדין האדל), און שיינע שילדערונגען. דאָס בוך איז דורך און דורך אויפריכטיק.

דאָס איז נישט נאָר די געשיכטע פון איין באַשטימטן שרייבער. עס איז די געשיכטע פון אַ גאַנצער מחנה שרייבער, וואָס האָט געפונען איר וועג צו די אַר־בעטער־מאַסן, וועלכע קעמפן פאַר אַ נייער אָרדענונג.

2.

מען קען באַהאַנדלען לייכטע פראַגן מיט אַ שווער געמיט. דאָס איז די עובדה פון אַ סך פּאָעטן. זיי מיינען, אַז דאָס מאַכט זיי ערנסט.

מען קען באַהאַנדלען שווערע פראַגן מיט אַ שווער געמיט. דאָס איז נאַטירלעך ביי ערנסטע מענטשן. וואָס שווערער די פראַגע, אַלץ וואַגיקער דער אויסדרוק.

מען קען אָבער אויך באַהאַנדלען שווערע פראַגן מיט אַ לייכט געמיט. דאָס מאַכט די פראַגן גופא לייכטער. דאָס גיט אַ געוויסע באַפרייאונג.

ז. ווײנפּערס „פיניע" באַהאַנדלט אָן ערנסטן ענין מיט אַ שפּילערוודיקער שפּראַך און מיט אַ שמייכל. ממילא ווערט אָן דער גאַנצער ענין זיין שוועריקייט. דאָרט וואו ביי אַנדערע וואָלט זיך באַקומען טראַגיק, איז ביי ווײנפּערן אַ פאַר־כאַפּנדיקע שפּיל פון עמאָציעס און געדאַנקען, וואָס ענדיקט זיך מיט אַ זיג־פרייד. דעם לייענער ווערט גרינגער אויפן האַרצן.

די טעמע איז שוין גאָר פון די חשובע, פון די ערנסטע און שווערע. עס איז די געשיכטע פון אַ דיכטער, ווי אַזוי ער איז געוואָרן פון סתם דיכטער אַ סאָציאַ־לער דיכטער; ווי אַזוי פון אַ מענטשן, ביי וועמען „דער גאַנצער אוניווערז איז

באַשטאַנען פון אַ פערד״, איז ער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון איינעם, וואָס פילט דעם ווייטיק פון אַ געפייניקטער האָרעפּאַשנער מענטשהייט און וואָס האָט דערקענט דעם וועג צו דער באַפרייאונג פון אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער.

געווען אַ דיכטער, וואָס האָט „געשטעלט דעם אייגענעם ,איך׳ אינעם צענטער פון לעבן״; געווען

ניט מער, ווי אַ דיכטער, וואָס האָט געזען
אַן אילוזיע רייטן
אויף אַ וואָלקנדל פון ווייטן,
פון ערגעץ נישט,
אָט אַזוי,
גלאַט אַזוי —
פאַר שיינקייט וועגן.

אָבער געלעבט האָט דער דיכטער, און דאָס הייסט — געטראַכט, געפילט, מיט־געפילט מיט מענטשן. האָט ער אָנגעהייבן פאַרשטיין די אחריות פון אַ דיכטער. איז ער געקומען צום אויספיר — נישט מיטן קאָפּ, נאָר אָרגאַניש, מיטן גאַנצן וועזן — אַז אַ ליד דאַרף ערגעץ פירן. און ווען דער זינגער פון לידער איז אַליין אַ זון פון אָרעמשאַפט און איז פון יוגנט אָן אַריינגעוועבט אין דעם אוקראַינער קליינעם שטעטל און אין דער ניו־יאָרקער איסט־סאַיד, איז וואוהין זאָל סוף־כל־סוף פירן זיין ליד, אויב נישט צום סאָציאַלן קאַמף און צו באַפרייאונג און סאָציאַליזם ?

היינט האָט ער אַן אַנדער בילד פון אַ דיכטער :

ער טראָגט דעם געראַנגל פון קלאַסן און ראַסן, —
דעם עול פון זיין אייגענער ראַסע און קלאַס,
און נישט איין מאָל צעהילכט זיך אויף גאַסן
זיין ברויזיקער צאָרן און האַס.

אַ שווער פּעקל טראָגט איצט דער דיכטער. ער אַליין רופט דאָס טאַקע אַזוי : „געפּעק״. דאָס איז זיין פאַרמעגן — און גלויבט מיר, ס׳איז נישט לייכט. דאָרט איז דאָ אי זיין שטאַם, אי דער היינטיקער דור, אי דאָס אייגענע בלוט דאָס צע־זאָטענע, אי שטילקייט, אי צאָרן, אי פּיין, אי פרייד. דער וועג איז אַ שווערער, אַ לאַנגער. . .

מען קען זיך מאָלן, וואָס פון אַזאַ טעמע וואָלטן געמאַכט אייניקע דיכטער. ס׳וואָלט זיך געוויס נישט באַשאַפן קיין פריילעך ווערק. ס׳וואָלט געווען טראַ־גישער קאָנפליקט און שווערע גריבלעריי און ווייטיק, ווייטיק.

פיניע, וויינפּערס צווילינג־ברודער, אין וועמענס נאָמען עס גייט די דערציי־לונג, קומט אַרויס פון דער איבערלעבונג אַ פריילעכער. פאַרוואָס טאַקע נישט ? ס׳איז אים איצט לייכטער, ווי אַמאָל. ער האָט געפונען „די גאָלדענע ליניע פאַר מענטשן אין וועג״. ער האָט געפונען אַ זין פאַר זיין אַרבעט. ער האָט געפונען אַ וועלט.

איצט, אַז ער זיצט אַמאָל ביי זיך אין הויז
מיט זיך אַליין, איז ער מער נישט אַליין.
ער הערט דאָס גיין
פון טריט,
און אַ ליד
גייט אויף פון זיין געמיט
צו זיי,
ווי נאָך אַ טראָט אין דער ריי.

איז אים דאָך גוט. וועט ער דאָך שוין נישט וויסן פון קעלט אפילו אין די קאַלטסטע מאָמענטן. וואָרום בלוט, וואַרעם בלוט פון שטרייטנדיקע מחנות איז דאָ אין דער וועלט — און דאָס וואַרעמט און ליכטיקט און זינגט.

ווערט שוין אויך דעם לייענער פריילעך און ער פילט זיך אַ געהייבענער און דערפרישטער.

ווײַנפּערס „פיניע" איז אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, מיטן טראָפּ מער אויף די גייסטיקע, אידייאישע און עמאָציאָנעלע איבערלעבונגען, ווי אויף דעם אַרום. עס איז אָנגעהייבן מיטן פאַרצייטיקן אוקראַינער שטעטל, מיטן מלמד, מיט דעם אָרעמען עלטערן־הויז, מיט די אַרומיקע פּויערן, מיט די ייִנגלישע חלומות און דעם זוכן אַ תּכלית. עס פירט שפּעטער אַוועק קיין וואַרשע, פון דאָרט קיין אַמעריקע. עס ווײַזט דעם יונגן אוקראַינער בחור, ווי ער לעבט זיך אַרײַן אין ניו־יאָרק, ווי ער הייבט אָן שרײַבן לידער, ווי ער פאָרט אַוועק אין ייִדישן לעגיאָן קיין פּאַלעסטינע צו באַפרײַען דאָס לאַנד פון דער טערקישער הערשאַפט, ווי ער האָט זיך צוריק אומגעקערט אין זײַן אייגן־געוואָרענעם ניו־יאָרק. עס דערציילט וועגן פיניעס באַגעגענישן מיט מענטשן, וועגן פּאַטעטישע ליבעס, ענדלעך — וועגן דער פריילעכער און וויציקער האָדלען, וואָס שײַנט צו זײַן די ווײַכטיקסטע פון פיניעס חברטעס פּרויען. דער עיקר אָבער פּרוּווט עס שילדערן, ווי אַזוי דער פּאָעט האָט אָנגעהייבן אויסרעכענען דעם חשבון פון זײַן אייגענעם לעבן, זוכן דעם תּכלית אין זײַן שרײַבן. עס איז נישט געווען קיין לײַכטע אַרבעט. דאָס מעגן מיר ווײַנפּערן גלויבן. עס איז געווען, זאָגט ער, צײַטן, וואָס פיניע האָט זיך געפילט „ווי אַ פּוסט וואַלט איבער אים זיך אַרונטערגעלאָזן". געקומען אַ צײַט, ווען ער האָט זיך צעבענקט נאָך אַ זאַג, „וואָס זאָל אַלצדינג אָפּזעגן פון זײַן זכּרון". ער האָט מיטאַמאָל אָנגעהייבן טראַכטן, אַז ער טראָגט מאַסקעס אויפן פּנים — און אַראָפּנעמען זיי האָט געהייסן צעשיידן זיך מיט אַ טייל פונעם אייגענעם איך, וואָרום ווער קען וויסן, וואו עס ענדיקט זיך דער גרים אָדער די מאַסקע אין אַ פּאָעט, וואָס איז „אינטעליגענטיש און עקסצענטריש", און וואו עס הייבט זיך אָן דער עצם מענטש ?

עס קומט אָבער אַ צײַט — דער קריזיס איז איבערגעלעבט. עס קומט אַ צײַט און דער דיכטער דערפילט, אַז

איצט איז ער אַ פּאָדעם אינעם געוועב
נישט נאָר פון ניו־יאָרק,
נאָר ער איז באַזעלט
מיטן לעבן אויף דער וועלט.

איצט האָט זײַן קול אַ רעזאָנאַנס. איצט פילט זיך פיניע ווי אַ שליח־ציבור.

פיניעס קול איז איצט צעהעלט,
ווי אַ גליאיקער פלאַקער,
און ווי אַ גלאַנציקער אַקער
שניידט ער איצט פּאַסן
נאָך פּאַסן
אויף ניו־יאָרקישע גאַסן
און סקווערן.

דאָס איבעריקע איז שוין מער אַ פּראָגראַמאַטישע עקספּאָזע, אַ דיכטערישער

אני־מאמין, איידער אַ שילדערונג פון דורכגעגאַנגענע אידעאַלאָגישע וואַנדער־וועגן. דאָ, צום שלוס פונעם בוך, ווערן אַלע מאָטיוון פונעם ווערק סימפאָניש צוזאַמענגעשטראָמט: בילד פון דער היינטיקער שטורעם־אָנגעזעטיקטער צייט, בילד פון גרויסשטאָט, פיניעס באַהעפטונג מיט דער וועלט פון אַרבעט, דער וועלט פון אומרו, דער וועלט פון קאַמף, פיניעס פאַרבינדן דאָס אַלמענטשלעכע מיטן יידישן, דעם נעכטן מיטן היינט; די אוקראַינע, וואָס איז סאָוועטיש, מיט ניו־יאָרק, וואָס זוכט אַ תיקון, פיניעס גיין האַנט אין האַנט מיט האָדלען און זיין גיין האַנט אין האַנט מיט אַ וועלט מיט מענטשן — אַהין, „וואו איבער יעדן אָפּגרונט האָט אַ בריק זיך אויסגעצויגן". דאָס אַלץ ווערט באַהאָפטן אין איין ברייטער, פאַרביק־פליסנדיקער מעלאָדיע.

עס איז געווען,
ווי זיינע אויגן וואָלטן אָנגעהויבן קלאָרער זען,
און שאַרפער האָבן אָנגעהויבן הערן זיינע אויערן.
שווערע טויערן,
פון שטאָל געגאָסענע,
אויך שלעסער פאַרשלאָסענע,
האָבן פאַנאַנדערפראַלן זיך גענומען.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
עס איז געווען נישט מער אויף גאָטס באַראָט,
וואוהין די טריט זיך לאָזן,
וואוהין די ווינטן בלאָזן,
נאָר אויף אַ וועג אַן אָנגעצייכנטן, אַ קלאָרן.

דאָס ווערק איז דורכזיכטיק, מעלאָדיש, אָפּט שטיפעריש, צייטנווייז גאָר שטאַרק, כסדר העל. די שפּראַך איז לייכט־יידיש, אָבער מאָדערן, דערביי כמעט אָן „פּאָעטישן" פּוץ. אַ נאַטירלעך־פליסנדיקע פאַרשיידנאַרטיקע שפּראַך.

דאָס אינטערעסאַנטסטע אין פּרט פון טעכניק איז די מעכאַניק פונעם ריטם. דער ריטם איז אַמנאָענטסטן צו דעם פאָלק־ליד. די שורה איז נישט איינגעטיילט אין גלייכע זילבּ־מאָסן, ווי דאָס פאָדערט די קאָנווענציאָנעלע מעטריק, נאָר זי האָט איר אייגענעם שוואונג, וועלכער ווערט באַשאַפן סיי דורך דעם גאַנג פון די זילבן, סיי דורך די גראַמען, סיי דורך דעם סעקווענץ פון לענגערע און קירצערע שורות.

אָט איז אַ מוסטער:

איר מאַמע פלעגט אומגיין מיט אַ פאַטשיילע
יעדן פרייטיק איז שטעטל און בעטן אַ גראָשן,
אַז עס זאָל חלילה נישט ווערן פאַרלאָשן
דער הייליקער נר־תמיד
אין שול ביים עמוד.

אַזוי ווי די שפּראַך איז דערביי אַ קאָנווערזאַציאָנעלע, אָן דער געלאָרנקייט מיט שווערע ווערטער און האַרטע פראַזן באַקומט זיך אַ שורה, וואָס איז זייער

מסוגל פאַר אַ רעטשיטאַטיוו. דאָס גאַנצע איז אָריגינעל און דאָך זייער נאָענט צום גייסט פון פאָלקס־פּאָעזיע, הגם אויף אַ פּיל העכערער מדרגה.

די גראַמען זיינען זייער פאַרשיידנאַרטיק, און עס באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז דער פּאָעט אַליין האָט פון זיי הנאה. ער שפּילט זיך מיט זיי. אין דעם איז דאָ עפּעס קינדערישעס.

מעכל, פון אַ נאָדל
בלעכל, פאַר דער באָבע האָדל
צי דען שכל אויף שבת הגדול.
איינעם לעכל

אַזוי רײַדן ביי ווײַנפּערן חדר־ייִנגלעך אין אוקראַיִנער שטעטל, אַזוי רופן זיי איינער דעם אַנדערן. אָבער ווײַנפּער אַליין באַמערקט דערצו — ער, שוין אַ הער־וואַקסענער און אַ ניו־יאָרקער:

אָט אַזוי זיינען יאַטלעך! מיט אַ טאַטער
גרויסע כוואַטלעך און אַ קאַטער
צו גראַמען פּאַטער און זיי דרייען מיט אַ פּיפּערנאָטער.

פּאַראַפראַזירנדיק ווײַנפּערן, קען מען זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער מאַדים צו גראַמען קאַרש מיט מאַרש, באַריר מיט טיר, ירידה מיט מידע, פאַבריקן מיט בליקן, שפּאַלירער מיט טאַפּעצירער און עלעווייטער־פירער, שיך מיט „איך", עיקר מיט שטיקער, אַקטיאָר מיט האָר, „הברה הספרדית" מיט געגליט. אין „פּיניע" איז פאַראַן אַ סך אומדערוואַרטעטע גראַמען, און עס זיינען, ווי דער שטייגער איז, אויך אויסגענוצט געוואָרן אַסאָנאַנסן.

ביי דער גאַנצער לייכטקייט און שפּילעוודיקייט דערגרייכט דאָס ווערק אָפט באַדייטנדיקע אינטענסיווקייט פון אויסדרוק, דערגרייכט ביז פּאַטאָס. אין געוויסע פּאַסאַזשן פילט זיך שטאָל. אין גאַנצע אָפּטיילונגען איז דאָ קרעפטיקע מוזיק, דער עיקר אין די קאַפּיטלען „חשבון" און „פּיניע רעדט אַמאָל צו זיך אַזוי". און אַלע־מאָל, ווען דער שרייבער שלאָגט אָן אַ דראַמאַטישן אָדער פּאַטעטישן טאָן, ווערט באַלד אַריינגעפלאָכטן אַ לייכטער אימאַזש, אַ ווערטל, אַ שפּאַסיקער אויסדרוק, וואָס גיט צו דעם גאַנצן אַן אייגנאַרטיקן חן.

ז. ווײַנפּערן איז געלונגען אָנצושרייבן אַן ערנסט ווערק וועגן דער אויסקריס־טאַליזירונג פון אַ קעמפערישער וועלט־אָנשויאונג ביי אַ ייִדישן דיכטער פון אונ־דזער צייט — און אָנצושרייבן אַזוי, אַז דאָס זאָל זיך לייענען לייכט און מיט וואַקסנ־דיקן פאַרגעניגן, אַזוי אַז ס׳זאָל זיך דאַכטן: דעם דיכטער אַליין האָט דאָס שרייבן פאַרשאַפט אַ סך פרייד.

ל. כאַנוקאָוו

מיט אַ פול האַרץ פון פרייד

(צו ז. ווײַנפּערס 25־יאָריקן פּאָעטישן שאַפן)

ז. וויינפער איז געקומען אין אונדזער דיכטונג מיט אַ פולן האַרץ מיט פרייד. פאַר זיינע ברייט־געעפנטע אויגן איז געווען אַ וועלט, וואָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. די זון האָט געשיינט. די גאַנצע נאַטור האָט געשפרודלט מיט שיינקייט. די לופט איז פול געווען מיט לעבעדיקע קלאַנגען. מ׳האָט נאָר באַדאַרפט אָט־די אַלע שיינקייטן איבערגיסן אין דיכטערישע וואָרט־פאָרמען, אין האַרמאָנישע קלאַנגען, — און וויינפער האָט גענומען זיין יונגע לירע אין דער האַנט אַריין און גענומען זינגען. שרייבן לידער איז פאַר אים געווען די סאַמע עסענץ פון לעבן. ער איז געוואָרן דער דיכטער פון געזונטער פריידיקייט, דער דיכטער פון האַרמאָנישער גאַנצקייט צווישן דעם מענטשן און דער נאַטור. זיין ליד איז געוואָרן אַ פייערלעכער ווילן צום לעבן און צו דער נאַטור, דאָס מענטשלעכע לעבן — אַ פריידיקע אידיליע, און דער זין פון זיין לעבן — די יוגנטלעכע באַוואונדערונג פון דעם גרויסן יום־טוב, וואָס מענטשן האָבן גערופן וועלט. אַלץ איז אין דער וועלט געווען פול מיט וואונדער. דער מענטש איז געווען וואונדערלעך און נאָך וואונדערלעכער איז געווען זיין ליבע. און וואונדערלעכער נאָך פון ליבע איז געווען גוטסקייט. דאָס גוטע אויף דער וועלט איז געווען פון גאָט און דאָס שלעכטע — פונעם טייוול. דערפאַר האָט דער דיכטער געבענטשט אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פון גאָט און אָפּגעקערט זיך פון אַלץ, וואָס ס׳איז געווען פונעם טייוול.

ערשט שפּעטער, אַ סך יאָרן שפּעטער, איז דער דיכטער ז. וויינפער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז גוטסקייט, יושר און שיינקייט, וואָס ווילן זיך מאַניפעסטירן אין יעדער שטרעבונג פונעם מענטשלעכן גייסט צו העכערער אַנטפלעקונג, זיינען אַ רעזולטאַט פון רעאַלער דערפאַרונג, פון אַ לאַנגן און ביטערן געראַנגל פאַר פרייהייט. דאָס, וואָס ס׳איז פריער געווען אַן אַבסטראַקטער באַגריף, האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַנטפלעקן פאַר זיין אויג אין רעאַלע פאָרמען פון מענטשלעכן לעבן. דער וואונדער פון לעבן איז שוין ניט געווען אין דער אַבסטראַקטער שיינקייט און אין איר באַוואונדערונג פון דעם דיכטער דורך דעם מעדיאום פון ליד. דער וואונדער איז גאָר געווען אין דעם מענטשלעכן קאַמף מיט די כוחות, וואָס האָבן געזוכט צו צעשטערן די פונדאַמענטן פון יושר און האַלטן די מענטשהייט אין שטענדיקער אונטערדריקונג. פריער האָט דער דיכטער באַדאַרפט אַוועקגיין פונעם לעבן, דערווייטערן זיך אין זיינע דיכטערישע הימלען, כדי צו באַזינגען דעם מענטשן און די נאַטור. איצט האָט ער זיך באַדאַרפט דערנענטערן, אַריינגיין טיף אין לעבן אַריין, באַהעפטן זיך מיט די ווירקנדיקע כוחות, און אַליין ווערן אַ ווירקנדיקער כוח צווישן „ראַסן און קלאַסן“. צו דערגרייכן דעם מענטשן אין זיך,

צו דערגרײכן דעם מענטשן אויסער זיך איז געוואָרן דער ציל פון זײַנע סאַמע העכסטע דיכטערישע אַספּיראַציעס. עס איז פאַר אים געוואָרן קלאָר, אַז אַלץ, וואָס ס'איז פונעם מענטשן און פאַר דעם מענטשן איז דער זין און דער ציל פון מענטש־לעכער עקזיסטענץ. אפילו די גרויסקייט פון דער נאַטור אין אַלע אירע וואונדער־לעכע אַנטפּלעקונגען איז ניט מער ווי אַ רעזולטאַט פון דעם מענטשנס באַוואונדע־רונג פון דעם רײכן אינהאַלט, וואָס ער האָט איר געגעבן דורך זײַן אייביקן שטרעבן צו אַ העכערן גליק, צו העכערע מענטשלעכע ווערטן.

דער דיכטער האָט דערזען: סאָציאַלע אונטערדריקונג איז מיאוס. עקספּלו־אַטאַציע פון איין מענטשן איבערן צווייטן איז מיאוס. אונטערדריקונג פון מענטש־לעכער פרײַהייט איז מיאוס. דאָס אַלץ לייגט אַוועק טונקעלע פלעקן אויף דער ליכטיקער זון און צעלייגט זיך מיט פינצטערע שאָטנס אויף דער נאַטור, אויף דעם גורל פון מענטשלעכן לעבן אויף דער וועלט. און זײַן ליד האָט גענומען קלינגען מיט אַנדערע טענער. ער שרײַבט אָן אַ גאַנץ בוך מיט לידער, וואו עס ווערט אויסגעדריקט דורך פּײַן געלייטערטקייט דעם דיכטערס גאַנג צו אַ נײַעם באַנעם פון דער וועלט, אין וועלכער ער לעבט. אין 1934 דערשײַנט זײַן בוך „אונ־טערוועגנס", אין וועלכן ער רעדט צו זיך אַנדערע רייד. און ניט נאָר צו זיך. צו זײַנע קאָלעגן־דיכטער, אַלימפּיקער, זאָגט ער:

„אַ מענטש וואָס קאָרטשעט זיך פון קעלט,
צעקאָרטשעט דאָך אַ טייל פון אונדזער וועלט.
איז וואָס־זשע זאָל מען טאָן? — מען דאַרף
פאַרלאָזן אויף אַ ווײַל די האַרף
און נעמען נאָדל־פאָדים אין די הענט, —
עסטעטן און פּאָעטן, אַלע, וואו איר זייט,
איז דען אַ בושה אויסצוקערן אייגן הויז?"

יאָ. ז. ווײַנפּער האָט דערזען באַשײַנפּערלעך, אַז די צייט צו זינגען, „ווי עס זינגט אַ פויגל", איז אַריבער. אַז די צייט פון אַ גרינטלעכער רעוויזיע אין דעם שאַפן פון אַ דיכטער איז געקומען. און ער נעמט זיך אונטער צו מאַכן די רע־וויזיע, קודם־כל, אין זײַן אייגענעם שאַפן. אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען זײַנען גע־וואָרן ניט סתם סאָציאַלע פּראָבלעמען, נאָר זײַנע אייגענע פּראָבלעמען, וואָס האָרפן געפינען זייער לייזונג פריער פון אַלץ פאַר אים אַליין, ווי אַ דיכטער, ווי אַ גע־זעלשאַפטלעכער טוער. און ער הייבט אָן צו באַרירן יעדע וויכטיקע געשעעניש אינעם ייִדישן לעבן און אינעם אַלגעמיינעם לעבן.

די רעוויזיע מאַכט דער דיכטער ניט נאָר פון דעם איצט, נאָר אויך, אין ר'ע־טראָספּעקט, פון זײַן נעכטן. ער זאָגט:

„נו, יאָ, איך בין אַ זון פון אַ טאַטן, וואָס האָט באַטראַכט
שמולקע דעם שוסטער און יאָסל דעם שנײַדער פאַר קלענער פאַר זיך,
כאָטש יענע האָבן אַזעלכע שיינע מלבושים און שיך
פאַר אונדזער גאַנצער משפחה אויף יום־טוב געמאַכט".

דער וועג, אויף וועלכן דער דיכטער איז אַרויף אין זײַן בוך „אונטערוועגנס",

איז געווען ניט קיין לייכטער. עס איז אים ניט לייכט געווען דורכצומאַכן דעם גייסטיקן איבערבראָך: „ניט היימיש איז מיר נאָך דער נייער וועג, נאָר אַלטער האָט נישט מער, ווי חלום בלויז געהאַט...“, אָבער ער ועט שוין:

„...אין אַזעלכע טעג, ווי קאַמיש מוז זיין יעגער זינגער,
וואָס טרילט צו דעם זונשיין אויף אייגענעם פענצטער, —
מעג זיין יעגער זינגער דער פיינסטער, דער שענסטער...“

און אין זיין „אני־מאמין“ אין דעם זעלביקן בוך זאָגט ער, אַז ער איז:

„...בציבור מיט די, וואָס בלייבן נישט פון הינטן,
מיט די, וואָס שלאָגן זיך מיט בייזע ווינטן,
באַזיגן זיי און לאָזן זיי פון הינטן...“

איצט איז שוין פאַרן דיכטער געווען לייכט צו קומען צו זיין נייעם בוך „פיניע“. זיינע פריערדיקע פאַרשיידענע ניט צו־קלאָרע און ניט צו־זיכערע בלאָנדזשעניש׳ן זיינען פאַריבער. די פריערדיקע אומרואיקייט האָט זיך פאַרביטן מיט קלאָרן באַוואוסטזיין פון ציל. פון דער כאַאָטישקייט, וואָס האָט געשטרויכלט זיין גאַנג אין דער צייט פון איבערבראָך, האָט זיך געגומען פאָרמירן אָרדענונג, אָפענע פערספעקטיוו. עס איז אים מיט אַמאָל לייכט געוואָרן צו שרייבן וועגן די שווערסטע זאַכן. די יוגנטלעכע שטימונגען זיינען צוריקגעקומען באַרייכערטע מיט נייער דערפאַרונג, און מיט נייער דערקענטעניש. די שווערע טעג פון „אונטערוועגנס“ זיינען פאַרביטן געוואָרן מיט דער געזונטער האָפערדיקייט פון קאַמף. אין דעם נייעם ווערק איז דער דיכטער געקומען ווי צו זיך אַהיים, דערפילט די וואַרעמקייט פון דער אייגענער היים, די פולע נאָענטקייט פון דער אייגענער סביבה און פון די מענטשן אַרום זיך. וויינפער איז געקומען צו זיך, צו זיין אייגן לעבן.

זיין לעבן איז פול געוואָרן מיט דער קלאָרער וויזיע פון אמת, מיט פולער אחריות פאַרן מענטשלעכן לעבן און פאַר דעם אייגענעם קינסטלערישן גאַנג אין דעם לעבן אַריין. אָבער איצט איז ער שוין ניט אַליין: פיניע —

„...הערט דאָס גיין	גייט אויף פון זיין געמיט
פון טריט,	צו זיי,
און אַ ליד,	ווי נאָך טראָט אין דער ריי...“

דער דיכטער דערפילט מיט אַלע זיינע חושים דעם אמת פון לעבן, אַלע פראָבלעמען, אַלע פראַגן רעדוצירן זיך פאַר זיינע אויגן צו איין פראָבלעם. אַלע ראַסן־אומגלייכקייטן, אַלע קלאַסן־אומגלייכקייטן, דער גאַנצער געראַנגל פון מענטשלעכן לעבן זיינען אַ רעזולטאַט פון דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, און דער ציל און דער אינהאַלט פונעם מענטשלעכן לעבן מוז ווערן די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענטשהייט. פיניעס:

„אויגן הייבן אָן זען, זיינע אויערן — הערן,	וואָס שמעלצט די מאַסן
און זיין האַרץ באַטעמען הייבט אָן	פון פעלקער און ראַסן
דעם זין פון דער פאָן,	אין יובל געברויז“.

דער דיכטער הייבט אָן צו רעדן אַן אַנדער שפּראַך. זיין דיכטונג ווערט

נעענטער צום לעבן, צו דער ווירקלעכקייט, ווערט אָנגעטאָן אין פֿלייש און אין בלוט פֿון אַלץ, וואָס לעבט און קעמפֿט און באַלעבט דאָס אַרומיקע מיט אויסדרוק און מיט ציל־באַוואוסטקייט.

פֿאַרן דיכטער קומט־אָן אַ נײַער טאָג. עס קומט־אָן אַ נײַער פֿרימאָרגן. אין אַזאַ פֿרימאָרגן דערזעט ווײַנפּער דאָס לעבן קלאָרער. קלאָרער פֿאַר זיך און פֿאַר אַנדערע. אין אַזאַ פֿרימאָרגן איז לײַכט און גוט און וואַרעם־געמיטלעך אויפֿן האַרצן. עס איז לײַכט צו רעדן וועגן די שווערסטע זאַכן און עס ווילט זיך אַ שפּיל טאָן מיט אַ פֿרישן וואָרט־קלאַנג, מיט אַ לײַכטער וואָרט־קאָמבינאַציע. און ווײַנפּער דערציילט זײַן מעשׂה, די מעשׂה פֿון זײַן אייגענעם לעבן, מיט אַ לײַכטן, שפּילעוודיקן הומאָר, מיט סובטילער אײַנגעהאַלטנקייט, מיט אַ מעלאָדישן אומגעקינצלטן נאָכקלאַנג, פֿון אַ פֿרישן, אומגעצוואונגענעם גראַם.

דעם דיכטערס לעבן גייט דורך פֿאַר די אויגן פֿון דעם לייענער אין אַ מאָדנעם שפּילעוודיקן געלאַף. בילדער פֿון הײַנט ווערן פֿאַרביטן מיט די בילדער פֿון נעכטן און אייערנעכטן. גאַנץ אָפֿט ווערט אויך דער לייענער מיד פֿון דער בײַטעניש פֿון געשעענישן, פֿון דער איבערפֿליסיקייט, אין וועלכן דאָס בוך איז געשריבן. אָבער ער ווערט כמעט אויף יעדן זײַטל באַלוינט דורך אַ טרעפֿלעכן וואָרט, דורך אַ חנעוודיקן דיכטערישן ניואַנס און דורך אַ בילד, וואָס דערנעענטערט אײַך צום דיכטער, ווי צו אַן אייגענעם, און זײַן איצטיקע איבערלעבונג ווערט אַ טייל פֿון אײַער אייגענער איבערלעבונג.

דאָס בוך ווידמעט ווײַנפּער זײַן צווילינג־ברודער. ער זאָגט דאָרט:

„און זײַנען אונדזערע וועגן פֿאַרהילט
אין פֿלאַם און אין רויך,
איז אָבער אונדזער כּוח
איצט אַ צוואַקסטער.
דער נעכטיקער טרוימער און טראַכטער
איז הײַנט אויך אַ טוער, —
מיר וועלן נאָך דערלעבן
זינגען הללויה
צום לעבן".

מיט אָט־דער האָפֿעדיקייט הייבט ער אָן זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע און מיט דער האָפֿעדיקייט פֿאַרענדיקט ער זי ביז דעם יאָר נײַנצן נײַן און דרײַסיק, אַ יאָר, וואָס איז געוואָרן אַ ווײַכטיקער עטאַפּ אויפֿן וועג צו אַ נײַעם פּרוכטבאַרן, שעפֿערישן לעבן פֿאַרן דיכטער ז. ווײַנפּער.

1940

דער קינדער־דיכטער

די ייִדישע קינדער־ליטעראַטור, און באַזונדערס — די קינדער־פּאָעזיע, זײַנען די ייִנגסטע צווײַגן אויף דעם בוים פֿון דער ייִדישער שעפֿערישער קולטור. אָט־די צווײַגן האָבן אַרויסגעשפּראָצט ערשט מיטן אָנקום פֿון דער מאָדערנער ייִדישער

ז. ווײַנפּער — „דער גילדענער האָן". איקוף־פֿאַרלאַג, בוענאָס־אײַרעס, 1948.

ליטעראַטור און מיטן אויפקום פון דעם מאָדערנעם יידישן שול־וועזן אין איירָאָפּע און אַמעריקע.

אין די אַמאָליקע צייטן האָט דאָס יידישע קינד פאַר זיך געהאַט נאָר דעם ספר פון זיינע עלטערן. און אַ ספר האָט מען באַדאַרפט לערנען און דערלערנען צו אַ תכלית — מערסטנס אָן דער עסטעטישער הנאה, אָן דער פרייד פון שעפעריש׳ן וואָרט. שוין אין די ערשטע לידער, וואָס אַ קינד האָט געהערט זינגען ביי זיין וויגל, האָט ער זיך דערוואוסט, אַז דער גרעסטער אידעאַל פון זיינע טאַטע־מאַמע איז די שווערע פליכט צו דער תורה, און אַז דער ציל, צו וועלכן ער דאַרף שטרעבן, איז — צו ווערן אַ רב, אָדער אַ סוחר.

דער איינציקער קוואַל, פון וועלכן דאָס קינד האָט שפעטער געקאָנט ציען די גייסטיקע נאַרונג פאַר זיין פאַנטאַזיע, איז געווען דער חומש, די נביאים ראשונים און טיילווייז — די כתובים. אָבער אויך אָט־די ווייטע און אויסטערלישע מעשיות האָט מען געמוזט לערנען און איבערלערנען, פסוק נאָך פסוק, אונטערן רבינס שטרענגען טייטל און מיט דעם רבינס סקאַרבאָווע פאַרטייטשונגען, מיט די שטענדיקע איבערחזרונגען, וואָס האָבן די הנאה גרינגטלעך צעשטערט.

זיין אייגענע קינדערשע וועלט, זיין קינדערשע געמיטלעכקייט, האָט דאָס קינד ערשט געפונען אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און פּאָעזיע (און גאָר באַזונדערס — ביי שלום עליכמען). דאָ האָט עס געפונען זיינע אייגענע פריידן און זאָרגן, ווייל מיט אים האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן זיין לשון, ניט ווי דערוואַקסענע מיט מינדעריעריקע, נאָר ווי גלייכע צו גלייכע, — שרייבער, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין זיין אייגענער געמיטלעכקייט, געשוועבט אין דער זעלביקער רעאַלער און פאַנטאַסטישער אַטמאָספערע פון עכטער קינדערשער איבערלעבונג.

אָט־די אַלגעמיינע באַטראַכטונגען זיינען מיר געקומען אין זינען, בעת איך האָב געלייענט ז. וויינפּערס בוך קינדער־לידער „דער גילדענער האָן" אין דער צווייטער, היפּש־פאַרגרעסערטער, אויפלאַגע, וואָס דער אַרגענטינער איקוף האָט מיט געשמאַק און ליבע איצט אַרויסגעגעבן. דאָ געפינט דער לייענער די באַקאַנטע לידער פון דער ערשטער אויפלאַגע און אויך אַזעלכע, וואָס זיינען שוין געוואָרן אָנגעלייגטע געסט אין די שול־כרעסטאָמאַטיעס, און אויך אַ צאָל, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַנדערע וואַריאַציעס צווישן זיינע לידער־זאַמלונגען, לכתחילה געשאַפן פאַרן דערוואַקסענעם לייענער.

ס׳האָט אַזוי פּאַסירט, אַז כמעט גלייכצייטיק מיט זיין קומען אין דער יידישער דיכטונג איז וויינפּער אויך געוואָרן אַ יידישער לערער אין די פּיאָנערן־יאָרן פונעם יידישן שול־וועזן אין אַמעריקע. אַ לערער — אַ דיכטער, האָט ער אין דער קינדערשער סביבה באַלד אָנגעקניפּט נייע פעדים פאַר זיין ליד. די נאַטירלעכע קינדערשע חכמה, די אומגעקינצלטע דערפינדערישקייט, זייער זוכנדיקער מוח און האַרץ, און מיט דעם אַלעם — זייער דראַנג נאָך פריידיקער איבערלעבונג, האָט אינעם דיכטער געפונען אַ נאָענטן אָפּרוף. ער האָט זיך שנעל באַפרייט פון די „פּעדאַגאָגישע נאָרמעס", וואָס זיינען אומפאַרמיידלעך אין אַ פּיאָנער־אַרבעט, און האָט אויסגענוצט זיין דיכטערישן צוגאַנג צום קינד אויף דעם פרייסטן אופן. ער

האָט ניט געזוכט דאָס קינד צו „לערנען" צו „פּריידיקן" פאַר אים אַ מאָראַל, צו „דערציִען" אים אויף אַ וועלכן עס איז אָפֿענעם אָדער באַהאַלטענעם אופֿן. ז. ווײַנפּער האָט בחוש דערפֿילט, אַז דאָס קינד איז אַ סענסיטיווער לייענער, וואָס דערפֿילט באַלד, וואָס עס איז עכט און וואָס עס איז פּסולת; אַז דאָס קינד האָט פֿײַנט אַלץ, וואָס ס'איז נאַר אים, ווי פֿאַר אַ קינד, צוגעפּראַוועט מיט איבערי־קער זיסקייט, כדי עס זאָל איינשלינגען, ווי אַ באַזיסטע פּיל, אַ פֿאַרטיקע מאָראַל, מיט וועלכער דער דערוואַקסענער וויל אים, דעם מינדעריעריקן, „אַרייננאַרן אין זאַק"... דערפֿאַר זײַנען די מערסטע לידער פֿון יענעם ערשטן פּעריאָד פֿון ווײַנ־פּערס שאַפֿן פֿול מיט שפּילעוודיקער דערפֿינדערישקייט, מיט אַקציע, מיט קלינ־גענדיקן גראַם פֿון שפּילעוודיקער ווערזיפֿיקאַציע, מיט געזונטן אָפּטימיזם:

„איינס און צוויי,
איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריי,

זון באַהעלט
אונדזער וועלט,
לעבן איז כדאַי".

ז. ווײַנפּער האָט זייער ליב דעם גראַם און ער ווייסט, אַז קינדער האָבן הנאה פֿונעם גראַם — שפּילט טאַקע דער גראַם אין זײַן ליד אַלע מאָל די ערשטע פֿידל. ער גראַמט אַליין, לאָזט דעם לערער זיך שפּילן מיט גראַמען — אין שול, און דעם פֿאָטער — אין דער היים:

„שפּילן קינדער זיך אין גראַמען,
הערן זיי ניט אויף צו ליאַרמען:

אין זיי שײַנען, פֿלאַמען,
און זיי האָבן טויזנט טעמען!"

— — — — — — — — — —

אַז ער רופֿט די קינדער „אין שול אַרײַן!" — קומט אים צונויף דער גראַם, ווי אַ ריטמישער גלאָקן־קלאַנג, וואָס צעשרייט איבער גאָר דער וועלט דעם רוף:

„אין שול אַרײַן!
אין שול אַרײַן!
וואו איר זאָלט ניט זײַן,
אין לאַנד פֿון פּײַן,

אין לאַנד פֿון שײַן,
זאָל אונדזער שול
זײַן פֿול.
— — — — — — —

אין שול אַרײַן!

אין שול אַרײַן!
וואו מען זאָל ניט זײַן —
ביים בירא, ירדן און ביים האָדסאָן,

ביים טענאַ, ווײַסל און לאַפּלאַטאַ,
וואַקסן מיר און שפּראָצן:
פֿון אַ מיידעלע — אַ מאַמע, פֿון אַ ייִנגעלע, אַ טאַטע".

ז. ווײַנפּער זעט און באַנעמט די וועלט, די נאַטור און די מענטשן אַרום אים, ווי אַ קינד: — אַלע מאָל, ווי צום ערשטן מאָל, אַלע מאָל מיט אַ נײַער פֿאַרוואונ־דערונג און באַוויאונדערונג, מיט אַ באַנײַטער הנאה. אַלע סעזאָנען זײַנען פֿול מיט זייער באַזונדערער פֿרייד פֿאַרן קינד. דער זומער איז ביי אים באַזונגען אין אַלע זײַנע פֿריידן, אָבער ניט ווייניקער איז באַזונגען דער קאַלטער, שטרענגער ווינ־טער. און ווי צו באַווײַזן, אַז צווישן אים און דעם קינד איז ניטאָ קיין מחיצה, אַז זײַן געמיטלעכקייט איז די געמיטלעכקייט פֿון יעדן קינד, איז ווײַנפּערן איצט ניט שווער געווען אַרײַנצונעמען אין זײַן קינדער־זאַמלונג אַ סך אַזעלכע לידער, וואָס

זיינען פריער לכתּחילה געשריבן געוואָרן פאַרן דערוואַקסענעם לייענער און האָבן זיך געפונען צעשפּרייט אין זיינע לידער־זאַמלונגען אין עטוואָס געענדערטע וואַריאַנטן.

פאַר וויינפּערן און פאַרן קינד זיינען אַלע נאַטירלעכע דערשיינונגען פון דער וועלט וואונדערלעך, אָבער דער מענטש איז נאָך וואונדערלעכער. און אָט־דער מענטש איז אויך דאָס קינד. ניט נאָר האָט עס אַלע איינגעשאַפטן פונעם דערוואַקסענעם, נאָר עס איז נאָך גאַנצער. עס איז נאָך ניט געבראָכן פון צווייפל און ציניזם און עס וויזט ווי אויפצונעמען די אמתע, אומגעקינצלטע פרייד און האַרציק בענקען זיינע אויפריכטיקע בענקענישן, און דער דיכטער פירט טאַקע אַרויס אַ גאַנצע גאַלעריע קינדער־טיפּן, געצייכנט מיט שאַרפע, קענטלעכע שטריכן. דאָ איז דער טעמפּער ייִנגל בערל, וועמען דער טאַטע רופט „בערולע" און די מאַמע — „מיין גדולה". און דאָ איז דאָס מיידעלע האָדעלע, וואָס איז שטיפעריש־צעלאָזן און „שטעכט ווי אַ נאָדעלע", און לייזער דער פאַנטאַזיאָר, וואָס שוועבט אין די הימלען, און מינדעלע די דינע מיט „אַ פּנימל, ווי אַ לימענע אַ גרינע", און שמילקע מיט דער פּילקע, און כאַנקע די ציגאַנקע מיט אויגן — „צוויי שווערדלעך בלאַנקע", און חוה, אַ מיידעלע אַ ברען — „ממש אַ שטיק לאַווע", און סעמי דער שיך־פּוצער, וואָס איז אַ פּראָלעטאַר און פאַרזאָרגער פון זיין אָרעמער היים, און דער ווייסער שלעגערל, וואָס שלאָגט דעם נעגערל „מיט די טרויעריקע אויגן", און אַ „פאַסטוכל אַ טרוימער", וואָס האָט זיך פאַרטרוימט און פאַרזען, ווי די וועלף האָבן פאַרצוקט זיינע שעפעלעך...

ז. וויינפּער רעדט ניט אַלע מאָל צו די קינדער, ווי אַ גלייכער צו גלייכע. אַמאָל צערעדט ער זיך ווי אַ דערוואַקסענער. דערפאַר איז ער אָבער אַלע מאָל היימיש אין דער סביבה פון קינדער. ער איז ווי אַן עלטערער, מער דערפאַרענער, ברודער אָדער חבר, אַ קינדיש־שטיפערישער חבר אַזאַ, וואָס האָט ליב צו פאַרברענגען מיט יינגערע קינדער און שפּילן זיך מיט זיי, ווי מיט גלייכע, און הנאה האָבן מיט זייער הנאה. זיינע רייד, זיין באַנעמונג, זיין „דערוואַקסענע חכמה", דערמאָנען טאַקע אין זיין עלטערקייט, אָבער אַז ער איז סיי־ווי־סיי אַ גרויסער שטיפער, איז צווישן זיי און אים קיין צו־גרויסע מחיצה ניטאָ. און אפשר איז גוט אים אין זיין דערוואַקסנקייט, ווייל ער קען אַלע מאָל אַנטדעקן אַ „נייעם וואונדער" אין דער נאַטור און אין דעם מענטשן, וואָס איז „אַליין אַ וואונדער שבוואונדער".

עס וועט אָבער זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז ז. וויינפּער איז דורכאויס שטיפעריש. עס זיינען אינעם בוך פאַראַן אַ סך לידער פון אַ טיפן ערנסטן כאַראַקטער, איבער וועלכע עס שוועבט אַ שטילער אומעט, אַ פאַרטראַכטקייט וועגן לעבן און מענטשן, וועגן זיינע פריידן און ליידן, וועגן זיין געראַנגל פאַר דער פרייד פון לעבן, פּונקט ווי וויינפּערס גאַנצע שאַפונג קאָן איינגעטיילט ווערן אין צוויי פּעריאָדן, — אין דעם ערשטן, ווען ער האָט געזונגען לידער, ווי עס האָט זיך געזונגען, פריי פון די עלעמענטן פון באַוואוסטזיין און ציל אין זיין דיכטערישן שאַפן, און אין דעם צווייטן, ווען זיין ליד האָט אויך גענומען באַאיינפלוסט ווערן פון אַן אידייע, אַ באַוואוסטזיין איבערן גורל פונעם מענטשלעכן לעבן אויף דער

וועלט. אַט־די צוויי פֿעדיאָדן וועט דער אויפֿמערקזאַמער לייענער לייכט קאָנען אויסטיילן און אָפּטיילן אויך אין דער קינדער־זאַמלונג „דער גילדענער האָן". עס איז דאָ ניט אַלע מאָל די שפּיל פֿון וואָרט און גראַם, ניט אַלע מאָל די שפּיל פֿון ליכט, נאָר אויך די שפּיל פֿון שאָטן און דאָס וואָרט פֿון אחריות. פֿריער איז געווען דער בלויזער גלויבן:

„זינג, זינג מיין האַרץ
אַזוי, אַזוי, אַזוי:
דאָס שוואַרץ
וועט ווערן בלוי,
וואָס שווער,
וועט ווערן גרינג..."

אָבער שפּעטער זינגט ער שוין און רופֿט צו דער טאַט:

„לאָמיר אונדזער לעבן טראָגן
און דאָס ניט צעפּאַטערן,
לאָמיר פֿלאַטערן,
ווי פֿאָנען צו די ווייטן".
— — — — — — — — —
„...שפּרייט און ברענג דעם וואונדער
איבער יעדן סקווער און גאַס. —
מיד שוין, מיד שוין פֿון באַזונדער,
מיד שוין פֿון דעם האַס..."

דאָ הייבט שוין אָן זיין ליד צו רעדן ניט נאָר צום קינד, נאָר נאָך מער — צו דעם דערוואַקסענעם. באַזונדערס אין אַזעלכע לידער ווי: „זינג צום גלאָקן־ציער", „פּיאָנערן", „בציבור", „שלום על ישראל" און אַ סך אַנדערע. אָבער אויך אַט־די לידער זיינען באַהויכט מיט ספּעציפֿישן ווייַנפּערישן לייכט־שפּילעוודיקן מעטאַד פֿון וואָרט־שפּיל און וואָרט־קלאַנג, וואָס זינגט אַריין די אידייע אינעם קינדס האַרצן, אַנשטאָט אַרייַנצוזאָגן זי. און ניט אומזיסט זיינען אַ צאָל פֿון ווייַנפּערס לידער געוואָרן לידער צום זינגען, ווי, למשל: „אַ פֿאַסטוכל אַ טרוימער", „טויבן", „איינס און צוויי" א. אַנ.

ז. ווייַנפּער קאָן אויך דערציילן אַ מעשה, און די מעשה איז מערסטנס גראָד אַן ערנסטע, כאָטש ס'איז אין איר דאָ אַ סך ווייניקער שפּיל און מער מעשה מיט אַ סאַטירישן אונטערטאָן. אַזעלכע ערנסטע מעשיות זיינען פֿאַראַן עטלעכע אין דעם בוך. די סאַטירע ווערט באַהויכט פֿון אַ שטילן, עלעגישן טאָן, פֿון אַ שטילער פֿאַרטראַכטקייט, וואָס איז אָפֿט ווירקזאַמער ווי די סאַטירע — צוליב פּאָעטישער שלימות.

דאָס בוך וועט געפֿינען אַ דאַנקבאַרן לייענער ניט נאָר צווישן קינדער, נאָר ניט ווייניקער אויך — צווישן די דערוואַקסענע, וואָס וועלן הנאה האָבן פֿון די גאָר־לייכטע קינדער־לידער און אויך פֿון די ערנסטערע.

1949

יעקב מעסטל

עטלעכע שטריכן פון ז. ווייספער

ביי מיין אָנקומען אין ניו־יאָרק (מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק), האָט אַ גרופּע ייִדישע פּאָעטן ביי מיר זיך צעפרעגט, וואָס אַזוינס ס׳איז אַ באַלאַדע. איך דערמאָן זיך ניט גענוי, וואָס פֿאַראַ דעפֿיניציע איך האָב זיי דעמאָלט געגעבן. אָבער איך געדענק, אַז איך האָב געשטוינט: דיכטער זאָלן ניט וויסן וואָס אַ באַלאַדע איז?

הײַנט שטוין איך איבער מיין אייגן שטוינען. ווארום אויב דאָס איטאַליענישע „באַלאַטאַ״ (טאַנצליד) האָט פֿאַר די ראָמאַנישע פעלקער באַדייט אַ קורץ, ליריש־עראָטיש געדיכט, געזונגען ווי אַ באַגלייטונג צום טאַנץ; און שפּעטער (אין 14טן יאָרהונדערט) פֿאַר די ענגלענדער און שאָטלענדער — דווקא אַן עפּיש פֿאָלקס־ליד, געזונגען דורך טרובאַדורן („מינסטרעלס״) אין פֿירשטלעכע הויפֿן; בעת אין דייטשלאַנד האָט דערזעלבער זשאַנר גאָר אָנגענומען די קאָמבינאַציע פֿון אַ ליריש־עפּישער פֿאָרם (איינגעפֿירט דורכן פֿאָלקס־דיכטער גאָטפֿריד אויגוסט בערגער, דער באַשאַפֿער פֿון דער מאָדערנער באַלאַדע) — איז פֿאַרוואָס זאָל ניט אַ ייִדישער דיכטער זיך מעגן באַשאַפֿן אַן אייגענע באַלאַדע־פֿאָרם (ווי י. ל. פּרץ האָט עס טאַקע געטאָן אין זיין „מאָניש״).

דאָס אַלץ איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, ווען איך האָב אַ טראַכט געטאָן: אין וועלכער „קאַטעגאָריע״ פֿון פּאָעזיע וואָלט זיך אַריינגעפּאַסט ז. ווייספּער?

פּאַקטיש איז ניט תּמיד לייכט אַריינצוצווינגען אַ דיכטער אין וועלכן ס׳איז זשאַנר. קאָן מען אָפּשיידן הײַנעס „בוך פֿון לידער״ פֿון זיין „אַרץ־רייזע״? צי שעװטשענקאָס ליריק פֿון זיין „קאָבזאַר״, אָדער מיצקעוויטשעס סאָנעטן פֿון זיין „פּאַן טאַדעאוש״? ס׳איז דעם דיכטערס פּאָעטישע פּערזענלעכקייט, וואָס גיט דעם ווערט פֿון זיינע ווערק, אין וועלכער פֿאָרם אָדער זשאַנר ער זאָל זיי ניט שרייבן. דיכטער זיינען זיך בעענטער מיט זייער אידייאיש־פּאָעטישן אינהאַלט, ווי מיט זייער אויסערלעכער פֿאָרם.

אין דעם זין קאָן מען אפשר ז. ווייספּערן צוגלייכן צום ענגלענדער שעלי. פֿאַרשטייט זיך, אַז ניש׳ט צו שעלין דעם „ליטעראַרישן אַנאַרכיסט״ פֿון די ערשטע יאָרן, נאָר צום רייפֿן שעלי פֿון רעוואָלט קעגן געזעלשאַפֿטלעכע עוולות, וועלכע ער באַמיט זיך צו באַקעמפֿן מיטן גאַנצן פֿייער פֿון זיין פּאָעטישן כּוח. און אויך דאָ רעדט זיך וועגן דעם אויסגעוואַקסענעם ז. ווייספּער פֿון די לעצטן צען, פֿופֿצן יאָר. עפּעס ענלעכעס איז פֿאַראַן אין די צוויי דיכטער. זיי פֿאַרשטייען אָפּט צו לעשן זייער פֿלאַם מיטן טוי פֿון לירישער באַטראַכטונג, אויסצומיידן היסטעריקע. און אָנשטאָט דעם צו זייען ליבע אין גייסט פֿון נביאישן שלום, אחדות און גליק פֿאַרן מענטשנס קיום.

הגם אין פֿאָרם, אין סטיל, איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן די צוויי פּאָעטן.

שעלי איז דער מייסטער פון „ווייסן״ פערז. בעת ביי ז. וויינפּער (איך האָב שוין אַמאָל וועגן דעם געשריבן) איז גאָר אָפט דער גראַם דער מוזיקאַלישער „אויפטאַקט״ און פערזן־בוי־פאַרבינדונג פון זיין פּאָעט־ישער קאָמפּאָזיציע. די לייכטקייט, מיט וועלכער ז. וויינפּער נוצט זיין גראַב, וועלכער העלפט אים קייטלען אַ פערז אין אַ פערז, וואָס נעמען פינקלען און זיך גיסן, ווי פלינק־געשפּילטע פוגעס אונטער די פינגער פון אַ פּיאַנע־ווירטואָז, פאַרפירט אים טאַקע צומאָל אויף זייטיקע נעבן־מאָטיוון. דערפאַר אָבער גיט ער צו קלאַנג און שיינקייט זיין פערז, ווי די גלעקלעך און פייקלעך פון ביזעס אַ קאָמפּאָזיציע.

אָט־די לייכטקייט און קלאָרקייט אין ז. וויינפּערס קאָמפּאָזיציע האָט דערמעגלעכט זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישן די מאַסן יידישע לייענער. אין דעם פּרט שפּילט ער די ראָל פון אַמאָליקן טרובאַדור. ז. וויינפּער לייענט גערן זיינע לידער אפילו פאַר זייטיקע מענטשן. מיט אַ באַזונדערער הנאה קוקט ער דעמאָלט אין די אויגן פונעם צוהערער, אויספּרואווונדיק אויף דעם אופן דעם „עפעקט״ פון זיין פּאָעזיע — עפּעס ווי אַ פאַרגאַפט קינד וואָלט זיך צוהערן צום עכאָ פון זיין אייגן קול. אַ וואַנדערער „בעל־כרחו״, טראָגט ער זיין פּאָעזיע אין יידישע היימען, ווי דער אַמאָליקער טרובאַדור אין פירשטלעכע הויפן, און וועקט אַזוי־אַרום אין יידישע הערצער דעם באַגער צום יידישן וואָרט.

ז. וויינפּער איז דער פּאָעט פון אָפּטימיזם. כמעט יעדע פּאָעטישע „שליחות״ זיינע ענדיקט זיך מיט אַ „בכי־טוב״. עס וואָלט אָבער געווען פאַלש צו מיינען, אַז עס פעלן ביי אים לחלוטין מאָטיוון פון צער און צאָרן, פון קומער און בענקשאַפט און צומאָל אויך פאַרלוירנקייט. מיר טרעפן עס אפילו אין זיין האָפערדיקן „פּיניע״ און אין די „געקליבענע לידער״. אָבער כמעט קיינמאָל נישט קיין יאוש. דאָס זענען מיר אַמבוילעטסטן אין זיין געוואַגטן פאַרנעם פין די „פּאָעמען וועגן די נביאים״. מיר פאַרנעמען דאָרט דעם צער און ווייטיק פון מענטשלעכער געפאַלנקייט, נאָר צוגלייך אויך די אויפגייענדיקע פרייד פון מענטשנס האָפענונג.

אין דער זעלבער צייט קאָן ז. וויינפּער אויך שווייגן. דאָס איז דאָס שווייגן פון דיכטער, ווען עס רעדט זיין סימפאָניע פון פאַרב און קלאַנג. פון די שימערירנדיקע פּענזל־שטריכן פון דעם גיגאַנטישן פייזאַזש אין זיין „ביים גרענד־קעניאָן״ רייסט זיך דאָס גרויסע געזאַנג פון שווייגן — אפשר דאָס רייפסטע, וואָס ז. וויינפּער האָט ביז איצט געשאַפן.

ניט באַנוצנדיק זיך מיט קיין שום ספּעציעלן „מעטאָד״ פאַר זיין טעכניק (ווייניקסטנס ניט באַוואוסטזיניק!) נוצט ז. וויינפּער פאַרשיידנערליי אינסטרומענטן פאַר דער אָרקעסטראַציע פון זיין פּאָעטישער סימפאָניע. אַזוי אויך אין דער טעמאַטיק. כאָטש נישט קיין „פּאָליטיקער״ (אין אָנגענומענעם זין!), קאָן די טענדענץ פון פּאָליטיק ווערן אַ טעמע פאַר זיינס אַ ליד. מאַכט נישט אויס, וואָס פּאָליטיק האַמעוועט געוויינלעך דעם פּאָעטישן שוואונג, אין וועלכן דער דיכטער, און ז. וויינפּער בפרט, נויטיקט זיך אַזוי, כדי צו גרייכן די העכסטע הויך פון זיין געפיל. ז. וויינפּער, ווען מ׳דאַרף, קאָן אויך „מאַכן״ אַ ליד. ביהילפיק אין דעם איז אים זיין געניטקייט לייכט צו גראַמען און זיך אַרויפשווינגען אין ריטם. אַדאַנק

דעם איז וועלטן צו דערקענען ביי אים דאָס „געמאַכטע”. און וואָס דאָס אויג דערזעט נישט אַמאָל, אָדער דאָס אויער פאַרנעמט ניט, דערגאַנצט ער דעמאָלט מיט זיין באַנעם.

וואָרום ז. ווײַנפער איז אויך אַ פאַרנונפטיקער דיכטער (אַחוץ דאָרט, וואו ער לאָזט זיך פאַרוויגן, אין צומאָל אויך פאַרטראָגן פון פאָעטישע שטורעם־כוואַליעס). ער כאַפּט פון אַ סיטואַציע דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס אייביק־דויערנדיקע און מאַכט עס פאַרן צענטער פון זיין טעמע. מיט דעם דערגרייכט ער אַ טאָפּלטן צוועק: ער קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקייט פונעם לייענער אַרום דעם, וואָס ער וויל אַרויסזאָגן, און ממילא פאַראינטריגירט ער מיט דעם די געשפּאַנטקייט פונעם לייענער מיטגעריסן צו ווערן מיט דער פאָרם פונעם געזאָגטן. ס'איז דער זעלבער מעטאָד, מיט וועלכן די בינע אָפּערירט — הגם נאָכאַמאָל: ז. ווײַנפער אַליין ווייסט אפשר נישט וועגן דעם.

דער דאָזיקער מעטאָד האָט אַ באַזונדער מזל, ווען עס קומט צו אַקטועלע טעמעס. ז. ווײַנפער שעפּט זיינע טעמעס פון כל־המיני קוואַלן. אַמאָל איז עס זיין היים־שטעטל טריסק, אַן אַנדערש מאָל — דער „גרענד־קעניאָן” פון זיין נייער היים; אַט שטייט ער „אויף די זאַמדן פון יהודה” און אָט מושטירט ער זיך אין די פעלדער פונעם ייִדישן לעגיאָן; אַט וואַנדערט ער מיט די נביאים איבער וויסטע בערג און טאָלן, און שוין קאָן ער באַזינגען די ליכטיקייט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן שלום־קאָנגרעס. נאָר וועגן וואָס ער זאָל ניט זינגען מוז עס האָבן אַ מיין, אַ תוך, אַ געוויסן צוועק פון „מאי קא משמע לן”, — וואָס לאָזט עס מיך הערן אין באַצוג צום היינט. ער ווייסט ווי אַזוי צו גריבלען זיך אינעם „אַמאָל”, אים אָפּשטויבן, ווי אַ לאַנג־באַהאַלטענעם אַנטיק, און אים גלייך טאַקע אויספּוצן מיט דער שיין פון הייַנטצייטיקייט. ער לאָזט זיך וואַנדלען אין די פאַרשאָטענע היילן פון די נביאים, אָבער באַלד געפינט ער אויס אַ שפּאַרונע, אַן אַרויסגאַנג, דורך וועלכן עס זאָל אַ צעשייק טאָן דער שטראַל פון היינט־מאָרגן. אויב איר ווילט, איז עס ניט בלויז דער אָפּשטראַל פון „ליכטיקן מאָרגן”, נאָר טאַקע די פולע זון פון „באחרית הימים”. ניט אומזיסט איז איינער פון זיינע באַליבטסטע מאָטיוון — „צעשיינטע מנורות”. ס'איז דער יום־טובדיקער אויפפלאַם פון גאולה־ליכט אין אַ סביבה פון פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער פינצטערניש.

זאָל דעריבער ניט געהאַלטן ווערן פאַר קיין ווידערשפּרוך, ווען פון די פלאַמיקע שטראָף־רייד פון זיינע נביאים טראָגט זיך די ווייסע שלום־טויב מיט אַן איילבירט אין שנאָבל. ז. ווײַנפער טוט־אָן אַ ביקס, איז עולה־רגל קיין ירושלים, מושטירט זיך און איז גרייט צום קאַמף פאַר פאָלק און מענטש, — נאָר אין אַנגעזיכט פון מענטשלעכער פּיין און בלוט, האַסט ער די סאָלדאַטשינע. אַזוי אויך פאַרגעטערט ער זיינע נאָענטסטע — מאַמע־פרוי און קינד — נאָר אין טאָג־טעגלעכן לעבן גיסט ער אָט־די צאַפּלדיקע ליבשאַפט אין אַן אַרבעט פאַר ברייטע קולטור־מאַסן.

איך גלויב, און ז. ווײַנפער אַליין וועט עס ניט אָפּלייקענען, אַז טיף אין דער נשמה איז ער נאַציאָנאַל (האָט דאָך נישט אַ סך געפעלט, ער זאָל ווערן איינער

פון די ייִדישע „נאַציאָנאַל״־דיכטער). אפילו „פּנים־אל־פּנים מיט אַזאַ ערדישער איבעריקייט, ווי „גרענד־קעניאָן״, קומט אים אויף דער מחשבה דער אומקום פון די זעקס מיליאָן ייִדישע קדושים. ווי־זשע אַנדערש? ער וואָלט דאָך סײַדן קיין ייִדישער דיכטער ניט געווען. אָבער וואָס טיפער נאַציאָנאַל, אַלץ־מער אַלמענטשלעך־אינטערנאַציאָנאַל איז ער. אויף זײַנע וואַנדערונגען איבער אַ האַלבן ערד־קוגל (וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ צווייטע נאַטור־מידה פון ייִדישן פאָלק), זעט ער קודם־כל דעם מענטש, וואָס „אויף דער ערד, דער רונדער איז אַליין אַ וואונדער שעבעוואונדער״.

דער מענטש — דער יחיד, דער כלל — אַלמענטשלעך. איז זײַן ענד־ציל: ייִדיש־אַלמענטשלעכע דערלייזונג.

ז. ווײַנפּער איז ניט דער מענטש פון „נאַטור״. ספּאָרט לשם ספּאָרט איז, דאַכט מיר, אפילו פרעמד זײַן וועזן. אָבער ווען עס קומט צו נאַטור־באַשרײַבונג, איז ער אין דעם פאַך אַ גאָר זעלטענער קינסטלער (אפילו אין זיך, ווי מאָלער און סקולפּטאָרס האָבן ליב צו באַצייכענען זייער „בראַנזשע״). ער קען מאָלן אַ פּייזאַזש מיט די פאַרביקסטע, שימערירנדיקסטע קאָלירן. דאָס זעען מיר, ווען ער שטייט בײַם נאַטור־וואונדער „גרענד־קעניאָן״, און אפשר נאָך מער קומט עס צום פאַרשײַן אין זײַנע הערצײַלונגען. זײַנע פּאַלעסטינער זון־פאַרגאַנגען פאַרמאָגן די זיבן חנען פון אַ רעגנבויגן. זײַנע אימפּרעסיעס ווערן קורץ־שורהדיק אַרויסגעשטויסן אויף אַן עקספּרעסיאָניסטישן אופן (ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען!). זײַן פּערז איז זאַפטיק, בליץ־אַרטיק, מעלאָדיש, צו־אָפּט שוין רעפריין־מעסיק שפּילעוודיק, און דווקא זײַן פּראָזע איז מײַסטנס וואָגיק, אָנגעלאָדן מיט בילד און געדאַנק, אָפּט דורכגעפלאָכטן מיט אַ קלוגן וואָרט־שפּיל און פאָלקסטימלעך ניי־געשאַפענע אויסדריקן. דאָ דערגייט אַמאָל זײַן ליריק צו טראַגישער דערהויבונג.

מיר דאַכט דערובער, אַז ז. ווײַנפּער איז פאַרזען געוואָרן ווי אַ דערצײַלער. ז. ווײַנפּער איז בטבע אַ דערצײַלער. שעהן־לאַנג וועט ער פאַרברענגען אין אַ מסיבה, אָדער אפילו אויג־אויף־אויג מיט אַ נאָענטן מענטש, און דערצײַלן און דערצײַלן — מונטערע און טרויעריקע געשעענישן, מיט אַלע פּרטים און קנייטשן, מיט אַ שפּאַנונג, וואָס שמידט דעם צוהערער צו זײַנע ליפּן.

ז. ווײַנפּער קאָן ליב האָבן מענטשן. די גוטסקייט פון אַ מענטשלעכער טאַט, ווי קליין זי זאָל ניט זײַן, וועט ער צעטראָגן אויף טעלערלעך. ער קאָן אָבער אויך צעאָרענען פאַר (זאָל זײַן באַרעכטיקטע, אָדער אומבאַרעכטיקטע) מענטשלעכע שוואַכקייטן. אין זײַנע גרין־ליכטיקע אויג־אַפּלען צעצינדן זיך דעמאָלט פײַערלעך, וואָס שיסן מיט גליענדיקע פונקען אויפן קעגנער — אָט־אָט פאַרשרפהט ער אים! און עס דאַרף ניט געמען לאַנג — אַ וואָרט, אַ באַרואיקנדיקער זשעסט — און אַ ברייטער שמייכל צעלייגט זיך איבער זײַן קײַלעכדיק פּנים, דער פלאַם אין די אויגן ווערט מילדער, ווי אונטער אַ שפּריי פון לינדערנדיקן טוי — און ז. ווײַנפּער איז ווידער „מענטש״, צוגעזאָגטן מיט אָפּאָנענט, ווי פריער.

דאָס אַלץ איז די מידה פון אַ פּאָעטישן געמיט, אָבער דאָס העלפט אויך ז. ווײַנפּערן דעם דערצײַלער. דעריבער טרעפן מיר אין זײַנע ראָמאַנען אַזאַ גע־

שפּאַנטע האַנדלונג מיט ברויזנדיקע ליידנשאַפטן, צאַרטער ליבשאַפט און אפילו קליינלעכע אינטריגעלעך, אָבער כמעט קיינמאָל נישט קיין בלוט־שנאה. ער קען די מענטשלעכע נאַטור, דעריבער אַזוי פיל לעבעדיק־געשילדערטע, פאַרשידנאַרטיקע מענטשלעכע טיפּן ביי אים. זיין י. ח. ברענער, וולאַדימיר זשאַבאַטינסקי, דר. פייטלזאָן (און „אויף די זאַמדן פון יהודה") זיינען מיניאַטור־מאָנאָגראַפיעס, מיט אַ ביי־קאָליר פון אויטאָביאָגראַפישער עכטקייט.

עס וואָלט זיך נאָך געוואָלט זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן ז. וויינפּערס רובריק „ביכער און מענטשן", וואָס ער פירט אָפּט אין דער „יידישע קולטור". וויינפּערן איז נאָענט יעדער פאָלקסמענטש, יעדער חבר, יעדער קולטור־טוער, אַ פּשיטא שוין — יעדער שאַפנדיקער קינסטלער. שטייט ער צווישן זיי (מיט זיינע יונגע זעכציק יאָר), ווי אַ ליבלעכער זיידע מיט אַ פולן זאַק און טיילט־אויס יעדן אַ לעקעכל — וועמען מיט אַ קניפּ אין בעקל, מיט אַ גלעט איבערן קעפּל, און וועמען אפילו מיט אַן אָנווייז מיטן פינגער. „ווייס־חברהניק"!... אָבער שטענדיק מיט באַציאונג, מיט אַ גוטמוטיקן פאָטערלעכן שמייכל.

טראָגט זיך ליבע, פאַרשטענדעניש און דערמוטיקונג פון זיין פען.

אַזוי זע איך אים. זינט די ערשטע יאָרן פון אונדזער באַקאַנטשאַפט — אין די ניינצן־צוואַנציקער, ביז אויף היינט.

1953

ז. וויינפּערס „שרייבער און קינסטלער"

ס'איז אפשר ניט קיין צופאַל, וואָס ז. וויינפּער האָט — ווי נ. מייזיל דערציילט אונדז אין זיין פיינעם, אינפאָרמאַטיוון אַריינפיר צום בוך — „די לעצטע חדשים פון זיין פלוצים־איבערגעריסענעם לעבן געגרייט די אָפּהאַנדלונגען פאַר דעם דאָזיקן באַנד". הגם ז. וויינפּער האָט שוין אַ סך פריער געהאַט אַרויסגעגעבן צוויי בענד „יידישע שריפטשטעלער" (1933 און 1936), זיינען אַפנים די קרוב צו פערציק שילדערונגען פון שרייבער און אַנדערע קינסטלער, וואָס קומען אין איצטיקן בוך, געווען אים אַזוי נאָענט, אַז ער האָט זיך צוגעאיילט וואָס גיכער זיי גרייטן צום דרוק, אפשר מיט אַ פאָרגעפיל, אַז עס קאָן ווערן צו־שפּעט...

איז עס געווען אַ אינסטינקטיווער טריב, אָדער אַ באַוואוסטזיניק באַוואָרעניש קעגן די פאָלגן פון זיין קראַנק האַרץ? קאָן זיין, אַז אָט־די ביידע פּאַראַלעלע כוחות האָבן עס גורם געווען. אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון פעלקער (און במילא אויך אין דער פּסיכיק פון זייערע קולטור־שאַפער) קומט־פאָר אַזאַ פּראָצעס דער עיקר אין צייט פון נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס, וואָס ווערט מייניסטנס פאַרצייכנט אין דער מעמואַרן־ליטעראַטור. דער אומאויפהערלעכער שטראָם פון געטאָ־פאַרצייכענונגען און קינה־ליטעראַטור האָט געקאָנט געשאַפן ווערן בלויז אין אַ צייט, ווען

איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1958. 381 ז"ז.

אַ פֿאָלק האָט זיך געטרונקען אין אײגענעם בלוט און פֿאַר די גוססדיקע בליקן האָט געשוועבט דער טראַגישער קץ. אין אַזאַ צײַט זוכט דער נאַציאָנאַלער אינ־סטינקט, ווי אויך יעדער שאַפֿנדיקער יחיד, וואָס גיכער צו „פֿאַרצײכענען, כּדי אָפּצוראַטעווען" וואָס מער עס לאָזט זיך. אַן ענלעכער „געזעלשאַפֿטלעך־אינדיווידו־עלער אינסטינקט" האָט, מעגלעך, גורם געווען די צוגעאײַלטע אויסגאַבעס פֿון באַדײַטנדיקע שריפֿטן, זעלבשטענדיקע ספֿרים, זאַמלביכער און אַפֿילו וואָגיקע ווערק פֿון יידישע שרײַבער, וועלכע באַמיען זיך וואָס פֿריִער צו „פֿאַר׳סך־הכלען" געוויסע אָפּשניטן, עפּאָכעס, צי דעם פֿולן גאַנג פֿון אונדזער ליטעראַטור. ווערק, ווי נחמן מײַזילס אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט" און „נאָענטע און אײגענע", ב. ב. מינקאָווס דרײַ בענד „פּיאָנערן פֿון יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע", א. א. ראָבאַקס „די אימפּעריע יידיש" און י. ב. בײלינס „פּערזענלעכקייטן", שלום פּערל־מוטערס „יידישע דראַמאַטורגן און טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרס", ראָזע שאָמער־באַטשע־ליס „אונדזער פֿאָטער שמ״ר" און י. מעסטלס „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר", אין אַ געוויסן זין אַפֿילו מ. ירדניס „אינטערוויוס מיט יידישע שרײַבער" און א. טאַ־באַטשניקס רעקאָרדירטע פּלאַסטינקעס פֿון יידישע שרײַבער — דאָס איז ניט קיין צופֿאַל. זיי זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך סאָציאַלע קולטור־אומשטענדן, אפשר מיט דער נישט־אויסגערעדטער מורא פֿאַר אומקום און מיט שטילן בטחון אויף קיום

ס׳איז אָנגענומען, אַז אויך ז. ווײַנפּער איז אין דעם פּרט ניט געווען קיין אויסנאַם, הגם שטענדיק אַ האָפֿערדיקער, האָבן אָבער די כּרת־גזרות אויף דער יידישער קולטור און איר שאַפֿער, דווקא אין דעם לאַנד פֿון גרויסע האָפֿענונגען, אַזוי צעוויטיקט זײַן געמיט, אַז ס׳איז נאָר אַ וואונדער, וואָס ער איז נישט פֿאַר־זונקען געוואָרן אין יאוש. אויב זײַנע ערשטע צוויי בענד „יידישע שריפֿטשטעלער" זײַנען נאָך געווען ווייט פֿון דער וויסטער בהלה, וואָס איז שפּעטער באַפֿאַלן דאָס יידישע פֿאָלק און זײַן קולטור־שאַפֿונג (כאָטש די „סוואַסטיקאַ" איז שוין אויך דע־מאָלט געהאַנגען איבערן גורל פֿון גאַנץ אייראָפּע), איז זיכער, אַז דער דריטער באַנד, דאָס איצטיקע „שרײַבער־און קינסטלער"־בוך, איז געווען פֿאַרטראַכט מיט דערזעלבער (אפֿשר נישט באַוואוסטזיניקער) כּוונה פֿון „ניט ווערן אָפּגעווישט", — נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די קאַפּיטלען זײַנען געשריבן געוואָרן צו באַשטימטע געלעגנהייטן און אין פֿאַרשידענע צײַטן, אין משך פֿון אַ פֿופֿצן יאָר.

ז. ווײַנפּער איז צוגעגאַנגען צו זײַן מאַטעריאַל פֿריִער פֿון אַלץ ווי אַ פּאָעט. זײַן אָפּשאַצונג איז מײנסטנס פֿיגוראַטיוו, דורך דיכטעריש־פֿאַרטראַכטע אימאַזשן: „אַלעקסאַנדער האַרקאַווי איז מיט יאָרן צוריק געווען פֿאַר טויזנטער און טויזנטער יונגע יידישע מיידלעך און ייִנגלעך דער לאַמטערן — — — אַ לאַמטערן אַ זיך וויגנדיקער פֿאָראויס און צוריק": וואָס ער האָט געזאָגט „איז געווען אַזוי ריין און ערלעך, ווי ריין און ערלעך עס איז די אַרבעט פֿון אַ האָרעפּאַשניק" (ז״ז 52 און 53); „דאָרט, וואו דאָס וואָרט דערגרייכט נישט, דערגרייכט שטענדיק דאָס קול; — — — נישט אַלעמענס ווערטער האָבן קולות; פֿאַראַן אַזעלכע ווערטער, וואָס פֿאַלן אַרונטער ווי ווייכער שניי אָן דעם מינדסטן ווידערקלאַנג; — — —

אָבער דאָס קול פֿון דר. חיים זשיטלאָווסקין מוזסטו שטענדיק דערהערן״ (ז׳ 57), דוד פּינסקי „איז אין דער בחינה פֿון אַן אימפּעטדיקן גבור, וואָס שפּאַנט אַ באָר־וועסער איבער אַ וועג פֿון צעבראָכענעם גלאָז; דער אימפּעט טרייבט פֿאָראויס. אָבער דאָס צעבראָכענע גלאָז — — — לאָזט ניט גיין פֿאָראויס״ (ז׳ 80); רעדנ־דיק וועגן מ. אָלגינס שרייבן פּראָקלאַמאַציעס: „מיר, יונגע שריפטשטעלער, וועלכע זיינען געפֿלויגן רייטנדיק דעמאָלט אויף גאָלד־באַזוימטע ווערטער, האָבן נישט געקאָנט באַנעמען, ווי אַזוי מען נעמט דאָס וואָרט און מען שפּאַנט דאָס איין ווי אַן אָקס אין אַן אַקער. עס זאָל אויפֿרייסן רוי־ערד״ (ז׳ 90); אַ צאָל ייִנגערע ייִדישע געלערנטע — — — „האָבן אַ צי געטאָן גלעקער פֿאַר אַ וועלטלעכער ייִדישער דערציאונג״ (ז׳ 127) און אַ סך מער.

אַפֿילו די גרויזאַמע טראַגעדיע פֿון די ייִדישע קינסטלער און קולטור־שאַפֿער אין סאָוועטנלאַנד ווערט געשילדערט אויף אַ פּאָעטיש־אַלעגאָרישן אופֿן: „דער מוראַדיקער שטורעם, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן איבער אונדזער דור און אַזוי פֿיל ביימער אַרויסגעריסן ביי אונדז מיט די וואָרצלען, האָט דאָך ניט באַוויזן מיט־צושלעפּן מיט זיך דעם גאַנצן וואַלד — — — און אינעם געזאַנג פֿון די געבלי־בענע פֿייגל הערט זיך ניט איין מאָל דער טיפֿער ציטער־צאַפּל פֿון געוויין״ (ז׳ 18). אויך די קאָנסטרוקציע פֿונעם געשילדערטן איז אָפֿט גענומען פֿון פּאָעטישער לי־ריק: דאָס איבערחזרן „שוין [און ערשט] אַ פֿערטל יאָרהונדערט״ אין די ער־פּערכטיקע קאַפּיטלען וועגן י. ל. פּרץ (און אויך ביי אַנדערע) דערמאָנען אָן דעם רעפֿריין, אַדער לייט־מאָטיוו פֿון אַ קלאַסישן ליד.

גענומען זיינע טעמעס האָט ז. וויינפּער ניט לויט אַ סיסטעמאַטיש־אויסגע־רעכנטן סדר, נאָר ווי עס לויט אַ „פּאָעטישן אָפּקלויב״ פֿון זיין באַציאונג צום באַהאַנדלטן שרייבער־קינסטלער. ער האָט קודם־כל געשריבן וועגן מענטשן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט און וועלכע האָבן אים אויף אַ געוויסן אופֿן קינסטלעריש אָנגערעגט. זיי האָט ער גאַנץ אָפֿט ניט געזשאַלעוועט שטראָמען לויב, וואָס האָבן געפֿלייצט פֿון זיין רייכן ווערטער־קוואַל. האָט ער אָבער עמעצן ניט ליב געהאַט, האָט ער אים גאַנץ איינפֿאַך אויסגעשטראָכן פֿון זיין ליטע־ראַרישן רעגיסטער. דאָס איז אויך געווען זיין צוגאַנג אין זיין לאַנג־יאָריקן קאָלום „ביכער און מענטשן״ אינעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור״: דערפֿילט צו עמעצן אַ נאָענטקייט — אָפּגעזען צוליב סיי וועלכער סיבה, — האָט ער אים געשאָנקען זיינע ברייטסטע שמייכלען אין דעם קאָלום, מעג זיין כאָטשבע מיט אַ טוץ ווערטער.

„וואָס שייך פֿליגל, — זאָגט ז. וויינפּער וועגן זיך אין זיין שילדערונג „מאַני לייב״, — זיינען קיינמאָל מיר נישט געווען צום האַרצן יענע, וואָס פֿליען אַוועק אויף יענער זייט פֿון אונדזער ערד און לאָזן זיך נישט דערזען מיט די אָפֿענע מענטשלעכע אויגן״ (ז׳ 125). פֿונדעסטוועגן האָט זיין פּאָעטישע פֿאַנטאַזיע אים אָפֿט אַ טראָג געטאָן ביזן אויסדיכטן בילדער. וואָס גרייכן פֿון גאָלער איינבילדונגס־קראַפֿט, ביז ערדישער רעאַליטעט. אַזאַ וואונדערלעך בילד איז געשילדערט וועגן מ. אָלגינס לעצטע מינוטן (ז׳ 85). מיר נעמען־אָן די שילדערונג ווי אַן אויטענטישע פּאַסירונג, הגם דער דיכטער ז. וויינפּער איז גאָר דערביי ניט געווען. און וואָס

איז די נפקא־מינה, צי די ייִדישע בעטלער בײַ פּרצעס מצבה האָבן יאָ געבעטן „שענקט אַ נדבה אײַנעם נאָמען פֿון דעם הייליקן רבין ר׳ לוי יצחק לייב פּרץ״ (ז׳ 27), צי ניִשט, — כּל־זמן דעם דיכטערס יראת־הכּבוד פֿאַר פּרצן באַווייגט אונדז צו גלויבן אין אים, ווי חסידים אין אַ צדיק.

דאָס ברענגט אונדז צו נאָך אַ קינסטלערישן כּוח פֿון ז. ווײַנפּער: צו קאָנען אין ווערטער אויסמאָלן פֿאַר אונדז בילדער, סיטואַציעס און פֿולע כאַראַקטערס פֿון מענטשן.

נאָך אין 1942 האָב איך אין מײַן איבערזיכט וועגן זײַן בוך „מיטן ייִדישן לעגיאָן״ געשריבן. „ווײַנפּער איז בטבע אַ דערציילער, אַ לײַכטער און גוטער שמועסער. — — — [לייענענדיק אים] איז ווי איר וואָלט געזעסן מיט אים בײַ אַ היימיש גלעזל טיי, און מיט יעדן זופּ — אַ נײַער עפּיזאָד, אַן אַנדערע דערינערונג, מיט יעדן פֿרישן גלעזל — אַ שטילע, אינערלעכע באַטראַכטונג״. מיט דערזעלבער לײַכטקייט מאָלט ער פֿאַר אונדז פּאָרטרעטן. און ער מאָלט זיי ניט דווקא דירעקט פֿונעם „מאָדעל״, נאָר אָפֿט „גייט־אויף פֿאַר אים אַ בילד״ פֿון דעם פֿריער־געזעענעם, אָדער גאָר פֿון דער פֿריסטער יוגנט. אָט איז אין עטלעכע פּעדער־שטריכן אַ פּאָרטרעט פֿון שלום עליכמען, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען בײַ אַן אָוונט אין אַמעריקן ניו־יאָרקער קלינטאָן־זאַל: „אַ קליין־געוויקסיקער, מיט אַ צאַרטער, בלייכער הויט אויפֿן פּנים. אַפֿילו די קנייטשלדיקייט פֿון דער הויט האָט גיכער געגעבן דעם אײַנדרוק פֿון שטיפֿערישער לאַכנדיקייט, אײדער פֿון עלטער. אויך די דורכדרינגלעכע בליקן דורך זײַנע ברילן האָבן געגעבן דעם אײַנדרוק מער פֿון נײַגעריקייט. — — — דאָס אײַנציקע, וואָס איז געווען בײַ אים מאַסיוו אין פּראָפּאָרציע צו זײַן וואוקס, איז געווען זײַן קאָפּ. — — — אַ ווײַכקייט איז אויך געווען איבער זײַן קליין אַרומגעשוירן בערדל און וואָנצעס״ (ז׳ 46).

און אָט איז יהואָש: „אַ דין מיטלוואוקסיק געשטאַלט מיט אַ פֿײַן סענסיטיוו אויסגעבלייכט פּנים. אַ הויכער תּלמיד־חכם־שטערן, טונקל־פֿינקלדיקע אויגן, וואָס בלאָנדזשען פֿון צײַט־צו־צײַט אַוועק אין טרויעריקייט, און דער שטענדיק פּאָרזיכטיק אויסגעבונדענער ווינדזאָר־שניפּס, וואָס לאָזט דיר וויסן, אַז ער איז פֿול מיט יחוס, ווײַל די פֿינגער, וואָס בינדן אים אויס יעדן פֿרימאָרגן, זײַנען דיזעלבע פֿינגער, וואָס כּישופֿן מיט אַ פּען צווישן זיי וואונדער איבער ווײַסע שטיקלעך פּאַפּיר״ (ז׳ 75). איר האָט דאָ אי דעם פֿיזישן פּאָרטרעט, אי אַן אָנדייט אויף זײַן גײַסטיק־אינערלעך לעבן.

דאָס אייגענע וועגן פּינסקין: „אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַ נעט־געקליידטער, מאַנירפֿולער מענטש מיט אַ פֿײַן פּאַרמעט־פּנים, וואָס האָט גיכער דערמאָנט אָן די אַריסטאָקראַטישע פּנימער אין דעם סקאַנדינאַווישער איבסענס אַ דראַמע, אײדער דאָס פּנים פֿון אַ ייִדישן שרײַבער. — — — דאָס פּנים פֿון דוד פּינסקין האָט שטענדיק געבראַכט שבת־יום־טובֿדיקייט. אַפֿילו די אימפּעטדיקע ענערגיע דערפֿון האָט געבלענדט מיט התלהבֿותדיקער שבת־קודשדיקייט״ (ז׳ 83).

ענלעך וועגן מאַני לייבן: „ער האָט געהאַט אַ דינע שלאַנקע פֿיגור, אַן אָליוו־

לענגלעך פנים מיט צוויי גרינלעך־טונקעלע אויגן, אין וועלכע עס איז שטענדיק געווען אַ שיין וואָס האָט זיך געוויגט פון אומרו און איבערגעלאָדענע עמאָציעס. זיין אויבערשטע ליפּ איז געפאַלן איבער דער אונטערשטער — — — זיין קול ווייך — אפילו אין אויפגערייצטקייט. אין ענטוזיאַזם — אַן ,אַך׳ ממעמקים, אין ווידערגעפיל — אַ ,ברי׳, ווי אָנגעריררט פון אומריינקייט, אין שעה׳ן פון מנוחה — לאַשטשענדיק און פּיעשטשענדיק, ווי ביי אַ מיידל״ (ז״ז 126 און 127).

און אָט איז נאָך אַ שילדערונג: „די גוט־געבויטע הויכע, קרעפּטיקע פיגור, דער מאַסיווער קאָפּ — — — דאָס שאַרף־געשניצטע פנים, וואָס כאָטש עס האָט דורך דער היפּש־פאַרמירטער נאָז און גרויסע טונקעלע אויגן פאַרגעשטעלט סעמיטישקייט, האָט אויך געהאַט אין זיך בולעטע סימנים פון רוימישער אַגרעסיווקייט״ (ז׳ 105) — און איר האָט פאַר זיך שלום אַש.

אַמאָל גיט ווייַנפּער אַ שפּיל מיט אַ קאָנטראַסט, וואָס בלייבט פאַר אײַערע אויגן ווי אַ קלאַסישער אויל־פּאָרטרעט: „די ריינע קנייטשעלעך אויף זיין [זשיטלאָווסקיס] ביז גאָר פיינעם ראַזעווען פנים האָבן געגעבן גיכער דעם איינדרוק פון אָנשטרענגונג, ווי פון אַלטקייט. אַזוי זיינע אויגן, וואָס האָבן געשלאָגן מיט ליכטיקער בלויקייט דורך זיינע גלאַנציקע ברילן. אפילו די ווייסקייט פון זיינע האָר אויפן קאָפּ און [פון] דעם נעט־אַרומגעשוירן בערדל און וואָנצעס האָט געשלאָגן מיט לעבעדיקן אימפּעט. — — — פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון דעמזעלבן מענטשן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק — — — דעמאָלט בלאָנדלעך, און איצט ווייס, אָבער די איצטיקע ווייסקייט בלענדט פון אים מיט דערזעלבער שיינקייט, ווי עס האָט געבלענדט פון אים די דעמאָלטדיקע בלאָנדקייט״ (ז׳ 62).

ווער עס האָט געקענט דידאָזיקע מענטשן, קאָן איינזען די קאָרעקטקייט פון קאָלירן. קיין סברא ניט, מיט דעם איז פאַרבונדן זיין מערקווירדיקער הויש פאַר פלאַסטישער קונסט, כאָטש ער אַליין האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן קיין פענדזל אין האַנט. זיין אָפּהאַנדלונג וועגן „פרענק ס. קוירק״ (איקוף־פאַרלאַג, 1956), ווי אויך דאָס קאַפּיטל אין איצטיקן בוך ברענגען דורכגעטראַכטע מיינונגען וועגן מאָלעריי צוזאַמען מיט אַ סך דעטאַלן צו דער ביאָגראַפיע פון אָט־דעם באַוואוסטן קינסטלער. אַזוי אויך גיט ער איבער פיל טרעפלעכע כאַראַקטער־שטריכן וועגן מאָריס קאַלעם, וועלכער איז, לויט ווייַנפּערן, „אויפן געביט פון פאָרטרעטן־מאָלעריי ווירקלעך געווען אַ ביז גאָר באַדייטנדיקער מייסטער״ (ז׳ 327).

אויך אין מאָלעריי זוכט ז. ווייַנפּער דעם אָנהויב פון פּאָעזיע. „די קונסט פון א. אַבראַמאָוויטש, — שרייבט ער וועגן דעם 75־יאָריקן מאָלער, — איז דער עיקר אַ רעאַליסטישע, אָבער עס איז רעאַליזם מיט בלענד [צומישונג] פון חלום אין זיך, וואָס גיט אים דעם טעם פון פּאָעזיע״ (ז׳ 316). ער האַלט, אַז „מער פון אַלע האָט אויפגעוועקט ביי יידישע פאָלקס־מענטשן דעם אינטערעס צו פלאַסטישער קונסט דאָס בילד פון אברהם מאַניעוויטש ,אונטערגאַנג פון דער געטאָ׳ ״ (ז׳ 304), וואָס האָט אָנגערעגט אויך די פּראָווינץ איינצואָרדענען אויסשטעלונגען פון מאַניעוויטשעס בילדער. דערפאַר פלעגט עס ווייַנפּערן אויפרעגן, ווען מאַניעוויטשעס אַמעריקאַנער

קאַלעגן פּלעגן אָפּחזקן פון זײַנע אַרבעטן, נישט געקוקט אויף זײַער קינסטלע־רישן (ווײַניקער פינאַנציעלן) דערפּאָלג.

אַ זעלטן־פײַנער פּאָרטרעט, צוזאַמען מיט אַן אָפּשאַצונג, איז געגעבן פון דעם סאַטעטישן מאָלער אַברהם וואָלקאָוויץ, וועלכער פלעגט, צוגלײַך מיט איזאַדאָרא דאַנקאַן־צײַכענונגען (אין וועלכער „ער האָט געזען גײַסטיקייט און דער גופיקייט"), אויך געשטאַלטן יידישע פיגורן. דערפּאָלג האָט ער געמאַכט דווקא אויף דער ניט־יידישער גאַס — „און עס איז געווען, אַז דווקא, ווען ער איז אַריבער די גרענעצן [פון דער ייִדישער גאַס צו דער ניט־יידישער], איז אים די סביבה פון דער יידישער ליטעראַטור נאָך ליבער געוואָרן" (ז"ז 299 און 300).

מיט באַזונדערער פּיעטעט מאָלט פאַר אונדז ווײַנפּער דעם מאָלער־סקולפּטאָר העגעך גליצענשטיין. „פון אונטער זײַן דלאָטע און מעסער־שאַרף קומט צום אויס־דרוק די מעשה־בראשית, וואָס איז אין כסדרדיקן דינאַמישן המשך" (ז' 288). ער קומט ביי אים אַרויס, ווי אַ פײַן־געשניצטע כינעזישע געטשקע — כאָטש נעם און שטעל אים אַריין אין אַ פּאָרצעלײַטיקן טעמפּל. גליצענשטיינס ריזיקע פיגורן און ביוסטן, מײַנסטנס פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין די רײַכסטע מוזייען, — אָבער „אין זײַן שווערער מאַטעריעלער לאַגע האָט ער פון צייט צו צייט געמאַכט אַ צייכענונג פון עמעצן, אָדער אפילו אַן אויל־פּאָר־טרעט" (ז' 280). דער „מאַעסטראָ ענריקאָ" גליצענשטיין איז געווען אַ יורד אין אַמעריקע...

געווײַנלעך איז אָנגענומען, אַז פּאָעטן לייענען נאָר זייערע אייגענע שאַפונגען. דאָס קען ניט געזאָגט ווערן אויף ז. ווײַנפּערן. ער איז געווען באַהאַוונט אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער עלטערער, ווי אין דער ייִנגסטער, פון וועלכער ער האָט געגעסן ניט בלויז ווי אַ באַגײַסטערטער לייענער, נאָר אויך געהאַט צו איר אַן אייגנאַרטיקע ליבע, פאַרבונדן מיט אַ ברײַדערלעך־קריטישער באַציאונג, וואָס האָט גאַנץ אָפט געטראָפן אין פינטל: דוד פּינסקיס פּערזענלעכקייט „איז גרויסע אָנגעלאָדנקייט, וואָס לאָדט זיך פון אים אויס אויף אַ געוואַלדיק שווערן אופן — — — פאַראַן איז אים אַ געוואַלדיקער אומרו, [אָבער] יעדעס וואָרט פון אונ־טער זײַן פּען איז אַזוי אויסגעמאַטערט, אַז עס שרײַט ממש געוואַלד, מען זאָל עס לאָזן אַביסל קומען צו זיך" (ז"ז 80 און 81). דר. חיים זשיטלאָווסקי „איז ביי אונדז אָן שום ספק דער ערשטער און וויכטיקסטער קלאַסיקער. דאָס, וואָס מענדעלע, פּרץ און שלום־עליכם זײַנען פאַר אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור, איז ער פאַר אונדזער וויסנשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער" (ז' 60). „עכטע יידישקייט שלאָגט פון אַלע אונדזערע ערשטע קלאַסיקער, אָבער גרויס־יידישקייט האָט בלויז פּרץ אונדז דעם ערשטן מאָל באַוויזן אין אונדזער קינסטלערישער ליטעראַטור. — — — האָט מען פּרצן געלערנט, ווי מען האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא" (ז' 28).

זײַנע אָפּהאַנדלונגען וועגן מ. אָלגין, שלום אַש, דר. חיים זשיטלאָווסקי, יוסף ראָלניק און אפילו וועגן זײַן בן־עיר, דעם יונג־אומגעקומענער דיכטער ברוך אָליצקי גרענעצן מיט קריטיש־וואוילבאַטראַכטע ליטעראַרישע עסייען. און ריכטיק באַ־מערקט נחמן מייזיל אין זײַן אַרײַנפיר צום בוך: „ז. ווײַנפּער האָט געשריבן אָפּט־

מאָל אײליק, אויף דער הײַסער מינוט, אָבער — — — אין דעם איצטיקן בוך האָבן מיר שוין ערנסטע, שאַרפֿע כאַראַקטעריסטיקעס, אַנאַליטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבער" (ז' 8). אײנע פֿון די בעסטע פֿון דעם מין איז טאַקע די אַרבעט וועגן נחמן מײַזיל, מיט וועלכן ער האָט קרוב צו צוואַנציק יאָר צוזאַמען געאַרבעט און געבויט יידישע קולטור. נ. מײַזיל האָט אויך צוזאַמענגעשטעלט דאָס דאָזיקע ווײַנפּער־בוך.

אין יעדער אָפּהאַנדלונג זײַנער, מעג דאָס זײַן וועגן דעם רעדאַקטאָר פֿון דער בוענאָס־אײַרעסער טאָג־צײַטונג „די פּרעסע", דעם שריפֿטשטעלער און איבערזעצער פּיניע קאַץ, צי איז עס דער דיכטער ב. לאַפּין, וועמענס דיכטונג „איז אַן ערגעצוואו אויף יענער זײַט פֿון אונדזער לעבן און דאָך זײַנען זײַנע לידער דווקא אָנגעפּילט מיט לעבן" (ז' 188); איז עס דער סענטימענטאַל־צעוויטיקטער דיכטער נפֿתלי גראָס, צי דער דער ווײַך־לירישער זינגער פֿון קאָרעץ, י. י. סיגאַל; די צווײ גאַליציאַנער, גאַנץ פֿאַרשידנאַרטיקע פּאָעטן — דער צעבאַלעוועטער בער האָראָוויץ און דער „צעכראַסטעטער" אַבא שטאָלצענבערג, צי דער סאָציאַל־פֿילאָזאָפֿירנדיקער דיכטער־פּראָזאַאיקער לײב אָליצקי (עלטערער ברודער פֿון ברוך) — אין יעדן קאַפּיטל וועגן זײ געפֿינען מיר גאַנץ טרעפֿלעכע און אינטערעסאַנטע אַרויסזאָגונגען.

ז. ווײַנפּער האָט, ווי ווײַט מעגלעך, זיך באַמיט צו פֿאַרשטײן דעם שרײַבער. אים זײַנען אין אָנהויב ניט שטאַרק געווען צום האַרץ יונה ראָזענפֿעלדס דערציילונגען איבער זײערע גרוילִיקע טעמעס. ביז, נאָך פֿיל יאָרן שפּעטער, הויבט ער אָן באַנעמען די סיבות, וואָס האָבן געפֿירט דעם פֿאַנטאַזיע־רײַכסטן קריטיקער אונדזערן, ב. ריווקין, צו זײַנע ספּיריטואַליסטישע חזיונות, וואָס ער האָט אַזוי „פֿאַרהוילן אַנטפּלעקט" פֿאַר אונדז אונטערן פּסעוודאָנים מאַרק טאַלעראַ. ער שטרענגט זיך אָן „מיטצוליכטיקן מיטן פֿינקלענדיקן שלום שטערנס אָפּטימיזם, מיט זײַן געזונטן און נאַטירלעכן לעבן פֿון מענטשן. — — — [ביז] זײַן זאָגערישקײט קומט פֿון אים אַרויס מיט אַזאַ עכטן טאָן, אַז ניט נאָר הערסטו, נאָר הויבסט־אָן צו דערזען" (ז״ז 262 און 265).

אַ ביז גאָר איגנאָרטיקע ווידמונג אין בוך איז אָפּגעגעבן דוד בערגעלסאָנען. ווי יעדער שאַפֿנדער קינסטלער, איז אויך ווײַנפּער להוט געווען צו הערן אַ לויבוואָרט וועגן זיך. קײן עוולה ניט. „די אַרויסגעמורמלטע ווערטער [פֿון מאַני לײבן און זישא לאַנדוי] זײַנען געפֿאַלן איבער מיר, ווי טראָפּנס האָניק" (ז' 124); און — „אָט לעב איך איצט איבער דעם באַריר פֿון זײַן [שלום אַשס] האַנט איבער מײַנע האָר, ווען איך בין נאָך גאָר אַן אָנפֿאַנגער געווען" (ז' 102). אַזוי איז אויך דוד בערגעלסאָן געווען דער ערשטער אין אײראָפּע, וועלכער האָט הויכגעשעצט ווײַנפּערס פּאָעזיע. איז קײן חידוש ניט, וואָס דער דיכטער האָט געפֿילט צו בערגעלסאָנען אַ באַזונדערע ליבשאַפֿט, כמעט אַזוי ווי צו משה־לײב האַלפּערן. געפֿינען מיר אין איצטיקן בוך אי אַן אָדע צו דוד בערגעלסאָנען (אַ לענגער ליד, געשריבן אין 1941), אי אַן עלעגישע דראַמפּאָעמע „בײַם פּאָרטרעט פֿון דוד בערגעלסאָן" (געשריבן אין 1956).

מיר דאַכט, אַז אַ גרויסע ווירקונג אויף ז. ווײַנפּערס ווײַטערן גאַנג, ווי אַ פּאָעט

און קולטור־טוער, האָט געהאַט זיין קומען צו דער איבערצייגונג, אַז בעת „מיר, די ,יונגע', יינגערע און גאָר יונגיטשקע, האָבן עקשנותדיק געהאַלטן אין איין אָפּברעכן שטיקער פון דער פעסטונג, וואָס די ,אַלטע' [יידישע שרייבער פון עלטערן דור, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אין ,שלומס קאַפע'] האָבן אויפגעשטעלט" — איז „היינט, אין די יאָרן פון אונדזער אייגענער עלטערקייט און דערוואַקסנקייט, ווייסן מיר, אַז די פעסטונג איז געווען נישט מער, ווי אַ ווינטמיל, און מיר — דאָן קיכאָטן מיט אויפגעשרויפטע אילוזיעס" (קאַפּיטל „ראובן אייזלאַנד", ז' 139). מיט דעם האָט ז. וויינפער אָנגעהויבן איינזען סיבות און קאָנסעקווענצן פון אַ קינסטלערס סביבה. ס'איז כדאַי צו הערן, וואָס וויינפער אַליין האָט וועגן דעם צו זאָגן: „אַז איך האָב געוואָלט איבערגעבן די פרייד, וואָס איז אין מיר געווען, איז די פרייד געווען אַ פשוט מיידל, ווי אַ שטייגער מאַרוסיע, די גענדז־אָפּהיטערין אויף דער גרינער לאָנקע פון מיין וואָלין. — — — אַ יינגל, וואָס איז אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון אַן ערד אויף יענער זייט ים, אָנגעפילט מיט היימישע זאַפטן, האָט דאָ [אין אַמעריקע] אין יענער צייט נישט געפונען פאַר זיך קיין ערד זיך איבערצופלאַנצן" (ז"ז 125 און 128). ווייטער: „היינט איז פאַר מיר קלאָר, אַז די פאָלקסטימלעכקייט און דאָס חסידיש, פון וועלכן יצחק לייבוש פרץ האָט געשאַפן זיינע גרויסע ווערק, זיינען געווען אין אים, זיינען געווען זיין רעאַלע וועלט" (ז' 41).

אָבער קאָנטיק, אַז אַחוץ דער וואָלינער לאָנקע און דעם חסידים־שטיבל, האָט דעמאָלט פאַר אים קיין אַנדערע סביבה ניט עקזיסטירט. האָבן דאָך נאָך די „יונגע", שוין אין די רייפע יאָרן, געזען פאַר זיך נאָר איין „פעסטונג" צו דעראָבערן — „שלומס קאַפע". און וויפל פון יידישע שרייבער טרעטן נאָך היינט נישט אַריבער דעם עירוב פון איסט־בראָדוועי? איז קלאָר, אַז אַן אַנדערע סביבה איז פאַר זיי פרעמד.

זאָל מיר דאָ דערלויבט זיין צו צעגלידערן אַביסל דעם ענין, געשטיצט אויפן קאַפּיטל אין בוך טאַקע וועגן מיר אַליין (וואָס איז, אגב, אין זיין פולער קריטיק, שיער ניט אַ פאַטעטיש ליד פאַר זיך). „איך פערזענלעך, — שרייבט דאָרט ז. וויינפער, — האָב זיך אַ צייט נישט געקאָנט אַריינהיימישן אין יעקב מעסטלס דיכטונג — — — אפשר דערפאַר, ווייל דאָס ערשטע בוך זיינס, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, איז געווען די זאַמלונג ,דמיונות', פון וועלכער עס האָט אויף מיר געאָטעמט צופיל מיט דער עלעגאַנץ פון דייטשער סאַלאָן־קולטור — — — אַ סימן — די איריטירונג, וואָס איך האָב דערפילט ביים לייענען זיין טיף־לירישע דערציילונג ,לוקרעציאַס טויט'. — — — וואָס זיינען דאָס פאַראַ בעאַטריקס? פאַראַ אַגנעסעס? פאַראַ לוקרעציאַס? וואו האָט ער זיי גענומען?" (ז' 226).

וואו? גייט־מיט מיט דעם יידיש־פוילישן סטודענט פון זלאָטשעוו, וואָס צו פופצן יאָר קומט ער אָן אין סעמינאַר אין לעמבערג, וואו דער דירעקטאָר איז אַ קאַנאָניק און דאָס רוב פּראָפעסאָרן — געוועזענע גלחים; הערט אים דערנאָך זיך „איבערפלאַנצן" אויף דייטש אין דער אָפיציר־שול און שוישפיל־אַקאַדעמיע אין ווין; מאַכט מיט אים מיט די בלוטיקע פיר יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אויף כמעט אַלע פראָנטן און זעט אים דערנאָך אַ שווער־קראַנקן אין איטאַליע,

באַוואַכט פון קאַטוילישע נאָנעס — און איר ווענט באַגעגענען די אַלע דזשיאָוואַניס און ביאַטריקס, אַגנעסעס און לוקרעציאַס. אַוודאי טראָגט מיט זיך די שול־באַנק און דער אַפּיצעריסקער שטאַנד אַן אייגנאַרטיקע אַטמאָספערע, וואָס ווירקט גאַנץ אַנדערש, ווי עס קאָן ווירקן דער גמרא־שטענדער, אָדער די „שלום־קאַפּע"־סביבה אויף אַ יונגן פּאָעט.

ערשט ווייַנפּערס פּרוי, זיטאַ, וועלכע האָט אַליין מיטגעמאַכט אַ קינסטלער־קאַריערע פון גאַליציע דורך ווין, ביז ניו־יאָרק, האָט אים באַדאַרפט קלאָר מאַכן צו פאַרשטיין די דראַמאַטישע פּאָעמען אין „דמיונות": „מיר, דער טייל פון דער יידיש־גאַליציישער יוגנט, וואָס האָט זיך געריסן פון עם קליינעם שטעטל צו דער קולטור פון גרויס־שטאָטישקייט, האָבן געמוזט אַ שוועב־טאָן איבער אַ גרויסן שטיק חלל, וואָס איז געלעגן אינדערמיט. קיין נאַטירלעכע פאַרבינדונג, וואָס זאָל פירן פון זלאָטשעווער יידישקייט צו דער קולטור־וועלט פון ווין, איז נישט געווען" (ז' 230). זייַנען אָט־די אַגנעסעס, לוקרעציאַס א. אַז. וו. געוואָרן אונדזער ווירקלעכקייט — הגם אין דער יידישער שפּראַך, מחמת דאָס האַרץ און די נאַציאָנאַלע זערוואַכונג האָבן פאָרט געצויגן צו יידיש טעאַטער און צו שרייבן לידער אויף יידיש.

ז. ווייַנפּער איז געווען אַ גלויביקער — אַ גלויביקער אין דער מיסיע, וואָס ער האָט געהאַט צו דערפילן. אַנדערש וואָלט ער נישט געקומען צו זייַנע דער־גרייכונגען. „וואָרים וואָס איז דען אמתע אמונה, אויב ניט קיין ליבשאַפט?" (ז' 81). האָט ער ליב געהאַט אַלץ, וואָס העלפט דעם גלויבן זייַנעם. פרייט ער זיך אַפילו מיטן ערשטן ביכעלע פון דעם יונגעטשקן פּאָעט אהרן קרישטאַלקע, כאָטש ער ווייסט, אַז „אין זייַנע יאָרן פון רייפקייט [וועט ער נישט] זיין צופרידן מיט אָט־דער זאַמלונג" (ז' 280). און הינטער זיין „גלויבן" איז שטענדיק געשטאַנען אַ געזעלשאַפטלעכע מיסיע, „וואָרים צו דער באַגאַבטקייט מוז אויך זיין שליחות, וואָס דער קינסטלער טראָגט אין זיך און פון וועלכער ער ווערט געטריבן" (ז' 321). און ז. ווייַנפּער איז שטענדיק געטריבן געוואָרן פון זיין שליחות. „אין מיין דע־מאָלטדיקער בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ יידיש לעבן, האָב איך גענומען די ביקס און זיך געלאָזט אויפן וועג צו באַפרייען פאַלעסטינע פאַר אונדזער פאָלק. אָבער פאַלעסטינע האָט זיך ניט באַפרייט. זי איז בלויז איבערגעגאַנגען פון אונטערן טער־קישן יאָך צום יאָך פון גרויס־בריטאַניע. איך האָב זיך אומגעקערט צוריק קיין ניו־יאָרק מיט דעם געפיל פון אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אויפזוכן זיין געליבטע און זי געטראָפן אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן" (ז"ז 11 און 12).

די ערשטע געזעלשאַפטלעכע אַנטוישונג. אָבער „דער טיפער גלויבן אין דער שליחות, וואָס דו טראָגסט אין זיך, גיט דיר כוחות ניט אַנידערצופאַלן אינמיטן וועג" (ז' 14).

און אויף אויסצופילן זיין גרעסטע און ליבסטע שליחות איז ז. ווייַנפּער געקו־מען צום איקוף, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן האַרץ און נשמה און יעדע שעה פון זיין לעבן — אפשר נאָך מער ווי זיין פּאָעזיע. דערפאַר אָבער האָט ער געקאָנט זאָגן מיט פולער אחריות: „איך פיל זיך איצט אַ סך גליקלעכער מיט מיין שרייבן.

איך פֿיל זיך גליקלעך מיט מײַן אַרבעט אינעם איקוף. מײַן וואָרט גייט איצט אויף דורך צוויי ריינע און לויטערע פֿאָלקס־אָרגאַנען — די ‚מאָרגן־פֿרײַהײַט׳ און דער זשורנאַל ‚ייִדישע קולטור׳ פֿון אונדזער איקוף" (ז׳ 13).

דאָס בוך „שרײַבער און קינסטלער" איז אַ זאַמלונג פֿון זעלבשטענדיקע אַרבעטן, וואָס זײַנען געשריבן בײַ פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן. אַ טייל פֿון זיי זײַנען געהאַלטן געוואָרן ווי רעדעס. די מײנסטע זײַנען שוין געווען געדרוקט. אָבער יעדעס קאַפּיטל פֿאַר זיך פֿאַרמאָגט אײגנאַרטיקייטן, וואָס פֿאַראינטערעסירן אויך מיט זייער פּלאַסטישער בילדלעכקייט, אָפֿט דורך אַ קלוגן משל. דער גרעסטער טייל איז געשריבן אין אַ סוביעקטיוו־אינטימען טאָן, וואָס ברענגט אײַך די געשילדערטע געשטאַלט אַ סך נעענטער, ווי אַ פֿאַרגרעסערטע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ „קלאָז־אַפּ" אין פֿילם.

פֿאַראַן שטעלן אין בוך, וואָס רירן אײַך מיט צאַרטער לירישקייט: בײַ שלום־עליכמס טויטנבעט, מ. אָלגינס לוויה, די סצענע, ווען פּרץ הירשבײַן פּרוּווט שפּילן אויפֿן קליינעם אָרגל און זײַנע פֿינגער קאָנען זיך מער ניט באַוועגן איבער די קלאַווישן, און נאָך פֿיל אַנדערע.

באַזונדערס רירענד איז, פֿאַרשטייט זיך, דאָס שלוס־קאַפּיטעלע „מײַן טאַטע", געשריבן פֿון ווײַנפּערס אויסערסט געראָטן טעכטערל, נחמה.

„ווען ז. ווײַנפּער אַליין וואָלט צוגעגרייט דאָס איצטיקע בוך צום דרוק, — שרײַבט ב. מייזיל אין זײַן הקדמה, — וואָלט ער זיכער אייניקע אָפּהאַנדלונגען געקירצט, אָדער געענדערט". מעגלעך. זיכער אָבער וואָלט ער „דאָס בוך דערגאַנצט מיט אייניקע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבער און קינסטלער, וואָס ער האָט זיך ספּעציעל געקליבן צו שרײַבן וועגן זיי".

נאָך אין זײַן רעדע בײַ דער קאָנפֿערענץ צו דער געלעגנהייט פֿון 19 יאָר איקוף האָט ז. ווײַנפּער ענטוזיאַסטיש און האָפֿערדיק פֿאַרזיכערט: „דער איקוף האָט געשלאָגן טיפֿע וואָרצלען — זיך פֿאַנאַנדערגעבליט אין מהיהדיקע, געזונטע, וויטאַמינישע קולטור־געוויקסן — מיר קאָנען אַ גיי טאָן מיט זיי אויף אַ פֿיל ברייטערן וועג" (ז׳ 372). און גראָד ווען ער האָט זיך פֿאַרנומען אויף דעם שווערן ברייטערן וועג, איז ער צו אויסגעשעפּטער אַוועקגעפֿאַלן. דער צוואַנציקסטער יאָרטאָג פֿונעם איקוף איז שוין, צום גרויסן באַדויערן, אָפּגעהאַלטן געוואָרן אָן אים...

1958

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ז. ווײַנפּער אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע

אין די יאָרן צווישן 1908 און 1925 איז אויפגעגאַנגען אַ גרויסע שפּע אין דער היגער יידישער פּאָעזיע. עס זײַנען אויפגעקומען פאַרשיידענע פּאָעטישע ריכטונגען, טעאָריעס; עס האָבן זיך געשטאַלטיקט פאַרשיידענע פּאָעטישע עקספּרעסיעס; נײַע פאָרמען, נײַע ריטמען, אַ נײַער וועטער-געוועב.

אין יענע יאָרן האָבן זיך צעפלאַקערט היציקע דיסקוסיעס וועגן דעם מהות פון ליד און וועגן דער טעמאַטיק. טייל פּאָעטן האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך מער נייגן צום יידישן מקור, אויפנעמען יידישע חזיונות. אַנדערע ווידער — האָבן, זיך רייסנדיק פון דער „געטאָ" אַרויס, געהאַלטן, אַז מען דאַרף אַרײַננעמען וואָס-מער וועלטלעכקייט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. עס זײַנען געווען אויך אַנדערע דיסקוסיעס. געווען פּאָעטן, וואָס האָבן באַוואוסטזיניק-פּראָגראַמאַטיש זיך געוואָלט דערווייטערן פון דעם אין יידיש טיף-פאַרוואָרצלטן סאָציאַלן מאָטיוו. זיי האָבן געפּרייידיקט דאָס קאָפּויערדיקע: אַליינקייט, שטילקייט, אפילו רעזיגנאַציע; קולט פון „איך" איבער אַלץ. עס איז, לויט יענע פּאָעטן-דיסקוטאַנטן, אויסגעקומען, אַז אַנשטאָט דעם וואָס דער פּאָעט זאָל באַהערשן דאָס ליד, זאָל ליד באַהערשן דעם פּאָעט (זישא לאַנדוי איז געווען דער שטאָלצער ריטער פון דעם).

און דערבײַ זײַנען אויפגעקומען פאַרשיידענע פּאָעטישע פּערזענלעכקייטן, און יעדער האָט געבראַכט מיט זיך השפּעות פון אַנדערע ליטעראַטורן. יעדער האָט, טראָגן אַלע טעאָריעס, צוגעטראָגן זײַן אייגענעם טאָן. איינער האָט זיך געטוליעט צום אידיליש-ראָמאַנטישן „אי-לע-ליו-ליו" (מאַני לייב), און אַ צווייטער האָט אויפגעשטעלט „פּאָעטישע באַריקאַדן", איז געווען אַ פּורץ-גדר, ווי, אַשטייגער, משה-לייב האַלפּערן. איינער האָט געבראַכט די „בלאַסע בת-מלכה" און אַ צווייטער — די זונה-„לאַדושקא"...

זײַנען אין יענע יאָרן געקומען אויך אַנדערע, וואָס האָבן בכלל אויפגעהויבן אַ קאַמף קעגן דעם ראָמאַנטיזם און אויך קעגן דער אויסגעשריענער עראָטיק. זיי האָבן זיך דער עיקר געשטעלט קעגן דעם פאַרבענקטן סענטימענטאַליזם. זיי האָבן זיך אויך געריסן צום אורבאַניסטישן פּייזאַזש. זיי האָבן אויך גערופן צו פּאָעטישער געדאַנקלעכקייט. דאָס זײַנען געווען די „אינזיכיסטן".

און ס'איז אויך געווען אַ דריטער צד. עס זײַנען געקומען, גלײַך נאָך די יונגע (איך רוף זיי: נעאָ-יונגע) פּאָעטן, וואָס האָבן מיט זייערע שאַפונגען, כאָטש

פון ב. י. ביאַלאָסטאָצקיס עסיי „די געשטאַלט פון אָרעמאַן אין יידישן ליד" (בוך „חלום און וואָר", 1956).

ניט מיט קיין אויסגעלייגטער פראָגראַם, געבראַכט אַ סינטעז, אַ ליד־פאַרבינדונג צווישן גוטן פאָלקסטימלעכן און דעם ניו־יאָרק־פייזאַזש; צווישן דעם נייעם אורבאַניסטישן מאָטיוו און היימישער בילדלעכקייט; צווישן אַלט און ניי. ליד־פאַרבינדונג צווישן דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן ליד מיט דעם איך־מאָטיוו. די דאָזיקע פאָעטן האָבן זיך געשטעלט קעגן פאָעטישער פראַזע, און קעגן פאָעטישע „טריקס“, אַזוי צו זאָגן. זיי האָבן זיך אויך געהיט פון אָנפילן די פאָעטיק מיט צופיל פראָזע, מיט לאָזונגען, מיט זאָגעכצן און מיט אַבסטראַקציעס. דאָס איז געווען די דריטע פאָעטישע גרופע.*

צום דאָזיקן פאָעטישן צד דאַרף מען אויך צורעכענען דעם טאַלענטפולן ז. ווײַנפער.

ז. ווײַנפער מיט אָטעם פון היימישן דאָרף, מיט מענטש־ליבשאַפט, מיט פאָלקס־מעשה, און אין דער זעלביקער צייט — מיט אידייאיש־וועלטלעכע מאָטיוון, מיט זיין בוך „נביאים“ — און מיט זיין ניגון פון אוקראַיִנע, און ליד פון אַמעריקע — געזאַנג איבער דעם טראַגיזם פון גאולה, און דאָך — מיט אייביקן בטחון! ז. ווײַנפער מיט דער פרייד פון „אַן אורח אויף שבת“ (פון זיינע „היימישע מאָטיוון“) און מיט דעם נעגער אין שטאָט; קומט דער זיידע מיט זיין פאַרוואָרצלטקייט אין לעבן, און ס׳קומט דער היימלאָזער פון דער באַועדי. אַ צוזאַמענדיקער געוועב. קומט ביי ז. ווײַנפערן דער אַלט־היסטאָרישער, און אויך מאָדערנער רוף צום אָרעמאַן; קומט די פרייד און אויך די זאָרג, צי מען וועט „אַליין די פרייד ניט אויסלעשן...“

ז. ווײַנפער איז גאָר אין אָנהייב געקומען מיט אַ שמייכל אויף די ליפן, אַז „נאָך אַלעמען איז גאַרניט שלעכט אַזוי צו לעבן“; האָט געבראַכט אָטעם פון אוקראַיִנישער ערד און אויך געבראַכט גלויבן, „אַז אַלע מענטשן זיינען ברידער“. שפעטער האָט ער, — אין די טעג פון יידישן לעגיאָן אין ארץ־ישראל, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אין די טעג פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, — געשריבן לידער וועגן ירושלים, נס־ציונה, און לידער פון „אַרום דער וואַנט“ (די מערב־וואַנט). אויך אין די ארץ־ישראל־לידער איז געווען פרייד און אַ בענקשאַפטלעכע רואיקייט. און אַוודאי איז געווען זון און רואיקייט אין זיינע לידער פאַר קינדער — די לידער פונעם „גילדענעם האָן“.

אָבער אין די דרייסיקער יאָרן (1930־1935) איז ער אַריינגעכאַפט געוואָרן אין די „פרייד און לייד“ פון אונדזער ברויזנדיקער און טראַגישער צייט. ווײַנפערס געמיטלעכער ברודער־מענטש איז געוואָרן אַ רעבעל, אַ כופר און אַ קריגער... דווקא דער פריידיקער ווײַנפער איז געוואָרן דער קריגערישסטער צווישן דער גרופע נעאָ־יונגע. ער האָט גענומען זינגען וועגן וועלט, וועגן ליידנדיקן דור, און וועגן דער בלוטיקער וואָר; האָט גענומען זינגען וועגן רשעים און וועגן פאַלשע צדיקים; האָט אפילו גענומען פרעדיקן!

פאַר אים האָט זיך באַוויזן די געשטאַלט פון דעם רעבעל, פון דעם באַרוועסן (אַ פאָעטישער ברודער פון איציק פעפערס: „דער נאַקעטער יונג פון די בלאָ־

* ס׳איז אויך אויפגעקומען אַ פערטע גרופע, די פראָלעטפענישע פאָעטן, — נאָר דאָס איז אַ קאַפיטל פאַר זיך.

טעס״). און אַז דער דיכטער ווײַנפּער האָט געפֿרעגט בײַ זײַן באָרוועסן אורח — וואָס זאָגסטו אָן?

האָט ער אויף מיר אַ בליק געטאָן און האַרט געזאָגט:
— אַ מענטש, וואָס קומט פֿון אַזאַ וועג, ווי איך, פֿאַרמאָגט
אי שׂרפֿה־פֿלאַם, אי זון־אויפֿגאַנג אין זײַן געפּעק;
דעם שׂרפֿה־פֿלאַם פֿאַר די, וואָס שטייען מיר אין וועג,
און זון־אויפֿגאַנג פֿאַר די — נאָר דאָ האָט זיך געטאָן אַ שפּרייט
אַ פּײַן אַזאַ אויף מיר פֿון זײַנע האַרטע רייד.

און די האַרטע רייד פֿון דעם באָרוועסן האָבן ווײַנפּערן שוין זייט דעמאָלט ניט אָפּגעלאָזט.

האָט ער ווײַטער געטראַכט און געזונגען — דאָ אַ הימן צום באָרוועסן, און דאָ אַ געזאַנג „צו דעם דור, וואָס גייט צום קאַיאָר״ (אַ גראַם, וואָס קומט בײַ אים שוין צו־אָפּט — און טראַכטנדיק און זינגענדיק אַזוי, געפֿירט דעם באָרוועסן גאָר צו אַנדערע באָרוועסע: צו משהן אין מדבר; צו אליהו בײַם באַרג חורש; און צו גלײַכער צײַט צום אָרעמאַן־אליהו אין דעם שטעטעלע טריסק, און געפֿירט אים צום שטראָפֿנדיקן נביא, וואָס גייט מיט זײַן אָרעמען געפּעק צווישן פּאַסטוכער אין אפֿרים.

און ער רעדט — דורך די „נביאים״ — וועגן די האַרן און וועגן די רײַכע און ער רופֿט:

— הײַזער וועלן זיי בויען און וועלן אין זיי ניט וואוינען,
גאָרטנס פֿלאַנצן און די פּירות ניט עסן,
אָפּגעווישט, פֿאַרמעקט, פֿאַרגעסן —
וועלן זיי ווערן פֿאַר די קומענדיקע דורות!

און די האַרן האָבן צאָרנדיק געצאָרנט:

— ווער איז ער, אָט דער שעלטער, און וואָס איז ער מרמז?
— אַ שלעפּער פֿון יהודה, מען זאָגט, ער רופֿט זיך: עמוס.

אָט וואו ז. ווײַנפּערס באָרוועסער האָט אָנגעשפּאַרט!

און ס'איז מיר דערבײַ געווען זייער אינטערעסאַנט צו זען, אַז דער סאַמע לעצטער „אָרעמאַן״ אין דעם בוך „נביאים״ הייסט גאָר „יחיאל בערל דער חייטניק״. עס הייסט, אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך דעם נביאישן מאַנטל, אָפּגעלאָזט דעם מדבר־שטעקן און זיך צוריק באַוויזן אין דעם הילוך פֿון דעם פֿאָלקסטימלעכן חייטניק, וואָס איז ווײַנפּערן אַזוי נאָענט.

ווער איז ער, אָט־דער יחיאל בערל דער חייטניק? ער איז אַ שנײַדערל, וואָס פֿרעגט קשיות; ער פֿרעגט קשיות קעגן דעם סדר־העולם. און ניט נאָר פֿרעגט ער, נאָר ער וויל אויך אַ תּירוץ... בערל איז אַ חוקר. דער גבאי כעסט זיך אַקעגן אים: — „חייטניק, האַלט זיך בײַ דײַן נאָדל! וואו חקירה — דאָרט איז כּפֿירה!״ אָבער דאָס שנײַדערל לאָזט ניט אָפּ. וואָס הייסט, חקרנט ער: „השמים שמים לאדוני, והארץ נתן לבני אָדם?״ פֿאַרוואָס אַזאַ פֿאַנאַנדערשיידונג צווישן הימל און ערד? און וואָס איז דער טײַטש: מלאכה? און וואָס מיינט אַ פֿינגערהוט? וואָס

באַדייט די שפּיציקע נאָדל? און וואָס איז אַזוינס די מענטשלעכע טרער?

אָט־דער חייטניק, דער הקרן, איז, דוכט מיר, אַ קרוב פון אַן אַנדער אָרעמאַן, אַ חקרן, פון מ. ל. האַלפּערנס „זרחי", וואָס אַ פּאַרוואַנדטער זיינער איז אויך פאַראַן אין די גראָטעסק־לידער פון משה נאַדיר, און אַלע די דאָזיקע חקרנים שטאַמען זיי אָפּ, ווי איך מיין, פון י. ל. פּרצס „דער משוגענער בטלן", וואָס האַלט אין איין פרעגן: זאָגט נאָר, ווער בין איך, וואָס בין איך? און זיי קערן זיך אויך אָן מיט בערל שניידער ביי פּרצן, וואָס קריגט קעגן רבונו של עולם און וויל מער ניט גיין יום־כיפּור צו כל־נדרי!

און דער דאָזיקער אָרעמאַן־הקרן, יחיאל בערל חייטניק, טרעפט זיך ביי ז. וויינפּערן אויך צוזאַמען מיט דעם געיאָגטן, און מיט דעם באָרוועסן ברודער אין די טונקעלע גאַסן פון דער צעברויזטער שטאָט און צעברענטער וועלט.

ז. וויינפּער האָט דעם שניידערל־חקרן באַהעפט צו די „נביאים" ניט על פּי צופאַל. אַזאַ איז געווען זיין גאַנג. אַלץ צוזאַמענוועבן. ניט אַלע האָבן געכאַפּט וויינפּערס וועג. ער האָט זיך געריסן צו כינטעז און האָט שטאַרק געליטן ווען ער האָט געזען, אַז אין דעם ברויזיקן גאַנג פון דער צייט רייסן זיך פעדעם פון דעם געווינטשטן געוועב... אַז די פרייד ראַנגלט זיך; אַז „וואָלקנס יאָגן ווידער איבערן קאָפּ". ער האָט מיט זאָרג געפרעגט: „זיינען עס וואָלקנס, וואָס נאָך אַ שטורעם, אָדער זיינען עס וואָלקנס, וואָס ברענגען גאָר אַ נייעם שטורעם?"

און אַזאַ איז ער אַוועק פון אונדז, דער ליבער, זינגעוודיקער ז. וויינפּער!

ז. וויינפּער

פּעסיע כּהנא

אויף ז. ווײַנפּערס דיכטערישן וועג

(פֿון „ראטמיא" ביז „געקליבענע לידער")

כּמעט יעדער פֿון די ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע איז געקומען פֿון אַ קליין שטעטל פֿון יענער זײַט ים און איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דער גרויס־שטאָטישקייט פֿון ניו־יאָרק. דעריבער באַקומען זיך אײנהייטלעכע טעמעס: לידער וועגן שטעטל, בענקען אַהײם, ניו־יאָרקער מיש־מאַש, גרילץ פֿון אויטאָמאָבילן, גרויס־שטאָט.

ז. ווײַנפּער איז אויך געקומען אין דער מעטראָפּאָליע פֿון אַ קליין שטעטל, פֿון טריסק, וואו „ביי דער גרעבליע איז פֿאַרצייכנט אויף אַ ברעטל, אַז ס'וואוינען אין דעם שטעטל 190 מאַנספּאַרשוינען". אין אָנהייב האָט אויך ז. ווײַנפּער אָנגע־הייבן דרוקן לידער וועגן זײַן שטעטל. נאָר דאָ איז עפּעס געשען: דער דיכטער איז דערנאָך אַרײַן אין ייִדישן לעגיאָן, וועלכער איז דעמאָלסט, אונטער דער ענג־לישער פֿירערשאַפֿט, אַוועק — „אײַננעמען פּאַלעסטינע". איז ז. ווײַנפּער אויף אַ שטיקל צײַט אַוועק סיי פֿון דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק און סיי פֿון די שטעטל־לידער וועגן טריסק, צי וועגן דער דאָרפֿישקייט אַרום טריסק. ווײַנפּער געפֿינט זיך שוין דעמאָלט אין גאָר אַן אַנדער וועלט. ער שילדערט אַ האַרטיקע לאַנד־שאַפֿט און ער זאָגט: „אין אונטן אין דעם טאָל ליג איך אַ צוגעפּרעסטער צו דער ערד". אין דער נײַער, אַנדערשדיקער לאַגע זײַנען ביי ווײַנפּערן געשאַפֿן געוואָרן אַנדערשדיקע לידער, וואָס זײַנען צו יענער צײַט אַרויס אין אַ באַזונדער ביכעלע מיט דעם נאָמען: „פֿון אונדזער לאַנד" און „ראַטמיא" — ראָמאַנטישע לידער און ערד־לידער: „צוגעפּרעסט צו דער ערד".

עס באַווייזן זיך אַנדערע לידער — געשאַפֿענע אונטער אַנדערע אומשטענדן, אַנדערע לידער — אויף אַנדערע טעמעס. בלויז צוויי לידער ביי ווײַנפּערן (אויסער דעם בוך „ראטמיא", האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער ערד־טעמאַטיק פֿון „ראטמיא". דאָס זײַנען לידער פֿון דאָרף. אויך דאָרט איז ווײַנפּער, אויב ניט „צוגעפּרעסט צו דער ערד", איז נאָענט צו דער ערד.

דער דיכטער איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק, און אַ „שעיך" אין ניו־יאָרק איז דיר נישט „אַ שעיך אין על־עריש"... עראָטיק־אומרואיקייט, באַגער־אומזיכער־קייט איז אָבער ווײַנפּערן אייגן אויך אויף ניו־יאָרקער ערד. און ווי עס שרײַט דער אויער־האָן אין די בערג: „קאָ־קאָ! אין וועלכער פּרעכטיקער נעסט האָט זיך מײַן ווייב פֿאַרקליבן", שרײַט ווײַנפּער, דער דיכטער, אין ניו־יאָרק: „וועמעס בליקן קוקן איצט דיר נאָך?" „וועמען וואַרעמט איצט דײַן אויגן־שײַן?" „בלויז דער אויבערמענטש און גרויסער נאַר, שרעקן זיך נישט פֿאַר געפֿאַר".

אויסצוגן פֿון פּעסיע כּהנאס גרעסערער אַרבעט איבער ווײַנפּערס שאַפֿן. דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער", 1933.

עראָטיק, ליבע־לידער זײַנען פאַראַן װײניק אין דער היגער יידישער ליטע־ראַטור (אַחוץ ביי די פּרויזן־דיכטערינס) און ווייניק־וואָס זײַנען זיי אויך פאַרבליבן נאָך „ראַטמיא" ביי ווײַנפּערן. טאָמער רירט ער אויך אָן ווייטער דעם ליבע־מאָ־טיוו, פעלט שוין אָבער דער געוואַגטער מעטאַפאָר פון דער „ראַטמיא"־עראָטיק. עס פעלט די פילטאָניקייט פון דער עראָטיק, וואָס איז אויסגעמישט: מיט דעם שאַקאַל, מיטן בוהיי, מיט דעם אויערהאָן, מיט דעם הונט, מיט דער נאַכט. אַ טריס־קער מײדל איז ניט — „ראַטמיא".

און אַז די עראָטיק־לידער זײַנען איינגעשטילט געוואָרן, איז, וואָס ווייטער? דעמאָלט האָט ביי ווײַנפּערן זיך גענומען אויסשיילן זײַן אייגענער קוק אויפן לעבן, זײַן לעבנס־פילאָסאָפיע. ער האָט גענומען זיך אומקוקן אויף דעם מענטשן אַרום. ער האָט גענומען זאָגן: „מאַמע, שטערן קאָן מען דאָך ניט עסן, ווי די פּרוכט פון קאַשיקל אין קיך", אָדער — מענטש? ער איינער בלויז מוז האָבן אָפּט אַ וואַרעם ביסל יויך".

אמת, איינפאַך. אָבער איינפאַך אמת.

אין ווײַנפּערס לידער האָט זיך גענומען פילן אַ געוויסער טעם, דער טעם פון שפּייז, די פרייד פון דעם, אָבער, דאָ און האַרט, אויך די יאָך פון דעם.

ווײַנפּער איז שטאַרק ברוגז, וואָס מען דאַרף וואַרטן אויף דעם „פּאַי" — אויף זײַן לשון: „שטרודל און פלאָדן". ווײַנפּער איז „אין אַלץ פאַרליבט ביז גאַר". ווי ער זאָגט אין אַ ליד, אָבער נישט בלויז פאַר זיך, נאָר פאַר אַלע, וואָס קומען צו זײַנע „טירן שוועלן", איז ער גרייט צו באַשטעלן — „אַ צוקער־לעקעכל און יאַכלעך פון טויבן, אַ פלוימען־צימעס און אַ פלעשל ווײַן מיט טרויבן".

ווײַנפּער דערזעט „זאָרגן אין די בלויע אויגן". דאָ קומט אַ נייער ניואַנס אין זײַן לעבן־דערקענטעניש. ער זאָגט: „אַז מיין זעמעלע מיט פּוטער, צי מיט שמאַלץ איז אָפּטמאָל פון אַן אַנדער מויל אַוועקגעריסן, עס איך דאָך מיט גרויסן אַפּעטיט, און מאַך דערפון זיך גאָרניט וויסן". אָבער אַז מען זאָגט שוין „איך מאַך זיך נישט וויסן" גריבלט שוין דאָס געוויסן, וואָס דאָס ברויט איז פון „אַן אַנדער מויל אַוועק־געריסן".

זײַנע גוטע זאַכן, וואָס ער טראָגט, דאַרפן קלעקן פאַר איטלעכן און פאַר אים, ווײַנפּערן, אויך בתוכם. און אָט, אין גאַנג צום „הונגעריקן ברודער" כאַפּט זיך ווײַנפּער אָן אָן דעם געקומענעם דערלייזער אין זײַן ליד „לענין":

„דו האָסט פאַרשפּרייט
אויף אונדז דײַן האַנט,
די ווייסע פרייד
האָט זיך צעשפּאַנט".

און דערנאָך:

„די זון גייט־אויף, פאַרגייט,
און ברויט און ווײַן און זאַלץ
פאַר אַלעמען פאַרגרייט".

כל־טוב פאַר אים און פאַר אַלעמען!

די מאָטיוון ביי ווײַנפּערן הויבן אָן געביטן צו ווערן, לידער — איבערגעאַרבעט. מערקווירדיק, ווי דורך אַ כישוף פאַרבייטן זיך ביי ווײַנפּערן פערזן אין דעם

ליד „איך וואַרט נאָך אַלץ", וואו ווײַנפּער וואַרט נאָך אַלץ אויף דעם דערלייזער, וועלכער וועט איטלעכן אַנזעטיקן מיט אַלערליי גוטע זאַכן.

זיין פריערדיקער פערז: — „אַז מיין זעמעלע מיט פּוטער, צי מיט שמאַלץ..."

און אַזוי ווייטער, ווערט אין בוך „געקליבענע לידער" פאַרוואַנדלט, צוליב זיין נייער אָריענטאַציע, איז אַזאַ פערז:

„דאָס געווער, וואָס איך פאַרמאָג איז בלויז אַ מעסער
אויף שניידן שטיקלעך פון מיין ברויט און חלה
פאַר דיר און אים, פאַר זיך אַליין און אויך פאַר אַלע,
וואָס טוען הונגעריקע מיינע שוועלן איבערטרעטן".

אַ קער צום הונגעריקן...

ווײַנפּער האָט זיין באַשטימטע אייגנאַרטיקייט און אַנדערשקייט אין דעם היגן יידישן שאַפן. אָבער אין זיין אַנדערשקייט גייט אויך אַריין זיין אומזיכערקייט. אומזיכערקייט אין זיין אייגנאַרטיקייט. דאָס קאָן מען זען פון אַ ריי לידער, וואו ער פּרוּווט זיך כסדר פאַרענטפערן און איז אַפּאָלאָגעטיש. אַזוי אויך זעט זיך ביי ווײַנפּערן זיין אַוועקגיין פון אייגענער ווײַנפּערישער אַנדערשקייט צו עמעצנס אַנדערשקייט. אַמאָל זעט זיך ביי ווײַנפּערן אַ ליד, וואָס קלינגט גישט ווי זיינס, אַ ליד, וואו ער וויל זיך אַזוי ווי אָנכאַפּן אָן דעם לעצטן וואָרט און גאַנג אין דיכטונג.

ווײַנפּערס וועג איז, ביז צו אַ גרויסן גראַד, ענלעך צו אַ סך אַנדערע היגע דיכטער: היים־ווי, אימיגראַנטיש, ניו־יאָרקיש. ווײַנפּערס היים־ווי:

„אין ווייטע לענדער בלאָנדזשענדיק אַליין
גייט אויס מיין האַרץ נאָך דיינע ווענט פון ליים
און אויוועלע פון רויטן אָפּגעבהענטן שטיין". („מיין היים")

ניו־יאָרקיש:

„מיין זיידע רוט אין טריסק, מיין עלטער זיידע אין ירושלים,
און איך וועל ריוען ערגעץ אַרום ניו־יאָרק מסתמא". („לחיים")

אימיגראַנטיש:

„אין גרויס ניו־יאָרק פאַרבליבן זיינען מיר פּראָווינציאַלן,
אין שכנות מיט די יאַלקן־קראַצערס ווערן ביסלעכווייז צעפאַלן
די היימען אונדזערע. שוין איצטער זיינען מיר דאָ ווי די פלעקן
אויף וועמעס אויבערפלאַכן מעקערס שאַרן זיך און מעקן".
(„אין גרויס ניו־יאָרק")

און אַזוי האָט ווײַנפּער אויך לידער אויף אַמעריקאַנישע סאָציאַלע מאָטיוון און אויך לידער אָפּגעדרוקט, אינדיווידועלע; דער יחיד, וואָס איז פאַרשטויסן אין דער גרויס־שטאָט. און איבער אַלץ דיסאילוזיע:

„דער יובלדיקער רוף פון האַרן
האָט ווידער אונדז צום נאַר געמאַכט,
געקומען איז אַ קאַליקע צופאַרן
און זיינע וואונדן מיטגעבראַכט,

אין מיר וואָס זיינען מיט די פאַקלען
אַנטקעגן אים מיט פרייד אַרויס
צוריק אַהיים זיך וואַקלען
איידער צו זיין הויז".

אָט דאָס איז דער היגער יידישער דיכטער. סיי ווען ער רעדט אָפן און סיי ווען ער רעדט מיט רמזים און ראשי־תיבותן.

אָבער וויינפּער, לויט זיין עצמדיקער שטימונג, קאָן נישט בלייבן ביי אַנטוי־שונג. ער מוז זיך טרייסטן.

„אַז אַנדערער וועט מוזן קומען
פון וייטן וועג אַהער".

און אַזוי פּרוּווט ער זיך טרייסטן אין אַ ריי אַנדערע לידער. ער מוז זיך טרייסטן, ער קען נישט שטרעקן זיין „האַלדז צו דעם שטריק", ווייל „הייליקער פון אַלץ אויף דער ערד איז מענטשנס לייב, הייליקער פון אַלץ אויף דער ערד איז יענטשנס הויט".

אין זוכעניש פון ברידערלעכקייט

און אַזוי האָט וויינפּערס שוואַכקייט, זיין קעגנערשאַפט צו געפּייניקטן לייב, צו בלוט, אים געבראַכט צו גיין אויף די וועגן פון דער וועלט, פון שטאָט און פון דאָרף צו זוכן ברידערלעכקייט. און כאָטש ער זאָגט: „טרויבן, אַז זיי וואַקסן קאָן מען זיי אומעטום קלייבן, און לאָפּעטעס, וואָס שאַרן וועלן אומעטום פאַרשאַרן", — איז ער דאָך פונדעסטוועגן נישט דער וואָס קאָן אומעטום געדייען. ספּעציעל קאָן ער נישט געדייען אין אַן אַטמאָספערע פון „קידער־ווידער", פון בייזקייט, פון האַס, און זאָל זיין אפילו פון קאַמוף־האַס, כאָטש דער קאַמף אַליין קען אים דווקא יאָ זיין צום האַרצן. אין איניקע לידער, וואו ער גורט זיך העלדיש אָן די לענדן, יאָ, צו־צופּאַסן זיך צו „קידער־ווידער" (זיינער אַן אויסדרוק), איז עס בלויז אויס מורא פאַר עפּעס נאָך ערגערס — פאַר טויט. אויב ער גרייט זיך צוצופּאַסן צו דער „שווערער שעה", איז עס ווייל נאָך ערגער איז, אַז „אָט־אָ־די שעה איז נישטאָ". ער נויטיקט זיך אין „גוטסקייט און אין ברידערלעכקייט".

אַזוי דאַרף וויינפּער. און ער גייט זיך אַזוי אַוועק אויף די וועגן פון די דערפער און שטעטלעך צו זאַמלען ברידערלעכקייט. באַגעגנט ער אַ גויע אויפן וועג, פאַרבעט זי אים צו זיך: „אין שטוב איז ברויט פאַראַן, און אַלע מענטשן זיינען ברידער". און וויינפּער פילט זיך נישט פרעמד אין דאָרף צווישן גויים, ווי עס פילט זיך אַ ייד, און נישטאָ ביי אים דער האַס צו אַ גוי און דער פאַרדאַכט, ווי מען קאָן עס, למשל, געפינען ביי מ. ל. האַלפּערן. נו, און וועגן „מלכה דער ראַ־דאָוויטשער", וועלכע וואוינט טאַקע אויך אין דאָרף צווישן גויים, האָט וויינפּער גאָר אַ סך צו דערציילן:

„אפילו פאַרן שכּור מעכאַלקע האָט שטענדיק אָט־די אַלטע גוטע מלכה געהאַט אַן אָרט צו שלאָפן". און פון גוטסקייט־זאַמלער גייט דאָ וויינפּער אויך איבער צו גוטסקייט־פּרעדיקער.

אַן אַנדער דיכטער, פאַר וועמען וויינפּער ווייזט אַרויס אַ סך ליבשאַפט, מ. ל. האַלפּערן האָט תמיד געלייגט ברען־האַלץ אויף דעם אויוון פון דעם היגן „קי־דער־ווידער". נישט אַזוי וויינפּער. אין זיין גייעג נאָך ברידערלעכקייט גייט ער

אין אַ „נייעם לאַנד”, כאָטש קיין „ראַדאָוויטשער מלכות זיינען דאָ נישטאָ ביי די שוועלן”, צו פֿרעדיקן זיין אדרבא־ואדרבא... גוטסקייט, ליבשאַפֿט. און ברידער־לעכקייט ווערט זיין אידייע אויף פֿרעדיקונג.

פֿרעדיקן אין קונסט האָט דאָך אָבער אַ סך מאָל די פּאַרדריסלעכע טבע זיך אַרויפֿצוכאַפּן אויפֿן קאַרק פֿון דער קונסט אַליין. און אַזוי גייט זיך ווײַנפּער „שוואַרצן” די קונכט־גרענעץ צוליב זיין „נייער פרייד”.

אָבער צוזאַמען מיט דער פרייד האַלט ער אַלץ אָן די ברידערלעכקייט. ז. וויינ־פּער וויל דיכטעריש אויך ווערן אַ רודף שלום.

אָבער צי געלינגט עס אים?

ווײַנפּער באַלאַנגט הערוויל, אין די ביז איצטיקע ביכער, צו אַ דור יידישע פּאָעטן אין אַמעריקע, וועלכער האָט אָפּגעשניטן מיט די אַלטע געטער און קיין אמתן בונד מיט נייע נאָך נישט פֿאַרבונדן.

אין זיינע לידער, וואו ער זוכט אַ נייע אָריענטאַציע, מערקט זיך ביי אים שוין אויך אַ געוויסע ווירקונג אויף אים גופא, פֿון אונדזער „קידער־ווידער”. צי דאָס ווערט אַריין אין זיין דיכטונג טיפֿער, פֿאַרבלייבט צו זען.

עס מערקט זיך אין זיינע נייערע לידער אַ דראַנג איבערצוגיין צו דעם אָפּע־נעם, דירעקטן סאָציאַלן מאָטיוו. ביי אַ סך דיכטער איז „סאָציאַל” געוואָרן אַ צד־ליד און עס איז דאָ אין דעם מער שנאה צום צווייטן צד, ווי ליבשאַפֿט צום אייגענעם. און ווײַנפּערס פּאָעטישער צד איז ליבשאַפֿט, נישט שנאה. יעדער ליריקער איז דאָך איביק. ווײַנפּער, וועלכער וואָלט צום ווינציקסטן געדאַרפֿט זיין ענג־איביק, וויל ער איז דאָך צוגעבונדן צום לעבן, מענטשן, סביבה, רעאַגירט אויף געשעענישן, — פֿאַלט דווקא פֿון צייט־צו־צייט אַריין, צוליב דער איביקייט, אין אַ מין פּאָעטישער זעלבסטפֿאַרטיידיקונג. די איביקייט, וואָס האָט אַנדערע היגע דיכטער אָוועקגעשטעלט אין אָפּגעשטאַנעקייט, אָפּגעטיילט, האָט ווײַנפּערן, וואָס רייסט זיך צום לעבן, אַריינגעבראַכט אין אומזיכערקייט. אויף ווײַנפּערן גילט קאַלצאָנוס ליד: „שווער דעם מענטשן צו לעבן אַליין אויף דער וועלט”.

אין דער אינדיווידועלקייט און יחידות שאַרפֿט זיך ביי אַ דיכטער דאָס וואָרט, רונדיקט זיך אַ שורה, שפּיציקט זיך אַ גראַם. די דיכטער אָבער, וואָס ווילן זיך מישן אין אַלץ, אין גאַנצן לעבן, זיינען נישט אַזוי קיין דיכטער פֿון וואָרט, שורה, אָדער פֿון געקליבענעם גראַם, נאָר דיכטער פֿון לידער. פֿאַראַנען לידער ביי ווײַנ־פּערן, וואָס ליידן פֿון נישט געקליבענעם גראַם, פֿון נישט צוגעשאַרפֿטן וואָרט כאָטש ער האַלט אין איין פּרוּוון: „צי זיין וואָרט איז שוין שאַרף” — אין זיין ליד „שיינקייט” און אין אַנדערע לידער). אָבער זיי זיינען לידער. עס זיינען דאָ דיכטער וואָס שלייפֿן און פֿיילן, זוכן און קלייבן — זיי זיינען דיכטער פֿון וואָרט און שורה, אָבער קיין ליד איז דאָך נישטאָ! ביי ווײַנפּערן זיינען דאָ לידער.

אָבער אַז לידער זיינען שוין יאָ דאָ, לויגט זיך אַנטאָן אַ כוח נישט נאָר „פּרוּוון” צי עס איז שאַרף, נאָר טאַקע שאַרפֿן.

ווײַנפּערס ליד נעמט זיך הויפּטזעכלעך פֿון דערציילערישקייט, מאָלערישקייט פֿון סביבה און בילדלעכקייט פֿון מענטש. און הינטער אַלץ — אַ רירנדיק געפֿיל!

רייפע לידער קומען אַרויס נישט דורך געפּילטערטן פּאָעטישן וואָרט־בילד, נאָר דורך דורכגעפּילט ליד־בילד, אַ ליד, אַ גאַנץ ליד ווי איין בילד! שטיקער לעבן גייען ביי אים. די ווערטער זיינען איינפאַכע, אָבער דאָס גאַנצע בילד — רירנדיק.

צו זיין רירנדיקן געפיל קומט אָפט צו ביי אים הומאָר.

צום ערשטן מאָל האָט זיך עס באַמערקט אין זיין „קו" — איינס פון זיינע גאָר ערשטע לידער. אַ טומל, רעש אין שטעטל. אַלע יאָגן, לויפן, וואָס איז געשען? יצחק משה יאָסלס האָט אַ קו געקויפט!...

און אָט־דער הומאָר איז שוין געבליבן ביי אים און האָט אים נישט פאַרלאָזט. אין אַ סך לידער — אין מיטן פון זיין רירנדיקן געפיל רייסט זיך אַרויס אַ באַלעבטקייט פון הומאָר. ער האָט אויך דאָ און דאָרט — סאַטירע. און זיין הומאָר און סאַטירע קומען אויך נישט פון זיין הומאָריסטיש און סאַטיריש וואָרט, נאָר פון זען און דערפילן, פילן נישט אַזוי פון וואָרט, נאָר פון גאַנצע סיטואַציעס. אַזאַ הומאָר איז אויך רירנדיק, וואַרעמער געפיל.

ווײַנפּער באַציט זיך צו אַ ליד אַליין מיט געפיל און ער וויל לידער. לידער און נאָך לידער. דאָס זעט מען פון דעם, וואָס איין גוט ליד, הויפט־ליד, ציט גלייך נאָך זיך „נאָך־לידער". דאָס האָט מען שוין געקענט זען אין זיינע ערשטע „ראַטמיאַ־לידער".

צום סוף:

ווײַנפּער אין ירושלים, אין על־עריש, אין טריסק, אין ניו־יאָרק, ווײַנפּער אין יידישן לעבן. שטיקער יידיש לעבן. אומעטום איז ווײַנפּער מיט זיין איינגעוואָרצלטקייט אין לעבן, מיט זיין עקשנות פאַר ברידערלעכקייט. אויך זיין נייע אָריענטאַציע האָט אים פון דעם נים אַוועקגעריסן. ווײַנפּער איז געוואָרן סאָציאַל, אָבער ער ראַנגלט זיך אַנצוהאַלטן זיין אייגענע באַטאָנונג, זיין אייגן ליד, און זיין אייגענער ווײַנפּערישער בענקשאַפט.



מענדל קאנטאר, קלמן מרמר, וו. קעסנער,
ז. ווײַנפּער, י. אשפיז.

ש. ניגער

ז. וויינפּער און זיינע „געקליבענע לידער“

(פאַרלאַג „אויפקום“, ניו־יאָרק, 1932, 309 ז״ז)

געקליבענע לידער — ביידע זאַכן זיינען סוביעקטיוו: אי די לידער, אי דאָס קלייבן. דאָך איז דאָ אַן אונטערשייד. די לידער זיינען דעם דיכטערס, אָבער געניסן זיי — דאָס איז אונדזער זאַך, און מיר קאָנען אויסקלייבן וואָס מיר ווילן, וואָס אונדז געפעלט. מיר זיינען נישט מחויב צו פאַרלאָזן זיך אויפן פּאָעט. מיר מוזן וויסן, אַז ער איז ווי יעדער שאַפער, ווי דער שאַפער פון אַלע שאַפערס, סוביעקטיוו. ער איז געוואוינט צו זאָגן „טוב“, „גוט“, ווען ער טוט עפּעס. מיר, די לעזער, קאָנען זיך פאַרגינען צו זיין שטרענגער, יעדערער אויף זיין אופן...

איז מעגלעך, אַז ווען פאַר אונדז זאָלן ליגן אַלע פריערדיקע זאַמלונגען פון ז. וויינפּערס לידער, וואָלט אונדזער אויסוואַל אין דעם אָדער יענעם פּרט געווען אַנדערש, ווי זיינער. אָבער עס רעדט זיך נישט וועגן פּרטים.

עס איז אַן אַרבעט פאַר ליידיקגייער, חטאים־זוכער, פעדאַנטן — אָט דאָס טאַפּן יעדן „שטיקל סחורה“ באַזונדער און זאָגן מבינות. מיר ווילן אָנטאַפּן דעם דופק פונעם דיכטער.

מיר האָבן אַ גוטע געלעגנהייט.

מיר האָבן, אַדאַנק די „געקליבענע לידער“, רעקאָרדס פון היין שטים, ווען זי איז געווען יונג, ווען זי איז פעסטער און זיכערער געוואָרן; מיר הערן זי איצט, ווען ער שטייט אויפן גרענעץ פון רייפקייט.

מיר פאַרגלייכן, גישט ווילנדיק, די לידער, וואָס ער האָט געשריבן, מיטן „נאָכן שניט“ — די לעצטע אָפּטיילונג אינעם בוך — און מיר פילן, אַז ער איז גערעכט, ווען ער זאָגט אין זיין שלום־ליד:

„און איך? — מיין זומער איז דאָך נאָך אין גאַנצן נישט פאַרגאַנגען
אויף מיינע פעלדער וויגן זיך אין זונשיין נאָך אַזוי פיל זאַנגען, —
זיי וואַרטן ערשט אויף שניט, ווי וואָל פון שאָף אויף שערער,
איך וועל גאָך אין שייער מיינעם ברענגען מער און מערער,

מיר ברענגען דאָ אַן אַרטיקל, וואָס ש. ניגער האָט געשריבן וועגן ז. וויינפּער און זיינע לידער מיט 30 יאָר צוריק, אין 1932. זאָל עס זיין גלייכצייטיק אַן אָנדענק פון ש. ניגערן, וועלכער איז געשטאָרבן מיט זעקס יאָר צוריק, דעם 24טן דעצעמבער 1955. ז. וויינפּער האָט אין זיינע נאָטיצן אין „יידישע קולטור“, יאַנואַר 1956, אָפּגעמערקט דעם פלוצלינגדיקן טויט פון ש. ניגער, וועלכער האָט פיל יאָרן נאָכגעפאָלגט נאָכן שאַפן פון ז. וויינפּער און כמעט אויספירלעך געשריבן וועגן זיין יעדער לידער־זאַמלונג. — רעד.

און דאָס וואָס אײַנט? — עס איז אַ חלק בלויז פון מײַנע בליטן,
דאָס רײַפסטע פון מײַן פעלד האָט מײַן קאָסע נאָך ניט אָפּגעשניטן". (ז' 246)

מיר פילן, אַז ער וועט גײן ווײַטער צו נײַע צילן, ווײַל מיר זעען, אַז ער שטײט ניט אויף אײן אָרט. ער ווערט רײַפער, כאָטש דאָס רײַפסטע פון זײַן פעלד האָט זײַן קאָסע נאָך ניט אָפּגעשניטן.

ער ווערט וואָגיקער — דאָס איז די ערשטע דערגרײכונג. די צווײטע — אַ טיפערע, אַ מער קאָמפּליצירטע, לעבנס־פילאָסאָפיע. און די דריטע — הומאָר.

ווײַנפּערס לידער זײַנען לײַכט — דאָס איז זײער גרויסע מעלה, אָבער אָפט נעמט זיך עס פון שיטערקײט, פון אויבנאויפיקײט, און דאָס איז זײער חסרון. זוכט ווײַנפּער צו באַפרײַען זיך פון דעם פעלער, ער וויל זײַן וואָרט זאָל ווערן שטײַפער, וויכטיקער, געוויכטיקער. ער האָט די אַמביציע צו שרײַבן פערזן־פּסוקים, קורצע, געדיכטע, צונויפגעפּרעסטע, סענטענצן, אַפאָריזמען.

„אַ פאַרענדיקטער אַקאָרד איז מער נישט, ווי אַ שטריך פון אַ קאַפּיטל,
דער ציועק ווערט דענסמאָל שײן, ווען שײן איז אויך צו אים דאָס מיטל.
אַ קלינגענדיקער גלאָק איז אָפּטמאָל נישט אין האַנט פון וועקער,
אַ ליגן צוליב אמת מאַכט דעם אמת אויך פאַר שקר". (ז' 289)

און ווײַטער אינעם זעלביקן ליד:

„אַן ענגלישער פּאָעט האָט זיך באַקלאָגט: דער ים איז פול, צו טרינקען — נישט אַביסל!
די בעסטע יויך ברענגט איבל דיר פון אַ פאַרשמוצטער שיסל, —
שוין בעסער דריבלדיק געקלאַפּערײַ אויף פויק פון פּראָסטע פינגער,
אײדער די מוזיק פון בעטהאָווען אין מויל פון פאַלשן זינגער". (דאָרט)

נישט אומזיסט איז ווײַנפּער אַ חסיד פון משה לײב האַלפּערן און דוד בערגעל־סאָן. ער זוכט בײַ זײ, וואָס אים פעלט: ביטערקײט, פאַרביסנקײט, און — דאָס פאַר־שאַרפטע און געפײַלטע וואָרט, דאָס וואָרט, וואָס שלאָגט ווי אַ פויסט — מיט אַלע פינף צונויפגעדריקטע פינגער (און נעגל) אינעווײניק... ווײַנפּערן גלוסט זיך צו שרײַבן אַזוי, אַז די ווערטער זאָלן זיך אײַנקריצן, אַרײַנגראָבן אין אונדזער זכרון, נישט בלײַבן הענגען אין דער לופטן. עס ציט אים צו די מעכטיקערע שטראָמען פון פּאָעטישער שפּראַך. אָבער פון וואַנען נעמען זײ זיך? פון אינטענסיווערן פילן, פון טיפערן געדאַנק. שטרעבט ווײַנפּער צו פאַרטיפונג. ער באַגנוגנט זיך ניט מער מיט דער קונסט, וואָס עס איז צו לײַכט זי אויסצולערנען, אַז עס זאָל לוינען זי צו לערנען, — מיט דער קונסט, וואָס איז „קאַלירנדיקע שפּילצײַג פון געפײַלטע ווערטער, שוועבנדיקע לופט־באַלאָנען פון טענער און פון קלאַנגען". עס וואַקסט אין אים דער באַוואוסטזײַן, אַז די פּאָעזיע פון דער וועלט איז אַזוי ווי איר פּראָזע, אַ שווערער, אַ האַרבער און פאַרוויקלטער ענין:

„ליבטיקײט, טונקלקײט, מלאך און שטן,
אַלצדינג צעמישט אינעם זעלבן ווירוואַר.
דער וואָס צעטרעט, ווערט אַלײן אויך צעטראָטן,
יעדערער — חכם, און יעדערער — נאַר.

טעג האָבן וואָלקנס, און נעכט — די לבנה,
דעמערונג האָט דאָך צוביסלעך פון אַלץ.
גאָט האָט באַשאַפן מיט זעלבער כוונה
פעפער און צוקער, האָניק און זאַלץ". (ז' 12)

און ער זוכט צו געבן אונדז צו פאַרזוכן דעם טעם פון ביטערקייט, ניט נאָר דעם האָניק־טעם פון לעבן, ער באַלעקט זיך שוין נישט אַזוי אָפּט, ווי פריער. מיר זעען אים אַן אַנדערש מאָל מיט אַ פאַרקרימטן פנים, מיט פאַרביסענע ליפּן... גייט אים, קליידט אים אַזאַ מאַסקע? מעגלעך אַז ניט. מעגלעך, אַז דער שמייכלענדיקער און גוטמוטיקער אויסדרוק פון געזיכט פּאַסט זיך בעסער ווי טראַגיזם. אָבער — ער קאָן זיך נישט העלפן:

„די שווערע רייד, וואָס ער האָט היינט זיך אָנגעהערט,
צעוואַקסן האָבן דאָ און דאָרט זיך פון דער ערד
אין שטעכנדיקע דערנער.

און צווישן זייפנבלאָזן טוי אין גרינעם גראָז,
האָט פּלוצלינג אין אַ טאַנץ אַווילדן זיך געטאָן אַ לאָז,
אַ שד מיט הערנער". (ז' 38)

עס איז ז. ווײַנפּערס אַ שד, אַ היימישער, נישט קיין געפערלעכער: מען קאָן מיט אים אויסקומען. אָבער די פריערדיקע אידיליע, אין וועלכער „אַ קינד האָט פון אַ דינעם לאַנגן שטרוי געלאָזן אין דער לופטן גלאַט אַזוי קאָלירנדיקע זייפן־בלאָזן", — די אידיליע איז רייכער געוואָרן מיט טיפערע, טונקעלערע און מער געזעטיקטע פאַרבן. .

אין זיין זאַמלונג „ביי דער גרעבליע", מיט אַ צען יאָר צוריק, האָט ער געשריבן, אַז „נאָך אַלעמען איז גאָרניט אַזוי שווער צו לעבן". ער זאָגט עס (און פילט עס) איצט אויך. אָבער די טראָפּ שטייט שוין איצט אויף נאָך אַלעמען...

ער האָט די לאַסט נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, ער טראָגט זי, נאָר — מיט לייכטע טריט, מיט אַ לייכטן האַרצן. ער ווייסט, אַז „רגעס זיינען בלויז פאַר פרייד, און אייביק איז דער טרויער" (ז' 138). אָבער — צו אַלדי גוטע יאָר! — וואָס קומט אַרויס פון טרויערן?

„פריי איך זיך מיט רגעס, ווי אַ קינד מיט זייפנבלאָזן,
איך פאַרב אַליין דאָס שוואַרצקייט אָפּ מיט ראָזן..." (ז' 138)

דאָס איז נישט קיין קינדערישע פרייד, דאָס איז נישט קיין פרייד פון אומ־שולד און ניט־וויסן. דאָס איז, פאַרקערט, דאָס שפּילן זיך פון אַ דערוואַקסענעם. פון איינעם, וואָס ווייסט עפּעס פונעם אַלטן „פאַרשטיין און — פאַרגעבן". עפּעס פון יענער קילער און קלוגער טרייסט, וועלכע גיט אונדז הומאָר...

וואָס איז הומאָר? וואָס זאָגט ער אונדז? זאָגט ער אונדז, אַז עס איז לייכט צו לעבן אויף דער וועלט און לייכט צו זיין אַ מענטש? ניין, ער דערציילט אונדז נאָר, אַז נאָך אַלעמען איז גאָרנישט אַזוי שווער צו לעבן.

מען דאַרף נישט האָבן קײן שװערן געמיט, װעט מען שױן װי עס איז אָפּשטופּן די עטלעכע יאָר און אַרײַנכאַפּן פֿאַראײַנװעגס אַביסל פֿרײד אױך.

עס איז טאַקע אמת, אַז „רגעס זײַנען בלױז פֿאַר פֿרײד און אײביק איז דער טרױער", אָבער טאַקע דערפֿאַר איז די גליקסטע זאַך צו זאָגן אַזױ װי ז. װײַנפּער:

„גוט מאָרגן יעדערן, װאָס קומט צו מײַנע טירן, שװעלן, —
קומט, קומט! איך װעל פֿאַר אַלעמען באַשטעלן
אַ צוקערלעקעכל, און יאָכעלעך פֿון טױבן,
אַ פֿלױמען־צימעס און אַ פֿלעשל װײַן פֿון טרױבן". (ז' 140)

עס איז טאַקע אמת, אַז דאָס לעבן איז ניט אַלעמאָל זיס און גלאַטיק, אָבער טאַקע דערפֿאַר איז זײַן ליד „ניט קײן װעקער און ניט קײן איבערשרעקער",

„נאָר שטיל אַזױ זיך שפּילט עס
און װעמען שפּיל איז ליב, פֿאַרשפּילט עס." (ז' 141)

עס האָט אין זיך עפּעס פֿון יענעם געמיט, װעלכער עס האָט אונדז אַזױ ליב געמאַכט דעם אַלטן לאַנדסמאַנס פֿון ז. װײַנפּער. טביה דער מילכיקער, — עפּעס פֿון יענעם שטײַגער פֿילן און דענקען, װעלכער איז, פֿון אײן זײַט, שׂכל, קינדישקײט, און פֿון דער אַנדערער זײַט — קלוגשאַפֿט, פֿילאָסאָפֿישקײט:

„אַזױ איז דאָס געװען, אַזױ װעט זײַן.
צוזאַמען מיט דער פֿרײד, איז דאָ די פּײַן.
פֿון זעלבן ערד גײט־אױף דער סם, דער װײַן,
און בײדע זינגען־אױס דאָס ליד פֿון זײַן". (ז' 142).

דאָס ליד פֿון ז. װײַנפּער איז אָנגעזאַפּט שױן אי מיט פֿרײד אי מיט פּײַן, אָבער בײדע זײַנען זײ באַרואיקטע, בײדע גײען זײ אױף „אין רױך פֿון ליולקע". אינעם געמיטלעכן רױך פֿון מעדיטאַציעס און דערינערונגען...

אין בוך זײַנען דאָ גרױסשטאָט־לידער און שטעטל־לידער, אָבער די אורבאַניסטישע מאָטיװן זײַנען צו אומרואיק פֿאַרן „רױך פֿון ליולקע". דאָס שטעטל פּאַסט זיך בעסער פֿאַר דעם, און אױך די שפּראַך און דער געמיט פֿון ז. װײַנפּער איז מער שטעטלדיק װי ניו־יאָרקיש. די לידער, װאו ער מאָלט אױס פֿאַר אונדז בילדער און פּאָרטרעטן און טריסקער ײדן און ײדענעס, דערװאַקסענע און קינדער, זײַנען די געלונגענסטע סײ אין זײער אינהאַלט, סײ אין זײער פֿאָרם. זײ זײַנען אָנגעזעטיקט מיט בילדלעכקײט, רײך אין הומאָר, אין אידיאָם, אין פֿאָלקסטימלעכקײט, און זײער שפּראַך, װי זײער גאַנצער טאָן, איז רײן, אױסגעהאַלטן. זײ זײַנען פֿרײ פֿון יענעם געמישטן לשון, פֿון יענעם ניט־רײנעם טאָן, פֿון יענעם שטענז, װעלכער טרעפֿט זיך אין די גרױס־שטאָט־לידער. עס איז דאָ אין דער פּאָעזיע פֿון טריסק יענע האַרמאָנישע געלײטערטקײט, װעלכע עס גיט אונדז דאָס דערמאָנען זיך אָן אַמאָליקע צײַטן, יענע רואיקײט, װעלכע עס שענקט אונדז דער פֿריער שױן דערמאָנטער הומאָר.

עס איז דאָ אין די שטעטל־לידער דערצײלערישקײט — און דאָס מאַכט, אַז אַ טײל פֿון זײ זאָלן זײַן גוט פֿאַר קינדער.

עס איז אָבער כמעט אין אַלע לידער פון ז. ווײַנפּער דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט, אַז זיי זאָלן זײַן לידער צום לייענען.

זייער אָפט שרײַבן בײַ אונדז פּאָעטן פאַר פּאָעטן, דאָס הייסט, פאַר זיך אַליין. ווײַנפּער איז פון די, וועלכע שרײַבן פאַר אַלעמען. זייער אָפט ווילן לידער באַוואונדערט ווערן. „זעט, — זאָגן זיי, — ווי שיין עס שפּילט אין אונדז דאָס וואָרט, זעט, ווי קונציק די קלאַנגען היטן זיך איינע פאַר די אַנדערע און ווי ווינציק דער גראַם איז ענלעך אויף אַ גראַם". ווײַנפּערס לידער ווילן נישט אַזוי באַוואונדערט ווי געלייענט ווערן. זיי מאָנען נישט, זיי גיבן וואָס זיי פאַרמאָגן, זיי גיבן זיך אָפּ. זיי לאָזן זיך נישט בעטן, זיי קאָקעטירן נישט.

זיי זײַנען אויך נישט ווי אַן אַנדער סאָרט הײַנטיקע לידער, צום דעקלאַמירן. זיי זײַנען נישט קיין עסטראַדע־און טריבונע־לידער. גיכער זײַנען זיי (און אין דעם פּרט זײַנען די נײַע לידער גלײַך צו די אַלטע) פאַר ווינקל, פאַר דער סאָפע, ווען מען זיצט אויף איר, האַלב־ליגנדיק, מיט אַ ליולקע אין מויל... ווײַנפּער זאָגט אַליין:

„איך ווייס, עס זײַנען מײַנע קערב פון זייד נישט אויסגעצייט,
קיין פייגעלעך קיין גאָלדענע האַלטן נישט אויף זיי די פליגל אויסגעשפּרייט,
און פּיפּטשען נישט מיט דײַנע קולעכלעך קיין ראַפינירטע טענדלעך —
עס ווייען אויך נישט איבער מײַנע קערב קיין פלאַטערנדיקע פענדלעך,
מיט לאַזונגען, וואָס זאָגן אָן, דערציילן און צעקלינגען,
דערפאַר איז זרוכט אין זיי, וואָס אַז מען עסט זיי, מוז מען זינגען". (ז' 297)

דאָס איז אַ גוטע זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק, און ווען ער האָט אין זײַנע „רייד מיט משה לייבן" געזאָגט: „פּאָעט — מיינט אמת זײַן און זיך אַליין דורך וועלט דערקענען, / פּאָעט — מיינט זיך אַליין אין אַלע פײַער־פאַנען ברענען, און ער, — דער כישוף־מאַכער פון געפיילטע און צעגליטע־ווערטער, — זײַן גורל צווישן אונדז איז זײַן — אַ נישט דערהערטער", — ווען ער האָט דאָס געזאָגט, האָט ער מיט דער לעצטער שורה געמיינט ניט זיך אַליין, וואָרום ער אַליין איז — אַ דערהערטער. זײַנע געקליבענע לידער זײַנען לידער צום לייענען.

פּ. ס.

ווי אַ מין אַרײַנפיר צום בוך איז אָפּגעדרוקט אַן עסיי („די מעשה איז אַזאַ") פון מ. ל. האַלפּערן. דער פּאָעט רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן אויף זײַן גראָטעסק־בילדלעך, שאַרפן און פריוואָלן שטייגער. ער וואַרפט זיך מיט משלים, אײַנפאַלן, גלײַכווערטלעך, שפּילקעס, אַפאָריזמען און אַבצוהערענישן פון אַלץ אין דער וועלט. עס וואָלט געווען בעסער, ווען ער צעשפּרייט דאָס אַלץ איבער אַ גאַנצן בוך. אַזוי איז עס אַ פּודינג פון לויטער ראָזשינקעס, ניט גאָר קיין זיסע. אָבער איך וויל דאָ נישט רעדן וועגן דעם, ווײַל דאָס האָט גאַנץ קנאַפּן שייכות צו ז. ווײַנפּערן. דאָס איז אַ קאַפּיטל „מ. ל. האַלפּערן".

נחמן מייזיל

ז. ווײנפּערס ערשטע לידער-זאַמלונג „פון אונדזער לאַנד“

(פאַרלאַג „בצלאל“, ניו־יאָרק, 1920, 98 זײַטן)

.1

ז. ווײנפּער איז געבוירן געוואָרן י״ז ניסן, 1892 (לויט אַנדערע ידיעות — אין 1893), אין שטעטל טריסק (וואָלינער געגנט), וואָס איז באַקאַנט געווען אַדאַנק דעם טריסקער רבין ר׳ יעקב לייבעניו, בײַ וועמען זײַן פאָטער, יצחק לייב, איז געווען אַ חזן. ווי עס גיט איבער זלמן רייזען (אין זײַן „לעקסיקאָן“, וואָס די אינפאָרמאַציע איז געגעבן געוואָרן אויפן סמך פונעם דיכטערס מיטטיילונג, האָט זישע (אָדער זיסע) ביז 12 יאָר געלערנט אין חדרים, דערנאָך — אין ישיבות, אין ראָוונע און אין בריסק. צו 16 יאָר האָט ער זיך גענומען לערנען רוסיש, אויך אָנגעהויבן לייענען די העברעיִשע און יידישע ליטעראַטור. ער האָט דערנאָך געלעבט אין וואַרשע, זיך באַשעפטיקט מיט בוכהאַלטעריי און לערעריי, און צו 21 יאָר (אין 1913) איז ער אַוועק, צוליב מיליטער־דינסט, קיין אַמעריקע. דאָ האָט ער די ערשטע יאָרן געאַרבעט אַלס מאַליער, קעלנער, שוואַרץ־אַרבעטער, הויזן־ניער, ביכער־אַגענט, און דערנאָך — געווען לערער אין די יידישע שולן.

נאָך זײַענדיק אין וואַרשע, האָט דער יונגער זישע פאַרפאַסט לידער אין יידיש, און ער האָט אפילו געטרוימט זיי וויזן פּרצן, וועמען ער האָט שטאַרק פאַרהערלעכט. אָבער ער האָט נישט געוואַגט קומען צום גרויסן שרײַבער. ז. ווײנפּער האָט מיט פיל יאָרן שפּעטער (אין 1940, צו פּרצעס 25טן יאָרצײַט) דער־ציילט עס מיט טיפער באַגײַסטערונג: „ווינטער 1912. איך בין אין וואַרשע אַ פאַרשיכורטער פון דער גרויסשטאָטישקייט. איך אַרבעט אַמאָל אין אַ פאַבריקל פון קעמעלעך, אַמאָל — אין אַ פאַבריקל פון קנעפּלעך, און פון צײַט צו צײַט בין איך אַ בריוול־שרײַבער בײַ אַ קאָמיסיאָנער צו זײַנע קונים אין די פּראָווינץ־שטעט־לעך. דער קאָמיסיאָנער האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון מײַנע בריוולעך, באַלוינט, אוי־סער פינף קאָפּיקעס פאַר אַ בריוול, אויך מיט אָנערקענונג. אַז איך בין אַ ייִנגל מיט אַ פּען אין האַנט... אָבער איך האָב געבענקט נאָך גאָר אַן אַנדער מין אָנערקענונג. איך האָב געהאַט לידער אין אַלע מײַנע קעשענעס, און אַך, ווי איך האָב באַגערט אָפּצושטעקן אַ וויזיט פּרצן און הערן מבינות פון אים אַליין“. אָבער דעם וויזיט האָט דער יונגער זישע קיינמאָל נישט אָפּגעשטעקט. אַ סך מאָל איז ער געשטאַנען בײַ דער טיר פון פּרצעס הויז, אָבער „אַרײַנגיין האָבן אים די כּוחות נישט געטראָגן“...

ערשט אין ניו־יאָרק, אין 1914, האָט ז. וויינפּער דעביוטירט מיט אַ ליד אין „דאָס יידישע פאָלק". דערנאָך האָט ער רעגלמעסיק גענומען פּאַרעפנטלעכן לידער אין די דעמאָלטדיקע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן, ווי אויך אין זאַמל־ביכער. אָנהייב 1918 רעדאַקטירט ז. וויינפּער די קליינע מאָנאַטשריפט „דער אָנ־הויב", וואָס האָט גרופּירט אַרום זיך די יונגע אָנהויבנדיקע דיכטער. די מאָנאַט־שריפט האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווען ז. וויינפּער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם יידישן לעגיאָן און ער איז אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז אָפּגעווען אַנדערטהאַלבן יאָר. צוריקגעקומען קיין אַמעריקע, האָט וויינפּער אַרויסגעגעבן אין פילאַדעלפיע, אין לויף פון פיר חדשים, אַ ליטעראַרישן זשורנאַל א"נ „ביים פייער".

אין בוכפאָרם האָט ז. וויינפּער אַרויסגעגעבן, צוערשט אַ זאַמלונג־לידער אונ־טערן נאָמען „פון אונזער לאַנד" (פאַרלאַג „בצלאל", ניו־יאָרק, 1920, 98 זייטן). אויפן טאַוול פונעם ביכל, וואָס ליגט פאַר אונדז, איז אָנגעשריבן מיט ז. וויינ־פּערס האַנט: „אין אָנדענקונג נאָך מיינע חברים פון דעם יידישן לעגיאָן, וועלכע האָבן מיט מיר פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל, מערץ 1918־אָקטאָבער 1919". די ערשטע לידער־זאַמלונג פון ז. וויינפּער האָט אויף אַ באַזונדער זייטל אַ ווידמונג: „מיט גרויס ליבע — צו מיין מאַמען". די מאַמע, ווי באַוואוסט, פיגורירט אין וויינפּערס לידער פון פאַרשיידענע צייטן אויף כלערליי טיף־רירנדיקע אופנים, סיי ווען זי האָט געלעבט, און נאָך מער — נאָך דעם ווי זי איז אומגעקומען בימי היטלער הרשע. דאָס איז אָבער אַ וויכטיקער מאָמענט אין וויינפּערס דיכטערישן שאַפן, וואָס מ'דאַרף אים שענקען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און שטודיע.

אין דעם ערשטלינג ביכל „פון אונדזער לאַנד" זיינען אַריין 26 לידער, וואָס זיינען געטיילט אויף פאָלגנדיקע סעריעס: „צו דיינע ברעגן", „אין באַן", „פון אונזער לאַנד", „ער", „דיינע שטיינערנע הורבות", „אַלץ נידעריקער", „אין אמאר מעטשעט", „וויאַ דאָלאָראָסאַ".

דאָס בוך עפנט זיך מיט די שורות:

„צו דיינע ברעגן שווימט מיין שיף אַ רואיקע אַצינד.
און ווי אַ קינד,
אַן ערשט געבוירנס און אַ ריינס פון זינד,
שטיי איך דאָ צווישן שווייגנדיקע מענטשן אויפן דעק,
און הער, ווי יעדער בויג פון מאַסטבוים ברענגט מיך צו דיין ברעג".

אינעם זעלבן ליד איז דאָ אַ שורה:

„שווייג שטיל, מיין האַרץ, ניט רייס זיך פון מיין ברוסט אַרויס!"

אין אַ ליד פון דער סעריע „פון אונזער לאַנד" האָבן מיר אַזעלכע פערזן:

„איך ליג אַ שווייגנדיקער אויף דער ערד
און הער זיך איין
צו עפּעס אַזאַ אומעטיק געוויין,
וואָס הייבט זיך אויף פון טאָל
און ווערט צעגאַנגען אין דער נאַכט.
און הערנדיק
צעוויינט זיך אויך אין מיר מיין האַרץ".

אָט־די און די אַנדערע לידער וועגן לאַנד זיינען אַדורכגענומען מיט אַ טיפן צער און ווייטיק, און אָפט אויך — מיט אַ שטאַרקן צאָרן און פאַרדרוס.

„נאָך שווערער איז דער ווײ, אַ ביקס אַן אָנגעלאָדענע האַלטסטו אין האַנט
נאָך טיפער איז די שאַנד. און שאַרף דער באַיאָנעט".

אָבער מען איז מאַכטלאָז, מען קאָן נישט צילן מיטן ביקס וואוהין מ'וויל.

„וואָס קומט אַרויס?", פרעגט דער דיכטער זיך גופא, „צי שיסטו שלעכט, צי שיסטו גוט", ווען „דו ביזט דאָ מיט דײַן געווער אַ ליאַלקע בלויז און גאָר־ניט מער".

אין אײנעם אַ ליד, וואו ער מאָלט ירושלים און ברענגט צום אויסדרוק זײַנע געפילן, טראַכטעניש און איבערלעבעניש, זאָגט ער:

„עס טאַנצע מײַן האַרץ פון פרייד און טרויער".

אָבער — מער טרויער, מער דערדריקטקייט, מער אַנטוישונג ווי פרייד און פאַרגאַפונג. און שווער און גרוי איז אויך די וואַנט, דער כותל המערבי, ער „פילט די קאַלטקייט פון איר שטיין"... און אַרומגערינגלט פון די בעטלער און דורכגעשווידערט פונעם גרילצנדיקן „בעטלער־געשריי", זאָגט ווײַנפּער: „איך בין אַ בעטלער צווישן זיי"... ער זעט אומעטום „אימיצנס אַ שווערע האַנט", וואָס „האַלט בלויז אין אײן צעשטערן".

דאָס איז דער הויפּט־מאָטיוו פון די לידער, וואָס דער יונגער ז. ווײַנפּער האָט אָנגעשריבן, ריכטיקער — אויסגעוויטיקט נאָך זײַן פאַרברענגען אין ארץ־ישראל, וואוהין ער איז געפאָרן, ווי פיל לעגיאָנערן, מיט גרויסע האָפענונגען און ליכטיקע טרוימען. די לידער זײַנען געווען גאָר אַנדערש פון די פריידיקע געזונטע לידער, וואָס ז. ווײַנפּער איז מיט זיי אַרײַנגעטראָטן אין דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. ער איז אַ שײן ביסל געווען אַנטוישט פון זײַן לעבן און לײַדן אין ארץ־ישראל.

ז. ווײַנפּער גופא אין זײַן רעדע, געהאַלטן אין 1940 (אויף דער פײַערונג פון 25 יאָר פון זײַן שאַפן) האָט געזאָגט: „...אין מײַן דעמאָלטדיקער בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ ייִדיש לעבן, האָב איך גענומען די ביקס און זיך געלאָזט אויפן וועג צו באַפרײַען פאַלעסטינע פאַר אונדזער פאָלק. אָבער פאַלעסטינע האָט זיך ניט באַפרײַט. זי איז בלויז איבערגעגאַנגען פון אונטער דעם טערקישן יאָך צו דעם יאָך פון גרויס־בריטאַניע. איך האָב זיך אומגעקערט מיט דעם געפיל פון אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אויפזוכן זײַן געליבטע און זי געטראָפן אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן" („ייִדישע קולטור", 1940, נ״נ 11־12, ז׳ 12, איבערגעדרוקט אין ז. ווײַנפּערס בוך „שרײַבער און קינסטלער", ניו־יאָרק, 1958, ז״ז 11־12).

ווי ז. ווײַנפּער האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אַלײן איבערגערופן מיט אָט־דעם ארץ־ישראל־פּעריאָד אין זײַן לעבן און שאַפן, וועלן מיר זען ווײַטער. לאָמיר זיך צוריקקערן צום יאָר 1920, ווען ס'איז דערשינען „פון אונזער לאַנד".

.2

עס איז אוודאי אינטערעסאַנט פאַר דער פאַרשונג פון ז. ווײַנפּערס דיכטערישן גאַנג און וואוקס, נאָכצוזוכן די אָפּרופן, וואָס זײַנע קריטיקע, פרײַדיקע

וואלינישע לידער, פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1918־1914, האָבן אַרויסגערופן אין דער דעמאָלטדיקער יידישער פרעסע.

אין דער איצטיקער אָפּהאַנדלונג האָבן מיר בדעה צו באַווייזן, ווי דאָס ערשטע לידער־בוך פון ז. וויינפּער איז אויפגענומען געוואָרן אין יענער צייט דורך דער יידישער קריטיק.

עס ליגן פאַר אונדז אַרטיקלען־רעצענזיעס פון פינף שרייבער: ש. ניגער, א. ר. (אברהם רייזען), אפרים אויערבאַך, ז. טיגעל און מ. באגדאנסקי, וועלכע זיינען געדרוקט געווען אין דער דעמאָלטדיקער פרעסע, גלייך ווי זיין ערשטלינג ביכל לידער איז דערשינען.

ש. ניגער, איידער ער טרעט־צו צו רעדן וועגן ז. וויינפּערס „פון אונזער לאַנד", שטעלט ער זיך אָפּ אויף די צוויי לידער־ביכער, געווידמעט ארץ־ישראל: פ. ראַסקינס „אידישע לידער" (ניו־יאָרק, 1919), — „אַ געשוואָרענער ,זינגער פון ציון'," וואָס גלויבט, אַז „מליצה איז פּאָעזיע און אַז ,נאַציאָנאַלע' מליצות זיינען נאַציאָנאַלע לידער"; און אפרים אויערבאַכס „קאַראַוואַנען" (ניו־יאָרק, 1918), וואָס „אין אַלע זיינע לידער דערציילט ער אונדז, וואָס ער האָט געזען און גע־הערט". אָבער „דאָס איז נאָך... ניט קיין פּאָעזיע..." „אויב מליצות, — זאָגט ש. ניגער, — זיינען איבעריק אין אמתער פּאָעזיע, זיינען פאַקטן פאַר אמתער פּאָעזיע — ווייניק, פאַקטן קאָן מען איבערגעבן אין פּראָזע, און ניט מען קאָן — מען מוז זיי איבערגעבן אין פּראָזע..."

ש. ניגער זאָגט, אַז „קיין בדחנות איז אין אויערבאַכס לידער גראָד ניטאָ, אָבער פּוסטע, ד. ה., איבעריקע גראַמען זיינען פיל אין זיי".

ש. ניגער ברענגט איניקע שורות פון א. אויערבאַכס בוך און ער זאָגט: „...דאָס איז אַלץ געוויס ריכטיק... אָבער אויב ער וויל דאָס אונדז אַלץ דער־ציילן, קאָן ער עס מאַכן אין אַ בריוו אָדער אין אַ צייטונגס־אַרטיקל. צו וואָס זאָל ער מטריח זיין צוליב אַזעלכע טרוקענע פאַקטן די צאַרטע ,מוזע'? און וואָס זיינען דען די מייסטע לידער זיינע, אויב ניט קיין באַשרייבונגען פון באַקעטע טרוקענע פאַקטן?"

און נאָך דעם ווי ש. ניגער ציטירט נאָך איניקע פערזן פון א. אויערבאַך, גיט ער צו: „און דאָס איז דאָך שוין געוויס ניט מער ווי אַ שטיקל געאָגראַפיע אָדער אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַלעסטינע אין גראַמען. היינט צו וואָס דאַרף מען עס? צוליב די עטלעכע נישקשהדיקע ,אַראַבישע' און ,בעסאַראַבישע' מאָטיוון? אָבער אויך זיי זיינען דאָך אַזוי שיטער, אַזוי וואַסערדיק, אַז מען קען עס ניט פאַרענט־פערן מיט זייער אידילישקייט".

און ש. ניגער שרייבט ווייטער: „מער מזל האָט ,אונזער לאַנד' געהאַט צו ז. וויינפּער..." ער „באַגנוגנט זיך ניט מיט שיטערע באַשרייבונגען פון טאָג־טעג־לעכע פאַקטן, ער שטעלט זיך אַ מער לירישע און מער קינסטלערישע אויפגאַבע, ער וויל אונדז ציגן די זעאונגען, וואָס ער האָט געהאַט און די געפילן, וואָס האָבן אין אים דערוואַכט, בעת ער איז געווען ,אין אונזער לאַנד', ניט ,באַשרייבנדיק', נאָר פאַרקערפערנדיק זיי אין בילדער ,געשאַפן פון זיין פאַנטאַזיע'."

ש. ניגער ברענגט „אַ קלײנעם בײַשפּיל", וואָס „וועט ווײַזן קלאָר דעם אונטערשייד צווישן אויערבאַכס באַשרײַבונג און ווײַנפּערס שאַפונג. בײַ זײ בײדן זײַנען דאָ פּערזן, וואו די טעמע איז ‚בײם כותל המערבי' [בײַ ז. ווײַנפּער הייסט עס: ‚די וואַנט']. און ניט נאָר די אַלגעמײנע טעמע, אויך דער קאָנקרעטער אָביעקט פון זייערע אײַנדרוקן איז בײַ זײ כמעט אײנער און דערזעלבער. בײדע זעען זײ בעטלער בײַ דער וואַנט, הערן וואַכעדיקע גרײַלצנדיקע געשרײען און פילן זיך ‚שטום' און ‚שטויביק'. אָבער שוין די פּערזן־מאָס און דער ריטם איז בײַ אויערבאַכן אַזאַ, וואָס צווינגט אײַך אַראָפּצולאָזן זיך צום שטויב פון דערווירקלעכקייט, בעת בײַ ווײַנפּערן, פאַרקערט, ווערט איר אויפגעהויבן און געשטעלט העכער פון די וואַכעדיקע פאַקטן".

ש. ניגער ברענגט ז. ווײַנפּערס אַ שורה:

„אָט איז זי דאָך — די וואַנט פון ריזעדיקע שטײנער אויסגעלייגט".*

און ער זאָגט: „דער אויסדרוק ‚אָט איז זי דאָך, די וואַנט' איז אפשר ניט גאָר פּאַסיק; אָבער דער לאַנג־אָטעמדיקער, אַביסל דעקלאַמירנדיקער פײַערלעכער ריטם פון דעם פּערז איז איבערצײַגנדיק, בעת אויערבאַכס פּערז איז:

„ענגע געסלעך, שטיבלעך קברים..."

„אַזוי ווי ער [אויערבאַך] וואָלט דערציילט אונדז ניט וועגן כותל המערבי, נאָר וועגן עפּעס אַ פאַרוואָרפענעם קלײנשטעטל אין בעסאַראַביע. און ניט אומזיסט איז דער ריטם פון די פּערזן בײַ אים אַזאַ אָרעמער. פונקט אַזוי אָרעם איז אויך דער ‚אינהאַלט'..."

ש. ניגער מאַכט ווײַטערדיקע פאַרגלײַכן צווישן די צוויי דיכטער, וואָס זײַנען געווען אין ארץ־ישראל און פאַרעפנטלעכט לידער־ביכער. „זײַן פאַנטאַזיע, — שרײַבט ניגער אויף אויערבאַכן, — איז אַן אויסגעלאָשענע, אַ טויטע; עס וואַכט נאָר זײַן אויג, זײַן אויער. וואָס קאָן מען זען מיטן אויג, וואָס קאָן מען הערן מיטן בלויזן אויער? נאָר דאָס אויבנאויפיקע. און מער טאַקע זעט ער ניט און מער הערט ער ניט ווי דאָס, וואָס טוט זיך אויבנאויף. ווײַנפּער זעט מער און הערט מער, ווײַל עס לעבט אין אים אַ פּאָעטישע פאַנטאַזיע"...

ש. ניגער ווײַזט־אָן נאָך דעם ווי ער ברענגט מערערע שורות פון ז. ווײַנפּערס אַ ליד, אַז „דאָס בילד איז ווײַט פון שלימות, ערטערווײַז איז עס פּשוט רוי, אָבער עס איז דאָ אין אים פאַנטאַזיע"...

און ש. ניגער, דערוואָרעמט פון ז. ווײַנפּערס ציטירט ליד, זאָגט: „...אײנאײנעם מיט די ‚בעטלער', וואָס רינגלען איצט אַרום די וואַנט, זעען מיר די שאָטנס פון ‚גיגאַנטן', וואָס האָבן די ‚ריזיקע שטײנער אויפגעלייגט' און פון זײ געמאַכט אַ טעמפּל פאַרן פאָלק. און ערשט דאַן פאַרשטייען מיר דעם צער פון טיפער אײנ־

---

* ס'איז אינטערעסאַנט: ז. ווײַנפּער האָט די שורה, ווען ער האָט דאָס ליד איבערגעדרוקט אין זײַנע „געקליבענע לידער", ניו־יאָרק, 1932, איבערגעמאַכט. זי לייענט זיך איצט: „די וואַנט? — אָט איז זי דאָך פון ריזנשטײנער אויפגעלייגט" (ז' 99).

זאַמקייט, וואָס דער הייַנטצייטיקער ייד פילט, שטייענדיק ביי דער וואַנט, פאַרגליווערט־אומבאַוועגט, ווי ער וואָלט דאָ אַ שטומער טייל געווען פון איר׳. ערשט דאַן פאַרשטייען מיר דעם עלעגישן סוף פון דעם געדיכט, וואָס האָט אַזאַ פייערלעכן מיטן...״

און ש. ניגער גיט צו: „ער איז ניט אַוועק קיין פרעמדער פון דער וואַנט. ער האָט זיך דערפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר״...

.3

אַ זייער גינסטיקן אָפּרוף האָבן מיר פון א. ר. (אברהם רייזען) אין אַן אַרטיקל „ז. וויינפּערס ארץ־ישראל־לידער״.

אַפריער שרייבט א. ר. וועגן דעם יידישן לעגיאָן, וואָס „האָט אין זיין צייט אַרויסגערופן גענוג מיינונגס־פאַרשיידנקייטן״. אָפּשטעלנדיק זיך אויף דער יידישער יוגנט, וואָס האָט זיך באַטייליקט אינעם לעגיאָן, און פרעגנדיק, וואָס „האָט זי אייגנטלעך געפילט, ווען זי האָט זיך אָנגעשלאָסן אינעם לעגיאָן?״ ציטירט א. ר. שורות פון ז. וויינפּערס בוך, וואָס גיבן אַן ענטפער אויף די פראַגן... „עס זיינען געווען אידעאַלן, שפּעטער אָבער צעשמעטערטע, פונעם יידישן לעגיאָן״.

„דיזע שטימונגען, — זאָגט א. ר., — טרעטן איצט פאַר אונדז אַרויס גאַנץ בולעט אין אַ קלײנער זאַמלונג לידער, געשריבן פונעם פּאָעט־לעגיאָנער ז. וויינפּער, וועלכער איז שוין, אגב, ניט קיין פנים חדשות אין דער אַמעריקאַניש־יידישער פּאָעזיע״.

„ז. וויינפּער, — שרייבט א. ר. — באַזיצט די אייגנשאַפט איבערצוגעבן פולשטענדיק אַ שטימונג, און עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז די שטימונג איז ניט נאָר זיין אייגענע אַליין, נאָר, אַז אַזוי האָבן געפילט די אַלע יידישע יונגע לייט, געפירט פון דער שיף צו די ברעגעס פון דעם הייליקן לאַנד, וועלכע האָבן געפילט, ווי אַ קינד, אַן ערשט־געבוירענס און אַ ריינס פון זינד׳, וועלכע האָבן זייער האַרץ געמוזט באַפוילן צו שווייגן, עס זאָל זיך פון ברוסט ניט אַרויסרייסן, אַזוי איבערפולט מיט פרייד זיינען זיי געווען, ווען זיי זיינען אין דער שיף צום ברעג געשוואומען... און דאַן איז געקומען די אַנטוישונג, די טראַגעדיע פונעם לעגיאָן, וועלכע דער דיכטער־לעגיאָנער גיט איבער אַזוי מייסטערהאַפט אין זיין ליד ,נאָך שווערער איז דער וויי׳...״

ווי מיר זעען, נעמט אויף א. ר. וויינפּערס ליד ווי אַן אויסדרוק פון די געפילן און איבערלעבענישן פון די באַטייליקטע אין לעגיאָן. עס איז פאַר אים אַ וויכטיקער דאָקומענט פון אַ פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכער געשעעניש, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגערופן אינעם יידישן לעבן שאַרפע ווידערשפּרעכנדיקע מיינונגען... „גרויס האָט געמוזט זיין דער ווייטיק פונעם יידישן לעגיאָנער, — זאָגט א. ר., — וועלכער האָט דערפילט זיין גאַנצע מאַכטלאָזיקייט, ווען ער האָט די ליפּן פאַר שאַנדע געמוזט בייסן...״

און א. ר. זאָגט ווייטער: „...מיר האָבן באַמערקט, אַז ז. וויינפּער קאָן אויסגעצייכנט איבערגעבן שטימונגען. אָבער ניט מיט דעם אַליין צייכנט זיך אויס דאָס

קלײנע ביכל לידער. אַ שטימונג קאָן העכסטנס דינען אַלס מאָטיוו פאַר אַ בילד. ווײַנפּערן איז אָבער אויך געלונגען אין [דער] זאַמלונג איבערצוגעבן גאַנצע בילדער, וועלכע זײַנען פיל בוילעטער ווי שטימונגען. פאַראַן אינעם ביכל עט־לעכע לידער אונטער די אָפּטײלונגען ,דײַנע שטײנערדיקע חורבות׳, ,אין אָמאַרס מעטשעט׳ און ,אַלץ נידעריקער׳, און אין דיזע אָפּטײלונגען איז ווײַנפּערן געלונ־גען צו שאַפן אַן אַנדער ריי פון אינטערעסאַנטע בילדער פונעם לאַנד, געשאַפן מיט ריטם, קלאַנג און וואָרט, אָנגעשטאָפּט מיט פּינזל, לײַוונט און פאַרב״.

א. ר. ציטירט ווײַנפּערס פּערזן, און ער רופט־אויס: „אַט געלינגט ווײַנפּערן צו שאַפן אַ בוילעט בילד פונעם ישוב בלויז אין עטלעכע שורות״.

און א. ר. פירט־אויס: „ז. ווײַנפּער האָט זיך שוין זײַן אָרט אין דער אַמערי־קאַניש־ייִדישער פּאָעזיע, און דאָס ביכל לידער ,פון אונזער לאַנד׳ רופט בלויז אַרויס דעם וואונטש צו זען אַ ברייטערע זאַמלונג פון זײַנע לידער, די ארץ־ישראל־דיקע, ווי די אַלגעמײנע״.

אינטערעסאַנט, וואָס גראָד דער דיכטער א. רייזען האָט געזוכט און אַרויסגע־פונען אין ווײַנפּערס לידער־בוך דעם פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן מאָמענט.

4.

גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער איז דער אָפּרוף אויף ז. ווײַנפּערס לידער־בוך פון דעם דיכטער אפרים אויערבאַך. ער האָט זיך, ווי מיר וועלן זען, געפילט שטאַרק געטראָפן פון ש. ניגערס אַרטיקל און וועגן די פאַרגלײַכונגען, וואָס ער האָט געמאַכט צווישן ווײַנפּערס און זײַנע, אויערבאַכס, לידער. ער שרײַבט זײַן רעצענזיע „אין דער פאָרם פון אַ בריוו״, ווײַל, ווי ער זאָגט ווײַטער: „שטעל זיך פאָר, וואָס פאַר אַ פּנים ס׳וועט האָבן, אַז איך וועל זיך אוועקשטעלן אין דער פּאָזע פון אַ קריטיקער און נעמען ציען מײנונגען וועגן דיר פון אַרבל... ס׳וועט אַ פּנים האָבן פון חוזק״. „די קריטיקער, — זאָגט א. אויערבאַך און זאָגט דערווײַל אַרײַן ש. ניגערן, — וואָס זײַנען אַליין ניט באַגאַבט מיט דער פעיִקייט צו שאַפן, זיי קאָנען זיך גריבלען אין דײַן בוך לידער און געפינען אַ גוטע שורה. ,די בעסטע אינעם גאַנצן ביכל׳... פאַר מיר איז עס אַ מזוימדיקע אַרבעט, וואָרום איך ווייס, ווי טיף עס באַליידיקט אונדז, ווען מען געפינט ביי אונדז די ,בעסטע שורה׳...״ — — — „און אויסגראַבלען אַ שורה, וואָס האָט גראָד אין יענעם מאָמענט אָנגעגע־רירט דעם קריטיקער [איך געפין פאַר אים קײן אַדיעקטיוו], איז נאָר אַ וועג ווי צו טאָן דעם דיכטער״.

און נאָך דעם, ווי א. אויערבאַך האָט זיך אָפּגעפאַרטיקט מיטן קריטיקער, קומט ער צו צום בוך. „פאַרשטייסט דאָך, ווײַנפּער, — זאָגט צו אים א. אויערבאַך, — אַז צו דײַן בוך ,פון אונזער לאַנד׳ האָב איך זיך צוגעכאַפּט און האָב עס איבערגע־לייענט מיט איין מאָל. צוליב אַ סך טעמים איז מײַן באַציִונג צו דיר מער ווי אַ קאָלעגיאַלע, און דער וויכטיקסטער טעם איז, וואָס צווישן אונדז איז דאָ אַ שטיקל פאַרוואָנדשאַפט [באַליידיק איך דיך ניט מיט דעם?]. ביידע האָבן מיר אײַנגעזאַפּט אין זיך די ברייטקייט פון אוקראַינע און אויף אונדזערע ביידנס לידער ליגט דער

חותם פונעם געגנט. און אויך ווייטער זינגען אונדזערע וועגן כמעט די זעלבע: לעגיאָן, ארץ־ישׂראל״. און א. אויערבאַך גיט צו: „אָבער דאָ צעגייען מיר זיך: ביי מיר איז פריער געווען ארץ־ישׂראל און דערנאָך דער לעגיאָן. און ביי דיר איז ארץ־ישׂראל ענג פאַרבונדן מיטן לעגיאָן״.

אפרים אויערבאַך שרייבט דאָס אָפענע בריוול צו ז. וויינפּערן און דערביי איז זיין כוונה זיך צו פאַרטיידיקן קעגן ש. ניגערס אָנגריף אויף אים. ער שרייבט ווייטער אין זיין בריוו־אַרטיקל: „דיין בוך ,פון אונדזער לאַנד׳ האָט פאַר מיר אויפגעדעקט דיך, דיין גאַנצע נשמה. איך זע, ווי דו פירסט אַ מלחמה מיט זיך אַליין צו באַפרייען זיך פון דעם דרויסנדיקן, פון דעם אויסערלעכן און ווערן אינטים מיטן לאַנד, ווי דו ביזט מיט אוקראַינע און אפילו מיט ניו־יאָרק״... און ווידעראַמאָל — א. אויערבאַך רעדט צו ז. וויינפּער, אָבער ער מיינט דאָ קיין שאַרפן קריטיקער: „ביזט געקומען קיין ארץ־ישׂראל ווי אַ גאַסט, האָסט נישט געלעבט מיטן לאַנד, נאָר האָסט געדינט אין לאַנד און דערפאַר איז דיר שווער געווען איינצולעבן זיך אין די טיפע אייגנטימלעכקייטן פונעם לאַנד״.

און דערנאָך קומען שוין קאָמפּלימענטן, וואָס באַדאַרפן באַצאָלן פאַר די קריטישע רייד: „דו ביזט דער אויפריכטיקסטער צווישן אונדז אין דיינע בילדער. דו מאָלסט ניט אוקראַינע, נאָר זיך אין אוקראַינע״. דאָס איז, אגב, אַ גאַנץ ריכטיקער שטריך פון ז. וויינפּערס אופן פון מאָלן בילדער און סיטואַציעס. אָבער א. אויערבאַך גייט ווייטער און מאַכט דערפון אַזאַ אויספיר: „...און וואָלסטו געווען אין ארץ־ישׂראל אַ תושב, ניט קיין גאַסט, וואָלסטו אונדז געגעבן דאָס שענסטע בוך וועגן אונדזער אַלט־פאַרגרויטן לאַנד, וואָס האָט אַזוי פיל סודות אין זיך. דו, וואָס ביזט פייאיק אויפצוכאַפּן דעם דינסטן קלאַנג אין דער נשמה פון אַ לאַנד, וואָלסט געקאָנט אויפכאַפּן די בלאָנדזשענדיקע קלאַנגען פון דורות, ווען דו וואָלסט ניט געדינט אין לאַנד, נאָר דעם לאַנד״. און ער מאַכט ז. וויינפּערן דעם פאָרוואורף, וואָס ש. ניגער האָט אים, אויערבאַכן, געמאַכט: „אָט ביזטו געשטאַנען אויף אַ בערגל לעבן נס ציונה און דו שרייבסט:

„ברוינלעכע בערגלעך
מיט ביימלעך באַזעצטע,
בלימעלעך און גראָזן
מיט טויען באַנעצטע״.

„וואָלסטו אָבער געווען אין נס־ציונה, געלעבט מיטן דאָרף, וואָלסטו ניט געזען עס אַזוי אַלגעמיין, אַזוי אויסערלעך״.

אויך די אויערבאַך־אָפּהאַנדלונג באַטאָנט די מעלות־טובות, די אייגנאַרטיקייט פון די לירישע שטימונגען, וואָס עס פאַרמאָגן וויינפּערס ארץ־ישׂראל־לידער.

.5

פול מיט באַגייסטערונג איז אויך ז. טיגעל אין זיין רעצענזיע וועגן ז. וויינפּערס לידער. צום באַדויערן, האָט זיך אויפגעהיט בלויז אַ טייל פון אָט־דער רעצענזיע. ז. טיגעל שרייבט: „איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך האָב אַדורכגעלעזן וויינפּערס ביכל מיט די לידער, האָב איך עס פאַרזיכטיק אַוועקגעלייגט צו־

זאַמען מיט די געצײַלטע ביכער [וואָס ער רעכנט אויס פריער אין דער רעצענזיע, אַז ער האַלט זיי שטענדיק אין איבערלייענען, — נ. מ.), האָבנדיק דערבײַ אַ געהיימען אינערלעכן געפיל, אַז מען קאָן די לידער נאָך אַמאָל און אפשר צען מאָל און מער לעזן...“

און ווייטער גיט צו ז. טיגעל: „...אויב ווײַנפּערס לידער זײַנען יעדערס פאַר זיך נישט אַזוי שטאַרק, אָבער אין אַלגעמיין ליגט אויף זיי אויסגעגאָסן יענער חן, וואָס מען פילט מיט אַלע חושים, אַז דאָס איז נישט געקינצלט, נאָר פּערזן, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן פון דער נשמה פון אַ באַגאַבטן דיכטער. איך מיין דײַטלעכער צו זאָגן, אַז אינגאַנצן גענומען איז אים געלונגען צו באַצירן יעדערס ליד כמעט מיט דעם שטילן רויש, מיט דער צאַרטקייט, אַז מען קאָן זיי שטענדיק לעזן. ער האָט אַרײַנגעגעבן דעם ווייכן אידילישן טאָן אין זײַנע לידער, אַז מען קאָן זיי שטענדיק זינגען“...

ז. טיגעל ברענגט „אַלס מוסטער אייניקע סטראָפן פון ווײַנפּערס ליד, וואָס... זײַנען אַן און פאַר זיך זייער שיין, נישט אַזוי מיט זייער צאַרטקייט ווי מיט זייער שטאַרקייט...“

גאָר ברייט און אויספירלעך רעדט וועגן ז. ווײַנפּערס בוך לידער מ. באָגדאַנסקי. עס ליגט פאַר אונדז בלויז די צווייטע העלפט פונעם לענגערן אַרטיקל (די ערשטע העלפט האָבן מיר, לײַדער, נישט!). מ. באָגדאַנסקי דערציילט איבער גאַנץ גענוי, אין אייגענע ווערטער, דעם אינהאַלט פון די לידער און ברענגט ווײַנפּערס פּערזן. ...„דער דיכטער קוקט אויף די בערג־שפּיצן, וואָס גרייכן די הימלען און זײַנע אויגן דערזעען בלוי־אויגיקע קינדער מיט לאָקן, צעוואָרפענע... זײַן האַרץ ווערט פול מיט רחמים... דער דיכטער דערזעט די פאַרווירקלעכונג פונעם פאָלקס אייביקן טרוים וועגן דערלייזונג... דער דיכטער ליגט אַ שווייגנדיקער אויף דער ערד, טוליעט זיך צו איר און הערט דאָס פּיעשטשען זיך... און אַזוי ווייטער גיט ער, מ. באָגדאַנסקי, אויפן סמך פון די ווײַנפּער־לידער, דעם אופן ווי דער דיכטער נעמט־אויף דאָס לאַנד און רעאַגירט אויף די פאַרשיידענע באַגעגענישן.

ברענגענדיק אויסצוגן פון די פאַרשיידענע לידער, גיט צו מ. באָגדאַנסקי: „...איר פילט פון יעדער שורה, ווי ווײַנפּער, דער מוטיקער העלד פונעם יידישן פאָלק, איז ניט קיין בלוט־דורשטיקער פּאַטריאָט. ער איז געקומען מיט דער ביקס, ווייל דער איינציקער וועג צו באַרעכטיקן דעם זינען פון די אומגעהויערע ליידן, וואָס אונדזער פאָלק איז אויסגעשטאַנען... איז צו קריגן דאָס לאַנד פאַר דעם פאָלק א. אַז. וו.“

מ. באָגדאַנסקי פאַרענדיקט זײַן אַרטיקל מיט די ווערטער: „געבענטשט זאָל ער זײַן מיט זײַן גוטן אָנהייב...“

אַזוי זעען־אויס די אייניקע אָפּרופן אין דער פּרעסע אויף ז. ווײַנפּערס ערשטן לידער־בוך, וואָס מיר האָבן פאַר זיך. צי עס זײַנען געווען נאָך רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן „פון אונזער לאַנד“ — ווייסן מיר נישט.

ווי מיר זעען פון די געבראַכטע אויסצוגן, האָט מען אויפגענומען ווײַנפּערס ערשטן לידער־בוך זייער גוט און מען האָט אויף פאַרשיידענע אופנים באַטאָנט דאָס

אייגנאַרטיקע, אָריגינעלע, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיינע לידער, און דערביי אויסגעדריקט אָנערקענונג און אויך דערוואַרטונג אויף זיין ווייטערדיקער דיכטע־רישער אַנטוויקלונג.

6.

עס וועט זיין פאַר אונדז אינטערעסאַנט צו זען, ווי ז. ווינפער אַליין האָט מיט יאָרן שפּעטער באַטראַכט, אין רעטראָספּעקט, זיין באַטייליקונג אין דעם לעגיאָן, און די לידער, וואָס האָבן געבראַכט צום אויסדרוק זיינע איבערלעבענישן און גע־פילן פון ארץ־ישראל.

אין זיין אויטאָביאָגראַפיש און אויטאָפּאָרטרעטיש לידער־בוך „פיניע", גע־שריבן אין 1938־1939, ווען ער האָט געמאַכט אַ דיכטער־שן פּאָליטיש־געזעל־שאַפט־לעכן סך־הכל און אַנאַליז פון זיין לעבן־שאַפן, האָבן מיר טרעפלעכע שורות פון ז. ווינפערן, וואו ער פירט אַרויס זיינע פריערדיקע דיכטערישע איבערוואַנדלונגען. ז. ווינפער שרייבט:

„אין שפּאַניען קראַכן
איצט קאַנאָנען.
און זיי דערמאָנען
אין דער צייט, ווען ער האָט אַ ביקס אויפן אַקסל געטראָגן.
פאַרוואָס איז ער דעמאָלט געגאַנגען זיך שלאָגן?
אָ, יאָ, גרויס־בריטאַניע
האָט זיין פאָלק פון דער אייביקער אכסניא
אַ שטענדיקע היים צוגעזאָגט!" (ז' 40).

דאָס איז געווען מיטן דיכטער מיט אַ 20 יאָר פריער, אין 1918־1919. אָבער איצט, אין 1938־1939?

מיט די אייגענע הענט.
פאַר זיינע אויגן האָט זיך צעבלענדט
אַזאַ ליכטיקער טרוים:
— אַ ייד אין רו אונטער צווייג פון אייגענעם בוים"... (ז' 41).
„איצט שמייכלט אַזוי פיינלעך פיניע, נאָר דעמאָלט
האָבן זיינע אויגן געפלעמלט
פון די ווייד, וואָס ער האָט געהערט,
אַז יידן וועלן נאָך אַמאָל אַקערן ערד

יענע אָנדערטהאַלבן יאָר, ווען ז. ווינפער האָט זיך אויסגעוואַרצלט פון זיין אַרום און, געטריבן פון טרוימען, פון האָפענונגען, איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל האָבן זיך טיף איינגעשניטן אין זיין זכרון, אין זיינע געהירן. און פאַרשיידן נעמט ער אויף און פאַרשיידן זעען זיי אויס ביי אים אין פאַרשיידענע צייטן; — עס איז געווענדט אין זיין איצטיקער שטימונג, אָן זיין איצטיקן אויפפאַסן דאָס גאָר'ע יידישע און ארץ־ישראל־פּראָבלעם. אַט דערוועקט עס אין אים סענטימענטאַלע, ראָמאַנטישע געפילן, און אַט גאָר — שמייכלט ער פון זיין אַמאָליקער נאַאיווקייט. אַפּטמאָל טוט ער גאָר זיך אַ שפּיל מיט זיך, מיט זיין אייגענער אַמאָליקער ייִנגל־

שאַפט. אינעם זעלביקן „פּיניע", מיט אַ פערציק זייטלעך ווייטער, קומט ווידער אַ דערמאָנונג פון ארץ־ישראל:

„ווען ער איז אַוועק קיין יהודה און גליל | וואָס ער האָט פונעם חומש געקאָנט,
מיט ביקס אין האַנט | איז זיין קאָפּ געווען בלאָנד,
אָפּצונעמען דאָס לאַנד, | און זשוואַוויק זיין טראָט"...

אָבער דאָס, וואָס ער האָט דאָרטן געטראָפן, דאָס אָן וואָס ער האָט דאָרטן זיך אָנגעשטויסן, האָט אים צערודערט, ס'איז שווער אויף „זיין געמיט געפאַלן":

„האָט זיך ביסלעכווייז געלאָשן
דאָס ליכט, וואָס האָט זיך פריער געצונדן אין אים" (ז' 85).

און אויך שפּעטער, אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פונעם בוך, וואָס מיינט אין די ווייטערדיקע פּעריאָדן פון זיין לעבן־שאַפן קומען רעמיניסצענצן, ווייטע אָפּקלאַנגען און נאָכקלאַנגען פון יענער צייט, וואָס אָט איז זי שוין ווי אַ פאַרגעסענע און אָט לעבט זי ווידער אויף.

ער זינגט פונדאָסניי אַ געזאַנג וועגן יענער צייט:

„אָ, דעמאָלט האָט ער געפילט זיך, ווי אַ ציגל אויף אַ פונדאַמענט,
וואָס אויסגעהאַקט איז פון גראַניט,
און דעמאָלט איז פון זיין געמיט
אויפגעגאַנגען אַ זינגעוודיק ליד
פון היים און רו" (ז' 102).

ווי באַוואוסט, האָט ז. ווײַנפּער אין 1941 אָנגעשריבן זיינע זכרונות „מיטן יידישן לעגיאָן". געדרוקט אין פאָרזעצונגען אין „מ. פרייהייט", איז עס אין 1942 דערשינען אין בוכפאָרם. ער האָט דאָס בוך געשריבן, ווען די פראַגע וועגן אַ „יידישן לעגיאָן" איז ווידער אַרויף אויף דער טאָג־אָרדענונג פון אונדזער יידישן לעבן". און ז. ווײַנפּער שרייבט אין זיין פאָרוואָרט צום בוך: „ביים שרייבן מיינע איבערלעבונגען איז מיין באַציאונג צו דער פאָרמירונג פון אַ צווייטן יידישן לעגיאָן אונטער ענגלאַנד בישט געווען קיין זייער פּאָזיטיווע... אונדזער דערפאַרונג מיט ענגלאַנד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג איז געווען אַזאַ, וואָס האָט איבערגעלאָזט היפּשע אַנטוישונג און ביטערניש אין אונדזער געמיטער. אָבער די ציינערדיקע ראָד, וואָס דער היטלעריזם האָט אַ לאָז געטאָן אויף אונדז איז אַזאַ, וואָס ווישט אָפּ אַ סך פריִדערדיקע טענות" (ז' 6).

די זכרונות זיינען אינטערעסאַנט, מיט דעם וואָס אין די שילדערונגען און באַשרייבונגען האָבן מיר דעמזעלביקן גרונט־טאָן און די זעלבע הויפּט־מאָטיוון, וואָס עס פאַרמאָגן די לידער „פון אונזער לאַנד". עס ווערן אַרויסגעבראַכט פיל מאָמענטן, סצענעס, עפּיזאָדן, צוזאַמענשטויסן פון יענער צייט, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די לעגיאָנערן און מיט ז. ווײַנפּערן ג.פּא. וואָס אָט איז ער אַריינגעקניפּט אינעם דאָרטיקן אַרומיקן לעבן, פּרוּווט שלאָגן וואָרצלען, און אָט רוקן זיך אַרויס כוחות, וועלכע שטויסן אים אַוועק פון דעם ארץ־ישראל־לעבן.

7.

און אין פרט, וואָס מ'דאַרף דאָ ברענגען, האָט אַ שייכות צו דער פּאָעמע „ראַטמיא", וואָס ז. ווײַנפּער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1921 (פילאַדעלפיע, 76 ז"ז). ז. ווײַנפּער גיט איבער אין „מיטן יידישן לעגיאָן" די געשיכטע אָדער פאַר־געשיכטע פון דער פּאָעמע. ער דערציילט: „אַ רירנדיקן מאָמענט האָב איך אי־בערגעלעבט ביים געזעגענען זיך מיט אַן אַראַביש מיידל, וואָס האָט גערעדט אַ פרייען און פליסיקן יידיש. דער נאָמען פונעם מיידל איז געווען פאטמא. זי האָט געאַרבעט אין אַ האָטעל אין ראשון לציון, וואו איך פלעג זייער אָפט איבערנעכ־טיקן. צי עס איז געווען דער פליסיקער יידיש אין איר מויל, צי עס האָט אויך גע־האַט צו טאָן דערמיט איר יונגקייט און שיינקייט, וואָס איך האָב איר געגעבן אַ היפּש ביסל אויפמערקזאַמקייט, איז איצט נישט וויכטיק .. ווען זי איז געוואויר געוואָרן, אַז איך פאָר שוין אַוועק, האָט זי דאָס גענומען מיט אַ רעזיגנירטן טרויער אויף איר ברוינהויטיקן פּנים..."

און ז. ווײַנפּער זאָגט ווייטער: אַ שאָד, וואָס אַט־די פאטמא האָט בלויז גע־קאָנט רײדן יידיש. וואָלט זי אויך געקאָנט לייענען, וואָלט איך איר אין עטלעכע יאָר שפּעטער צוגעשיקט מיין פּאָעמע 'ראַטמיא'. פון וועלכער זי איז געווען די בענקשאַפט, דער מאָדעל און די אינספּיראַציע" (ז' 298).

און דער אַקאָרד פונעם בוך „מיטן יידישן לעגיאָן": „שטייענדיק אין דער זעלביקער מדבר־באַזע אויפן וועג צוריק, וואו איך בין געשטאַנען אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע, האָב איך דורך די ריינע, בלויע, באַשטערנטע נעכט זיך שטענדיק געפילט, ווי עפּעס אַן אָפּגעריסן צווייגל פון אַ בוים, וואָס בענקט זייער שטאַרק נאָכן וואָרצל, אָבער איז בשום אופן נישט זיכער, וואו דער וואָרצל געפינט זיך"... (ז' 299).

און אין פאַרלוירנקייט, און אין שווערן געמיט־צושטאַנד זאָגט ווײַנפּער: „אין מיין געפּעק האָב איך געפירט צוזאַמען מיט מיין פאַרלוירנקייט אַ נייע זאַמלונג לידער פון פּאַלעסטינע אויף יידיש".

דאָס זיינען די לידער, וואָס ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן און זיי אַ נאָמען געגעבן „פון אונזער לאַנד".

ז. ווײַנפּער האָט יאָרן און יאָרן נאָך זיין פאַרלאָזן ארץ־ישראל נאָך אַליין גע־האַט אין זיך די געפילן און זיך אַרומגעטראָגן מיט איינדרוקן און איבערלעבענישן אין דעם לאַנד ישראל. ער האָט אין 1946 געבראַכט זיי צום אויסדרוק — דאָס מאָל אין פאָרם פון אַ ראָמאַן אונטערן נאָמען „אויף די זאַמדן פון יהודה" (איקוף־פאַר־לאַג, 318 ז"ז), וואו די זכרונות פון זיין לעבן, ליידן און פיבערן אין ארץ־ישראל האָט ער פאַרקערפּערט אין אַ בעלעטריסטיש ווערק, אין אַ ראָמאַן מיט טיפן און געשטאַלטן, רעאַלע און איבערגעדיכטעטע, דורך וועלכע ער ברענגט צום אויסדרוק דאָס געזעענע און געהערטע און דאָס איבערגעלעבטע אין לאַנד.

און די פיר ווערק — „פון אונזער לאַנד" (1920), „ראַטמיא" (1921), און „מיטן יידישן לעגיאָן" און „אויף די זאַמדן פון יהודה", ווי פאַרשיידן זיי זיינען נישט לויט זייער פאָרם, אינהאַלט און מאָטיוון, רופן זיך איבער צווישן זיך. אין די

אַלע פיר האָבן מיר דעם דיכטער ז. ווײַנפּער, וואָס ליריק און עפּיק מישן זיך בײַ אים, ווי אין אַלע זײַנע שאַפונגען, אויך אין די פיר ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיט איין טעמע, מיט איין צײַט, ווען ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין 1918־1919.

עס איז אַן ענין פון אַ באַזונדערער פאָרשונג צו אַנאַליזירן יעדעס פון די ווערק און זען, אויף וויפל ז. ווײַנפּער גופא נעמט אויף דאָס לאַנד, ווי ער ברענגט־אַרויס די נאַטור, די מענטשן, די אַלגעמיינע סביבה.

צו די דערמאָנטע פיר ווערק, וואָס האָבן צו טאָן מיט די איבערלעבענישן און אײַנדרוקן פון ז. ווײַנפּערס לעגיאָנערישע יאָרן אין ארץ־ישראל, באַדאַרף מען אויך צורעכענען זײַנע „פּאָעמען וועגן די נביאים" (דערשינען אין 1951), וואו עס קען־מען אַרויס בילדער און זעאונגען, לאַנדשאַפטן און פּלעצער פון דעם אַמאָליקן יהודה און ישראל, וועלכע זײַנען פאַרבונדן מיט די פאַרשיידענע נביאים. ווי לעבעדיק און ווי בולט די שטעט און די געמאָרקן טרעטן אַרויס אין ווײַנפּערס נביאים־פּאָעמען!

אין די אַלע ווערק האָבן מיר דעם דיכטער ז. ווײַנפּער, וואָס ליריק און עפּיק מישן זיך בײַ אים כסדר, אַזוי אין זײַן ערשטן לידער־בוך און אַזוי אין אַלע זײַנע שאַפונגען, וועלכע ער האָט געדיכטעט אַלע יאָרן.

און ס'איז קיין ספק נישט, אַז בײַם אַרויסברענגען די פאַרשיידענע געשטאַלטן פון די נביאים, בײַם מאָלן די פאַרשיידענע מאָמענטן פון זייערע וויזיעס, בײַם קאָנקרעטיזירן די אַלע קאָליזיעס און ווידערשפּרוכן צווישן דעם אַרומיקן לעבן און די פּראָפעטישע רייד, האָט ז. ווײַנפּער אויפגעלעבט דורך זײַן דיכטערישער פאַנטאַזיע דאָס געזעענע און אַדורכגעלעבטע דורך אים גופא אין די טאָלן און אויף די בערג פון ארץ־ישראל, ווען ער איז דאָרט געווען אין 1918־1919, און זיי געגעבן ווי דעם הינטערגרונט פון דעם לעבן אין יענער נביאישער צײַט.

1960

דיכטערישער גאַנג פון ז. ווײַנפּער

(צום 60 סטן געבוירנטאָג)

1.

ז. ווײַנפּער איז אַלט געוואָרן זעכציק יאָר. אַט־אַט און ס'וועט פערציק יאָר, ווי ער איז אַרײַנגעטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור צו פאַרנעמען אין איר מיט דער צײַט אַ גאַר בכבודיקן אָרט. ז. ווײַנפּער איז צו זײַן איצטיקן טאָפּלטן יובל שוין אַ בעל־מטופל פון איבער צוואַנציק ווערק פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער, — לידער, פּאָעמעס, ראָמאַנען, זכרונות, ליטעראַרישע פּאָרטרעטן. איצט ווערן דורך ז. ווײַנפּער געגרייט נאָך צוויי ביכער, וואָס וועלן בקרוב דערשײַנען. קאָן מען שוין, דאַרף מען שוין צוגיין צו ז. ווײַנפּער און צו זײַן שאַפן מיט ברייטערע מאָכן און וואָגן און מיט צוריקבליקן און אויסבליקן.

ז. וויינפערס גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, זיינע וועגן־שטעגן, זיינע זו־כעניש און געפינעניש, זיינע געראַנגלעניש מיט זיך גופא און מיט דער אַרומי־קער וועלט זיינען כאַר אונדז אָפֿן. מיר זעען זיי אין זיינע לידער, זיי וויקלען זיך אַרויס פֿאַר אונדז פון זיינע זכרונות, זיי אַנטפּלעקן זיך פֿאַר אונדז דורך זיינע שיל־דערונגען פון נאָענטע שרייבער־קאָלעגן, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען צו גיין אַ שטיק וועג באַנאַנד, ווי אויך פון זיינע שילדערונגען פון יידישע שרייבער, זיינע מיטצייטלער, וואָס ער האָט זיך געטראָפֿן מיט זיי אין זיין לעבנס־און דיכטער־גאַנג.

אין 1939 האָט ז. וויינפער פאַרעפנטלעכט זיין אויטאָביאָגראַפיש און אויטאָ־פּאָרטרעטיש בוך „פיניע", וואו אייגענע איבערלעבענישן פון די סאַמע יינגסטע יאָרן, אייגענע געפילן און איבערטראַכטענישן, אייגענע איבערוואַנדלונגען, געאָ־גראַפיטע און גייסטיקע, ווינען איבערגעגעבן און אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין עפּיש־לירישע שורות, וואו רעאַלע שילדערונגען פון געשיכטעס און פּאַסירונגען ווערן אַרויסגעזונגען אין שפּילעוודיקע און ערנסטע געזאַנגען. אָבער נישט נאָר דאָס ווערק „פיניע" האָט צו טאָן מיטן לעבן, מיט די איבערלעבענישן, מיט די געפילן־טראַכטענישן פונעם דיכטער, נאָר אין אַלע זיינע שאַפונגען, פון די קלענערע און גרעסערע, רופט זיך איבער דער דיכטער מיט זיין אייגענעם וועזן, מיט זיין אומרו און מיט זיין שלווה. זיי זיינען אָנגערעגט און אויפגערייצט פון זיין אינערלעכן ברויז און אויפברויז, פון זיין אויפנעמען וועלט און פּאַסירונגען.

ווייל מען אַ דיכטער דערקענען און קענען, דאַרף מען אין זיין לאַנד גיין, — אַזוי איז שוין פון לאַנג אייגעשטעלט אין דער ליטעראַטור־קריטיק. ווייל מען ז. וויינפערן דערקענען און קענען, באַדאַרף מען גיין צו זיינע לידער, צו זיינע דיכטערישע און פּראָזאַאישע שאַפונגען. עס איז אפשר שווער צו געפינען נאָך אַ כאַעט ביי אונדז, וועלכער זאָל אַזוי לעבן און אויסלעבן זיך מיט זיין דיכטונג, מיט זיין שאַפן, ווי ז. וויינפער. און וואָס די לידער זיינען דער פולסטער אויסדרוק פון זיין געמיט, פון זיין תוך, פון זיין לייב און לעבן.

וואָס דאַרף מען גיין וויט? אָט האָבן מיר אינעם פּאַריקן נומער „יידישע קולטור" אַ ליד פון ז. וויינפער, וואו ער רופט אויס:

„אויסגעזונגען שוין פון זיך אַזוי פיל לידער,
און עס זינגט זיך ווידער, ווידער..."

ס'איז באַקאַנט דאָס וואָרט, אַז ביי יעדן גרעזל שטייט אַ מלאך און שלאָגט עס און באַפעלט עס: „וואַקס!" ז. וויינפער געבערט און ברענגט אַרויס לידער פון זיך מיט פרייד, אָן אַ „על כרחך", אָן אַ דרויסנדיקן צוואַנג. אין זיין קורצן „ווינפיר „און ווער בין איך?" („יידישע שריפטשטעלער", ב' 1, ניו־יאָרק, 1933) זאָגט ז. וויינפער וועגן זיך: „לידער שרייב איך מיט אַ גוואַלטיקן אימפּעט". דאָס איז געזאָגט געוואָרן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. און אָט דער אימפּעט איז פאַר דער צייט נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. מער נישט, וואָס אין לויף פון די צוואַנציק יאָר איז צום אימפּעט צוגעקומען פאַרמעסט. פאַר יעדן אויסלאַז קומט שוין אָנלאָד און — שוין מיט אַ ברייטן פּלאַן און מיט אַן אויסגעוואָקסענעם פאַר־

נעם. און אַ סימן — זײַנע לעצטע צוויי לידער־ביכער: „ביים גרענד קעניאָן״ (1937, 144 ז״ז) און „פּאָעמען וועגן די נביאים״ (1951, 220 ז״ז).

.2

ז. ווײַנפּער איז אַלע זײַנע יאָרן אַ זינגער־באַזינגער פונעם לעבן אַרום, וואָס איז ענג פאַרבונדן און פאַרפלאָכטן מיט זײַן אייגענעם לעבן. אָבער מיט דעם אונ־טערשייד, וואָס אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט זיך מער אַרויסגעזונגען פון אים, גלאָט אַזוי, טאַקע צוליבן זינגען גופא. אָבער דערנאָך, מיט דער צייט, האָט ער שוין גענומען זינגען באַוואוסטזיניק, מיט אויפפאָדער צו זיך און מיט מאָנונג צו זײַנע געזאַנגען. ז. ווײַנפּער ווייסט עס גוט און ער באַטאָנט עס כסדר אין זײַנע לידער, אין זײַנע עסייען, וואו דער זכרונותדיקער מאָמענט איז דאָרט זייער באַ־דײַטנדיק. אין זײַן אַרטיקל „א. ניסענזאָן״ („יידישע שריפטשטעלער״, ב׳ 1) זאָגט ער וועגן דער גרופּע „יינגסטע״, צו וועלכע ז. ווײַנפּער האָט געהערט אין אָנהייב פון זײַן דיכטערישער קאַריערע (אין די יאָרן 1914־1915): „גאַרנישט האָט אונדז אינטערעסירט און גאַרנישט איז אונדז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַחוץ אונדזערע לי־דער״, אין וועלכע מ׳האָט „געזוכט צו לייגן מער דעם טראָפ אויפן וואָרט, ווי אויף דעם אינהאַלט״ (ז״ז 9־10).

צווישן דער גרופּע „יינגסטע״ דיכטער (אַ שנעלער באַכוואוקס פון די „יונגע״ — מיט אַ צייט־דיסטאַנץ פון אַ פּאָר יאָר) האָט ז. ווײַנפּער, דער וואָלינער, זיך אויסגעטיילט מיט זײַנע פריידיקע, זאַפטיקע, פול־בלוטיקע לידער־געזאַנגען, וואָס ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער דעמאָלטדיקער יידישער דיכטונג, סיי פון די עלטערע „יונגע״ און סיי פון זײַנסגלייכן די „יינגסטע״. און אַזאַ און אַזעלכן האָט מען אים אויפגענומען און אַזוי שוין געהאַט פאַרוויגט אין דער יידישער ליטע־ראַרישער וועלט. און ז. ווײַנפּער גופא? איין צייט האָט עס אים „געשמייכלט״ און ער איז געווען צופרידן פון אָט־דער באַצייכענונג און כאַראַקטעריסטיק. דער־נאָך אָבער האָט ער געוועדט זיך קעגן דעם און פּראָטעסטירט סיי אין זײַנע עפּנט־לעכע אַרויסטריטן, סיי אין זײַנע עסייען און אַזוי אויך אין זײַנע לידער פון די שפּעטערדיקע צייטן.

און איצט, אין 1953, איז כדאי אויפצומישן בלעטלעך, וואָס האָבן אַ שייכות צו ז. ווײַנפּערן מיט אַ 25 יאָר צוריק.

דאָס איז געווען אין 1929. ז. ווײַנפּער האָט דאַן, נאָך אַ לענגערער הפסקה (פון איבער פופצן יאָר), באַזוכט אייראָפּע, פון וועלכער ער איז אַוועק אַ יונגער בחור, וואָס האָט זיך ערשט געשפּיגלט אויף אַ דיכטער (זע וועגן דעם אין די גע־העריקע קאַפּיטלען אין „פּיניע״). ז. ווײַנפּער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַר זײַן קו־מען קיין פּוילן, אין בערלין, וואו געטראָפן דוד בערגעלסאָנען און זיך מיט אים נאָענט באַפרײַנדט. דוד בערגעלסאָן האָט דאַן געטראָגן אויף זיך זייער שווערע יאָכן און וויטיקדיק האָט ער אין יענער צייט אַדורכגעמאַכט זײַן אידעאָלאָגישע איבערוואַנדלונג. ער האָט געלעבט אין בערלין ווייט און אויסער דעם קאָכעדיקן יידישן מאַסן־לעבן און דערצו אין אַ סביבה פון אָפּגאַנג, פון ירידה. עס איז גע־

וועגן פאַר דוד בערגעלסאָנען אַ שטיקנדיקע אַטמאָספער. און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך, וואָס ז. ווײַנפּער, דאַן אַ 36־יאָריקער, אַ „יונג מיט ביינער", איז פאַר בערגעלסאָנען געווען אַ דערמוטיקנדיקער און אָפּפרישנדיקער פריינט. דוד בערגעלסאָנען האָט אימפּאָנירט דאָס פריידיקע, לעבנסלוטיקע און אויפברויזנדיקע אין ווײַנפּערן גופא, ווי אין זײַן דעמאָלטדיקן דיכטערישן שאַפן.

און איצט, באַלד אַ פערטליאָרהונדערט ווי ס'איז געשריבן געוואָרן, איז רירנדיק, רירנדיק ביז ווייטיק, צו לייענען דוד בערגעלסאָנס ליכטיקע, זוניקע שורות וועגן ז. ווײַנפּערן („ליט. בלעטער" פונעם 25־טן אויגוסט, 1929). דוד בערגעלסאָן הויבט אָן זײַן אַרטיקעלע, „ז. ווײַנפּער", אַזוי: „אַ גרויסער גענוס איז צו באַגעגענען אין לעבן אַ געזונטן מענטשן, אַ געזונטן אין אַלע זײַנע מענטשלעכע פונקציעס און באַרופן. נאָך אַ גרעסערער גענוס איז צו באַגעגענען אין דער ליטעראַטור אַן אמתן געבענטשטן דיכטער, וואָס זײַנע שאַפונגס־אימפּולסן קומען נישט אַדאַנק דער אטראָפּירונג פון איין חוש און דער היפּערטראָפּירונג פון צווייטן, נאָר זיי קומען ווי אַן איבערפלוס פון געזונטן כוחות־פולן דאָ־זײַן... אַזאַ איינער איז דער דיכטער ז. ווײַנפּער". „ז. ווײַנפּערס שאַפן איז אַ רעזולטאַט פון מאָדנע געזונטע איבעוויניקסטע גערעטענישן". און דוד בערגעלסאָן ציטירט ז. ווײַנפּערס ליד:

„איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר,
און לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדי גוטע יאָר.
איך גיי זיך מײַן וועג, און טרעפט אַ גרוב, שפּרינג איך אַריבער.
דאָס נעכטיקע איז קיינמאָל מיר פון הײַנט נישט ליבער.
איך האָב מײַן מאַמעס בלויע, ווייכע אויגן,
וואָס זאָגן פרײַנטלעך יעדערן: גוטמאָרגן!"

דוד בערגעלסאָן האָט ריכטיק אַזוי ענג פאַרבונדן ווײַנפּערן דעם מענטש און דיכטער, וואָס זײַנען „היינו האַך" (היינו הך — איינס און דאָס זעלבע). און דוד בערגעלסאָן, מיט זײַן דורכדרינגלעכן בליק, האָט אויפגענומען שוין דאַן אַן אַנדער מאָטיוו אין ווײַנפּערן. ער ציטירט פאַרשיידענע לידער פון ז. ווײַנפּערס בוך „אייגנס" און ער זאָגט, אַז „ווײַנפּערס ליבע צו דאָ־זײַן איז אין גרעסטן טייל אַן עפּישע, איך וואָלט זאָגן אפילו: אַ מאַזשאָרישע [וואָס אין היפּער־לירישער פּאָעזיע איז זי נישט גאָר בנמצא!)"... און דוד בערגעלסאָן גיט צו, אַז „בלויז אין איניקע, בלויז אין זײַנע לעצטע לידער, הויבן זיך אָן דורכצוואַרפן טענער פון מינאָרישער פאַרטראַכטקייט"... ד. בערגעלסאָנען פון יענער צייט זײַנען נישט געווען צום האַרצן ז. ווײַנפּערס טרויעריקע מאָטיוון. ער וויל אין אים זען בלויז דעם פריידיקן, זוניקן דיכטער. דערמאָנענדיק זײַנע צוויי לידער „טרויער" און „איכה", האַלט ער, אַז זיי זײַנען „אַ סתירה צו זיך אַליין" און אַז זיי „פאַרראַטן זײַנע [ווײַנפּערס] פריידיקע אייגנשאַפטן"... „ז. ווײַנפּערס סטיכיע איז פרייד און גליק פון לעבן"... און דאָ קומט אַ אינטערעסאַנטע באַצייכענונג, וואָס ד. בערגעלסאָן גיט ווײַנפּערן: „...אין דעם זײַנען [וואָס ער איז פריידיק! — נ. מ.] איז ער, שײַנט מיר, פּראָלעטאַריש [ווײַל די פּראָלעטאַרישע דיכטונג האָט אַ שטרעבונג צו באַזינגען דאָס זעלבע היגוועלטיקע לעבן, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע וועלט האָט אַ

טעג, ענג דאָס צו פֿאַרשוואַרצן]. אין דעם זינען איז ווײנפּער אין אונדזער ייִדישער ליטעראַטור ביז גאָר נײַ און פֿריש" (ז' 656).

.3

ווי געזאָגט, האָט ז. ווײנפּער דערנאָך באַשטריטן אין זיך דעם דורכאויסיקן לעבנסלוסטיקן אָפּטימיסט, מיט וועלכן מ'האָט אים באַצייכנט און כאַראַקטעריזירט. אינעם דערמאָנטן פֿאָרוואָרט „און ווער בין איך?" שרײַבט (אין 1933) ז. ווײנפּער: „פֿאַר די נײַנצן יאָר, וואָס איך בין אין דער ייִדישער דיכטונג, האַלט מען מיך אין איין פֿאַרוויגן פֿאַר דעם אָפּטימיסט... וועט מיר שוין סײַ־ווי נישט העלפֿן, ווען איך וועל דערציילן, אַז דער טרויער ווײסט אויך דעם וועג צו מײַן טיר, וואָרום ווען איך האָב וועגן דעם דערציילט אין אַ צאָל פֿון מײַנע לידער, האָבן די מערסטע זיך געמאַכט נישט הערנדיק". און ז. ווײנפּער גיט צו: „...און דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די ייִדישע דיכטונג האָט זיך אַפֿנים געוויטיקט אין אַן אָפּטימיסט, האָט מען אויך מיר אָנגעטאָן דאָס זוניקע היטעלע" (ז' 5).

און עס זײַנען גוט פֿאַרשטענדלעך די טיפֿע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעריסן און אַרײַנגעביסן אין ז. ווײנפּערס לעבן און אין זײַן דיכטערישן שאַפֿן. ז. ווײנפּער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט לעבן אָפּגעזונדערט פֿונעם אַרומיקן לעבן און נישט געפּרוּווט זיך אָפּצוצוימען פֿון אַלדעם, וואָס די ייִדישע און נישט־ייִדישע וועלט האָט אַדורכגעמאַכט. ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט די אַלע פּאַסירונגען און געשעענישן. געפּרוּווט אָפּטמאָל זיך פֿאַרפּאַנצערן פֿון זיי, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפֿן. און אין זײַנע אַלע לידער, וואָס זײַנען שטענדיק דירעקטע אויסדרוקן פֿון אייגענע איבערלעבענישן, דירעקטער אויפֿצאַפּל פֿונעם אַרומיקן אויפֿברויז און אייגענעם גערא̈נגל, האָבן מיר גרוסן, קלאַנגען־אָפּקלאַנגען פֿון די דיכטערישע מעטאַמאָרפֿאָזעס. ער הערט נישט אויף צו מאַכן אַ חשבון, מערער נאָך — אַ דין וחשבון פֿון זיך, פֿון זײַן דיכטונג. זײַנע לידער פֿון די אַכט־הייב דרײַסיקער יאָרן זײַנען אַ בפֿירושער קער, אַ נײַער קער אין זײַן באַנעמען די וועלט, אין זײַן רעאַגירן אויף אייגענע און אַלגעמיינע איבערלעבענישן. ער באַטאָנט כּסדר די פֿעלערן, די אָפּנויגן, וואָס ער גופֿא האָט געמאַכט אין די פֿריערדיקע צײַטן.

אין זײַן ליד „אונדזערע איצטיקע טעג" (לידער־בוך „אונטערוועגנס", 1934, כ'ווײס נישט, ווען דאָס ליד איז געשריבן) רעדט ז. ווײנפּער וועגן די „איצטיקע טעג — חשבונות מיט ציפֿער גענויע, וואָס טײַטלען אויף אונדז מיט בעלי־חובישע פֿינגער און דראָען מיט כמאַרעס שווערע און גרויע". ז. ווײנפּער גיט צו: „אין אַזעלכע טעג, ווי קאָמיש מוז זײַן יעדער זינגער, וואָס טרילט צו דעם זונשײַן אויף אייגענעם פֿענצטער, — מעג זײַן יענער זינגער דער פֿײַנסטער, דער שענסטער".

און אָט דעם דיכטערישן און געזעלשאַפֿטלעכן חשבון איבער זיך און איבער זײַן אייגענעם שאַפֿערישן גאַנג אין לעבן האָט ז. ווײנפּער אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק אַרויסגעבראַכט אין זײַן בוך „פּיניע" (1939), וואָס איז אַ טיפֿער אַרײַנבליק אינעם אייגענעם וועזן און אַ צוריקבליק אויף שטרויכלונגען און וואַקלע־

נישן. ער באַמיט זיך אויפצונעמען מעלות און חסרונות, ער זוכט השפּעות און צוזאַמענהאַנגען פון זיין אַמאָל מיטן איצט. ער אַנאַליזירט די אויפגאַנגען און אָפּגאַנגען אין זיין לעבנס־און שאַפונגס־וועג. ער פאַרטיפט זיך אין דעם עיקרדיקן און צופעליקן אין זיין כאַראַקטער און אין זיין שאַפן. ער פּרוּווט צו פאַרגאַנצן די קעגנזאַצן אין זיך, ווי ער באַמיט זיך אויסצוטיילן דאָס צוגעוואַקסענע, דאָס ווילד־פליייש אויף אייגענעם קערפּער און אין זיין שאַפן. אָט די אַלע שטעלן אין „פּיניע”, וואו עס ראַנגלט זיך טריסק און ניו־יאָרק, דאָס היימיש־שטעטלדיקע מיטן גרויסשטאָטישן ניו־יאָרקישן, דאָס אַמאָליקע סענטימענטאַלע מיטן איצטיקן ערנסטן און געזעלשאַפטלעך־וואָגיקן, — אָט־די אַלע שטעלן זיינען ביז גאָר אינטערעסאַנט. עס איז נישט נאָר אַ שליסל צו ז. וויינפּערס אינעווייניקסטער וועלט, נאָר עס זיינען אויך פּאָרש־לאַבאָראַטאָרישע שטודיעס וועגן דעם שאַפן און וועגן די זוכענישן און דערגרייכענישן פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע בכלל.

אינטערעסאַנט, ווי דאָס אויטאָביאָגראַפישע לידער־בוך „פּיניע” איז אויפגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק. מ. אָלגין האָט אין 1939, באַלד נאָכן דערשיינען פונעם נישט בלויז אויטאָביאָגראַפישן, נאָר אויך „אני מאמינשן” ווערק, געזען אין דעם ז. וויינפּערס גאַנג, אָדער ריכטיקער — זיין גיין און דערגיין צו אַ נייעם מין דיכטערישן שאַפן. ער זאָגט, אַז ז. וויינפּער „האָט אָנגעהויבן באַנעמען, אַז אַ פּאָעט דאַרף דינען דעם פאָלק, און אַז פּאָעזיע האָט אַ סאָציאַלע שליחות”...

מ. אָלגין זאָגט וועגן „פּיניע”, אַז עס איז פיל מער ווי אַן אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמע, פיל מער ווי לירישע שילדערונגען פון איין מענטש, וואו ס׳ווערט דערציילט באַהאַרצט און מיט געפיל וועגן אייגענע איבערלעבענישן, שטרויכלונגען און איבערוואַנדלונגען, נאָר „עס איז די געשיכטע פון אַ גאַנצער מחנה שרייבער, וואָס האָט געפונען איר וועג צו די אַרבעטער־מאַסן, וועלכע קעמפן פאַר אַ נייער אָרדענונג” („קולטור און פאָלק”, 1949, ז״ז 245־246).

און ווי אָפּטימיזם ראַנגלט זיך ביי ז. וויינפּערן מיט טרויער, אַזוי אויך מישט זיך כסדר לייכטקייט און שפּילעוודיקייט מיט האַרבקייט און ערנסט. צווישן דעם געשפּיל פונעם געמיט, צווישן דעם איבערפלוס פון לוסט און געניס, רייסט זיך אַדורך ווייז און צאָרן, אומצופרידנקייט און מאָנונג. און פונקט ווי ער האָט אַפריער נישט געוואָלט צוימען זיין פרייד, זיין האָפערדיקייט, אַזוי אויך לאָזט איצט וויינפּער זיך „וואוילגיין” מיטן אומרו, מיטן אויפרעג, וואָס פאַרכאַפּן אים און זיין דיכטונג. זיינען דעריבער נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך די כסדרדיקע זיגזאַגן אין זיינע לידער, די אָפטע ווידערשפּרוכן, וואָס קומען פון די אינעווייניקסטע זיך ראַנגלענדיקע כוחות אין אים. אין 1939 האָט מ. אָלגין, באַרירנדיק ז. וויינפּערס נייעם אַרט שרייבן, — ווי ער איז באַזונדערס געקומען צום אויסדרוק אין די לידער פון זיין בוך „פּיניע”, — געזאָגט צווישן אַנדערן: „...דאָס ווערק [„פּיניע”] איז דורכזיכטיק, מעלאָדיש, צומט שטיפעריש, צייטנווייז גאָר שטאַרק, כסדר העל...” אָבער גיט צו מ. אָלגין, אַז „ביי דער גאַנצער לייכטקייט און שפּילעוודיקייט דערגרייכט דאָס ווערק אָפט באַדייטנדיקע אינטענסיווקייט פון אויסדרוק, דערגרייכט ביז פּאַטאָס. אין געוויסע פּאַסאַזשן פילט זיך שטאָל” (ז׳ 251).

ז. ווײַנפּער באַנעמט שאַרף אָט־די סתירות אין זיך. ער איז צופרידן פון דער נײַער באַרוישונג. קוקט ער אויף זיך, באַטראַכט ער זײַן אײגענע שטימע און ער טוט זיך אַ זאָג (אין זײַנס אַ ליד „ניו־יאָרק"): „און איך — אַ טאָן אין דײַן צעווילדעטן גערויש, און אָפּטמאָל דײַן פּאָעט בין איך, ווי דו, קײן אויסגעשניצטער נישט און ניט פּאָלירט".

4.

אין די ווײַטערדיקע יאָרן, ווען אײגענע גאַנצקײט און רײַפקײט מישט זיך מיט װעלטישן תוהו ובוהו, ווען אײגענע געשטאַלטיקונג שלאָגט זיך אָן אין אַלץ וואַקסנדיקן כאַאָס, גרויל, גרויזאַמקײט, ענדערט זיך האַסטיק דער גערױשיק־ראַשיקער געמיט־צושטאַנד פונעם דיכטער.

אין אַ רעדע, געהאַלטן דעם 10־טן נאָוועמבער, 1940, אויף אַ פּײַערונג פון 25 יאָר פון זײַן שאַפן, האָט ז. ווײַנפּער, אין דער ליכט פון דער צײַט, געפּרוּווט מאַכן אַ סך־הכל פון „זײַן 25־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקײט". ער האָט דאַן צווישן אַנדערן געזאָגט: „דאָס פּערטליאַרהונדערט פון מײַן ליטעראַרישער טעטיקײט ליגט אויסגעשפּרײט פאַר מיר מיט זײַנע שטרויכלונגען, דערגרייכונגען, פּײַן און שײַן, און איבער אַלץ און אַלעמען — מײַן אומרו, וואָס האָט מיך קײנמאָל נישט אָפּגעלאָזן" (באַמערקט — אומרו, אַנשטאָט — אָפּטימיזם!).

אַפילו זײַן דיכטערישן אָנהויב זעט ער שוין איצט ווי אַ פּועל־יוצא פון אומרו. ער זאָגט: „...אין 1915, ווען מײַן אומרו האָט אָנגעהויבן צו קומען צום אויסדרוק דורך ליד, בין איך נאָר וואָס געווען אַריבערגעקומען קײן ניו־יאָרק, און ווײַל איך האָב זיך דעמאָלט געפילט אַ געפאַלענער אונטער דער גרויסשטאָטישער שטײַנערדיקער ראָד, האָט מײַן אומרו געקוקט מיט גרויס בענקשאַפט אויף צוריק צו מײַן היים־שטעטל טריסק אין וואָלין, וואו די ייִדישע קבצנות האָט געטראָגן אין דער וואָכן אַ קאָרטן כאַלאַטל און שבת — אַ צעריסענע לאַסטיקענע קאַפּאָטע"... און אַפילו זײַן פריידיק זינגען טײַטשט שוין ז. ווײַנפּער איצט אויס אַנדערש. ער זאָגט: „אויב עס האָט זיך אפילו דעמאָלט [אין די ערשטע יאָרן פון זײַן דיכטערישן שאַפן, — נ. מ.] דורכגעריסן געזונטער אָפּטימיזם דורך מײַנע לידער, איז דאָס נישט געווען די געזונטקײט פון דעם דעמאָלטדיקן לעבן, נאָר די געזונטע בענקשאַפט נאָך אַ לעבן אַ שענערס, וואָס וועט סוף כּל סוף קומען" („ייִדישע קולטור", 1940, נ״ג 11־12, ז׳ 12).

אויך אין זײַן אָוועקגײן אין דעם לעגיאָן זעט ז. ווײַנפּער „די זעלבע בענקשאַפט נאָך אַ גאַנץ ייִדיש לעבן". ער איז צוריקגעקומען קײן ניו־יאָרק „מיט דעם געפיל פון אַ מאַן, וואָס איז געגאַנגען אויפזוכן זײַן געליבטע און זי געטראָפן אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן".

און „ביסלעכווײַז, — דערציילט ווײַטער ז. ווײַנפּער, — איז ניו־יאָרק מיר געוואָרן אײגענער". ער האָט אָנגעהויבן ליב צו קריגן די שטאָט, וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויסצופאָרמירן אַ ייִדישע אַרבעטערשאַפט, און זײַן „ליד האָט אָנגעהויבן צוצולײגן [צו דעם] אַן אויער"... דאָס איז געווען אַמאָל. „הײַנט שטײ איך

נישט מער מיט מיין אויער ביי דער טיר, נאָר איך בין אינעווייניק". און ז. ווינפּער זאָגט: „איך פֿיל זיך גוט צו זיין איינער פֿון דער מאַסע, — פּעדעמל אײ־נעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט: יידיש פֿאָלקס־לעבן. דער קאַמף פֿון דער מאַסע איז היינט מיין קאַמף. אירע האָפֿענונגען זיינען מיינע האָפֿענונגען..."

און ווייטער גיט צו ז. ווינפּער: „איך בין נישט מער אויף קיין זייטיקע סטעזשקעס, נאָר אויף דעם ברייטן טראַקט, דעם טראַקט, וואו מען זיצט נישט קיין וויינענדיקע און קיין קרעכצנדיקע און מען וואַרט אויף עפּעס אַ משיח, נאָר וואו מען רייסט אַליין פֿון זיך די קייטן און מען שפּאַנט פֿאָראויס מיט שטאָלצע און דרייסטע טריט, זייענדיק אַליין די אייגענע משיחים" (ז' 13).

און דאַן, נאָוועמבער 1940, האָט ער פֿאַרענדיקט זיין רעדע: „איך הויב אָן דאָס צווייטע פֿערטל־יאָרהונדערט פֿון מיין ליטעראַרישער און געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט מיט אַ סך ליכטיקערע האָפֿענונגען פֿאַר אַ ניי שיין לעבן פֿון אונדזער אייגן יידיש פֿאָלק צוזאַמען מיט אַלע פֿעלקער אויף דער ערד" (ז' 13).

יאָ, ס'איז גאַנץ לייכט צו באַשליסן און צו פּראָקלאַמירן, אַז ער הויבט אָן דאָס צווייטע פֿערטל־יאָרהונדערט פֿון זיין טעטיקייט „מיט אַ סך ליכטיקערע האָפֿע־נונגען פֿאַר אַ ניי שיין לעבן", ווען גראָד אין דער צייט האָבן זיך מוראדיקע, פֿינצטערע כוחות, — פֿאַשיזם, נאַציזם און היטלעריזם — פֿאַרמאָסטן אויף אַלע פֿרייע פֿעלקער פֿון דער ערד, זיי צו פֿאַרשקלאַפֿן און אופֿן יידישן פֿאָלק — אים אינגאַנצן אומצוברענגען, פֿאַרניכטן און אָפּצואווישן פֿון דער ערד.

און דער סענסיטיווער, אומרואיקער, אויפֿגערייצטער דיכטער האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרשפּאַרן אין ד' אמות, נישט געקאָנט זיך פֿאַרקלייבן אין מיסטישע הויכן. נאָר ער האָט פֿאַנאַנדערגעפּראַלט אייגענע טיר און טויער און אויפֿגענומען די אומגליקן, וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף יידישע קעפּ, אויף די קעפּ פֿון פֿרייע פֿעלקער.

און דאָס איז שוין אַ נייער עטאַפּ פֿונעם דיכטער, וואָס טיילט אים נאָך מער אויס פֿון זיינע ערשטע מיטגייער, מיטצייטלער.

פֿון אַ זינגער־באַזינגער ווערט ז. ווינפּער, ווי אַ צאָל אַנדערע יידישע דיכ־טער, אַ מקונן (אַ קלאָגער), אַ וויינער, אַ שטראָפֿער און אַ מאָנער.

און אויך איצט זיינען די לידער דירעקטע אויפֿטרייסלענדיקע אָפּקלאַנגען פֿון דעם געשעענעם, באַלדיקע גרויליקע אָפּהילכן פֿון אייגענע טריט. דאָס ליד „מיינע לידער", וואָס עפֿנט דאָס נייע לידער־בוך „דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן" (ניו־יאָרק, 1943, 320 ז"ז) הויבט זיך טאַקע אָן מיט די שורות: „...יעדע שורה פֿון מיינס אַ ליד / איז אַ טראָט פֿון מיינע טריט, — / געזאַנג / פֿון מיין גאַנג, / איך ברען פֿון די שריפֿות, / און קראַנק בין איך אין די מגפֿות..." (ז' 7).

און ער באַטאָנט:

„אַמאָל דערהייבן, צעגליט,
אַמאָל מיט צעבראָכן געמיט.
עס האָט נישט קיין פֿייער פֿון קיין שום גיהינום, צעאַשט אין מיין האַרצן דעם גלויבן,
אָבער אַז לעבן אַרום איז שווער און איז גרוי,
איז ליד מיינס אַמאָל אויך אַזוי..." (ז' 8).

ווידערשפּרעכנדיקע מאָטיוון, סתּירותדיקע שטימונגען.

„שבת חזון" און „שבת נחמו", טיפער טרויער און טרייסט, צעבראָכנקייט און דערהויבונג מישן זיך כסדר ביי ז. ווײַנפּערן אין די גרויל־יאָרן פון גרויסן ייִדישן חורבן, אין די יאָרן פון אויסראָט און אומקום.

מישט און בלעטערט, לייענט און לייענט איבער די פאַרשיידנסטע קלאָג־און טרייסט־לידער, וואָס ז. ווײַנפּער האָט געשריבן אין די אַלע שווערע יאָרן, די לידער, וואָס זיינען טיילווייז אויפגעקליבן אין דעם בוך „דאָס געזאַנג פונעם גלוי־ביקן" (1943)! עס וואָלט פאַרנומען צופיל אָרט, ווען מיר וואָלטן נעמען ציטירן שורות פון די פאַרשיידנסטע שטאַרקע, צעווייטיקטע לידער. דער לייענער געדענקט גוט זיין פּאָעמע „אלה אזכרה — אַז איך טו זיך טאָן דערמאָנען" (ז"ז 40־45), דאָס ליד „פאַר דער שנאה אין מיר" (ז"ז 50־53) און צענדליקער אַנדערע לידער, אין וועלכע ס'איז געבראַכט צום אויסדרוק דער גרימצאָרן, דער האַס, די קללות און חרמות אויף די דייטש־נאַצישע קעפּ, און די זעלבסטלעסטערונג און פייניקונג, וואָס האָט אין יענע יאָרן אָנגעפּילט אונדזערע צעפּייניקטע הערצער און די געמיטער. זאָגט ז. ווײַנפּער אין זיין ליד:

„זיי פאַרשאָלטן ביזן סוף פון די דורות פאַר דער שנאה אין מיר,
וואָס דו האָסט אָנגעצונדן מיט דיין רשעות... — — —" (ז' 50).

אָדער:

„אונדזער טורעם
וועט איבערלעבן דעם געווירבלדיקן שטורעם.
און מיט העלערן ליכט זיך צעבייטשן.
די קינדער פון די איצטיקע דייטשן
וועלן פאַרשטעלן די אויגן מיט די הענט
פון בושה פאַר אונדזער זוניקן בלענד" (ז' 63).

און אַזוי כסדר אין אַנדערע צאָרן־און נקמה־לידער פון יענער צייט, וואו ער רעדט מיטן שונא, מיטן פאַרדאַרבער פלאַמיקע מידת־הדין־ווערטער.

ז. ווײַנפּער לאָזט אָבער נישט זיין דיכטערישע שיף אויפן צעברויזטן ים אָן אַ רודער. ער שיקט אָפּט אַליין אַרויס איין טויב נאָך דער אַנדערער פון זיין שיף, וואָס אָט־אָט האַלט זי אין צעשמעטערט ווערן דורך די ווילדע שטורעמס, און די טויב ברענגט אים אַ גרין צווייגל, אַן אָנזאָג, אַז דער וועלט־מבול ווערט איינגע־שטילט און אַן אָנזאָג אויף מענטשלעכן באָדן. ער בייט, ז. ווײַנפּער, דעם אינ־סטרומענט, ער ענדערט זיין דיכטונג.

אין זיין ליד „פּופּציק" — איינס פון די לידער, וואָס עפנט דאָס בוך, „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן", זאָגט ז. ווײַנפּער:

„אומרו מיינער דורך די נעכט,
אומרו מיינער דורך די טעג,
גיי ווייטער אויף דעם וועג
ביי דעם אַקערדיקן שאַרף!
אַמאָל האָב איך געשפּילט אויף דער האַרף,

אויף דעם קאָרנעט,
דעם קלאַרנעט,
דער פלייט און די פידל, —
היינט שפּיל איך אויף דעם אַקער און דעם רידל" (ז' 16).

5.

און „עת לבנות", „עת לטעת"! ס'איז דאָ אַ צייט פאַר בויען, און ס'איז דאָ אַ צייט פאַר פלאַנצן!

אין דעם גרויזאַמען געראַנגל פון די פינצטערע כוחות מיט די ליכטיקע, אי־נעם העפטיקן קאַמף אויף טויט און לעבן, אין דעם געפעכט פון רעאַקציע און פּראָגרעס, זעט ז. וויינפּער די הויכע שליחות פונעם דיכטער צו וועקן, צו וואָרענען, צו רופן. ער שטעלט אָן וואָס־מער זיין פען, ער שפּיצט אָן זיין פייל, ער גליט אָן זיין וואָרט.

מען דאַרף נאָך נעמען אין באַטראַכט די באַזונדערע שווערע לאַגע פונעם יידישן דיכטער, וואָס איז נישט געגאַנגען מיטן „ברייטן שליאַך" פון דער אַלגעמיינער יידישער ליטעראַטור און וועלכער האָט אויסגעקליבן צו זיין גאָר אין „מינדערהייט" און געהערט צו דער פּראָגרעסיווער ריכטונג אין דער יידישער וועלט. עס איז זיכער אַ דרייסטער גאַנג, אין אוניסאָן מיט די פאָרגעשריטענע טיילן פון דער מענטשהייט, וואָס מאַרשירט מיט גלויבן צו אַ פרייער, שיינער וועלט. נאָר וויפל שטיינער שאַלן אויפן קאָפּ פונעם שאַפער, וואָס האָט אָפּגעקערט פונעם „דרך המלך" און זיך פאַרנומען אויף די געפערלעכע, אָבער ליכטיקע שטעגן־וועגן פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט!

האָט ז. וויינפּער דורך זיינע לידער אויפגענומען די אָנגריפן און זיי אָפּגעשלאָגן. אַן עדות זיינען זיינע צענדליקער לידער, וואו ס'קומען צום אויסדרוק די אַטאַקעס, אָפטמאָל די גאַז־אַטאַקעס אויפן דיכטער, און זיינע העפטיקע דיכטערישע אָפּשלאָגן און אָנגריפן.

ס'איז נישט קיין צופאַל, וואָס דר. ח. זשיטלאָווסקי, אין זיין באַגריסונג־אַרטיקל צו ז. וויינפּערס 50־טן געבוירנטאָג (געשריבן אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין טויט, אַפּריל 1943), האָט באַטאָנט, אַז ער באַגריסט אים, ווי „אַ יידישן סאָציאַליסט, וועמען עס זיינען גלייך טייער די אידעאַלן פון אַ באַפרייטער אַרבעטאָרישער מענטשהייט און פון אַ באַפרייטן, זיך נאָרמאַל אַנטוויקלענדיקן אַרבעטאָרישן יידישן פאָלק". און ווייטער האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי געזאָגט: „זיין, ז. וויינפּערס, שאַפן שטאַמט מער פון אַ דראַנג אַרויסצוזאָגן זיין', אָפּצועפענען דאָס האַרץ און אַראָפּרעדן זיך פון האַרצן... זיין שאַפן איז דער נאַטירלעכסטער אויסדרוק פון אַ פּאָעטישן געמיט. דאָס איז דער אוממיטלבאַרער אָפּרוף, דער ניט־איבערגעאַרבעטער אָפּרוף פון דעם דיכטערס נשמה אויף די איינווירקונגען פון דער דרויסנדיקער וועלט און פון דעם מענטשלעכן לעבן" („ווייזע און געדאַנק", ז"ז 191־192). און ווייטער: „...ער, וויינפּער, זעט די שווערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אויף דעם האָריזאָנט פון דער מענטשהייט און ספּעציעל אויף דעם האָריזאָנט פון אונדזער אייגענעם

פֿאַלק... ער זעט ווי, ער פֿילט זייער מאוימדיק־צעשטערערישע קראַפֿט, ער פֿאַר־שווייגט זיי ניט. אָבער זיי ברעכן ניט זיין מוט, זיי טרייבן אים ניט אין יאוש. אדרבא! זיי שטאַרקן זיין ווילן צום קאַמף" (ז' 193).

נישט צוזאַמענברעכן — נישט ווערן מיטגעריסן און צעריסן פֿון די מאוימדיקע פּאַסירונגען, נישט פֿאַרלירן דעם גלויבן אין אַ שענערער, בעסערער וועלט, נאָר שטאַרקן זיך, מונטערן זיך, אַרויסאַנטפּלעקן פֿון זיך און פֿון דער געשיכטע אינספּי־רירנדיקע און סטימולירנדיקע כוחות, — דאָס איז דער נייער דיכטערישער גאַנג פֿון ז. ווײַנפּער.

און ס'איז גובר די צילאַנגעווענדקייט, ס'לאָקט די שליחות, די מיסיע.

און ביי יעדער געלעגנהייט, ביי אַ יובל־פּייערונג, ביים אַריבערטרעטן די שוועל צו אַ נייעם צייט־אָפּשניט, פֿילט ז. ווײַנפּער די נויטווענדיקייט אונטערצופֿירן סך־הכּלען צום אייגענעם גאַנג, ער וואַרפֿט צוריקבליקן אויף פֿאַרגאַנגענע יאָרן, פּרוּווט מעסטן מיט נייע מאָסן אייגענע אויפֿטוען, ווי אויך באַטאָגען בלאָנדזשענישן, וואַק־לונגען. דאָס איז אַ גוטע מידה, זי רייניקט אָפּ ווילדגראָזן אינעם אייגענעם דיכ־טערישן גאָרטן, צעאַקערט דעם באָדן און גרייט אים צו פֿאַר דעם פֿרילינגדיקן פֿאַרזיי און פֿאַרפֿלאַנץ, וואָס איז אַזוי נויטיק און באַזונדערס נאָכן חורבן, נאָך דער צעשטערונג.

אויך אין דעם דערמאָנטן ליד „פּופּציק" האָבן מיר אַ סכעמאַטישן רעטראָ־ספּעקט פֿון זיין לעבן און דיכטן. ס'לויפֿן פֿאַרביי פֿאַרשיידענע פּעריאָדן און תּקופֿות. ס'זײַנען ווידעראָמאָל געגעבן די הויפּט־פּאַסירונגען פֿון אייגענער פֿאַר־גאַנגענהייט דורך טריסק, בריסק, ראָוונע, ניו־יאָרק, ארץ־ישראל, ביז דער נייער איבערוואַנדלונג, ווען אָנשטאָט „זיך פֿאַרוויגן מיט אַ ליד" איז „שוין אָנגעלאָדן איצט זיין געמיט"... אָט דאָס דערמאָנען און זיך אומקערן צו אייגענע פֿאַרגאַנגענע יאָרן האָט אַ טאָפּלטן זין און באַטייט: ס'איז דאָ אַ ווילן זיך צו באַפֿרייען פֿון אַמאָליקע יאָכן און גלייכצייטיק אויך שעפּן מוט, פֿעסטקייט און גלויבן, וואָס ס'איז אַזוי נוי־טיק צו קאָנען ביישטיין די אַלע שווערע נסיונות. ז. ווײַנפּער געפֿינט אין דעם הילף, טרייסט און שטיץ־פּונקטן פֿאַר ווייטערדיקן גיין, פֿאַר ווייטערדיקן שפּאַ־נען אין די אומרויִקן פֿונעם אַרומיקן לעבן.

6.

און אין זיין כּסדרדיקן גאַנג, אין זיין וואַנדערן, אין זיין געטריבן ווערן פֿון אייגענעם אומרו און פֿון די דרויסנדיקע געשעענישן, וואָס ברענגען די ערד אונ־טער די פֿיס, איז ז. ווײַנפּער נאָר על־פּי צופֿאַל, געקומען צו איינעם פֿון די נאַ־טור־וואונדער, געקומען זען, אָנצוקוקן, אָבער ער איז געבליבן אַ פֿאַרגאַפּטער און איז אַוועק פֿון דאָרטן איינגאַנצן אַן אויפֿגעלויכטענער און צעהעלטער.

גרענד־קעניאָן, ביים גרענד־קעניאָן... עס איז געווען אַ גרויס געשעעניש פֿאַרן דיכטער, וואָס זיין צוקומען פּנים אל פּנים מיט דעם גרויסן וועלט־וואונדער, האָט אים געגעבן נייע מעגלעכקייטן אַרויסצוגראָבן פֿון זיך אויסטערלישע געפֿילן, מערק־ווירדיקע טראַכטענישן, אַ גאַנצע גאַמע פֿון פֿאַרטיפֿטע מחשבות וועגן גאָט, וועלט,

מענטש און נאַטור. אין אָנגעזיכט פון דעם פילקאָלירנדיקן שטומען גראַניט, וואָס רעדט מיט זיין שטומקייט און שעמערירט און בלענדט מיט זיין פאַרגליווערטקייט, וועקן זיך און וועבן זיך ביים דיכטער די ווידערשפּרעכנדיקע געפילן און געזאַנגען, וואָס ווילן פאַרשווייגן און פאַרשרייען דאָס געזעענע און געהערטע אַרום דעם גרענד־קעניאָן. ס׳איז שווער צו באַנעמען און באַגרייפן די לידער, די עפּיש־ליי־רישע און די עלעגיש־פילאָסאָפישע, ווען מ׳האָט אַליין, מיט אייגענע אויגן און מיט אייגענע אויערן, נישט געזען און נישט געהערט דעם מעכטיקן גרענד־קעניאָן.

דאָס בוך „ביים גרענד־קעניאָן" איז אין קיין פאַל נישט קיין שילדערונג, קיין מאָלעכץ וועגן און פון גרענד־קעניאָן. אין דער יידישער ליטעראַטור האָבן מיר איניקע פיינע באַשרייבונגען־שילדערונגען וועגן און פון אָט־דעם פּרעכטיקן מערק־ווירדיקן טאָל פון טאָלן. אויך איך האָב, מיט אַ 10 יאָר צוריק, נאָך אַ באַזוך ביים גרענד־קעניאָן, נישט געקאָנט גובר זיין דעם „יצר הרע" און אָנגעשריבן אַ באַגייסטערטע שילדערונג פון אָט־דעם וואונדער שבוואונדער. גאָר אַנדערש איז ז. ווינפּערס „ביים גרענד־קעניאָן". ז. ווינפּער איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט וויזיעס, מיט זעאונגען, ער זינגט און באַזינגט אָט־די אויסטערלישע זעאונגען, ווי זיי שפּיגלען זיך אָפּ אין זיין געמיט און ברענגען אים אַרויף אויף פאַרשיידנאַר־טיקסטע געדאַנקען.

ער איז אַ פאַרגאַפּטער פון זיין אייגענעם געזאַנג, וואָס זינגט אַרויס פון אים. ער איז פאַרגאַפּט פון די שורות, וואָס שנירלען זיך פון אים, ביי דער אַנטפּלעקונג פונעם נאַטור־וואונדער. דער געזאַנג, וואָס קומט אַרויס פון אים, פון זיין האַרץ, — דאָס געזאַנג, וואָס ווערט ליד.

ז. ווינפּער הויבט אָן אַזוי זיין בוך „ביים גרענד־קעניאָן" (ניו־יאָרק, 1947):

„אָט איז דאָך דאָס געזאַנג, / וואָס האָט אַזוי לאַנג / געגליט / אין מיין געמיט / און איז קיין ליד / נישט געוואָרן..." (ז׳ 9).

ז. ווינפּער זאָגט וועגן זיין „ביים גרענד־קעניאָן", אַז „די לידער, וואָס גייען אַריין אין דער זאַמלונג זיינען וואַריאַציעס פון שטימונגען און רעפלעקסן נאָך מיין באַזוך ביי יענעם פאַרנישופטן פּראַכטפולן וואונדער אין דעם שטאַט אַריזאָנאַ פון אונדזער לאַנד אַמעריקע". און ער גיט צו: „...די גראַנדיעזקייט פון דעם גרענד־קעניאָן איז נישט אַזוי אין זיין אייגענעם אויסזען, ווי אין דעם כוח אויפצוטרייס־לען דאָס געמיט פון דעם, וואָס געפינט זיך לעבן אים און אין אים, און עס זיינען אָט־די אויפטרייסלונגען, וואָס איך האָב זיך באַמיט צו געבן..." ווייל, — זאָגט ווינפּער, — „פאַר דעם שעפערישן מענטשן איז סוף כל סוף נישט אַזוי וויכטיק דער געגנשטאַנד, נאָר וואָס דער געגנשטאַנד רופט אַרויס און רעגט אָן" (דאָס פאַרוואָרט צום בוך, ז׳ 7).

אגב, אין די פאָר שורות, וואָס ז. ווינפּער כאַראַקטעריזירט זיין „ביים גרענד־קעניאָן" האָבן מיר אייגנטלעך אַ שליסל צו ז. ווינפּערס דיכטערישן שאַפן בכלל. ס׳איז נישט נאָר ביים גרענד קעניאָן אַזוי, נאָר בכלל, ביי די אַלע איבערלעבענישן און אויפטרייסלונגען פון די לעצטע יאָרן האָבן מיר אין ווינפּערס לידער „וואַרי־אַציעס פון שטימונגען און רעפלעקסן" און אַדורכגעמאַכטן און אַדורכגעפילטן. דאָס

לעבן, די געשעענישן אין לעבן מיט גאָר זייער גראַנדיעזקייט ווערן דורך ז. ווײַנ־פּער אַרויסגעבראַכט „ביַשט אַזוי אין זייער אייגענעם אויסזען", ווי „די אויפטרייס־לונג פון דעם געמיט פון דעם דיכטער", וואָס געפינט זיך לעבן זיי און אין זיי...

און ווידעראַמאָל לאָזט זיך ז. ווײַנפּער אין אַ דיכטערישער פּאָרש־עקספּעדי־ציע אין זיינע אייגענע פאַרבאָרגענישן, אין די אינעווייניקסטע קאַמערלעך פון זיין גייך, פון זיין שטייגן צו אַלץ העכערע אייגענע עולמות, און ער זאָגט דערביי מיט באַדויער און מיט צופרידנקייט:

„אַ לעבן מייגס — („גרויזאַם רעטעניש", „ביים גרענד־קעניאָן", ז' 33) — יאָגעניש, איילעניש, כסדרדיק וואַנדערן!" און מיט עטלעכע שורות ווייטער:

„אומרו מיינער! — ווינט פאַר פליגל אויף פאַרשעמטע מילן!
זע, אפילו אינעם גאַנג צו קלאָרע צילן
קאָן איך דיך נישט קערעווען, פאַרשפּילן..." (ז' 33).

און ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל — קומט ער פון געיעג אויף וועג (זיין באַ־ליבטער אויסדרוק!).

„...נאָר אָט איז ווידער שטורעם אָנגעלאָפן
אין זיין אימפּעטיק געיעג,
און ווידער בין איך שוין מיט אים אין וועג" (ז' 34).

ער וויל אַנטפּלעקן דעם אייגענעם סוד, ער זוכט באַשייד און אויסוועג פון אומרו. און אין אַן אַנדער ליד, „און דער סוד איז אַלץ נאָך אַ סוד", זאָגט ז. ווײַנפּער:

„אַ לויב! אַ לויב! אַ לויב!
צו דעם אומרו פון טראַט
אין זיין גאַנג צו דעם סוד
פון דעם אחד.
— — — — — — — — — — — — — — —
אונדזער אומרו צעברויזטער,
געפרייזטער, געגרויסטער
איז אין זיך אַליין אַ גרויסע באַשאַפונג.
אַ ליד פון וואונדערלעכער פאַרגאַפונג..." (ז' 39)

עס איז נישט שייך צו ציטירן טיילן פון לידער אָדער גאַנצע לידער פונעם בוך, וואָס ביים גרענד־קעניאָן, ווי ביים כותל־המערבי, קלאָגט ווײַנפּער אויס זיינע יידישע און מענטשלעכע ווייען, לאָזט זיך מיט זיין השתפכות־הנפש צו הויכע מדרגות און דערביי פירט ער אַדורך פאַר זיינע אויגן און טראַכטענישן גאָר דעם צער און גאָרן פון דעם יידישן מענטש אין דער היינטיקער שווערער צייט.

אין „ביים גרענד קעניאָן" האָבן מיר טיף־אָריגינעלע לידער־געזאַנגען. דאָס רופן און איבעררופן זיך מיטן שטומען גראַניט, די רעפלעקסן פון דער אַרומיקער גראַנד־עזקייט, די טיפע אָפּהילכן אינעם געמיט פון דער שטיינערנער שטילקייט, די מענטשלעכע געדאַנקען, וואָס מישן זיך מיט דער געטלעכער מעכטיקייט, — דער

צאַפּל אַרום דעם גליוּוער — דאָס אַלץ איז אינספּירירנדיק און אָנרעגנדיק. „ביים גרענד־קעניאָן" איז בלי ספק איינס פון די דערהויבנסטע און פאַרטיפטסטע שאַ־פונגען פון ז. וויינפּער אין אין דער יידישער דיכטונג.

7.

און אָט אַ נייער גאַנג, אַ דרייסטער געקלעטער און אַ געשטייג צו די נביאים. ווי אַרום האָט דער דיכטער זיך אַוועקגעלאָזט צו זיי? אין די עטלעכע אַריינפיר־לידער, אין די פּרעליודיעס צום בוך האָבן מיר אַן ענטפער אויף דער פראַגע, ווי קומט עס, וואָס ז. וויינפּער האָט פאַרקערעוועט זיין דיכטערישן וועג אין דער ריכ־טונג פון משה, אליהו, עמוס, ישעיה און די איבעריקע נביאים.

אינעם ליד „זייט מוחל!" זאָגט ז. וויינפּער: „...אַ מענטש, וואָס טראָגט אין זיך די פּיין, / די פרייד און די האָפענונג פון דעם אייגענעם דור, / מישט אויס זיין חלום אין דער וואָר / פונעם נעכטן אינעם גאַנג צום היינט" (ז' 9). אין דער „באַלאַדע פון בן־אדם" פירט ז. וויינפּער אַדורך דעם מענטש איבער די שבעה מדורי גיהינום פונעם אַרומיקן לעבן, דעם מענטש, וואָס האָט אויסצושטיין אַזוי פיל קלעפּ און אָט ווייזט זיך אויס, אַז ער איז שוין פאַרלוירן, און דאָך הויבט ער זיך אויף מיטן שווערן געפּעק און גייט ווייטער זיין וועג. און דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער באַלאַדע:

„בן אדם איז שוין אויף די וועגן ווייטער,
פון ווייטן העלט נאָך העלער איצט דער שייטער,
און שיינט, באַשיינט זיין שווערן און עקשנותדיקן גאַנג,
און פון זיין בלוט גייט אויף אַ נײַ און פריש געזאַנג". (ז' 21)

דאָס בוך „פּאָעמען וועגן די נביאים" גיט נישט קיין שילדערונגען פון די נביאים. ז. וויינפּער האָט פאַרהיינטצייטיקט די נביאים. ער רופט זיך איבער מיט זיי, מיט זייערע נביאישע רייד, וואָס זיינען פאַר דעם דיכטער אַזוי גליאיק, פלאַ־מענדיק ווי אין דער צייט, ווען זיי זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין אָנגעזיכט פון די עוולות, הפקרות, פאַרברעכנס.

נאָך אַמאָל, גאָר אַמאָל האָט ז. וויינפּער אין זיינס אַ פאָלקס־ליד באַזונגען מיט באַדויער און מיט הומאָר, דאָס אָרעמע, נישטיקע פאַסטוכל, וואָס פאַרשלאָפט אַלץ, און וואָס צוליב זיין שוואַכקייט ווערט אומגעבראַכט די טשערעדע שאָף. פון יענעם פאַסטוכל־ליד ביז די איצטיקע פּאָעמען וועגן נביאים — און דער גרויסער פּאָ־עמע וועגן דעם פאַסטוך משה — איז פאָלג מיך אַ גאַנג! פאָלג מיך אַ גאַנג — אין אידייאישן פאַרנעם, אין דיכטערישער אויפפאַסונג, און פאָלג מיך אַ גאַנג — אין פּאָעטישער רייפקייט!

די נביאים, וואָס ז. וויינפּער ברענגט אַרויס אין זיינע פּאָעמעס און לידער, זיינען אַדאַפּטירט דורך אים. ער האָט זיי פאַראייגנט, פאַרהיימישט. ער פורעמט זיי אויס אויף אַן איצטיקן שטייגער, גיט אַריין אין זייער מויל אַקטועלע ווערטער און נוצט אויס אויך זייערע נביאישע רייד צו שטעמפּלען די היינטיקע וועלט, וואָס

איז פול מיט סאָציאַלע עוולות, מיט קרומקייטן ווי אַמאָל. דורך די נביאים, וואָס האָבן געטראָגן זייער גליאיק וואָרט קעגן די פאַרדאַרבער, וואַרפט ער שטראָף־רייד אויך אויף די אומווירדיקע דיכטער, וואָס אַנטלויפן פון שליחות. ער טייטלט אויף דעם נביא, וואָס זיין גורל איז גיין. ער בייזערט זיך אויף די, וואָס ווילן „מיט חלום פאַרבייטן די גרויליקע וואָר". ז. וויינפּער נעמט אויף מיטן זעלבן פּאַטאָס, פאַרגאַפונג און באַגייסטערונג די צאָרנדיקע, ברויזנדיקע נביאים, ווי די שטילע, האַרציקע, צאַרטע. מיר האָבן דאָ אַלע עלעמענטן פון דיכטערישן געזאַנג, — פון שטילע, שעפּשענדיקע לירישע רייד ביז פלאַמפייערדיקע צאָרנדיקע שטראָפרייד.

וועגן „משה" שרייבט ער: „נישט פאַרשוואונדן — ער איז דאָ / אומעטום מיט אונדז אויך היינט, — / זע, עס גייט פאַראויס די שעה, / און אין איר איז ער צעשיינט" (ז' 28).

אין „אליהו" זאָגט ער: „זיי זיינען געזאַנג / פון ליכטיקן ליד, — / זיי זיינען דער גאַנג, — פון מענטשלעכע טריט" (ז' 68).

און אָט פלעכט ער אריין אין זיין פּאָעמע וועגן ישעיה דעם ערשטן אַזעלכע שורות:

„ווי גוט איז מיר, אַ היינטיקן פּאָעט
צו הערן, ווי דו ביסט אַ לויטערער צערעדט, —
זע, זע, — אָט שעפּ איך איצט אַ פולע קוואַרט
פון קוואַל, וואָס שלאָגט פון דיין געלייטערט וואָרט!" (ז' 113).

און אין זיין ווענדונג צו עובדיה זאָגט ער: „הער, ווי דיין קול איז איצט דורך מיר נאָך צערעדטער".

ז. וויינפּער האָט אויפגעלעבט די נביאים אין זיין פאַנטאַזיע, אין זיין וויזיע און ער רעדט צו אונדז דורך זייערע ווערטער. ער כאַפּט אָן אָפט דעם פאָדעם פון זייער וואָרט און ציט אים ווייטער. ער ברענגט אריין אין דער היינטצייטיקייט סיי זייערע שטראָף־רייד און סיי זייערע דערמוטיקונגס־ווערטער.

און אָנגעצונדן פון יחזקאלס פאַנטאַזיע, זינגט ז. וויינפּער:

„בית־המקדש איז נישטאָ שוין דאָרט?
אָפּגעברענט, — פאַרצערט? פאַרצערט?
וועט קדושה ווערן אונדזער וואָרט
אויף דער גאַנצער ערד!
אויפגייען וועט עס העל, צעבלענדט
און באַלויכטן אונדזער גאַנג,
וועט עס ווערן פונדאַמענט
אונדזערער אויף דורות לאַנג" (ז' 184).

דאָס איז דער גאַנג פון ז. וויינפּער אין די פערציק יאָר פון זיין דיכטערישן וועג.

און צו זיין 60־סטן געבוירנטאָג ווינטשן מיר אים, פאָרזעצן זיין גאַנג באַרג־אַרויף און אַלץ העכער און העכער, און אין אַ שיינער, פרידלעכער, ליכטיקער וועלט!

אַפּריל, 1953

ז. ווײנפּערס שאַפונגס־וועג די לעצטע צוואַנציק יאָר

.1

קיינעם פון אונדז — און ז. ווײנפּערן אוודאי נישט — איז גאָרנישט איינגע־פאַלן, אַז מען וועט האַלטן ביים אונטערפירן אַ סך־הכל, אַ לעצטן סך־הכל פון זיין לעבן און שאַפן, — זיין לעבן און שאַפן, וואָס זיינען אַלע יאָרן געווען אַזוי ענג און אָרגאַניש צונויפגעבונדן, נישט צום אָפּטיילן. ווײנפּער איז דאָך די לעצטע יאָרן געווען באַזונדערס אַקטיוו־שאַפעריש, אפשר ווי קיינמאָל נישט אין זיין אימפּעט־דיקן לעבן. ער האָט דאָך נישט געקאָנט אָנזעטיקן זיך מיט זיין שאַפן און גע־גאַרט נאָך און נאָך צו שרייבן. ער האָט געהאַלטן אין זיין דיכטערישן גאַנג אין גייך און אין קלעטערן אַלץ ווייטער און אַלץ העכער, און אַזוי אויך איז ער געווען באַזונדערס אַקטיוו־אימפּולסיוו אין זיין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אָבער פאַרפאַלן! דער פּלוצימדיקער און אומגעריכטער טויט, וואָס האָט ווײנ־פּערן אויסגעכאַפּט אין סאַמע מיטן, אין דעם סאַמע ברען פון זיין אַקטיוון לעבן, פאַרלאַנגט פון אונדז אונטערצוציען אַ דערווײליקע ליניע אונטער זיין דיכטערישן פאַרמעגן. מיר באַטאָנען דערווײליקע, ווייל מיטן ווייטערדיקן שטודירן און פאָרשן ווײנפּערס רייכע פיל־קאָליריקע קינסטלערישע ירושה, וועט זיכער אויסקומען אָט די סך־הכל־ליניע, די אונטערשטע שורה נאָך פיל־פיל ענדערן. ביים צונויפברענגען ווײנפּערס גאָרן ליטעראַריש־דיכטערישן פאַרמעג, זיין פולן האָב און גאָב, וואָס געפינט זיך אין די קאַמערן און שפּייכלערס, אין די אוצרות פון ווײנפּערס ירושה, וועט מען זיך דערוויסן מערער און פולער וועגן זיין אומגעהויערן דיכטערישן שאַפן.

ז. ווײנפּער האָט פאַרעפנטלעכט איבער צוואַנציק ביכער און ביכלעך, וואָס נעמען אַריין איבער צוויי טויזנט זייטן לענגערע און קירצערע לידער, פּאָעמען און דראַמאַטישע שאַפונגען, איבער טויזנט זייטן פּראָזע, — צווישן זיי דריי לעבעדיקע רעאַליסטישע ראָמאַנען־שילדערונגען, און אויך דריי בענד טרעפלעכע פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער. די אַלע ווערק זיינען פון פאַרשיידענעם כאַראַקטער און זשאַנר, און אויך פון פאַרשיידענע קינסטלערישע פאָרמען. און דאָס אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין בוך־פאָרם, איז דאָך בלויז אַ טייל פון דעם אַלעמען, וואָס ז. ווײנפּער האָט פאַר די 44 יאָר פון זיין פּראָדוקטיוון שאַפן געהאַט געדרוקט אין פאַרשיידענע צייטשריפטן און זשורנאַלן.

די יידישע קריטיק האָט זיך נישט געגעבן די מי אַרויסצוברענגען די קאָליר־פולע פילזייטיקע דיכטערישע ווײנפּער־געשטאַלט אין איר פולן פאַרנעם, און עס איז אויך נישט געמאַכט געוואָרן קיין ערנסטע פּרוואוון צו ווייזן דעם גאַנג פונעם דיכטער דורך די אַלע יאָרן, זינט 1914 ביז זיין לעצטן שאַפונגס־טאָג, ווען ער האָט אומגעריכט אויסגעהויכט זיין אָטעם...

עס איז דעריבער דער חוב פון אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג נאָכצוגיין פוס־

טריט נאָך ווײַנפּערס פאַרשײדנאַרטיקן שאַפן און אָנמערקן די וועג־צײכנס און קעגן־צײכנס פון זײַן גאַנג אין דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון זײַן דיכטערישן שאַפעריש־זוכערישן וועג: פון טריסק, זײַן הײמשטאָט, וואָס זײַנע וואָרצלען זײַנען געבליבן דאָרטן שטעקן און פון וועלכע ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו ציען דיכטערישע יניקה, דורך ראָוונע, בריסק, וואַרשע, — דערנאָך ניו־יאָרק ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, זײַן באַהעפטן זיך צום לעגיאָן און ארץ־ישראל, און זײַן צוריקקומען קיין ניו־יאָרק, זײַנע באַזוכן אין אײראָפּע, וואלין, פוילן, בערלין, פּאַריז, און —ווידער אַמעריקע. און די לעצטע צוואַנציק יאָר — דער שליח־ציבור פונעם איקוף, ווען ער האָט אויף זיך אַרויפגענומען דעם עול און די מיסיע פונעם קולטור־טרעגער און קולטור־בויער, די אַלע יאָרן, — ווען ער האָט ענג פאַרבונדן פּען, וואָרט און טאַט, און דורך אָט־דעם „חוט המשולש“, דורך דער ענג־צונויפגעפלאָכטענער הבדלה, האָט ער, ווי מענטש און דיכטער, געברענט און געלויכטן, אָנגעצונדן און באַגײסטערט טויזנטער און טויזנטער פאָלקס־מענטשן פאַר דעם יידישן וואָרט, פאַר דער יידישער קולטור, פאַר דער איקוף־בויאונג.

דאָס אַלץ זײַנען וויכטיקע איבערוואַנדלונגען ניט נאָר פון ווײַנפּערן, דעם יחיד, און עס זײַנען אויך נישט בלויז פיזישע, געאָגראַפישע דיסטאַנצן פון רײזעס, נאָר עס זײַנען אויך גײַסטיקע, שאַפערישע, אידײאישע, אידעאָלאָגישע גלגולים, וואָס פיל פון אונדז האָבן אַדורכגעמאַכט, יעדער אײנער אויף זײַן אופן, פאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן. און די אַלע יאָרן, די זײער רײַכע און פאַרשײדנאַרטיקע, די אָנגעזעטיקטע מיט אַלגעמײנע און יידישע קאַטאַסטראָפעס, אומגליקן, מיט צרות־צרורות, מיט טרוימען און נסים, מיט האונדער שבוואונדער, מיט אַ מתן־תורה, און מיט נײַע לוחות און געבאָטן, און גלײַכצײַטיק אויך — מיט שווערע געראַנגלעניש און שטרײַטן, מיט שטרויכלונגען און אַנטוישונגען; יאָרן פון אַלץ נײַע פאַרמעסטן און האָפענונגען, און אויך פון קלעפּ, שווערע קלעפּ, וואָס זײַנען געקומען פון דער זײַט, פון וועלכער מען האָט זיך אַמווייניקסטן געריכט זײ צו קריגן.. הכלל, די יאָרן פון די צוויי וועלט־מלחמות, מיט די רעוואָלוציעס און פּאָגראָמען, מיט בירגער־קריג איף ווײַטע שלאַכט־פעלדער און הײמישע בירגער־קריגן אין און אַרום אונדז, וואָס האָבן צעשײדט, פאַרפרעמדט און דערווײטערט אײגענע, נאָענטע... דאָס אַלץ האָט זיך טיף טיף אַרײנגעשניטן אין די געמיטער פון די טיף־פילנדיקע מענטשן, פון קינסטלער און דיכטער, און דאָס אַלץ איז געקומען צום אויסדרוק אין די אַלע פאַרשײדנאַרטיקע וואַכע און ציטער־צאַפּלדיקע שאַפונגען פון ז. ווײַנפּער.

.2

ז. ווײַנפּער איז אַלע יאָרן געווען געטריבן פון זײַן אײגענעם אימפּעט, אָבער אין דער זעלבער צײַט איז ער געטראָגן געוואָרן פון די אַרומיקע לעבנס־שטראָמען. ער האָט גערן זיך געלאָזט מיטרײַסן מיט די אויפברויזנדיקע כוואַליעס אָט אַרויף און אָט אַראָפּ... און וואָס געהערט, געזען און געפילט, און וואָס ער האָט

איבערגעלעבט און אַדורכגעוויטיקט, האָט ער אַרויסגעבראַכט אָפן און אָפנהאַרציק אין זיינע לידער.

ער איז שטענדיק געווען דינאַמיש, הן אין זיינע לירישע און הן אין זיינע עפּישע לידער, און אַוודאי — אין זיינע שפּעטערדיקע מער־זאַגערישע שאַפונגען, וואָס זיינען דיקטירט געווען פון זיין אינעווייניקסטן וועזן, און וואָס זיינען געווען אויסדרוקן פון זיין אַקטיווע אויפנעמען וועלט און געשעענישן. ער איז כסדר געווען אין שפּאַן פון זיין אייגענעם געמיט און פון די דרויסנדיקע שטראָמיקע כוחות. זיין דיכטעריש שאַפן איז דורכאויס אויטאָביאָגראַפיש, ווי זיי זיינען אויך שטאַרק אויטאָפּאָרטרעטיש. און אין דער זעלבער צייט — זיינען עס צייט־לידער, וואָס זיינען אויפגעקומען און געשריבן געוואָרן אין באַשטימטע פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע צייט־אָפּשניטן. אין דעם איז וויינפּערס אייגנאַרטיקייט און אייגנטימלעכקייט. אין דעם — זיין גבורה און אויך — זיין שוואַכקייט. פון זיין פּאַרטראַכטן אַ ליד ביזן פאַרענדיקן עס, פון דעם אָנלאָד ביזן אויסלאָד איז ביי אים נישט געווען קיין דיסטאַנץ. און דערצו איז ער געווען שטאַרק אויסגעבונדן און צונויפגעבונדן מיט זיין דיכטערישן שאַפן, זיך געפילט מיט אים גאָר אייגן, היימיש, גוט־ברודעריש. איינער האָט הנאה געהאַט פונעם אַנדערן. און אַזוי אַלע יאָרן, אין די פריערדיקע און אין די שפּעטערדיקע, האָבן זיי גערעדט און זיך אינטים און אָפנהאַרציק איבערגעשמועסט איינער מיטן אַנדערן.

זיין בוך „אונטערוועגנס" (ניו־יאָרק, 1934) הויבט ז. וויינפּער אָן מיט די שורות: „וואָס איז אַ ליד? / דער גאַנג פון טריט". און אינעם ערשטן ליד פון זיין בוך „דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן" (1943) זאָגט וויינפּער: „יעדע שורה פון מיינס אַ ליד / איז אַ טראָט פון מיינע טריט, / געזאַנג פון מיין געזאַנג... / פון אַלע געשעענישן בין איך געפאַנגען". און זיין בוך „ביים גרענד קעניאָן" (1947) פאַרענדיקט וויינפּער: „אַ גרויס געזאַנג / און פול מיט ברויז / איז זאָך דער גאַנג / צו דעם פאַראויס!"

און אויב גאָר פריער האָט זיך זיין גאַנג געגראַמט מיט געזאַנג, איז שוין דער וועג אין די ווייטערדיקע לידער געפּאָרט ביי אים מיט געפּעק... ער הויבט שוין אָן וואָס ווייטער צו פילן די אחריות, די פולע אחריות פאַרן וואָרט.

עס איז איבעריק אַ טעות צו מיינען, אַז ערשט אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָט וויינפּער גענומען פילן גאָר די ערנסטקייט און צילאַנגעווענדקייט אין זיין דיכטערישן שאַפן. אין אַ ליד „אויפן וועג אַהין" (געדרוקט אין „אונטערוועגנס", 1934, מיט 23 יאָר צוריק און אפשר איז עס געשריבן נאָך פריער!)) זאָגט וויינפּער שאַרף און שניידיק:

„אויפן וועג אַהין וועט אויסקומען אַריבערצושפּאַנען
בייטן, מיט די אייגענע הענט צעבראָכענע, פאַרזעצטע, —
די געוויקסן, וואָס זיינען איבער זיי פאַראַנען,
וועלן קוקן ווי אויגן מיט טרערן איינגענעצטע,
גאָר שפּאַנען וועט מען סיי־ווי מוזן, — אָך, ווי שפּאַנען!" (ז' 10).

און נאָך · ווי וויינפּער איז נישט געבונדן אין זיין דיכטערישן שאַפן מיט

זײַנע אײגענע איבערלעבענישן און אײגענע טראַכטענישן, מאַכט ער אָבער נישט אין זײַנע לידער בלויז „הקפות אַרום זיך", ווי עס טרעפט אָפט מיט עגאָצענטרישע ליריקער, נאָר זײַנע לידער ברענגען אַרויס אין סך־הכל אויך די איבערלעבענישן פון זײַן דור, פון זײַנס גלײַכן. ווײַנפּער האָט זיך אַרויסבאַפרײַט פון זיך און אַרום זיך שוין לאַנג. גלאַט אַזוי — שײַן־דיכטערײַ, שײַן־שרײַבערײַ — איז אים פרעמד. ער האָט אַלעמאָל געהאַט די כוונה, דעם מיין, און מיט דער צײַט איז אים אויך צוגעקומען דער געזעלשאַפטלעכער מיין. זײַן שירה איז שוין אַדורכגעדרונגען מיט שליחות. זײַן דיכטערישער באַרוף — מיט רוף, מיט רופן.

אין אַ ליד „פּאָעטן און עסטעטן" („אונטערוועגנס", 1934) זאָגט ער צו פּאָעטן און מײנט זיכער אויך זיך אַלײן:

„עסטעטן און פּאָעטן, אַלע קומט אַהער —
צי לעכערט דען נישט אײַער אײדעלן געהער
דאָס שרײַען פון דער גרויער, הוילער גויט
נאָך דאַך אויף קאָפּ, נאָך מלבוש און נאָך ברויט?" (ז' 11).

און נאָך שאַרפער דריקט ער אויס אײנעם סוף פון ליד:

„עסטעטן און פּאָעטן, — איך בין דאָס בלוט פון אײַער בלוט
און ווײס, אַז מײַנע רייד איצט זײַנען אויך נישט מער ווי ליד,
נו, איז הערפּאַר פאַרוואָלקנט מײַן געמיט,
עס ווײַנט אויף קראַנקהײט מײַנער אײגענער, ווײַל קראַנק
בין איך אַזוי ווי איר, אויף לידער און געזאַנג" (ז' 12).

ז. ווײַנפּער הויבט אָן זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון, אַ דין וחשבון, ער ווערט אַלײן פּאָרזיכטיקער און רופט אין זײַן ליד „פּאָרזיכטיק, ברודער!" (ווידעראַמאָל רעדט ער צו אַ צווײטן און מײנט בעיקר זיך!) „אין אַזעלכע טעג איז אַ קונץ"... „צו וויסן וואו אַ פוס צו שטעלן", ווײַל — וואָרנט ער, — „נישט אַלע שוועלן, / וואָס פירן / צו אויפגעפּראַלטע טירן, / ברענגען אונדז אין הײזער". און ווײַטער: „נישט יעדער ווײַזער / אויף אַ זײגער ווײַזט די צײַט אונדז אָן", און „נישט יעדע פאָן / וואָס פלאַטערט אין דער לופט / רופט / און ווײַזט דעם אויסדערווײלטן וועג". דאָס ליד ענדיקט ווײַנפּער:

„אין אַזעלכע צעמישטע טעג,
פּאָרזיכטיק, ברודער, אויפן וועג!" (ז' 26).

.3

ז. ווײַנפּער, וואָס איז פון אַלע מאָל אײַנגעוויגט געוואָרן פאַר אַ זאַרגלאָזן זינגער, זינגער־באַזינגער פון גליק און פרייד, איז גאָרנישט אַזוי לײַכט און לײַכטזיניק אַריבער אויף נײַע רעלסן, עס איז אים גאָרנישט אַזוי גרינג אָנגעקומען. עדות זײַנען די אַלע לידער, וואָס דערצײלן אויף אַ פּשוטן אויפריכטיקן אופן אין שטײגער, ווי די איבערוואַנדלונג איז פאָרגעקומען (אגב, וועגן דעם דערצײלט ז. ווײַנפּער אין זײַן אויטאָביאָגראַפישער פּאָעמע „פּיניע", 1938). טיף־רײַנדיק און עכט־

ליריש גיט ער איבער אין איינעם אַ ליד „די בעטלערין — די איינזאַמקייט״ (אין „אונטערוועגנס״), ווי „זיין איינזאַמקייט בעטלט, ווי אַ בעטלערין, ביי פרעמדער טיר״ אַ „ביסל פרייד ביי אים פאַר זיך אַליין״. אָבער ווײנפּער וואָרנט, אַז ער וועט „זי דאָרט לאָזן שטיין״, „מיט אירע אויסגעשטרעקטע, הונגעריקע הענט״, ווייל „נייער גאָט האָט סיי־ווי שוין פאַרלענדט / דאָס זינגלאָזע פון מיינע נעכט און טעג״. און ווײנפּער גיט צו:

„פאַרוואָר, — נישט היימיש איז מיר נאָך דער נייער וועג,
נאָר אַלטער האָט נישט מער ווי חלום בלויז געהאַט.
און איך בין מין חלימות ביזן האַלדז שוין זאַט״ (ז׳ 37).

ז. ווײנפּער איז שוין פון לאַנג געוואָרן אין זיין דיכטונג מער זאָגער ווי סתם זינגער. דער ערנסטער זינגער־זאָגער איז אויך אָפט שטראָפער, מאָנער און וואָרנער. ער איז אויך סאָציאַל מער אָנגעלאָדן. אַזוי זיינען געווען די נביאים, אַזוי אויך — פרץ, ביאַליק און די ערשטע אַמעריקאַנער יידישע דיכטער, בראש מיט ווינטשעווסקי, עדעלשטאַט, ראָזענפעלד, אַזוי אויך — ליעסין און מ. ל. האַלפּערן, און אַזוי אויך — אין פיל פון זיינע לידער — פרץ מאַרקיש. ווי אַ באַוואוסטזיניקער, צילאַנגעווענדטער דיכטער, רעדט אָפט ווײנפּער וועגן זיך און מאַכט אַ חשבון פון זיין אייגענעם גאַנג, ער נעמט אפילו אָפט „אויפן צימבל״ זיך און זיין אייגענעם געזאַנג, זיין אייגענע איבערוואַנדלונג.

אין זיין ליד „פופציק״, געשריבן צו זיין 50־טן געבוירנטאָג, וואָס איז אַ מין מאָטאָ צום בוך „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן״ (1943) פּרואווט ווײנפּער אונטערצופירן אַ סך־הכל פון זיין דיכטערישן שאַפן און ער זאָגט:

„געבענטשט זאָל זיין דער, וואָס איז אַ זינגענדיקער געגאַנגען
און גייט מיט געזאַנג אויך איצט.
עס האָבן זיינע געזאַנגען
זיך איינגעקריצט
אינעם האַרץ פון דער וועלט...״

און אַדורכשפּרייזנדיק, אין אָט־דעם גרעסערן ליד, די הויפּט־וועגן און אויך אומוועגן פון זיין אייגענעם גאַנג אין די אַלע יאָרן, זאָגט ז. ווײנפּער:

„געבענטשט זאָלן זיין די שטורעמדיקע ווינטן,
וואָס האָבן ענדלעך געבראַכט אין מיין שויס אַריין דעם עיקר, —
ער האָט צעריסן די וואָלקנס אויף שטיקער.
און אַזוי פיל ליכט האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין מיין ליד!
הערט, הערט, ווי אָנגעלאָדן עס איז איצט מיין געמיט,
און זעט, ווי זיכער עס שפּאַנען מיינע טריט״... (ז׳ 19).

אָט־די שטענדיקע באַנייאונג פון זיין ליד, אָט־דער כסדרדיקער נייער אָנלאָד מיט סאָציאַלן פּאַטאָס און מיט געזעלשאַפטלעכן גלויבן, מיט אידייאישן מוט און מיט גבורה איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ווײנפּערן, דעם מענטש און דיכטער. אין העברייאיש איז דאָ דערויף די פּרעכטיקע באַצייכענונג „פּושטים צורה ולובשים צורה״ — עס פאַלט אַראָפּ די פאָרם און עס ווערט פונדאָסניי אָנגעקליידט אַ נייע

פֿאָרם... ווײַנפּערס דיכטערישע פֿאָרם האָט זיך געביטן, געענדערט צוזאַמען מיטן אינהאַלט.

און נאָך אַ וויכטיקער שטריך: ווײַנפּער האָט קיינמאָל אין זײַן שאַפֿן נישט געוואַרט „עד שיעבור זעם״, ביז דער שטורעם וועט פֿאַראיבער און אַלץ וועט זיך איינשטילן, און ערשט דאַן זאָל ער זיך נעמען צום זינגען, צו ברענגען עס, אין אַ באַרואיקטן צושטאַנד, צום אויסדרוק. אדרבא, אים איז נאָענט און טײַער געווען דער אויפשטורעם, דער געוויכער, דער ייִרנדיקער מצב... אין דעם סאַמע אויפשטורעמדיקן צושטאַנד האָט ווײַנפּער זיך געלאָזט מיט זײַן דיכטערישער נעץ איינעם אויפברויזנדיקן ים צו פֿאַנגען צאַפּלדיקע געפֿילן־איבערלעבענישן. דאָס רוב פֿון זײַנע לידער זײַנען טאַקע געשריבן, געשאַפֿן אין דעם אייגענעם הייסן „שטורעם־און דראַנג״־פּעריאָד.

זאָגט טאַקע ז. ווײַנפּער אין אַ קורץ ליד:

„ווײַס פּאַפּיר,
אַ פּען און טינט, —
עס שלאָגט אין מיר
אַ שטורעמווינט.

הע׳, ווײַס פּאַפּיר,
הע׳, פּען און טינט,
פֿאַרשטילט אין מיר,
דעם שטורעמווינט״.

דאָס איז געווען אַפֿריער, און מיט אַ צען יאָר שפּעטער חזרט ער איבער דאָס זעלבע און שוין מיט קאָנקרעטע ווערטער:

ברויז, ברויז און גיי אויף
פֿונעם דנאָ ביז אַרויף,
ווי ראָסטשײַנעס ברייט פֿון אַ דײַזשע.
און ביסטו נישט איידל שוין מער, טאָ ווײַס־זשע,
אַז נישט איידל קאָן זײַן דער פּאָעט,
דורך וועמען לעבן איז צערעדט״ („דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן״, ז׳ 22).

און שטורעמווינטן האָבן נישט געפֿעלט, שטורעמווינטן, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט די גאַנצע וועלט און בעיקר — די ייִדישע וועלט, — שטורעמווינטן, וואָס האָבן אָנגעמאַכט מוראדיקע חורבנות, צעשטערט ביזן יסוד ייִדישע ישובים און אויפגעטרייסלט און צעטרייסלט אויך גרויסע טרוימען־האָפֿענונגען.

4.

צווישן דעם גרויסן לידער־בוך „דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן״ (פֿאַרעפֿנטלעכט צו ז. ווײַנפּערס 50־סטן געבוירנטאָג, אין 1943) און זײַן בוך „ליד און פֿרייד״ (דערשינען אין 1954 צום 60־סטן געבוירנטאָג), האָט ווײַנפּער פֿאַרעפֿנטלעכט דאָס בוך „בײַם גרענד־קעניאָן״ (1947) און די „פּאָעמען וועגן די נביאים״ (1951). ביידע די ווערק, הגם זיי האָבן צו טאָן מיט אַ גאָר אַנדערער טעמאַטיק, זײַנען זיי אָבער אָנגעלאָדן מיט דעם צעברויזטן אומרו, מיט דעם שווערן געמיט, מיט די צרות־צרורות, פּײַנען און אַנטוישונגען, וואָס דאָס לעבן, די וועלט האָט צוגעשטעלט יעדן ייִדישן סענסיטיוון און צעוויטיקטן מענטש און שאַפֿער.

זאָגט טאַקע ווײַנפּער אין די פּאָר ווערטער צום „גרענד קעניאָן״, אַז „די גראַנדי־

עזקייט פונעם גרענד־קעניאָן איז נישט אַזוי אין זיין אייגענעם אויסזען, ווי אין זיין כוח אויפצוטרייסלען דאָס געמיט פון דעם, יואָס געפינט זיך לעבן אים און אין אים, און עס זיינען אָט־די אויפטרייסלונגען, וואָס איך האָב זיך באמת צו געבן" (ז' 7). אין די זעכציק לידער, וואָס זיינען געשאַפן אַרום דעם גרענד־קעניאָן, האָט ווײנפּער אַרויסגעבראַכט דעם פּיין און ווײ, דעם אומרו און געשריי פונעם יידישן דיכטער, וואָס האָט דאָ, ווי ביים כותל־המערבי, זיך אָראָפּגערעדט פונעם האַרצן, זיך צעוויינט און צערעדט, אין דער הויך און אין דער שטיל, אויף אייגענע און אויף כלל־ישראל־שווערקייטן, אומגליקן און גרוילן. ער שעפּטשעט דערביי אויך אַן „על חטא שחטאנו":

„על חטא שחטאנו, — פון אונדזער טרויער,
איך שטיי ווי אַן עני און זוך נישט צו געפינען
ביים צעבראָכענעם טויער קיין טרייסט אויף די רואינען" (ז' 54).

„גרענד קעניאָן" איז איינס פון די טיפסטע און עלעגישסטע ווערק אין דער נײ־יידישער דיכטונג. מען דאַרף עס ערשט פאַנאַנדער־בּלעטערן און אַרויסגעפינען שטריכן צו דער ווײנפּער־געשטאַלט.

און דאָס נעמלעכע איז מיטן בוך „פּאָעמען וועגן די נביאים", וואו ווײנפּער רופט זיך איבער מיט די נביאים, און ער ברענגט אַרויס און ברענגט אַריין אין די שמועסן מיט זיי און אין זייערע רייד, זיינע שווערע געדאַנקען, זיינע אייגענע וואָרנונגען און מאַנונגען.

אין דער „באַלאַדע פון בן־אדם", וואָס קומט ווי אַן אַריינפיר צו די פּאָעמען, האָבן מיר טיף־צעוויטיקטע, טיף־צעברויזטע שורות און פערזן, וואָס קומען מער פונעם נאָענטן אַרום, פון דעם אייגענעם געמיט, ווי פון די נביאישע שטראָף־רייד און זייערע טרייסט־ווערטער.

ז. ווײנפּער קלאָגט זיך:

„אַזוי פיל שנאה אויף די וועגן,
און ער? נישט איין מאָל אין געיעגן!
אַהינטער אים — אַ ווירבלדיקער ווינט,
און פאָראויס — בילנדיקע הינט!" (ז' 13).

מיט דער הילף פון די נביאישע רייד שטעמפּלט ווײנפּער די הייגט־יקע וועלט מיט איר פאַלשקייטן און אומווירדיקייטן, די סאָציאַלע עוולות און פאַרברעכנס און די אַנטי־מאָראַלישע און אַנטי־עטישע פירעכצן פון היינטצייטיקע פירער־רעגירער. ער זוכט אָבער גלייכצייטיק מוט און פּאַטאָס, אחריותפולקייט און גבורה אין דער העלדישקייט און מאַרטירערײ פון די נביאים־קעמפער פאַר יושר און גערעכטי־קייט. ווײנפּער, דער היינטצייטיקער פּאָעט, זוכט הילף, אָנשפּאַר, גלויבן אין די אַמאָליקע דיכטער־נביאים, וואָס האָבן אין זייער צייט געקעמפט און באַקעמפט אַלדי קרומקייטן, הפקרותן און פאַרקריפּלונגען. אין זיין שווערן געמיט פאַלט ווײנפּער צו צו זייערע קוואַלן, וואָס „שלאָגן מיט געלייטערטן וואָרט". יאָ, אין די גרויל־יאָרן פון אומגליקן און אַנטוישונגען איז ווײנפּער צוגעפאַלן צו די נביאים

און באַמיט זיך אַרום זײ און דורך זײ צו װערן גלײַיקער, ברױזנדיקער און צע־בלענדטער. עס איז אין דער טראַדיציע פון י. ל. פּרץ, װאָס װײַנפּער האָט שטענ־דיק געפֿילט אױף זיך זײַן אױסשטראַלונג נאָך פון זײַן אַמאָליקער באַגעגעניש מיט אים אין װאַרשע, — די טראַדיציע, װאָס פּרץ האָט אַמאָל (אין 1907) אין אַ בריװ צו יהואָשן פון אים פאַרלאַנגט: „לאָמיר נביאים און פירער װערן! נישט מאַר־שאַליקעס...״ דאָס איז געװען דער דרך פון אמתע גרױסע יידישע דיכטער, און אױף דעם װעג איז װײַנפּער געגאַנגען און געשטיגן זײַנע לעצטע צװײ־דרײַ צענ־דליק יאָר.

5.

צװישן די צװײ לידער־ביכער „דאָס געזאַנג פונעם גלױביקן״ און „לײד און פרײד״ ליגט, װי געזאָגט, אַ צײַט־מהלך פון בלױז אַ צען יאָר, אָבער װאָס פאַר אַ צען יאָר! װײַנפּערס מענטשלעכער און דיכטערישער גאַנג איז פון גרױס באַטײט סײ פאַר אים און סײ פאַר דער ערלעכער, אױפריכטיקער און פאַרטײפטער ייִדי־שער דיכטונג.

װעגן װײַנפּערס דיכטערישן גאַנג אין אָט־די צען יאָר, װעגן די שװערע אײ־נעװײניקסטע געראַנגלעניש, װעגן די העפטיקע שטרײטן, װאָס ער האָט געפירט מיט זיך גופא און מיטן אַרום, װעגן דעם לאָזט זיך פיל, זײער פיל רעדן. מען דאַרף עס און מען מוז עס טאָן גאַר אױספירלעך. איצט װעלן מיר זיך באַגנוגענען בלױז מיט אײניקע באַמערקונגען, און װעלן איבערלאָזן צו שרײַבן אַ מער־גענױערע און גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג װעגן װײַנפּערס דיכטערישן שאַפן די לעצטע יאָרן, בײַ אַן אַנדערער געלעגנהײט.

קודם־כל װילט זיך אָפּשטעלן אױף דעם טיפן אונטערשײד, װאָס עס איז דאָ צװישן אָט־די צװײ לידער־זאַמלונגען, — דער אונטערשײד, װאָס קומט פון װײַנ־פּערס שטאַרק־געענדערטן געמיט־צושטאַנד און פון דעם אופן פון אױפנעמען און רעאַגירן אױף דער אַרומיקער װירקלעכקײט. װי אַלע מאָל, אַזױ אױך איצט האָט װײַנפּער געװאָלט קודם־כל אַרױסברענגען אין זײַנע לידער און בעיקר — אין די אַרײַנפיר־און אַרײַנפיר־לידער — דעם תוך, דעם תמצית, דעם מהות פון זײַן שאַפן. װײַנפּער זאָגט אין דעם מאָטאָ־ליד צום ערשטן בוך, אַז ער איז געגאַנגען מיט זײַן „אײגענעם טראָט״ און װען ער האָט געזונגען, איז דאָס „שטענדיק מיט שמחה געװען״, װײַל ער האָט „געהערט און געזען״ די „דערלײזונג פאַר זיך און דער װעלט״. ז. װײַנפּער באַטאָנט דערבײַ:

„עס האָט נישט קײן פײער פון קײן שום גיהינום
צעאָשט אין מײַן האַרצן דעם גלױבן״.

(„דאָס געזאַנג פונעם גלױביקן״, ז׳ 8)

אָבער שױן דאָ, אין 1943, גיט ער צו: „אַז לעבן אַרום איז שװער און איז גרױ, / איז ליד מײַנס אַמאָל אױך אַזױ״. װען אין לעבן האָבן געבושעװעט מורא־דיקע װינטן, װען פון אַלע עקן װעלט זײַנען אָנגעקומען די װיסטע ידיעות װעגן די היטלערישע מערדערײַען און די גרױל־בשורות װעגן אױסראָט פון מיליאָנען

יידן און פֿון גאַנצע יידישע ישובֿים, האָט ווײַנפּער דאָך געזוכט טרייסט און האָפֿע־נונג, אַז עס „פֿלעמלט אינעם חושך", און אַז „אַ דונער און אַ בליץ וועט צערייסן די שוואַרצע, געדיכטע וואָלקנס..." אין אַ ליד צו איציק פֿעפֿערן „לאָמיר זיי האָבן די ווערט" זאָגט ווײַנפּער: „הערט, הערט — עס יערט אין אונדזער איצטיקן גאַנג / אַ נײַ און ליכטיק געזאַנג / פֿאַר די קומענדיקע דורות" (ז' 81).

און אין אַן אַנדער ליד:

„איך זאָג, און לאָמיר אַלע אַזוי זאָגן: אונדזער שווער געפּעק
— מיט קרעכצן און וויינען און קלאָגן אויף דעם לאַנגן וועג". (ז' 152)
וועלן מיר נישט דערטראָגן

און אָט גאָר אַזאַ מין שאַלנדיקער רוף פֿון ז. ווײַנפּערן:

„עס שלאָגט מיט אַזאַ פֿייערלעכקייט פֿון אונדז אַלע
אין אָט־דער שעה פֿון די גרויזאַמסטע גרוילן.
מיר ווערן אין אָט־אָ דער פֿייערלעכקייט נתעלה,
און מיר באַנעמען, וואָס געווען איז פֿאַרהוילן" (ז' 241).

אין זײַן ליד „מײַנע קאַראַוואַנען", וואָס איז אַ מין אָדע צו די „יידישע מענטשן", „יידן אין געשפּאַן", וואָס „העלפֿן טראָגן זײַן געפּעק", זאָגט ער:

„אָ, האַרציקע, געטרײַע קאַראַוואַנען,
ווי גרינגער ווערט דאָס שפּאַנען
מיט אַזעלכע ווי איר אויף די וועגן, —
עס שײַנט דער מאָרגן אַ ליכטיקער אַנטקעגן
מיט אײַך אויף די וועגן!" (ז' 266).

און דאָס בוך „דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן" שליסט ווײַנפּער מיט אַ שפּילעוודיק ליד „פֿון סוף צום באַגינען צוריק", וואו ער זינגט פֿריידיק און לעבנסלוסטיק:

„דײַן קול וועט נאָך קלינגען אויף לאַנג, —
ווי גוט איז צו זינגען אין גאַנג" (ז' 310).

דאָס איז ווײַנפּער און זײַן געמיט־צושטאַנד ווען ער איז געווען איבערגעפּולט מיט פּאַטאָס פֿון בויען, מיט דער התלהבֿות פֿון שאַפֿן.

.6

אָבער... נײַע אומדערוואַרטעטע געשעענישן, נײַע שרעקלעכע איוב־צרות קייקלען זיך אויף אונדזערע קעפּ, אײַן אומגליק גרעסער און טיפֿער פֿונעם צווייטן. מיר פּרוּוון זיך ווערן, מיר באַמיען זיך זיי אָפּצולייקענען און פֿאַרלייקענען, אָבער, ליידער, איז די וואָר גרויליקער ווי די סאַמע פֿינצטערע פֿאַנטאַזיע האָט זיך גאָר געקאָנט פֿאָרשטעלן... און לאָמיר באַטאָנען: ווייניק פֿון די היגע דיכטער האָט אַזוי שטאַרק נישט גענומען זיך צום האַרצן, אַזוי טיף נישט איבערגעלעבט אין זײַנע דיכטערישע שאַפֿונגען אָט־די אַלע פֿאַרשיידענע ווילד־גרויזאַמע געשעענישן, ווי ווײַנפּער.

דערויף ווײַנען לעבעדיקע עדות זײַנע אויפטרייסלענדיקע לידער, וואָס זײַנען פול מיט צער און צאָרן, וועלכע פּאַלגן אים נאָך און פאַרפאָלגן אים אָן אויפהער.

הערט נאָר וועגן וואָרטער פונעם פאָרוואָרט צו זײַן בוך „לייד און פרייד“ (1954), וואו לייד פאַרפלייצט די פרייד, וואָס דער דיכטער וויל מיט איר איינשטילן דעם פּײַן, דעם ווייטיק, דעם בזיון.

ז. ווײַנפּער זאָגט. „...דער מוראדיקער שטורעם, וואָס האָט זיך דורכגע־טריבן איבער אונדזער דור און אַזוי פיל בוימער אַרויסגעריסן ביי אונדז מיט די וואָרצלען, האָט האָך נישט באַוויזן מיט זיך מיטצושלעפן דעם גאַנצן וואַלד און פאַרשטומען אַלע זינגענדיקע פויגל... אוודאי פילן זיך די איבערגעבליבענע בוי־מער שווער פאַריתומט, און אינעם געזאַנג פון די געבליבענע פויגל הערט זיך נישט איין־מאָל דער טיפער ציטער־צאַפּל פון געוויין אויף די, וואָס זײַנען אַזוי גרויזאַם אָפּגעשניטן געוואָרן פון אונדז. אָבער דאָס פאַרשניטענע וויגט זיך אום אין דעם רוים, ווי דאָס קול פון אַ צוואה, וואָס דערמאָנט און מאָנט, און דערמאָנענדיק און מאָנענדיק, געפינט עס אַ תיקון אין דעם קול פון דעם איבערגעבליבענעם, וואָס איז ממשיך דעם המשך נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר דעם פאַרשניטענעם“.

פיל לידער אינעם בוך זײַנען אמתע קינות, רירנדיקע קלאָג־און וויין־לידער אויפן גרויסן חורבן. ווײַנפּער זאָגט אין דעם פאָרוואָרט, וואָס איז אַ מין אָווער־טיור צו אַלע לידער אין בוך: „ווי און ווינד צו אונדז, די איבערגעבליבענע אין לעבן, נאָך אַזאַ מוראדיקן שטורעם צו טרעטן איבער די חורבות. נישט איין מאָל ציטערן ביי אונדז די קניען פונעם געוויין אין די טריט...“

דער דיכטער מאַכט גרויסע אָנשטרענגונגען צו שטאַרקן זיך, צו פאַנאַנדעריאָגן די שווערע כמאַרעס אויפן הימל און אין אייגענעם געמיט. ער נעמט זיך צו זיין אויסגעפרואווטן געווער, צו דעם ליכט, צו דער פרייד, כדי צו פאַרטרייבן די וואָלקנס.

„זעט, זעט, כאָטש אַרום מיר איז איצט די כמאַרע אַזוי שווער געדיכט, / איז וואָרט מיינס אָנגעלאָדן מיט אַ שײַנענדיקן, בלענדנדיקן ליכט“ (ז׳ 12).

דאָס פרואווט ז. ווײַנפּער זיך אַליין אײַנרעדן, כדי צו שטילן זיין אייגענעם ווייטיק, זיין פּײַן.

עס קומט פאַר אַ העפטיקער געראַנגל אינעם געמיט פונעם דיכטער, אַ גע־ראַנגל צווישן די גרוילן, וואָס האָט לעבן שטעלט צו, און דעם אינעווייניקסטן באַ־גער און עקשנות גובר צו זיין די אַלע שוועריקייטן.

אין זיין ליד „איביק פאָלק“, וואָס דער פאַרשטאָרבענער קאָמפּאָזיטאָר לעאָ קאָפּף האָט פאַרפאַסט צו דעם מוזיק, דאָס ליד, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענע „גע־שיכטע“ אין דער שווערער צייט, — זינגט און וויינט ז. ווײַנפּער אַרויס אַזעלכע שורות: „אין אונדזער גראַבלען זיך אַרויף פון טיפן, חושכדיקן נידער, / גייט מיט עקשנותדיק די פרייד, און שאַלט אַריבער / דעם צער אין אונדז / די פּײַן אין אונדז, — דעם ווייטיק און בזיון...“ (ז׳ 95).

און פונקט ווי אינעם פריערדיקן בוך דאָס „געזאַנג פונעם גלויביקן“ האָט ווײַנפּער אַ ליד „פּופּציק“, אַזוי קומט איצט אין דעם נײַעם בוך „לייד און פרייד“

אַ ליד „ביי מײַנע זעכציק״, וואו עס רייסן זיך אַרויס מיט טיפן ווייטיק אַזעלכע צער־פולע שורות: „די וועלט איז שרעקנדיק און קרעכציק, / און איך ביי מײַנע זעכציק / זאָג דער וועלט אַזוי צו זאָגן: / נישט גרינג איז דיר צו טראָגן / דעם עול אויף דײַנע פּלייצעס, / און זיין געקערעוועט פון לייצעס / איז אַוודאי אַ נסיון און אַ בזיון״... (ז׳ 107).

„בזיון״ גראַמט זיך שוין איצט ביי ווײַנפּערן מיט „נסיון״, און „צער״ מיט „געפּאַר״, מיט „זשאַר״.

ז. ווײַנפּער קעמפט כסדר מיט זיך, ער בעט ביי זיך גופא: „טראַט, מײַן טראַט, נישט וואַקל! שפּאַן דורך נעפּל צום פאַראויס!״ און אין אַ צווייטן ליד — ווידער דאָס אייגענע און אויף אַ נייעם אופן: „האַרץ, מײַן האַרץ, נישט וואַקל, / וואָס געשעט איז נישט סך־הכל! / האַרץ, מײַן האַרץ, נישט ציטער, — / שוין געווען אַזאַ געוויטער, / און דער מענטש האָט אים צעבראָכן / מיט זיין בטחון״... (ז׳ 149).

דאָ קומט שוין דער שווערער גערANגל פון „בטחון״ און „צעבראָכן״. און שוין נישט קיין גערANגל פון ווערטער, נאָר אַ שטרייט, אַ קאַמף, וואָס פאַרוואונדיקט, פאַרוואונדיקט ממש דאָס האַרץ פונעם דיכטער.

7.

אין די זייער שווערע טעג פון די אומגעריכטע בייזע בשורות, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום באַרעכטיקונג און קיין שום פאַרענטפערונג, האָט ווײַנפּערן באַזונדערס ווי געטאָן און עס האָט אים טיף־אויפגערעגט, וואָס די גרויל־געשעענישן זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך די געוויסע שרייבער מיט שאָדן־פריידער און מיט יובעלדיקע שאַלונגען, און דערביי האָבן זיי אויסגענוצט צו פאַרשפּרייטן שנאה און האַס, פאַראַכטונג און פאַרלוימדונגען. ווײַנפּער האָט אין פיל פון זיינע לידער רעאַגירט שאַרף און בייסיק אויף דעם שנאת־אחים און אויף זייער צביעות־דיקער אויגן־גלאַצעניש. אין אַ ליד „זיי״ זאָגט ווײַנפּער: „זיי זייען די קנאה, / די שנאה / דעם שקר, / און פרעג זיי, זיינען זיי וועקער / צו חצות פאַר עבודת הבורא״ (ז׳ 233).

און אין אַ צווייטן ליד „די קרעכצער, די קלאָגער, די ווײַנער״ זאָגט ווײַנפּער:

„אוי, די קרעכצער, די קלאָגער, די ווײַנער!
עפּעס צו געבן נישטאָ ביי זיי קיינער, —
ווייסן בלויז מאָנען ביי יענעם!
זיי זיינען דער פלאָם פון גיהינום...״ (ז׳ 239).

אין פאַרשיידענע לידער פון ז. ווײַנפּער קומט צום אויסדרוק דער שווערער גערANגל צווישן לייד און פרייד, אָדער, לויט דער אַלטער יידישער דיכטער־טראַדיציע, „פון שחיטה און פרילינג״. ווײַנפּער שמועסט כסדר מיט זיך גופא, מיט די צוויי ווידערשפּרעכנדיקע און קעגנזייטיקע כוחות אין אים. אין אַ פּאָעמע „כדאי״ האָבן מיר אַ דיאַלאָג צווישן „אַ קול״ מיט דעם „פּאָעט״. דער „קול״ זאָגט צום „פּאָעט״: „ציִנד דעם לאָמפּ אָן, — שיין וועט דיך / פירן אויפן וועג צו זיך״. דערויף ענטפערט דער פּאָעט: „אויפן וועג צו זיך אַליין / ליגט אַ שווערער,

האַרטער שטיין!" און עס ציט זיך דער שווערער געראַנגל, און דער פּאָעט פירט־אויס:

„מיד בין איך פון שווערן יאָך
אויף די אַקסל פון מיין דור.
חלום אויפן וועג צו וואָר
ברעקלט זיך, צעפּאַלט אויף שטיק.

וועלט אויף הענגענדיקער בריק
איז אין שטענדיקער געפאַר.
הער, עס וויינט דער צער
אויפן קול פון אונדזער דור" (ז' 269).

ז. ווײַנפּער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די שווערע מחשבות און געפילן, ער האָט געקעמפט מיט די שנאה־קנאה־זייער און מיט די פּאַרלוימדער־פאַרדאַמער, ווי ער האָט נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט די סתם־טרייסטער. ער האָט נישט פאַרבאַהאַלטן די געמישטע געפילן, ער האָט זיי נישט פאַרגראָבן אין זיך, נאָר זיי אַרויסגעבראַכט אויף פאַרשיידענע אופנים און אין פאַרשיידענע וואַריאַציעס אין זיינע אַלע לידער, וואָס ער האָט געשריבן מיט אַזאַ אייפער די לעצטע יאָרן.

„איך גלויב נאָך אַלץ" זאָגט ווײַנפּער אין אַ ליד, וואָס טראָגט אָט־דעם נאָמען. הערט נאָר שורות:

„נו, יאָ, איך ווייס, — אויף אונדזער דאַך איז איצט אַ שוואַרצע, קראַקעדיקע קראָ, —
איך הער איר קראַקעריי, וואָס זאָגט פאָראויס דער וועלט אַ בייזע שעה.
נאָר וויסן ווייס איך אויך, אַז אונטער אָפּדאַך אויפן ראַנד פון קאַרניז
זיצט וואָרקנדיק די ליבע, ווייסע טויב, און ווייסט איר, וואָס איר וואָרקען איז?
איר וואָרקען איז דער אָנזאָג פון דער רו, וואָס רייסט זיך אומרואיק צו אונדזער שוועל,
איר וואָרקען איז די טרייסט, אַז חושך איז נישט אייביק, אַז באַלד וועט ווערן העל" (ז' 187).

טויב און קראָ, ליכט און חושך, זון און כמאַרעס, שווער געמיט און העלע שיין, — צווישן אָט־די ראַנגלענדיקע כוחות האָט זיך געוואָרפן די לעצטע יאָרן ווײַנפּערס אָנגעגריפן האַרץ און זיין צעווייטיקט געמיט, אַזוי אין זיין לעבן און אַזוי אין זיין שאַפן.

8.

אין די לעצטע פּאָר יאָר, ווי באַקאַנט, זיינען די כמאַרעס אַלץ שווערער געוואָרן אויף אונדזערע הימלען, און די וואונדן — אַלץ אָפענער און פיינלעכער. מיר אַלע, וואָס זיינען געווען אַרום ווײַנפּערן, זיך געטראָפן מיט אים כסדר ביי דער אַרבעט און נאָכגעזען און נאָכגעגאַנגען זיין לעבן־שאַפן, האָבן גוט צוגעזען, ווי די גרויל־געשעענישן האָבן זיך געלייגט אַזוי שווער זאָן אַזוי פּרעסנדיק אויף זיין געזונט, אויף זיין געמיט.

— וואָס אַזוינס איז געשען מיט ווײַנפּערן? — האָבן מיר אין דער שטיל און פאַרבאַהאַלטן פּאַר אים אין טיפן ווייטיק זיך געפרעגט.

געפרעגט, אָבער גוט באַגריפן וואָס עס קומט פאַר אין אים.

און ווילן מיר האָבן אַ באַגריף און אַן אַנונג, וואָס ווײַנפּער האָט אַדורכגעמאַכט דעם לעצטן יאָר, דאַרף מען לייענען די לידער, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט די לעצטע חדשים און די לידער, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן שטענ־

דיק, ביי יעדער געלעגנהייט, און מיט אַ מערקווירדיקן אייפער און פיבער, די לידער וואָס האָבן נאָך ניט געזען די ליכטיקע שיין...

אין אַ בריוו צו זיינעם אַ פריינט דעם לעצטן שבת אָונט האָט ז. ווײַנפער געשריבן: „...איך שעה'ן פון גרויסן אומרו אין זיך, ראַטעווע איך זיך מיט דער פען איבערן פּאַפּיר", און ער האָט טענות אין בריוו צו די אַלע, וואָס פאַרלאַנגען פון אים „פרייד, האָפענונג און טרייסט", — און ער פרעגט ביי זיך גופא: — „וואו זאָל איך דאָס נעמען?"

יאָ, אַ שווערע, זייער שווערע פראַגע, אויף וועלכער קיינער פון אונדז קאָן נישט ענטפערן.

ווייזט אויס, אַז אַ שווערער פאָרגעפיל האָט געדריקט און פאַרפאָלגט ווײַנפערן, דעם שטענדיק־פריידיקן, מונטערן, לעבנסלוסטיקן דיכטער. אין זיין ליד „עמעצער וועט אויפגיין" (אָפגעדרוקט אין לעצטן נומער „יידישע קולטור") האָט ער געשריבן:

„איינער נאָכן אַנדערן, איינער נאָכן אַנדערן
ווערן זיי פאַרשניטן, ווערן זיי פאַרגאַנגען".

ער האָט גערעדט וועגן זיך, אַז ער „טראָגט אין זיין וואַנדערן איבער זיינע שווערע וועגן דאָס פאַרמעגן" פון מאַרקיש, בראָדערזאָן, ראַבאַי, אָפּאַטאָשו, בערגעלסאָן, ווי „דער זייער טראָגט צום פעלד זיין זריעה".

און מערקווירדיק זיינען די וויטערדיקע שורות אין דעם לעצטן ליד, וואו מיר זעען ז. ווײַנפערן דעם מענטש און דעם דיכטער אין זיין פולער אחריותפולער דערהויבנקייט און צילאָגנגעוועדקייט. מיר זעען אין ווײַנפערס ווערטער דעם הייליקן אָנזאָג, דעם טיפן גלויבן און די פאָטערלעכע בקשה צו אונדז אַלעמען, — די לעבנגעבליבענע, וואָס דאַרפן און מוזן ציען ווייטער דעם המשך פון זיין לעבן און שאַפן, פון זיין גלויבן און פון זיין ליד און פרייד.

ער פרעגט ביי זיך און ביי אונדז אַלע:

„וואַקסט איצט ערגעץ־וואו אַן אַנדערער,
וואָס וועט זוכה זיין צו אָט־דער זכיה?"

עס איז די זכיה צו טראָגן די זריעה, די זוימען צו אונדזערע יידיש־פעלדער.

ער פרעגט ווייטער אין דעם דאָזיקן ליד ·

„ווערט געבוירן נאָך אַ וואַנדערער,
וואָס זאָל אונדזער צער אַזוי פאַרזייען?"

און ווײַנפער פאַרענדיקט מיט גלויבן און האָפענונג זיין ליד־צוואה, וואָס האָט דערזען די ליכטיקע שיין, ערשט ווען זיינע בלויע אויגן זיינען שוין אויף אייביק געווען געשלאָסן:

„האַרץ מיינס, טו וואָס דיר איז ליב און טייער, —
עמעצער וועט אויפשטיין און דערפרייען
מיט דעם האָב און גוטס פון אונדזער שייער,
ווייל אַזוינס, וואָס איז צעלויכטענע ירושה
איז פאַר אַלע דורות לויטערע קדושה".

יאָ, ז. ווײַנפּערס צעלויכטענע ירושה, וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אין זײַנע דיכטערישע אוצרות איבער פֿיר־צענדליק יאָר, זײַנען פּאַר אונדזער דור און פֿאַר דורות נאָך אונדז לויטערע קדושה... אָט־די ירושה דאַרפֿן מיר נישט בלויז אָפּ־היטן, נאָר פֿאַרמערן זי, מאַכן זי פֿאַר דעם אייגנטום פֿון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט און וועלכע האָבן אים אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און טיף פֿאַרערט, ווי זעלטן וועלכן יידישן דיכטער אין אונדזער צייט.

פֿעברואַר 1957

ז. ווײַנפּער — דער מענטש און דער דיכטער

1.

שוין באַלד פֿיר חדשים ווי ז. ווײַנפּער איז פּלוצים און אומגעריכט, ממש אַזוי ווי „ער שטייט און גייט", אַוועק פֿון אונדז. און מערקווירדיק: אין לויף פֿון אָט־די וואָכן און חדשים איז ער נישט נאָר נישט דערווייטערט געוואָרן פֿון אונדז, נאָר, אדרבא, ער ווערט אונדז אַלץ נאָענטער, ער וואַקסט־אויס פֿאַר אונדז אַלץ מער סיי ווי אַ דיכטער און סיי ווי אַ מענטש. דאָס וואָס מ'האָט אַפֿריער, ווען מ'איז געווען מיט אים אַזוי נאָענט, נישט גענוי באַמערקט און זיך נישט אָפּגעשטעלט דערויף, ווערט איצט, אין אַ געוויסער דיסטאַנץ, אין אַ געוויסן רעטראָספּעקט, קלאָ־רער און בוילעטער. אָפּטמאָל כאַפּט מען זיך אַליין: טו נאָר אַ קוק, מיר האָבן אויף דעם אָדער אַנדערן שטריך אין זײַן כאַראַקטער זיך גאָרנישט אָפּגעשטעלט.

ז. ווײַנפּער, ווי באַקאַנט, איז געווען אַ דינאַמישער כוח און באַזונדערס איז ער עס געוואָרן אינעם איקוף. ער איז געווען אַ מענטש אין שטענדיקן באַוועג און נאָך מער — אַ מענטש, וואָס איז געווען אין כסדרדיקן באַריר און קאָנטאַקט מיט הונדערטער און טויזנטער מענטשן, וואָס זײַנען שטאַרק באַווירקט געוואָרן פֿון אים, סטימולירט געוואָרן פֿון זײַן קאָלירפֿולער פּערזענלעכקייט, פֿון זײַן דיכטערישן שאַפֿן און פֿון זײַן רעדנער־טאַלאַנט. און אין דער זעלבער צייט איז ווײַנפּער גופֿא באַ־איינפֿלוסט און באַווירקט געוואָרן סיי פֿונעם יחיד און נאָך מער — פֿונעם כלל. מען האָט פֿון אים ווי פֿונעם שליח־ציבור פֿיל געמאָנט און פֿאַרלאַנגט, און ער האָט מיט דער פֿולער האַנט און מיט הער פֿולער מאָס גערן געגעבן. און ער האָט נישט באַדאַרפֿט פֿיל האָרעווען, מאַטערן זיך, כדי צו געבן מיט שפֿע, מיט ברייט־קייט, אַז די, וואָס האָבן געמאָנט, זאָלן זײַן צופֿרידן און געזעטיקט. ער איז געווען אַ „מעין הנובע", אַ קוואַל, וואָס האָט געהאַלטן כסדר אין שלאָגן, אין קוועלן. און וואָס מער ער האָט געגעבן, אַלץ מער האָט געקוועלט פֿון אים מיט חיות. דער קאָנ־טאַקט מיט מענטשן, די אַרומרינגלונג פֿון טרײַע פֿרוינט און מענער, די האַרציקע יידישע פֿאָלקס־מענטשן, מיט וועלכע ווײַנפּער האָט זיך געטראָפֿן, די אַלע פֿאָלקס־מענטשן מיט וואַכע הערצער און מיט אָפֿענע אויג און אויער, האָבן אינספּירירט ווײַנפּערן און געהאָלפֿן אַרויסברענגען פֿון זײַנע רײַכע שאַפֿערישע אוצרות פֿיל האָב און גוטס, וואָס ער האָט גערן און ווילִיק געטיילט און מיט גאָרער גרייטקייט

און גוטסקייט און דערבײַ יעדן איינעם לויט זײַן גוסט און געשמאַק, און לויט זײַן קולטור־ניוואָ, און לויט זײַן קולטור־באַנעם און פאַרנעם.

ז. ווײַנפּער אַליין האָט זיך גענומען רופן — און מיט שטאָלץ און באַרימערײַ — „פּעכאָטנער מגיד" אָדער „דער איקוף־משולח" — און בײַדע אָט־די טיטלען, אין אַ גאָר מאָדערנעם לבוש, האָט ער ווירדיק צוגעפּאַסט צו זיך, צו זײַנע פליכטן, צו זײַן כסדרדיקן אַרומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד און גאָרנישט מיד געוואָרן, און אדרבא — ער איז אַלע מאָל געקומען פון אַ רייזע אַ פונדאַסניי־אָפּגעפרישטער און באַגייסטערטער. ער האָט הנאה געהאַט צו טרעפן זיך מיט מענטשן מכל המינים, אויפנעמען זייערע רייד, זייערע טענות־מענות און מאָנונגען, און פאַר יעדן פון זיי האָט ער געהאַט גענוג וואָס צו געבן. דערפאַר אָבער האָט ער אויך צוריק פאַרלאַנגט פון זיי, מיט גוטן און מיט בייזן. און טאַקע וועגן דעם זײַנען שוין מיט דער צײַט אַרומגעגאַנגען פאַרשיידענע רירנדיקע און אויך קוריאָזע מעשיות. און ווײַנפּער האָט דערבײַ בײַם דערפילן די שווערע מיסיע באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען און פּייאיקייטן, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, — ער האָט גערעדט, געהאַלטן וואונדערלעכע רעפעראַטן, וועלכע ער האָט, ווי אַ דיכטער, אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט סײַ פאַר די גרויסע אודיטאָריעס פון הונדערטער צוהערער, וועלכע ער האָט געהאַלטן געשפּאַנט, און סײַ פאַר קלענע גרופּעס מענטשן אין פּריוואַט־הײַזער און בײַ „טישן". ז. ווײַנפּער האָט אָפט „געפּראַוועט טישן". ווען עס איז נויטיק געווען אין די אינטערעסן פונעם איקוף. מען האָט אים אַוועקגעזעצט אויבנאָן, און אַרום אים — זײַנע פאַרערער־חסידים, און באַלד איז געוואָרן פון דעם געווײנלעכן טיש מיט פּשוט פאַרבײַסן — אַ געהויבענע סעודה.

ווײַנפּער איז אַוועקגעפאָרן פון זײַן היים אין טריסק נאָך אַ יונג בחורל, ער האָט פאַרלאָזט דעם בריסקער רבישן הויף, וואו ער איז אויסגעוואַקסן, נאָך גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, און נאָך די אַלע איבערוואַנדלונגען און ענדערונגען, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט איבער דער וועלט, האָט דאָס רבישע, דאָס חסידישע, דאָס „זאָגן תורה"־פונדאַסניי אויפגעלעבט אין אים. ער האָט ליב געהאַט שבת־יום־טובדיקייט און נשמה־יתירהדיקייט אין זיך גופא און ער האָט עס געזוכט און געפּאָדערט בײַ זײַנע פרײַנט־פאַרערער אַרום דער אַרבעט פונעם איקוף. האָט ער טאַקע בײַ די צונויפטרעפן געבראַכט יום־טוב. ער האָט געזאָגט תורה, אָפט אויך געזונגען אַ ניגון און צוזאַמען מיט זײַנע פרײַנט־פאַרערער, איז ער אַריין, ווי די חב"דניקעס פלעגן זאָגן, „אין גאָר הויכע עולמות". אויך וועגן דעם דערציילט מען כסדר — און איבערהויפּט די לעצטע חדשים, ווי מיט ווײַנפּערס קומען אין אַ שטאָט איז געקומען יום־טוב.

נישט אומזיסט האָט ווײַנפּער אַזוי ליב געהאַט פּרצן, כסדר געטראָגן באַזונדערע פּיעטעט פאַר אים און שטענדיק ליב געהאַט אַרײַנטײַטשן אין פּרצעס מעשיות אַלץ־נײַע פּירושים און אַרײַנלייגן אין זײַנע דערציילונגען אַלץ נײַע כוונות. עס האָט געשטראַלט פון אים מיט יום־טוב אויך אין די מיטנוואָך־טעג, ווען ער האָט אויסגעפּילט זײַנע אָפט זייער שווערע איקוף־שליחותן.

און אָט דעם יום־טובדיקן איבערפלוס און דאָס שטענדיק־קוואַלנדיקע אין

אים האָט ער אַרויסגעבראַכט מיט שפּע דורך זײַנע לידער און אין זײַנע לידער, וואָס ער האָט געשריבן שטענדיק מיט אַזאַ אימפּעט און ברען. ער האָט געשריבן בײַ יעדער געלעגנהייט, ער האָט נישט געוואַרט אויף עפּעס אַ שעת־הכושר, אויף אַ מאָמענט, ווען ער וועט זיך אָפּרוקן פון אַלץ אַרום, און באַזונדערס האָבן מיר באַמערקט זײַן דראַנג צו שרײַבן כסדר און אָן אויפהער אין די לעצטע יאָרן, ווען די שווערע פּאַסירונגען, ווען די גרויל־געשעענישן אין דער ייִדישער וועלט און די אײַנדרוקן און אָפּרופן האָבן אָנגעפילט די הערצער און געמיטער און מען האָט אַליין און אויך אַנדערע האָבן געמאָנט ענטפער און פאַראַנטפערונג. דאָס אַלץ האָט ווײַנפּער געבראַכט צום אויסדרוק סײַ אין זײַנע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען און סײַ אין זײַנע דיכטערישע שאַפונגען, וואָס זײַנען געווען אַזוי ענג און אָרגאַניש געבונדן איינס מיטן אַנדערן, נישט צום אָפּטיילן און נישט צום אָפּשיידן.

עס איז אַ ספּעציעלע און אַ זייער דאַנקבאַרע אויפגאַבע נאָכצופאָלגן נאָך ווײַנפּערס שאַפן פאַר די אַלע לעצטע יאָרן און אַרויסגעפינען די שײַכותן, די צוזאַמענבונדן צווישן זײַן אַקטיוו־געזעלשאַפטלעך לעבן, צווישן זײַנע באַגעגענישן און צונויפטרעפן מיט מענטשן בײַ זײַן איקופישער אַרבעט און אָנווייזן און אַרויסברענגען די קלאַנגען און אָפּקלאַנגען, די דיכטערישע אויסדרוקן אין זײַנע פאַרשיידנאַרטיקע צאַפּלדיקע און צײַטגעבונדענע לידער.

.2

ס'איז אַ טעות צו מיינען, אַז ערשט די לעצטע 15־20 יאָר איז ז. ווײַנפּער געוואָרן אַקטיוו־געזעלשאַפטלעך און צילאָנגעווענדט אין זײַן שאַפן. ער האָט שוין פון לאַנג זיך נישט צופרידנגעשטעלט און זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דיכטונג. ער האָט זײַנע אימפּולסן, זײַן דראַנג צו אַקציע באַמיט זיך אַרויסצוברענגען דורך כלערליי קאָלעקטיווע, בציבורדיקע אַרויסטריטן. ער האָט צוליב דעם צוועק אַליין און מיט קאָלעגן־דיכטער אָרגאַניזירט פאַרשיידענע קליינע צײַטשריפטן, זאַמלונגען, וואו ער האָט פאַרעפנטלעכט, אויסער זײַנע אייגענע שאַפונגען, אויך די ווערק פון אַנדערע ייִנגערע און עלטערע שרײַבער. ס'איז אים שוין מיט אַ דרײַ־צענדליק יאָר צוריק אויסגעקומען צו „שטיין ביים עמוד" אין קלענערע שולכלעך און קלייזלעך (דורכן זשורנאַל „די פעדער", „אויפקום" א. א.), ביז ער איז, ווי דער נאַציאָנאַלער אָדער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם איקוף, שוין געוואָרן דער געהויבענער בעל־תפילה, דער שליח־ציבור פון אַ גאָר גרויסער עדה ייִדן, מאַסן־ייִדן, מיט אַ שפּיגל־וואַנט און מערב־וואַנט, מיט אַ גאָר־גרויסער „ווײַבערישער שול" (די לייען־קרײַזן) און מיט אַ גאָר וואַזשנעם פּאָליש. און ווי גיך און ווי גוט ז. ווײַנפּער איז אַרײַנגעוואַקסן געוואָרן אין אָט־דער ראָלע, און ווי גערן ער האָט געטראָגן אָט־די פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיע און — מיט וואָס פאַר אַ פלייס און איבערגעגעבנקייט! אַ פערציק וואָכן, דאָס מיינט, איבער 200 טעג און נעכט אַ יאָר האָט ער געוואַנדערט און געוואַנדלט איבער באַנען און אויטאָבוסן איבערן גרויסן לאַנד אַמעריקע, פונעם אַטלאַנטיק ביזן פּאַסיפיק און אויך איבער אַנדערע לענדער, מיט שווערע פעק און מיט ביכער אין זשורנאַלן. און אומעטום וואו ער איז געקומען, האָט ער געבראַכט

מיט זיך די בשורה פונעם יידישן קינסטלערישן וואָרט, ווי אויך דעם טיפן גלויבן אינעם יידישן שאַפן. ער האָט אָנגעשטעקט מיט זיין דערהויבן וואָרט, מיט זיין טיפער ליבע און באַגייסטערונג פאַר דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור און פאַרן איקוף, וועמען ער האָט געהאָלפן וואַקסן און אַנטוויקלען זיך הן פיזיש און הן גייסטיק.

און ער איז נישט מיד געוואָרן צו געבן, און אין דער זעלביקער צייט איז ער נישט מיד געוואָרן צו מאָנען, צו פאַרלאַנגען, צו נעמען. און ווי באַקאַנט, איז אַלעמאָל דאָס נעמען פיל שווערער ווי דאָס געבן. און נישט אַלע מאָל האָבן די, וואָס האָבן געקאָנט און באַדאַרפט געבן, געווען אַזוי ברייטהאַרציק ווי ז. וויינפּער דער געבער. געבער און נעמער, אָדער ווי ער האָט כּסדר איבערגעחזרט — לעקטאָר און קאָלעקטאָר — זיינען ביי אים געגאַנגען אינאיינעם, האַנט אין האַנט.

ערגעץ־וואו זאָגט ל. נ. טאָלסטאָי דורך איינעם פון זיינע העלדן, אַז דאָס גאַנצע לעבן, דער תוך פונעם לעבן באַשטייט אייגנטלעך אין דעם נאָכאַנאַנדיקן געבוירנ־ווערן פון פאַרלאַנגען און אין דער פרייד זיי אויסצופילן און רעאַליזירן... און גע־בענטשט איז דער מענטש און שאַפער און וואויל איז צו אים, ווען זיינע ווילנס און פאַרלאַנגען זיינען געווענדט און אָנגעצילט אין דער געהעריקער ריכטונג, און ווען זיי זיינען פאַרבונדן מיט געהויבענע צילן און אויפגאַבן לטובת דער מענטשהייט, דעם פאָלק און דעם שאַפערישן וואוקס און רעכטפערטיקער אַנטוויקלונג פון זיין שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. דאָס איז אַ באַזונדערע מזל־ברכה. ז. וויינפּער איז געווען געבענטשט מיט דעם אין אַ פולער מאָס. ער האָט טאַקע פאַראייניקט אין זיך וואָרט און טאַט, מדרש און מעשה, טעאָריע און פּראַקטיק, אידייע און טעטיקייט.

איך שרייב די האָזיקע וויינפּער־אָפּהאַנדלונג אין האָטעל־צימערן אין די שטעט שיקאַגאָ און לאָס־אַנדזשעלעס — פון די זעלבע האָטעלן, וואו ז. וויינפּער איז ביי זיינע באַזוכן איינגעשטאַנען, און פון וואַנעט, ווי פון „הויפּט־קוואַרטירן", ער האָט אָנגעפירט מיט די פיל־פאַרצווייגטע איקוף־טעטיקייטן, און אויסגעפירט די פּלע־נער פאַר אַרבעט. אויפן אָרט זעט מען באַשיינפּערלעך און מען שפּירט די הין־און צוריק־בלוט־צירקולאַציע, וואָס איז געגאַנגען פון וויינפּערן צו די מאַסן און פון די מאַסן צו וויינפּערן. וויינפּער איז באַרייכערט געוואָרן פון אָט־דעם באַפרוכפּערנ־דיקן באַריר, ווי די אַלע מענטשן זיינען באַרייכערט געוואָרן אונטער דער דירעק־טער, פערזענלעכער השפּעה פון וויינפּערן.

וויינפּער איז גלייכצייטיק געטריבן און געטראָגן געוואָרן פון זיין אייגענעם אימפּעט און פון די לעבנס־שטראָמען אַרום אים. ער האָט גערן זיך געלאָזט מיט־רייסן פון די געזונטע לעבנס־קוואַליעס. ער האָט ליב געהאַט צו לייגן קלאַפּטער אין דעם ברייטן טייך פונעם יידישן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז סוף כל סוף געווען און פאַרבליבן די סטיכיע פון זיין לעבן און שאַפן.

ער איז געווען דינאַמיש, אַקטיוו־דינאַמיש נישט נאָר אין זיינע שטראָפערישע און מאָנערישע לידער. אַזוי איז ער אויך געווען אין זיינע עפּישע און לירישע שאַפונגען. ער איז שוין ווייט אַוועק פון דעם קינסטלער־שאַפער, וואָס האַלט אין איין זאָגן: „מה נאה אילן זה", ווי שיין און צוציענדיק איז דער בוים, די נאַטור.

נאַטור אויסער דעם מענטש — האָט שוין פאַר אים נישט עקזיסטירט. און ער האָט עס נישט איין מאָל דורך און אין אייגענע זיינע לידער באַשטעטיקט. ער איז שוין לאַנג געווען מער זאָגער ווי זינגער, ווי סתם־זינגער. דורך זיין ליד האָט ער געדינט דעם פאָלק, די אידייען, דעם קאַמף און געראַנגל מיט זיך, מיט וועלט. ער האָט שוין פון לאַנג באַזינט זיין שאַפן, אַרויסגעפירט עס פון די אייגענע ד' אמות, פון די פיר ווענט אין דער וועלט און געשטעלט זיין שאַפן אין קאָן און אין דינסט פון אַ גערעכטער און שיינער וועלט.

3.

דאָס איז איינער פון די עיקרים אין ווײַנפּערס נאַטור, און דאָס איז דער הויפּט־עלעמענט אין זיין שאַפן. און ווען מיר האָבן עס אין זינען, פאַרגרינגערט עס אונדז צו באַגרייפן דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפטן פון זיין דיכטונג, וואָס האָט זיך געצויגן איבער פערציק יאָר און וואָס איז טיילווייז אויפגעזאַמלט אין זיינע לידער־זאַמלונגען. לאָמיר נעמען בלויז די גרעסערע לידער־ביכער, כראָנאָלאָגיש, ווי זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן: „פון אונדזער לאַנד" (1920); „ביי דער גרעבליע" (1922); „גאָלד־גרין" (1925); „אייגנס" (1929); „געקליבענע לידער" (1932); „אונטער־וועגנס" (1934); „פּיניע" (1939); „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן" (1943); „ביים גרענד קעניאָן" (1947); „פּאָעמען וועגן די נביאים" (1951); „ליד און פרייד" (1954).

עס קומען־צו צו דער רשימה די פּראָזע־ווערק: „יידישע שריפטשטעלער" (1933, צוויי בענד); „מ. ל. האַלפּערן" (1940); „מיטן יידישן לעגיאָן" (1942); „אויף די זאַמדן פון יהודה" (1946); „אַ גאַסט פון אַמעריקע" (1953). אויסער דעם איינציקע קלענערע לידער־זאַמלונגען און קינדער־לידער א. אַז. וו.

אָט־די אַלע פּאָעזיע־און פּראָזע־ווערק זיינען אין אַ גרויסער מאָס אויטאָביאָגראַפיש און אפילו — אויטאָפּאָרטרעטיש. עס זיינען נישט נאָר וועג־צייכנס פון אַ יידישן מענטש, פון אַ יידישן דיכטער, וואָס איז געגאַנגען איבער פערציק יאָר איבער דעם ברייטן דרך־המלך און אויך איבער אייגענע שטעגן־וועגן, נאָר עס זיינען אויך קען־צייכנס פון אַ דור, פון דורות שעפער, דענקער, קינסטלער.

ז. ווײַנפּער, ווי מיר איבערצייגן זיך, ווען מיר לייענען און בלעטערן זיינע פאַרשיידנאַרטיקע ווערק, איז קיינמאָל נישט געווען קיין זייטיקער, מהיכא־תיתי־דיקער סתם צוקוקער — אַזוי אין זיין לעבן און אַזוי אין זיין שאַפן. ער איז אויך נישט געווען קיין גלייכגילטיקער באַאָבאַכטער פון זיך גופא, פון זיין ליד, פון זיין פּראָזע־ווערק. זיינע דיכטערישע שאַפונגען, ווי זיינע פּאָרטרעטן פון שרייבער, פּריי־ערדיקע אָדער זיינע מיטצייטלער, זיינען קיינמאָל נישט קיין אָביעקטיווע אָפּשאַצונגען, קיין קאַלטבלוטיקע כאַראַקטעריסטיקעס. ז. ווײַנפּער שטייט נישט אין דער זייט, ווען ער מאָלט און שילדערט אַ זאַך. ער איז אינצווישן, אינמיטן. זיין קלע־נער און גרעסער ליד איז אַלע מאָל אַן אויסדרוק פון דעם אַרום און פון אים גופא, עס זיינען צייט־לידער, אָבער וואָס זיינען אַדורך דורך זיין אייגענער אינדיווידוע־

לער פּריזמע. און אַזוי אויך זיינע צייט־לידער, וואָס זיינען אויפגעקומען אין באַשטימטע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע עפּאָכע־אָפּשניטן.

און נאָך אַן עיקר: פון זיין „פאַרגיין אין טראָגן" מיט אַ ליד ביזן געבוירן עס — האָט נישט געדויערט קיין פולע ניין חדשים. פון דעם אָנלאָד ביזן אויסלאָד איז ביי אים נישט געווען קיין ווייטער מהלך, קיין דיסטאַנץ. און דאָס האָט געווירקט זיכער אויפן ליד.

אַזוי איז געווען אין אַלע זיינע שאַפערישע יאָרן.

זיין בוך „אונטערוועגנס" (ניו־יאָרק, 1934) הויבט ז. וויינפּער אָן מיט די שורות: „וואָס איז אַ ליד? דער גאַנג פון טריט". און אינעם ערשטן ליד פון זיין בוך „דאָס געזאַנג פון אַ גלויביקן" (1943) זאָגט וויינפּער: „יעדע שורה פון מיינס אַ ליד איז אַ טראָט פון מיינע טריט, געזאַנג פון מיין געזאַנג... פון אַלע געשעענישן בין איך געפּאַנגען". און זיין בוך „ביים גרענד קעניאָן" (1947) פאַרענדיקט ז. וויינפּער: „אַ גרויס געזאַנג און פול מיט ברויזן איז דאָך דער גאַנג צו דעם פאָרויס!"

און דער גאַנג, און דער וועג, און דאָס שטענדיקע געטריבן ווערן פון אייגענע און פון דרויסנדיקע כוחות האָט געווירקט אויף וויינפּערן, אויף זיין געמיט און אויפן אינהאַלט פונעם ליד און גלייכצייטיק — אויך אויף דער פאָרם. און נאָך עפּעס, וואָס איז אַ וויכטיקער יסוד אין וויינפּערס דיכטערישן שאַפן: ער האָט דערנאָך, מיט יאָרן שפּעטער נישט איין מאָל קריטיקירט זיך, זיין שאַפן. ער האָט געזען און באַטאָנט די אייגענע שטרויכלונגען און בלאָנדזשענישן. אין דעם זינען איז באַזונדערס אינטערעסאַנט זיין ספּעציעל־אויטאָביאָגראַפיש ווערק „פיניע", וואו ער פירט אַרויס זיך גופא, אין דער געשטאַלט פון אַ צווייטן, פון פיניען, וויזט פאַרשיידענע מאָמענטן פון זיין פאַרגאַנגענעם לעבן און באַטאָנט די פעלערן, די אָפּנויגן פונעם דרך־הישר, פונעם ברייטן געזעלשאַפטלעכן טראַקט.

דורך זיין בוך „פיניע", דורך די פאַרשיידענע קאַפּיטלען אין בוך, וואו עס מישן זיך רעאַליסטישע בילדער מיט לירישע אָפּנויגן און וואו ער נעמט צו הילף פאַר זיינע אייגענע שטרייטן און קאַמפן מיט זיך גופא, מיט זיינע שוואַכקייטן, זיין פרוי האָלד, — דורך אָט־דעם בוך האָט ז. וויינפּער, דער מענטש און דיכטער, ווי אָפּגעזעגנט זיך מיט זיין פריערדיקן גאַנג אין לעבן און אויסגעפורעמט און אויסגעשטאַלטיקט זיין נייעם וועלט־באַנעם און זיין נייעם צוגאַנג צו וועלט און צום יידישן פאָלק. און ווי סוביעקטיוו עס איז נישט דאָס בוך און ווי עס האָט נישט צו טאָן דורכאויס און בעיקר מיט דעם איינעם פיניע־זישע, אָבער „מעשה יחיד — סימן לרבים", וועלן מיר פאַראַפראַזירן דעם באַרימטן זאָג „מעשה אבות — סימן לבנים". און אין פּראָסט יידיש וועט עס מיינען, אַז וואָס עס האָט געטראָפן מיט „רב ישראל" — האָט געטראָפן מיט „כל ישראל". דער גאַנג פון פיניען, ווי ז. וויינפּער ברענגט אים אַרויס, איז סוף־כל־סוף דער גאַנג פונעם יידישן אינטעליגענט, שרייבער, טוער — אין די דריי יאָרצענדליקער, — פון 1910 ביז 1940.

מיט אַנדערע ווערטער האָט עס ז. וויינפּער אַמאָל געזאָגט אין זיינס אַ ליד, אַז „אויפן וועג וועט אויסקומען אַריבערצושפּאַנען בייטן מיט די אייגענע הענט

צעגראָבענע, פֿאַרזעצטע, אָבער קיין ברירה איז נישטאָ, מען מוז שפּאַנען, שפּאַנען פֿאָראויס".

און מיט דעם האָט זיך ז. ווײַנפּער אַרויסגעשיילט און אַרויסגעטיילט פֿון זײַנע צײַט־קאָלעגן, די דיכטער, די אינזיכיסטן, די פֿונזיכיסטן און די צוזיכיסטן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אין איין צײַט צו שאַפֿן. אפֿשר מיטן אויסנאַם פֿון איינעם פֿון זיי, זײַן נאָענטן פֿרײַנט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, וואָס האָט שטענדיק געהאַט אַן אויג און אויער, אַ האַרץ און געפֿיל פֿאַר סאָציאַלן אומרעכט, פֿאַר אומווירדיקייטן אינעם אַרומיקן לעבן. ז. ווײַנפּערס שורה איז וואָס־ווײַטער אַלץ מער אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט סאָציאַלער שליחות, זי איז געוואָרן ציל־באַוווּסט, ציל־אָנגעווענדט, און ער האָט אָפּט אָנגעשטאָלט זײַן דיכטעריש שאַפֿן מיט נביאישער מאָנעריי און שטראָפֿעריי.

נאָך מיט עטלעכע־און־צוואַנציק יאָר צוריק, אין אַ ליד „פּאָעטן און עסטעטן" („אונטערוועגנס", 1934) רופֿט אויס ז. ווײַנפּער:

„עסטעטן און פּאָעטן, אַלע קומט אַהער —
צי ־עכערט דען נישט אייער איידעלן געהער
דאָס שרײַען פֿון דער גרויער, הוילער נויט
נאָך דאַך אויף קאָפּ, נאָך מלבוש און נאָך ברויט ?"

פֿון אַ זינגער־באַזינגער פֿון דעם לעבן אַרום און פֿון זײַנע אייגענע איבערלעבענישן איז ז. ווײַנפּער מיט דער צײַט געוואָרן אַ באַזיניקער זינגער, אַ זינגער מיט אַ מיין, מיט אַ כּוונה און מיט אַן אויסבליק פֿאַר בעסערע, גערעכטערע, שענערע צײַטן. און אויך מיט אַן אויפֿפֿאָדער צו זיך און מיט מאָנונג. ער קריטיקירט זײַן אַמאָליקע זאָרגלאָזיקייט. אין אַן אַרטיקל (אין „יידישע שריפֿטשטעלער", 1933) שרײַבט ער וועגן זיך און וועגן זײַנע אַמאָליקע קאָלעגן־מיטצײַטלער, אַז „גאָרנישט האָט אונדז אינטערעסירט און גאָרנישט איז אונדז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אַחוץ אונדזערע לידער". אין וועלכע מ'האָט „געזוכט צו לייגן מער דעם טראָפּ אויפֿן וואָרט ווי אויף דעם אינהאַלט". אָבער זינט יענע יונגע יאָרן האָט זיך אין דער וועלט בכלל פֿיל געביטן און ס'האָט זיך אויך געענדערט ז. ווײַנפּערס צוגאַנג צו דער וועלט. ווײַנפּער האָט אַנדערש גענומען באַגרײַפֿן די ראָלע פֿון אַ דיכטער און ממילא — זײַן אייגענע ראָלע אין דעם יידישן שאַפֿן.

אין אַ ליד, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין זײַן בוך „אונטערוועגנס" (1934 — ווען דאָס ליד איז געשריבן ווייס איך נישט) האָט ז. ווײַנפּער גערעדט וועגן די „איצטיקע טעג־חשבונות מיט ציפֿער געגוויע, וואָס טײַטלען אויף אונדז מיט בעלי־חוביִשע פֿינגער און דראָען מיט כּמאַרעס שווערע און גרויע". און ער זאָגט דערבײַ: „אין אַזעלכע טעג, ווי קאָמיש מוז זײַן יעדער זינגער, וואָס טרילט צו דעם זונשײַן אויף אייגענעם פֿענצטער — מעג זײַן יענער זינגער דער פֿינסטער, דער שענסטער".

דאָס שאַצן און איבערשאַצן אייגענע ווערטן, דאָס נעמען זיך אַליין, זײַן אייגענעם דיכטערישן שאַפֿן אונטער שאַרפֿער קריטיק איז ווערט לויב און אָנערקענונג. עס שטימט כּלל נישט מיט די פֿאַלשע מיינונגען וועגן ז. ווײַנפּערן, אַז ער איז געווען

עגאָאיסטיש, עגאָצענטריש און דורכאויס פאַרליבט אין זיין דיכטונג. אין דער רעדע, געהאַלטן אויף דער פייערונג פון זיין 25־יאָריקן שאַפן (אין 1940) האָט ז. ווײַנפּער אָפן און אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז „דאָס פערטליאָרהונדערט פון מיין ליטעראַרישער טעטיקייט ליגט אויסגעשפּרייט פאַר מיר מיט זיינע שטרויכלונגען, דערגרייכונגען, פּיין און שײַן, און איבער אַלץ און אַלעמען — מיין אומרו, וואָס האָט מיך קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזן״.

און וואָס נאָך? ער האָט אָפן און עפנטלעך דערקלערט: „איך פיל זיך גוט צו זיין איינער פון דער מאַסע, — אַ פעדעמל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט: יידיש פאָלקס־לעבן. דער קאַמף פון דער מאַסע איז היינט מיין קאַמף. אירע האָפענונגען זיינען מיינע האָפענונגען״.

עס האָט אים זיכער צוגעשפּילט דער גורל, וואָס מיטן גרינדן פון איקוף איז אים איבערגעגעבן געוואָרן די שליחות, די מיסיע צו טראָגן און פאַנאַנדערטראָגן די געבאָטן, די צילן און אויפגאַבן פון דעם פּראָגרעסיוון יידישן שאַפן, פון דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור. און ז. ווײַנפּער, ווי ווידערגעבוירן, סיי ווי אַ מענטש, סיי ווי אַ דיכטער, האָט גענומען אויף זיך אָט־די שליחות און זי אַדורכגעפירט מיט ליב און לעבן און ווי ער דריקט זיך אָפּט אויס אין זיינע לידער ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן (וועגן אַנהערע) איז ער נתגלה און נתעלה געוואָרן (אַנטפּלעקט און דערהויבן געוואָרן). עס האָבן זיך צעשפּילט אין אים זיינע אַלע פייאיקייטן און זיי זיינען אים צונויץ געקומען און אים באַהילפיק געווען אין זיינע צונויפטרעפן מיט מענטשן, אין זיינע אויפטריטן פאַרן עולם און אין זיין זאַמלען סימפּאַטיע, איבערעס און ביישטייערונגען פאַרן איקוף, פאַרן זשורנאַל „יידישע קולטור״ און פאַרן איקוף־פאַרלאַג. פאַר די קנאַפּע צוואַנציק יאָר פון דער איקוף־עקזיסטענץ איז אַריינגעפלאָסן קרוב צו אַ מיליאָן דאָלאַר. — און על פי רוב פון קליינע, קלענערע סומעס, פון אײנצלנע פאָלקס־דאָלאַרן. עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס גרויסע, וויכטיקע, מאָנומענטאַלע, וואָס איז נישט צום אָפּשאַצן אין געלט און דורך געלט. ז. ווײַנפּער האָט אין דעם אַ גאָר־גאָר גרויסן חלק, עס איז „מעשה ידיו להתפאר״, — דער רעזולטאַט פון זיין פּראַצע, פאַר וועלכער ס׳קומט אים לויב־געזאַנג.

5.

אין די קנאַפּע צוואַנציק יאָר, זינט 1937 ביז זיין פּלוצימדיקן אַוועקגיין, סוף יאַנואַר 1957, האָט ז. ווײַנפּער, אַחוץ די איבן אויסגערעכנטע וויכטיקע וואָגיקע ווערק, וואָס יעדעס פון זיי איז פון גרויס קינסטלעריש־דיכטערישן און אויך קולטור־געזעלשאַפטלעכן באַדייט, פאַרעפנטלעכט אין „יידישע קולטור״, אין „מאָרגן־פרייהייט״ פיל אַרטיקלען, פאַרטרעטן פון שרייבער און קינסטלער, רעצענזיעס, אָפּרופן וועגן ביכער און מענטשן אין אַ גאָר גרויסער צאָל. אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך אויפגעשפּילט און אויסגעשפּילט פּרעכטיקע רעפעראַטן, וואָס זיינען אַליין פאַר זיך געווען קינסטלעריש־קריטישע שאַפונגען.

און ווען מ׳נעמט דאָס אַלץ אין באַטראַכט און ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דער שפע, אין דער עשירות פון ז. ווײַנפּערן אין די לעצטע צוויי־צענדליק יאָר,

קומען אַרויס אַזוי נישטיק, נעבעכדיק און אומווירדיק די „הספּד־ווערטער״. די אַלערליי נישט־פאַרגינערישע נאָכזאָגענישן נאָך ז. ווײַנפּערן, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון א. לעיעלעס, א. אויערבאַך א. אַנ. זיי האָבן „באַדויערט״ וויינפּערן, וועלכער איז „געפאַנגען״ געוואָרן, זיי האָבן כלומרשט אויסגעדריקט מיטלייד דעם דיכטער, וואָס האָט זיי גראָד די לעצטע צוואַנציק יאָר ווייט אַריבערגעיאָגט און הויך אַריבערגעוואַקסן — אין אַלע הינזיכטן — אין כמות פון זיינע ווערק און אין איכות פון זיינע שאַפונגען.

אָט־די ווערק זיינען פון פאַרשיידנאַרטיקן כאַראַקטער און פאָרם, אָבער עס ליגט אויף זיי אַלע דער ספּעציעלער וויינפּערישער שטעמפּל און זיי פאַרמאָגן דעם וויינפּערישן אייגנאַרט. עס איז דאָ אין זיי אַלעמען דער איינדרוק פון דעם מענטשדיכטער וויינפּער, וואָס האָט זיך באַמיט אַרויסצואַנטפּלעקן דעם אומרו, דעם צער און צאָרן, די לייד און פרייד, וואָס זיינען געגאַנגען ענג פאַרבונדן צווישן זיך, וואָס האָט געזוכט פאָרמען ווי צו ברענגען צום פולן אויסדרוק דאָס צעווייטיקטע און צעוואונדיקטע האַרץ.

ביים בייזיין אַרום דעם גרענד־קעניאָן, איז ער אויפגעשיטערט געוואָרן נישט אַזוי פון דער גראַנדיעזקייט גופא פונעם נאַטור־וואונדער, נאָר ער האָט אַרויסגעבראַכט פון זיין אייגענעם וועזן טיפע אומרו, מאָנונגען און וואָרנונגען, וואָס האָבן צו טאָן מיט וועלט, מענטש, פאָלק און אייגן געמיט, דורך די רייד און וויזיעס, דעם אויפשטירעם און אויפברויז פון די נביאים שטעמפּלט וויינפּער פאַלשקייט און אומווירדיקייטן, סאָציאַלע עוולות און אַנטי־מאָראַלישע פירעכצן פון די היינטצייטיקע פירער־רעגירער. אין די צוויי לידער־ביכער „דאָס געזאַנג פון גלויביקן״ און „לייד און פרייד״, אין די הונדערטער לידער און פּאָעמעס, געשריבן אין אַ צייט־מהלך פון אַ צוויי צענדליק יאָר האָבן מיר אָפּקלאַנגען, אָפּהילכן און איבעררופן מיט די וויכטיקסטע און שווערסטע, גרויליקסטע און טראַגישסטע כללישע און יחידישע איבערלעבענישן, וואָס די גרויזאַמע צייט האָט צוגעשטעלט דעם מענטשלעכן ייד און דעם יידישן מענטש.

עס זאָגט וויינפּער אין איין ליד: „עס האָט נישט קיין פייער פון קיין שום גיהינום צעאַשט אין מיין האַרצן דעם גלויבן״. און אין אַן אַנדערן ליד טרייסט ער זיך: אַז נישט געקוקט אויף דער ביטערער קראַקעריי פון קראָען, וואָרקעט נאָך ערגעץ־וואו אַ „ליבע, ווייסע טויב״. דאָס שרייבן, דאָס אַרומפּאָרן, דאָס אויפטרעטן פאַר מאַסן איז אָפּט ביי אים געווען אַ מין „עיר מקלט״, אַן אַנטרינונגסאָרט, וואו ער האָט זיך געלאָזט זוכן רו, אָפּרו, און ווייל ער האָט געוואָלט זיך ראַטעווען „פינעם גרויסן אומרו״, וואָס די נישט־געדאַכטע און אומגלויבלעכע פאַסירונגען האָבן געבראַכט די גלויביקע, און אויך אים — דעם גלויביקן.

זיין שווער־אָנגעגריפן האַרץ, זיין ערנסטע קראַנקהייט האָט פאַרלאַנגט פון אים רו, אָפּרו, אָבער ער האָט נישט געקענט און נישט געוואָלט אין דער געשפּאַנטער אומרואיקער צייט זיך פאַרגינען צו רוען, און צו פאַרפּאַמעלעכן זיין טראָט.

און אַזוי איז ער ז. וויינפּער, צוזאַמענגעבראָכן און אומגעפאַלן, ממש ווי אַ פעסטער קרעפטיקער דעמב, וואָס ווערט געטראָפן פון בליץ און שטורעם. ער איז

צוזאַמענגעבראָכן און אַוועקגעפאַלן אין סאַמע רייסטן פעריאָד פון זיין שטענדיק־ברויזנדיקן דיכטערישן שאַפן.

און ווידער אַמאָל — זעלטן וועלכער דיכטער האָט די זכיה, וואָס נאָך זיין פיזישן אַוועקגייז און פאַרשווינדן לעבט ער אַזוי און זעצט־פאָר צו לעבן אין די הערצער, געפילן און געדאַנקען פון יידישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אים אַזוי ליב געהאַט, אַזוי פאַרערט און פאַרהערלעכט.



נחמן מייזיל און ז. וויינפער

ז. ווײַנפּערס טויט און לוויה

אין נאָוועמבער און דעצעמבער 1956, ווי אויך אין די ערשטע צוויי וואָכן פון יאַנואַר 1957 האָט ז. ווײַנפּער, דער נאַציאָנאַלער סעקרעטאַר פונעם איקוף, באַזוכט אין שליחות פון איקוף אַ צאָל שטעט. ער איז געווען אין קליוולאַנד, וואו ער איז אויפגעטראָטן מיט רעפעראַטן אויף גרעסערע און קלענערע פאַרזאַמלונגען, און פון זײַנע גרוסן איז געווען צו זען, אַז מ׳איז אומעטום וויליק צו פאַרשטאַרקן דעם איקוף. נאָך קליוולאַנד האָט ער זיך געלאָזט אויף אַ ווײַטערדיקן טור. ער האָט באַזוכט שיקאַגע, וואו געהאַט פיל אַרויסטריטן, וואָס האָבן, ווי אַלע מאָל, שטאַרק אויסגענומען בײַם עולם. און פון שיקאַגע איז ער געפאָרן קיין דעטראָיט, פון דאָרט — קיין טאָראָנטאָ און לסוף קיין מאָנטרעאָל. אין די אַלע שטעט זײַנען אַראַנזשירט געוואָרן פײַערלעכע צונויפטרעפן און ס׳זײַנען אַדורכגעפירט געוואָרן מיט ז. ווײַנפּערס הילף אַקציעס לטובת דעם איקוף, דעם זשורנאַל און איקוף־פאַרלאַג. אין קאַנאַדע האָבן סוף דעצעמבער און אָנהויב יאַנואַר געהערשט שטאַרקע פרעסט, און ז. ווײַנפּער, מיט זײַן אָנגעגריפן האַרץ, האָט זיך געפילט נישט אײַבעריק גוט. די פרײַנט האָבן אים געראָטן זיך אָפּרוען, זיך באַראָטן מיט דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן. אָבער ער האָט, אין אימפּעט פון זײַן אַרבעט, נישט געוואָלט אָפּשטעלן אָדער פאַרמינערן זײַנע אַקטיוויטעטן.

אויף זײַן לעצטן לענגערן אַרויספאָר האָט ז. ווײַנפּער געהאַלטן לעקציעס וועגן היינריך היינע, בערגעלסאָן און מאַרקיש, וועגן דעם נסתר, פּערציק יאָר נאָך שלום־עליכם, מ. ל. האַלפּערין; ער האָט אויך פאָרגעלייענט זײַנע אייגענע שאַפונגען אין די פּרייע שעה׳ן און שפּעט אין די אויפדערנאַכטן האָט ער פיבערדיק געשריבן לידער.

ער איז צוריקגעקומען פון דעם קאַלטן מאָנטרעאָל קיין ניו־יאָרק אַ שטאַרק מידער, און די האַרץ־ווייטיקן האָבן זיך שווער געלייגט אויף זײַן געמיט און שטימונג. די גאַנצע וואָך, יעדן טאָג, פון מאָנטיק ביז דאָנערשטיק, דעם 24סטן יאַנואַר 1957, איז ער געווען אין איקוף־אָפיס, געשריבן בריוו, זיך באַטייליקט אין באַראַטונגען, אויסגעהערט באַריכטן און אויך אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וועגן זײַן בן־עיר ל. אַליצקי און אייניקע לידער, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן צו לייענען די קאָרעקטור (דער אַרטיקל און צוויי לידער זײַנען אָפּגעדרוקט אין „יידישע קולטור“, פעברואַר 1951, וואָס איז דערשינען שוין נאָך ווײַנפּערס טויט).

דאָנערשטיק פאַרנאַכט איז ער, אין באַגלייטונג פון נחמן מייזיל, אַוועק פון איקוף־אָפיס צום לעצטן מאָל. געגאַנגען זייער פּאַמעלעך, זיך אָפּגעשטעלט אין וועג, אָבער זיך נישט געקלאָגט. פרײַטיק, דעם 5טן, איז ער געווען גרייט צו פאָרן אין שטאָט, אין אָפיס, אָבער מיר האָבן אים אָפּגערעדט. איז ער פאַרבליבן אין דער היים — פרײַטיק און שבת. ער איז געזעסן פיל, ווי זײַן שטייגער, בײַם שרײַב־טיש. געשריבן בריוו, געשריבן לידער. פרײַטיק אָוונט איז געווען אין שטוב

די טראַדיציאָנעלע סעודה, בײַם בייזיין פון אייניקע פריינט. שבת האָט ער שפּאַצירט אויפן בראָדוואָק און ווייטער פאַרגעזעצט צו שרייבן. נאָך האַלבער נאַכט גענומען זיך פילן שלעכט. מ׳האָט גלייך גערופן אַ דאָקטאָר, וואָס וואוינט אינעם זעלבן הויז, אָבער מ׳האָט אים שוין, לײדער, נישט געקאָנט ראַטעווען.

און שבת, דעם 26טן יאַנואַר, צוויי דרייסיק נאָך האַלבער נאַכט האָט זישע ווײַנפּער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם בײַם בייזיין פון זיין לעבנס־באַגלייטערין זיסע און זייער טעכטערל בזמהלע.

די שרעקלעכע ידיעה וועגן דעם אומגעריכטן טויט פון דעם שטענדיקן לעבנס־לוסטיקן, ענערגישן און פולבלוטיקן ז. ווײַנפּער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט צווישן זיינע חברים, פריינט, פאַרערער, וואָס דערשיטערטע, אויפגעטרייסלטע האָבן זיי נישט געוואָלט גלויבן און נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז ז. ווײַנפּער איז אַזוי שנעל, פּלוצים אַוועקגעריסן געוואָרן.

דער איקוף־פּרעזידיום און שטאָט־קאָמיטעט פונעם איקוף האָבן אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע טרויער־מיטטיילונג וועגן דעם אומגעריכטן און פריצייטיקן טויט פונעם דיכטער ז. ווײַנפּער, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם איקוף:

„מיט געבויגענע קעפּ און מיט טיף־צעווייטיקטע הערצער שטייען מיר, די מיטגלידער פונעם איקוף־פּרעזידיום, פון שטאָט־קאָמיטעט און פון אַלע איקוף־סעקציעס, פאַר דער גרויסער אבידה, וואָס דער איקוף און די יידישע ליטעראַטור האָבן געליטן פונעם אומגעריכטן און פריצייטיקן טויט פון אונדזער טייערן, באַליבטן **זישע ווײַנפּער**, וואָס איז געשטאָרבן זונטיק פאַרטאָג, דעם 27־טן יאַנואַר, 1957.

„ז. ווײַנפּער פאַרנעמט אין דער יידישער דיכטונג און אין דעם יידישן שאַפן איינעם פון די אָנערקענטסטע און בכבודיקסטע ערטער. קרוב צו 45 יאָר איז ער געווען איינער פון די בויער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וועלכע ער האָט באַרייכערט מיט אַ צאָל וויכטיקע דיכטערישע און פּראָזע־ווערק פון גרויסן קינסטלערישן באַטייט. ז. ווײַנפּער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע גרונטלייגער פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד איקוף. זינט זיין אויפקום אין פּאַריז, און אַלע יאָרן האָט ער פאַרנומען דעם הויכן פּאָסטן פון גענעראַל־סעקרעטאַר. ער איז געווען דער רוח החיים און דער באַגייסטערנדיקער פירער דורך וואָרט און פּען און אַדורכגעפירט זיין שליחות מיט מסירת־נפש.

„שווער געטראָפן פון דעם שרעקלעכן פאַרלוסט, דריקן מיר אויס אונדזער טיפן מיטגעפיל און מיטלייד צו זיין פרוי זיטע און צו זייער טעכטערל נחמה און צו אַלע פאַרערער פון ז. ווײַנפּער און פון זיין גרויסן דיכטערישן טאַלענט.

איקוף פּרעזידיום
ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט

די לוויה איז פֿאָרגעקומען דינסטאָג, דעם 29טן יאַנואַר. נישט געקוקט אויף אַלע באַמיאונגען פֿונעם לוויה־קאָמיטעט, האָט זיך נישט איינגעגעבן צו קריגן אַ גרויסן זאַל פֿאַר דער לוויה, און דער לוויה־זאַל פֿון י. שוואַרץ, אויף דער צווייטער עוועניו, איז געווען פֿול איבערגעפּאַקט, אַזוי אויך די דערבײַיאיקע צימערן, קאָ־רידאָרן. אַ גרויסער עולם פֿון הונדערטער פּרײַנט, פֿאַרערער פֿון דעם נפֿטר, איז געבליבן אין דרויסן אין טיפֿן טרויער.

ס׳זײַנען געקומען צו דער לוויה: סעם און ראָזע סטעפּקין פֿון לאָס־אַנדזשעלעס; כאַסיע שאַפּיראָ פֿון באָסטאָן; ש. דאַווידזאָן, ס. סילווערמאַן און סאָניע טראַכטענבערג פֿון פֿילאַדעלפֿיע, ווי אויך פֿאָרשטייער פֿון די אַרומיקע שטעט און שטעטלעך.

צווישן עולם זײַנען אויך געווען אָנגעזעענע יידישע שרײַבער, שוישפּילער, מו־זיקער, קולטור־טוער, לערער א. אַז. וו.

עס זײַנען אָנגעקומען טרויער־טעלעגראַמעס פֿון פֿיל שטעט און פֿון פֿאַרשײ־דענע לענדער, אין וועלכע עס איז געווען אויסגעדריקט דער צער פֿון דעם גרויסן פֿאַרלוסט וואָס די יידישע ליטעראַטור און דער איקוף האָבן געליטן מיטן פּריצײַ־טיקן אַוועקגיין פֿון ז. ווײַנפּער.

בײַם אָפֿענעם אָרון, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט און פֿאַרטרונקען מיט בלו־מען־קרענץ, האָבן זיך אָנגעהויבן די טיף־טרויעריקע, דערהויבן־רירנדיקע הספּד־ווערטער פֿון דעם נפֿטרס חברים און פּרײַנט, פֿון פֿאָרשטייער פֿון די קולטור־אָר־גאַניזאַציעס, וואו ז. ווײַנפּער איז געווען טעטיק.

דער חזן משה ערשטלינג האָט אָנגעהויבן מיט אַ טראַדיציאָנעלן קאַפּיטל־תהילים.

אין נאָמען פֿונעם לוויה־קאָמיטעט האָט א. דזשעגאַווסקי אויסגעדריקט אַלע־מענס צער אויף דער גרויסער אבֿדה, גערעדט וועגן דעם מוראדיקן פֿאַרלוסט פֿאַרן איקוף און געטרייסט די טיף־געטראָפֿענע פֿונעם אומגליק — זײַטע און נחמהלע ווײַנפּער. די גאַנצע צײַט האָט זיך געהערט אין זאַל געוויין, דאָס כליפּען פֿון נאָ־ענטע און אייגענע.

ס׳האָבן גערעדט: נחמן מייזיל, ב. צ. גאָלדבערג, פֿרענק קוירק, א. גאָלד־בערג, פּ. נאָוויק, בער גרין (פֿאַרגעלייענט ווײַנפּערס אַ ליד), ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

דער חזן האָט דערנאָך געמאַכט דעם „אל מלא רחמים“.

די גאַנצע צײַט, אויך אין אָוונט פֿאַר דער לוויה, איז געשטאַנען בײַם אָרון פֿונעם נפֿטר אַן ערן־וואַך, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער שרײַבער, שוישפּילער, מוזיקער, קינסטלער, איקוף־טוער, פֿאַרערער פֿון ז. ווײַנפּער.

אויפֿן בית־עולמין, וואוהין ס׳איז געקומען, נישט געקוקט אויפֿן שרעקלעכן וועטער און גאַס־רעגן, אַ גרויסער עולם פֿון אַ פּאָר הונדערט מענטשן, האָבן גערעדט און געלייענט ז. ווײַנפּערס לידער: קלמן פֿרידמאַן, אבֿרהם ביק, וו. קאָרן, ז. יאַכנעס. זײַטעס עלטערער ברודער, זיגמונט גאַרטנער, האָט געזאָגט דעם „יתגדל ויתקדש“.

הספד־רעדעס

נחמן מייזיל:

טייערער ווינפער!

מיר רעדן דאָ וועגן דיר און רעדן צו דיר ווי צו אַ לעבעדיקן, ווי דו וואָלסט איצט דאָ געווען מיט אונדז, ווי אַלעמאָל, אַ לעבעדיקער און אימפּעטפולער.

ווי קאָן מען דען רעדן אַנדערש צו אַ חבר, צו אַ גוטן־ברודער, מיט וועלכן מען איז געווען אַזוי נאָענט און אייגן געקניפּט און געבונדן צענדליקער יאָרן?

ווי קאָן מען דען רעדן אַנדערש צו אַ חבר, וואָס אַקסל צו אַקסל, האַנט אין האַנט האָט מען כסדר געבויט אונדזער גרויסן איקוף־בנין פון פונדאַמענט ביז די הויכע שטאָקן, געבויט ביי סאַמע שווערסטע, ביטערסטע פיזישע און גייסטיקע שטע־רונגען און שוועריקייטן?

עס איז אונדז אַנדערש גאַרנישט מעגלעך צו רעדן און צו טראַכטן וועגן דיר. מיר קאָנען נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס איז געשען עפּעס אַנדערש צווישן אונדז און דיר.

די לעצטע טעג האָבן מיר גערעדט און געשמועסט, זיך געטיילט מיט אונדזערע ווייטערדיקע אַרבעט־פּלענער, אַנגעצייכנט פּראָיעקטן און אויסגעאַרבעט איינצלהייטן פאַר ווייטערדיקע טעטיקייטן, פאַר נייע ביכער, פאַר נייע רייזעס איבערן לאַנד.

קרוב צו 45 יאָר ביסטו געשטאַנען ביים עמוד פון דער יידישער דיכטונג. אַפּריער אין קליינע, קלענערע שולכלעך, און מיט דער צייט ביסטו אַלץ־מער גע־שטיגן און געוואָקסן. די לעצטע צוויי צענדליק יאָר ביסטו געווען דער שליח־ציבור פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אַרום דעם איקוף.

דו ביסט געווען דער זינגער און זאָגער, און, ווי דו אַליין האָסט ליב געהאַט אַנצורופן זיך: „דער לעקטאָר און קאָלעקטאָר". אָבער ביים נעמען ביי די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַרן איקוף, ביסטו אַלעמאָל געווען און פאַרבליבן מער געבער ווי נעמער. מיט וואָרט, פּען און טאַט ביסטו געשטאַנען פעסט אויף אונדזערע קול־טור־פּאָזיציעס, און, ווידעראַמאָל, ווי דו האָסט ליב געהאַט זיך צו באַצייכענען, ביסטו געווען דער מאָדערנער „פעכאַטנער מגיד". דו ביסט אויסגעפאָרן צענדלי־קער טויזנטער מיילן, איבערן גרויסן לאַנד און אין פאַרשיידענע אַנדערע לענדער, און אומעטום האָסטו געבראַכט דיין געהויבן וואָרט, דיין פרעכטיק ליד, דיין טיפן גלויבן אין יידישן שאַפן און התלהבות און דערמוטיקונג צו טויזנטער און טויזנ־טער יידן.

מיט דיין אומדערשעפּלעכער ענערגיע און מיט דיין סטימולירנדיקן כוח, האָסטו געהאָלפן אויפשטעלן אַ גרויסע צאָל וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציעס אין און אַרום דעם איקוף, און באַזונדערס די פרויען־לייען־קרייזן, וואָס זיינען דאָס שיינדל אין אונדזער וועלטלעכן קולטור־שאַפערישן לעבן.

מיט 44 יאָר צוריק, אין 1913, ביסטו געקומען צו די היגע ברעגן, אַ יונגער

בחור, אָבער שוין טיף און שווער אָנגעלאָדן מיט יידישע קולטור־אוצרות פון גרויסע יידישע און וועלטלעכע רייכטימער. דו ביסט געווען דער צוואוואוקס און נאָכוואוקס פון די דעמאָלטדיקע „יונגע“, אָבער ווען אַ צאָל פון זיי זײַנען מיט דער צייט און פאַר דער צייט אַלט געוואָרן, געוואָרן גייסטיקע זקנים, ביסטו אַלץ יונג געווען. דײַן שטאַרקער שטאַם האָט געוואָרצלט אין דער שוואַרצערד פון יידישע און מענטש־לעכע גרויסע אידעאַלן. דו ביסט אַלץ מער פאַרצווייגט געוואָרן. און דער בוים פון דײַן טאַלאַנט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און בליען און ברענגען אַלץ־בעסערע, רייפערע און נאַרהאַפטיקערע פירות. די פיל הונדערטער לידער און פּאָ־עמעס, די הונדערטער ליטעראַרישע אַרטיקלען און עסייען, די עטלעכע גרעסערע ראָמאַנען־דערציילונגען, בלויז אַ טייל פון דעם אַלעמען איז אויפגעזאַמלט אין די איבער צוואַנציק ביכער, ווייזן דעם הערלעכן וועג, די וועגן־שטעגן, אויף וועלכע דו ביסט געגאַנגען, געקלעטערט אַלץ העכער און העכער.

אין דײַן בוך „דאָס געזאַנג פונעם גלויביקן“ האָסטו געשריבן: „יעדע שורה פון מײַנס אַ ליד / איז אַ טראָט פון מײַנע טריט...“ יאָ, דײַנע אַלע לידער, וואָס דו האָסט פריער פריידיק אַרויסגעזונגען, און אין די לעצטע יאָרן טיף אַרויסגע־וויטיקט, זײַנען צייכנס פון דער צייט, צייכנס פון דײַנע טריט און צייכנס פון די טריט פון אונדזער דור, פון די לעצטע דורות.

וויפל דו האָסט נישט געזונגען אַלץ מער האָסטו געהאַט דעם באַגער צו זינגען נאָך און נאָך... „אויסגעזונגען שוין פון זיך אַזוי פיל לידער, / און עס זינגט זיך ווידער, ווידער.. “ — האָסטו אויף זיך געזאָגט.

אין די לעצטע, גאָר שווערע יאָרן פאַר דיר, פאַר אונדז אַלעמען, ווען מיר זײַנען געווען צעפייניקט, האָסטו זיך גענומען איבעררופן מיט די נביאים, און אין זיי געזוכט פאַר זיך, פאַר אונדז אַלעמען, טרייסט, גבורה, בטחון...

אין דײַן לעצטן בוך „ליד און פרייד“, דער נאָמען, וואָס מיר ביידע האָבן צוגעטראַכט פאַר דער זאַמלונג פון לידער און פּאָעמעס, איז פאַראַן שוין מער לייד ווי פרייד.

דײַנע לידער פונעם לעצטן יאָר זײַנען דער אויפשיטערנדיקער אויסדרוק פון דײַן שווער, צעווייטיקט געמיט, אַ פועל־יוצא פון די גרויל־געשעענישן, פאַר וועלכע עס איז נישטאָ קיין שום פאַרענטפערונג און קיין שום מחילה. דו, וואָס מען האָט דיך געוואָלט פאַרוויגן פאַר אַ יחידישן, אינדיווידואַליסטישן דיכטער, האָסט גע־טראָגן אַזוי פיל כללישע, בציבורדיקע געפילן, מאָטיוון, געראַנגלענישן.

אין די לעצטע שטורעמדיקע זאַווערוכע־יאָרן, ווען עס האָט געבושעוועט און געהאָגלט פון אַלע זײַטן, האָסטו געטענהט, אַז דער שטורעם וועט אונדז נישט צע־ברעכן און נישט אומוואַרפן, און אַז פון די שטורעם־ווינטן וועלן אונדזערע באַקן פאַררויטלט. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז דו ביסט געפאַלן אַ קרבן פון די מוראדיקע גרויזאַמע געשעענישן.

דו האָסט געברענט און געברענט, און דײַן טיף־פילנדיק האַרץ איז פאַרברענט געוואָרן אין דער גרויליקער וועלט־שרפה.

מיר, נאָענטע צו דיר, ווייסן עס גאַנץ גוט!

אין דיין לעצטן בריוו, וואָס דו האָסט געשריבן שבת אויפדערנאַכט, אַ פּאָר שעה פאַר דיין אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם, האָסטו געזאָגט: „וועגן זיך פּער־זענלעך איז אַזוי: אַרונטערגעצויגן פון זיך אַרום 20 פונט, איז גרינגער געוואָרן צו טראָגן דעם גוף, ווען איך קען נאָך אַרונטערנעמען אַזוי פיל וואָג פון דער שווערקייט אין געמיט, וואָלט געוואָרן גרינגער אַרום. אָבער דאָס לעצטע האָט שוין גאַרנישט צו טאָן מיט מיין ווילן...״

און ווייטער זאָגסטו: „אין שעה׳ן פון גרויסן אומרו אין זיך, ראַטעווע איך זיך מיט דער פען איבערן פּאַפּיר...״

„עס איז ביז גאָר מאָדנע, — שרייבסטו ווייטער אין בריוו, — איך קריג לעצטנס פיל בריוו פון לייענער פון לאַנד און פון אַנדערע ווייטע לענדער מיט טענות, פּראָוואָס מיינע פּאָעמען אין דער ,יידישע קולטור׳ זיינען אָנגעפילט מיט טרויער... געהערט אַ מעשה! איך דאַרף צושטעלן פרייד, האָפענונג און טרייסט. אָבער וואו זאָל איך דאָס נעמען?״

טייערער וויינפּער!

מיר ווילן דאָ איצט, פאַר דיין אָפענעם אָרון, דיר זאָגן און היילִיק דיר פאַר־זיכערן:

מיר וועלן טייער און ערלעך האַלטן דיין כשר־פאַרדינטן נאָמען! מיר וועלן ווייטער פאָרזעצן צו באַפּעסטיקן דעם איקוף, און מיר וועלן טייער האַלטן, היטן און אָפּהיטן זיטען און נחמהלעך, — די טרייע באַגלייטערינס פון דיין שייך, טאָ־לענטפול און אימפּעטפול, שאַפעריש לעבן.

וויינפּער, דו בלייבסט לעבן ביי אונדז אַלעמען, אין די הערצער און געמיטער, אין די געדאַנקען און געפילן!

ב. צ. גאָלדבערג

זישע וויינפּער איז אויסגעוואַקסן אַרום דעם רבישן הויף אין טריסק. זיין פאָ־טער איז געווען אַ חזן ביים רבין.

ביז זעכצן יאָר, איז ער אַליין אויך געזעסן אין קלויז, געלערנט אין ישיבות. אין זיין כאַראַקטער, אין זיין שאַפן, איז געלעגן גאָר ווינציק פון ישיבה, קלויז און רבי. אָבער גאָר אַ סך פון חזן.

מיר האָבן אים תמיד געזען אַ זינגעדיקן און אַ זוניקן, אַ פריילעכן, אַ מונטערן. און איך וואָלט אויך געזאָגט אַ טוענדיקן. ער האָט דערמאָנט אַ פעלד מיט בליענ־דיקן קאָרן אין אַ זוניקן, זומערדיקן נאָכמיטאָג.

דיכטער הויבן אָן שרייבן לידער אין זייער יוגנט, זיינען זייערע ערשטע לי־דער תמיד איינגעטונקען אין בענקשאַפט און אומעט, דורכגעדרונגען מיט אַ גע־פיל פון דער טראַגיק פון לעבן, און מיט אַ זוכעניש אָפּצונויגן פון לעבן. ז. וויינ־פּער האָט זיין דיכטונג אָנגעהויבן ניט מיט אָט־דער יוגנטלעכער ראָמאַנטיק. ער האָט זיך גלייך באַוויזן מיט אַ פולן געזונטן חוש פאַרן לעבן, פאַר נאַטור, פאַר דער

זוניקער רחבות פון גאָטס וועלט. אין אונדזער גאָרטן פון דיכטונג האָט ער זיך באַוויזן ווי אַ צייטיקע זאַנג.

און באַלד ווי ער הייבט זיך אָן צו דרוקן, הייבט ער אויך אָן ליטעראַרישע טעטיקייט. ער קלייבט צונויף נאָך יונגע שרייבער ווי ער, און גיט צוזאַמען מיט זיי אַרויס אַ זשורנאַל — ער איז דער רעדאַקטאָר, דער קריטיקער, און דער גאַנצער עסקן אַרום דעם. אַ צאָל זשורנאַלן אַזוינע, דער ערשטער פון זיי, „אָנהויב", איז אַרויס מיט באַלד פערציק יאָר צוריק.

און אין יעדן זשורנאַל, טראָגט ער אַריין זיין פּאָזיטיוון, מונטערן און אָפּטימיסטישן טאָן. עס זיינען אַלעמאָל געווען פּעסימיסטן, וואָס האָבן פאָראויסגעזאָגט דעם אומקום פון דער יידישער קולטור. איז אין 1924, קומט ווײַנפּער אַרויס מיט אַ זשורנאַל, וואָס הייסט דווקא „אויפקום", און די ערשטע שורות פון דעם ערשטן בלעטל לייענען זיך אַזוי:

„אין אונדזערע פענצטער קלאַפּן שוואַרצע קראָען און קראַקען: „אומקום! אומקום! מיר וועלן אָנשטעלן אונדזערע פייל און בויגנס אויף זייערע מיילער, און זיי טויט צו דער ערד וואַרפן; און אָנשטאָט זיי וועלן ווייסע פויגל זיך אַ הייב טאָן איבערן הימל, און זינגען דאָס ליד פון אויפקום..."

אַ מונטערער, אַ גוט־ברודערדיקער און אַ יום־טובדיקער, איז ער העכער פערציק יאָר צווישן אונדז אַרומגעגאַנגען. אָבער נישט שטענדיק איז אים געגאַנגען יום־טובדיק. וויפל צרות און עגמת־נפש דער שמייכל און די בראַוואַדאָ האָבן פאַרשטעלט, ווייסן ווייניק מענטשן. מיר איז אויסגעקומען אַ פאָר מאָל אַריינצוקוקן הינטער דעם פאַסאַד פון זיין גוט געשטימטקייט.

איך געדענק אַ צייט, ווען ער האָט געמוזט זיין פאַרבונדן מיט עפּעס אַ פאַראיין פון גראָסערי־לייט, און שרייבן פאַר זיי, אונטערן נאָמען א. טריסקער, אַן אַרטיקל אַ וואָך, וואָס האָט באַדאַרפט אַריינקומען אין „טאָג". איז די הכנסה דערביי געווען אַ קליינטשיקע, אָבער דער עגמת־נפש, דער אָנליידן זיך פון קאַלעגן, קליינינקע מענטשעלעך, וואָס ווילן פילן דעם טעם פון טרעטן אויף יענעם — דאָס האָט ער אפשר קיינעם ניט דערציילט. איך דערמאָן זיך דעם ערב־גרינדונג פונעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, בעת מען האָט געקליבן דעלעגאַטן צו פאָרן קיין פאַריז. ווײַנפּער האָט געוואָלט פאָרן, אָבער אַנדערע דיכטער, מיט „גרעסערע" נעמען, האָבן פונקט אַזוי שטאַרק ניט געוואָלט, אַז ער זאָל פאָרן. אויף מיין גורל איז אויסגעפאַלן אויסצולאַדיען דעם ענין, און איך ווייס וויפל אומאָנגענעמלעכקייטן ער האָט דעמאָלט געמוזט פאַרטראָגן, ביז עס איז מעגלעך געוואָרן פאַר אים יאָ צו פאָרן.

ווײַנפּער האָט ליב געהאַט אָפּט צו דערמאָנען, אַז משה אָלגין האָט אים געבענטשט צו זיין ביי יידן „אַ לעקטאָר און אַ קאָלעקטאָר"... דער זיין אַ קאָלעקטאָר איז ניט תמיד געווען אַן אָנגענעמע זאַך, און אפילו ניט קיין פיזיש־לייכטע זאַך, איז מיר אויך אויסגעקומען צו זען. צופעליק בין איך געווען אין אַ פאָר ערטער, וואו ווײַנפּער האָט אָנגעפירט זיין קאַמפּיין פאַרן איקוף, אין אַ וויטער שטאָט פון אונדזער מדינה, און אין אַן אַנדער מדינה. איך האָב געזען ווי שווער

ער האָט געאַרבעט, און וואָס ער האָט באַדאַרפֿט פֿאַרטראָגן כּדי אַדורכצופֿירן די אַרבעט. איך האָב געקלערט: אין ניו־יאָרק געפֿינען זיך מענטשן, וואָס זיינען אים אפֿשר מקנא דאָס אַרומפֿאָרן, זען אַ וועלט. זיי וואָלטן וועגן דעם אַנדערש געטראַכט, ווען זיי וואָלטן געוואוסט, מיט וואָס דער אַרומפֿאָרן איז פֿאַרבונדן, און ווער רעדט נאָך די לעצטע יאָרן, איז דאָס אַוודאי געווען פֿאַרבונדן מיט אַ סך פֿאַרדרוס און האַרצווייטיק.

איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געהערט וויינפֿערן זיך אויף עפּעס באַקלאָגן, זיין אומצופֿרידן, אַנטוישט.

ביי אים איז דאָס גאַנצע לעבן אַוועק אין אויפֿקום, אין בויען, אין שאַפֿן, אין דער פֿולער אמונה אין יידישן וואָרט, און אין דער צוקונפֿט פֿון דער יידישער קולטור.

מיט זיין ענערגישער אַקטיוויטעט, האָט ער אַ סך אויפֿגעטאָן פֿאַרן איקוף, ווי אַמאָל פֿאַר די פֿאַר־יידענע קליינע זשורנאַלן, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן; און מיט זיין אָפּטימיזם און גוט־ברודערשאַפֿט, האָט ער ניט נאָר זיך איינגעשאַפֿט טויזנטער אינטימע פּערזענלעכע פֿריינט איבערן לאַנד און אַנדערע לענדער. ער האָט אויך דערמוטיקט טויזנטער מענטשן צו שטופּן דעם וואָגן פֿון קולטור אין דער יידישער גאַס.

דער טויט ציט אַרונטער אַן אונטערשטע שורה, און די אונטערשטע שורה פֿון ז. וויינפֿערס לעבן איז פֿערציק יאָר ליטעראַריש שאַפֿן און קולטור־טעטיקייט, אַ ריי גוטע ווערק אין דיכטונג און פּראָזע, וואָס וועלן פֿאַרבלייבן אין אוצר פֿון אונדזער ליטעראַטור, און אַ סך אויפֿבוי־אַרבעט און אויפֿהאַלט־אַרבעט אין אונדזער קולטור־באַוועגונג, און די ביידע — באַלויכטן מיט אַ גייסט פֿון גלויבן און אָפּטימיזם, פֿון אַ דראַנג צום לעבן, און צום געניסן פֿון לעבן. אויב מען וואָלט געקאָנט כאַראַקטעריזירן וויינפֿערס טרעטן אויף אונדזער ערד אין איין זאַץ, וואָלט דער זאַץ געווען: ברידער, ס'איז כּדאַי צו לעבן אויף גאָטס וועלטל!

און כּדאַי האָט דאָס געקאָנט זיין נאָר צוליב דעם, וואָס נאָכן היינט, קומט אַ מאָרגן, און דער מאָרגן וועט זיין, מוז זיין, העלער, ליכטיקער, שענער פֿון דעם היינט. דאָס איז געווען דער פּראָגרעסיווער גייסט, וואָס האָט אים געפֿירט אויף אַלע זיינע וועגן.

נאָך אין איין ליד, געשריבן אין 1922, רייסט זיך אַרויס וויינפֿער מיט אַ וואָרט,, אַז אויך ער איז געווען ניט מיט אַלץ צופֿרידן אין זיין לעבן, און מיט די שורות פֿון אָט־דעם ליד, וועל איך זיך געזעגענען מיט אים אַציינד:

אַלץ וואָלט זי געזען

ווי וואָלט איך וועלן זיין היינט ביי מיין מאַמען
אַ שוויגנדיקער, אָט אַזוי צוזאַמען
זיצן ביי דעם טיש מיט איר.
איך וואָלט מיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
געפֿילט דעם ווייכן בליק פֿון אירע אויגן,
איר ווייכן בליק אויף מיר.

עס וועט אַ מאַמע דאָך ניט פֿרעגן
אַוואו, אויף וועלכע שלעכטע וועגן,
עס איז איר קינד געווען.
זי וואָלט איר קאָפּ צו מיר צוגעבויגן
און מוטערלעך געקוקט מיר אין די אויגן
און אַלץ וואָלט זי געזען.

פרענק קווירק

מיר שטייען איצט מיט געבויגענע קעפּ און טרויעריק טיף אויף דעם, וואָס דאָס גרויסע און העל־ברענענדע ווײַנפּער־ליכט, אונדזער שטאָלץ, וואָס האָט אַזוי העל באַלויכטן און גרינגער געמאַכט אונדזער שווערן קולטור־וועג איז אַזוי גרויזאַם און פּריצײַטיק אויסגעלאָשן געוואָרן.

ס'איז שווער צו רעדן בײַ ווײַנפּערס אָפענעם אָרון, ווײַל ווערטער זײַנען, דאַכט זיך ניט קיין גענוג שטאַרקער מיטל אויסצודריקן דעם צער אויפן גרויסן פאַר־לוסט, וועלכן מיר וועלן זייער לאַנג פילן, און זײַן אָרט וועט בײַ אונדז פאַרבלײַבן אַ ניט פאַרפולטער.

אין נאָמען פון ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט, פון יעדן מיטגליד באַזונדער, פון דער פּלאַסטישער קונסט־סעקציע בײַם איקוף און באַזונדערע קינסטלער, וועלכע האָבן אַלעמאָל אין אים געפונען אַן איבערגעגעבענעם פרײַנט, פון די לייען־קרײַזן און איקוף־קלובן, ברענג איך אונדזער אויסדרוק פון טיפן טרויער און אויך אַ וואָרט פון טרייסט צו דער ווײַנפּער־משפּחה, צו זײַן פרוי זיטע און טאָכטער נחמה, וועלכע האָבן באַשײַנט און גרינגער געמאַכט זײַן לעבנס־וועג.

פאַר מיר איז שווער צו מאַכן שלום מיט דעם געדאַנק, אַז ווײַנפּער איז שוין מער ניטאָ מיט אונדז. איבער דרײַ־צענדליק יאָר האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ פּער־זענלעכע פרײַנטשאַפט און געווען ענג פאַרבונדן אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, ביז זײַן לעצטן טאָג.

דעם לעצטן פרײַטיק, בײַ אים אין הויז, האָט ער פאַר אונדז פאַרגעלעזן זײַן לעצט אָנגעשריבן ליד, וועלכעס איז געווען אַזוי לירישֿ־צאַרט, פול מיט אומעט. עס האָט אָפּגעשפּיגלט זײַן שווערן געמיט.

ווײַנפּער איז איצט מער ניטאָ מיט אונדז פיזיש. אָבער זײַן גײַסט וועט אויף שטענדיק בלײַבן מיט אונדז און מיר וועלן זײַן אַרבעט פאָרזעצן.

א. גאָלדבערג

עס איז אַוועק פון אונדז דער גרעסטער מאמין אין אונדזער דיכטונג.

אַ לעבן־לאַנג — פון טריסק ביזן לעצטן טראַגישן זונטיק — האָט ער גע־זונגען דאָס ליד פון גלויביקן אין אונדזער ליטעראַטור — ער האָט קיין מינאָרנע טענער ניט פאַרטראָגן.

מיט טיפער אמונה האָט ער געטראָגן די ייִדישע האָפענדיקייט, און דעם אַלט־ייִדישן „אף על פי שיתמהמה" — אפילו ווען די גאולה זאָל זיך פאַרשפּעטיקן — גלויב איך אַלץ.

„אויב נישט דער היינט, וועט דער מאָרגן האָך צעבלענדט, צעשײַנט אַרויס פון יאָך", — זאָגט ער.

ער האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעם זוניקן טאָן אין יידישן ליד. תמיד זוניק — אפילו די לעצטע חדשים האָט ער זיך געראַנגלט קעגן עצבות — ניט אין זיין גוסט געווען — ניט זיין פאַרב, ניט זיין טאָן.

„איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר" —

אָבער דער עיקר איז ער אין פשוטן מענטשן געווען פאַרליבט, מיט זיין פאַר־אויסגאַנג און מיט זיין מאָרגן זיין לעבן פאַרבונדן.

זיי — די „באָרוועסע ברידער" און „יחיאל בערל, דעם חייטניק" — זיי האָט ער זיין ליבע, זיין געטריישאַפט, זיין ליד אָוועקגעשענקט.

ניט בלויז דעם מאַנטל פון די נביאים האָט ער אויף די חייטניקעס אַרויפגע־לייגט, נאָר אויך זיין אייגן צעגליט און צעהעלט געזאַנג אין זייערע הערצער אַריינגעזונגען.

אָנגעהויבן ווי אַ לערער, איז ער פון קינד קיין מאָל ניט אַוועק — זיינע קינ־דער־ליהער האָבן גלויבן אין קינד געפלאַנצט. — „זון באַהעלט אונדזער וועלט — לעבן איז כדאי". און פאַר די קינדער האָט ער די מעשה פון שלום געוועבט און זיך איינגעשטעלט פאַרן נעגערל, וואָס ראַנגלט זיך קעגן שלעגערל און די קינ־דער אַנטקעגן געטראָגן זיין ליבע:

„זינג, זינג דאָס ליכטיקע געזאַנג
צו דעם עקשנותדיקן גאַנג
פון אונדזערע קינדער — ".

ניטאָ, דאַכט זיך, קיין איין יידישע שול־כרעסטאָמאַטיע, דאָ און אין אַנדערע לענדער, וואָס זאָל ניט האָבן אין זיך וויינפערס לידער.

די יידיש־וועלטלעכע שול אין אַמעריקע האָט פאַרלוירן אַ געטרייען בויער, די יידישע קינדער — דעם „גילדענעם האָן" זיינעם.

ער איז געוואָרן דער פאָקנטרעגער פון אונדזער פראָגרעסיוון קולטור־פאַרמעג אין אַמעריקע. ווי מענדעלע מיטן ביידל, איז ער געפאָרן איבער כל תפוצות אַמע־ריקע, און געבראַכט בטחון, ליבע צו יידיש, זיין ליד און די קולטור־שליחות זיינע.

דאָס וואָרט „איקוף" האָט ער מיט ווערדע אָנגעפילט. אין 1937, אין פּאַריז, האָט ער געזאָגט: „איך וועל שטענדיק האַלטן פאַר אַ פּריווילעגיע צו ווידמענען מיין לעבן אונדזער יידישער קולטור".

געזאָגט — און געטריי און ערלעך און געוויסנפול געהאַלטן וואָרט. ביז זיין לעצטן אָטעם געבויט, געהיט די יידישע קולטור.

די אבידה איז זייער גרויס.

ס'איז אונדז געבליבן זיין אמונהדיק געזאַנג, אונדזער ליבע צו אים, און דער וואונדערלעכער איקוף.

און איבער אַלעם, זישעס גלויבן, אַז —

„די לויטערסטע, די שענסטע שעה, זי וועט ערשט קומען!"

פּ. נאָוויק

דערשיטערטע, אויפגעטרייסלטע, באַטריבטע פון דעם שווערן קלאַפּ, שטייען מיר פאַרן אָרון פון אונדזער זישע ווײַנפּער... פון זישע ווײַנפּער — דעם טרייסטער, דעם בעל־בטחון, דעם גלויביקן אינעם ליכטיקן מאָרגן; פון זישע ווײַנפּער, וואָס האָט מיטגעריסן גרויסע מאַסן פון פאָלק מיט זיך.

עס איז היינט אַ טאָג פון טרויער פאַר יידן אין אַמעריקע, פאַר יידן אין פיל לענדער. איך ווייס, וואָס ווײַנפּערס באַזוכן האָבן באַדײַט פאַר די פאַרשיידענע יידישע ישובים. זישע איז געווען פון פּרצעס שבת־יום־טובדיקע יידן. ער האָט געבראַכט שבת־יום־טוב אומעטום וואו ער איז געקומען מיטן וואָרט פונעם איקוף.

די יידישע ליטעראַטור האָט, אָן ספק, אין ווײַנפּערס טויט געליטן אַ ביטערע אבידה. זישע ווײַנפּער איז געווען אַ גרויסער יידישער דיכטער. עס קומט אויפן געדאַנק זײַן פּאָעמע וועגן די „עשרה הרוגי מלכות“ און זײַן געזאַנג וועגן די נביאים. ווײַנפּער איז געווען אַ דיכטער לויט דער טראַדיציע פון די נביאים, — אַ שטראָפער און אַ מאָנער און אַ טרייסטער. אַ סאָציאַלער דיכטער. ער איז געווען טענדענציעז, פײַן־פילנדיק, אַ מענטש פון שטימונג. אָבער כסדר האָט ער געוואוסט, אַז מען דאַרף שטאַרקן דאָס פאָלק. ער איז געווען אַ דיכטער אין דער טראַדיציע פון אונדזערע קלאַסיקער. ער איז געווען אַן אַמעריקאַניש־יידישער דיכטער. עס קומט אויפן געדאַנק זײַן פּאָעמע וועגן אַמעריקע, זײַן ליד וועגן פּוירל האַרבאָר, זײַן „גרענד קעניאָן“.

ווײַנפּער איז געווען דער דיכטער פון פאָלק, וואָס איז כסדר געגאַנגען אין פאָלק, כסדר זיך געפּונען צווישן פאָלק, כסדר געזוכט אַרײַנטראָגן אינהאַלט אינעם יידישן לעבן, — אין אַ צײַט ווען אינהאַלט איז אַזוי נויטיק.

בײַ די יידישע פאָלקס־מאַסן איז אַוועקגעריסן געוואָרן זייער שאַפער און בויער. בײַ די איקוף־טוער איז אַוועקגעריסן געוואָרן אַ קאָלעגע, וואָס איז געווען בלוט פון זייער בלוט און פליש פון זייער פלייש. בײַ זײַן טייערער משפחה איז אַוועקגעריסן געוואָרן אַ ליכטיקער לעבנס־באַגלייטער, אַ ליבהאַרציקער פאָטער.

עס איז אַזוי שווער צו טרייסטן זיי — און צו טרייסטן זיך. אָבער עס וואָלט דאָך געווען ניט לויט ווײַנפּערס נוסח, אַרײַנצופאַלן אין עצבות, אַראָפּלאָזן די הענט. דאָס וואָלט געווען ניט לויטן נוסח פון האַמעווען דעם טרויער, לויטן נוסח פון שטאַרקן און טרייסטן.

זײַט געטרייסט, זיטע און נחמהלע און די גאַנצע משפחה! לאָמיר האַלטן לעבעדיק זישע ווײַנפּערס נאָמען און שטאַרקן דעם פאָלקס־מאָנומענט, וואָס ווײַנפּער האָט מיט אַזוי פיל מסירת נפש געבויט, דעם איקוף. לאָמיר הויבן דעם מצב פון דער יידישער קולטור, אַרײַנטראָגן אינעם יידישן לעבן דעם שבת־יום־טוב, פאַר וועלכן אונדזער זישע האָט זײַן לעבן אָפּגעגעבן.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

דער דיכטער און עסייאיסט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, אַ לאַנג־יאָריקער חבר פון ז. ווײנפּער, האָט אין זיין רעדע באַרירט ז. ווײנפּערס פּאָעטישן טאַלאַנט און זיינע שאַפונגען אין פאַרלויף פון פערציק יאָר און וועגן ווײנפּערס איבערלעבונגען צוליב דעם ריס פון קולטור־לעבן אויף דער יידישער גאַס. ווײנפּער, האָט ביאַ־לאָסטאָצקי געזאָגט, האָט אַלעמאָל געבענקט נאָך גאַנצקייט, נאָך אַ פאָלקס־לעבן און האָט אין זיין שעפערישקייט געטראָגן דאָס וואַרעמע ליכט פון פאָלקישקייט און פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך אמתע פריינדשאַפט און חברישקייט, און ווען חברשאַפט האָט זיך, צוליב אַלערליי געשעענישן, געריסן, האָט דאָס אים מוראדיק וויי געטאָן.

ביאַלאָסטאָצקי האָט דערמאָנט די אַלע זשורנאַלן, וואָס ז. ווײנפּער האָט גע־האָט געשאַפן אין די 20ער יאָרן, זשורנאַלן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געזאַמלט אַ צאָל פון וויכטיקע יונגע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער. ביאַלאָסטאָצקי האָט גערעדט וועגן ווײנפּערס זשורנאַל „דער אויפקום" (1926־1933), וואָס ביאַלאָסטאָצקי איז געווען אַ מיט־רעדאַקטאָר. ווײנפּער האָט יעדן איינעם געמוטיקט און געוואַרעמט מיט זיין אויסערגעוויינלעכער איבערגעבנקייט צו יידיש און צו דער יידישער ליטעראַטור.

ז. ווײנפּער איז געקומען אין דער פּאָעזיע מיט דעם פּאָעטישן זאָג, אַז „נאָך אַלעמען איז כדאי צו לעבן אויף דער וועלט". ער האָט ביי זיין אָנהייב אָנגעשלאָגן אַ טאָן פון האָפענונג, פון בטחון; ער האָט געבראַכט מיט זיך די וואַרעמקייט פון אוקראַינער ערד און פון יידישן פאַרוואַרצלטן לעבנס־שטייגער.

אַ פּאָעט פון פרייד! אָבער ווי שווער האָט אים געמוזט זיין ווען זיין איינ־געבאָרענע פרייד האָט געגומען פאַרשאָטנט ווערן דורך די טראַגישע געשעענישן! פאַר אַ פּאָעט, וואָס ווערט געבוירן מיט שטימונגען מעלאַנכאָלישע, מיט שטימונ־גען טראַגישע, קאָן אַזאַ צייט, ווי אונדזערע, — האָט ביאַלאָסטאָצקי געזאָגט, — אַמאָל גאָר ברענגען אַ מין שעפערישקייט. עס פּאַסט זיך צו זייער געמיט. אָבער פאַר אַ פּאָעט פון בטחון און פון פרייד איז אַזאַ צייט, אַן אָנגעלאָדענע מיט צער, זייער שווער אַריבערצוטראָגן. ווי קאָן ער איינהאַלטן זיין פרייד, זיין בטחונדיקן גאַנג אין לעבן, ווען ער זעט ווי חלומות ווערן אַזוי פאַרטונקלט? פאַרשוועכט? ווען ער זעט ווי אַ חלום גייט אָפּ מיט בלוט?

ב. י. ב. דערציילט, ווי ער האָט אויף ווײנפּערס שרייב־טיש, ביי ווײנפּערן אין שטוב, אין טאָג פון זיין טויט, געפונען עטלעכע זאַכן, וואָס האָבן אים גערירט ביז טרערן. געווען אויף ווײנפּערס טיש אַ בוך וועגן זיין געבורט־שטאָט טריסק, וואָס איז חרוב געוואָרן; און געווען אַ בילד פון דוד בערגעלסאָן! אַפּנים, אַז ווײנפּער, ווײנענדיק אויף בערגעלסאָנס גרויזאַמען מאָרד, האָט פאַר זיין אייגענעם טויט זיך געזעגנט מיט דעם געשטאַלט פון דעם גרויסן שריפטשטעלער, וועמען ווײנפּער האָט אַזוי ליב געהאַט.

בער האָראָוויץ

זישע ווײַנפּער

זיינע האָר זייַנען בלאָנדע, ווי זאַמדן וואָלינער,
און די נאָז — פּאַרריסן, ווי ביי שכנים כלאָפּעס,
וואָס שמעקן אַרויף צו צייטיקע האָפּן,
וועלכע באַקראַנצן דעם בירגאָט גאמברינוס...

האָסטו געהערט ווען זיין הילכיק געלעכטער,
באַטראַכט ווען זיין צורהס גרימאַסן און מינעס —
דער דאָזיקער שפּראָצלינג פון חסידים פון עכטע
איז זיכער אַ גלגול פון געטשקע גאמברינוס...

ווי ביר אַזוי שוימיק און גאָלדיק דורכזיכטיק,
וואָס קוויקט אָן אַ שינוי דתן, ראַסן און קלאַסן...
ס'קוקט אָן דיך אַ דיכטער מיט אויגן ווי וואַסער,
מחיהדיק פריש און ליכטיק...

די שמחה פון זיינע זיידעס געווען איז חסידיש
און עצבות געהאַסט אַלס אַ טאָכטער פון לילית —
מיט גאָט פון ישראל באַהעפט זיך אין תפילות...
דעם יורש געבליבן איין אמונה — יִידיש...

און אַ שמייכל איראָניע צום גוטן בעל־שם־טוב,
וואָס האָט קעלבעלעך ליב געהאַט און חלה מיט פּוטער,
און קעכעלעך געגלעט איבער זייער וואַרעמען פוטער,
באַפרייט אויך צומאָל באַטריבטע, באַקלעמטע!...

נישט שמייכל, פרייַנט, איראָניש. דיינע פריילעכע לידער,
וואָס פון ניו־יאָרק ביז ביראָבידזשאַן שאַלן —
זייַנען בעש״טס ניצוצים, געזונגען פאַר אונדז אַלע,
ממילא אויכעט — פאַרן באָרוועסן ברודער...

ווין, 1937

דאָס ליד פונעם באַוואוסטן יידישן דיכטער, בער האָראָוויץ, איז אָנגעשריבן אין 1937, ווען ז. ווייַנפּער האָט, נאָכן פּאַריזער קולטור־קאָנגרעס, באַזוכט ווין. בער האָראָוויץ איז דערמאָר־דעט געוואָרן, אין 1942, דורך די נאַצי־מערדער. — רעד.

ז. וויינפער — מענטש און דיכטער

פ. נאָוויק

די קוואַלן פון דעם דיכטער זישע וויינפער

אין אַ בריוו צו מיר פון לאָס־אַנדזשעלעס, דעם 4־טן יוני, 1954, שרייבט זישע וויינפער: „איך בין נישט מער ווי אַן עמאָציאָנעלער פּאָעט, נישט פאַר דיר געדאַכט, און דאָך באַמי איך זיך צו צאַמען אין די אינטערעסן פונעם איקוף".

וואָס באַטייט דאָס „צאַמען"? אַ טיילווייזן ענטפער האָט ער אַליין געגעבן אין אַן אַנדער בריוו, געשריבן פון וואַנקואווער, קאַנאַדע, דעם 4טן מאַי, 1955. ער שרייבט: „דורכגעפאָרן די בערג מיט די שניי־בלענדיקע יאַרמולקעס אין דער הייגער געגנט און געהאַט אַ באַגער צו בלייבן צווישן זיי כאָטש אַ פּאָר טעג. אָבער אַזוינס זיך פאַרגינען דאַרף מען זיין אַ מענטש פון יענע לייט, וואָס קריגן נישט קיין כסדרדיקע בריוולעך, אַז מען דאַרף געבן דעם דרוקער, דעם איינבינדער, און אַז פון די אַלע שיקונגען קלעקט נישט פאַר די לעצטע פאַר וואָכן אויף קיין שכירות".

פון די לעצטע פאַר ווערטער קריגן מיר, אַגב אורחא, אַ שטיקעלע אַריינבליק אין דער „קיד" פונעם איקוף. און זען מיט וועלכע שוועריקייטן די אַרבעט אינעם איקוף־צענטער ווערט געטאָן, עד היום. אָבער אויבנאויף קאָן זיך אפשר דאַכטן, אַז דאָס האָט דער איקוף געשטערט דעם דיכטער אין זיין שאַפן; אַז דאָס יאָגן זיך פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, דאָס זען זיך מיט מענטשן, אויפטרעטן פאַר זיי, פאַרברענגען מיט זיי — און זיין דער סאַמע צענטער אין יעדער סביבה — און דאָס באַמיען זיך אַרויסצוגעבן נאָך אַ ניי בוך אינעם איקוף־פאַרלאַג און שלום מאַכן און פאַרגלעטן און ווייטער שטויסן די אַרבעט, — אַז דאָס אַלץ האָט טאַקע געצאַמט זיינע דיכטערישע עמאָציעס, ניט געלאָזט אים פריי צעשפּרייטן זיינע דיכטערישע פליגל.

שרייבט ער אָבער אינעם זעלביקן בריוו פון לאָס־אַנדזשעלעס, דעם 4טן יוני, 1954: „איך האָב אָפּגעשיקט אַן אַרטיקל וועגן אייזלאַנדן פאַר דער ‚קולטור' (ס'הייסט, ‚יידישע קולטור', — פ. נ.), אַן אַנדער אַרטיקל צו דער ‚וואָכנבלאַט' וועגן די שטעט פון קאַנאַדע, וואָס איך האָב באַזוכט. מען וועט אַ טראַכט טאָן וועגן עפּעס פאַר דיר" (ס'הייסט, פאַר דער „מאָרגן־פרייהייט").

און נאָך קלאָרער גיט ער דעם ענטפער אין אַ בריוו פון לאָס־אַנדזשעלעס, דעם 25טן מאַי, 1955. ער רעדט וועגן דער גרויסער צאָל נעמען פון „ספּאָנסאָרס",

וואָס קומען אַריין פאַר דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין יידישן וואָרט“ (רעדאַקטירט פון נחמן מייזיל), וואָס דער איקוף האָט יענעם יאָר אַרויסגעגעבן. „אַ סך נעמען, — שרייבט ז. וויינפער, — גיט דיר דאָס געפיל פון ברוב עם. — נישט נאָר שרייבער, נאָר טאַקע אויך פאָלק“.

„איך פיל זיך אי אויסגעשעפט און אי אָנגעפילט“, שרייבט ער אין אַן אַנדער בריוו, דעם 1טן יולי 1954, אויפן וועג פון לאָס־אַנדזשעלעס קיין מעקסיקע. „איז טאַקע ניט גוט, וואָס די אַרבעט שעפט אַזוי שטאַרק אויס — און מ׳האָט זי געמעגט, געמוזט גרינגער מאַכן, און מ׳דאַרף איצט גרינגער מאַכן די אַרבעט פון די איקוף־טוער, בכלל געזעלשאַפטלעכע טוער — אָבער אָט אַזוי איז אונדזער זישע געוואָרן אָנגעפילט — דורך דעם „ברוב עם“, אין דעם „רוב“ פון פאָלק.

מ׳האָט שוין אַ סך געשריבן וועגן זישע וויינפערן דעם דיכטער, — און מ׳דאַרף נאָך שרייבן. זישע וויינפער איז געווען — און פאַרבליבן — איינער פון די גרויסע יידישע דיכטער פון אונדזער צייט. אָבער ער איז געווען אַ באַדייטנדיקע יידישע פערזענלעכקייט. די דאָזיקע פערזענלעכקייט, די פערזענלעכקייט פון אַ קולטור־בויער פון דער ערשטער מדרגה, די פערזענלעכקייט פון אַ שפרודלדיקן, קאָליר־פולן, עמאָציאָנעלן, צייטנווייז קאַפריזנעם, אָבער שטאַנדהאַפטיקן מענטשן, מיט געזעלשאַפטלעכער אחריות איז ניט אָפצוטיילן פון וויינפערן דעם דיכטער.

זישע וויינפער האָט אַוודאי אָנגעהויבן שאַפן לאַנג איידער ער איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, אַ קולטור־בויער ביים יידישן פאָלק, (יאָ, ביים יידישן פאָלק!). עד היום איז ביי מיר פריש דער נחת־רוח פון אַ ליד, וואָס זישע האָט (אין 1916, אויב איך האָב קיין טעות ניט) אָפגעגעבן דרוקן אין דער „נייע וועלט“, אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, וואו איך האָב געאַרבעט. דער מאַנוסקריפט איז דורכגעגאַנגען מיינע הענט און איך האָב אים, דעם מאַנוסקריפט, געהאַט ביי זיך אַ לאַנגע צייט. איך געדענק ניט גענוי, וואָס פאַר אַ ליד דאָס איז געווען (ניט געהאַט קיין צייט נאָכצוזוכן די אַלטע נומערן „נייע וועלט“), אָבער עס געדענקען זיך גוט די קורצע, שפילעוודיקע שורהלעך, מיט זייער לעבנס־לוסטיקייט און בטחון; עס געדענקט זיך דער כתב פון דעם מאַנוסקריפט. און זינט דעמאָלט האָט זיך געצויגן איין „ליד פונעם גלויביקן“. אין משך פון פיר־צענדליק יאָרן, און אינצווישן איז געווען ניט איין אויסגעשריי, — אַן אויסגע־שריי, וואָס איז געקומען צום פולן אויסדרוק אין די „פאָעמען וועגן די נביאים“, אַן אויסגעשריי וועגן דער מעקאַרטיישער אַמעריקע („איך קוק און שטוין און דערקען דאָך נישט דאָס פנים פון מיין לאַנד אַמעריקע!“ — אין דער פאָעמע „מיר — יידישע אַמעריקאַנער“), און אַ יאָמער־געשריי אופן יידישן חורבן בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין איינער פון די שטאַרקסטע פאָעמעס, וואָס יענע צייט האָט אַרויסגעגעבן, די פאָעמע „אלה אזכרה“ (די וועל איך דערמאָנען). אָבער אַנ־דערש האָט ניט געקאָנט זיין, ווייל די שפילעוודיקייט איז ביי וויינפערן געווען ניט עפעס אַן אויסדרוק פון אַ לייכטן לונג און לעבער, נאָר פון אַ מענטשן מיט אחריות, פאָלקס־אחריות, „ברוב עם“־אחריות.

ווי אַ דיכטער איז ער געווען ניט אַ סאָלאָ פאַר זיך אַליין, נאָר אויך צונויפ־

געהאָפטן מיט אַנדערע פון זיין דור און מיט די פּאָעטרס און זיידעס פון אונדזער ליטעראַטור. זינגט ער אין זיין „דורך דער נאַכט צום קאַיאַר" (אַ נאָמען — אַ פּלאַ־קאַטע, אַ לאָזונג!) וועגן מענדעלעס בויד, וועגן פּרצן און יהואַשן און ביאַליקן און ליעסינען און משה לייב האַלפּערינען און רייזענען און בערגעלסאָנען, — און וועגן דעם „זשיטלאָווסקישן גאַנג" און דעם „אַלגינשן שטויס".

**
*

זישע וויינפּער איז געווען אַ שליח־ציבור. ס'איז געווען אין אים דער המשך פון זיין טאַטן דעם חזן ביים טריסקער „הויף" — אויף אַ נייער, העכערער מדרגה, און דורך אים איז אויך אילוסטרירט געוואָרן, אַז דאָס באַהעפטן זיך מיטן פאָלק, דאָס דינען דעם פאָלק, פאַרטושט ניט די אייגענע פערזענלעכקייט, נאָר — פאַר־קערט — הייבט זי אויף, הויבט זי אַרויס, גיט איר נייע קאָלירן, פרישע שפּרודל־דיקייט, אומאויסשעפּנדיקע קוואַלן אויף שאַפן און שאַפן.

ניט אין דעם טונקלען, אומעטיקן, מיט ניט־גוטע ווינטן דורכגענומענעם, מיט „מ'יד אַרט ניט" מאָד־באַדעקטן העלפאַנטביין־טורעם האָט זישע וויינפּער געשאַפן. עס האָט געאַרט. אַלץ האָט אים געאַרט! „די טויב פון שלום ראַנגלט זיך נאָך אַלץ מיט די קאַלטע ווינטן", שרייבט ער מיר אין אַ בריוו פון וואַנקואַווער, קאַנאַדע, דעם 28טן אַפּריל, 1953. און אין יענעם בריוו, וואו ער האָט געשריבן וועגן דעם נחת פון „ברוב עם", אין מאַי, 1956, שטעלט ער זיך אויך אָפּ אויף די נייעס פון טאָג — אויף אַן אַנטשיידונג פונעם העכסטן געריכט אין וואַשינגטאָן וועגן די, וואָס זיינען גערופן געוואָרן צו די פאַרהערן פון איינער פון די מכשפה־געיעג קאָמיסיעס און וואָס האָבן באַנוצט דעם 5טן „אַמענדמענט" צו דער קאָנסטיטוציע. „היינט גע־לייענט, — שרייבט ער, — די אַנטשיידונג פונעם סופרים־געריכט וועגן די 'פיפטע אַמענדמעניקעס' און זיך געפרייט. לאָמיר האָפן, אַז מיר גייען צו גרינגערקייט אין אונדזער לעבן".

אינעם זעלביקן בריוו שרייבט ער וועגן זיין באַטייליקונג אין די פייערונגען פון 300 יאָר יידישן לעבן אין אַמעריקע. אין אַן אַנדער בריוו — וועגן זיין באַ־טייליקונג אין אַ פייערונג פון די פּראָגרעסיווע יידישע קינדער־שולן.

זישע וויינפּער איז געווען אַ שליח־ציבור. זיין פּאָעזיע האָט אויסגעדריקט די באַגערן און די שטימונגען פון די פאָלקס־מאַסן. מיט זיין ליד האָט ער געזוכט צו אָנווייזן אַ וועג — „דורך דער נאַכט צום קאַיאַר" — אויסדריקן דעם וויטאָק און געבן אַ טרייסט, אָנפילן מיט בטחון.

...אַזוי גרינג און נאַטירלעך לעבט־אויף פאַר אונדז זישע וויינפּער ביים מינדסטן ריר, ביי דער מינדסטער דערמאָנונג. אַזוי וויטאָקדיק איז עד היום די אבידה און אַזוי גוט איז עד היום דאָס געפיל פון האָבן געגאַנגען מיט אים צוזאַ־מען „קעגן ווינט", ווי ער האָט ליב געהאַט אָפט זיך אויסצודריקן. קעגן די בייזע ווינטן.

ביי דער זיצונג אין איקוף, וואו מ'האָט גערעדט וועגן פיר יאָר אָן וויינפּערן

— שוין פיר יאָר! — האָט זיך געפילט, אַז ווייַנפּער איז דאָ. אָט קומט ער אַריין צו דער זיצונג — קומט אַריין פונעם קלענערן צימערל פון סעקרעטאַריאַט. אָט איז ער דאַכט זיך, אויף דעם און דעם אָרט. אָט שפּאַצירט ער אַרום אַן אומ־רואיקער, ווי זיין שטייגער איז געווען.

גרינג און נאַטירלעך לעבט־אויף פאַר אונדז זישע ווייַנפּער, ווייל מיר זיינען דאָך אַזוי אָרגאַניש באַהאָפטן געוואָרן מיט אים. אַמאָל, דאַכט זיך, אַז די נאָענט־קייט שטערט מ׳זאָל זען ווייַנפּערן דעם דיכטער, דעם קולטור־בויער. עס שווימען באַלד אויף אַזוי פיל באַגעגענישן מיט אים אין משך פון אַזוי פיל יאָרן. ביי אים אין הויז, אין אַזוי פיל שטעט — אין מאָנטרעאָל און אין קליוולאַנד, אין שיקאַגע און אין לאָס־אַנדזשעלעס. און אָט גאָר אין בריסק, אין אונדזערע קינדער־יאָרן וואוהין ער איז געקומען פון טריסק. עס פאָדערט זיך אַן אָנשטרענגונג, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, אָפּצורוקן זיך אַביסל, כדי צו דערזען דאָס בילד זישע ווייַנפּער אין דער גאַנצער פּערספּעקטיווע: דעם דיכטער און די פּערזענלעכקייט זישע ווייַנפּער! דעם בויער! איינעם פון די גרונטלייגער פון יידישע קולטור־אינ־סטיטוציעס אין אַמעריקע, פון יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

כאַפּט אַ קוק אויף דער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין פּאַריז, אויף דעם ערשטן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. זעט מיט וויפל ערנסט דער דע־מאָלט נאָך יונגער ווייַנפּער רעדט וועגן די שווערע פּראָבלעמען פון יידישע קולטור־שאַפונג. די רעדע דערמאָנט אייך, אַז שוין דאָס דרייצנטע יאָר האָט ער דעמאָלט, אין 1937, ארויסגעגעבן מיט אייגענע כוחות דעם זשורנאַל „אויפקום" (ווידער אַ כאַראַקטעריסטישער נאָמען!). זישע ווייַנפּער האָט אין פּאַריז גערעדט וועגן אַל־ערליי שרייבער, אפילו וועגן די וואָס האָבן דעמאָלט באַקעמפט דעם קאָנגרעס. ער האָט גערעדט ווי דער קומענדיקער איקוף־בויער און אָנפירער, ווי דער „לעק־טאָר און קאָלעקטאָר", ווי דער קולטור־שליח, דער „גייער" פון שטאָט צו שטאָט, דער באַהעפטער פון יידן פון אַלערליי ריכטונגען, וואָס ווילן, דאַרפן, בויען די יידישע קולטור אין גייסט פון אונדזערע קלאַסיקער. אָט ווי אַזעלכן, באַהאַלטנדיק פּערזענלעכע געפילן פאַר זיך, לאָמיר אַרויספירן און אַרויסהייבן אונדזער זישע ווייַנפּערן, כדי דער בנין, וואָס ער האָט געלייגט די פונדאַמענטן פאַר אים און אים געבויט, דער איקוף־בנין, זאָל זיך הויבן העכער און שענער — אַ מאָנומענט נאָך אונדזער אומפאַרגעסלעכן, אייגענעם, זישע ווייַנפּער.

א. גאָלדבערג

זישע ווײַנפּער — דער גלויביקער

א.

עס איז צו־פרי צו רעדן אָביעקטיוו, שוין אָפּגערעדט — קיל־אָפּשאַצעריש וועגן זישע ווײַנפּער. ניט איך און ניט קיינער פון אונדז קאָן עס טאָן.

אַלע רייד אונדזערע זײַנען דורכגעוועבט מיט פּערזענלעכן ווייטיק, מיטן געפיל פון פּײַנפולן פאַרלוסט. דורך אַלע רייד שפּירן מיר נאָך זײַנע טיפע, בלויע אויגן — דער ליבער שמייכל, דאָס געשטאַלט פון אַ גוטן חבר, וואָס האָט געוואוסט ווי גוט צו זײַן, פון אַן אייגענעם פרײַנט, וואָס האָט געוואוסט ווי אייגן צו זײַן.

45 יאָר האָט אַ גלויביק ליד געוואָרקערט אין דער יידישער ליטעראַטור.

מער ווי 30 יאָר האָט אַ מענטש געטראָגן אַ קולטור־שליחות אין אַמעריקאַנעם יידישן לעבן.

מיט קנאַפּע 65 יאָר צוריק איז ביים טריסקער חזן געבוירן געוואָרן אַ יינגל, וואָס אים איז באַשערט געווען צו געבן פליגל צום יידישן וואָרט און גלויבן צום יידישן געזאַנג און במחון צו דער יידישער פאָלקס־קולטור.

און פּלוצלינג האָט זיך דאָס גלויביקע ליד אויסגעלאָשן און דאָס קולטור־שליחות איז געבליבן ליגן אַ פאַריתומטס. דעם טריסקער חזנס יינגל האָט אַוועקגעלייגט די פעדער און איבערגעריסן דעם טאַטנס ניגון.

ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ שווער געפיל פון פאַריתומטקייט און צער איבער די, וועמען דאָס יידישע וואָרט איז טייער. ס'איז שטיל געוואָרן אַ פידל אין דער קאַפּעליע פון אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור. לעצטנס ווערן ביי אונדז בכלל צו פיל פידלען שטיל, און וויאָלינטשעלן און טראָמפּייטן און קאָנטראַבאַסן, — און נייע קומען זייער ווייניק צו. און אַ פאָלק קאָן דאָך ניט געדייען אָן זײַן ניגון, אָן זײַן קולטור. עס איז דעריבער ביי אונדז אַ שווער געפיל: טרערן נאָך אַ חבר, האַרצווייטיק נאָך אַ געפאַלענעם שרייבער, און אַן אומזיכערקייט — וועט דאָס אָרט בלייבן ליידיק?

אַזוי פילט אַ מענטש, און ער בלעטערט ווײַנפּערס לידער, זוכנדיק אַ טרייסט, און זע — עס גייען אויף פאַר אים אַזעלכע שורות:

צי איז מיין טראָט אין שווערן גאַנג
דען נישט געגאַנגען מיט אַ העל געזאַנג
צו אונדזער אויסגעבענקטער שעה?
וואָס הייסט, אַזאַ ווי איך, בין מער נישטאָ?
וואָס הייסט, אַזאַ ווי איך בין גאָרנישט־נישט?

רעדע, געהאַלטן ביי דער אזכרה־פאַרזאַמלונג אין ניו־יאָרק, דעם 3טן מערץ, 1957.

אוּן אַז אַ שטורעם האָט געמישט, צעמישט,
און אָפּגעריסן דאָ און דאָרט אַ בלעטל פון דער רויז —
איז דען די שיינקייט אירע שוין געוואָרן אויס?
זעט, זעט, ווי בליענדיק און שיין זי גייט
אויף ווידער פאָרן אויג איצט פון דער בייט,
און גרין צעגרינט איז אַרום איר דאָס גראָז
להכעיס יעדן, שווערן ווינט־געבלאָז.

וואָס מיינט עס? עס מיינט, מען דאַרף זיך לערנען גיין ווייטער; עס מיינט, אַז גלויביקע לידער פאַרגייען ניט: אַז בטחון אין פאָלק און אין זיין קולטור איז אייגנטלעך ירושת־פּעדים, פון וועלכע מ׳וועבט די צוקונפט אויס: עס מיינט, אַז עס פאַרגייט ניט דעם מענטשנס גאַנג אויף דער ערד.

ב.

45 יאָר ווײַנפּערס געזאַנג. וואָס פאַר אַ געזאַנג איז עס געווען? דער ערשטער איינדרוק איז, אַז עס איז תמיד אַ פרײַדיק און לייכט און אָפּטימיסטיש געזאַנג געווען. ניט ריכטיק: עס האָט נאָר תמיד געוואָלט לייכט און פרײַדיק זיין, עס האָט נאָר תמיד געוואָלט גלויביק זיין.

צום 25־טן יאָר פון זיין שאַפן זאָגט ווײַנפּער אין אַ יובילײ־רעדע אַזוי: *

„אויב עס האָט זיך דעמאָלט [אין די ערשטע יאָרן, הייסט עס, — א. ג.] דורכגעריסן געזונטער אָפּטימיזם דורך מיינע לידער, איז עס ניט געווען די געזונטקייט פון דעמאָלטדיקן לעבן, נאָר די געזונטע בענקשאַפט נאָך אַ לעבן אַ שענערס, וואָס וועט סוף־כל־סוף קומען״.

אָט־די געזונטע בענקשאַפט, אָט־דער טיפער גלויבן, ניט געקוקט אויף דעם אָפּט־פינצטערן אַרום, האָבן אויסגעטיילט ווײַנפּערן פון זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, ביז זיין לעצט רייף געזאַנג. ער איז געווען און געבליבן דער מאמין, דער גלויביקער, אין אונדזער ליטעראַטור אין משך פון אַלע זיינע יאָרן, און די שנור פון זיין אַנטוויקלונג איז, אייגנטלעך, דער אָנוואוקס אָדער די אינטעלעקטועלע און געזעלשאַפטלעכע באַזיִיקונג פון זיין אורשפּרינגלעכן גלויבן.

אויב פון אָנהויב איז דער גלויבן געווען דעם קינדס העלע אמונה, ווייל עס וויל, אַז עס זאָל זיין גוט, איז דער גלויבן פון דעם רייפן ווײַנפּערן געווען דער טיפער „אני מאמין״ פון דעם, וואָס ווייס, אַז די גאולה קאָן זיך אַמאָל פאַרשפּעטיקן, זי גייט אָפט אויף פיינלעכע אומוועגן, אָבער אַז עס ליגט נאָך אַלץ אין דער סאַמע לאָגיק פון דעם מענטשנס גאַנג אויף דער ערד, אַז סוף־כל־סוף וועט ער אויסלייזן זיך און דאָס לעבן. עס איז די טיפע דערקענטעניש, אַז אפילו לייד און יסורים, רעאַקציע און אפילו בלוט אויף דער פּאַן — קאָנען ניט אָפּשטעלן דעם מענטשנס פאָראויסגאַנג. עס איז אַ גלויבן און אַ האָפערדיקייט, וואָס אפילו ווען

* די און די אַנדערע ציטאַטעס פון ווײַנפּערס רעדעס גענומען פון נחמן מייזילס אַרטיקל „דער דיכטערישער גאַנג פון ז. ווײַנפּער״ אין „יידישע קולטור״, אויגוסט־סעפּטעמבער, 1953.

זיי אַנטשפּרעכן ניט דער ווירקלעכקייט פון מאָמענט, העלפן זיי פאַרזיכערן אַ צו־קונפטיקע ווירקלעכקייט, וואָס דאַרף זיך אויסשיילן.

אין זיין ליד „ששים שנה“, געשריבן צו זיין 60־יאָריקן יובילײ, פאַר׳סך־הכּלט ז. ווײנפּער זיין גלויביקן אני מאמין אַזוי:

„אויך דער טרויער
פון די יורגן
איז פאַרמעגן
אינעם שייער,

וואָס איז טייער,
און איז פול מיט זויבערער קדושה
פון דער ליטעראַטור, הערשאַפטער ירושה,
וואָס דערהאַלט אונדז אינעם גאַנג צום מאָרגן“.

דאָס מיינט, ניט פאַרטושן די צרות, נאָר פאַרשטיין, אַז מיט זיי און דורך זיי גייט דער מענטש אַלץ ווייטער. דאָ זיינען די ליידן אַליין און פאַר זיך קיין גרויס־קייט ניט, און די יסורים באַשטימען ניט קיין ענד־ציל. עס איז גיכער דער פיינ־פולער וועג צו פריינד דורך בלוט און יסורים און וויי. עס איז דעם מענטשנס איי־ביקער גאָלגאָטאַ־וועג, דורך דער פינצטערניש צו די שטערן.

ווײנפּער האָט לעצטנס געליטן! אַוודאי האָט ער לעצטנס שטאַרק געליטן, און ביים שרייבן אַ סאָקאָ־וואַנזעטי־ליד מיט 30 יאָר צוריק האָט ער אויך שרעק־לעך געליטן, און ביים שרייבן יורגן נעגערל מיטן שלעגערל האָט ער אויך געליטן. אָבער דורך די אַלע ליידן איז ביי אים געוואָרן ניט בלויז האַפערדיקייט אויף צו להכעיס די צרות, נאָר דער טיפער נוסח פון פאָלק, וואָס רייסט זיך תמיד פאַראויס, וואָס צום בעסטן און טיפסטן האָט עס שלום עליכם באַנומען: „כל זמן שהנשמה בקרבי — איז וויאָ טביה!“

עס איז אייגנטלעך געוואָרן אַ גלויבן, וואָס האָט זיך גענומען פון אַ טיפער פאַר־ליבטקייט אין לעבן, ווייל קיינער ביי אונדז רעדט ניט אַזוי אָפט וועגן דער ה׳ ירי־קייט פון לעבן, וועגן זיין ליבע צו דעם, ווי ווײנפּער. ער וויקלט פּרוכתן מיט ליבע און קדושה אַרום דעם לעבן:

„איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר“, זאָגט ער, און אין אַ ליד וועגן פּרצן.

„שבת, יום־טוב און ראש חודש —
אונדזער לעבן — כולו קודש
אויך אפילו אין דער וואָכן,
בלענדיקער בטחון,

העלער גלויבן,
און דערהויבן,
פול מיט יחוס
טראָגט זיך אונדזער שליחות“.

דאָס אַלץ — גלויבן און ליבע און העלער בטחון — זיינען ניט אָנגעקומען לייכט אין אַן אַטמאָספערע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך איינגע־וויגט אין אומקום און פּראָקלאַמירט „די תאווה צום טויט“. אין דעם פּרט האָט ווײנפּער באַדאַרפט אַריבערשפּרייזן איבער אַ דור, זיין אייגענעם דערצו, און ציען זיין יניקה פון פריער, פון דער קלאַסיש־יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט קיין מינאָרע טענער ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווייל זי איז געוואָרן אַזוי נאָענט צום פאָלקס־לעבן; קיין אונטערגאַנג־שטימונגען אַוודאי ניט.

עס איז געווען אין דער צייט, ווען אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־

ריקע איז פֿאַרגעסן געוואָרן דער טיפֿער גלויבן, וואָס האָט באַצייכנט די קלאַסישע יידישע ליטעראַטור און איר געגעבן פֿאָלקס־פּאַרנעם, ווען די גרויסע האָפֿערדי־קייט, וואָס ביידע זיידעס, מענדעלע און ווינטשעווסקי, האָבן זי דערקלערט, ווי דעם אָטעם און די פֿאָן פֿון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור, איז פּלוצים ווי אויסגעהויכט געוואָרן פֿון אונדזער ליטעראַטור אין אַמעריקע. עס איז געווען אין דער צייט, ווען דערשראָקענע פֿון אונדזער שווערן געראַנגל אין אַמעריקע, וואָס האָט ניט צו־שנעל געהאַלטן וואָרט און נישט געגעבן די צוגעזאָגטע חלה אינדערהאָכן, ווען אונטער נייע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפֿטלעכע באַדינגונגען האָט אַ פֿאָלק באַדאַרפֿט פֿינדאָסגיי אין פּיין און אין זייטיק געבוירן ווערן — אין דער צייט איז די ליטעראַטור פֿאַרזונקען געוואָרן אין יאוש, זי האָט פֿאַרלוירן איר סאָציאַלן זין און ציל, זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקעלע און זיך אָפּגעריסן פֿון מענטשן. און אין אַ ווינקעלע, אָן מענטשן — איז איר געוואָרן אומעטיק, איר טאָן — מינאָר, איר טעמע — דער איינציקער און זיין פֿאַרלוירנקייט, איר געמיט — זעלבסט־רחמנות, איר שייכות מיטן לעבן — קנאַפּ, איר אַטמאָספֿערע — פֿאַרצווייפֿלונג און טרויער.

אין יענע טעג האָט זיך פּלוצלינג דערהערט דאָס האָפֿערדיקע געזאַנג פֿון אַ נייעם דיכטער — עפּעס ניט אין טאָן, עפּעס ניט ווי איינער פֿון דער קאַפּעליע, שיער נישט אויף צו להכעיס:

אַנשטאָט אומקום — אויפֿקום, אַנשטאָט טרויער — גלויביקייט און האָפֿערדיקייט. ער איז אַנדערש, אַזוי מהוץ למחנהדיק, אַזוי אויסטערליש, אַז מען באַצייכנט אים מיט אַ טיטל, וואָס איז שיער נישט געווען קיין זידל־וואָרט אין יענע צייטן — מען רופֿט אים „דער אָפּטימיסט“. אפילו ווײנפּער אַליין האָט זיך אַ צייט געראַנגלט קעגן אָט־דער באַצייכענונג.

„די יידישע דיכטונג האָט זיך. אַפּנים, גענויטיקט אין אַן אָפּטימיסט, האָט מען אויף מיר אָנגעטאָן דאָס זוניקע היטעלע“ (וועגן זיך, 1933).

אומזיסט איז געווען דאָס ראַנגלען זיך — דאָס „היטעלע“ האָט קיינער ווײנפּערן נישט אָנגעטאָן. ער האָט עס זיך אַליין אָנגעטאָן. און אפשר גאָר קיין היטעלע נישט. ס׳איז ער אינגאַנצן געווען. ער אַליין, וואָס האָט זיך איינגעשלאָסן אין אַ נייעם טאָן, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך הערן אין אונדזער דיכטונג.

ווײנפּערס גלויביקער טאָן, דאָס אָנרופֿן אַ לידער־זאַמלונג „דאָס געזאַנג פֿון דעם גלויביקן“, אָדער דאָס דערקלערן, אַז „עס האָט ניט קיין פֿייער פֿון קיין גיהינום צעאַשט אין מיין האַרצן דעם גלויבן“, אָדער די פֿייאיקייט צו פֿאַרענדיקן אַ סאַקאָ־וואַנזעטי ליד — מיט אַרום 30 יאָר צוריק — מיט די שורות:

„דאָס רויטע בלוט, וואָס קאַפּעט איצט אַראָפּ דאָ אויפֿן גראָז,
מאַכט זאַפֿטיקער די האַרטע ערד און פֿון איר טיפֿער אינגעווייד
גייט אויף אַריבער אונדז די טרייסט פֿון גאָר אַ נייער פֿרייד“.

אָדער די פֿייאיקייט צו שרייבן וועגן טויט אַזוי, אַז „מען הערט אויף כמעט מורא צו האָבן“ (ווי משה־לייב האַלפּערן האָט זיך אויסגעדריקט וועגן ווײנפּערן) — דאָס אַלץ איז מער ווי אַ „זוניק היטעלע“ און דאָס איז מער ווי סתם אָפּטימיזם. דאָס קוועלט אַרויס פֿון דער טיפֿער ליבע צו מענטשן און פֿון דעם וואונ־

דערלעכן זיין, וואָס דער מענטש טרינקט דורך די דורות. דער זיין פון וואַרטן אויף דעם צעהעלטן ליכטיקן מאָרגן, וואָס וועט קומען, דאָס איז דאָס גרויסע געזאַנג פון „והיה באחרית הימים״.

„די ליטעראַטור, די שענסטע שעה, זי וועט ערשט קומען״, זאָגט וויינפער, און אין „גרענד קעניאָן״ לאָזט ער אונדז וויסן (און מיר גלויבן אים): „אויב ניט דער הײַנט, וועט דער מאָרגן דאָך צעבלענדט, צעשיינט אַרויס פון יאָך״.

איך זאָג דעריבער: דער הויפּט־שטריך פון וויינפּערס שאַפן איז ניט סתם אָפּטימיזם, נאָר דער געלײַטערטער טיפער גלויבן, וואָס אין לעצטן סך־הכל, ניט קוקנדיק אויף אַלע אומוועגן, איז ער דער גרונט־נוסח פון דעם מאָדערנעם יידישן פאָלקס־שאַפן.

ג.

פאַראַן אַן איינדרוק, אַז וויינפער איז געווען אַ ליכטער זינגער, אַ זינג־פויגעלע, וואָס דאָס ליד האָט זיך פשוט געריסן פון אים. ס'אַ שנעלער, ניט־געטראַכטער איינדרוק, וואָס נעמט זיך מסתמא פון דעם, וואָס וויינפער האָט אַזוי פיל געשריבן, וואָס אַלץ — יעדע פערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע געשעעניש איז ביי אים געווען שטאָף פאַר לידער. אַ סענסיטיווער מענטש, מיט אַנטענעס צו וועלט און מענטש, האָט ער אַלץ אויפגעכאַפּט, אויף יעדער זאַך רעאַגירט, אויף זיין אופן, — דורך און מיט אַ ליד. אין דעם פרט איז ער געווען כולו דיכטער. ער איז כסדר געגאַנגען אונטערן געעפנטן באַגער פון זיין באַרוף. מער ווי ווער עס איז האָט ער זיך געגרויסט מיטן טיטל פּאָעט און ניט פון אייטלקייט, חלילה, נאָר צוליב דער פולשטענדיקער אידענטיפיקאַציע מיט זיינע לידער. „מיין אייגן בלוט״, זאָגט ער, „מיין אייגן ליד״. און פאַרוואָס איז ער אַזוי שטאָלץ מיט זיין דיכטערישן טיטל, ווייל „פּאָעט״, זאָגט ער, „מיינט אמת זיין״. לידער, דערציילט ער, „שרייב איך מיט גוואַלדיקן אימפּעט״, אָבער אימפּעט האָט בפירוש ניט געמיינט לייכט שרייבן.

וויינפער — ווען דאָס ליד איז בטבע לייכט אָנגעקומען, האָט אָבער דורכגעצאַפּלט, דורכגעוויטיקט יעדעס ליד. אויב די לידער האָבן זיך געריסן פון אים, האָבן זיי ביי אים שטיקער האַרץ מיטגעריסן. ער האָט אַנדערש ווי מיטן גאַנצן האַרצן ניט געקאָנט רעאַגירן. ער איז דעריבער כולו לייד און פרייד, כולו צער און שמחה, כולו כעס און ליבע, כולו אומרו און רו, אָבער אַלעמאָל טראַציק, אַלעמאָל פריידיק, אַלעמאָל מיט ליבע צו מענטש און וועלט. אַלעמאָל „נאָך אַלעמען איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט״. פריער סתם יוגנטלעכע, טראַציקע גוטסקייט, שפּעטער — באַוואַכטע, אינטעלעקטועל־אָנגעלאָדענע גוטסקייט.

ניין, ניט קיין לייכטער זינגער איז ער געווען, און ניט לייכט איז זיין דיכטער־וועג געווען, אָבער געפירט האָט ער אים דער עיקר צום מענטשן און ניט אַוועק פון איבן.

אלה תולדות זישע, אָט איז זישעס גאַנג: געקומען אין אַ צייט, ווען דאָס ליד איז געווען כמעט אַן אומאָפּהענגיקע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג, געשטאַנען „אי־

בערן לעבן״, הויבט ער אויך אָן אין דעם נוסח, ווי איינער פון די ייִנגסטע. אין די לידער פון יענער צייט, דערציילט ער אונדז, האָט מען „געזוכט צו לייגן דעם טראָפּ אויפן וואָרט מער ווי אויף דעם אינהאַלט״, אָבער דאָס איז בלויז דער אָנהויב. ווײַנפער דערציילט אונדז, ווי ער האָט אָנגעהויבן „צולייגן אַן אויער״ צום לעבן — ער שאַצט זיך אונטער. אין אמתן האָט ער גיט קיין אויער, נאָר דאָס גאַנצע האַרץ צוגעלייגט. און געשען איז עס, דוכט זיך מיר, נאָך אַמאָל צוליב ליבע, אפשר גאָר צוליב — ליבע צו טויבן.

נאָך אין די גאָר ערשטע יאָרן האָט ווײַנפער אַרײַנגעלאָזט צווי ווײַסע טויבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. צווי סענטימענטאַלע וואָרקעדיקע טייבעלעך, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי די פענצטער פון טויזנטער מיידלשע און ייִנגלשע הערצער, ווי זייער באַלעבאָס האָט זיי געהייסן, און געבראַכט האָבן זיי מיט זיך סיי אַ האַרץ־באַגעניש און סיי אַ ניט־קלאָרן צוזאָג, אַז ס'וועט מערצעשעם בעסער ווערן. און ווײַנפער אַליין האָט זיי זייער שטאַרק ליב געהאַט, די טויבן, וואונדערלעך ליב געהאַט. אָבער ער האָט פּלוצים באַמערקט, אַז די טויבן זיינע פאַלן געקוילעטע, ווי ביי פּרצן אין „דער גאָלדענער קייט״ אין יהונתנס חלום, און ער האָט דערפילט בחוש, אַז ליב האָבן טויבן אַליין איז ניט גענוג — מען דאַרף זיך איינשטעלן פאַר זיי.

„אָט קראַקען איצט אַזוי פיל די קראָען
און זיי פאַרלאַרעמען, פאַרטויבן
דאָס וואָרקען פון די טויבן,
אַז זיין וועט אונדזער וועלט נאָך אַ גן עדן״.

(„דאָס ליד פון פיניעס האַרבסט״)

ווייזט אויס, אַז מען מוז די קראָען, די רויב־פויגל, זיך אַנטקעגנשטעלן. אין זיין ליד צו פּיקאַסאָן בעט זיך ביי אים ווײַנפער:

„ווי אַ צוגאָב מאָל אַריין דיין ליבע טויב, די ווייסע,
שוועבנדיק מיט אירע ווייסע פליגל צו די ווייטן —
האַרץ מיינס בענקט אַזוי שוין נאָך אַ מעשה
פון אַ לעבן אַ באַפרייטן,
און אַ באַנייטן.

מיד בין איך שוין פון דעם שטורעמדיקן געוויטער,
און אין מיר איז אויף דיין טויב אַזאַ רחמנות,
האַרץ מיינס איז אין צאַפּל און אין ציטער
פון די מוראדיקע, גרויליקע סכנות.
זע, דער שטורעם, ווי אַ יעגער מיט אַ לאַסאָ
יאָגט זיך נאָך דיין טויב, אָ, מאַעסטראָ פּיקאַסאָ!״

(„אָ, מאַעסטראָ פּיקאַסאָ״)

ווײַנפערס אַנטוויקלונג איז דער אַנוואוקס פון דער פאַרשטענדעניש, אַז דאָס ליד האָט נאָר דעמאָלט אַ ממשות, ווען עס דינט דעם מענטשן, ווען עס פאַרלייכט און צעליכטיקט זיין שווערן וועג, אַז דער זין און ווערט פון אַ ליד, פּונקט ווי דער זין פון יעדער שאַפונג, איז, אויף וויפל עס העלפט דעם מענטשן פאַרשטיין און

באַהערשן זיין גורל. ווען ווייַנפּערס „פּיניע" (זיין אויטאָביאָגראַפּיש ווערק, וואָס שילדערט דעם וואַנדער־וועג פון אַ דור יידישע שרייבער פון יחידישע הינטער־געסלעך צום כללישן הויפּט־וועג) — איז צופרידן, וואָס „דערהערט האָט ער דעם נייעם רוף פון לעבן אויף דער וועלט", און וואָס „זיינע יאָרן זיינען פולער געוואָרן אינעם גאַנג פון דעם פאָראויס" — ווערן ווייַנפּערס פערזן פולער, צייטיקער און זייער זין — טיפער, הויבט ער זיך אָן איבערווינקען מיט דעם, וואָס איז דויערנ־דיק אין דער יידישער ליטעראַטור.

און ווען ער זאָגט, נאָך מיט 25 יאָר יאָר צוריק:

„אַ מענטש ווי איך, וואָס הערט דאָס וויינען פון דער רוט,
בשעת זי קאַטעוועט אַ מענטשלעך לייב, אַ מענטשנס הויט ביז בלוט".

און אין אַ ליד „אונדזער לאַנד אַמעריקע", מיט 25 יאָר שפּעטער:

„אַ שטריק האָט זיך פאַרצויגן אויפן האַלדז פון אַן אומבאַשיצטן נעגער,
אַ שופט דאָ און דאָרט — אַ טויבער און אַ בלינדער —
האָט פריי געלאָזט זיין שטראָפנדיקע האַנט אויף אומבאַשיצטע קינדער".

און ווען אין זיינע שטורעמדיקע אַנטי־היטלער לידער רופט ער אויס:

„זיי פאַרשאָלטן ביזן סוף פון די דורות פאַר דער שנאה אין מיר,
יואָב דו האָסט אָנגעצונדן מיט דיין רשעות"

מיינט עס אַלץ די קלאָרע פאַרשטענדעניש, אַז דאָס ליד האָט אַ געזעלשאַפט־לעכע שליחות, אַז דער דיכטער טראָגט אויף זיך גרויסע סאָציאַלע התחייבותן.

ווייַנפּער איז געוואָקסן מיט זיין שאַפן, ווייל ער האָט אויפגעפּאַסט און זיך איינגעגלידערט אין דעם זין און אין דעם תוך פון דעם פאָרשריטלעכן יידישן קול־טור־קאַמף, פון אָט דער קולטור, וואָס האָט כסדר אויפגעהויבן די פאַנאַנדערגע־וויקלטע מענטשלעכע פאָן אין געראַנגל קעגן עוולות און קעגן די גוואַלדטאַטן. דאָס מיינט, איבערווינקען זיך מיט די גרונט־שאַפער פון יידישן אַרבעטער־ליד אין אַמע־ריקע, אַרויפוואַרפן צו זיך אויף די אַקסלען דעם מאַנטל פון די, וואָס זיינען גע־גאַנגען פאַר דיר, דערפילן זיך ווי אַ „פּעדעמל פון דעם גרויסן געוועב פון יידישן פאָלקס־לעבן" (ווייַנפּערס ווערטער אין אַ רעדע אין 1940). אָבער אַ פּעדעמל אין געוועב מיינט אחריותן, גרויסע און שווערע, צו דער גאַנצער מאַטעריע. עס מיינט פון אין זייט — זיך אָנצוטרינקען מיט דער טראַדיציע, ווי ווייַנפּער האָט דאָס גע־טאָן אין זיינע פּאָעמען וועגן די נביאים, און גלייכצייטיק געדענקען, אַז „דאָס נעכ־טיקע איז מיר קיינמאָל פון היינט ניט ליבער". דעריבער זיינען ווייַנפּערס נביאים דורכאויס היינטצייטיקע און דער משפּט זייערער איז איבער דער איצטיקער וועלט.

ווייַנפּער האָט ניט נאָר געפילט אחריות צו דעם גרויסן געוועב פון פאָלקס לעבן, נאָר ער האָט געזוכט די גרויסקייט און די דערהויבנקייט ביי די פּשוטע פּעדים פון אָט־דעם געוועב. דורכאויס אין נוסח פון אונדזער פאָלקס־טראַדיציע, וואָס דערהויבט דעם טאָג־טעגלעכן מענטשן, וואָס דערציילט אונדז, אַז אליהו הנביא פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בעטלער און אַז דער נביא עמוס איז געווען אַ טאָג־

אַרבעטער, הויבט וויינפּער אָן, אין 1932, זיינע „געזאַמלטע לידער“ מיטן געזאַנג פון באָרוועסן ברודער:

„געקומען איז דער באָרוועסער און קומען וועט ער נאָך אַ מאָל,
איך ווייס, אַז הערן וועל איך ווידער דורך די טעג און נעכט זיין קול“.

אַזוי אין 1932. אין זיין בוך „פּאָעמען וועגן די נביאים“, מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר שפּעטער, ענדיקט ער מיט אַ קאַפּיטל, וואָס הייסט: „יחיאל בערל, דער חייטניק“.

אַרויפליגן אויף די חייטניקעס, די שניידער, דעם מאַנטל פון די נביאים, קאָן בלויז דער, וואָס האָט זיין לעבן מיט זיי פאַרבונדן, וואָס האָט גלויבן אין זיי, וואָס דערשפּירט די גרויסע פּאָטענץ פון די חייטניקעס און שוסטערניקעס און אַלע אַנדערע צו דערלייזן די וועלט.

ווען וויינפּער האָט דעקלערירט מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, אַז „דער קאַמף פון דער מאַסע איז היינט מיין קאַמף, אירע האָפענונגען — מיינע האָפענונגען...“, האָט ער אונטערגעצויגן דעם גרויסן סך־הכל פון אַ דיכטער־וועג פון טראַציקער לעבנס־פרייד צו גרויסער באַזיניקטקייט, צו טיפער פאַרשטענדעניש און דרך־ארץ פאַר זיך ווי דעם דיכטערישן שליח ציבור, וואָס איז פון דעם עמוד קיינמאָל ניט אָפּגעטראָטן און וואָס האָט אַלעמאָל ביים זינגען געפילט אויף זיך ניט נאָר די אויגן, נאָר אויך די הערצער פון דער קהילה קדושה, וועמעס פאָרבעטער און פאָרזינגער ער איז געוואָרן.

מיטן אידייאישן וואוקס איז געקומען קינסטלערישער וואוקס, אַ געוואַגטקייט אין פערז און אין גראַם, וואָס דער אינהאַלט האָט פון אים געפאָדערט. אַן אינאָוואַטאָרישקייט, וואָס דער נייער תוכן האָט פאַרלאַנגט. זיין פערז איז געוואָרן פאַרשיידנאַרטיק און וואַריאירט, אָבער קיינמאָל ניט אַוועק פון וואָרצל. קיינמאָל ניט פאַרלוירן אַ באַשטימטע אומיטלבאַרע פאָלקסטימלעכקייט. אפשר פון אָט־דער פאָלקסטימלעכקייט האָט זיך גענומען ביי וויינפּערן אַ באַשטימטע באַרעדעוודיקייט אינעם פערז, דער איינדרוק פון אַ ניט־געצוימטקייט, אָבער קעגן דעם איינדרוק ווילט זיך מיר אַנטקעגנשטעלן די קאָמפּאַקטקייט פון אַזעלכע שורות:

„טויט איז נישט טויט,
איבערבייט בלויז.
היינט ביסטו קרויט,
מאָרגן אַ רויז.

שלאַנג אויפן בויך,
מענטש מיט זיין טראָט,
נידער און הויך, —
אַלצדינג אחד!

זינג, מיין געמיט,
פרייד צו דער וועלט, —
און זאָל דיין ליד
העל זיין צעהעלט“.

דאָס זעלבע מיט זיין גראַמען־גאַמע. אויך דאָ איז דער איינדרוק, אַז וויינפּערן האָט זיך „לייכט“ געגראַמט. טיילמאָל איז דער איינדרוק אַ גערעכטער, אָבער די אויסערגעוויינלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט פון די גראַמען איז פשוט פאַרכאַפּנדיק. דער עיקר האָט ער אויך דאָ אַרויסגעוויזן אַ שלל מיט נייקייט און פרישקייט און געוואַגטקייט. עס וואַרפט זיך אין אויג פריער פון אַלעם די טענדענץ צו גראַמען העברייאישע ווערטער מיט ווערטער פון גערמאַנישן אָפּשטאַם, מער, דאַכט

זיך, ווי ווער עס איז אין דער יידישער דיכטונג. און עס איז ווערט צו פּאַרציי־כענען טייל וואונדערלעך געוואַגטע און אינטערעסאַנטע גראַמען־פּאָרן, וואָס מיר געפינען ביי ווינפּערן. ווינפּער גראַמט „איכה" מיט „וויכע"; „יהואָש" מיט „הע־ראָאיש"; „בן־אָדם" מיט „אַ שאָד אים"; „בחיפזון" מיט „האָזן"; „נילוס" מיט „שטיל איז"; „און" מיט „יהושע בן־נון"; „קולות" מיט „הויל איז"; און הונ־דערטער אַנדערע.

דאָס איז בלויז אַן אָנדייט. שוין צייט עמעצער זאָל דורכפירן אַן ערנסטע אַרבעט וועגן דעם.

איך האָב געזאָגט: ווינפּער איז געווען דער פּראָזאָגער און פּאָרבעטער. אין אמתן, איז ער געווען אומגעהויער מער ווי דאָס: ער איז אויך געווען אַ מיטבויער און מיטקעמפער פון דער וועלטלעך־יידישער קולטור.

אַנדערש ווי מיט לב ונפש האָט זיך ווינפּער ניט געקאָנט אידענטיפיצירן; אַנדערש ווי מיט לב ונפש האָט ער אַרבעטן ניט געקאָנט.

ער איז געוואָרן ניט סתם דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון איקוף — נאָר דער סימבאָל און טרעגער פון דער איקוף־אידייע.

„דאָס ליד פון קולטור־שליח" — אָט איז די ווינפּערישע איינהייט: ליד און שליחות.

פולע 20 יאָר איז ער געווען דער שליח פון דער פּראָגרעסיוו־וועלטלעכער יידישער קולטור אין אַמעריקע — פולע, לאַנגע צעווייטיקטע און אומגעהויער שווערע צוואַנציק יאָר פּאַרן איקוף.

און איקוף איז מער ווי סתם אָרגאַניזאַציע. איקוף איז קולטור־איינשטעלונג און אידייע און גלויבן.

דער גלויבן אין אַ וועלטלעך־יידישער פאָלקס־קולטור, באַזירט אויף די הו־מאַנע און פּראָגרעסיווע קולטור־טראַדיציעס פון אונדזער פאָלק.

איקוף מיינט — שטאָלצע פּראָקלאַמירונג פון יידישער וועלטלעכקייט, פון טראַדיציעס, וואָס עס האָבן געשאַפן די יידישע קולטור־בויער און וואָרט־שאַפער: חיים זשיטלאָווסקי, משה אָלגין, יעקב מילך, לעאָן קאָברין, קלמן מרמר —

און מיט האַרצווייטיק לייגן מיר איצט צו צום קראַנץ פון די פאַרשטאָרבענע און אַוועקגעגאַנגענע איקוף־גרינדער און בויער דעם ליכטיקן נאָמען — זישע ווינפּער.

פון דער ערשטער זיצונג אין בראָדוועי סענטראַל האָטעל ביזן לעצטן איקוף־פּרעזידיום — אַ מהלך פון דינסט, פון איבערגעגעבנקייט, פון אחריות און הייליקער עבודה.

צוואַנציק ליכטיקע איקוף־יאָר — לאָמיר זיי ווערט זיין און אָפּהיטן. פּאַר־היטן ווינפּערס נאָמען פון די, וואָס האָבן ביים לעבן אים פאַרלייקנט און נאָכן טויט וואַרפן זיי שמוץ אויף אים. פאַרהיטן און טרייסטן ווינפּערס נאָענטסטע — זיין פרוי און זיין טאָכטער, וואָס זיי האָבן אויסגעפילט און דערגאַנצט און צעליכ־טיקט זיין לעבן. פאַרהיטן דעם איקוף און אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, וואָס מיר רופן — וועלטלעכע יידישע קולטור —

אַ קולטור, וואָס אָן איר הערן מיר אויף צו זיין אַ פֿאָלק; אַ קולטור, וואָס גייט איצט דורך אַזוי פֿיל סכּנות — אַ קולטור, וואָס אירע ליידן און פֿאַרלוסטן האָבן וויינפּערן אַזוי פֿיל צער פֿאַרשאַפֿט —

אַ קולטור, וואָס וועט פֿאַר אונדז פֿאַרהיטן דעם גלויבן און דאָס ליכטיקע געזאַנג פֿון זישע וויינפּער.

ווי צעבראָכן מיר זאָלן ניט זיין, זיינען מיר זעלטן־רייכע יורשים — לאָמיר ווערט זיין די ירושה.

ס׳איז אונדז געבליבן:
ווינפּערס צעליכטיקט געזאַנג,
אונדזער צאַפּלדיקע ליבע צו אים,
דער וואונדערלעכער איקוף,

אונדזער גלויבן, אַז אונדזער פֿאָלק און זיין קולטור וועלן לעבן בלייבן און אין דער קולטור וועט תּמיד לעבן דאָס געזאַנג פֿון דעם גלויביקן, דעם טריסקער חזנס וואונדערלעכן משורר, וואָס איז אַ חזן ביי אַ גאַנץ פֿאָלק געוואָרן.

1957

דער קולטור־שליח

פֿאַר די צוויי יאָר, זינט ז. וויינפּער איז פֿון אונדז אַוועק, איז ער פֿאַר אונדז קלאָרער געוואָרן — זיינע שטריכן בולטער, זיין מהות — פֿאַרשטענדלעכער.

פּרטים פֿאַרבלאַסן אפֿשר, אָבער די פֿיגור זיינע ווערט גאַנצער, שאַרפֿער. ס׳איז אונדז אויסגעקומען רעדן און שרייבן וועגן זיין דיכטערישן וועג — מיר וואָלטן געוואָלט היינט אָנצייכענען איניקע שטריכן פֿון דער וויינפּער־פּערזענלעכקייט. און שטריכן אין זיין פּערזענלעכקייט מיינט במילא גאַנצער מאַכן די דיכטערישע און קולטור־שליחדיקע פֿיגור זיינע, ווייל זיי זיינען אין תּוך ניט צום פֿאַנאַנדערטיילן. איינס דערגאַנצט דאָס אַנדערע.

זישע האָט פֿאַרפּערזענלעכט די וועלט און די געשעענישן אַרום זיך, זיי דורכגעלאָזט דורך זיך, ווי יעדער קינסטלער טוט עס. ער האָט אָבער גלייכצייטיק פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט זיך, זיין גאַנץ לעבן. זיין יעדעס ליד, זיין יעדע עבודה, זיין יעדע טאַט איז געווען פֿאַרבונדן מיטן כּלל, מיט די מענטשן אַרום.

ער איז דורכאויס עקסטראַווערט, געטראָגן זיך, זיין נשמה און זיין האַרץ, פֿון דרויסן ווי אַ פֿאָן, אַזוי אַז די וועלט זאָל אים זען. מען האָט עס אים טיילמאָל פֿירגעוואָרפֿן, געהאַלטן פֿאַר אַ חסרון, געטאַדלט, הלמאי ער פֿאַרלעצט דעם אָנגענומענעם איינשטעל, אַז שאַפֿונג איז אַן אינטימער פּראָצעס, זיך געוואונדערט, ווי אַזוי ער קאָן זיצן ביים טיש אין איקוף, אינמיטן הו־האַ, און שרייבן אַ ליד. אָדער ווי אַזוי ער, אַ דיכטער, קאָן זיך יאָרן־לאַנג קהלן, זיך פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכן — שיער ניט זיך „פֿאַרקויפֿן צום המון“, אַנשטאָט זיך מתיחד זיין מיט זיין שאַפֿן.

מען האָט ניט פֿאַרשטאַנען, און מ׳האָט פֿאַרזען איינעם פֿון זיינע וויכטיקסטע

שטריכן, וואָס אָן אים וואָלט ער ניט געווען זישע ווײַנפּער: ער האָט אַנדערש ניט געקאָנט, פּשוט ניט געקאָנט אויסקומען אָן מענטשן, ער האָט זיי באַדאַרפט האָבן, ווי לופט און שפּייז.

זישע וואָלט געוואָרן זייער אומעטיק, ווען ער פּאַרלירט זײַן באַריר מיט מענטשן, ווען ער זאָל ניט שפּירן, אַז ער איז אַ טייל פון אַ מסיבה — זײַנס אַ באַליבט וואָרט — וואָס רינגלט אים אַרום, וואָס דאַרף אים האָבן, וואָס האָט אים ליב. דאָס איז געווען זײַן אַטמאָספערע, זײַן יניקה, זײַן לופט צו אָטעמען. און געטאָן האָט ער דאָס ניט נאָר אין די איקוף־יאָרן, נאָר כמעט גלײַך פון אָנהייב, אין אַ צײַט, ווען עס איז געווען קעגן דעם אָנגענומענעם ליטעראַרישן נוסח, ווען ליטעראַטור האָט באַדאַרפט זײַן אָפּגעזונדערט פון לעבן און איבער דער געזעלשאַפט.

ס'איז אָבער געווען פיל מער און פיל טיפער, ווי דאָס אויבנגעזאָגטע קאָן אָנדייטן: די נויט, דער הונגער נאָך מענטשן, איז ניט געווען בלויז אַ פּאַרשפּיצט־פּערזענלעכער שטריך, עס איז געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי עיקרדיקע אײַנשטעלונגען אין זײַן באַציאונג צו וועלט און פאָלק, אָן אײַנשטעלונג, וואָס איז מיט יאָרן רײַפער און גאַנצער געוואָרן. זי האָט געוואָרצלט פון איין זײַט אין דער טיפער ליבע צו טריסק און צו אַלע יידישע טריסקס פון דער וועלט, און פון דער צווייטער זײַט — אין דער באַוואוסטזיניקייט פון פאַרגעשריטענעם שאַפער פון אַלע דורות, אַז דײַן קונסט דאַרף דיגען און דעריבער דאַרפסטו זײַן אַ טייל, אַ פּעדעמל אין אַ כלל־מאַטעריע — עס האָט געוואָרצלט אין זײַן אויפפאַסונג וועגן דער שייכות פון קינסטלער און דער געזעלשאַפט.

אין 1940, צו זײַנע 25 יאָר שאַפן, האָט ער געזאָגט אין זײַן יובליי־רעדע, און פּאַראַפראַזירט (באַוואוסטזיניק אָדער ניט) דעם זיידן מענדעלע: „איך פיל זיך גוט צו זײַן איינער פון דעם מאַסע, — אַ פּעדעמל אינעם גרויסן געוועב, וואָס הייסט יידיש פאָלקס־לעבן". פאַרוואָס זשע פילט ער זיך אַזוי? ווייל — „מיר האָט זיך געבענקט נאָך דער גרויסער יידישער מאַסע, פון וועלכער איך קום אַרויס און אין וועלכער איך פיל זיך ווי אַ ניט־אָפּגעטיילטער טייל".

דאָס איז אַ מדרגה פון שעפערישער דערקענטעניש, פון טיפער פאַרשטענדעניש פון דעם אַלטן „ודע לפני מי אתה עומד" — ווייס, פאַר וועמען דו שטייסט, פאַר וועמען דו שאַפסט.

דער שליח־ציבור פון די יידישע פאָלקס־מאַסן האָט ער געוואָלט זײַן (און ער איז עס געוואָרן), און ער גרויסט זיך מיט דעם, וואָס „מײַן וואָרט ווערט איצט דערהערט, ווייל עס איז דאָס וואָרט פון פאָלק צוריק אין פאָלק אַרײַן".

דאָס איז אין טאָן און נוסח פון דעמאָקראַטישן יידישן פאָלקס־שאַפן, וואָס רייסט זיך צו איין ציל — ווערן דער פירזאָגער פון פאָלק, רעדן פאַר די פּראָסטע, „וואָכעדיקע" יידן, דאָס איז אויסגעפאָלגט דעם זיידן מענדעלעס אָנזאָג, אַז „שאַפן פאַר אַ פאָלקס־מענטש קאָן בלויז איינער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פליייש פון זייער פליייש, וואָס האָט מיט זיי אײַנע צרות געליטן..."

אָט־דער שטריך גייט פיל מאָל דורך ווײַנפּערס טראַכטן, שרײַבן און האַנדלען. אָט־דער שטריך איז אַ באַוואוסטזיניקער פאָדעם אין דער געזעלשאַפטלעכער

און שעפערישער פערזענלעכקייט פון ווײַנפּערן. ער האָט אַ לעבן לאַנג — דורך לידער און מעשים — געשטרעבט זיך צונויפצוגיסן מיטן כּלל. זײַן „אחד" איז געווען — ער, זישע און זײַן פאָלק. מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער רעדט פיל וועגן זיך, אָבער מען האָט פאַרזען, אַז ער האָט געבענקט נאָך אויפלייזונג אין כּלל, בלויז אין דער אויפלייזונג האָט ער זיך ווידער געפונען.

אָבער אַט־דער גלויבן איז ניט אַזוינס, וואָס קאָן געגעבן ווערן בלויז פונעם אייגענעם קוואַל אין זיך, וואָרום עס איז אין דער אמתן גאָר ניטאָ אַזאַ קוואַל, וואָס שלאָגט נאָר פון זיך אַליין און איז ניט אויסשעפּלעך. אויב זײַנע אָדערן זײַנען ניט פאַרוועבט אויך מיט די אָדערן פון אַנדערע, מוז ער זיך אויסשעפּן. בלויז דורך פאַרוועבונג מיט אַנדערע איז זײַן שעפערישער כּוח אין דער שליחות, אין דערהאַלט דעם גלויבן אין אַלע שווערע וועטערן און קלימאַטן. „אַזאַ מסיבה, ווי די היינטיקע פאַר מײַן כּבוד וועגן, פאַרשטאַרקט אין מיר דעם באַוואוסטזײַן, אַז די אָדערן פונעם כּלל זײַנען צונויפגעוועבט מיט מײַנע, און אַז די שליחות, וואָס איך טראָג דורכן וואָרט איז ניט בלויז מײַנע אַ פּערזענלעכע, נאָר איז די שליחות פונעם כּלל, פונעם ציבור" (פון זײַן רעדע צו זײַן 60טן געבוירנטאָג, 4טן אָקטאָ־בער, 1953).

דאָס איז נוסח. פאַרזען דאָס — מיינט פאַרזען ווײַנפּערן. אין 1950, אין אַ רעדע צום איקוף־צוזאַמענפאָר, חזרט ער איבער:

„די שטענדיקע קאָנטאַקטן מיטן לעבעדיקן לעבן פון אונדזערע ייִדישע פאָלקס־מאַסן זײַנען פאַר מיר ווי זיסע קוואַלן, פון וועלכע איך טרינק און וועל ניט מיד צו טרינקען".

און ווידער, אין 1956, אין אַ רעדע צו דער איקוף־קאָנפערענץ אין ניו־יאָרק: „פּלוצלינג האָב איך זיך געכאַפּט, אַז אין דעם קאָנטאַקט מיטן פאָלק הויבן אָן מײַנע ספקות צערונען ווערן און די זיכערקייט וואַקסט זיך פאַנאַנדער".

אַזוי רעדט ער נאָך שווערע, מוראדיקע יסורים־מדיקע יאָרן פון האַרץ־פּײַן און צעווייטיקטקייט, וואָס די געשעענישן אַרום דער ייִדישער קולטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן גורם געווען.

דאָס געפיל פון זײַן „אַ פעדעמל אין דעם געוועב" איז באַגלייט געוואָרן מיט שאַרפע, שיער נישט מעסיאַנישע געפילן פון אחריות פאַר דער שליחות, וואָס מען האָט דיר אָנגעטרויט און דער באַוואוסטזײַן פון געראַנגל, פון אײַנשטעלן זיך, פון ניט דערלאָזן אויף זיך, חלילה, די קללה פון זיידן מענדעלע: „פאַרפלוכט זאָל זײַן דער. וואָס זעט אַזעלכע שורות און שווייגט..."

ז. ווײַנפּער האָט געפילט, אַז מען האָט אים אָנפאַרטרויט אַ וויכטיקע שליחות, אַן ערנסטע און פאָלקס־נייטיקע שליחות, וואָס בינדט דיך מיט טויזנטער רצונות און וואָס בלויז דאָס פאָלק אַליין קאָן דיך פון דעם אַנטבינדן. אַ שליחות, וואָס איז פאַרבונדן מיטן מענטשנס פאַראויסגאַנג אויף דער ערד און וואָס אָן געראַנגל וועסטו זי ניט ממלא זײַן, אפילו ניט ווערט זײַן:

„עס איז קלאָר, אַז ניט גרינג איז דעם שאַפערישן מענטשן, וועמענס שאַפונג איז ניט געמיינט, כּדי צו קריגן פאַר זיך אַ גרעסערן שטיק עולם־הזה, נאָר איז אַ

שליחות, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן געראַנגל פֿונעם לעבן זיך צו באַפֿרייען פֿון די אומגערעכטיקייטן, וואָס בינדן די הענט און די פֿיס און פֿאַרסאַזשען דאָס פּנים. אַזאַ שעפֿעריש|קייט איז מערסטנס קעגן ווינטן און זאַווערוכעס, און לאָזן זיי וועלן ניט ווען דיך אויף אַ ווייל אָפּ, איז דער וועג סיי ווי מיט אָנגעגליטן זאַמד, וואָס ברייט און צעברענט ניט איין מאָל די טריט... בלויז דער טיפֿער גלויבן אין דער שליחות, וואָס דו טראָגסט אין זיך, גיט דיר כּוחות ניט אַנידערצופֿאַלן אינ־מיטן וועג".

אָט דאָס שליחות־באַוואוסטזיין האָט דורכגעדרונגען ווײַנפּערס קולטור־אַרבעט, ווי עס האָט דורכגעדרונגען זיין ליד. „דאָס ליד פֿון קולטור־שליח" האָט עדות געזאָגט, אַז די קולטור־עבֿודה איז ניט געווען קיין זייטיקע, קיין צוגאָב־אַרבעט ביי ווײַנפּערן, נאָר אַ נאַטירלעכער איינגעשלאָסענער באַשטאַנדטייל פֿון דער גאַנ־צער ווײַנפּער־פּערזענלעכקייט.

צוזאַמען מיטן שליחות־באַוואוסטזיין קומט די גרייטקייט צו קעמפֿן פֿאַרן גלויבן און פֿאַר דער אידייע. די צוואַנציק איקוף־יאָרן זיינען געווען פֿאַר אים יאָרן פֿון פֿאַרפֿאָלגונגען, פֿון קללות און חרמות, יאָרן פֿון זיין אויסגעשטעלט צו פֿאַרלוימ־דונגען און בייזוויליקע אָנגריפֿן, וואָס האָבן אפֿילו אָנגעהאַלטן ביז נאָך זיין טויט און טייל אפֿילו ביז היינטיקן טאָג.

ז. ווײַנפּער האָט זיך געראַנגלט אין ליד — פֿאַרן „נעגערל", וואָס ווערט פֿאַר־פֿאָלגט פֿון „שלעגערל", פֿאַרן אָרעמען „הייט'ניק". ז. ווײַנפּער האָט זיך געראַנגלט אין זיין אַרבעט פֿאַר דער פֿאַרפֿאָלגטער און ניט־אָנגעלייגטער — אין אַ וועלט פֿון רעאַקציע און קאָנפֿאָרמיזם — אידייע פֿון פֿאַרגעשריטענער וועלטלעכקייט.

ווײַנפּער האָט פֿאַר קיין געראַנגל זיך ניט אָפּגעשטעלט און פֿאַר קיין קאַמף ניט צוריקגעטראָטן. אויך דאָ איז פֿאַראַן דער פֿאַלשער איינדרוק פֿון געמיטלעכ־קייט און רודף־שלומדיקייט, ווי זיינער אַ גרונט־שטריך. ער האָט זיך געראַנגלט פֿאַר אידייען און געטריי געבליבן זיין גלויבן מיט זעלטענער געוויסנהאַפֿטיקייט.

דער קוואַל פֿון זיין גבֿורה איז געווען זיין טיפֿע ליבע און זיין צעליכטיקטער אָפּטימיזם. ער האָט געטריבן די עצבֿות פֿון זיך, און דער טרויער איז פֿרעמד גע־ווען זיין געמיט.

גרויסער מאמין? זאָל זיין גרויסער מאמין! ס'איז אַ שיינער עפּיטעט! ספּע־ציעל, ווען די אמונה ווערט פֿאַרגעזעלשאַפֿטלעכט און דינט כּסדר לטובֿת המענטש והפֿאָלק; „איך באַטאָן דאָס מיט דעם פֿולן באַוואוסטזיין אין די אינטערעסן פֿון אונדזער זיין, און פֿון אונדזער המשך, ווייל אין דעם צעפּייניקטן געמיט אונדזערן איז דאָ אַ געפֿאַר אַריינצופֿאַלן אין עצבֿות, און עצבֿות האָט אַ טבֿע צו זען מער די בלויזן, ווי די דערגרייכונגען, און דערמיט פֿאַררויכערן דעם בלענד פֿון דער יום־טובֿדיקייט, וואָס איז אונדז אין די איצטיקע גורלדיקע טעג אַזוי נייטיק אויף זיך צו דערהאַלטן".

פֿון דעם גלויבן האָט זיך ביי אים געשפּייזט די עקשנות אין זיין אַרבעט און אין זיין ליד:

„בלויז אונדזער טיפֿע ליבע צום יידישן שאַפֿן און דער קלאָרער באַוואוסטזיין,

אַז אויפגעבן די אויפהאַלטונג און ווייטערדיקע בויאונג פון אונדזער יידישער קולטור פאַרן פאָלק וועט מיינען נאָך אַ קבר אין אונדזער גרויסן חורבן, האָט אונדז געגעבן כּוח און מוט זיך נישט צו פאַרלירן, און די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען להכעיס דעם פאַרמעסט פונעם נאַציזם אָפּצואווישן אונדז פון דער ערד״.

אין דער קולטור, ווי אין ליד, האָט ער כּסדר זיך באַוועגט אונטער דער פאָן פון אמונה. ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער אומקום־גלאָריפיקאַציע אין דער יידישער דיכטונג.

פון זיינעם זשורנאַל „אַנהויב״, דורך די טעג, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן דעם „אויפקום״, ביז די לעצטע צוואַנציק איקוף־יאָרן איז ער געווען אַן אַרויסרוף פון יוגנטלעכקייט און גלויבן קעגן די אומקומיסטן און די וואָס האָבן פאַרצויגן שלייערס פון פינצטערניש און רעאַקציע און ביטערע שנאה אויף אונדזער פאָלקס־קונסט אין אַמעריקע.

ווינפּער האָט טיף און קלאָר באַנומען דעם זין פון דעם איקוף. אַנדערש וואָלט ער דעם זין ניט געקאָנט מסביר זיין צו אַנדערע. ער איז געשטאַנען ניט נאָר אין דער פירערשאַפט פון דער אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך אין דער ערשטער פּאָזיציע פון דער פאַרטיידיקונגס־ליניע פון דעם איקוף. ס׳איז קיינמאָל ניט גענוג געווען דערקלערן וואָס דער איקוף איז. ס׳איז אַלעמאָל, ווי איצט, נייטיק געווען אָפּשרייען דעם איקוף פון די העסלעכע בלבולים און פאַרלײמדונגען.

אין 1956 זאָגט ער: „ווי אומגערעכט און ווי טויב אין בלינד עס איז געווען... די שנאה פון אונדזערע קעגנער צו אונדז. און אַ פאַרוואָס האָבן זיי געשאָסן זשאַריקן פריסיק אונטער אונדזערע טריט פאַר טאָן די הייליקע פאָלקס־אַרבעט...״

ביין, ניט נאָר בויען האָט מען באַדאַרפט, נאָר כּסדר אָפּשלאָגן די אַטאַקעס אויפן איקוף, אַטאַקעס וואָס האַלטן אָן עד היום, אָנגריפן, וואָס פון זיי סטאַרטשעט אַרויס אומהיימלעך די פּאַטאָלאָגישע שנאה צו אַלץ, וואָס איז דעמאָקראַטיש־פאָרשריטלעך אין אונדזער קולטור־בוי אין אַמעריקע

זיין אָנדענק און ירושה וועט קיינער נישט קאָנען פאַרשווערן און אָפּשוואַכן. זיי זיינען אַרומגערינגלט מיט ליבע פון פאָלק. עס איז ניטאָ קיין בעסערע, מער זיכערע באַשיצונג.

1959

שלום שטערן

ז. ווײַנפּער — דער דיכטער און פּראָזע־שרײַבער

דער טיף־טראַכטנדיקער, לירישער דיכטער ז. ווײַנפּער איז פּילזײַטיק אין זײַן דיכטערישן, ווי אויך אין זײַן פּראָזע־שאַפֿן. ער איז געווען פּראָדוקטיוו אויפֿן פֿעלד פֿון דער ייִדישער בעלעטריסטיק, עסייאיסטיק און ליטעראַטור־קריטיק. ער האָט געהאַט זײַן אייגענעם שטייגער, ווי צו שרײַבן אָפּשאַצונגען איבער ווערק. ער האָט אויך געשאַפֿן פּאָרטרעטן פֿון די, וואָס האָבן די ווערק אויסגעצײַטיקט דורך דער פֿעדער און זיי אַרײַנגעבראַכט אין שייער פֿון אונדזער ליטעראַטור.

ז. ווײַנפּער האָט געזוכט קינסטלערישן אויסדרוק, און ער האָט אים געפֿונען אין די פֿאַרשיידנסטע זשאַנערן פֿון דער וואָרט־קונסט. די קאָליר־פֿולקייט פֿון זײַן שאַפֿן שטאַמט פֿון דעם, וואָס ער איז פֿון תּמיד געווען קינסטלעריש, נײַגעריק, תּמיד אומרואיק, תּמיד גאַרנדיק צו דערזען די אַרומיקע וועלט אַרום זיך, און זיך אַליין ווי אַ מיט־שותּף אין שאַפֿן פֿון אָט־דער שעפֿערישער ווירקלעכקייט.

ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געקלאַמערט אין דעם לעבן, אין דער ליטעראַטור, וואָס שילדערט אָט דאָס קעמפֿערישע לעבן. ער לויכט דערײַבער פֿאַר אונדז אויף אין דער דיכטונג אין די פֿאַרשיידנסטע אופֿנים, וואָס אַנטפּלעקן דעם אומרויִקן דיכטער און זינגען אויס זײַנע געפֿילן.

זישע ווײַנפּער האָט אָנגעשלאָגן אין די האַרץ־קאַמערן, סײַ מיט זײַנע טיף־לירישע און זינגעוודיק־בילדערישע לידער פֿאַר אונדז, דערוואַקסענע, און ער איז אויך אַרײַנגעדרונגען אין דער וועלט פֿון דעם קליינוואַרג, וואָס איז אים היימיש, נאָענט. נישט צופֿעליק, איז ער אַוועק דערצײלן, זינגען פֿאַרן קליינעם קינדער־פֿאָלק. ער איז, אין תּוך, אַ סאָציאַלער דיכטער, און עס האָט אים געצויבערט די וועלט פֿון קינדער; זייער פֿרייד האָט אים גערופֿן, זייער טרויער האָט פֿײַכט געמאַכט זײַנע אויגן.

זײַן ליד וועגן קינדער, איז אין טאַמע תּוך אַנדערש פֿון די מערסטע קינדער־לידער, ווי ער איז פֿריש, נײַ און אַנדערש אין זײַנע דיכטונגען פֿאַר גרויסע. נישט בלויז אייגנאַרטיק אין דער פֿאָרם, נאָר טאַקע אין סאָציאַלן אינהאַלט. אָט־די אַנדערשקייט טיילט אים אויס פֿון אַנדערע דיכטער פֿון זײַן דור. דערהויפּט אין זײַן לידער־בוך „ליד און פֿרייד", אין זײַן פּאָעמע „אויף אַמעריקאַנער ערד" און אין די שטאַרקע און פּאָעטישע „פּאָעמען וועגן די נביאים".

ז. ווײַנפּער, ווי אַ פּראָגרעסיווער דיכטער, וואָס האָט געזען דעם ווײַטסטן נעכטן נישט ווי אַ פֿאַרגליווערטקייט, נאָר ווי דאָס כּסדרדיקע ראַנגלען זיך און שטײַגן, האָט זיך באַמיט אַראָפּשיילן פֿאַרשיידענע אײַנפֿלוסן, בפֿירוש פֿאַרגעסן פֿאַרשיידענע טײַטש־נוסחאות, פֿאַרוואָרצלט דורך רעליגיעזער טראַדיציע, דורך אײַנגעשטעלטער מסורה. ער האָט געזוכט דעם צונויפֿוועבנדיקן פֿאָדעם, וואָס האַלט

צוזאַמען, דורך כלערליי קאַמפן, די טיפע, ווייטע נעכטיקייט מיט דער הייַנטיקייט. די קאָנטינואיטעט פון דורות אין שווערן געראַנגל, קעגן מאַכט־האָבער, שלעכטס־טוער און רייכע האַרן, וועלכע פון תמיד אָן האָבן געוואָלט פאַרשפּאַנען אין יאָכן דאָס פאָלק, און דערפירט צו קאַטאַסטראָפעס און חורבן. און ז. וויינפּער דער דיכטער, וואָס האָט געוויטאָקט און געקעמפט פאַרן בעסערן לעבן, פאַרן פרייען און שענערן מענטשן האָט געוואוסט, אַז נביאים פרייהייט־קעמפער זיינען דאָ אין יעדן דור. האָט ער געזוכט זייער גלייכן. נאָך מער, ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן ווידער מיטשטורמען אין אייביקן, ליכטיקן גאַנג צו דער וועלט פון יושר און שלום. האָט ער אין די בלעטער פון תנ״ך דערהערט דאָס ברויזן פון די נביאים אין זייער געדעכטן צאָרן. די נביאים מיט זייער שאַלנדיקער מאָנונג האָבן זיך ווי־דער פאַר אים אַנטפּלעקט, נאָר אין אַ נייער געשטאַלט. פּונקט ווי יעדן קינסט־לער, האָט דער תנ״ך אויך געדייצט די פאַנטאַזיע פון ז. וויינפּער. עס רייצן און רעגן די געשטאַלטן פון די נביאים. דער חומש — דער אויסגעוועבטער מיטאָס פון דער פאָלקס־פאַנטאַזיע אין לויף פון יאָרטויזנטער, האָט אויך אַריינגעצויגן אין זיינע פאַסירונגען כלערליי וועלט־קאַטאַסטראָפעס. וויפל דער רבי אין חדר האָט זיך ניט באַמיט צו פאַרהימלישן די חומש־העלדן, און זיי זעען, ווי דורך שלייערן, האָבן זיי פאָרט געשפּאַנט פאַר אונדז אויף דער ערד, אויפגעשטעלט געצעלטן. און מיר האָבן זיך, אין אונדזער קינדהייט, געלאָזט מיט זיי דורך מדבריות, צו די גראָ־זיקע פליינען. דער אידילישער שלייער האָט זיך אַראָפּגערוקט און מיר האָבן דערזען אַ פאָלק, אַ מדבר־פאָלק אין זיינע ליידן און געראַנגלען און משה, דער פירער, וואָס קנעט דאָס פאָלק, פורעמט עס איבער, איז מילד און גלייכצייטיק אַ צאָרנדיקער געזעצן־קריצער. און דאָס געשטאַלט משה איז געוואָרן אַ מוס־טערהאַפט געשטאַלט פון אַ פירער צו באַפרייען, דערציען אַ פאָלק.

דער דיכטער ז. וויינפּער האָט דעריבער אין חומש זיך געווענדט צום ערשטן פון די נביאים און האָט אָנגעהויבן אויסחלומען דאָס ריזן־געשטאַלט משה. עס איז געוואָרן אַ משה אַ פּראָדוקט פון ז. וויינפּערס רייכער, פּאָעטישער פאַנטאַזיע. און דאָס איז אויך חל אויף אַלע נביאים, וועגן וועלכע ז. וויינפּער, דער גרויסער ליי־רישער פּאָעט, זינגט אין שילדערנדיקע, ריטמישע פערזן.

ז. וויינפּער איז נישט בלויז באַווירקט געוואָרן פון זיינע תנ״כישע העלדן, נאָר ער האָט געוואָלט, אַז די האַזיקע געבענטשטע ווירקונג זאָל אים העלפן שאַפן די ראַם, די אַטמאָספערישע מעגלעכקייט, אין וועלכע עס זאָלן קאָנען אויפגעשטעלט ווערן די נביאים, אין אַ רעאַלער וועלט. וואָלט זיך אים דיכטעריש דאָס נישט געווען איינגעגעבן, וואָלטן מיר געהערט רייד, אין וועלכע מיר וואָלטן אָדער נישט געגלויבט, אָדער זיי וואָלטן געקומען, ווי פון אַ חלל. עס איז אים בייגעשטאַנען זיין דיכטערישע פאַנטאַזיע, און דאָס פילקלאַנגיק און קאָליריפול וואָרט האָט ז. וויינ־פּערן, דעם געניטן פערזן־שניצער, געהאָלפן אויסשניצן רעליעפע, קראַפטפולע גע־שטאַלטן, אומדערשראָקענע קעמפער, וואָס זייער ברויזנדיק וואָרט צינדט אָן דאָס האַרץ, מאָנט און רעגט צו ווערן איינער פון דער וואונדערלעכער מחנה קעמפער. ז. וויינפּער האָט דעריבער זיין אייגענעם טייטש. ער שלייפט זיך אַרויס פון תנ״ך־

סטיל, פון דעם סדר געשעעניש, לויט דעם ביבלישן דערציילן. ער ברויזט קעגן אומרעכט, קעגן רשעות. ער שטורעמט קעגן די רייכע, די האַרן, די ברוטאַלע הערשער. עס איז די אַמאָליקע און גלייכצייטיק היינטיקע וואָר. עס איז דער הייליקער, גליאיקער פונק, וואָס ווערט נישט פאַרלאָשן, ווייל ער שאַפט דאָס ווייזיאָנערישע, האָפנדיקע געזאַנג, וואָס קלינגט אָפּ פון פּאָעטס געמיט אין איטלעך באַגערנדיק און האָפנדיק האַרץ. און אָט אַזאַ וואונדער פון דיכטערישן אָנשטרענג איז געשען מיט ז. וויינפּערס געזאַנגען וועגן די נביאים. וואָרט־בילד און קלאַנגפול וואָרט האָבן זיך צונויפגעגאָסן, געשטאַלטן זיינען אין דער פּאָעטישער וויזיע אויפגעבויט געוואָרן. ריינדיקע און קלאַנגפולע פערזן האָבן זיך צונויפגעגאָסן און זיך אַריינגערוישט אינעם גערויש פון מעטאַלענע ריטמען.

אין ווייכע, ממש לאַשטשענדיקע שורות וועבט ער אויס דאָס לעגענדאַרישע פאָלקס־געשטאַלט פון אליהון, ווי דאָס פאָלק אין משך פון דורות האָט אים איבערגעאַנדערשט, אויסגעטרוימט לויט די נויטן. און ווי קאָן מען אים גאָר פאַרגלייכן מיט יענעם שטורעמדיקן אליהו פון פאַרצייטנס, וואָס גרימצאָרנט קעגן אחאבן? אָט ווי ער טריטלט טראַכטנדיק אין פאָלקס־געמיט:

„אַ זעקעלע מעל
צו דיר אויפן שוועל,
און ראָזשינקע ווייַן
און ליכטלעך מיט שיין
אַז ליכטיק זאָל זיין,
אַז שבת זאָל זיין.

— און ווי קוקסטו אויס?
— נישט קליין און נישט גרויס,
נישט שווער און נישט גרינג,
אָ, קינדעלע, זינג:
— שבת שבתון“.

אַזוי קאָמיש, ווי וועגן גאָר אַן אייגענעם, אַ נאָענטן, דערציילט ער אונדז. נישט עפּעס אַ וואונדערלעכער אורח, וואָס וואונדערט, נאָר אַזאַ ליכטיק, וואויל יידעלע, וואָס טרייסט. ווייל אין יאַניוועקע, בריסק, טריסק, בערדיטשעוו און קאָוועל איז נישט געווען קיין אליהו התשבי, קיין אליהו הגלעדי. ער איז געווען דאָס קול מבשר אויף משיחן, און ווי:

„לידעלע שיין,
מעשהלע ריין

זינגט זיך אַליין,
דערציילט זיך אַליין“.

אָבער ז. וויינפּער איז נישט אויסן געווען בלויז דאָס אַרויסכישופן פאַר אונדז דעם אליהו, וואָס „עפנט טירן“ ביים סדר. ער האָט געזוכט דאָס סאָציאַלע, דאָס ראַנגלען זיך, דעם מורד, דעם פלאַמיקן קעמפער פאַר יושר, דעם וואָס איז זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר געקריוודעטע און אונטערדריקטע, און זייערע עוולות, פאַר וועלכע ער נעמט זיך אָן, ווערן זיינען פיינען. יאָ, וויינפּער האָט דעריבער געוואָלט זינגען, און טאַקע ווי אַ טיפער, קעמפערישער דיכטער אויפגעזונגען דאָס ליד וועגן דעם אליהו, וואָס האָגלט זיינע רייד קעגן אחאבן — דעם רוצח, וואָס מערדערט און ירשנט.

ז. וויינפּער זעט נישט די נביאים, ווי בלויז קעמפער פון אַמאָל, אין ישראל, אין יהודה. די געבוירנלענדער זיינען געווען זייערע סביבות, לאַנד־און לאַנדשאַפט־קאָלאָריט, דאָס נאַציאָנאַל־כאַראַקטעריסטישע, אָבער זייערע אַרויסטרעטונגען, זייערע

קאַמפּן זיינען וויַיט אַריבער די גרענעצן פון יהודה און ישראל. זייער קאַמף, זייער קאַמפּסוואָרט איז געווען און געבליבן אוניווערסאַל, ווי עס איז פון שטענדיק געווען דער גרויסער, קעמפערישער גייסט, אַנגעגליט פון דערהויבענע, באַפרייענדיקע אידייען, וואָס ווערט גלייכצייטיק — די גרויסע, אייביקע, מאָנענדיקע קונסט טאַקע דערפאַר זינגט ער עס אין אַזאַ וואונדערלעכער פשטות די אייביקע וואונדער פון דער וואָר:

„זיי זינגען געזאַנג
פון ליכטיקן ליד, —
זיי זינגען דעם גאַנג
פון מענטשלעכע טריט !...“

אליהו איז געווען נישט בלויז דער אויפגערוישטער, נאָר דער ברויזיקער רעש גופא. מיר דערהערן דאָס אינעווייניקסטע האַרץ רוישן אין צער, זיין פלאַמיקן צאָרן־געשריי, זיין אַנטרינען אין מדבר, אין חורב, אָבער ער ווייסט, אַז דאָס אַנטלויפן איז אַ מאָמענטאַלער פחד, און ער רייסט זיך צוריק אין שטאָט, צו שטורעמען קעגן האַרן און געוועלטיקער. אָט־די איבערלעבונגען, די גליאיקע וויזיעס זיינען שטאַרק און בילדעריש אויסגעזונגען. עס איז טאַקע דער זעלביקער אליהו, וואָס אים „איז ליב די ווייכקייט און מילדקייט פון דער מאַמעס צאַרטער האַנט“, און וויל אַזוי מילד און פול מיט דערבאַרעמונג האָט ער קיין מורא נישט פאַרן טויט, און שליידערט זיינע גערעכטע רייד צום מלך אכזר — אחאבן אין פּנים אַריין.

הגם די פּאָעמע „שמואל“ האָט נישט אין זיך יענעם קאַמפּס־עלעמענט, וואָס רודערט אויף אונדזער געמיט, איז שמואל באַהויכט מיט יענער צויבער־דיקער מעשה־דיקייט פון „ויהי בימי שפוט השופטים“. די גאַנצע פּאָעמע צייכנט זיך אויס מיט דער טיפער, פאַרטרויערטער שטימונג, און איז אָנגעזעטיקט מיט פאַרביקער בילדערישקייט:

„גלגל האָט זיך שוין געטשוכעט פונעם שלאָף. פינטעלעך ברוינע האָבן זיך צעהעלט איבעם אָפּשיין פונעם ערשטן זון־צעגלי אויפן באַרג. שטיל האָט דאָס געוואַי פון די שאַקאַלן דורך דער נאַכט אומגעציטערט אין דער לופט. געהאַנגען איז דער טוי, ווי אַ דינער דורכזיכטיקער ליילעך איבערן טאָל“.

דאָס זיינען בלויז אַ פּאָר פון פיל אַזעלכע מייסטערהאַפטע, לויטער־מאָלנדיקע פּעריזן, וואָס ברענגען אונדז צו יענער לאַנדשאַפט, וואָס וועקט זיך פון פרימאָרגן־פאַרדרימלעניש. און מיר הערן נישט אויף צו באַוואונדערן ז. ווײַנפּערס געפיל פאַר שפּראַך, זיינע ווערטער שאַפן געמעלן.

אין דעם דיכטערס פאָרשטעלונג וואַקסט דעריבער אַרויס די גייסטיקע ריזן־געשטאַלט פון דעם אומדערשראָקענעם עמוס, דער, וואָס פאַרלאָזט זיין געבוירנלאַנד יהודה און קומט קיין ישראל מיט צאָרן און וואָרנונג. דער פּאַסטוך עמוס אין דער סביבה פון די פּאַסטוכער, אָט צווישן זיי ברייט זיך אויס זיין גערעכט וואָרט. עמוס ווערט אונדז נעענטער און דערנעענטערט. און דאָס וואָס עמוס טענהט מיט זיך אין שווערן פּיין, אין שווערן געראַנגל מיט די אייגענע, עקבערנדיקע מחשבות פאַר זיין וואַגנדיקער אַנטפּלעקונג, דאַרף זיך פרעגן איטלעכער היינטיקער דיכטער, וואָס ווערט פון פּיין צעריסן, צוזעענדיק די אומרעכטן, וואָס ווערן באַגאַנגען:

„און עמוס איז געבליבן שטיין,
און געפרעגט ביי זיך אליין:
— צי מעג אַ פּאַסטוך זיצן אונטער אַ בוים,
און זיך פאַרשפּילן מיטן רוים,
וואו עס וואַקסט נישט פאַר קיין הונגעריקע ציגן קיין גראָז".

און אַז ער האָט געפרעגט, איז שוין געקומען נאָך אַ פאַרוואָס?

„פאַרוואָס איז דער טאָל מיט גראָז אַזוי קאַרג?
פאַרוואָס איז אַזאַ האַרטער דער באַרג?
פאַרוואָס איז אָט־דאָ אַזאַ טריקעניש?"

אַלע נביאים שטייען פאַרן זעלביקן נסיון: פאַרוואָס זיינען זיי אויסגעקליבן געוואָרן צו גיין און זאָגן, וואָס דריקט זיי? פאַרוואָס דאָס פייער אויף זייערע ליפּן? אָבער עס איז גראָד דאָס גערעכטיקע וואָרט, וואָס גליט אָן זיי צו מאָנונג און קאַמף, צו וואָגן און וואָרנען. דערפאַר טאַקע איז אַזוי שטאַרק דער רושם פון דער שילדערונג, ווען ירמיה פאַרלאָזט זיין שטעטל ענתות און לאָזט זיך קיין ירושלים זוכן גערעכטיקייט און טרעפט:

„פון הר־הבית מקדש איז צעלענדט.
איך קוק, איך ציטערניש פון זכות,
נאָר אויף די געסלעך זונות ביי די ווענט,
עס שוימט די נאַכט מיט זנות".

ירמיהו טרוימער, טרויערער און טרייסטער, ירמיהו — דאָס טראַגישע געשטאַלט, וואָס מאַכט אויפציטערן אונדזער האַרץ, לויכט אין וואַגנדיקן קאַמף, ער ווערט נישט איינגעבראָכן. כאָטש בעת ער שטראָפט און וואָרנט געשעט צו איב וואָס צו אַלע פרייהייט־קעמפער:

„און הויב איך אויף מיין קול,
און זאָג: מיין פאָלק, דערוואַך!
פאַלט צאָרנדיק דאָ אַלעמאָל
אַ שטיין, אַ שווערער, פון אַ דאַך!"

געוויס, קיינער קאָן נישט פּאָעטיש, קרעפטיקער און מעכטיקער נאָכזינגען און איבערזינגען די שטורעם־רייד פון די נביאים. דערווייל האָט נאָך קיינער נישט באַוויזן די גרויסע קונסט פון אַ האַמער טאָן מיט דער קראַפט פון נביאישן וואָרט. ז. ווייַנפער זינגט נישט נאָך, ער זינגט אַריין מיט דער קראַפט פון זיין אייגענעם געזאַנג. זיין פּאָעטישן כוח נוצט ער אויסגעצייכנט אויס אויף אַריינצופּאַסן אין זיינע וויזיעס און שילדערונגען די רופנדיקע, שאַלנדיקע רייד פון די נביאים. ער פּרואווט זיי פאַרשמידן אין אייגענעם ריטם, און ער האַמערט אויס מעכטיקע פערזן אין עמוסעס ברויזנדיקע רייד:

„— ווי, וואָס פון ישראל איז געוואָרן!
יתום איז פאַרלאָזט, אַ פאַרשעמטע די אלמנה.
אַבי מען ברענגט אַ קאַלב, אַ פּעטע, אַ מתנה,
צום מזבח פאַרן כהן,

מעג מען זיך אין זינד שוין האָיען!
האָט דאָס קול, ווי אַ מעסער געשניטן,
און קײנעם נישט פּאַרמיטן.

— זעט, די ווײַבער אויסגעפּאַשעט,
ווי קי פון בשן פאַר מזבח,
און די כהנים שפּרײטן דעם געדעמפּטן ריח
פון פלײשן און פון ווײַנען פאַר די זויפער און די פרעסער!
שווער האָט זיך דאָס קול געטראָגן
און געשניטן ווי אַ מעסער״.

אַזעלכע פּאָעטישע פאָרם־כלים האָט ז. ווײַנפּער געשאַפן אויף זײַן אײגנאַר־טיקן שטײגער, אַרײַנצוזאָגיסן די געוויינען פון דעם מקונן ירמיהו. אויף אַ וואונ־דערלעכן אופן האַלט ער אָן דעם עלעגישן טאָן, און דעריבער רירן אונדז ביז טרערן די דורכגעפּיבערטע פערזן, אין וועלכע ז. ווײַנפּער האָט דעם פיבער פון זײַן פּײַן אַרײַנגעצײַטערט.

און בעת מיר פאַרמאַכן דאָס בוך „פּאָעמען וועגן די נביאים״ קלינגט לאַנג אין אונדזער געמיט דאָס געזאַנג. עס ציטערן לאַנג די דורכגעפּיבערטע פערזן, און עס ליכטיקן פאַר אונדז זעאונגען פון ז. ווײַנפּער דעם פּאָעט, וואָס איז הויך אַרויפ־געשטיגן.

אין אָט־די פּאָעמען וועגן נביאים האָט ער זיך דערלערנט די גרויסע קונסט פון שילדערן און דערציילן און פון שאַפן אַ ליכטיק און מעכטיק געזאַנג.

אָבער דאָס איז נישט שטענדיק אַזוי געווען מיט ז. ווײַנפּערן. אין באַגינען פון זײַן געזאַנג האָט ער זיך געלאָזט פאַרבלענדן פונעם וואָרט־קלאַנג פון די „יונגע״, אָבער מיטן דערפילן די אײגענע דיכטערישע מעגלעכקײטן האָט ער אָנ־געהויבן נוצן אײגן געצײַג, ווי אַרויסצוזינגען דאָס אײגענע דיכטערישע וואָרט.

ווען ז. ווײַנפּער האָט געפונען זײַן וואָרט, זײַן אײגענעם טאָן, האָבן מיר דער־הערט אײגענע, אײגנאַרטיקע פּאָעטישע מאָטיוון, און הגם ער איז אין מוזיקאַלישן פערז, אין וואָרט־בילדלעכקײט אַלײן געוואָרן אויפטועריש, האָט ער זיך נישט געלאָזט מיטשלעפּן מיט די „יונגע״, וואָס האָבן געפרײדיקט דאָס אָפּזונדערן זיך פון דער אַרומיקײט, זיך גריבלען אין זיך און גראַבלען זיך אין אײגענעם טרויער. ער האָט זיך בכיון אַרויסגעגליטשט פון דער דאָזיקער שיטה, פון די כלומרשטע עסטעטיקער, וואָס האָבן געטריבן די ווירקלעכקײט פון זיך. ז. ווײַנפּער האָט ווי מורא געקראָגן פאַר די, וואָס ווילן שאַפן אַ ליטעראַטור אָן לעבן, אַנשטאָט ליטע־ראַטור און לעבן. ער איז וואָך געוואָרן צו היטן זײַן ליד פון די פּאָעטן, וואָס האָבן מורא געהאַט טאָמער שאַרפט זיך אַרײַן עפּעס פון דער טענדענץ, וואָס רעדט נישט פון זיך, נאָר זאָגט פון די אַרבעטנדיקע, די לײַדנדיקע און קעמפנדיקע. ער האָט זיך גענומען דערווײַטערן פון יענע, וואָס פאַרשטײען נישט די מיסיע פון קונסט און קינסטלער: אַז דער גאַנצער טאַלאַנט פון די שעפערישע מענטשן דאַרף גע־שטעלט ווערן אין דינסט פון פאָלק. עס האָט אים בפירוש אַ צי געטאָן צו דער טעמאַטיק פון לעבעדיקן לעבן.

מיר דערפילן דאָס אין זײַנע ציטיקע און קוועפּטיקע סאָציאַלע, טיף־דורכ־

געטראַכטע און דורכגעלעבטע דיכטונגען פאַר גרויסע און פאַרן קליינוואַרג.

ער איז אונדז געוואָרן דערקענטער און נאָענטער אין זיין אייגענעם, געפונענעם סטיל. און זיינע לידער, וואָס זיינען געלויטערט אין דער שטימונג און ליריש אפילו, ווען זיי לערנען. זיין געמיט איז קוואַליק־ריין און פרישט־אָפּ אפילו, ווען אין אים גיסט זיך אָן די לייד און עס גליט אויף דער צאָרן.

דערצו איז ער תמיד געווען אַ בעל־בטחון. עפּעס אַזאַ העלקייט זוניקט אים אַנטקעגן אפילו אין די סאַמע פינצטערסטע ערב־פאַרטאָגן.

ז. ווייַנפּער האָט אַליין געהאַט גענומען אויף זיך דעם עול צו זיין אַ שעפער און אַ בויער פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור אין די רייען פון די פּראָגרעסיווע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן. ער האָט אַזוי פיל גערעדט וועגן „שווערן געפּעק" אויף באַרגיק־זאַמדיקן וועג. עס האָט זיך פון אים אפשר דעמאָלט אָפּגעטאָן דאָס יונג־געזונגענע, און גרינג־גלויביקע געזאַנג פון פאַרליבט זיין אין לעבן, אין דער וועלט. דערפאַר אָבער האָבן די שליחותן געהאָלפן שלעפּן לאַסטן, פאַרטיפערן זיך אין ספקות, זיי דורכלויכטן דורך לאַנג טראַכטן, מיט ליכט פון פאַרטיפטע, דיכטערישע העלזעערישקייט, וואָס מיט איר איז אַזוי פול זיין ליד, קערט ער זיך נישט אָפּ פון דער וועלט, נאָר פאַרקערט, שטעלט דאָס פנים קעגן די שטאַרקסטע, שלאָגנדיקסטע ווינטן און ער האָט די שאַרפע ווינטן אָפּגעשלאָגן מיט דער קראַפט פון שפּאַנען זיי אַנטקעגן. ער האָט געגלויבט אין די ניי־קעמפנדיקע יידישע אַמעריקאַנער, וואָס זיינען אַ סך פון דעם אַלגעמיינעם לעבנס־שטראָם. ער האָט געגלויבט אין דער אַמעריקע, וואָס גלויבט און קעמפט:

„מיין ליבשאַפט זינגט אויך איצט אפילו
אין דערמיט פון ווינטן אויפגעברויזטע.
און זינגען וועט זי אָט אַזוי צו דיר
אפילו אונטער הענט געביילטע און געפויסטע".

בטחון האָט ער געזוכט. שטאַרקונג האָט ער געפונען אין דעם ליד „דאָס ליד פון דעם קאַיאַר", וואָס איז ווי אַ דימענט אין דער יידישער דיכטונג. פון יעדעס וואָרט שלאָגט מיט ליכטיקייט און מיט טיפן יידישן פאָלקס־בטחון:

„איך בין דער העלער שייניקער קאַיאַר,
וואָס האָט דורך נאַכט זיך דורכגעבראָכן, —
אַז וויי און ווינד צו דעם דור,
וואָס האָט נישט קיין בטחון.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאַר,
וואָס גייט אויף העל, דערהויבן, —
אַז וויי און ווינד צו דעם דור,
וואָס פאַרהענגט פאַר מיר די שויבן.

איך בין דער העלער, שייניקער קאַיאַר,
נאָך שוואַרצער נאַכט און קאַלטן רעגן.
אַז וויי און ווינד צו דעם דור,
וואָס גייט מיר נישט אַנטקעגן".

מיר מעסטן לידער לויט זייער פּאָעטישער טיף און רייפקייט. מיר מעסטן פיל פון ווייַנפּערס לידער מיט אָט־דער הויכער מאָס און מיר געפינען אין זיי די טיפקייט פון פיל טענער און די רייכע בילדער־פאַרבן, וועלכע פינקלען אויף ווי טראָפּנס ליכט געגאָסן אין דער זון. דאָס זיינען די טראָפּנס־ליכט, וואָס האָבן פאַר אים געשטראַלט אין די סאַמע טונקלסטע טעג:

„ווער מעסט דאָס לעבן מיט די שאָטנס, וואָס אין דעם,
איך טרינק טראָפּנס ליכט, וואָס קאַפּען צווישן זיי אויף מיר.
ווער עס טראָגט די נאַכט אויך אין קאַיאָרן אויף זיין ברעג,
איך זע מאָרגנשיין, ווען די נאַכט איז ביי מיין טיר“.

ווײַנפּער איז אויך געווען אַ פּרעכטיקער דיכטער פון קינדער־לידער. אין זיין „גילדענער האָן“ זיינען דאָ פיל לידער, וואָס דערקוויקן דעם קינדס האַרץ. דאָס קינד הויבט אָבער אויך אָן פילן דעם ביטערן טעם פון אַ נויטליידנדיקן קינד, און עס דערוועקט זיך אין אים מיטגעפיל און ריינע טרערן פּערלען זיך אויף די קינדערשע בעקלעך, ווען מען לייענט פאַר אים די לעבנס־געשיכטע, די שטענדיקע קינדהייט פון דעם אָרעמען נעגערל־וועגערל „סעמי דער שיכפּוצער“:

„די מאַמע אין קעלער איז זעלטן, און ער, דורך היצן און קעלטן,
דער טאַטע אַ צייט שוין טויט, העלפט מאַמען פאַרדינען אויף ברויט“.

די גאַנצע טראַגעדיע פון דעם בידנעם נעגער־ייִנגל פון אַלע ליבנדיקע און ליידנדיקע קינדער, אַנטפּלעקט זיך אין דער שטילער, מיטפילנדיקער שילדערונג פון סעמעלען דעם שיכפּוצער, וואָס גייט אַרום אין פראָסטיקן ווינטער־טאָג:

„און סעמעלעס קיל אָט אַ ציקל, — העי, מיסטער, אַ שו שאַין אַ ניקל!
טוט הילכיק אַ ריס זיך גיך־גיך: אַ ניקל אַ „שאַין“ אויף די שיך!“

עס פאַרצוויקט ביים האַרצן דווקא דער שטילער, פּאָעטיש געלייטערטער טרויער, וואָס רעדט וועגן דעם געשלאָגענעם נעגער־ייִנגל. סיי דער פּראָטעסט, סיי דאָס טיפע דערוועקטע רחמנות־געפיל רירט די דינסטע סטרונעס פון קינדישן האַרץ.

ווי איך האָב שוין דערמאָנט, איז ז. ווײַנפּער באַקאַנט דעם לייענער ווי אַן אינטערעסאַנטער נאָוועליסט, ווי דער פּאָעט פון דער וואונדערלעך־עלעגישן ווערק „גרעטע קעניאָן“ און נאָך פיל אַנדערע באמת גרויסע, פּאָעטישע לידער. ער איז אויך באַליבט ווי אַ נאָענט־האַרציקער פּאָרטרעטן־באַשרייבער פון ייִדישע קינסטלער און שרייבער. ער האָט זיך אין זיי אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אויסגעצייכנטער אַנאַליטיקער פון די פאַרשיידנאַרטיקסטע שעפער אונדזערע.

כדי אַריינצונעמען ז. ווײַנפּערס אַלזייטיקן שאַפן, איז נויטיק אַ טיפע שטודיע און אַ גאַנץ בוך פון אָפּשאַצונגען וועגן זיין גאַנג אין אונדזער ליטעראַטור. מיט דער צייט וועט דאָס געטאָן ווערן. וואָס מיר דאַרפן אָבער טאָן — וואָס־מער זיך אָפּגעבן מיט זיין ירושה. שעפּן פון זיין ליטעראַרישן פאַרמעג מוט, גלויבן און שיינקייט פאַר זיך אַליין. מיר ווילן דערמאָלט באַוואונדערן דעם גרויסן, לירישן, וויזיאָנערישן דיכטער ז. ווײַנפּער, וואָס פיל פון זיינע טיף־איבערגעלעבטע און מעלאָדישע לידער זינגען אין אונדזער געמיט. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז זיין שעפערישע פּערזענלעכקייט. עס קוואַלט־אויף זיין געבענטשטע פילזייטיקייט און מיר דערזעען אַ גרויסן דיכטער אין שטענדיקן שטייגן:

„אַ גרויס געזאַנג איז דאָך דער גאַנג
און פול מיט ברויז, צו דעם פּאָראַדיס!“

יאַנואַר, 1961

מ. ירדני

ז. ווײנפּער און מוזיק

וואויל איז דעם פּאָעט, וואָס זײַן ליד לאָזט זיך לײַכט איבערזעצן אין אַ מו־זיקאַלישער שפּראַך. פֿאַרן קאָמפּאָזיטאָר איז אַזאַ דיכטונג אַ מזל־ברכה; ער דאַרף זיך ניט ראַנגלען מיט די ווערטער, — די נאָטן שרײַבן זיך פֿון זיך אַלײן. דער ערשטער שטויס צו דעם מאָטיוו פֿון אַ ליד קומט פֿון דער נשמה פֿונעם ליד גופא — פֿון איר אינערלעכער מוזיק. דאָס ליד קומט מיטן אײגענעם ניגון און אפילו מיט איר אײגענער האַרמאָניע און מאָנאַליטעט, דער קאָמפּאָזיטאָר דאַרף עס בלויז אַריבערפֿירן אויף נאָטן און ס'איז פֿאַרטיק צום זינגען. דער „זיווג" צווישן וואָרט און קלאַנג איז דאָ אַ זײער נאַטירלעכער, ער איז אויך דער סאַמע עלטסטער אין דער געשיכטע פֿון פֿעלקער. דאָס שותּפֿות פֿון וואָרט און קלאַנג האָט אין אַלע צײַטן און דורות בײַ פֿאַרשײדענע פֿעלקער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע. ער פֿאַר־נעמט אַן אָרט אין דער געשיכטע פֿון דער מוזיק־קונסט.

צווישן די דיכטער, וואָס זײער ליד איז אַ זינגעוודיקע געהערט אויך ז. ווײנפּער. זײַנע לידער און פּאָעמעס בעטן זיך ממש מ'זאָל שרײַבן צו זײ מוזיק און זײ זינ־גען; די פּען בײַם קאָמפּאָזיטאָר און דער צונג בײַם זינגער, ווועלן זיך ניט פֿאַר־טשעפּען בײַ ווײַנפּערס אַ וואָרט. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל ווײַנפּער איז אַ פּאָעט, וואָס דאָס וואָרט און דער ניגון זינגען זיך בײַ אים אַרויס אויף אַ נאַטירלעכן מנגנישן אופֿן. ווײַנפּער האָט דעם קאָמפּאָזיטאָר צוגעטראָגן לידער ניט בלויז מיט פֿאַרטיקע ניגונים, נאָר אפילו מיט פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענטן.

דער בעסטער באַווײַז איז, אַז צו אַ גרויסער צאָל פֿון ווײַנפּערס לידער האָבן ייִדישע מוזיקער געשאַפֿן מוזיק: „דאָס געזאַנגל" (פּנחס יאַסינאָווסקי), „רו" און „טויבן" (סאַלאָמאָן גאָלוב), „אברהמעלע טריסקער", „א פּאַסטוכל אַ טרוימער" און „נישט אַלץ וואָס דאָ איז דאָ" (יעקב ראַפּאָפּאָרט), „הללויה" (נחום נאַרדי), „אײנס און אײנס" (ב. זאסלאווסקי), „נישט איצט איז די צײַט צו וואַקלען" (ריפּינסקי), „אײביק פֿאָלק" (לעאָ קאָפּף), „אַ ײנגעלע" (פּראָפּ. לעמקאָוו), „ביראָבידזשאַן" (בען יאָמען), „בערעלע בערולע" (י. גלאַדשטײן). אויך דער שרײַבער פֿון די שורות האָט פֿאַרפֿאַסט מוזיק צו ז. ווײַנפּערס ליד „מאַמע".

די צוויי פֿאַרשפּרייטסטע און פּאָפּולערסטע ווײַנפּער־לידער זײַנען: „טויבן" און „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער". דער באַרימטער ייִדיש־אַמעריקאַנער אָפּערע־זינגער יאַן פּיערס האָט דאָס ליד „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער", אונטער דער באַגלייטונג פֿון אַ גרויסן סימפֿאָנישן אָרקעסטער, פֿאַראײביקט אין אַ לאַנג־שפּילנדיקער „אַר. סי. עי.־וויקטאָר" פּלאַטע. זײער אָפט זינגט ער דאָס דאָזיקע ליד אויך אויף דער קאָנ־צערט־בינע. זי געפֿינט זיך אויך אין דעם רעפּערטואַר פֿונעם וועלט־באַרימטן עמוד־

קינסטלער און קאָנצערט־זינגער, משה קוסעוויצקי, און נאָך אַ סך אַנדערע באַוואוסטע חזנים און קאָנצערט־זינגער.

סאָלאָמאָן גאָלובס מוזיק צו „טויבן", ווי יעקב ראַפּאָפּאָרטס מוזיק צו „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער" זײַנען העכסט־געראָטן און האַרציק־געשמאַק. בײַדע לידער לאָזן זיך זינגען — און הערן — און דערגרייכן מחיהדיק צום אויער. דאָס וואָרט און דער ניגון זײַנען ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן. פּונקט ווי גאָלובס טראָפּאָלער ניגון איז אַרויסגערופן געוואָרן אַדאַנק ווײַנפּערס שיר־השירימדיקן טעקסט, אַזוי איז אויך ראַפּאָפּאָרטס אויסגעטאָקטע מעלאָדיע געבוירן געוואָרן נאָר אַדאַנק ווײַנפּערס געשליפענעם בלוי־פאַרחלומטן טעקסט פון „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער". אין בײַדע פאַלן אין די פּאָעזיע געווען דער פאַרלויפער פונעם צוגעפּאַסטן ניגון. די צוויי קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אָן שוועריקייטן געדאַרפט פאַרצייכענען בלויז די ניגונים און ניט מער — די ניגונים זײַנען געקומען פאַרטיקע אינאיינעם מיט די טעקסטן.

דער קאָמפּאָזיטאָר סאָלאָמאָן גאָלוב האָט שטאַרק שטאָלצירט מיט זײַן מוזיק צו ווײַנפּערס „טויבן" — און ער האָט געהאַט מיט וואָס צו זײַן שטאָלץ: ניט אַלע טאָג שאַפן זיך אַזעלכע לידער צום זינגען! דער טראָפּאָלער ניגון, איבערהויפּט פונעם ערשטן העלפט פון ליד, איז איינער פון גאָלובס שענסטע און אָריגינעלסטע מוזיקאַלישע שאַפונגען. דער ריינער יידישער מעלאָס צוזאַמען מיט די ווערטער קלינגט מיט אמתן פרילינג־געמיט און אַטמאָספערע. די מוזיק און די ווערטער זײַנען קלאָר און אָרגאַניש. איר פילט די פרישקייט פון דעם ניגון, וואָס גרינט ווי צוויט; די פרילינגדיקייט פון די ווערטער גלעטן מחיהדיק; די פּיאַנאָ־באַגלייטונג איז אָן איינפאַכע, אָבער אַ טרעפלעכע און פּאַסיקע, ווי דער קאָמפּאָזיטאָר וואָלט בכיוון אויסן געווען צו לאָזן דעם ניגון מיט די ווערטער פליסן נאַטירלעך. די כוונה איז געווען אַ גוטע און ווײַזט אָן אויף גאָלובס טיפן אַרײַנדרינג אין דער נשמה פון ווײַנפּערס צאַרט ליד.

די זעלבע פאַרשטענדעניש האָט אויך אַרויסגעוויזן דער קאָמפּאָזיטאָר יעקב ראַפּאָפּאָרט אין זײַן מוזיק צו ווײַנפּערס „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער". אַחוץ אַ קאָמפּאָזיטאָר איז ער אויך געווען אַ חזן, וואָס איז געווען טיף דורכגעדרונגען מיט דער יידישער ליטורגישער נגינה. ער האָט באַגריפן דעם טעקסט פון אַ תפילה און פון אַ ליד. צוטרעטנדיק צו ווײַנפּערס „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער" האָט ער גלייך דערשפּירט, וואָס פאַר אַ נאָטן ער דאַרף שאַפן, וואָס פאַר אַ ניגון אויסצוגיסן, און ווי עס זאָל זיך זינגען. אַרויסגעקומען איז בײַ אים אַ קאָמפּאָזיציע אַ העכסט־געראָטענע, אין פולן הסכם מיטן טעקסט, אַן איינהייטלעכע קאָמפּאָזיציע פון וואָרט און קלאַנג.

„אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער" איז אַ ליד, וואָס פאַרכאַפּט אײַך; איר האָט דאָ דאָס פעלד, די טשערעדע מיט שעפעלעך, און איר זעט דאָס פּאַסטוכל, וואָס קוקט אַ פאַרחלומטער צום הימל אַרויף, און די טרויעריקע געשיכטע מיט די שעפעלעך. די מוזיק גיט געטריי איבער, קלאַנג נאָך קלאַנג, דעם גאַנג פון די ווערטער און פון יעדער שורה באַזונדער. דער טעקסט און דער ניגון איז ענג צונויפגעגאָסן, עס איז אַ יידישער ניגון באַהויכט מיט אַ וואָלעכישקייט און דוינעמעסיקייט, וואָס

אַפּעלירט צום ייִדישן אויער און ייִדישן געמיט. יעקב ראַפּאָפּאָרטס „אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער“ איז געוואָרן אַ באַליבט ייִדיש־ליד אויף קאָנצערטן, אויף דער ראַדיאָ אומעטום.

אַ חנעוודיק קינדער־ליד איז ז. ווײַנפּערס „בערעלע בערולע“, וואָס דער באַ־גאַבטער קאָמפּאָזיטאָר פון וואַרשע י. גלאַדשטיין האָט געשאַפן דערצו מוזיק. ווײַנפּער האָט גוט געקאָנט די נשמה פון אַ קינד סײַ ווי אַ דיכטער און סײַ ווי אַ לערער, וואָס ער איז אַ צײַט געווען. י. גלאַדשטיין האָט פונעם דאָזיקן קינדער־ליד אויסגעשליפט אַ מוזיקאַליש „אבן־טוב“, וואָס איז געווען און איז נאָך עד־היום פּאָפּולער אין די ייִדישע קינדער־שולן.

אַ געלונגענע קאָמפּאָזיציע צו ווײַנפּערס ליד „הללויה“, האָט געשאַפן דער באַקאַנטער ישׂראל־קאָמפּאָזיטאָר נחום נאַרדי. סײַ אינעם געזאַנג און סײַ אין דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג, איז עס אַרויסגעקומען אַ קאָנצערט־ליד פון ערשטן ראַנג. עס איז דערגרייכט געוואָרן אַ זעלטענע האַרמאָניע צווישן דעם קאָמפּאָזיטאָר און דעם דיכטער. דער קאָמפּאָזיטאָר האָט דאָ באַוויזן אויפצוכאַפּן די ווערטער פונעם דיכטער און זיי געשטאַלטיקן דורך געזאַנג, וואָס איז באַגלייט מיט וואונדערלעכע פּיאַנאָ־אַקאָרדן.

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז ז. ווײַנפּער האָט אַליין אויך ליב געהאַט צו זינגען, איבערהויפּט פלעגט ער בײַ יעדער געלעגנהייט זינגען „טויבן“, „אַ פּאַס־טוכל אַ טרוימער“ און „דאָס געזאַנגל“, מוזיק פון פּ. יאַסינאָווסקי. אגב, איז ווײַנ־פּער געווען צווישן די ערשטע ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע, צו וועלכע פּנחס יאַסינאָווסקי האָט, באַלד בײַ זײַן אָנקומען אין אַמעריקע, געשאַפן מוזיק. דער צווייטער ייִדישער דיכטער צו ווײַנפּערן, צו וועמעס לידער יאַסינאָווסקי האָט ליב געהאַט צו שרײַבן מוזיק, איז געווען מאַני לייב. יאַסינאָווסקי איז געווען צווישן די ערשטע היגע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרס, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט שאַפן מוזיק צו די לידער פון דער גרופּע ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע, וואָס זײַנען געווען באַקאַנט אַלס די „יונגע“. „דאָס געזאַנגל“ ווײַנפּערס האָט גלײַך אָנגעריסן — אַדאַנק דעם ליכטיקן טעקסט און יאַסינאָווסקיס מעלאָדישער מוזיק.

ניט אײן ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר וועט נאָך זיך אָפּשטעלן אויף ווײַנפּערס ליריש־זינגעוודיקע לידער און פּאָעמעס.

הויפּט־דאַטעס פון ז. ווײַנפּערס לעבן און שאַפן

1892 — (לויט אַנדערע ידיעות 1893) געבוירן, י״ז ניסן, אין טריסק, וואָלין. זיין פאַטער, יצחק לייב — געווען חזן בײַם טריסקער רבין — יונג געשטאָרבן.

1904 — ביז 12 יאָר געלערנט אין חדרים, דערנאָך אין ישיבות — ראָוונע, בריסק.

1906 — גענומען לייענען העברייאיש, לערנען רוסיש.

1908 — געקומען קיין וואַרשע, וואו זיך באַשעפטיקט מיט לערערײַ, בוכפירונג א. אַז. וו.

1913 — אַוועק קיין אַמעריקע, געאַרבעט ביי פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען, שטובּ־מאָלער, הויזן־נייער, שוואַרץ־אַרבעטער, קעלנער.

1914 — לערער אין יידיש־וועלטלעכע שולן; דעביוטירט מיט א ליד אין „דאָס יידישע פאָלק״.

1915 — פאַרעפנטלעכט לידער אין פאַרשיידענע זאַמלביכער, צייטונגען און צייט־שריפטן.

1918 — רעדאַקטירט די מאַנאַטשריפט „דער אָנהויב״, וואו געדרוקט שאַפונגען פון יונגע. זיך אָנגעשלאָסן אין יידישן לעגיאָן, אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו געלעבט אַן אנדערטהאַלבן יאָר.

1919 — סוף יאָר געקומען צוריק. געוואָרן לערער אין פילאַדעלפיע, וואו אַרויס־געגעבן אַ ליטעראַרישן זשורנאַל „בײַם פייער״.

1920 — אַרויסגעגעבן זיין ערשטע לידער־זאַמלונג „פון אונדזער לאַנד״, פ׳ בצל־אל״, ניו־יאָרק, 98 זייטן, מיט א ווידמונג „מיט גרויס ליבע — צו מיין מאַמע״, גוטע אָפּרופן פון ש. ניגער, א. רייזען, א. אויערבאַך, מ. באַג־דאַנסקי, א. אַנ.

1921 — דערשינען זיין פּאָעמע „ראַטמיא״, פילאַדעלפיע, 76 ז״ז.

1922 — אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער „ביי דער גרעבליע״, פ׳ „קולטור״, געוויד־מעט זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם פאַטער יצחק לייב, און דעם ברודער משה. 126 ז״ז. רעדאַקטירט צוזאַמען מיט מ. ל. האַלפּערן און ב. גראַ־באַרד דעם זשורנאַל „אָטעם״.

1924 — און אין די ווייטערדיקע יאָרן רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „די פעדער״.

1925 — אַרויסגעגעבן אַ באַנד־לידער „גאָלד און גרין״, פ׳ „די פעדער״, נ״י. 188 ז״ז. דערשינען „דער באַפרייטער״, פ׳ מתנות״, 40 ז״ז.

1927 — דערשינען זיין בוך קינדער־לידער „דער גילדענער האָן״, 126.

1929 — אַרויסגעגעבן אַ באַנד לידער „אייגנס״, פ׳ „אויפקום״, 160 ז״ז (וואו אויך אַריין איינציקע איינאַקטערס). געמאַכט זיין ערשטע רייזע איבער אייראָפּע, באַזוכט זיין היימשטאָט, זיך באַקאַנט מיט דוד בערגעלסאָן, און זיך נאָענט באַפריינדט מיט אים. פאַרבראַכט אין וואַרשע, ווילנע, ווין, א. אַזו. וו.

1930 — אַריינגעטראָטן אין דער רעדאַקציע „אויפקום״, פריער מיט מ. ל. האַל־

פּערן, דערגאָך מיט ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, א. אַנ. געוואָרן שרייבן פאַרטרעטן פון יידישע שרייבער. זיך געדרוקט אין „ליטעראַרישע בלעטער", וואַרשע, וואו אויך געווען איניקע אַרטיקלען וועגן אים.

1932 — דערשינען „געקליבענע לידער", מיט אַ לענגערער פאָררעדע פון מ. ל. האַלפּערן, פּ׳ „אויפקום", 304 ז״ז (אין צוויי אָפּטיילונגען).

1933 — דערשינען „יידישע שריפטשטעלער", ב׳ 1, פּאָרטרעטן פון 25 יונגע שרייבער. פּ׳ „אויפקום", 158 ז״ז.

1934 — דערשינען אַ באַנד לידער „אונטערוועגנס", פּ׳ „אויפקום". 138 ז״ז.

1935 — אַרויסגעגעבן זיין ביכל לידער „ביראָבידזשאַן", פּ׳ קולטור־צוזייג ביים איקאָר, 64 ז״ז.

1936 — דערשינען צווייטער באַנד „יידישע שריפטשטעלער", מיט 15 פּאָרטרעטן פון עלטערע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער. פּ׳ „אויפקום", 158 ז״ז. עס דערשיינט זיינס אַ ביכל לידער אין ענגליש. 64 ז״ז.

1937 — זיך באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, וואו געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן די יונגע יידישע שרייבער אין אַמעריקע, אויסגעקליבן אין צענטראַל־קאָמיטעט, באַזוכט זיין היימשטאָט, און אַ ריי שטעט אין מזרח־אייראָפּע, אויך בערלין, ווין.

1938 — ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פונעם איקוף און הויבט אָן, אין שליחות פון איקוף, באַזוכן שטעט און שטעטלעך אין אַמעריקע און קאַנאַדע, מעקסיקע א. אַז. וו., וואו ער האַלט רעפעראַטן, טרעט־אויף מיט זיינע לידער, אָרגאַניזירט די איקוף־קלובן און שאַפט די לייען־קרייזן. מיטגרינדער פונעם זשורנאַל „יידישע קולטור", וואו ער פאַרעפנטלעכט לידער און אַרטיקלען ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

1939 — עס דערשיינט זיין אויטאָביאָגראַפיש ווערק אין פּערזן — „פּיניע". געווידמעט צו „זיטא מיט ליבשאַפט און דאַנק". פּ׳ „אויפקום", 128 ז״ז.

1940 — דערשיינט זיין בוך „משה לייב האַלפּערן" (אינטימער פּאָרטרעט און כאַראַקטעריסטיק פון זיין שאַפן). פּ׳ „אויפקום", 124 ז״ז. עס ווערט געפייערט דעם 10טן נאָוועמבער, אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט, דער יובל פון זיינע 25 יאָר שאַפן. עס ווערן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען וועגן אים און זיין דיכטונג.

1941 — הויבט אָן צו דרוקן אין פּאָרזעצונגען, אין „מאָרגן־פרייהייט", זיין ווערק „מיטן יידישן לעגיאָן" (פּערזענלעכע איבערלעבונגען מיטן לעגיאָן).

1942 — דערשינען „מיטן יידישן לעגיאָן" אין בוכפאָרם, 320 ז״ז.

1943 — צו זיין 50סטן געבוירנטאָג געגרינדעט אַ גרויסן יובל־קאָמיטעט איבערן לאַנד און קאַנאַדע; דעם 20טן מערץ פאָרגעקומען די גרויסע פאָלקספייערונג לכבוד דעם יובילאַר, אין טאַון האָל. באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ נייעם באַנד לידער. אין דער פייערונג האָט זיך, צווישן אַנדערע, באַטייליקט דר. ח. זשיטלאָווסקי, וועלכער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן ז. ווייַנפּער. עס קומט־פאָר די קולטור־קאָנפערענץ פונעם איקוף, אויף וועלכער ז. ווייַנפּער האַלט אַ רעפעראַט: „5 יאָר איקוף". עס

דערשײַנט זײַן בוך לידער „דאָס געזאַנג פֿונעם גלויביקן", פּ׳ איקוף, 320 ז״ז.

1944 — מאַכט רײַזעס איבערן לאַנד, באַזוכט פֿיל שטעט, אויך קאַנאַדע — מיט רע־פֿעראַטן און גרויסע קולטור־אַקציעס פֿאַרן איקוף.

1945 — גענומען שרײַבן זײַן ראָמאַן „אויף די זאַמדן פֿון יהודה".

1946 — דערשײַנען אין בוכפֿאָרם דאָס ווערק „אויף די זאַמדן פֿון יהודה", איקוף־פֿאַרלאַג, 252 ז״ז.

1947 — דערשײַנען זײַן בוך „בײַם גרענד קעניאָן", איקוף־פֿאַרלאַג, 143 ז״ז. „וואַ־ריאַציעס פֿון שטימונגען און רעפֿלעקסן נאָכן באַזוך". דעם 25טן אױ־גוסט אָפּגעפֿאָרן קיין אַרגענטינע אין שליחות פֿון איקוף. פֿאַרבראַכט דאָרט עטלעכע חדשים, באַזוכט נאָך לענדער פֿון דרום־אַמעריקע.

1948 — דעם 1טן פֿעברואַר — גרויסאַרטיקער קבלת־פּנים אין ניו־יאָרק. אָנהויב מערץ נײַער טור איבערן לאַנד און אין קאַנאַדע. דערשײַנען „דער גיל־דענער האָן", בוענאָס אײַרעס, איקוף־פֿאַרלאַג, 174 ז״ז, צווייטע פֿאַרגרע־סערטע אויפֿלאַגע.

1949 — לאַנגער, 14־וואָכנדיקער טור, איבערן לאַנד און אין מעקסיקע.

1950 — פֿאַרעפֿנטלעכט פּאָעמען וועגן משה, שמואל, עמוס, הושע, ירמיהו.

1951 — דערשײַנען „פּאָעמען וועגן די נביאים", פּראַכט־אויסגאַבע מיט פֿיל ביל־דער, איקוף־פֿאַרלאַג, 220 ז״ז.

1953 — דערשײַנען זײַן ראָמאַן „אַ גאַסט אין אַמעריקע", איקוף־פֿאַרלאַג, 308 ז״ז. פֿײַערלעכער באַנקעט צום 60סטן געבוירנטאָג. געשאַפֿן יובל־קאָמיטעט, מיט אָפּטײלן אין פֿאַרשײדענע שטעט און לענדער.

1954 — אַרויסגעגעבן אַ גרויסן באַנד לידער און פּאָעמען „לייד און פֿרייד", פּ׳ איקוף, 292 ז״ז. פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען אונטערן נאָמען „ביכער און מענטשן". זיך באַטײליקט אינעם 300־סטן יובל פֿונעם ייִדישן ישוב אין אַמעריקע.

1955 — זיך אַקטיוו באַטײליקט אין דער אַנטאָלאָגיע „אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט". אויפֿגעטראָטן אויף דער גרויסער פֿײַערונג לכבוד איר דערשײַנונג.

1956 — אַרויסגעטראָטן אויף דער איקוף־קאָנפֿערענץ, דעם 27טן אָקטאָבער, מיט אַ גרויסער רעדע: „דער גאַנג פֿון איקוף". באַזוכט פֿיל שטעט, נישט געקוקט אויף זײַן שוואַכן געזונט־צושטאַנד.

1957 — שבת בײַנאַכט, 2:30, דעם 26־טן יאַנואַר, אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם אין זײַן הויז, בײַם בײַזײַן פֿון זײַן פֿרוי זיטע און זײַער טעכטערל נחמה. דינסטיק, דעם 29־טן יאַנואַר, לוויה, בײַם בײַזײַן פֿון אַ גרויסן עולם אי־בער טויזנט פֿרײַנט און קאָלעגן.

פֿעברואַר־נומער „ייִדישע קולטור" געווידמעט ז. ווײַנפּערס אָנדענק.

1958 — צום ערשטן יאָרצײַט דערשײַנען זײַן בוך „שרײַבער און קינסטלער", אין 4 טײלן, מיט אַ נאָכוואָרט פֿון נחמה ווײַנפּער — „מײַן טאַטע". 382 ז״ז.

ביכער פון ז. ווײַנפּער

„פון אונדזער לאַנד", פ' „בצלאל", ניו־יאָרק, 1920, 98 ז"ז.
„ראַטמיא", פ' „קונסט און בוך", פילאַדעלפיע, 1921, 76 ז"ז.
„ביי דער גרעבליע", פ' „קולטור", נ"י, 1922, 128 ז"ז.
„גאָלד און גרין", פ' „די פעדער", נ"י, 1925, 188 ז"ז.
„דער באַפרייטער", פ' „מתנות", נ"י, 1925, 40 ז"ז.
„גילדענער האָן", פ' „שוואַלבן", נ"י, 1925, 125 ז"ז.
„אייגנס", פ' „אויפקום", נ"י, 1929, 160 ז"ז.
„געקליבענע לידער", פ' „אויפקום", נ"י, 1932, 304 ז"ז.
„יידישע שריפטשטעלער", ב' 1, פ' „אויפקום", נ"י, 1933, 158 ז"ז.
„אונטערוועגנס" (לידער), פ' „אויפקום", נ"י, 1934, 138 ז"ז.
„ביראָבידזשאַן" (לידער), פ' „קולטור־צווייג ביים איקאָר", נ"י, 1935, 64 ז"ז.
„פיניע", פ' „אויפקום", נ"י, 1939, 128 ז"ז.
„יידישע שריפטשטעלער", ב' 2, פ' „אויפקום", נ"י, 1940, 158 ז"ז.
„משה לייב האַלפּערן", פ' „אויפקום", נ"י, 1940, 124 ז"ז.
„דאָס געזאַנג פונעם גלוביקן", פ' איקוף, נ"י, 318 ז"ז.
„מיטן יידישן לעגיאָן", פ' איקוף, נ"י, 1943, 318 ז"ז.
„אויף די זאַמדן פון יהודה", פ' איקוף, נ"י, 1946, 253 ז"ז.
„ביים גרענעד קעניאָן", פ' איקוף, 1947, 143 ז"ז.
„דער גילדענער האָן", פ' איקוף, בוענאָס איירעס, 1948, 173 ז"ז.
„פּאָעמען וועגן די נביאים", פ' איקוף, נ"י, 1957, 220 ז"ז.
„אַ גאַסט פון אַמעריקע" (ראָמאַן), פ' איקוף, 1953, 308 ז"ז.
„ליד און פרייד" (לידער), פ' איקוף, נ"י, 1954, 288 ז"ז.
„שרייבער און קינסטלער", פ' איקוף, נ"י, 1958, 381 ז"ז.

ז. ווײַנפּער — „שירים ופּאימות" (לידער און פּאָעמעס), עברית: א. מייטוס.
יצא לאור ע"י ספרית פועלים בשיתוף עם קרן ווײַנפּער־מאָרגנשטערן, תל־אביב,
1961, 182 ז"ז.

At the Rich Man's Gate, poems by Z. Weinper, translated by Morton Deutch, published by Conard McCann, New York, 1936. 64 pp.